STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06619

DOS GESHEFT FUN DI ARTOMANOVS

Maksim Gorky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. גארקי

דאס געשעפט פון די ארטאמאנאווס

יידיש: מ. ניידין.

פארלאג „כוחות“
ווארשע
1928

PRINTED in POLAND

ראָמען ראָלאַנגען
דעם מענטש,
דעם דיכטער.

M. GORKI
INTERES ARTAMONOWYCH
tłumaczył M. Najdin
Wydawnictwo „KOJCHES"
Warszawa, 1 9 2 8
Skład w zec. P. Krymer Puławy
Drukarnia
B-ci Wójcikiewicz Pawia 10.

אַן ערך צוויי יאָר נאָך דער פרייהייט האָבן די מתפללים פון דער קירכע „ניקאָלאַ נאַ טיטשקע״, בעת דער מיטאָג־תפילה אין דער חגא פון קריסטוסעס מגלגול ווערן, באַמערקט אַ „פרעמדן״, — ער איז געגאַנגען אינם גּעדראַנג פון די מענטשן, נישט העפלעך שטופנדיק זיי, און האָט אַוועקגעשטעלט גרויסע ליכט פאַר די הייליקע בילדער, וועלכע זענען געווען צומיינסטנס געאַכפּערט אין דער שטאָט דריאָמאָוו. אַ מאַנסביל אַ מעכטיקער, מיט אַ גרויסער, געלאָקטער באָרד, מיט אַ שטאַרק פאַרכאַפּטער באַזילבערונג אינם געדיכטן שייטל שוואַרצלעכע, ציגײַנעריש געקרייזלטע האָר, אַ נאָז אַ היפּשע, פון אונטער די בערגלדיקע, געדיכטע ברעמען קוקן אָפּער עזותדיק אַ פּאָר גראָע, עטוואָס בלוילעכע, אויגן, און מען האָט באַמערקט, אַז בעת ער האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט, האָבן זיינע ברייטע דלאָניעס אָנגערירט די קניען.

צום צלם איז ער צוגעגאַנגען אין דער רייע פון די שטאָטישע פּני; דאָס איז זיי באַזונדער נישט געפעלן געוואָרן, און ווען דער עולם איז אַוועק נאָכן דאַווענען, זענען די חשובסטע לייט פון דריאָמאָוו געבליבן שטיין אינם פּרוזדור צו טיילן זיך מיט די געדאַנקען מכוח דעם פרעמדן מענטש. אייניקע האָבן געזאָגט — אַ פיש־סוחר, אַנדערע — אַ בורמיסטר, און דער שטאָטישער סטאַראָסטאַ יעווסיי באַימאַקאָוו, אַ רודף־שלומדיקער מענטש מיט אַ

שוואַך געזונט, אָבער מיט אַ גוט האַרץ, האָט געזאָגט, שטיל צו־הוסטנדיק:

— הפנים, — פון די הויפישע לייט, אַ יעגער אָדער עפּעס אַנדערש אויפן געביט פון פּריצישע פאַרווײַלונגען.

און דער שניטקרעמער פאָמיאַלאָוו, מיטן צונאָמען „אַלמנדי־קע גריל“, אַ פאַרהאַוועטער עולם־הזהניק, אַ ליבהאָבער פון לשון הרע, אַ געשטופּלטער און העסלעכער מענטש, האָט נישט גוט־ווינטשנד אַרויסגערעדט:

— איר האָט געזעען, — סאַראַ לענג ס'האָבן באַ אים די ידים? ער גייט אַזוי, גלייך פונזײַנעטוועגן קלינגט מען עס אויף אַלע גלעקער.

דער ברייטפּלייציקער, גרויסנאָזיקער מענטש האָט געשפּרייזט לענגויס דער גאַס אַנטשלאָסן, ווי איבער אייגענער ערד; אָנגעטון אין אַ בלויען קאַפּטן פון פיינעם טוך, אין גוטע יוכטענע שטיוול, האָט ער געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס, די עלנבויגנס שטייף צוגעדריקט צו די זייטן. איבערגעבנדיק דער פּראָספּאָרע־בעקערין*) יערדאַנסקאַ געוואויר צו ווערן אויספירלעך, ווער ס'איז דערדאָזיקער מענטש, זענען די שטאָט־לייט זיך צעגאַנגען, אונטערן געקלאַנג פון די גלעקער, צו די שטריצן, ווערנדיק איינגע־לאַדן דורך פאָמיאַלאָוון צו אים אין מאַלינע־גאָרטן אַריין אויף אָוונט־טיי.

נאָכן מיטאָג האָבן אַנדערע דראָמאָוויאַנער געזעען דעם אומ־באַקאַנטן מענטש אויף יענער זייט טייך, אויף דעם „קאָראָווי יאַזיק“, אויפן ציפּעל, וואָס געפינט זיך אויף דער ערד פון די פירשטן ראַטסקיס; דער מענטש איז געגאַנגען צווישן די קוסטן ראָקיטע, מעסטנדיק דעם זאַמדיקן ציפּעל מיט גלייכע, ברייטע שפּרייזן, האָט געקוקט פון אונטער דער דלאָניע אַפער אויף דער שטאָט, אויף דער אָקע און אויף דעם שלייפנאַרטיק פאַרפּלאָנטערטן

*) פּראָספּאָרע — הייליק ברויט, וואָס ווערט באַנוצט אין די פּראַוואָסלאַווע קירכעס. — איבערז.

צופֿלוס אירן — דאָס בלאָטיקע טייכל וואַטאַראַקשע. אין דריאַמאָוו לעבן פֿאַרזיכטיקע מענטשן, קיינער פֿון זיי האָט זיך נישט אַנטשלאָסן אַ געשריי צו געבן צו אים, פֿרעג טון: ווער איז ער אַזוינס און וואָס טוט ער. אָבער פֿונדעסטוועגן האָט מען געשיקט דעם שטאָט-וועכטער מאַשקאַ סטופּאַ, דעם שטאָטישן לץ און שכּור; אָן שום בושה אין די אויגן פֿאַר אַלע מענטשן און נישט זשעניִרנדיק זיך פֿאַר די פֿרויען, האָט ער אַראָפּגענומען די קאַזיאָנע הויזן, און דעם צעקנאָדערטן קאַשקעט איבערגעלאָזט אויפֿן קאָפּ, איז אַריבערגעגאַנגען די ברייט פֿון דער ייִליקער וואַטאַראַקשע, האָט אָנגעבלאָזן דעם אָנגעזויפּענעם גרויסן בויך, איז מיט אַ קאָמישן, גענזעבעם טריט צוגעגאַנגען צום פֿרעמדן און, פֿון דרייסטקייט וועגן, האָט ער אומישנע הויך אַ פֿרעג געטון?

— ווער ביסטו?

מען האָט נישט געהערט, ווי אַזוי דער פֿרעמדער האָט אים געענטפֿערט, נאָר סטופּאַ האָט זיך באַלד אומגעקערט צו זיינע לייט און.דערציילט:

— ער האָט מיך געפֿרעגט: וואָס ביסטו עס פֿאַר אַן אומגעלומפּערטע בריאה? די אויגענעס זענען באַ אים בייזע, ער איז ענלעך צו אַ גזלן.

איינאָוונט, אין פּאָמיאַלאָווס מאַלינע-גאָרטן, האָט די פּראָפֿאָרע-בעקערין יערדאַנסקאַ, אַ פֿרוי מיט אַ קראָפּ, אַ באַרימטע טרעפֿערקע און כאַכעמעס, אַרויסזעצנדיק די שרעקלעכע אויגן, מיטגעטיילט די שענסטע מענטשן:

— מען רופֿט אים — איליאַ, דער צונאָמען — אַרטאַמאָנאָוו, ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל וואוינען באַ אונז פֿונוועגן זיינס אַ געשעפֿט, אָבער וואָסער געשעפֿט, — האָב איך זיך נישט דערפֿרעגט באַ אים. ער איז געקומען צו פֿאָרן מיטן וועג פֿון וואָרגאָראָד, מיטן אייגענעם וועג איז ער אַוועק אַרום דריי אַ זייגער, שוין עפּעס אויף פֿיר.

אַזוי איז מען קיין שום באַזונדערס נישט געוואויר געוואָרן וועגן דאָזיקן מענטש, און געווען איז דאָס נישט אָנגענעם,

גלייך ס׳וואָלט עמעצער אָנגעקלאַפּט באַנאַכט אין פענצטער און בעלם געוואָרן, אָן ווערטער אָנזאָגנדיק אַ קומענדיק אומגליק.

ס׳איז אַריבער אַ דריי וואָכן און ס׳האָט זיך שוין כמעט געהאַט פאַרצויגן דער שניט אין זכרון פון די שטאָטלייט, פלוצלינג איז דער אַרטאַמאָנאָוו בראש פון נאָך דריי דערשינען גלייך באַ באַימאַקאָוון און געזאָגט, ווי האַקנדיק מיט אַ האַק:

— אָט האָסטו דיר, יעווסיי מיטריטש, נייע איינוואוינער אונטער דיין קלוגער האַנט. כ׳בעט דיך, העלף מיר זיך איינפונדעווען לעבן דיר אויף אַ גוט לעבן.

זאַכלעך און קורץ האָט ער דערציילט, אַז ער איז אַ מענטש פון די פירשטן ראַטסקיס, פון זייער קורסקער ירושה=גוט אויף דעם טייך ראַט; ער איז געווען באַם פירשט געאָרגי פאַרוואַלטער, נאָך דער פרייהייט איז ער אַוועקגעגאַנגען פון אים, ער איז גוט באַלוינט געוואָרן און ער האָט באַשלאָסן אַן אייגן געשעפט אויפצושטעלן: אַ לייוונט=פאַבריק. ער איז אַן אלמן, די קינדער הייסן: דער עלטערער — פיאָטר, דער הויקערדיקער — ניקיטאַ, און דער דריטער — אָליעשקאַ, איז אַ פלימעניק, וועלכן ער, איליאַ, האָט צוגענומען פאַר אַ זון.

— פלאַקס זייען אונזערע פויערן ווינציק, — האָט אין ישוב הדעת געזאָגט באַימאַקאָוו.

— מיר וועלן זיי שוין נייטן צו זייען מער.

אַרטאַמאָנאָווס קול איז געווען געדיכט און גראָב, ער האָט גערעדט, גלייך ער וואָלט געקלאַפּט אין אַ גרויסער פויק אַריין, און באַימאַקאָוו איז דאָס גאַנצע לעבן געגאַנגען איבער דער ערד פאַרזיכטיק, האָט גערעדט שטיל, אַזוי ווי מורא האָבנדיק אויפצוּוועקן עמעצן אַ שרעקלעכן, פינטלענדיק מיט די ליבלעכע אויגן פון טרויעריקן בעז=קאָליר, האָט ער געקוקט אויף אַרטאַמאָנאָווס קינדער, וואָס זענען שטײַנערנע געשטאַנען באַ דער טיר; זיי זענען אַלע געווען זייער פאַרשידענע: דער עלטסטער — ענלעך צום פאָטער, אַ ברייטברוסטיקער, די ברעמען צונויפגעוואַקסן, די אויגן קליינע, בערישע, באַ ניקיטען זענען די אויגן מיידלשע,

גרויסע און בלאָע, ווי זיין העמד, אַלעקסיי — אַ געלאָקטער, ראָ־זער, שיינער ייִנג, אַ ווייסלייביקער, קוקט גלייך און פרייליך.

— צו די זעלנער איינער? — האָט געפרעגט באַימאַ־קאָוו.

— ניין, די קינדער זענען מיר אַליין נייטיק, כ׳האָב אַ קוויטל.

און אַ מאַך טועגדיק אויף די קינדער מיט דער האַנט, האָט אַרטאַמאָנאָוו באַפוילן:

— גייט אַרויס.

און ווען זיי זענען שטיל, מיט אַ סדר, איינער נאָכן אַנ־דערן און אָפּהיטנדיק די בכורה, אַרויסגעגאַנגען, האָט ער אַרויפ־לייגנדיק אויף באַימאַקאָווס קני די שווערע דלאָניע, אַ זאָג גע־טון:

— יעווסיי מיטריטש, איך קום, איינוועגס, אויך אַלס מחותּן צו דיר: גיב אויס די טאָכטער פאַר מיין עלטסטן.

באַימאַקאָוו האָט זיך אַזש דערשראָקן, ער איז אונטערגע־שפּרונגען אויף דער באַנק, האָט אַ מאַך געטון מיט די הענט.

— וואָס רעדסטו, גאָט איז מיט דיר! איך זע דיך דאָס ערשטע מאָל, ווער דו ביסט — ווייס איך נישט, און דו — גאָר דאָס! די טאָכטער איז בײַ מיר אַן איינציקע, חתונה האָבן איז נאָך פרי פאַר איר, און דו האָסט זי דאָך נישט געזעען אפילו, ווייסט נישט — וואָסערע זי איז... וואָס רעדסטו?

נאָר אַרטאַמאָנאָוו האָט, שמייכלענדיק אין דער געלאָקטער באָרד אַריין, געזאָגט:

— וועגן מיר — פרעג דעם איספּראַווניק, ער האָט געגנוג צו פאַרדאַנקען דעם פירשט מיינעם און אים האָט דער פירשט געשריבן, צו זיין מיר בייהילפיק אין אַלע ענינים. קיין שלעכטס וועסטו נישט הערן, כ׳בין דיר ערב בײַ די הייליקע איקאָנעס. די טאָכטער דיינע קען איך, איך ווייס דאָ, בײַ דיר אין שטאָט, אַלדינק, כ׳בין פיר מאָל אומבאַמערקט געווען, אַלץ געוואויר גע־וואָרן. דער עלטערער מיינער איז אויך דאָ געווען און האָט דיין טאָכטער געזעען, — באַאומרויק זיך נישט!

פילנדיק זיך אַזוי, ווי עס וואָלט זיך אויף אים אַ בער אַרויפ־געלייגט, האָט באַימאַקאָוו אַ בעט געטון דעם גאַסט:

— וואַרט־צו אַ ביסל...

— נישט לאַנג — קאָן איך, לאַנג וואַרטן — קאָן מען די יאָרן איבערוואַרטן, — האָט שטרענג געזאָגט דער אָנגרייפנדיקער מענטש און אַ געשריי געטון אין פענצטער אַריין, אויפן הויף אַרויס:

— קומט אַריין, באַגריסט דעם באַלעבאָס.

ווען זיי זענען, אָפּגעזונגענדיק זיך, אַוועקגעגאַנגען, האָט באַימאַקאָוו, צעשראָקן קוקנדיק אויף די איקאָנעס, זיך דריי מאָל איבערגעצלמט, אַרויסגעפּליסטערט:

— רבונו של עולם — דערבאַרם זיך, וואָסערע מענטשן? רחמנא לצלן.

ער האָט זיך דערשלעפּט, צוקלאַפּנדיק מיטן שטעקן, אין סאָד אַריין, וואו דאָס ווייב און די טאָכטער האָבן אונטער אַ ליפּע געקאָכט איינגעמאַכטס, דאָס אויסגעפּאַשעטע, שיינע ווייב האָט געפרעגט:

— וואָסערע יינגע לייט זענען עס געשטאַנען אויפן הויף, מיטריטש?

— כ'ווייס נישט. און וואו איז נאַטאַליע?

— זי איז געגאַנגען נאָך צוקער אין שפּייז־קעמערל אַריין.

— נאָך צוקער, — האָט מרה־שחורהדיק איבערגעחזרט באַי־מאַקאָוו, זיך אַראָפּזעצנדיק אויף דער גראָז־באַנק. — צוקער. ביין, דאָס זאָגט מען טאַקע אמת: פון דער פרייהייט — וועט אַ גרויסער אומרו קומען אויף די מענטשן.

צוקוקנדיק זיך צו אים, האָט דאָס ווייב געפרעגט אומ־רויק:

— וואָס איז דיר? ווידער נישט מיט אַלעם?

— די נשמה האָט זיך צעיאָכצט באַ מיר. ס'טראַכט זיך — דערדאָזיקער מענטש איז געקומען מיך פאַרבייטן אויף דער ערד.

דאָס ווייב האָט אים אָנגעהויבן טרייסטן.

— לאָז געמאַך! קנאָפּ מענטשן גייען איצט פון די דערפער אין שטאָט אַריין.

— דאָס טאַקע איז עס, וואָס זיי גייען. איך וועל דיר לעת עתה גאָרנישט נישט זאָגן, לאָמיך נאָך אַ ביסל אַ קלער טון...

אין פינף מעת לעת אַרום האָט באַימאַקאָוו זיך אַריינגע־לייגט אין בעט אַריין, און נאָך צוועלף — איז ער געשטאָרבן, און זיין טויט האָט אַוועקגעלייגט נאָך אַ גרעסערן שאָטן אויף אַרטאַמאַנאָוון מיט די קינדער. אין דער צייט פונם סטאַראָסטעס קראַנקייט איז אַרטאַמאַנאָוו צוויי מאָל געקומען צו אים, זיי האָבן לאַנג געשמועסט ביחידות; דאָס צווייטע מאָל האָט באַימאַקאָוו אַריינגערופן דאָס ווייב און, מיד צונויפלייגנדיק די הענט אויף דער ברוסט, געזאָגט:

— אָט, — מיט איר רעד, און איך בין שוין, משמעות, אין ערדישע ענינים נישט קיין בעל־דעה. לאָזט מיך — אָפּ־רוען.

— קום־נאָר מיט מיר, אוליאַנאַ איוואַנאָוונאַ, — האָט באַ־פוילן אַרטאַמאַנאָוו און, נישט קוקנדיק, צי די באַלעבאָסטע גייט אים נאָך, איז ער אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

— גיי, אוליאַנאַ; הפנים — ס'איז באַשערט, — האָט שטיל געעצהט דער סטאַראָסטאַ דעם ווייב, זעענדיק, אַז זי אַנטשליסט זיך נישט נאָכצוגיין דעם גאַסט. זי איז געווען אַ פרוי אַ קלוגע, מיט כאַראַקטער, נישט איבעקלערנדיק זיך — האָט זי גאָרנישט געטון, אָבער דאָ איז עפּעס אַזוי אַרויסגעקומען, אַז אין אַ שעה אַרום, אומקערנדיק זיך צום מאַן, האָט זי, אַראָפּשאָקלענדיק די טרערן מיט אַ באַוועג פון די לאַנגע, שיינעווימפּערלעך, גע־זאָגט:

— מילא, מיטריטש, משמעות ס'איז טאַקע באַשערט; בענטש די טאָכטער.

איבאָוונט האָט זי צוגעפירט צום מאַנס געלעגער די פּראַכט־פול אָנגעטוענע טאָכטער, אַרטאַמאַנאָוו האָט אַ שטופּ געטון דעם

זון, דער בחור מיטן מיידל האָבן, נישט קוקנדיק איינער אויף אַנדערן, זיך אָנגענומען באַ די הענט, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען, איינבייגנדיק די קעפּ, און באַימאַקאָוו האָט, שווער עטעמענדיק, זיי באַדעקט מיט אַן אַלטפרענקישער, פּאַטערלעכער איקאָנע מיט פּערל:

— אין נאָמען פון פּאָטער און זון... רבונו של עולם, פּאַרלאָז נישט מיט דיין חסד דאָס איינציקע קינד מיינס!

און שטרענג האָט ער געזאָגט אַרטאַמאָנאָוון:

— געדענק, — אויף דיר איז די אחריות פאַר גאָט — פאַר דער טאָכטער מיינער!

יענער האָט זיך אַ נויג געטון פאַר אים, אָנרירנדיק מיט דער האַנט די פּאַדלאָגע.

— איך ווייס.

און נישט זאָגנדיק קיין צערטלעך וואָרט דער קינפּטיקער שניר, כמעט נישט קוקנדיק אויף איר און אויפן זון, האָט ער אַ מאַך געטון מיטן קאָפּ צו דער טיר:

— גייט.

און ווען די געבענטשטע זענען אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זיך צוגעזעצט אויפן געלעגער פון חולה, זאָגנדיק אַנטשלאָסן.

— זיי רויק, אַלץ וועט גיין, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. איך האָב זיבן און דרייסיק יאָר אומבאַשטראָפט געדינט באַ מיינע פירשטן, און א מענטש — איז נישט קיין גאָט, אַ מענטש — איז נישט דערבאַרמיק, צוטרעפן אים איז שווער. און דיר, מחותנתטע אוליאַנאַ, וועט אויך גוט זיין, וועסט זיין פאַר מיינע בחורים שטאָט אַ מאַמע, און זיי וועט באַפוילן ווערן דיך ערלעך צו האַלטן.

באַימאַקאָוו האָט געהערט, שווייגנד קוקנדיק אין ווינקל אַריין, אויף די איקאָנעס, און געוויינט, אוליאַנאַ האָט אויך געשלאָכצט, און דערדאָזיקער מענטש האָט גערעדט מיט פּאַריבל:

— עך, יעווסיי מיטריטש, צו פרי גייסטו אַוועק, דו האָסט זיך נישט אָפּגעשוינט. מיר וואָלסטו אומגעהייער בייטיק געווען, סכנותדיק!

ער האָט אַ שאַר געטון מיט דער האַנט קווער דער באָרד, הויך אָפּגעזיפצט.

— איך קען דײַנע עסקים: ערלעך ביסט! און גענוג קלוג, ווען דו וואָלסט געלעבט מיט מיר אַ יאָר פינף, וואָלטן מיר אַ קער געטון די געשעפטן, — מילא — ס׳איז גאָטס רצון!

אוליאַנאַ האָט מיט פאַריבל אויסגעשריגן:

— וואָס קראַקעסטו עס, ווי אַ קראָ, וואָס שרעקסטו אונז? אפשר וועט גאָך...

אָבער אַרטאַמאָנאָוו איז אויפגעשטאַנען און זיך אַ בוק געטון ביזן גאַרטל פאַר באַימאַקאָוון, ווי פאַר אַ טויטן:

— אַ דאַנק פאַרן צוטרוי. זײַט געזונט, איך דאַרף גיין צו דער אָקע, דאָרט איז די באַרקע מיטן באַלעבאַטישאַפט אָנגעקומען.

ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט די באַימאַקאָווא באַליידיקט זיך צעהיילט:

— אַ פּרא אדם אַ דאָרפישער, צו דער פאַרקנסטער כּלה פון זײַן זון האָט ער אפילו קיין ליבלעך וואָרט נישט געפונען צו זאָגן!

דער מאַן האָט זי אָפּגעשטעלט:

— יאָכץ נישט, באַומרויק מיך נישט.

און געזאָגט, אַ קלער געטבנדיק:

— דו — האַלט זיך אָן אים; דעררעזיקער מענטש איז, ווייזט אויס, בעסער פון די אונזעריקע.

אין באַימאַקאָווס לוויה האָט מיט גרויס כּבוד זיך באַטייליקט די גאַנצע שטאָט, די גייסטלעכע פון אַלע פינף צערקווס. די אַרטאַמאָנאָווס זענען נאָכגעגאַנגען די טרומנע באַלד נאָך דעם ווײַב און דער טאָכטער פונם נפטר; דאָס איז נישט געפעלן געוואָרן די שטאָט-לײַט; דער הויקער ניקיטאַ, וועלכער האָט געשפּרייזט הינטער זײַנע אייגענע, האָט געהערט, ווי מען האָט צווישן עולם געוואָרטשעט:

— ס׳איז נישט באַוואוסט ווער ער איז, און קריכט גלײַך אויפן ערשטן אָרט.

דרייענדיק מיט די קיילעכיקע אויגן, וואָס האָבן געהאַט אַ קאָליר פֿון דעמבענע חזיר־ניס, האָט פּאָמיאַלאָוו אונטערגעשושקעט:

— סיי יעזוסיי, עליו השלום, סיי אוליאַנאַ — זענען פֿאַרזיכטיקע מענטשן, סתּם אין דער וועלט אַריין האָבן זיי גאָרנישט געטון, דערפֿון איז געדרונגען, אַז דאָ איז פֿאַרהאַן אַ סוד, מסתּמא האָט זיי מיט עפּעס אַריינגענאַרט דערדאָזיקער קאָרשון, אַנדערש וואָלטן זיי זיך דען מיט אים מחותּן געווען?

— יאָ־אָ, אַ טונקעלער ענין.

— דאָס זאָג איך דאָך — אַ טונקעלער. זיכער — פֿאַלש געלט. אָבער ווי ער האָט עס געלעבט ווי אַ צדיק מכּלומרשט, דער באַימאַקאָוו טאַקע, האַ?

ניקיטאַ האָט געהערט, האַלטנדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און האָט אויסגעבויגן דעם הויקער, אַזוי ווי דערוואַרטנדיק אַ קלאַפּ. דער טאָג איז געווען אַ ווינטיקער, דער ווינט האָט נאָכגעבלאָזן נאָך דעם עולם, און דער שטויב, אויפֿגעהויבן פֿון הונדערטער פֿיס, האָט ווי אַ רויכיקער וואָלקן זיך געטראָגן נאָך די מענטשן, געדיכט באַפּודערנדיק די פֿעט־געשמירטע האָר פֿון די אָפּגעדעקטע קעפּ. עמעצער האָט געזאָגט:

— גיב נאָר אַ קוק, ווי אַרטאַמאָנאָוו איז מיט אונזער שטויב באַשאָטן, — ער איז גרוי געוואָרן דער, ציגיינער...

אויפֿן צעגטן טאָג נאָך דער קבֿורה פֿון מאַן איז אוליאַנאַ באַימאַקאָוואַ מיט דער טאָכטער אַוועקגעגאַנגען אין אַ מאָנאַסטיר, און איר הויז האָט זי איבערגעגעבן אַרטאַמאָנאָוון. אים און די קינדער האָט ממש אַ ווייבער געדרייט, פֿונדערפֿרי ביזן אָוונט האָבן זיי געשימערט באַ אַלעמען אין די אויגן, שנעל שפּרייזנדיק איבער אַלע גאַסן, אייליק זיך צלמענדיק פֿאַר די צערקוועס; דער פֿאָטער איז געווען רוישיק און התלהבֿותדיק, דער עלטערער זון מרה־שחורהדיק, שווייגנדיק און, הפּנים, שרעקעוודיק אָדער שעמעוודיק, דער שיינער אַליאָשקאַ איז געווען היציק מיט בחורים און האָט עזותדיק געוואָונקען צו די מיידלעך, און ניקיטאַ פֿלעגט באַגינען צוטאָג אַוועקטראָגן זיין שפּיציקן הויקער אַריבערן טייך,

אויף „קאַראָווי יאַזיק״, וואו ס׳זענען ווי די פייגל זיך צונויפגע־ פלויגן טשעסלאַרעס, מוליאַרעס, אויפשטעלנדיק דאָרט אַ לאַנגע געמויערטע קאַזאַרמע, און, אין דער זייט פון איר, נאָך דער אָקע, אַ צווייסטאָקיק גרויס הויז פון גראָבע קלעצער, — אַ הויז ענלעך צו אַ תפיסה. אין די אָונטן האָבן די אייגנוואוינער פון דריאָמאָוו, צונויפקלייבנדיק זיך אויפן ברעג פון דער וואַטאַראַקשע, געשיילט באַניע־קערלעך, געהערט דאָס כראַפן און קוויטשען פון די זעגן, דאָס רייבן פון די הובליעס, די לויפיקע האַקעריי פון די שאַרפע העק און האָבן שפּאָטיש דערמאַנט דאָס פּרוכטלאָזע בויען פונם טורעם פון בבל, און פּאָמיאַלאָוו האָט טרייסטפול פאָרגעזאָגט די פרעמדע לייט כלערליי אומגליקן:

— פריילינג וועט דאָס וואַסער פאַרפלייצן דידאָזיקע אומגע־ לומפערטע געביידן. און ס׳קען זיין אַ שרפה: די טשעסלאַרעס רייכערן טאַבאַק, און אומעטום זענען דאָ סטריזשנעס.

דער שווינדזיכטיקער פּאָפּ וואַסילי האָט ׳אים אונטערגע־ האָלפן:

— זיי בויען אויף זאַמד.

— זיי וועלן אָנטרייבן פאַבריק־אַרבעטער, — וועט זיך אָנהייבן אַ שכרות, גנבה, אויסגעלאַסנקייט.

דער ריזיקער, מיט פעטס אָנגעגאָסענער, אין אַלע זייטן צע־ בלאָזענער מילנער און שענקער לוקאַ באַרסקי האָט מיט אַ הייזע־ ריקן באַס געטרייסט:

— מער מענטשן, — גרינגער די פּרנסה. נישקשה, זאָלן מענטשן אַרבעטן.

שטאַרק געוויילט די שטאָטלייט האָט ניקיטאַ אַרטאַמאָנאָוו; ער האָט אויסגעהאַקט און אויסגעקאַרטשעוועט אויפן אַ גרויסן קוואַדראַט די ראָקיטע־קוסטן, האָט גאַנצע טעג געשעפּט דעם פעטן ייל פון דער וואַטאַראַקשע, ער האָט געשניטן טאָרף אויף דער בלאָטע און, אויפהייבנדיק דעם הויקער צום הימל, געפירט דעם טאָרף מיט אַ טאַטשקע, אויסלייגנדיק איבערן זאַמד אין שוואַרצע קופּקעלעך.

— אַ גאָרטן וויל ער מאַכן, — האָבן זיך משער געווען

די שטאָטלייט. — סאַראַ שוטה! וועסט דען זאַמד אויסגי־טיקן?

באַם זון־פאַרגאַנג, בעת די אַרטאַמאַנאָווס זענען אייגער הינ־טערן אַנדערן, מיטן פאָטער בראָש, אַריבער׳געגאַנגען די ברייט פון טייך, און אויף איר גרינלעכן וואַסער האָבן זיך געלייגט זייע־רע שאָטנס, האָט פאַמיאַלאָוו אָנגעוויזן:

— קוקט, קוקט, — סאַראַ שאָטן ס׳איז באַם הויקער!

און אַלע האָבן געזען, אַז דער שאָטן פון ניקיטען, וועל־כער איז געגאַנגען דער דריטער, איז אומגעווייַנלעך צאַפּלדיק און אַזוי ווי שווערער פון די איבעריקע אויסגעצויגענע שאָטנס פון זיינע ברידער. איינמאָל, נאָך אַ גרויסן רעגן, האָט דאָס וואַסער אין טייך זיך אויפגעהויבן, און דער הויקער, פאַרטשעפּענדיק זיך אָן די וואַסער־געוויקסן אָדער אַריינגליטשנדיק זיך אין אַ גרוב אַריין, האָט זיך אונטערגעטוקט אונטערן וואַסער. אַלע צוקוקער אויפן ברעג האָבן נחתדיק און הילכיק זיך צעלאַכט, נאָר אָלגוש־קע אָרלאָווא, די דרייצניעריקע טאָכטער פון דעם שכור דעם זיי־גערמאַכער, האָט אַ געשריי געטון מיט רחמנות:

— אוי, אוי — ער וועט דערטרונקען ווערן!

מען האָט איר אַ שטורך געגעבן:

— ליאַרם נישט בחינם.

אַלעקסיי, וועלכער איז געגאַנגען דער לעצטער, איז אַרונ־טער אונטערן וואַסער, אָנגעכאַפּט דעם ברודער, געשטעלט אויף די פיס, און ווען זיי זענען ביידע נאַסע, אויסגעשמירטע פון ייל, אַרויס אויפן ברעג, האָט אַלעקסיי זיך אַ לאָז געטון גלייך אויף די איינוואוינער, אַזוי, אַז זיי האָבן זיך אָפּגערוקט פאַר אים און עמעצער האָט מיט מורא אַ זאָג געטון:

— ביסט אַ מבין, סאַראַ חיהשער יאַט...

— זיי האָבן אונז נישט ליב, — האָט באַמערקט פיאָטר;

דער פאָטער האָט אין גאַנג אַ קוק געטון אים אין פּנים אַריין:

— וואַרט אויס די צייט — זיי וועלן ליב קריגן.

און ער האָט אויסגעזידלט ניקיטען:

— דו פאַרזעעניש! קוק דיר אונטער די פיס, רוף נישט

אַרויס קיין חוזק באַם המון. נישט אויף חוזק דאַרפן מיר לעבן, פויק אַנגעבלאָזענע !

געלעבט האָבן די אַרטאַמאַנאָווס, נישט באַקענענדיק זיך מיט קיינעם, זייער באַלעבאַטישקייט האָט געפירט אַ דיקע זקנה, אינ־גאַנצן אין שוואַרצן, זי איז געגאַנגען אַרומגעבונדן דעם קאָפּ מיט אַ שוואַרץ טיכל אַזוי, אַז די עקן דערפון האָבן אַרויסגעשטאַרט ווי הערנער, זי האָט גערעדט מיט עפּעס אַ מין צעקנייטשטער שפּראַך, קנאַפּ און אומפאַרשטענדלעך, גלייך זי וואָלט נישט געווען קיין רוסישע; פון איר האָט מען גאַרנישט געקענט זיך דערוויסן וועגן די אַרטאַמאַנאָווס.

— מאַכן זיך פאַר מאַנאַכן, די גזלנים...

ס׳איז באַוואוסט געוואָרן, אַז דער פאָטער און דער עלטע־רער זון פאָרן אָפּט אַרום איבער די אַרומיקע דערפער, אַנרעדנ־דיק די פויערן צו זייען פלאַקס. בעת איינער פון אַזוינע רייזעס זענען אויף איליאַ אַרטאַמאַנאָוון אָנגעפאַלן אַנטלאָפענע זעלנער, ער האָט איינעם פון זיי דערהרגעט מיט אַ באַסאַליק, מיט דעם צווייפונטיקן געוויכט, וואָס איז געווען צוגעבונדן צו אַ רויען רע־מעט, דעם אַנדערן האָט ער צעשפּאָלטן דעם קאָפּ, דער דרי־טער איז אַנטלאָפן. דער איספּראַווניק האָט אַרטאַמאַנאָוון געלויבט דערפאַר, באַר דער ייִנגער גלח פון דער אָרימער איליען־פּאַראַפיע האָט אַרויפגעלייגט אַן אָפּקומעניש פאַר דעם מאָרד, — פערציק נעכט אָפּשטיין אין צערקווע און תפילה טון.

אין די האַרבסטיקע אָוונטן פלעגט ניקיטאַ לייענען פאַרן פאָ־טער און די ברידער די לעבנס־געשיכטעס פון די הייליקע, די מוסר־דרשהס פון די קירכן־פאָטערס, אָבער דער פאָטער פלעגט אים אָפּט איבערשלאָגן:

— צו הויך איז דידאַזיקע חכמה, נישט צום באַגרייפן זי מיט אונזער פאַרשטאַנד. מיר — זענען מענטשן שוואַרץ־אַרבעטער, נישט פאַר אונז איז וועגן דעם צו טראַכטן, מיר זענען צו פּראָס־טע עניִים געבוירן געוואָרן, דער פאַרשטאָרבענער פירשט יורי האָט זיבן טויזנט ביכער איבערגעלייענט און אַזוי ווייט אין די־דאָזיקע רעיונות זיך פאַרטיפט, אַז ער האָט אַזש די אמונה אין

גאַט אַנגעוואוירן. ער איז אַלע לענדער אויסגעפאָרן, בא אַלע קע־ניגן אויפגענומען געווען, — אַ באַרימטער מענטש ! און — אויפ־געבויט אַ טוך־פאַבריק — איז דאָס געשעפט נישט געגאַנגען. און — וואָס ער האָט נישט אויפגעטון, האָט ער נישט געקאָנט געפינען קיין תיקון פאַר זיך. אַזוי האָט ער טאַקע דאָס גאַנצע לעבן אויס־געלעבט אויף דעם פויערישן ברויט.

רעדנדיק, האָט ער אַרויסגעבּרענגט די ווערטער דייטלעך, זיך פאַרטראַכט צוהערנדיק זיך צו זיי, און ווידער געלערנט די קינדער :

— צו לעבן — וועט אייך זיין שווער, איר אַליין זענט פאַר זיך געזעץ און שוץ. איך, זעט איר, האָב געלעבט נישט מיט מיין ווילן, נאָר — ווי מען האָט געהייסן. און איך פלעג זעען : נישט אַזוי דאַרף מען, אָבער פאַרריכטן קאָן איך נישט, ס'איז נישט מיין עסק, נאָר דעם פריצס. נישט נאָר טון לויט דער אייגענער דעה האָב איך מורא געהאַט, נאָר אפילו טראַכטן האָב איך נישט געהאַט די העזה, כדי נישט צונויפפלאָנטערן ווי ס'איז דעם איי־גענעם פאַרשטאַנד מיטן האַר ישן. הערסט פיאָטר ?

— איך הער.

— אַזוי איז עס. פאַרשטיי. ס'לעבט אַ מענטש, און ווי ער וואָלט כלומרשט נישט געווען. געוויס איז ווינציקער די אחריות, דו גייסט נישט אַליין, מען טרייבט מיט דיר אָן. אָן אחריות איז גרינגער צו לעבן, אָבער — ווייניק זינען.

טיילמאָל פלעגט ער רעדן אַ שעה און צוויי, אַלץ פרעגנ־דיק, צי הערן די קינדער. ער זיצט אויפן אויוון, אַראָפּהענגענדיק די פיס, איבערקלייבנדיק מיט די פינגער די לאָקן פון דער באָרד און, נישט איילנדיק זיך, שמידט ער רינג נאָך רינג קייטן פון ווערטער. אין דער גרויסער, ריינער קיך איז אַ וואַרעמע טונקל־קייט, היבטערן פענצטער פייפט די זאַווירוכע, גלעט זיידמעסיק די שויבן. אָדער ס'קנאַקט אין דער בלאָער קעלט דער פראָסט. פיאָטר, וועלנער זיצט באַם טיש פאַר אַ חלבן ליכטל, שורשעט מיט די פאַפירן, קלאַפּט נישט הויך מיט די ביינדלעך פון רעכנ־

געווערק, אַלעקסיי העלפט אים צו, ניקיטאַ פלעכט קונציק קוישן פון ריטער.

— אָט — האָט אונז דער קייסער געגעבן פרייהייט. דאָס דאַרף מען פאַרשטיין: מיט וואָסער כוונה איז די פרייהייט? אָן אַ כוונה וועסטו קיין שעפּסל פון שטאָל נישט אַרויסלאָזן, און דאָ — איז דאָס גאַנצע פאָלק, טויזנטער טויזנטער, אַרויסגעלאָזט געוואָרן. דאָס הייסט: דער קייסער האָט תּופס געווען — פון די פּריצים וועסטו גאָרנישט נעמען, זיי פאַרלעבן אַלדינג אַליין. דער פירשט געאָרגי האָט נאָך דאָס פאַר דער פרייהייט אַליין זיך משער געווען, ער האָט מיר געזאָגט: די אונטעריאָכטע אַרבעט — איז אָן רווחים. האָט מען אונז טאַקע געשענקט צוטרוי פאַר פרייער אַרבעט. אַצינד וועט אפילו אַ זעלנער אויך נישט שלעפּן פינף און צוואַנציק יאָר די ביקס, — נאַר — גיי, אַרבעט! אַצינד דאַרף איטלעכער באַווייזן, צו וואָס ער טויג. דעם אַדל — איז דער סוף אונטערגעשריבן געוואָרן, איצט זענט איר אַליין אַדל־לייט, — איר הערט?

אוליאַנאַ באַימאַקאָווא האָט אָפּגעלעבט אין מאָנאַסטיר כמעט דריי חדשים, און ווען זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט אַרטאַמאָנאָוו באַלד אויף דעם צווייטן טאָג זי געפרעגט:

— ווען וועלן מיר חתונה מאַכן?

זי איז אויפגעבראַכט געוואָרן, האָט אַ בליק געטון מיט די אויגן.

— וואָס רעדסטו, באַדענק זיך! קיין האַלב יאָר איז נישט אַריבער פון פאָטערס טויט, און דו... צי חייסטו נישט, סאַראַ זינד?

אָבער אַרטאַמאָנאָוו האָט זי שטרענג אָפּגעשטעלט:

— קיין זינד, מחותּנתטע, זע איך דאָ נישט. צי נאַר אַזעלכעס טוען אָפּ די פּריצים, און נאָט איז עס סובל? באַ מיר — איז אַ נויט; פיאָטר מוז האָבן אַ באַלעבאָסטע.

נאָכדעם האָט ער געפרעגט, וויפיל געלט זי האָט. זי האָט געענטפערט:

— מער פון פינף הונדערט וועל איך נישט נאָכגעבן דער טאָכטער!

— וועסט אפילו געבן מער, — האָט זיכער און גלייכגילטיק געזאָגט דער גיגאַנטישער פויער, נישט אַראָפּנעמענדיק דעם בליק פון איר. זיי זענען געזעסן באַם טיש איינער קעגן אַנדערן, אַרטאַמאָנאָוו — אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס, אַריינלאָזנדיק די פינגער פון ביידע הענט אין דער געדיכטער וואָל פון דער באָרד, די פרוי, מיט אָנגעכמורעטע ברעמען, האָט באַאומרויקט זיך אויסגעגלייכט. זי איז אַלט געווען ווייט נאָך דרייסיק, נאָר זי האָט זיך אויסגעוויזן באַדייטנד ייִנגער, אויף איר זאַטן, ראָזן געזיכט האָבן שטרענג געלויכטן גרוילעכע קלוגע אויגן. אַרטאַמאָנאָוו איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך אויסגעגלייכט.

— דו ביסט אַ שיינע, אוליאַנאַ איוואַנאָוונאַ.

— וואָס נאָך וועסטו זאָגן?

— כ׳וועל גאָרנישט זאָגן.

ער איז אַוועקגעגאַנגען נישט גערן, שווער שאַרנדיק מיט די פיס, און די באַימאַקאָווא, נאָכקוקנדיק אים און, אגב, אַ גליטשטוענדיק די אויגן איבערן אייז פון שפּיגל, האָט אַרויסגעפּליסטערט מיט פאַרדראָס:

— אַ שד אַ בערדיקער. האָט זיך צוגעטשעפּעט...

פילנדיק זיך אין סכנה פאַרן דאָזיקן מענטש, איז זי אַרויפגעגאַנגען אינדערהייך צו דער טאָכטער, נאָר נאַטאַליאַ איז דאָרט נישט געווען; זי האָט אַ קוק געטון דורכן פענצטער און דערזעען די טאָכטער באַם טויער, לעבן איר איז געשטאַנען פּיאָטר. באַימאַקאָווא איז שנעל אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ און, שטייענדיק אויפן גאַניק, האָט זי אַ געשריי געטון:

— נאַטאַליע — אין שטוב אַריין!

פּיאָטר האָט זיך געגריסט צו איר.

— ס׳איז נישט אָרנטלעך, פּיינער ייִנגערמאַן, אָן דער מוטער צו שמועסן מיט אַ מיידל, ס׳זאָל מער אַזעלכעס נישט זיין!

[library stamp]

— זי איז מיט מיר פאַרקנסט, — האָט דערמאָנט פיאָטר.

— אַלץ איינס; מיר האָבן אונזערע אייגענע מנהגים, — האָט געזאָגט די באַימאַקאָוואַ, נאָר זיך אַליין געפרעגט:

— וואָס האָב איך עס זיך צעבייזערט? יינגע לייט — זאָלן זיך נישט ליב האָבן. עפּעס נישט גוט. גלייך איך וואָלט מקנא געווען די טאָכטער.

אין שטוב האָט זי שטאַרק אַ ריס געטון די טאָכטער באַם צאָפּ, פאַרווערנדיק איר פונדעסטוועגן צו רעדן מיטן חתן אויג אויף אויג.

— כאָטש ער איז טאַקע געבענטשט געוואָרן פאַר דיינעט־ווענן, אָבער ס׳איז נאָך — אָדער אַ רעגן, אָדער אַ שניי, אָדער ער וועט זיין אָדער — נישט, — האָט זי שטרענג בע־זאָגט.

אַ טונקעלער אומרו האָט געמישט אירע געדאַנקען; אין עט־לעכע טעג אַרום איז זי געגאַנגען צו דער יערדאַנסקאַ צו לאָזן זיך טרעפן וועגן דער צוקונפט, — צו דער זנאַכאַרקע, דער קראָפּע־וואַטער, דער דיקער, ענלעכער צו אַ גלאָק, האָבן אַלע פרויען פון שטאָט אָוועקגעטראָגן זייערע עבירות, שרעקן און עגמת נפשן.

— דאָ איז נישטאָ וואָס צו טרעפן, — האָט געזאָגט די יערדאַנסקאַ, איך וועל דיר, קרוין, זאָגן גלייך: דו האַלט זיך אָן דעמדאָזיקן מענטש. באַ מיר קריכן נישט בחינם די אויגן אויפן שטערן אַרויף, — איך קאָן די מענטשן, איך דרינג זיי דורך, ווי מיין טאַליע קאָרטן. דו קוק, ווי מזלדיק ער איז, אַלע עסקים קאַ־לערן זיך באַ אים ווי אַ באַלעם, אונזערע מאַנסלייט רעדן אויף אים אויס בלויז פון קנאה. ניין, קרוין, דו האָב פאַר אים נישט מורא, ער לעבט נישט ווי אַ פוקס, נאָר ווי אַ בער.

— טאַקע אמת, ווי אַ בער, — האָט מסכים געווען די אלמנה און, אָפּזיפצנדיק, דערציילט דער טרעפערין:

— כ׳האָב מורא; פונם ערשטן מאָל, ווען ער האָט געשדכנט די טאָכטער, — האָב איך זיך איבערגעשראָקן. פלוצלינג, אַזוי ווי

ער וואָלט פון אַ כמאַרע אַראָפּגעפאַלן, קיינעם נישט באַקאַנט, קריכט ער אין מחותּנימשאַפט. אַזוי קומט דען פאַר? איך גע־דענק, ער רעדט, און איך קוק אין די חוצפּהדיקע אויגע־נעס זיינע און אויף אַלע זיינע רייד שאָקל איך צו מיטן קאָפּ, בין מיט אַלעם מסכּים, גלייך ער וואָלט מיך באַם האַלז אָנגענו־מען.

— דאָס הייסט, ער גלייבט אין זיין כּוח, — האָט דער־קלערט די פּקחדיקע פּראָספּאָרא־בעקערין.

אָבער דאָס אַלץ האָט נישט באַרויקט די באַימאַקאָוואַ. הגם די זנאַכאַרקע, אַרויספירנדיק זי פון דעם פינצטערן צימער, וואָס איז דורכגעזאַפּט געווען מיטן שטיקנדיקן ריח פון רפואות־גראָזן, האָט איר געזאָגט באַם געזעגנען:

— געדענק: נאַראָנים זענען בלויז אין די מעשהלעך מזל־דיק...

אויספּאַלנד הויך האָט זי געלויבט אַרטאַמאָנאָוון, אַזוי הויך און אַזוי פיל, אַז זי האָט אויסגעזען אונטערגעקויפט. און, אָט האָט טאַקע די גרויסע, שוואַרצע און אויסגעטרוקנטע, ווי אַן אייג־געזאַלצענער סענדאַק, מאַטרענאַ באַרסקאַ, געזאָגט אַנדערש:

— די גאַנצע שטאָט אַכצט און קרעכצט איבער דיר, אול־יאַנאַ; ווי אַזוי האָסטו נישט קיין מורא פאַר דידאָזיקע אָנשיקע־נישן? אוי, זע! נישט אומזיסט איז אַיין בחור אַ האַרבאַטער, נישט פאַר קיין קליינער זינד, פון די עלטערן איז ער אַ הויקער געבוירן געוואָרן...

ס'איז שווער געווען דער אַלמנה באַימאַקאָוואַ און אַלץ אָפּ־טער פלעגט זי דוירעסן די טאָכטער, פילנדיק אַליין, אַז זי ב־יזערט זיך אויף איר אָן אַ שום סיבּה. זי האָט זיך באַמיט וואָס זעלטע־נער צו זעען די לאָקאַטאָרן, אָבער דידאָזיקע מענטשן זענען אַלץ אָפּטער אויסגעוואַקסן קיגן איר, פאַרפינצטערנדיק דאָס לעבן מיט אומרו.

אומבאַמערקט האָט זיך אונטערגעגנבעט דער ווינטער, מיט־אַמאָל זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטאָט מיט ראַשיקע שניי־שטור־מען, מיט שטאַרקע פרעסט, ער האָט פאַרלייגט די גאַסן און די

הייזער מיט צוקערדיקע שניי־בערג, ער האָט אָנגעטון וואַטענע היטלען אויף די טורם־דעכלעך און שפּיצן פון די קירכעס, פאַרקאָוועט מיט ווייס אייזן די טייכן און דאָס ראָסטיקע וואַסער פון די זומפּן; אויפן אייז פון דער אָקע האָבן זיך אָנגעהויבן פויסט־קאַמפן פון די שטאָטלייט מיט די פויערן פון די אַרומיקע דערפער. אַלעקסיי איז יעדן יום טוב אַרויסגעגאַנגען אויפן קאַמף און האָט יעדעס מאָל זיך אומגעקערט אַ היים אַ בייזער און צעשלאָגענער.

— וואָס, אָליאָשאַ? — האָט געפרעגט אַרטאַמאָנאָוו. — אפּנים דאָ זענען די שלעגערס געשיקטער פון אונזערע?

איינרייבנדיק די אָנגעלאָפענע שטיקער בלוט מיט אַ קופּערנע מטבע אָדער מיט שטיקלעך אייז, האָט אַלעקסיי מרה־שחורהדיק צוגעשוויגן, אַלע מאָל אַ בלישטש געבנדיק מיט די שפּאַרבער אויגן, אָבער איינמאָל האָט פּיאָטר געזאָגט:

— אַלעקסיי שלאָגט זיך פלינק, דאָס שלאָגן אים די אייגענע, די שטאָטישע.

איליאַ אַרטאַמאָנאָוו האָט אַוועקגעלייגט די פויסט אויפן טיש און געפרעגט:

— פאַרוואָס?

— זיי האָבן נישט ליב.

— אים?

— אונז אַלע, איינעם.

דער פאָטער האָט אַ קלאַפּ געטון איבערן טיש, אַזוי, אַז דאָס ליכט איז אַרויסגעשפּרונגען פון לייכטער און פאַרלאָשן געוואָרן; אינדערפינצטער האָט זיך דערהערט אַ ריטש:

— וואָס דערציילסטו מיר, פּונקט ווי אַ מיידל, פסדר וועגן ליבשאַפט? איך זאָל מער נישט הערן אַזעלכע ווערטער!

אָנצינדנדיק דאָס ליכט, האָט ניקיטאַ שטיל געזאָגט:

— אָליאָשאַ וואָלט נישט באַדאַרפט גיין אויף די קאַמפן.

— דאָס איז — אַז מענטשן זאָלן חוזק מאַכן! — האָט זיך איבערגעשראָקן אַרטאַמאָנאָוו. דו — שווייג, שמש! פלוי.

האָבנדיק אויסגעזידלט אַלע, האָט איליאַ אין עטלעכע טעג אַרום, באַם נאַכטעסן, געזאָגט ברוגזדיק ליבלעך:

— איר, יאַטן, וואָלט באַדאַרפט גיין אויף בערן, אַ פיינע פאַרווייַלונג! איך פלעג גיין מיטן פירשט געאָרגי אין די ריאַזאַנער וועלדער, אויף דעם שפּיזן-געיעג האָבן מיר מיטגענומען די באַלעבאַטים, אינטערעסאַנט געווען!

אַריינגייענדיק אין התלהבות, האָט ער דערציילט עטלעכע פאַלן פון מזלדיקער יאַגד און אין אַ וואָך אַרום איז ער געגאַנגען מיט פּיאָטרן און אַלעקסייען אין וואַלד אַריין, דערהרגעט אַ גרויסן בער, אַ גרייז. דערנאָך זענען געגאַנגען די ברידער אַליין און אויפגעהויבן די מאַטקע, זי האָט אָפּגעריסן אַלעקסייען דאָס פּעלצל, אים צעדראַפּעט אַ היפּט, די ברידער האָבן זי פונדעסטוועגן בייגעקומען און געברענגט אין שטאָט אַריין אַ פּאָר בערעלעך, איבערלאָזנדיק די דערהאַרגעטע חיה אין וואַלד, די וועלף אויף נאַכטעסן.

— נו, ווי לעבן עפּעס דיינע אַרטאַמאָנאָווס? — האָבן די שטאָטלייט געפרעגט די באַימאַקאָווע.

— נישקשה, גוט.

— ווינטער איז אַ חזיר רויק, — האָט באַמערקט פּאַמיאַלאָוו.

די אַלמנה האָט, נישט גלייבנדיק זיך אַליין, אָנגעהויבן באַמערקן, אַז פון אַ געוויסער צייט אָן באַליידיקט זי די פיינדלעכע באַציונג צו די אַרטאַמאָנאָווס, די אומפריינדשאַפט צו זיי הילט זי אויך אַרום מיט קעלט. זי האָט געזעען, אַז די אַרטאַמאָנאָווס לעבן ניכטער, אין אחדות, טוען עקשנותדיק זייער זאַך און קיין שלעכטס איז נישט צו באַמערקן בא זיי. כסדר נאָכקוקנדיק דער טאָכטער און פּיאָטרן, האָט זי זיך איבערצייגט, אַז דער שווייגיקער, פעסטגעבויטער בחור פירט זיך אויף נישט לויטן עלטער ערנסט, באַמיט זיך נישט צוצודריקן נאַטאַליען אין אַ פינצטער ווינקל, צו קיצלען זי און איינרוימען איר נבול-פה, ווי ס'טוען די שטאָטישע חתנים. פ'האָט זי אַ ביסל באַאומרויקט די אומפאַרשטענדי-

לעכע, טרוקענע, אָבער שוינזאַמע און אפילו אַזויוי אייפעריקע באַציונג פון פּיאָטרן צו דער טאָכטער.

— קיין צערטלעכער מאַן וועט ער נישט זיין.

אָבער איינמאָל, אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ, האָט זי דער־הערט פון אונטן, אין פאָדערהויז, דער טאָכטערס קול:

— איר וועט ווידער גיין אויף אַ בער?

— מיר קלייבן זיך. וואָס איז?

— ס'איז געפערלעך, אַליאָשען האָט דאָך די חיה אָנגע־כאַפּט.

— ער איז אַליין שולדיק, — זאָל ער זיך נישט היצן. הייסט עס — איר קלערט וועגן מיר?

— איך האָב וועגן אייך גאָרנישט געזאָגט.

— זעסט, אַ שעלמאַ, — האָט אַ קלער געטון די מוטער, שמייכלענדיק און אָפּזיפצנדיק. — און ער — איז אַ פּשטן.

איליאַ אַרטאַמאָנאָוו פלעגט איר אַלץ פאָדערנדיקער זאָגן:

— אייל זיך צו מיט דער חתונה, אַז נישט וועלן זיי זיך אַליין צואיילן.

זי האָט געזעען, אַז מען דאַרף זיך איילן, דאָס מיידל איז שלעכט געשלאָפן באַנאַכט און האָט נישט געקענט פאַרבאָרגן, אַז ס'מאַטערט זי אַ קערפּערלעכע בענקשאַפט. אויף פסח האָט זי אויפסניי זי אָוועקגעפירט אין מאָנאַסטיר, און נאָך אַ חודש, צו־ריקקומענדיק אַ היים, האָט זי דערזעען, אַז איר פאַרוואָרלאָזטער סאָד איז שיין צוגערוימט, די וועגלעך זענען אויסגעפּיעלעט, די לישאַיעס פון די ביימער זענען אַראָפּגענומען, די יאַגדע־בייטן זענען אונטערגעשניטן און אונטערגעבונדן; און אַלץ איז געמאַכט געוואָרן מיט אַ געניטער האַנט. אַראָפּלאָזנדיק זיך מיטן שטעגל צום טייך, האָט זי באַמערקט ניקיטען, — דער הויקער האָט פאַרריכט דעם פּלויט, וואָס איז אונטערגעשווענקט געוואָרן דורך דעם פרי־לינגדיקן וואַסער. פון אונטער דעם לייוונטענעם, לאַנגן, איבער די קניען גרייכנדיקן, העמד האָבן נעבעכדיק אַרויסגעשטאַרט די ביינער פון הויקער, פאַרשטעלנדיק כמעט דעם גרויסן קאָפּ, מיט די גלוי־

כע, העלע האָר; בכדי די האָר זאָלן אים נישט פאַלן אויפן פּנים אַרויף, האָט זיי ניקיטאַ אונטערגעבונדן מיט אַ צווייגל פון אַ בעריאָזע. אַ גראָער צווישן דעם זאַפטיק גרינעם בלעטערוואַרג, איז ער ענלעך געווען צו אַ זקן אַ פּרוש, וואָס איז ביז זעלבסטפאַרגעסונג עקזאַלטירט פון דער אַרבעט; פאָכענדיק מיט דער אויף דער זון זילבערנדיקער האַק, האָט ער פלינק צוגעטשעשעט אַ דרענגל און שטילערהייט צוגעזונגען, מיט אַ דין מיידליש קול, עפּעס אַ קירכלעך געזאַנג. הינטערן פּלויט האָט גרינלעך געגלאַנצט אַ זיידן וואַסער, גאָלדענע אָפּגלאַנצן פון דער זון האָבן ווי קאַראַסן זיך געשפּילט דערין.

— גאָט העלף, — האָט אומגעריכט פאַר זיך מיט רירונג געזאָגט די פרוי; אַ פינקל טוענדיק אויף איר מיט אַ ווייך ליכט פון די בלויע אויגן, האָט ניקיטאַ ליבלעך זיך אָפּגערופן:

— באַשיץ גאָט.

— דאָס האָסטו דעם סאָד אויפגערוימט?

— איך.

— שיין אויפגערוימט. האָסט ליב סעדער?

שטייענדיק אויף די קניען, האָט ער קורץ דערציילט, אַז פון ניין יאָר אָן איז ער אָפּגעגעבן געוואָרן דורך דעם פירשט, דעם פריץ, אַלס שילער צו אַ גערטנער, און איצט איז ער אַלט ניינצען יאָר.

— האָרבאַטע, און אַזוי ווי נישט קיין שלעכטער, — האָט אַ קלער געטון די פרוי.

אינאָווענט, ווען זי האָט מיט דער טאָכטער געטרונקען טיי בּאַ זיך אינדערהייך, האָט זיך ניקיטאַ באַוויזן אין דער טיר מיט אַ בינטל בלומען אין דער האַנט און מיט אַ שמייכל אויף דעם געלבלעכן, נישט שיינעם און נישט פריילעכן פּנים:

— באַוויליקט צוצונעמען דעם ביקעט.

— נאָכוואָס איז דאָס? — האָט זיך פאַרוואונדערט די באַמאַקאָווא, פאַרדעכטיק באַטראַכטנדיק די שיין צוזעקליבענע בלומען און גרעזער, — ניקיטאַ האָט איר דערקלערט, אַז בּאַ זיינע

הערן איז ער מחויב געווען יעדן פרימאָרגן צו ברענגען בלומען דער פירשטין.

— אַזוי גאָר, — האָט געזאָגט די באַימאַקאָוואַ און אַביסע־לע זיך פאַררויטלענדיק, שטאָלץ אויפגעהויבן דעם קאָפּ: — בין איך דען ענלעך צו אַ פירשטין? זי איז געוויס אַ יפת תואר?

— זענט איר דאָך אויכעט.

נאָך מער רויט ווערנדיק, האָט די באַימאַקאָוואַ אַ קלער גע־טון:

— צי האָט אים נישט דער פאָטער אויסגעלערנט?

— נו, אַ דאַנק פאַרן כבוד, — האָט זי געזאָגט, נאָר צו דער טיי האָט זי נישט איינגעלאַדן ניקיטען, און ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זי אַ קלער געטון אויפן קול:

— שיין זענען באַ אים די אויגן; נישט דעם פאָטערס, נאָר דער מוטערס ווייזט אויס.

און האָט אַ זיפץ געטון.

— הפּנים, — ס'איז באַשערט מיר זאָלן מיט זיי לעבן.

זי האָט נישט שטאַרק צוגערעדט אַרטאַמאָנאָוון צו וואַרטן מיט דער חתונה ביז האַרבסט, ווען ס'וועט זיך פאַרענדיקן אַ יאָר פון זינט איר מאַנס טויט, נאָר זי האָט אַנטשלאָסן דערקלערט דעם:

— נאָר דו, האַר, איליאַ וואַסילעוויטש, רוק זיך אָפּ פון דעמדאָזיקן ענין, לאָז מיך איינאָרדענען אַלץ אויף אונזער שטייגער, ווי ס'געהער צו זיין, אויפן אַלטפרענקישן אופן. דאָס וועט פאַר דיר אויך נוצלעך זיין, וועסט מיטאַמאָל אַריינגיין צווישן אַלע שענסטע מענטשן אונזערע, וועסט זיך אַוועקשטעלן אויף אַן אָנגעזעען אָרט.

— נו, — האָט גאַוההדיק אַ מרוטשע געטון אַרטאַמאָנאָוו, — מיך זעט מען אַזוי אויך פונדערווייטנס אָן.

אַ באַליידיקטע פון זיין פאַרריסנקייט, האָט זי געזאָגט:

— דיך האָט מען דאָ נישט ליב.

— מילא, וועט מען אָנהייבן מורא האָבן.

און אַ לאַך טוענדיק, אַ קוועטש ג מיט די אַקס-לען:

— אַט זינגט פּיאַטר אויכעט אַליין-איינעם וועגן ליבשאַפט. אויסטערלישע מענטשן זענט איר...

— אויף מיר פאַלט אויך בולט דידאַזיקע אומליבשאַפט.

— דו, מחותנתטע, באַאומרויק זיך נישט!

אַרטאַמאַנאַוו האָט אויפגעהויבן די לאַנגע לאַפּע, צונויפדריקנ-דיק ביז רויט די פינגער אין אַ פויסט.

— איך קען מענטשן אַרומהאַקן, אַרום מיר וועט מען נישט לאַנג אַרומטאַנצן. איך קען זיך באַגיין אָן ליבשאַפט...

די פרוי האָט צוגעשוויגן, קלערנדיק מיט אומהיימלעכער אומרויקייט:

— סאַראַ חיה.

און אַט איז איר היימלעך הויז אָנגעפילט מיט די חברטעס פון דער טאָכטער, מיט מיידלעך פון די שענסטע משפּחות אין שטאָט; זיי אַלע זענען גרויסאַרטיק אָנגעטון אין אַלטפרענקישע בראָקאַטענע סאַראַפאַנען מיט ווייסע אָנגעבלאָזענע אַרבל פון מוש-לין און דינע לייוונט, מיט אָספּערס און מיט געבלימט אויסגענייט זיידנס, מיט שפיצן אין די אַרבל, אין לאַקירטע און סאַפיאַנענע שיך, מיט בענדער אין די לאַנגע מיידלשע צעפּ. די כּלה האָט זיך געשטיקט אין דעם שווערן זילבער-בראָקאַטענעם סאַראַפאַן, מיט די אָפּגעגילדטע אַזשור-קנעפּלעך פון קאַלנער ביזן פּאָדל, אין דעם גאָלד-בראָקאַטענעם קאַפּטנדל אויף די אַקסלען, אין די ווייסע און העל-בלויע בענדער; זי זיצט, ווי אַן אייזיקע, אין פּאָדערשטן ווינקל און, אַפּווישנדיק מיטן געהאָפטענעם טיכעלע דאָס פאַרשוויצ-טע פּנים, „דיכטעט" זי הילכיק:

— איבער לאָנקעס, איבער גרינע,
איבער בלומען הימל-בלויע,
גיסט זיך וואַסער פרילינגדיקס,
קוואַליק וואַסער, אוי טריביקס...

די חברטעס כאַפּן אונטער מיט הויכע קולות און איינהייטלעך דעם אָפּשטאַרבנדיקן קרעכץ פון דער מיידלשער טענה:

שיקט מען מיך, מיידל אַליין,
הייסט מען מיך נאָך וואַסער גיין,
באָרוועסערהייט, אָן די שיך
נאַקעטערהייט, אָן אַ טיך...

אַן אומגעזעענער אין דער חברה מיידלעך לאַכט הויך און שרייט אַלעקסיי:

— דאָס איז אַ קאָמיש ליד! מען האָט אַריינגערוקט דאָס מיידל אין בראָקאַט, ווי אַן אינדיטשקע אין אַ בלעכערנעם עמער, און — איר שרייט: נאַקעטערהייט, אָן אַ טוך!

נאָענט צו דער כלה זיצט ניקיטאַ; דער נייער בלאָער קאַפּטאַן איז אומגעלומפּערט און קאָמיש אַרויפגעפּאָרן פון הויקער אויפן נאַקן, זיינע בלויע אויגן זענען ברייט צעעפנט און קוקן אויף נאַטאַליען אַזוי אויסטערליש, ווי ער וואָלט כלומרשט מורא געהאַט, אַז דאָס מיידל וועט באַלד צעגיין, פאַרשווינדן. אין דער טיר שטייט, פאַרשטעלנדיק זי אינגאַנצן, מאַטרענאַ באַרכקאַ און, דרייענדיק מיט די אויגן, הודזשעט זי מיט אַ טיפן באַס.

אַ שפּרייז טוענדיק מיט אַ ברייטן שפּאַן פון אַ פערד, ווייזט זי שטרענג אָן ווי אַזוי מען דאַרף צו זינגען לויטן אַלטפרענקישן נוסח, מיט וואָס פאַר אַ צאַפּל מען דאַרף זיך גרייטן צו דער חופה.

— ס'ווערט געזאָגט; „מיט אַ מאַן — איז ווי הינטער אַ שטיינערנער וואַנט”, ווייסט זשע בכן: פעסט איז די וואַנט — נישט דורכצוברעכן, הויך — נישט אַריבערצושפּרינגען.

אָבער, די מיידלעך הערן זי נישט אויס, אין צימער איז ענג, הייס, שטופּנדיק די אַלטע, לויפן זיי אַרויס אין הויף אַריין, אין סאָד אַריין; צווישן זיי, ווי אַ בין אין בלומען, פלאַטערט אַרום אַלעקסיי, אין אַ זיידענער גאָלדיקער בלוזע, אין פּליושענע הויזן, אַ הילכיקער, אַ הייטערער, ממש אַ שכורער.

מיט באַליידיקט אָנגעבלאָזענע גראָבע ליפּן, מיט אַרויסגעזעצטע אויגן, הויך אויפהייבנדיק פון פאַרנט דעם פאָדל פון דעם וואָלענעם קלייד, גייט די באַרסקאַ, ווי אַ וואָלקן געדיכטער רויך, אַרויף אינדערהייך, צו אוליאַנען, און זאָגט נביאיש:

— די טאָכטער איז באַ דיר פריילעך, ס'איז נישט על פּי דין, נישט על פּי מנהג. אַ פריילעכער אָנהויב — איז אַ שלעכטער סוף!

די באַימאַקאָוואַ נישטערט פאַרדאגהט אין אַ גרויסן, געקאָוועטן קופערט, שטייענדיק אויף די קניען פאַר אים; אַרום איר אויף דער פּאָדלאָגע, אויפן בעט, זענען צעוואָרפן, ווי אין אַ יאַריד־קראָם, שטיקער שטאָף, קאַנאַוס, מאָסקווער קומאַטש, קאַשמירענע שאַלן, בענדער, אויסגענייטע האַנטיכער; אַ ברייטער זונען־שטראַל ליגט אויף די העל־קאָלירטע געוואַנדן און זיי ברענען פילפאַרביק, פונקט ווי אַ וואָלקן בעת שקיעה־שטראַלונג.

— ס'איז נישט קיין דרך ארץ, אַז דער חתן זאָל ביז דער חופּה וואוינען אין די כּלהס הויז, די אַרטאַמאַנאָווס האָבן זיך באַדאַרפט אַרויסציען...

— וואָלסט פריער געזאָגט, ס'איז שפּעט אַצינד וועגן דעם צו רעדן, — וואָרטשעט אוליאַנאַ, איבערבייגנדיק זיך איבערן קופערט, כּדי צו באַהאַלטן דאָס פאַרצאָקטע פּנים, און הערט ווײַטער דאָס באַסאָווע קול:

— וועגן דיר האָט מען געשמועסט, אַז ביסט אַ קלוגע, האָב איך דעריבער געשוויגן. כ'האָב געמיינט — וועסט זיך אַליין אָנשטויסן. וואָס בין איך דען אויסן? איך וויל, — זאָל נאָר דער אמת געזאָגט ווערן: מענטשן וועלן נישט אָננעמען, אָבער דער אויבערשטער וועט פאַררעכענען.

די באַרסקאַ שטייט ווי אַ מאָנומענט, האַלטנדיק דעם קאָפּ אומבאַוועגלעך, ממש אַ שיסל, וואָס איז ביז די ראַנדן אָנגעפּילט מיט חכמה; נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף קיין תשובה, קריכט זי אַרויס הינטער דער טיר, און אוליאַנאַ, שטייענדיק אויף די קניען אין פאַרביקער שרפה פון די געוואַנדן, פליסטערט אין צער און שרעק:

— רבונו של עולם, — העלף! נעם נישט צו דעם פאַר־שטאַנד.

ווידער אַ שאָרך באַ דער טיר, זי האָט געשווינד אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין קופּערט, כּדי צו באַהאַלטן די טרערן, ניקיטאַ אין דער טיר:

— נאַטאַליע יעווסייעוונאַ האָט געשיקט געוואויר ווערן, צי איר דאַרפט נישט קיין הילף אין עפּעס.

— אַ דאַנק, ליבער...

— אין קיך האָט אַלגונקאַ אַרלאָוואַ זיך מיט פּלוסטער אָפּ־געגאָסן.

— יאָ, — וואָס זאָגסטו? אַ קלוגינק מיידעלע, — זי וואָלט פאַר דיינעטוועגן אַ גוטע כּלה...

— ווער וועט מיך וועלן...

און אין סאָד אונטער אַ ליפּע, אַרום אַ קיילעכיקן טיש זיצן, טרינקען ביר, איליאַ אַרטאַמאָנאָוו, גאַווריליאַ באַרסקי, דער כּלהס טויף־פאָטער, פּאָמיאַלאָוו, דער גאַרבער זשיטיעיקין און דער סטעל־מאַך וואָראָפּאָנאָוו; אָנגעשפּאַרט אָן אַ שטאַם פון אַ ליפּע, שטייט פּיאָטר, זיינע טונקעלע האָר זענען אָנגעשמירט מיט אַ סך אייל און דער קאָפּ זעט אויס אַן אייזערנער, ער האָרכט מיט רעספּעקט דעם שמועס פון די עלטערע.

— באַ אייך זענען אַנדערע מנהגים, — זאָגט פאַרטראַכט דער פאָטער, און פּאָמיאַלאָוו רימט זיך:

— מיר זענען דאָך דאָ דאָס שורשדיקע פאָלק, דאָס גרויס־רוסלאַנד!

— און מיר זענען אויך נישט קיין צוגעשפּאַנטע.

— די מנהגים זענען באַ אונז פּאַרצייטישע...

— מאָרדווינער אַ סך, טשוזשן...

מיט אַ געקוויטש און געלעכטער, זענען, שטופּנדיק זיך, געקומען צו לויפן אין סאָד אַריין די מיידלעך און, אַרומרינגלענ־דיק דעם טיש מיט אַ קראַנץ פון סאַראַפאַנען, האָבן זיי אָנגעהויבן זינגען אַן אויפרופנס:

אוי, זאָל גאָט געבן דעם מחותּן דעם גרויסן,
דעם פּיינעם איליאַ וואַסילעוויטשן,
אויף דער ערשטער שטיג — איין פוס צו פאַרלירן,
אויף דער צווייטער — דעם צווייטן,
און אויף דער דריטער — האַלז און נאַקן צעברעכן.

— דאָס איז אַן אויפרופנס! — האָט פאַרוואונדערט אַ גע-שריי געטון אַרטאַמאָנאָוו, ווענדנדיק זיך צום זון, — פיאָטר האָט פאַרזיכטיק אַ לאַך געטון, וואַרפנדיק בליקן אויף די מיידלעך און צופנדיק זיך באַם אויער.

— אָבער דו הער נאַר! — עצהט אים באַרסקי און קוועלט אָן.

— ס'איז נאָך ווינציק דעם מחותּן אונזערן
דעם אָוועקרויבער דעם מיידלשן...

— ס'איז נאָך ווינציק? — שרייט אויפרעגנדיק זיך אַר-טאַמאָנאָוו, קענטיק צעטומלט, פּויקנדיק מיט די פינגער אָן טיש.

אָבער די מיידלעך זינגען ווייטער מיט היץ:

— מיט געזאַנג דיך אויף דער בראָנע,
און פון באַרג דיך אויף די שטיינער,
אַז דו זאָלסט אונז נישט גענאַרן,
נישט אונז ליבן, נישט אונז רומע
די פרעמד-ווייטע דיינע קאַנטן,
די אומבאַוואוינטע ישובים, —
מיט צרות זענען זיי באַזייעט,
מיט טרערן זענען זיי באַגאָסן...

— אָט וואָס מען מיינט! — האָט באַליידיקט אַ געשריי גע-טון אַרטאַמאָנאָוו. — נו, מיידלעך, נישט אייך אויף להכעיס, וועל איך פונדעסטוועגן מיינע קאַנטן יאָ ליבן: באַ אונז זענען די

מנהגים ווייכערע, דאָס פאָלק פריינדלעכער. באַ אונז איז אפילו אַ ווערטל פאַרהאַן:

„סוואַפּאַ און אוסאָזשאַ — פליסן אַריין אין סיים; אַ לויב דיר גאָט, — נישט אין דער אָקע!"

— דו — וואַרט נאָך צו, דו קענסט נאָך אונז נישט, — האָט אַ ביסל זיך באַרימענדיק, אַ ביסל דראָענדיק געזאָגט באַרסקי. — נו, באַשענק די מיידלעך!

— וויפיל זשע זיי געבן?

— וויפיל דאָס האַרץ פאַרגינט.

נאָר ווען אַרטאַמאָנאָוו האָט געגעבן די מיידלעך צוויי זילבערנע רובלעס, האָט פּאָמיאַלאָוו בייז געזאָגט:

— גיסט ברייט, שטעלסט זיך שיין!

— נו, שווער אייך צופרידנצושטעלן! — האָט אויך בייז אַ געשריי געטון איליאַ. באַרסקי האָט זיך הילכיק צעלאַכט, און זשיטייקין האָט צעשאָטן אין דער לופט אַ דראָבנע און שאַרף געלעכטערל.

דער פאָרשפּיל האָט זיך געענדיקט באַגינען, די געסט זענען זיך צעגאַנגען, כמעט אַלע אין הויז זענען אַנטשלאָפן געוואָרן, אַרטאַמאָנאָוו איז געזעסן אין סאָד מיט פּיאָטרן און ניקיטען, האָט געגלעט די באָרד און גערעדט נישט הויך, באַטראַכטנדיק דעם סאָד, קוקנדיק אויף די ראָזלעכע וואָלקנס:

— אַ האַרב פאָלק. נישט קיין פריינדלעך פאָלק. דו, פּיעטרוכאַ, טו שוין אַלדינג, וואָס די שוויגער וועט הייסן, כאָטש דאָס זענען ווייבערישע נאַרישקייטן, אָבער — מען מוז! אַלעקסיי איז געגאַנגען באַגלייטן די מיידלעך? באַ די מיידלעך האָט ער חן, און באַ די בחורים — נישט. מיט רוגזא קוקט אויף אים באַרסקיס זינדל... נ־יאָ! דו, ניקיטאַ, זיי וואָס ליבלעכער, דו קענסט דאָס. דיין דעם טאַטן אַלס פאַרשמײכעלעך, וואו איך וועל אַ שפּאַלט מאַכן, זאָלסטו — פאַרשטאָפּן.

אַ קוק געבנדיק מיט איין אויג אין דער גרויסער הילצערנער קרוג, האָט ער פאַרגעזעצט מרה־שחורהדיק:

— זיי האָבן אַלץ אויסגעזשלאָקעט; טרינקען, ווי די פערד.

— וואָס קלערסטו, פּיאָטר!

האַלטנדיק אין די הענט דעם זיידענעם פּאַסיק, דער כּלהס מתּנה, האָט ער שטיל געזאָגט:

— אין דאָרף — איז איינפאַכער, רויקער צו לעבן.

— נו... פאַרוואָס נישט איינפאַכער, אַז מען קאָן אָפּשלאָפן די טעג...

— זיי שלעפן אָפּ מיט דער חתונה.

— זיי געדולדיק.

און אָט איז אָנגעקומען פאַר פּיאָטרן אַ גרויסער, שווערער טאָג. פּיאָטר זיצט אין פאָדערשטן ווינקל פון דער שטוב, וויסנ־דיק, אַז זיינע ברעמען זענען שטרענג צונויפגערוקט, אָנגעכמו־רעט, פילנדיק, אַז דאָס איז נישט גוט, מאַכט אים נישט שענער אין דער כּלהס אויגן, אָבער צעפירן די ברעמען קען ער נישט, זיי זענען פונקט ווי מיט אַ פעסטן פאָדעם צוזאַמענגענייט. וואַרפנ־דיק זייטיקע בליקן אויף די געסט, גיט ער אַלעמאָל אַ שאָקל מיט די האָר, די האָפּן שיטן זיך אויפן טיש און אויף נאַטאַליעס זיידן טוך, זי זיצט אויך באַטריבט, מיד צולענענדיק די אויגן, זי איז זייער בלאַס, איבערגעשראָקן, ווי אַ קינד, און ציטערט פון בושה.

— ביטער! — ריטשען צום צוואַנציקסטן מאָל רויטע, האָ־ריקע פּרצופּער מיט אַרויסגעשטשירעטע ציין.

פּיאָטר דרייט זיך אויס ווי אַ וואָלף, נישט אויסבייגנדיק דעם האַלז, הייבט אונטער דאָס טוך און מיט טרוקענע ליפּן, מיט דער נאָז לייגט ער זיך צו צו דער באַק, שפּירנדיק די סאַמעטענע קילקייט פון איר הויט, דעם שרעקיקן ציטער פון אַקסל; ער האָט רחמנות אויף נאַטאַליען און שעמט זיך אויך, אָבער דער ענגער רינג פון די אָנגעשכּורטע לייט ליאַרמט:

— ער קען נישט דער בחור!

— אין די ליפּן אַריין צילעווע!

— עך, איך וואָלט עס אַ קוש געטון...

אַ שכּורע פרויען־שטימע קוויטשעט:

— איך וועל דיר אַ קוש טון!

— ביטער! — ריטשעט באַרסקי.

צונויפקלאַמערנדיק די ציין, לייגט זיך פּיאָטר צו צו דעם מיידלס פּייכטע ליפּן, זיי ציטערן און זי אײַנגאַנצן, אַ ווייסע, ווי זי וואָלט כּלומרשט צעגאַנגען, ענלעך צו אַ וואָלקן אויף דער זון. זיי זענען ביידע הונגעריק, מען האָט זיי פון נעכטן אָן נישט געגעבן קיין עסן. פון אויפרעגונג, פון די עסיקע ריחות פון די משקאות און די צוויי גלעזער שוימיקן צימלאַנער וויין, פילט זיך פּיאָטר שכּור און האָט מורא, אַז די כּלה וועט עס באַמערקן. אַלץ אַרום וואַקלט זיך, דאָ זיך צונויפגיסנדיק אין אַ בונטער קופּע, דאָ צעשווימענדיק זיך אין אַלע זייטן אין רויטע, אָנגעבלאָזענע, נישט אָנגענעמע פּרצופּער. דער זון קוקט מיט געבעט און בייז אויפן פאָטער, איליאַ אַרטאַמאָנאָוו אַ צעטראָגענער, אַ צעפלאַמטער שרייט, קוקנדיק אין דער באַימאַקאָווס ראָזן געזיכט:

— מחותּנתטע, לאָמיר טרינקען לחיים מיט מעד! דער מעד איז בײַ דיר — געראָטן אין דער באַלעבאָסטע — זיס...

זי שטרעקט אויס אַ קיילעכיקע, ווייסע האַנט, ס׳פינקלט אויף דער זון אַ גאָלדענער בראָנזלעט מיט קאָלירטע שטיינער, אויף דער הויכער ברוסט גיסט זיך פונאַנדער אַ שטראָם פּערל. זי איז אויך בגלופין, אין אירע גראָע אויגן איז אַ פאַרחלשטער שמייכל, די צעעפנטע ליפּן רירן זיך לאָקנד, אָנקלאַפּנדיק די גלעזלעך, טרינקט זי און בויגט זיך פאַרן מחותּן, און ער, אַ וואָרף געבנדיק מיטן קוטשמעוואַטן קאָפּ, ליאַרמט מיט אַנטציקונג:

— סאַראַ געגעדיקייט דו פאַרמאָגסט, מחותּנתטע! אַ פירשטלעכע געגעדיקייט, ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן!

פּיאָטר פאַרשטייט נעפּלדיק, אַז דער פאָטער האַלט זיך נישט פּאַסיק; אינם שכּורן לאַרם פון די געסט כאַפּט ער עמפּינדלעך אויף די לצנותדיקע אויסגעשרייען פון פּאָמיאַלאָוון, די באַסאָווע פאָרוואורפן פון דער באַרסקאַ, דאָס דינע געלעכטערל פון זשיטיעיקינען.

— ס׳איז נישט קיין חתונה, נאָר — אַ געריכט, — טראַכט ער און הערט:

— קוקט נאָר אָן, ווי ער קוקט עס, דער שד, אויף אוליאַ־נען, אוי־אוי!

— ס׳וועט זיין נאָך אַ חתונה, נאָר אָן פּאָפּן...

דידאַזיקע ווערטער קלעפּן זיך אויף אַ מינוט איין אים אין די אויערן, אָבער ער פאַרגעסט זיי באַלד, ווען נאַטאַליעס קני אָדער עלנבויגן רירט זיך צו צו אים און רופט אַרויס אין זיין גאַנצן קערפּער אַן אומרויקע פאַרחלשטקייט. ער פלייסט זיך נישט צו קוקן אויף איר, האַלט דעם קאָפּ אומבאַוועגלעך, און קאָן זיך נישט אַן עצה געבן מיט די אויגן, זיי שיקלען עקשנותדיק אין איר זייט אַריין.

— ס׳וועט שוין אפשר נעמען אַ סוף צו דעם? — פליסטערט ער, נאַטאַליאַ ענטפערט אויך אַזוי שטיל:

— איך ווייס נישט.

— ס׳איז אַ בושה...

— יאָ, — הערט ער און איז צופרידן, וואָס די כלה פילט אַלציינס מיט אים.

אַלעקסיי איז מיט די מיידלעך, זיי זענען זיך משמח אין סאָד; ניקיטאַ זיצט לעבן לאַנגן פּאָפּ, דער פּאָפּ האָט אַ נאַסע באָרד און געלע, קופּערנע אויגן אויפן געשטופּלטן פּנים. פון הויף און פון דער גאַס קוקן אין די אָפענע פענצטער אַריין שטאָט־לייט, צענדליקער קעפּ באַוועגן זיך אין דער בלויער לופט, פון מינוט צו מינוט פאַרבייטנדיק איינער דעם אַנדערן; די אָפענע מיילער שעפּטשען, שיפּען, שרייען; די פענצטער זעען אויס ווי זעק, פון וועלכע דידאַזיקע טומלענדיקע קעפּ וועלן זיך באַלד אַריינקאָלערן אין צימער אַריין, ווי אַרבוזן. ניקיטאַ האָט באַזונדער באַמערקט דאָס פּנים פון דעם ערד־גרעבער טיכאָן וויאַלאָוו, דאָס בייניקע, געלבלעך און געדיכט באַוואַקסענע, מיט רויטע פלעקן. די אויפן ערשטן בליק פאַרבלאָזע אויגן האָבן מאָדנע געצאַנקט, צופינטלענדיק, נאָר געפינטלט האָבן די אַפּלען, און די ווימפּערן האָבן זיך נישט גערירט. און אומבאַוועגלעך זענען די דינע,

עקשנותדיק צונויפגעפּרעסטע ליפּן פון דעם נישט גרויסן מויל, וואָס איז קוים באַדעקט מיט געקרייזלטע וואָנסעס. און די אויערן זענען נישט גוט צוגעטוליעט צום שאַרבן. דערדאָזיקער מענטש, וואָס האָט זיך אַרויפגעלייגט מיט דער ברוסט אויף דעם פענצטעראָנשפּאַר, האָט נישט געטומלט, זיך מיט קיינעם נישט געזידלט, בעת די מענטשן האָבן אים געפּרוּווט אַוועקשטופּן. ער האָט זיי שווייגנד אַוועקגעשאַרט מיט לייכטע באַוועגונגען פון די אַקסלען און עלנבויגנס. די אַקסלען זענען בא אים געווען שטרענג קיילעכיקע, דער האַלז האָט זיך באַהאַלטן אין זיי, דער קאָפּ איז געוואַקסן אַזוי ווי גלייך פון דער ברוסט, ער האָט זיך אויסגעוויזן אויך הויקערדיק און אין זיין פּנים האָט ניקיטאַ געפונען עפּעס צוציענדיקס, גוטס.

אַ לאָמער בחור האָט אומגעריכט און ליאַרמיק אַ קלאַפּ געטון אין אַ פּייקל, פּעסט אַ פּיר געטון מיטן פינגער איבער זיין פּעל, דאָס פּייקל האָט זיך צעקלאָגט, צעהודזשעט, עמעץ האָט, אַ פייף געבנדיק, אויסגעצויגן אויף דער קני אַ צווייררייקע האַרמאָניקע און באַלד האָט אינמיטן צימער זיך גענומען דרייען, צוטופּען דער קיילעכיקער, געלאָקטער אונטערפירער דער כלהס, סטעפּאַשאַ באַרסקי, צושרייענדיק צום טאַקט פון דער מוזיק:

— העי, מיידעניצעס, להכעיסניצעס,
טענצל־גייערינס, רכילות־דרייערינס!
הערט, ווי ס׳קלינגט געלט בא מיר,
קומט זשע אַרויס אַקייגן מיר.

זיין פאָטער האָט זיך אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצן ריזיקן וואוקס און אַ דונער געטון:

— סטעפּקאַ! פאַרשעם נישט די שטאָט, ווייז די הינדלעך!

אין אויפגעשפּרונגען איליאַ אַרטאַמאַנאָוו, אַ וואָרף געבנדיק מיטן — ווי אַ פּאָמעטלע — צעשויבערטן קאָפּ, דאָס פּנים האָט זיך אים אָנגעגאָסן מיט בלוט, די נאָז איז געווען רויט, ווי אַ קויל, ער האָט אַ געשריי געטון באַרסקין אין פּנים אַריין:

— מיר זענען דיר נישט קיין הינדלעך, נאָר — קוריאַנער! און — ווער ווען ווערט איבערטאַנצן, ווייסט מען נאָך נישט! אַליאָשאַ!

אײנגאַנצן אַ לייכטנדיקער, ווי ער וואָלט געווען אָפּגעלאַקירט, האָט אַלעקסיי, שמייכלענדיק, זיך צוגעקוקט צום דריאַמאָווער טענצער און האָט זיך אַ לאָז געטון, פּלוצלינג בלאַס ווערנדיק, שנעל — נישט צו דערזען מיטן אויג, צוקוויטשענדיק מיידלמעסיק.

— ער קען נישט קיין ווערטער! — האָבן אויסגעשריגן די דריאַמאָווער, און גלייך האָט זיך דערהערט אַרטאַמאָנאָווס ווילדער געבריל:

— אַליאָשקאַ! — כ׳דערהרגע דיך!

נישט אָפּשטעלנדיק זיך, דייטלעך און דראָבנע צוקלאַפּנדיק, האָט אַלעקסיי אַריינגעלייגט צוויי פינגער אין מויל אַריין, האָט אַ פאַרטויבנדיקן פייף געטון און הילכיק אַרויסגעזאָגט:

— באַ דעם פּריץ, באַ מאָקייען,
איז געווען זיך פינף לאָקייען
איצטער איז דער האַר מאָקיי,
אַליין זיך אויכעט אַ לאָקיי!

— נאַט אייך! — האָט בצחוקדיק אַ ריטש געטון אַרטאַמאָנאָוו.

— אָהאָ! האָט באַדייטונגספול אויסגעשריגן דער פּאָפּ און, אויפהייבנדיק דעם פינגער, אַ דריי געטון מיטן קאָפּ.

— אַלעקסיי וועט איבערטאַנצן אייערן, — האָט געזאָגט פּיאָטר נאַטאַליען, — זי האָט נישט דרייסט געענטפערט:

— ר׳איז אַ גרינגער.

די פּאָטערס האָבן אונטערגעהעצט די קינדער, ווי קעמפנדיקע צוויי הענער; האַלב שכורע זענען זיי געשטאַנען אַקסל צו אַקסל איינער לעבן אַנדערן, איינער — אַ ריזיקער, אַ מגושמדיקער, ממש אַן אומגעהייערער זאַק האָבער, פון זיינע רויטע, שמאָלינקע שפּעלטלעך אונטער די ברעמען איז געריגען אַ טייך טרערן

פון שכורן נחת; דער צווייטער האָט זיך איינגאַנצן צונויפגעצויגן, ווי גרייטנדיק זיך אַ שפרונג צו טון, ער האָט געדירט מיט לאַנגע הענט, גלעטנדיק זיינע היפטן, די אויגן זיינע זענען כמעט משוגע. פיאָטר, וועלכער זעט, אַז דעם פאָטערס באָרד באַוועגט זיך אויף די קינבאַקן, טראַכט:

— ער סקריפּעט מיט די ציין. ער וועט עמעצן אַ קלאַפּ טון...

— ער טאַנצט מיאוס, דער אַרטאַמאָנאָווער! — הערט זיך די טרומייטנדיקע שטימע פון מאַטרענאַ באַרסקאַ. — ער טאַנצט בישט עלעגאַנט! אָרים!

איליאַ אַרטאַמאָנאָוו לאַכט הילכיק אַריין אין דעם שוואַרצן קיילעכיקן, ווי אַ בראָט-פּענדל, פּנים אירן, אין איר ברייטער נאָז אַריין, — אַלעקסיי האָט מנצח געווען, באַרסקיס זון גייט, וואַקלענדיק זיך, צו דער טיר, און איליאַ, גראָב אַ ריס געבנדיק דער באַימאַקאָוועס האַנט, באַפעלט:

— נו, מחותנתטע, גיי אַרויס!

בלאַס ווערנדיק, פּאָכענדיק מיט דער פרייער האַנט, ווערט זי זיך בייז און פאַרלוירן:

— וואָס טוסטו! צי פּאַסט עס דען פאַר מיר, וואָס טוסטו?

די געסט זענען פאַרשוויגן געוואָרן, שמייכלענדיק, פּאָמיאַלאָוו האָט זיך איבערגעקוקט מיט דער באַרסקען, בוימלדיק שיפּען זיינע ווערטער:

— נו, ס'מאַכט נישט אויס! פאַרשאַפט אַ נחת, אוליאַנאַ, כאָפּ אַ טענצל! דער אויבערשטער וועט מוחל זיין...

— די עבירה — אויף מיר! — שרייט אַרטאַמאָנאָוו.

ער האָט זיך אַזוי ווי אויסגעניכטערט, אָנגעכמורעט זיך און ווי ער וואָלט כּלומרשט געגאַנגען אין קאַמף, גייענדיק אַזוי ווי נישט מיטן אייגענעם ווילן. די באַימאַקאָוואַ האָט מען אַ שטופּ געטון אַנטקעגן אים, די שכורע פרוי האָט זיך אַ וואַקל געטון, זיך אַ גליטש געטון און, אויסגלייכנדיק זיך, פאַרוואַרפנדיק דעם

קאָפּ, האָט זי זיך געלאָזט גיין אין אַ רעדל, — פּיאָטר האָט דער־הערט אַ דערשטוינטן פּליסטער:

— אָ, מענטשן האַרציקע! דער מאַן ליגט נאָך קיין יאָר אין דער ערד נישט, און זי האָט שוין די טאָכטער אויסגעגעבן און טאַנצט אַליין אויך!

נישט קוקנדיק אויפן ווייב, נאָר פאַרשטייענדיק, אַז ס'איז איר אַ חרפּה פאַר דער מוטער, האָט פּיאָטר אַרויסגע־מורמלט

— דער טאַטע האָט נישט באַדאַרפט צו טאַנצן.

— די מאַמע האָט אויך נישט געדאַרפט, — האָט זי גע־ענטפערט שטיל און טרויעריק, שטייענדיק אויף אַ באַנק און קוקנ־דיק אויפן ענגן ראָד מענטשן, איבער זייערע קעפּ אַריבער. זי האָט זיך אַ וואַקל געטון און זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט אָן פּיאָטרס אַקסל.

— פאַמעלעך! — האָט ער געזאָגט צערטלעך, אונטער־האַלטנדיק זי באַם עלנבויגן.

אין די אָפענע פענצטער האָבן דורך די קעפּ פון די צוקוי־קער זיך אַריינגעגאָסן אָפּגלאַנצן פון דער שקיעה־שטראַלונג, אין דעמדאָזיקן רויטלעכן פייער האָבן זיך געדרייט ווי בלינדע אַ מאַן און אַ פרוי. אין סאָד, אינם הויף, אויף דער גאַס האָט מען היל־כיק געלאַכט, געשריגן, און אינם דושנעם צימער איז געוואָרן אַלץ שטילער. די שטייף אָנגעצויגענע פעל פונם פּייקל האָט געבומט מיט עפּעס אַ מין טונקעלן קלאַנג, די האַרמאָניקע האָט געליאַרמט, אינם ענגן ראָד פון די בחורים און מיידלעך האָבן נאָך אַלץ, ווי־אָפּגעשרפּעטע, קראַמפּהאַפט זיך געצאַפּלט צווי; די מיידלעך און בחורים האָבן געקוקט אויף זייער טאַנץ שווייגנדיק, ערנסט, ווי אויף אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקן ענין, די סאָלידע מענטשן זענען טיילווייז אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף, פאַרבליבן זענען נאָר די טעמפּ געוואָרענע, טויט־שכורע.

אַרטאַמאָנאָוו איז, אַ טופּע טועגדיק, געבליבן שטיין:

— נו, דו האָסט מיך אָוועקגעהרגעט, אוליאַנאַ איוואַ־נאָוונאַ!

די פרוי האָט אַ ציטער געטון און איז אויך געבליבן שטיין ווי פאַר אַ וואַנט אויף, אַ בוק טוענדיק זיך צו אַלע, מיט אַן אַרומ־קרייזלענדיקן נויג, האָט זי געזאָגט:

— נעמט נישט פאַר אומגוט!

פאָכענדיק זיך מיטן טיכל, איז זי גלייך אַרויסגעגאַנגען פון צימער, און זי צו פאַרבייטן איז אַריינגעקראָכן די באַר־סקאַ:

— פירט פונאַנדער די חתן־כּלה. נו, פּיאָטר, קום נאָר אַהער צו מיר; אונטערפירערס, — פירט אים אונטער די הענט!

אַוועקשטופּנדיק די אונטערפירערס, האָט דער פּאָטער אַרויפ־געלייגט זיינע לאַנגע, שווערע הענט אויף דעם זונס אַקסלען:

— נו, גיי, זאָל זיין מיט מזל! לאָמיר זיך אַרומנע־מען!

ער האָט אים אַ שטופּ געטון, די אונטערפירערס האָבן גע־כאַפּט פּיאָטרן אונטער די הענט, די באַרסקאַ, גייענדיק פאָרויס, האָט געמורמלט, אויסשפייענדיק אין אַלע זייטן:

— טפו, טפו! נישט קיין קרענק, נישט קיין צער, נישט קיין קנאה, נישט קיין שאַנד, טפו! פייער, וואַסער — צו דער רעכ־טער צייט, נישט אויף קיין אומגליק, נאָר אויף גליק!

ווען פּיאָטר איז נאָך איר אַריינגעגאַנגען אין נאַטאַליעס צימער, וואו ס'איז געווען צוגעגרייט אַ גרויסאַרטיק געלעגער, האָט די אַלטע שווער זיך אַוועקגעזעצט אינמיטן צימער אויף אַ שטול.

— הער, און — פאַרגעס נישט! — האָט זי פייערלעך גע־זאָגט. — נאַדיר צוויי גילדן, לייג זיי אַריין אין די שטיוול, אונ־טער דער פּיאַטע; נאַטאַליע וועט אַריינקומען, וועט זי זיך שטעלן אויף די קניען, וועט וועלן אַראָפּציען פון דיר די שטיוול, — זאָלסטו זי נישט לאָזן...

— נאָכוואָס איז דאָס? — האָט פאַראומערט געפרעגט פּיאָטר.

— נישט דיין עסק. דריי מאָל — וועסטו נישט לאָזן, און אויפן פערטן — דערלויב און דעמאָלט וועט זי דיר דריי מאָל אַ

קוש טון, און דו גיב איר די גילדנס, זאָג: איך שענק דיר, קנעכטין מיינע, באַשערטע מיינע! געדענק! דערנאָך וועסטו זיך אויסטון און לייג זיך צו איר מיטן רוקן, און זי וועט דיך בעטן: לאָז איבערנעכטיקן! איז דו — שווייג, נאָר אויפן דריטן מאָל שטרעק איר אויס די האַנט, — האָסט פאַרשטאַנען? נו נאָכדעם...

פיאָטר האָט פאַרגאַפט אַ קיק געטון אין דעם שוואַרצן, ברייטן פנים פון דער לערערין, — צעשפּרייט די נאָזלעכער, באַלעקנדיק זיך די ליפּן, האָט זי אַרומגעווישט מיטן טיכל דעם פעטן גוידער, דעם האַלז און הערשעריש, דייטלעך אַרויסגערעדט די גראָבע, אומפאַרשעמטע רייד, איבערחזרנדיק צום געזעגנען:

— קיין געשריי — גלייב נישט, קיין טרערן — גלייב נישט, — זי איז, וואַקלענדיק זיך, אַרויסגעקראָכן פון צימער, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ שכורן ריח, און פיאָטרן האָט באַהערשט אַן אָנפאַל פון כעס, — אַראָפּגעריסן פון די פיס די שטיוול, האָט ער זיי אַרונטערגעשליידערט אונטערן בעט, האָט זיך שנעל אויסגעטון און אַ שפּרונג געטון אין בעט אַריין, ווי אויף אַ פערד אַרויף, צונויפקלאַמערנדיק די ציין, מורא האָבנדיק צו צעוויינען זיך פון עפּעס אַ מין גרויסער באַליידיקונג, וואָס האָט אים געשטיקט.

— שדים בלאָטיקע...

אינם פוכענעם בעט איז געווען הייס; ער איז אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער פּאָדלאָגע, צוגעגאַנגען צום פענצטער, האָט אויפגעפּראַלט די קוואַטירן, — פון סאָד האָט אים אין פנים אַריין אַ פלייץ געטון אַ שכורער רעש, הילכיקע געלעכטערן, מיידלשע קוויטשעריי; אין דער בלוילעכער טונקלקייט, צווישן די ביימער, האָבן אַרומגעבלאָנקעט שוואַרצע מענטשן-פיגורן. ווי אַ קופּערנער פינגער האָט זיך אַריינגעשטאָכן אין הימל אַ דינער שטיפּט פון דעם ניקאָלער גלאָקן-טורם, קיין צלם איז אויף דעם שטיפּט נישט געווען, מען האָט אַראָפּגענומען אָפּצוגילדן. הינטער די דעכער פון די הייזער האָט טרויעריק געלויכטן די אָקע, אַ שטיק לבנה

האָט זיך געשמאָלצן איבער איר, ווייטער זענען ווי שוואַרצע שנייבערג געלעגן אומענדלעכע וועלדער. ס׳איז אים געקומען אויפן זיבעצן אַן אַנדער לאַנד, — אַ רחבותדיק לאַנד פון גאָלדענע אַקערפעלדער, ער האָט אָפּגעזיפּצט; אויף די טרעפּ האָט זיך דערהערט אַ טופּעריי, אַן איינגעהאַלטן געלעכטערל, ער האָט ווידער אַ שפּרונג געטון אין בעט אַריין, ס׳האָט זיך געעפנט די טיר, ס׳האָט געשורשעט דער זייד פון לענטעס, ס׳האָבן געסקריפּעט שיך, עמעץ האָט שלאָכצנדיק געוויינט; ס׳האָט אַ גרילץ געטון דער קייטל, אַרייגעלייגט אינם סקאָבל. פיאָטר האָט פּאָרזיכטיק אונטערגעהויבן דעם קאָפּ; אין טונקלקייט באַ דער טיר איז געשטאַנען אַ ווייסע פיגור, ריטמיש פּאָכענדיק מיט דער האַנט, איינבייגנדיק זיך כמעט ביז צו דער ערד.

— זי איז מתפּלל. און איך — האָב נישט מתפּלל געווען.

אָבער מתפּלל זיין — האָט זיך נישט געגלוסט.

— נאַטאַליאַ יעווסעיעוונאַ — האָט ער שטילערהייט אַ זאָג געטון, — האָט נישט מורא. איך האָב אַליין מורא. כ׳האָב זיך פאַרמאַטערט.

מיטביידע הענט צוגלעטנדיק די האָר אויפן קאָפּ, ציפּנדיק זיך באַם אויער, האָט ער געמורמלט:

— דאָס אַלץ דאַרף מען נישט, די שטיוול אַראָפּציען און אַלדינג. באַרישקייטן. מיר טוט דאָס האַרץ וויי און זי מאַכט זיך לוסטיק. ווייגט נישט.

פּאָרזיכטיק, זייטיק איז זי צוגעגאַנגען צום פענצטער, שטילערהייט אַ זאָג געבנדיק:

— זיי ווילן זיך נאָך.

— יאָ.

מורא האָבנדיק פאַר עפּעס, נישט אַנטשליסנדיק זיך צוצוגיין איינער צום אַנדערן, ביידע פאַרמאַטערטע, האָבן זיי לאַנג זיך איבערגעוואָרפן מיט איבעריקע רייד. פּאַרטאָגס האָט אַ סקריפּע געטון די טיר, ס׳האָט עמעצער אָנגעהויבן טאַפּן מיט דער האַנט איבער דער וואַנט, נאַטאַליאַ איז צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— די באַרסקאַ לאָזט נישט אַריין, — האָט פּיאָטר אַ פּליס־טער געטון.

— דאָס איז די מאַמע, — האָט געזאָגט נאַטאַליאַ, אויפ־עפנענדיק די טיר; פּיאָטר האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן בעט, אַראָפּלאָזנדיק די פיס, אומצופרידן פון זיך, מיט צער טראַכטנ־דיק:

— כ'בין אַ נישטויגער, אַ נישט דרייסטער, זי וועט מיך אויסלאַכן, כ'וועל מיך דערוואַרטן...

די טיר האָט זיך געעפנט, נאַטאַליאַ האָט שטיל געזאָגט:

— די מאַמע רופט.

זי האָט זיך אַנגעלענט אַן אויוון, אַן אומגעזעענע כמעט אויף די ווייסע קאַפּליעס, און פּיאָטר איז אַרויסגעגאַנגען הינטער דער טיר און דאָרטן, אינדערפינצטער, האָט אים באַגעגנט אַ באַליידיקטער, הייסער פּליסטער פון דער באַימאַקאָוואַ:

— וואָס זשע טוסטו, פּיאָטר איליטש, וואָס טוט זיך מיט דיר, — ווילסט צו שאַנד מאַכן מיך און די טאָכטער מיינע? ס'קומט דאָך שוין אָן דער פרימאָרגן, מען וועט אינגיכן קומען אייך וועקן, מען דאַרף דאָס בתולה־העמד וויזן מענטשן, אַז זיי זאָלן זען: די טאָכטער מיינע — איז אַן אָרנטלעכע!

רעדנדיק, האָט זי מיט איין האַנט געהאַלטן פּיאָטרן באַם אַקסל, און מיט דער אַנדערער אים אָפּגעשטופּט, אויפגעבראַכט פרעגנדיק:

— וואָס זשע איז דאָס? האָסט נישט קיין כוח, קיין חשק? שרעק מיך נישט איבער, שווייג נישט...

פּיאָטר האָט געדעמפּט אַ זאָג געטון:

— זי איז מיר אַ שאַד. כ'האָב מורא.

ער האָט נישט געזען דער שוויגערס געזיכט, אָבער אים האָט זיך דערהערט, אַז די פרוי האָט קורץ אַ לאַך געטון.

— ניין, דו גיי שוין, גיי, טו דיין מענישע זאַך! צו כריס־טאָפאָר דעם מאַרטירער זיי מתפלל. גיי. לאַז — כ'וועל דיר אַ קוש טון.

פעסט אַרומנעמענדיק אים באַם האַלז, אַ הויך טוענדיק מיט

אַ וואַרעמען ריח פון ווייַן, האָט זי אים אַ קוש געטון מיט זיסע, קלעפּיקע ליפּן, ער האָט, נישט באַוויזנדיק צו ענטפערן אויפן קוש, הויך אַ סמאָטשק געטון די לופט. אַרייַנקומענדיק אין שטוב, פאַר־מאַכנדיק הינטער זיך די טיר, האָט ער אַנטשלאָסן אויסגעשטרעקט די הענט, דאָס מיידל האָט זיך באַכגעגעבן פאַרויס, איז אַרייַנגע־גאַנגען אינם רינג פון זייַנע הענט, זאָגנדיק מיט אַ ציטערדיקער שטימע:

— זי איז אַ ביסעלע שכור.

פּיאָטר האָט דערוואַרט אַנדערע ווערטער. רוקנדיק זיך צום בעט, האָט ער געמורמלט:

— האָב נישט מורא, איך — בין נישט קיין שייגעץ, נאָר — אַ גוטער...

צודריקנדיק זיך צו אים אַלץ פעסטער, האָט זי אַ פליסטער געטון:

— די פּיס האַלטן נישט...

... אין דריאָמאָוו האָט מען ליב געהאַט זיך משמח צו זייַן; די חתונה האָט זיך פאַרצויגן אויף פינף מעת לעת; מען האָט געהוליעט פונדערפרי ביז האַלבער נאַכט אַרומגייענדיק אין אַ כאַליאַסטרע איבער די גאַסן פון הויז צו הויז, דרייענדיק זיך אין בראָנפנדיקן טשאַד. באַזונדערס שפעדיק און באַרימעריש האָבן אייַנגעאָרדנט אַ סעודה די באַרסקיס, נאָר אַלעקסיי האָט אָנגע־הרגעט זייער זון דערפאַר, וואָס יענער האָט מיט עפּעס באַליידיקט דאָס ייִנגע מיידל אָלגאַ אָרלאָוואַ. ווען די פאָטער און מוטער באַר־סקיס האָבן זיך באַקלאָגט פאַר אַרטאַמאָנאָוון אויף אַלעקסייען, האָט ער זיך פאַרוואונדערט:

— וואו האָט מען עס געזעען, אַז בחורים זאָלן זיך נישט שלאָגן?

ער האָט ברייט באַשאָנקען די מיידלעך מיט לענטעס און מתנות, די בחורים — מיט געלט, האָט אויף טויט געגעבן צו זויפן די פאָטערס און די מוטערס, האָט אַלעמען אַרומגענומען, געטרייסלט:

— עך, מענטשן! מען לעבט, צי נישט?

אויפגעפירט האָט ער זיך שטורמיש, האָט אַ סך געטרונקען, אַזוי ווי פאַרגיסנדיק דאָס פייער אינעווייניק אין זיך, ער האָט גע־טרונקען נישט ווערנדיק שכור און איז באַדייטנד אָפּגעצערט גע־וואָרן אין דידאָזיקע טעג. פון איליאַנאַ באַימאַקאָוואַ האָט ער זיך געהאַלטן אין דער זייט, אָבער די קינדער זיינע האָבן באַמערקט, אַז ער וואַרפט אויף איר פאַדערנדיקע, בייזע בליקן. ער האָט זיך זייער אַרויסגעשטעלט מיט זיין כּוח, זיך געצויגן אויף אַ שטעקן מיט די גאַרניזאָן־זעלנער, האָט מנצח געווען אַ פייערלעשער און דריי מוליאַרעס, נאָכדעם איז צו אים צוגעקומען דער ערד־גרעבער טיכאָן וויאַלאָוו און האָט נישט פאַרגעלייגט, נאָר אַרויס־געפאָדערט:

— אַציגנד מיט מיר.

אַרטאַמאָנאָוו, אַ פאַרוואונדערטער פון זיין טאָן, האָט אַרום־גענומען מיטן בליק דעם פעסטגעבויטן קערפּער פון דעם ערד־גרעבער.

— ווער ביסטו עס אַזעלכער: אַ שטאַרקער, צי אַ באַרי־מער

— איך ווייס נישט, — האָט יענער ערנסט געענטפערט.

אָנכאַפּנדיק איינער דעם אַנדערן באַ די פּאַסן האָבן זיי זיך לאַנג געטאָפּטשעט אויף איין אָרט. איליאַ האָט געקוקט איבער וויאַלאָווס אַקסל אויף די פרויען, אומפאַרשעמט ווינקענדיק צו זיי. ער איז געווען העכער פון דעם ערדגרעבער, נאָר דינער און עט־וואָס געשיקטער פון אים. וויאַלאָוו, אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן אַקסל אים אין דער ברוסט, האָט געפּרווט אונטערהייבן דעם קעגנער און אים אַריבערוואַרפן איבער זיך. איליאַ, פאַרשטייענדיק דאָס, האָט אַלעמאָל אויסגעשריגן:

— ביסט נישט כיטרע, גוטער־ברודער, נישט כיטרע!

און פּלוצלינג, אַרויסלאָזנדיק אַן אוך, האָט ער אַליין אַרי־בערגעוואָרפן טיכאָנען איבער זיין קאָפּ אַריבער, מיט אַזאַ קראַפט, אַז יענער האָט, מיט אַ זעץ אָן דער ערד, זיך אָפּגעקלאַפּט די פיס. זיצנדיק אויפן גראָז, אָפּווישנדיק דעם שווייס פון פּנים, האָט דער ערדגרעבער פאַרשעמט אַ זאָג געטון:

— שטאַרק.
— מיר זעען, — האָט מען אים געענטפערט שפּאַטיש.
— געזונט, — האָט איבערגעחזרט וויאַלאָוו.
איליאַ האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט.
— שטיי אויף!

נישט אָנגענעמענדיק די האַנט, האָט דער ערדגרעבער געמאַכט אַ פּרוּוו אויפצושטיין, האָט נישט געקאָנט און ווידער אויסגעצויגן די פיס, נאָכקוקנדיק דעם עולם מיט מאָדנע, אויסגייענדיקע אויגן. צו אים איז צוגעגאַנגען ניקיטאַ, מיט מיטלייד פרעגנ־דיק:

— ס'טוט וויי? העלפן?

דער ערדגרעבער האָט אַ לאַך געטון.

— די ביינער טוען וויי. איך בין שטאַרקער פון דעם טאַטן דיינעם, אָבער נישט אַזוי פלינק. נו, לאָמיר זיי נאָכגיין, ניקיטאַ איליטש, פּשטן איינער!

און פריינדלעך בעמענדיק דעם הויקער אונטער דער האַנט האָט ער זיך געלאָזט גיין מיט אים נאָכן עולם, צוטופּענדיק מיט די פיס און דערמיט, הפּנים, האָפנדיק צו לינדערן דעם ווייטיק.

דאָס יינגע פּאָרפאָלק, אויסגעמאַטערט פון די אומגעשלאָפענע נעכט און פון מידקייט, איז ווילנסלאָז, אויף חידושים פאַר די מענטשן, אַרומגעשווימען איבער די גאַסן צווישן דעם פאַרשידנ־פאַרביקן, טומלענדיקן, בגילופינדיקן עולם, זיי האָבן געטרונקען, געגעסן, זיך זשעניִרט, אויסהערנדיק אומפאַרשעמטע הלצהלעך, האָבן מיט אַלע כּוחות זיך געפלייסט נישט צו קוקן איינער אויפן אַנדערן און אַרומגייענדיק אונטער דער האַנט, זיצנדיק שטענדיק לעבן אַנאַנדער, געשוויגן, ווי פרעמדע. דאָס איז זייער געפעלן מאַטרענאַ באַרסקאַ, זי האָט באַרימעריש געפרעגט איליען און אוליאַנען:

— דער זון איז נאָר גוט אויסגעלערנט? דאָס איז דער עיקר! דו ווייסט, אוליאַנאַ, ווי איך האָב דיר די טאָכטער אויסגע־

שולט! און — דער אײדעם? גײט אַרום װי אַ פּאַװ; איך — בין נישט איך, דאָס װײב — פּאַר זיך!

אָבער אַװעקגײענדיק צו זיך שלאָפן, האָבן פּיאָטר און נאַטאַליע צוזאַמען מיט די קלײדער אַראָפּגעװאָרפן פון זיך אַלץ, װאָס איז זײ אָנגעבײנדן געװאָרן, װאָס איז דורך זײ הכנעהדיק אָנגענומען געװאָרן, און זײ האָבן געשמועסט װעגן דעם דורכגעלעבטן טאָג:

— נו, טרינקט מען עס אַ ביסל בײַ אײך, — האָט זיך פּיאָטר געװאונדערט.

— און בײַ אײך — װינציקער? — האָט געפרעגט דאָס װײב.

— ס׳טײטשט פּויערן מעגן דען אַזױ טרינקען!

— איר זענט נישט ענלעך צו קײן פּויערן.

— מיר זענען — הױפישע, דאָס װעט זײן אַזאַ שטײגער אַדל־לײט.

טײלמאָל האָבן זײ, אַרומגענומענערהײט, זיך געזעצט בײַם פענצטער, אַרײַנקוקנדיק די געשמאַקע ריחות פון סאַד און געשװיגן.

— װאָס שװײגסטו? — האָט שטילערהײט געפרעגט דאָס װײב, — דער מאַן האָט אױך אַזױ שטיל געענטפערט:

— נישטאָ קײן חשק צו רעדן געװײנלעכע װערטער.

אים האָט זיך געװאָלט הערן װערטער אומגעװײנלעכע, נאָר נאַטאַליע האָט אַזעלכע נישט געקענט. װען אָבער ער פלעגט איר דערצײלן װעגן דער גרענעצלאָזער ברײט און רחבות פון די גאָלדענע סטעפּעס, האָט זי געפרעגט:

— נישטאָ קײן װעלדער, גאָרנישט? אױ, װי שרעקלעך ס׳מוז זײן!

— די שרעקן — װאױנען אין די װעלדער, — האָט לאַנגװײליק געזאָגט פּיאָטר. — אין סטעפּ — װאָסער שרעק איז דען דאָרט? — איז ערד און הימל, און — איך.

און אָט אײנמאָל, בעת זײ זענען געזעסן בײַם פענצטער, שװײגנד, קװיקנדיק זיך מיט דער אױסגעשטערנטער נאַכט, האָט

זיך אין סאָד, לעבן באָד, דערהערט אַ גערודער, עמעץ איז גע־לאָפן, פאַרטשעפּענדיק און ברעכענדיק די צווייגלעך פון די מאַ־לינע־קוסטן, נאָכדעם האָט מען געהערט אַ נישט הויכן ביין אויס־רוף :

— וואָס טוסטו, טייוול ?

באַטאַליאַ איז דערשראָקן אויפגעשפּרונגען.

— דאָס איז די מאַמע !

פּיאָטר האָט זיך אַרויסגערוקט פון פענצטער, פאַרשטעלנ־דיק עס מיט זיין ברייטער פּלייצע, ער האָט דערזעען, אַז דער פאָטער, האַלטנדיק אַרומגענומען די שוויגער, דריקט זי צו צו דער וואַנט פון באָד, באַמיענדיק זיך אומצולייגן זי אויף דער ערד, זי, פאָכענדיק געשווינד מיט די הענט, שלאָגט אים איבערן קאָפּ און, סאַפּענדיק, פּליסטערט זי הויך :

— לאָז אָפּ, וועל זרייען !

און נישט מיט .. קול האָט זי אַ געשריי געטון :

— טאַטע־לעב — ריר מיך נישט ! האָב רחמנות...

פּיאָטר האָט אָן גערויש פאַרמאַכט דאָס פענצטער, האָט געכאַפּט דאָס ווייב, אַוועקגעזעצט זי צו זיך אויף די קניען.

— קוק נישט.

זי האָט זיך געאַמפּערט אין זייבע הענט, אויסשרייענ־דיק :

— וואָס איז דאָס, ווער ?

— דער טאַטע, — האָט געזאָגט פּיאָטר, פעסט צודריקנדיק זי. — פאַרשטייסט נישט, צי וואָס...

— אוי, ווי אַזוי מעג מען דאָס ? — האָט זי געפּליסטערט מיט בושה און שרעק ; דער מאַן האָט זי אַוועקגעטראָגן צום בעט, מיט הכנעה זאָגנדיק :

— מיר זענען איבער אונזערע עלטערן נישט קיין שופטים.

אָנכאַפּנדיק זיך מיט די הענט באַם קאָפּ, האָט נאַטאַליאַ זיך געוויגט, געיאָכצט :

— סאַראַ עבירה דאָס איז !

— ס'איז נישט אונזער עבירה, — האָט געזאָגט פּיאָטר און זיך דערמאָנט דעם פּאַטערס ווערטער: — די פּריצים טוען נאָך עפּעס ערגערס. ס'איז גלייכער אויך: ער וועט צו דיר נישט קריכן, זיי, די אַלטע לייט — זענען פּשוט; בּאַ זיי איז דאָס „אַ פויגלשע זינד", צו שפּילן זיך מיט אַ שניר. ווייַן נישט.

דאָס ווייַב האָט דורך די טרערן געזאָגט:

— נאָך ווען זיי האָבּן געטאַנצט, האָב איך אַ קלער געטון... אויב ער גייט מיט געוואַלט, וואָס זשע וועט אַצינד זיין בּאַ אונז?

נאָר איינגעמידט פון אויפרעגונג, איז זי גיך אַנטשלאָפן געוואָרן, נישט אויסטועגדיק זיך, און פּיאָטר האָט געעפנט דאָס פענצטער, אַרומגעקוקט דעם סאַד, דאָרט איז קיינער נישט געווען, איינעטעמענדיק דעם פּאַרטאָגיקן ווינט, האָבּן די ביימער אַלע־מאָל פונאַנדערגעטרייסלט די שמעקעדיקע חשכות. ער האָט אי־בערגעלאָזט אָפן דאָס פענצטער, זיך געלייגט לעבן ווייַב, נישט צומאַכנדיק די אויגן, טראַכטנדיק וועגן געשעענעם. ס'וואָלט גוט געווען צו לעבן בּאַנאַנד מיט נאַטאַליען אויף אַ קליינטשיקן פּאָל־וואַרק...

... נאַטאַליאַ האָט זיך שנעל אויפגעכאַפּט, איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס'האָט זי אויפגעוועקט דאָס רחמנות צו דער מו־טער און די בּאַליידיקונג פּאַר איר. בּאָרוועס, אין בּלויזן העמד, איז זי געשווינד אַראָפּגעגאַנגען אונטן. די טיר אין דער מוטערס צימער אַריין, וואָס איז שטענדיק פאַרשלאָסן געווען אויף בּאַנאַכט, איז געווען אָפּגעלענט, דאָס האָט נאָך מער איבּערגעשראָקן די פרוי, נאָר, אַ קוק געגבנדיק צוס ווינקל, וואו ס'איז געשטאַנען דער מוטערס בּעט, האָט זי דערזעען אונטערן צודעק אַ ווייסן קלימפּ און טונקעלע האָר, צעוואָרפענע איבּערן קושן.

— זי שלאָפט. זי האָט זיך אָנגעוויינט, אָנגעבּיטערט...

מען דאַרף עפּעס טון, מיט עפּעס טרייסטן די בּאַליידיקטע מוטער. זי איז אַוועקגעגאַנגען אין סאַד אַריין; דאָס פון טוי נאַ־סע גראָז האָט קאַלט געקיצלט די פיס; נאָר וואָס האָט זיך אויפ־געהויבּן די זון פון הינטערן וואַלד, און אירע קרומע שטראַלן

האָבן געבלענדט די אויגן. די שטראַלן זענען געווען קוים וואַרע־מע. אָפּרייסנדיק אַ באַזילבערטן פון טוי לעפּעך־בלאַט, האָט נאַ־טאַליאַ אים צוגעלייגט צו דער באַק, דערנאָך צו דער אַנדערער און, דערפרישנדיק דאָס פּנים, אָנגעהויבן צונויפקלייבן אויפן בלאַט אַרויף בינטלעך רויטע ווײַמפּערלעך, אָן רוגזא טראַכטנדיק וועגן שווער. מיט דער שווערער האַנט פּלעגט ער איר קלאַפּן איבער דער פּלייצע און, צולאַכנדיק, פרעגן:

— נו, וואָס — דו לעבסט? אָטעמסט? נו — לעב!

קיין אַנדערע ווערטער פאַר איר האָט ער משמעות נישט פאַרמאָגט, און די צערטלעכע קלעפּ האָבן זי אַ ביסל באַליידיקט, אַזוי לאַשטשעט מען פערד.

— אַ גזלן דאָס איז, — האָט זי אַ קלער געטאָן, נייטנדיק זיך צו טראַכטן וועגן שווער פייגדלעך.

ס׳האָבן געזונגען די פינקען, די זאַריאַנקעס, ס׳האָבן גע־צוויטשערט די טשיזשיקלעך, שטיל, זיידמעסיק, האָבן געשורשעט די בלעטלעך פון די ביימער, ווייט אין עק פון שטאָט האָט גע־שפּילט דער פּאַסטוך, פון ברעג פון דער וואַטאַראַקשע, וואו ס׳איז געוואַקסן די פאַבריק, האָבן זיך דערטראָגן מענטשלעכע קולות, פּאַמעלעך שווימענדיק אין דער ליכטיקער שטילקייט. עפּעס האָט אַ קנאַק געטאָן; אויפציטערנדיק, האָט נאַטאַליאַ אויפגעהויבן דעם קאָפּ, — איבער איר, אויף אַ צווייג פון אַן עפּל־בוים, איז גע־האַנגען אַ כאַפּשטייגל פאַר פייגל, אַ טשיזש האָט זיך געוואָרפן צווישן די דינע ריטלעך.

— ווער זשע כאַפּט עס? ניקיטאַ?

ערגעץ־וואו האָט אַ קרעכץ געטאָן אַ טרוקן צווייגל.

ווען זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים און אַריינגעבליקט אין דער מוטערס צימער אַריין, איז יענע, אַן אויפגעוואַכטע, געלעגן מיטן פּנים אַרויף, פאַרוואונדערט אויפגעהויבן די ברעמען, פאַר־וואָרפן די האַנט הינטערן קאָפּ.

— ווער... וואָס טוסטו? — האָט זי אומרויִק געפרעגט, זיך אונטערהייבנדיק אויפן עלנבויגן.

— גאָרנישט, אָ — כ׳האָב דיר ווימפּערלעך צו דער טיי אָנגעקליבן.

אויפן טיש באַם בעט איז געשטאַנען אַ גרויסע קאַראַפינקע קוואַס, כמעט אַ ליידיקע, דער קוואַס איז געווען פאַרגאָסן אויפן טישטוך, דער קאָרק פון דער קאַראַפינקע איז געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע. די שטרענגע, העלע אויגן פון דער מוטער זענען אַרומגערינגלט מיט אַ בלוילעכן שאָטן, אָבער זענען נישט אָנגעשוואָלן פון טרערן, ווי ס׳האָט דערוואַרט צו זעען נאַטאַליע; די אויגן זענען אויך אַזוי ווי טונקעלער, טיפער געוואָרן, און דער בליק ווייערער, תמיד אַ ביסעלע אַ גאַווהדיקער, האָט זיך היינט אויסגעוויזן אומבאַקאַנט, האָט געקוקט פונוייטנס, צעשטרייט.

— די מוקן לאָזן נישט שלאָפן, כ׳וועל שלאָפן אין שייער, — האָט געזאָגט די מוטער, הילנדיק זיך אינם צודעק. — זיי האָבן צעביסן. און דו וואָס ביסט עפּעס אַזוי פרי אויפגעשטאַנען? נאָכוואָס גייסטו באַרוועסרהייט אויפן טוי? דער פּאָדל איז נאַס. וועסט זיך פאַרקילן. . .

געקרעדט האָט די מוטער נישט ליבלעך און נישט גערן, דורך עפּעס אַזעלכע אייגענע טראַכטונגען. די אומרויקייט פון דער טאָכטער האָט זיך ביסלעכווייז פאַרביטן מיט אַן אומפריינדלעכן און שאַרפן נייגיר פון אַ פרוי.

— איך האָב זיך אויפגעכאַפּט — כ׳האָב אַ קלער געטון וועגן דיר. . . כ׳האָב דיך געזעען אין חלום.

— וואָס האָסטו אַ קלער געטון? — האָט זיך נאָכגעפרעגט די מוטער, קוקנדיק אין סופיט אַריין.

— אָט, — דו שלאָפסט איינע אַליין, אָן מיר. . .

נאַטאַליען האָט זיך געדאַכט, אַז דער מוטערס באַקן האָבן זיך פאַררויטלט און אַז, ווען זי האָט, שמייכלענדיק, געזאָגט: — איך האָב נישט קיין מורא, — איז דער שמייכל אַרויסגעקומען פאַלש.

— נו, גיי, ליבע, דיינער איז אויפגעקומען, הערסט — ער טופּעט? — האָט באַפוילן די מוטער, צומאַכנדיק די אויגן.

פאַמעלעך אַרויפגייענדיק אויף די טרעפּ, האָט נאַטאַליע גע־טראַכט מיט איבל און כמעט פיינדלעך.

— ער האָט געגעכטיקט באַ איר, דאָס האָט ער געטרונקען דעם קוואַס. דער האַלז איז באַ איר מיט פלעקן, נישט די מוקן האָבן אָנגעביסן, נאָר ס׳איז אָנגעקוישט. כ׳וועל נישט זאָגן וועגן דעם פעטיען. אין שייער וויל זי שלאָפן. און — האָט גע־שריגן...

— וואו ביסטו געווען? — האָט געפרעגט פיאָטר, שאַרף זיך איינקוקנדיק אין ווייבס געזיכט, — זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, פילנדיק זיך אין עפּעס שולדיק.

— ווײמפערלעך האָב איך אָנגעקליבן, צו דער מאַמען בין איך אַריינגעגאַנגען.

— נו, וואָס זשע טוט זי?

— גלייך גאָרנישט...

— אַזוי, — האָט געזאָגט פיאָטר, זיך אַ צופּ טוענדיק באַם אויער, — אַזוי!

און, אַ לאַך געבנדיק, רייבנדיק זיך די טונקל־געלע גאָמבע, האָט ער אַ זיפץ געטון:

— הפנים, — אמת האָט געזאָגט די בהמה די באַר־סקאַ: קיין געשריי — גלייב נישט, קיין טרערן — גלייב נישט.

דערנאָך האָט ער שטרענג אַ פרעג געטון:

— ניקיטעןְ האָסטו געזעען?

— ניין.

— ווי אַזוי זשע — ניין? אָט — כאַפּט ער דאָך פייגל אין סאָד.

— אוי, — האָט שרעקיק אויסגעשריגן נאַטאַליע — און איך בין אַזוי, אין בלויזן העמד אַרומגעגאַנגען!

— טאַקע אַזוי...

— און ווען שלאָפט ער?

פיאָטר האָט, אָנטוענדיק אַ שטיוול, הויך אָפּגעהוסט, און

דאָס ווייב, זייטיק אַ קוק געבנדיק אויף אים, האָט אַ לאַך געטון, זאָגנדיק:

— ער איז דאָך — אַ הויקער, נאָר אַן אָנגעגעמער, אָנגע־בעמער פון אַלעקסייען...

דער מאַן האָט נאָכאַמאָל אָפּגעהוסט, נאָר שטילער.

יעדן טאָג, פאַר זון־אויפגאַנג, ווען דער פאַסטוך, צוגויפנע־מענדיק די סטאַדע, פלעגט אומעטיק אויפשפילן אויף דעם לאַנגן, בערעזענעם טראָמפּייט, — האָט זיך אויף יענער זייט טייך אָנגע־הויבן אַ קלאַפּעריי פון העק און די אייבוואויינער, ארויסטרייבנדיק אינדרויסן די קי, שעפּסן, האָבן מיט חוזק געזאָגט איינער דעם אַנדערן:

— נאַ, מען האַקט שוין, נישט קיין שיין, נישט קיין מאָרגנ־שטערן...

— גיריקייט — איז דער מנוחה אַ גרויזאַמער פיינד.

איליאַ אַרטאַמאָנאָוון האָט זיך טיילמאָל געדאַכט, אַז ער איז שוין בייגעקומען די פוילע אומפרייַנדשאַפט פון דער שטאָט; די דריאָמאָוויאַנער האָבן מיט דרך־ארץ אַראָפּגענומען פאַר אים די היטלען, האָבן אויפמערקזאַם געהאָרכט זיינע דערציילונגען וועגן די פּירשטן ראַטסקעס, אָבער כמעט שטענדיק פלעגט דער אָדער יענער, נישט אָן גאווה באַמערקן:

— באַ אונז זענען די האַרן איינפאַכער, אָרעמער, אָבער — שטרענגער פון אייערע!

אין די אָוונטן, אין די יום טובים, זיצנדיק אין דעם גע־דיכטן, שיינעם סאָד פון באַרסט״ טראַקטיר אויפן ברעג פון דער אָקע, פלעגט ער זאָגן די נגי. ם, די שטאַרקע לייט פון דריאָ־מאָוו:

— פון ״יין בעזעפט וועט איר אַלע האָבן אַ רווח.

— הלוואי, — האָט געענטפערט פּאָמיאַלאָוו, שמייכלענדיק, מיט אַ קורצן היגטישן שמייכל, און ס׳איז נישט מעגלעך געווען צו פאַרשטיין: וועט ער ליבלעך אַ לעק טון אָדער אַ ביס טון? זיין צעקנייטשט פּנים איז נישט געלונגען פאַרבאָרגן אין אַ פּאַקאַלעס־בערדל, די גראָע באָז שמעקט מיט אומצו־

טרוי צו אַלעם, אַז די אויגן ווי חזיר־ניס קוקן נישט פאַרגינע־ריש.

— הלוואי, — חזרט ער איבער, — כאָטש אָן דיר האָבן מיר אויך נישט שלעכט געלעבט, מילא, אפשר וועלן מיר מיט דיר אויך דורכלעבן.

אַרטאַמאָנאָוו כמורעט זיך:

— צווייזדייטיק רעדסטו, נישט פריינדלעך.

באַרסקי לאַכט הויך; ער שרייט:

— ער איז בא אונז — אַזעלכער!

בא באַרסקין איז אויפן אָרט פון פנים קאַרג און פאַר־טאַטשנע אָנגעקלעפּט טונקל־רויטע שטיקער פלייש, זיין אומ־געהייערער קאָפּ, דער האַלז, די הענט — ער אינגאַנצן איז באַוואַקסן מיט אַ געדיכטהאָריקער, בערישער שערשטש, — די אויערן זעט מען נישט אָן, די נישט נייטיקע אויגן זענען באַהאַלטן אין פעטע קישעלעך.

— דער גאַנצער כוח מיינער איז אַריין אין פעטס, — זאָגט ער און לאַכט, ברייט עפנענדיק דעם פיסק, פול מיט טעמפּע ציין.

צו אַרטאַמאָנאָוון קוקט זיך שטאַרק צו מיט העלע אויגן דער סטעלמאַך וואָראָפּאָנאָוו, ער איז מוכיח מיט אַ טרוקענער שטים:

— געשעפטן מאַכן — דאַרף מען, אָבער אָן גאָט באַ־דאַרף מען אויך נישט פאַרגעסן. ס'שטייט אין פסוק: „מאַר־פּאַ, מאַרפאַ, דו דאגהסט וועגן אַ סך, אָבער נייטיק איז בלויז איינס“.

די העלע און ממש ליידיקע אויגן זיינע קוקן אַזוי, אַזוי־וויי וואָראָפּאָנאָוו וואַלט זיך וועגן עפּעס משער געווען און אַט באַלד וועט ער באַטייבן מיט אַן אומגעווייינלעך וואָרט. טיילמאָל הייבט ער טאַקע אָן אַזוי־וויי צו רעדן עפּעס:

— געוויס האָט קריסטוס אויך ברויט טועם געווען, אַזוי, אַז מאַרפאַ. . .

— נו־נו, — שטעלט אים אָפּ דער גאַרבער זשיטיעיקין, דער קירכלעכער גבאי — וואוהין ביסטו פאַרפאָרן?

וואָראָפּאָנאָוו ווערט פאַרשוויגן, רירנדיק מיט די גראָע אויערן, און איליאַ פרעגט דעם גאַרבער:

— דו פאַרשטייסט מיין געשעפט?

— נאָכוואָס? — וואונדערט זיך אויפריכטיק זשיטיעיקין. — דאָס געשעפט — איז דיינס, דאַרפסטו עס פאַרשטיין, תּם איינער! דו האָסט — דיינס, איך האָב — מיינס.

אַרטאַמאָנאָוו טרינקט געדיכט ביר און קוקט דורך די ביימער אויפן טריבן פּאַס פון דער אָקע און מער לינקס, וואו, אין דער זייט באַ איר, קריכט אַרויס פון הינטער די יאָדלעס, פון די בלאָטעס, ווי אַ גרינער שלאַנג די פיגוראַל־אויסגעבויגענע וואַטאַראַקשע. דאָרטן, אויפן ציפּעל, אויפן גאָלדענעם בראָקאַט פון זאַמד לייכט גלאַנציק אַ שפּענדל, אַ סטריזשינע, ס׳רויטלט זיך אַ ציגל, צווישן די צוגעקוועטשטע קיסטן ראָקיטע האָט זיך אויסגעצויגן אַ לאַנגע, פון פליישקאָליר, פאַבריק, אַן ענלעכע צו אַ טרומנע אָן אַ דעק. ס׳פלאַקערט אויף דער זון דער שייער, באַדעקט מיט מאַטן, נאָך נישט אָפּגעאַרבעטן אייזן און, ממש ווי וואַקסענע, שמעלצן זיך די געלע באַלקן־ווענט פון צווישטאָקיקן הויז, דערהייבנדיק אין צעגליטן הימל אַריין די שטייף אָנגעצויגענע גאָלדענע קראָקוועס, — אַלעקסיי האָט געלונגען געזאָגט, אַז דאָס הויז, פונוויטנס, איז ענלעך צו אַ ציטרע. אַלעקסיי וואוינט דאָרט, ווייט אָפּגערוקט פון די בחורים און מיידלעך פון שטאָט; ביטער מיט אים, ער איז היציק און אַ כעסן. פּיאָטר איז שווערער פון אים, אין פּיאַטרן איז דאָ עפּעס טריבס; ער פאַרשטייט נאָך נישט, ווי אָן אַ שיעור ס׳קאָן אויפטון אַ דרייסטער מענטש.

איבער אַרטאַמאָנאָווס פּנים גייט דורך אַ שאָטן, ער קוקט, שמייכלענדיק, פון אונטער די געדיכטע ברעמען אַפּער אויף די שטאָטלייט; דאָס איז — אַ ביליקער המון, די גיריקייט צו געשעפט איז באַ זיי אַ נישט דרייסטע, און קיין אמתדיקער ברען — איז נישטאָ.

אין די נעכט, ווען די שטאָט שלאָפט ווי געהרגעט, גנבעט

זיך אַרטאַמאָנאָוו ווי אַ גנב איבערן בּרעג פון טייך, דורך הינטערגעסלעך, אין דער אַלמנה באַימאַקאָוועס סאָד אַריין. אין דער וואַרעמער לופט הודזשען די מוקן, און אַזוי ווי זיי וואָלטן עס פּלוטרשט צעטראָגן איבער דער וועלט דעם געשמאַקן ריח פון אוגערקעס, עפּל, קאָפּער. די לבנה קייקלט זיך צווישן די גרויע וואָלקנס, דעם טייך גלעטן שאָטנס. אַריבּערכאַפּנדיק זיך איבערן פּלויט אין סאָד אַריין, גייט אַרטאַמאָנאָוו שטילערהייט אַריבער אין הויף אַריין, אָט איז ער אין פינצטערן שייער, דאָרטן פון אַ ווינקל אַרויס באַגעגנט אים אַ באַאומרויקטער פליסטער:

— בּיסט אומבאַמערקט דורכגעגאַנגען?

אַראָפּוואַרפנדיק דאָס אָנטועכץ, וואָרטשעט ער בייז:

— אַ פּאַרדראָס דאָס איז פאַר מיר, — צו באַהאַלטן זיך! אַ ייִנגעלע בין איך, צי וואָס?

— שאַף זשע דיר נישט קיין געליבטע.

— איך וואָלט גערן נישט געשאַפט, אָבער גאָט האָט אַזוי געפירט.

— אוי, וואָס רעדסטו, אַפּיקורוס! מיר גייען ביידע קעגן גאָט...

— נו, גענוג! וועגן דעם — שפּעטער. עך, אוליאַנאַ, מענטשן זענען דאָ באַ איך...

— אָבער דו — הער אויף, זיי זיך נישט מצער, — שעפּטשעט די פרוי און לאַנג, מיט פלאַקערדיקן באַגער, באַרויקט זי אים מיט צערטלעכישן, און אָפּרוענדיק זיך, דערציילט זי אויספירלעך וועגן די מענטשן: פאַר וועמען מען דאַרף מורא האָבן, ווער ס'איז קלוג, ווער ס'איז נישט ערלעך, באַ וועמען ס'איז איבעריק געלט פאַרהאַן.

— פּאָמיאַלאָוו מיט וואָראָפּאָנאָוון, ווייסנדיק, אַז דו דאַרפסט האָבן אַ סך האָלץ, ווילן די וועלדער פון אַרום אָפּקויפן, דיך צודריקן.

— זיי האָבן פּאַרשפּעקט, דער פירשט האָט מיר שוין די וועלדער פאַרקויפט.

אַרום זיי, איבער זיי איז אַ נישט דורכדריגלעך שוואַרצע

חשכות, זיי זעען אפילו די אויגן נישט איינער באַם אַנדערן און רעדן מיט אַ קלאַנגלאָזן פליסטער. ס׳שמעקט מיט היי, מיט בערעזענע בעזעמלעך, פון קעלער דערהייבט זיך אַ פייכטלעכע, אָנגענעמע קילקייט. אַ שווערע, ממש ווי פון בליי געגאָסענע שטילקייט האָט באַגאָסן דאָס שטעטל; טיילמאָל לויפט דורך אַ שטשורע, ס׳גיבן אַ פישטש די מייזלעך, און פון שעה צו שעה וואַרפט דער טורם־גלאָק אין דער פינצטער אַריין פּאַראומערטע, קרענקלעך ציטערדיקע קלאַנגען.

— סאַראַ הערלעכע דו ביסט! — אַנטציקט זיך אַרטאַמאָנאָוו, גלעטנדיק דעם הייסן און פראַכטפולן קערפער פון דער פרוי. — סאַראַ מעכטיקע! פאַרוואָס זשע האָסטו ווייניק קינדער געבוירן?

— אַ חוץ נאַטאַליען — זענען צוויי געווען, שוואַכינקע, זענען געשטאָרבן.

— הייסט עס — דער מאַן איז געווען אַ געמיינער...

— וועסט נישט גלייבן, — פליסטערט זי — איך האָב דאָך גאָר ביז דיר נישט געוואוסט, וואָס ס׳איז אַזוינס ליבע. די ווייבער, די חברטעס, פלעגן דערציילן, און איך — גלייב נישט, כ׳קלער: זיי זאָגן ליגנט אויס בושה! אַ חוץ בושה האָב איך דאָך טאַקע גאָרנישט געוואוסט באַ דעם מאַן, ווי צו דער מיתה האָב איך מיך געלייגט אין בעט אַריין. כ׳פלעג בעטן גאָט: זאָל ער אַנטשלאָפן ווערן, זאָל ער נישט טשעפען. אַ גוטער מענטש געווען, אַ שטילער, אַ קלוגער, נאָר קיין טאַלאַנט אויף ליבע האָט אים גאָט נישט געגעבן...

איר דערציילונג רעגט אויף און וואונדערט אַרטאַמאָנאָוון, פעסט גלעטנדיק די פראַכטפולע ברוסטן אירע, וואָרטשעט ער:

— אַזוי גאָר מאַכט זיך, און איך האָב עס נישט געוואוסט, כ׳האָב געמיינט: איטלעכער מאַנסביל איז פאַר אַ נקבה זיס.

ער פילט זיך שטאַרקער און קלוגער לעבן דערדאָזיקער פרוי, באַטאָג — תמיד אַ גלייכמעסיקע, אַ רויקע, פאַרשטאַנדיקע באַלע=

באַסטע, פאַר וועלכער די שטאָט האָט דרך ארץ פאַר איר שכל און וואוילקענעוודיקייט. איינמאָל, אַ גערירטער פון אירע מיידלישע צערטלעכישן, האָט ער געזאָגט:

— איך פאַרשטיי, אויף וואָס דו ביסט געגאַנגען. אַ שאָד מיר האָבן די קינדער חתונה געמאַכט, איך האָב בעסער באַדאַרפט מיט דיר אַ חופּה שטעלן...

— די קינדער באַ דיר — זענען גוטע, זיי וועלן אפילו זיך דערוויסן וועגן אונז — איז נישט קיין אומגליק, נאָר אָט, אויב די שטאָט וועט געוואויר ווערן...

זי האָט אַ שוידער געטון מיטן גאַנצן קערפּער.

— נו, נישקשה, — האָט אַ פליסטער געטון איליאַ.

איינמאָל האָט זי מיט בייגיר אַ פרעג געטון:

— זאָג מיר: דו האָסט דאָך דערהרגעט אַ מענטש, ער חלומט זיך דיר נישט?

גלייכגילטיק קראַצנדיק די באָרד, האָט איליאַ געענט־פערט.

— ניין, איך שלאָף פעסט, אָן חלומות. און וואָס האָט זיך צו חלומען? איך האָב אפילו נישט געזען, ווי אַזוי ער האָט אויסגעזען. מען האָט מיר אַ קלאַפּ געטון, כ'בין קוים געבליבן שטיין אויף די פיס, האָב איך אַ טראַסק געטון עמעצן מיטן באַ־סאַליק איבערן קאָפּ, דערנאָך — דעם אַנדערן, און דער דריטער איז אַנטלאָפן.

אַ זיפץ טוענדיק, האָט ער מיט תרעומות געזאָגט:

— ס'פאַלן אויף דיר אַרויף טפשים. און דו גיב פאַר זיי אַ תשובה גאָט...

עטלעכע מינוט איז ער געלעגן שווייגנדיק.

— האָסט איינגעדרימלט?

— ניין.

— גיי, ס'וועט באַלד אָנהייבן טאָגן; צום געביי וועסט גיין? אָך, וועסט זיך פאַרמאַטערן מיט מיר...

— האָב נישט מורא, — ס'האָט געקלעקט אויף אינדערוואָכן,

וועט קלעקן אויף יום טוב אויך, — האָט זיך אַ רוים געטון אַרטאַמאָנאָוו, אָנטזעענדיק זיך.

ער גייט אין דער קילקייט, אין פערלמוטענער טונקלקייט פון פריען באַגינען; ער גייט איבער אייגענער ערד, האַלטנדיק די הענט פאַרלייגט אַהינטער אונטערן קאַפּטאַן; דער קאַפּטאַן האָט זיך אונטערגעהויבן ווי אַ העברעישער ווײדל; אַרטאַמאָנאָוו צעקוועטשט מיטן שווערן פוס אַ סטריזענע, אַ שפענדל, ער טראַכט.

— אַליאָשקען דאַרף מען לאָזן זיך אויסהוליען, זאָל פון אים אַראָפּגיין די שוים. אַ ביטערער בחור, אָבער — ער איז וואויל.

ער לייגט זיך אויפן זאַמד אָדער אויף אַ קופּע סטריזענעס און שלאָפט גיך איין. אינעם גרינלעכן הימל צעפלאַקערט זיך ליבלעך די באַגינען־שטראַלונג; אָט האָט די זון באַרימעריש צעוויקלט איבער דער ערד אַ פאַווישן ווײדל פון שטראַלן און אַליין איז זי, אַ גאָלדענע, באַלד נאָך אים אַרויסגעשוואומען; ס'האָבן זיך אויפגעכאַפּט די אַרבעטער און, זעענדיק דעם אויסגעשפּרייטן, גרויסן קערפּער, זאָגן זיי אָן די בשורה איינער דעם אַנדערן:

— ער איז דאָ!

דער ביניק־פּנימדיקער טיכאָן וויאַלאָוו, האַלטנדיק אויפן אַקסל אַן אייזערנעם רידעל, קוקט אויף אַרטאַמאָנאָוון מיט צאַנקענדיקע אויגן אַזוי, ווי ער וואָלט געהאַט בדעה אַריבערצושפּרייזן איבער אים און — אַנטשליסט זיך נישט.

דער מוראַשקענאַרטיקער געשוויבל פון די מענטשן, די געשרייען, דאָס קלאַפּעריי, וועקן נישט איבער דעם גרויסגופיקן מענטש; ליגנדיק מיטן פּנים אין הימל אַריין, כראָפּעט ער, ווי אַ טעמפּע זעג, — דער ערדגרעבער גייט אַוועק, זיך אומקוקנדיק, פּינטלענדיק, ווי ס'וואָלט אים עמעצער צעפּלעט דעם קאָפּ. פון הויז איז אַרויסגעקומען אַלעקסיי אין אַ ווייסער לייוונטענער בלוזע, אין בלויע הויזן, לייכט, ווי אינדערלופטן, גייט ער זיך באָדן און קרייזלט אַרום דעם פעטער פאַרזיכטיק, אַזוי ווי מורא האָבנדיק אים אויפצוּוועקן מיטן שטילן סקריפּען פון די סטריזענעס אונטער די פיס. ניקיטאַ איז נאָך פאַרטאָגס אַוועקגעפאָרן אין וואַלד אַריין;

כמעט יעדן טאָג ברענגט ער צו פירן פון דאָרטן אַ צוויי פירן פאַרפוילט מיסט, אָפּלייגנדיק עס אויפן אָרט, וואָס איז אויסגערייניקט געוואָרן פאַר אַ סאָד, ער האָט שוין פאַרזעצט בעריאָזעס, קליאָן, עבערעשן, טשערעמכע, און אַצינד גראָבט ער אויס אין זאַמד טיפע גריבער, פאַרשטאָפּנדיק זיי מיט פאַרפוילט מיסט, מיט ייל, מיט ליים, — דאָס איז פאַר די אויבסט-ביימער. אין די יום-טובים העלפט אים צו טיכאָן וויאַלאָוו.

— סעדער פאַרזעצן — איז אַ נישט שאָדנדיקע זאַך, — זאָגט ער.

צופּנדיק זיך באַם אויער, גייט אַרום פּיאָטר אַרטאַמאָנאָוו, קוקט זיך צו צו דער אַרבעט. זאַפּטיק כראָפּעט די זעג, איינפרעסנדיק זיך אין האָלץ, עס פייפן צו, רייבנדיק, די הובליעס, הילכיק האַקן די העק, ס'הערן זיך סמאָטשקענדיקע פּלושקען פון קאַלך און ס'כליפּעט דער שאַרפשטיין, אַרומלעקנדיק די שאַרף פון דער האַק. די טשעסלאַרעס, אויפהייבנדיק אַ באַלקן, זינגען „דובינושקאַ", אַ ייִנג קול פירט הילכיק אויס:

— געקומען איז צו מאַריען דער קום זאַכאַרי,
געגעבן מאַריען מיט דער פויסט אין צורה. . .

— זיי זענען גראָב, — האָט געזאָגט פּיאָטר דעם ערדגרעבער וויאַלאָוו, — יענער, שטייענדיק איבער די קני אין זאַמד, האָט געענטפערט:

— אַלציינס, וואָס מען זינגט. . .

— ווי הייסט?

— אין ווערטער איז נישטאָ קיין נשמה.

— אַן אומפאַרשטענדלעכער פויער, — האָט אַ קלער געטון פּיאָטר, אַוועקגייענדיק פון אים און זיך דערמאָנענדיק, אַז ווען דער פאָטער האָט פאָרגעלייגט וויאַלאָוון די שטעלע פון אַ משגיח איבער דער אַרבעט, האָט דעדדאָזיקער פויער געענטפערט, קוקנדיק זיך אונטער די פיס:

— ניין, איך טויג נישט דערצו, איך קאָן זיך נישט באַגיין מיט קיין מענטשן. דו נעם מיך צו אַלס הויזוועכטער. . .

דער פּאָטער האָט אים העפטיק אויסגעזידלט.

... ס'איז אָנגעקומען אַ קאַלטער, נאַסער האַרבסט, די סעדער האָבן זיך באַדעקט מיט ראָסט, די שוואַרצע אייזערנע וועלדער זענען אויך דורכגעזשאַווערט געוואָרן מיט געלע פלעקן; ס'האָט געפּייפט אַ פייכטער ווינט, אַראָפּיאָגנדיק אין טייך אַריין די בלייכע, צעטרעטענע סטריזענעס. יעדן פרימאָרגן זענען צום שייער צוגעפאָרן פורן, געלאָדנטע מיט פלאַקס, געשפּאַנטע מיט צעפּאַטלטע פערד. פּיאָטר האָט צוגענומען די סחורה, זאָרגזאַם נאָכקוקנדיק, אַז דידאָזיקע, באַבערדיקטע, מרה־שחורהדיקע פויערן זאָלן נישט אונטעררוקן קיין „שווייסיקע" סחורה, גענעצטע „פאַר דער וואָג" מיט וואַסער, אַז זיי זאָלן אים נישט פאַרקויפן קיין פראָסטן פלאַקס לויטן פרייז פון „דאָלגוניעץ". אַ שווער עסק האָט ער געהאַט מיט די פויערן; דער אומגעדולדיקער אַלעקסיי האָט העפטיק זיך געזידלט מיט זיי. דער פּאָטער איז אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע, באַלד נאָך אים איז אָפּגעפאָרן די שוויגער, כלומרשט אויף תפילה־אָפּריכטונג. אין די אָוונטן, בײַ דער טיי, באַם נאַכטעסן פלעגט אַלעקסיי בייז זיך באַקלאָגן:

— ס'איז דאָ אומעטיק צו לעבן; כ'האָב נישט ליב די הײַגע...

דערמיט האָט ער תמיד אויפגערייצט פּיאָטרן.

— אַליין ביסטו וואויל! פאַרטשעפּעסט אַלע. האָסט ליב צו באַרימען זיך.

— כ'האָב מיט וואָס, באַרים איך זיך.

צושאָקלענדיק מיט די לאָקן, האָט ער אויסגעגלייכט די אַקסלען, אויסגעבויגן די ברוסט און, עזותדיק פאַרזשמורענדיק די אויגן, געקוקט אויף די ברידער, אויף דער שוועגערין. נאַטאַליע האָט זיך געהאַלטן פון אים אין דער זייט, אַזוי ווי מורא האָבנדיק פאַר עפּעס אין אים, האָט גערעדט מיט אים טרוקן.

נאָכן מיטאָג, ווען דער מאַן און אַלעקסיי זענען ווידער אַוועקגעגאַנגען צו דער אַרבעט, איז זי אַרײַנגעגאַנגען אין ביקיטעס קליינטשיקן מאַנאַכן־שטיבל און, מיט דער ניי־אַרבעט אין די

הענט, זיך געזעצט בײַם פֿענצטער, אין דעם פּאַטעל, וואָס דער הויקער האָט קונציק געמאַכט פֿאַר איר פֿון בעריאָזע. דער הויקער, אויספֿירנדיק די ראָלע פֿון בוכפֿירער, האָט פֿונדערפֿרי ביזן אָוונט געשריבן, געחשבונט, נאָר ווען נאַטאַליע פֿלעגט אַרײַנקומען, פֿלעגט ער, איבעררײַסנדיק די אַרבעט, איר דערציילן וועגן דעם, ווי ס'האָבן געלעבט די פֿירשטן, וואָסערע בלומען ס'זענען געוואַקסן אין זייערע אָראַנזשעריעס. זײַן הויך, מיידליש קול האָט געקלונגען אָנגעשטרענגט און ליבלעך, די בלאָע אויגן האָבן געקוקט אין פֿענצטער אַרײַן, פֿאַרבײַ דעם געזיכט פֿון דער פֿרוי, און זי, אײַנבײַגנדיק זיך איבערן נייען, האָט געשוויגן אַזוי פֿאַרטראַכט, ווי ס'שווייגט אַ מענטש אין יחוד מיט זיך אַליין. כמעט נישט קוקנדיק איינער אויפֿן אַנדערן, זענען זיי געזעסן אַ שעה, צוויי, אָבער צײַטנווײַז האָט ניקיטאַ פֿאַרזיכטיק און אַזוי ווי נישט ווילנדיק אַרומגענומען די שוועגערין מיט אַ צערטלעכער וואַרעמקייט פֿון די בלאָע אויגן, און זײַנע גרויסע, הינטישע אויגן האָבן זיך בולט געריטלט. דער זיך גליטשענדיקער בליק האָט טיילמאָל געצוואונגען די פֿרוי אויך אַ קוק צו טון אויף דעם שוואָגער און אַ שמייכל טון צו אים מיט אַ גענעדיקן שמייכל, — מיט אַ מאַדנעם שמייכל; טיילמאָל פֿילט אין אים ניקיטאַ אַ געוויסע השערה וועגן דעם, וואָס ס'צערודערט אים, טיילמאָל אָבער ווײַזט זיך אים דערדאָזיקער שמייכל אויס הן אַלס באַליידיקטער, הן אַלס באַליידיקנדער, ער לאָזט שולדיק אַראָפּ די אויגן.

הינטערן פֿענצטער שורשעט און פֿליעסקעט דער רעגן, אָפּשווענקענדיק די אָפּגעבליאַקירטע פֿאַרבן פֿון זומער, ס'הערט זיך אַ געשריי פֿון אַלעקסייען, אַ געבריל פֿונעם בערל, וואָס איז נישט לאַנג צוגעקאַוועט געוואָרן אויף אַ קייט אין אַ ווינקל פֿונעם הויף, די באַבעס, די אויסקלאַפּעריגס, שלאָגן אויס דראָבנע דעם פֿלאַקס.

פֿילדערנדיק קומט אַרײַן אַלעקסיי; אַ נאַסער, אַ שמוציקער, אין היטל, אַראָפּגערוקט אויפֿן קאַרק, דערמאַנט ער פֿונדעסטוועגן אַ פֿרײַלינגס־טאָג; צולאַכנדיק, דערציילט ער, אַז טיכאָן וויאַלאָוו האָט זיך אָפּגעהאַקט אַ פֿינגער מיט אַ האַק.

— כלומרשט — אומגערן, אָבער ס'איז אַן אָפּענע זאַך:

ער האָט מורא פאַר זעלנערײַ. און איך װאָלט מיט חשק אַװעקגע־באַנגען צו די זעלנער, אַבי אַװעק פֿונדאַנען.

און, כמורענדיק זיך, מרוטשעט ער װי דאָס בערל:

— פֿאַרפֿאָרן צו די שדים אין הינטער־געסל...

דערנאָך שטרעקט ער אויס פֿאָדערנדיק די האַנט:

— גיב אַ האַלב קערבל, כ׳גיי אין שטאָט אַרײַן.

— נאָכוואָס?

— נישט דײַן עסק.

אַװעקגייענדיק, זינגט ער זיך צו:

— לויפֿט אַ מיידל אויפֿן װעגל,
טראָגט דעם ליבן פֿײַנע בייגל...

— אָך, ער װעט זיך צו קיין גוטס נישט דערשפּילן! — זאָגט נאַטאַליע. — מײַנע חברטעס זעען אים אָפֿט מיט אַלי־גונקאַ אַרלאָװאַ, און זי איז ערשט אַלט דאָס פֿינפֿצעטע יאָר, קיין מוטער — האָט זי נישט, דער פֿאָטער — איז אַ שכור...

ניקיטען געפֿעלט נישט, װי אַזוי זי רעדט דאָס, אין אירע װערטער הערט ער צופֿיל צער, צופֿיל קימער און אַזוי װי קנאה.

דער הויקער קוקט שװײַגנד אין פֿענצטער אַרײַן, אין דער נאַסער לופֿט װיגן זיך לאַפּעס פֿון סאָסנעס, װאַרפֿן אַראָפּ פֿון די גרינע נאָדלען קװעק־זילבערנע טראָפּנס רעגן. דאָס האָט ער פֿאַר־זעצט די סאָסנעס; אַלע ביימער אַרום הויז זענען פֿאַרזעצט געװאָרן מיט זײַנע הענט...

פּיאָטר קומט אַרײַן אַ מרה־שחורהדיקער און אַ מידער.

— שוין צײַט טיי צו טרינקען, נאַטאַליע.

— נאָך פֿרי.

— שוין צײַט, זאָג איך! — שרײַט ער, און װען דאָס װײַב גייט אַװעק, זעצט ער זיך אויף איר אָרט און װאָרטשעט אויך, באַ־קלאָגנדיק זיך:

— דער טאַטע האָט אַרויפֿגעלייגט אויף מײַנע פּלייצעס

דעמדאָזיקן גאַנצן מאַשין. איך דריי זיך ווי אַ רעדל, און וואָהין איך פאָר — ווייס איך נישט. אויב ס׳גייט בײַ מיר נישט אַזוי, ווי מען דאַרף — וועט ער מיר געבן...

ניקיטאַ רעדט צו אים וועגן פּאַרזיכטיק וועגן אַלעקסייען, וועגן דעם מיידל דער אַרלאָווא, אָבער דער ברודער פּאַטשט זיך אָפּ פון אים מיט דער האַנט, אַפּנים נישט איינהערנדיק זיך אין זיינע רייד.

— כ׳האָב נישט קיין צייט מיט מיידלעך זיך צו פאַרנעמען! אפילו דאָס ווייב — זע איך אויך נאָר באַנאַכט ווי אין חלום, און באַטאָג בין איך בלינד, ווי אַ פלעדערמויז. דיר ליגן נאַרישקייטן אין קאָפּ...

און צופּנדיק זיך באַם אויער, זאָגט ער פאַרזיכטיק:

— ס׳איז נישט פאַר אונז קיין עסק, אַ פאַבריק. מיר האָבן בעסער געדאַרפט זיך איינגעסטן אין סטעפּ, קויפן דאָרט ערד, פירן אַ לאַנדווירטשאַפט. געפילדער וואָלט דערביי געווען ווינציקער, אָבער תוך — מער...

איליאַ אַרטאַמאָנאָוו האָט זיך אומגעקערט אַהיים אַ פריילעכער, אַ ייִנגער־געוואָרענער, ער האָט זיך אונטערגעשוירן די באָרד, נאָך ברייטער פונאַנדערגעוויקלט די אַקסלען, זיינע אויגן האָבן געלויכטן העלער און ער אינגאַנצן איז געוואָרן ווי אַ ביי איבערגעקאָכטער אַקעראַייזן. צעלייגנדיק זיך ווי אַ פריץ אויף דער סאָפע, האָט ער געטענהט:

— די געשעפטן אונזערע דאַרפן גיין, ווי די זעלנער. אַרבעט פאַר אייך, און די קינדער אייערע, און די אייניקלעך וועט געבוג זיין, אויף דרייהונדערט יאָר. אַ גרויסע באַשיינונג פון ערדישער ווירטשאַפט דאַרף אַרויסקומען פון אונז, אַרטאַמאָנאָוס.

ער האָט אַרומגעטאַפּט מיט די אויגן די שניר און אַ געשריי געטון:

— דו ווערסט קיילעכיק, נאַטאַליע? געווינסטו אַ ייִנגל, — קריגסטו אַ שיינע מתנה.

אינאָוונט, קלייבנדיק זיך שלאָפן, האָט נאַטאַליע געזאָגט דעם מאַן:

— דער טאַטעשי איז אַ וואוילער, ווען ער איז פריילעך.

דער מאַן האָט שיקלדיק אַ קוק געגעבן אויף איר און נישט ליבלעך געזאָגט:

— אוודאי אַ וואוילער, ער האָט דאָך צוגעזאָגט אַ מתּנה אָבער אין אַ צוויי, דריי וואָכן אַרום איז אַרטאַמאָנאָוו שטילער געוואָרן, האָט זיך פאַרטראַכט; נאַטאַליע האָט געפרעגט ניקיטען:

— פון וואָס איז דער טאַטעשי ביין?

— איך ווייס נישט. אים איז נישט צו פאַרשטיין.

אין דעמזעלבן אָוונט, באַ דער טיר, האָט אַלעקסיי פּלוצלינג געזאָגט דייטלעך און הויך:

— טאַטעשי, — גיב מיך אָפּ פאַר אַ זעלנער.

— ווי־וואוהין? — האָט, פאַריענקענדיק זיך, געפרעגט איליאַ.

— איך וויל נישט דאָ לעבן...

— גייט אַרויס, — האָט באַפוילן אַרטאַמאָנאָוו די קינדער, נאָר ווען אַלעקסיי איז אויך צוגעגאַנגען צו דער טיר, האָט ער אויסגעשריגן צו אים:

— שטיי, אַליאָשקאַ!

ער האָט לאַנג באַטראַכט דעם בחור, האַלטנדיק די הענט הינטערן רוקן, באַוועגנדיק מיט די ברעמען, נאָכדעם געזאָגט:

— און איך האָב געמיינט: אָט דער איז באַ מיר אַן אָדלער!

— איך קאָן זיך דאָ נישט איינלעבן.

— ליגנט. דיין אָרט — איז דאָ. דיין מוטער האָט דיך אי־בערגעענטפערט אין מיין רשות, — גיי!

אַלעקסיי האָט געמאַכט אַ שפּרייז, ווי אַ געבונדענער, נאָר דער פעטער האָט אים אָנגעכאַפּט באַם אַקסל:

— נישט אַזוי וואָלט מען געדאַרפט מיט דיר רעדן, — מיט מיר האָט מיין טאַטע דורך דער פויסט גערעדט. גיי.

און נאָכאַמאָל אים צוריקרופנדיק, האָט ער סוגעסטיש צוגע־
געבן:

— פון דיר — דאַרף אַ גרויסער מענטש זיין, פאַרשטייסט?
להבא זאָל איך פון דיר קיין שום קוויטשן נישט הערן...

פאַרבלייבנדיק אַליין, איז ער לאַנג געשטאַנען באַם פענצ־
טער, צונויפקוועטשנדיק די באָרד אין דער פויסט, קוקנדיק ווי
ס'פאַלט אויף דער ערד דער גראָער נאַסער שניי, און ווען היני־
טערן פענצטער איז פינצטער געוואָרן, ווי אין אַ קעלער, איז ער
אַוועקגעגאַנגען אין שטאָט אַריין. דער באַימאַקאָוועס טויער איז
שוין געווען פאַרמאַכט, ער האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער,
אוליאַנאַ אַליין האָט אים געעפנט, אומצופרידן אַ פרעג טוענ־
דיק:

— וואָס ביסטו עפּעס אַצינד געקומען?

נישט ענטפערנדיק, נישט אויסטוענדיק זיך, איז ער אַריינ־
געגאַנגען אין שטוב, האָט אַ וואָרף געטון דאָס היטל אויף דער
פּאָדלאָגע, זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף די
עלנבויגנס, אַריינלאָזנדיק די פינגער אין דער באָרד אַריין, און
האָט דערציילט וועגן אַלעקסייען.

— אַ פרעמדער: מיין שוועסטער האָט זיך מיט אַ פריץ
געשפּילט, דאָס ווייזט זיך איצט אַרויס.

די פרוי האָט אַ קוק געטאָן, צי זענען די קוואַטירן פון די
פענצטער פעסט צוגעמאַכט, זי האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט, — אין
ווינקל, פאַר די הייליקע בילדער, האָט זיך געברענט אַ בלוי לעמפּל
אויף אַ זילבערן פּאָסטומענטל.

— מאַך אים חתונה גיכער, וועסטו אים דערמיט בינדן. —
האָט זי געזאָגט.

— יאָ, אַזוי דאַרף מען טאַקע. נאָר — דאָס איז נישט אַלץ,
אין פיאָטרן — איז קיין ברען נישטאָ, דאָס איז די צרה! אָן
ברען — קאָן מען קיין קינדער נישט האָבן, נישט דערהרגענען. ער
אַרבעט אַזויווי נישט באַ קיין אייגנס, נאָך אַלץ אויפן פריץ, ער
איז נאָך אַלץ אַ לייב־קנעכט, ס'פילט זיך נישט קיין ווילן, — פאַר־
שטייסט? וועגן ניקיטען רעד איך נישט: ער — איז אָרעם, אים

ליגן נאָר אין זינען סעדער, בלומען. איך האָב געוואָרט — אַלעק־סיי וועט זיך איינבייסן אין געשעפט...

די באַימאַקאָווא האָט אים באַרויקט:

— צו פרי נעמסטו דיר צום האַרצן. וואַרט צו, ס׳וועט זיך אַ דריי טון דאָס ראָד האַסטיקער, ס׳וועט זיי אַלע צוקנייטשן, — וועלן זיי זיך שוין איינקנייטשן.

זיי האָבן געשמועסט ביז האַלבער נאַכט זייט בײַ זייט אין דער וואַרעמער שטילקייט פונם צימער, — אינם ווינקל האָט זיך געוויגט אַ וואָלקן פון בלוילעכן קאָליר, ס׳האָט געציטערט אַ נישט דרייסט פייער־בלימל. באַקלאָגנדיק זיך אויפן מאַנגל פון געשעפט־לעכן ברען בײַ די קינדער, האָט אַרטאַמאָנאָוו אויך נישט פאַרגעסן די שטאָטלייט:

— געמיינע מענטשן.

— זיי האָבן דיך נישט ליב דערפאַר, וואָס דו ביסט אַ מוצלח, פאַר הצלחה האָבן מיר, ווייבער, ליב, און אייערס אַ פאַרשוין איז פרעמדע הצלחה — אַ בעלמע אויפן אויג.

אוליאַנאַ באַימאַקאָווא האָט געקענט טרייסטן און באַרויקן, און איליאַ אַרטאַמאָנאָוו האָט נאָר אומצופרידן אַ הוסט געטון, ווען זי האָט אים געזאָגט:

— איך, זעסטו, שרעק זיך בלויז פאַר איינס אימת מוות, — טראָגן צו ווערן פון דיר...

— אין מאָסקווע ברענען די געשעפטן! — האָט ער פאַר־געזעצט זיך אויפשטעלנדיק, אַרומנעמענדיק די פרוי. — עך, ווען דו וואָלסט געווען אַ מאַנספאַרשוין...

— זיי געזונט, האַרץ־לעב, גיי!

שטאַרק אַ קוש געבנדיק איר, איז ער אַוועקגעגאַנגען.

... פאַר קאַרנאַוואַל האָט די יאַרדאַנסקאַ געברענגט צו פירן אַלעקסייען פון שטאָט אויף אַ וועגעלע אַן אָפּגעפליקטן, אַ צע־מזיקטן, אָן באַוואוסטזיין: די יאַרדאַנסקין און ניקיטאַ האָבן לאַנג געריבן זיין קערפער מיט אַנגעריבענעם כריין מיט בראָנפן, ער האָט בלויז געקרעכצט, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט. אַרטאַמאָנאָוו איז ווי אַ חיה אַרומגעלאָפן איבערן צימער, פאַרקאַשערנדיק און אַראָפּ־

לאָזנדיק די אַרבל פון העמד, סקריפענדיק מיט די ציין, און ווען אַלעקסיי איז געקומען צו זיך, האָט ער אויף אים אַ לאַרם געטון, צופּאַכענדיק מיט דער פויסט:

— ווער האָט דיך, — זאָג?

אויפעפענענדיק תּרעומותדיק אַ בייז, געשוואָלן אויג, שטיקנדיק זיך, אויסשפּייענדיק בלוט, האָט אַלעקסיי אויך אַ כריפּע געטון:

— דערהרגע צו...

די דערשראָקענע נאַטאַליע האָט הויך אַרויסגעוויינט, — דער שווער האָט אויף איר אַ טופּע געטון, אַ געשריי געגעבן:

— ציַ אָפּ! אַרויס!

אַלעקסיי האָט געכאַפּט דעם קאָפּ מיט די הענט, גלייך ער וואָלט אים געוואָלט אָפּרייסן, און האָט געקרעכצט.

דערנאָך, צעוואַרפנדיק די הענט, האָט ער זיך איבערגעדרייט אויף אַ זייט, איז פאַרשטאַרט געוואָרן, אויפעפענענדיק אַ פאַרבלוטיקט, כריפּענדיק מויל; אויפן טיש באַם בעט האָט געציקט אַ ליכט, איבער דעם דעפאָרמירטן קערפּער זענען געקראָכן שאָטנס, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַלעקסיי ווערט אַלץ שוואַרצער, ווערט געשוואָלן. צופיסנס באַ אים זענען שווייגנד און דערשלאָגן געשטאַנען די ברידער, דער פאָטער האָט אַרומגעשפּרייזט א י . דער שטוב און געפרעגט עמעצן:

— וועט ער שוין טאַקע זיך נישט אויפהייבן, האַ?

נאָר נאָך אַכט מעת-לעת איז אַלעקסיי אויפגעשטאַנען, פּייכט אונטערהוסטנדיק, שפּייענדיק מיט בלוט; ער האָט אָנגעהויבן צו גיין אין באָד אַריין, האָט זיך געפּאַרעט, געטרונקען בראָנפן מיט פעפער; אין זיינע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ טונקל מרה-שחורהדיק פייער, וואָס האָט זיי געמאַכט נאָך שענער. ער האָט נישט געוואָלט זאָגן, ווער ס'האָט אים צעמזיקט, אָבער די יאָרדאַנסקאַ איז געוואויר געוואָרן, אַז געשלאָגן האָט סטעפּאַן באַרסקי, צוויי פייערלעשער און אַ מאַרדווין, וואָראָפּאָנאָוס הויזוועכטער. ווען

— אזוי איז עס טאקע ? — ארטאמאָנאָוו האָט געפרעגט אַלעקסייען. האָט יענער געענטפערט:

— כ'ווייס נישט!

— זאָגסט ליגנט!

— כ'האָב נישט געזעען; זיי האָבן מיר פונהינטן אַ קאָפּ-טאָן, צי וואָס, אויפן קאָפּ אַרויפגעוואָרפן.

— דו באַהאַלטסט עפּעס, — האָט זיך אָנגעשטויסן אַרטאַמאָ-נאָוו, אַלעקסיי האָט אים אַ קוק געטון אין פּנים אַריין מיט נישט קיין גוטן פלאַקער אין די אויגן און געזאָגט.

— איך — וועל געזונט ווערן.

— עס מער! — האָט געעצהט אַרטאַמאָנאָוו און אַ וואָרטשע געטון זיך אין דער באָרד אַריין: — פאַר אַזאַ זאַך — וואָלט מען זיי אַ רויטן האָן געדאַרפט אַריינלאָזן, אונטערבראָטן זיי די לאַפּעס. . .

ער איז געוואָרן נאָך מער אויפמערקזאַם, גראָב צערטלעך צו אַלעקסייען און האָט געאַרבעט אויף חידושים, נישט פאַרבאָרגנ-דיק זיין ציל: אָנצינדן די קינדער מיט ליידנשאַפט צו דער אַר-בעט.

— טוט אַלדינק, מיאוסט זיך מיט גאָרנישט! — האָט ער גע-לערנט און געטון אַ סך אַזעלכעס, וואָס ער וואָלט געקענט נישט טון, אומעטום אַרויסווייזנדיק אַ היהשע, און אַ שאַרפזיכטיקע גע-שיקטקייט. — זי האָט אים מעגלעך געמאַכט גענוי צו באַשטימען, וואו דער ווידערשטאַנד קייגן כּוח איז עקשנותדיקער און ווי אַזוי ס'איז גרינגער אים בייצוקומען.

די שוואַנגערשאַפט פון דער שניר האָט זיך אומנאַטירלעך פאַרשלעפּט, און ווען נאַטאַליע, אָפּמאַטערנדיק זיך צוויי מעת-לעת, האָט אויפן דריטן געוואונען אַ מיידעלע, האָט ער פאַרביטערט אַ זאָג געטון:

— נו, וואָס זשע איז דאָס. . .

— דאַנק גאָט פאַרן חסד, — האָט שטרענג אים געעצהט אוליאַנאַ, — היינט איז דער טאָג פון יעלענאַ לגיאַניצאַ.

— טאַקע אמת?

ער האָט געכאַפּט דעם יום־טובים־קאַלענדאַר, אַ קוק געטון און קינדעריש זיך דערפריים:

— פיר צו דער טאָכטער!

אַנידערלייגנדיק אויף דער שנירס ברוסט אויער־רינגען מיט רובינען און פינף טשערוואָנצעס, האָט ער געשריגן:

— נאַדיר! כאָטש נישט קיין בחור געוואָרן, אָבער — גוט!

און געפרעגט פּיאַטרען:

— נו, וואָס, די וועלס־פיש, ביסט צופרידן? איך, בין צופרידן געווען, ווען דו ביסט געבוירן געוואָרן

פּיאָטר האָט צעשראָקן געקוקט אין דעם בלוטלאָזן, אויסגעפייניקטן, כמעט אומבאַקאַנטן געזיכט פון דעם ווייב; אירע מידע אויגן זענען אַריינגעפאַלן אין שוואַרצע גריבער אַריין און האָבן אַרויסגעקוקט פון דאָרטן אויף די מענטשן און זאַכן, ווי דערמאַנענדיק זיך לאַנג פאַרגעסענע זאַכן; מיט לאַנגזאַמע באַוועגונגען פון דער צונג האָט זי אַרומגעלעקט די צעביסענע ליפּן.

— וואָס שווייגט זי? — האָט ער געפרעגט די שוויגער.

— זי האָט זיך גענוג אָנגעשריגן, — האָט דערקלערט אוליאַנאַ, אַרויסשטופנדיק אים פון צימער.

צוויי מעת־לעת, באַטאָג און באַנאַכט, האָט ער געהערט די יללות פונם ווייב און אין אָנהויב רחמנות געהאַט אויף איר, האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט שטאַרבן, און נאָכדעם, אַ פאַרטויבטער פון אירע געשרייען, פאַרטעמפּט ווערנדיק פון דער האַוועניש אין שטוב, איז ער מיד געוואָרן סיי מורא צו האָבן, סיי צו באַדויערן. ער האָט זיך נאָר באַמיט אָוועקצוגיין ערגעץ־וואו ווייטער, וואוהין ס׳זאָל נישט דערגרייכן דער געהייל פון ווייב, אָבער באַהאַלטן זיך דערפון האָט זיך נישט איינגעגעבן, דער קוויטש האָט געקלונגען ערגעץ אינעווייניק אין זיין קאָפּ, וועקנדיק אומגעוויינלעכע געדאַנקען. און אומעטום, וואו ער איז נישט געגאַנגען, האָט ער געזען ביקיטען מיט אַ האַק אָדער מיט אַן אייזערנער לאָפּעטע אין די

הענט, דער הויקער האָט עפּעס געהאַקט, געטשעשעט, געגראָבן גרי־בער, געלאָפן ערגעץ מיט אַ רוישלאָזן געלויף פון אַ מילדוואַרם, ס'האָט זיך געדאַכט — ער לויפט אַרום אין אַ ראָד, דעריבער טאַ־קע טרעפט ער זיך אומעטום.

— זי וועט נישט געווינען, האָב איך מורא, — האָט פּיאָטר געזאָגט דעם ברודער, דער הויקער האָט אַריינגעזעצט די לאָפּע־טע אין זאַמד אַריין און געפרעגט:

— וואָס זאָגט די הייבאַם?

— זי טרייסט. זאָגט צו. וואָס ציטערסטו?

— די ציין טוען וויי.

אינאָוונט, אין טאָג פון געווינען, זיצנדיק אויפן גאַניק פון הויז מיט ניקיטען און טיכאָנען, האָט ער דערציילט, פאַרטראַכט שמייכלענדיק:

— די שוויגער האָט מיר אָוועקגעלייגט דאָס קינד אויף די הענט, און איך האָב פון פרייד קיין וואָג אפילו נישט געשפּירט, כ'האָב שיער נישט אַ וואָרף געגעבן די טאָכטער צום סופית. ס'איז שווער צו פאַרשטיין: איבער אַזאַ קלייניקייט — אַזאַ שווערע מאַטערניש...

קראַצנדיק זיך דעם באַק־ביין האָט טיכאָן וויאַלאָוו געזאָגט רויק, ווי ער האָט תמיד גערעדט:

— אַלע מענטשלעכע מאַטערנישן זענען איבער אַ קלייני־קייט.

— וואָס הייסט? — האָט שטרענג געפרעגט ניקיטאַ, אַ גענייץ טוענדיק, האָט דער הויזוועכטער גלייכגילטיק געענט־פערט:

— יאָ — אַזוי, עפּעס אַזוי...

פון שטוב האָט מען גערופן צום אָונטברויט.

דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן אַ היפּש, אַ שווערס, אָבער אין פינף חדשים אַרום איז עס געשטאָרבן פון אַ טשאַד, די מוטער איז אויך שיער נישט געשטאָרבן, ווערנדיק פאַרטשאַדעט צוזאַמען מיטן קינד.

— נו, מילא! — האָט דער פאָטער געטרייסט פּיאָטרן אויפן

בית עלמין. — זי וועט נאָך האָבן קינדער. און בא אונז וועט אַצינד אַן אייגענער קבר דאָ זיין, דאָס הייסט — דער אַנקער איז פאַרוואָרפן טיף. מיט דיר — איז דיינס, אינטער דיר — דיינס, אויף דער ערד — דיינס און אונטער דער ערד — דיינס, — אָט וואָס ס'שטעלט פעסט אַוועק אַ מענטש!

פיאָטר האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, קוקנדיק אויפן ווייב; אומגעלומפּערט אייננבייגנדיק דעם רוקן, האָט זי געקוקט זיך אונטער די פיס, אויפן קליינטשיקן בערגל, וועלכעס ניקיטאַ האָט פלייסיק צוגעקלאַפּט מיט דער לאָפּעטע. אַראָפּשאָקלענדיק מיט די פינגער די טרערן פון די באַקן אַזוי פיבערדיק שנעל, גלייך זי וואָלט מורא געהאַט זיך אָפּצוברען די פינגער אָן איר געשוואָלענער, רויטער נאָז, האָט זי געפּליסטערט:

— רבונו של עולם, רבונו של עולם...

צווישן די צלמים, לייענענדיק די אויפשריפטן, איז אַרומגעגאַנגען, זיך געדרייט אַלעקסיי; ער איז אָפּגעמאָגערט געוואָרן און האָט אויסגעזען עלטער פון זיינע יאָרן. זיין נישטפויעריש פּנים, אַרומגעוואַקסן מיט טונקעלע האָר, האָט זיך אויסגעוויזן אָפּגעברענט און פאַרקאָפּטשעט, די עזותדיקע אויגן, איינגעטיפטע אונטער די שוואַרצע ברעמען, האָבן געקוקט אויף אַלעמען אומפריינדלעך, ער האָט גערעדט מיט אַ געדעמפּטלעכער שטימע, פּינאוויון אַראָפּ און אַזוי ווי אומישנע נישט דייטלעך, און אויב מען האָט אים איבערגעפרעגט, האָט ער געקוויטשעט:

— דו פאַרשטייסט נישט?

און ער האָט געזידלט. אין זיין באַציונג צו די ברידער האָט זיך באַוויזן עפּעס נישט גוטס, שפּאָטישס. אויף נאַטאַליען פלעגט ער אַלעמאָל אַ געשריי טון, ווי אויף אַן אַרבעטערין, און ווען ניקיטאַ האָט מיט פאַריבל אים אַ זאָג געטון:

— פאַרוואָס באַליידיקסטו נאַטאַשען? — האָט ער געענטפערט:

— איך בין אַ קראַנקער מענטש.

— זי איז אַן עזותדיקע.

— נו, זאָל זי טאַקע ליידן.

װעגן דעם, אַז ער איז אַ קראַנקער, פֿלעגט ער אָפֿט דער־מאָנען און כמעט תּמיד מיט שטאָלץ, גלײַך די קראַנקײט װאָלט געװען אַ מעלה, װאָס האָט אים אױסגעטײלט פֿון די מענטשן.

גײענדיק פֿון בית־עלמין לעבן פּעטער, האָט ער אים גע־זאָגט:

— מיר װאָלטן זיך באַדאַרפֿט אַן אײגן בית־הקברות אײַנ־אָרדנען, װאָרים מיט דידאָזיקע איז אַפֿילו טױטערהײט אַ חרפּה צו ליגן.

אַרטאַמאָנאָװ האָט אַ שמײכל געטון.

— מיר װעלן אײַנאָרדנען. אַלדינג װעט זײַן באַ אונז: אַ קירכע, אַ בית־עלמין, אַ שולע װעלן מיר אײַנפֿירן, אַ שפּיטאָל, — װאַרט צו!

װען זײ זענען געגאַנגען איבער דער בריק פֿון דער װאַטאַ־ראַקשע, איז אױף דער בריק, צוהאַלטנדיק זיך אָן פּאַרענטש, גע־שטאַנען אַ מענטש, מיט אַן אָנבליק פֿון אַ בעטלער, אין אַ געלן, אָפּגעטראָגענעם כאַלאַט; דער מענטש איז ענלעך געװען צו אַ באַאַמטן, אַ שכּורניק. אױף זײַן אײַנגעשרומפּן פּנים, װאָס איז גע־װען פֿאַרװאַקסן מיט אַ גראָער שטעכנדיקער באָרד, האָבן זיך באַ־װעגט האָריקע ליפּן, אױפֿדעקנדיק שטיקלעך שװאַרצע צײן, ס׳האָבן טריב געלױכטן נאַסע אײגעלעך. אַרטאַמאָנאָװ האָט זיך אַװעקגע־דרײט, האָט אױסגעשפּיגן, נאָר באַמערקנדיק, אַז אַלעקסײ האָט אומגעװײנלעך ליבלעך אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צום אָפּגעשליסע־נעם מענטש, האָט ער געפֿרעגט:

— װער איז דאָס?

— דער זײגערמאַכער אָרלאָװ.

— מען זעט גלײַך — אַז אָרלאָװ!

— ער איז אַ קלוגער, — האָט עקשנותדיק געזאָגט אַלעק־סײ, — מען האָט פֿון אים אַ תּל געמאַכט...

אַרטאַמאָנאָװ האָט זײַטיק אַ קוק געטון אױפֿן פּלימעניק און צוגעשװיגן.

ס׳איז אָנגעקומען אַ טרוקענער און הײסער זומער, אױף יע־נער זײַט אָקע האָבן געברענט די װעלדער, באַטאָג איז איבער

דער ערד געשטאַנען אַ שרפֿנדיקער וואָלקן פֿון עסנדיקן רויך, ז די נעכט איז די פּליכיקע לבנה געווען נישט אָנגענעם רויט, די שטערן, אָנוווּרנדיק אין נעפּל זייערע שטראַלן, האָבן אַרויסגעשטאַרט ווי קעפּלעך פֿון קופּערנע טשוועקעס, דאָס וואַסער פֿון טייך, אָפּשפּיגלענדיק דעם טריבן הימל, האָט אויסגעזען ווי אַ שטראָם פֿון קאַלטן און געדיכטן אונטערערדישן רויך.

די אַרטאַמאָנאָווס פֿלעגן נאָכן אָוונברויט, שטיקנדיק זיך פֿון דער היץ, טרינקען טיי אין סאָד, אין דעם האַלב=רינג פֿון די קליאָנעס; די ביימער האָבן זיך גוט אָנגענומען, נאָר די גרויסאַרטיקע היטעלעך פֿון זייער שיין=געפּאָרמטער בלעטערוואַרג האָבן אין דערדאָזיקער פֿאַרנעפּלטער נאַכט נישט געקאָנט געבן קיין שאָטן. ס'האָבן געגרילצט די גרילן, ס'האָבן געהודזשעט די אייִנהאָרניקעס, אייזערנע זשוקעס, ס'האָט געפּישטשעט דער סאַמאָוואַר. נאַטאַליאַ, צעשפּיליענדיק די אייבערשטע קנעפּלעך פֿון דער יאַקע, האָט שווייגנד אָנגעגאָסן טיי, דאָס לייב אויף איר ברוסט איז געווען פֿון אַ צאַרטן קאָליר, ווי שמעטאַנקאָווע פּוטער; דער הויקער איז געזעסן איינגעבויגן דעם קאָפּ, שניצנדיק ריטלעך אויף פּייגלשע שטייגלעך, פּיאָטר האָט געציפּט מיט די פֿינגער דאָס לעפּל פֿון אויער, רעדנדיק שטיל:

— רייצן מענטשן — איז שעדלעך און דער טאַטע רייצט.

אלעקסיי האָט, טרוקן צוהוסטנדיק, געקוקט אין דער זייט פֿון שטאָט, אויסציענדיק דעם האַלז, גלייך ער וואָלט געוואַרט אויף עפּעס.

אין שטאָט האָט זיך צעיאָמערט אַ גלאָק.

— אַן אַלאַרם? אַ שרפֿה? — האָט געפֿרעגט אַלעקסיי, צוּלייגנדיק די דלאָניע צום שטערן און אויפֿשפּרינגענדיק.

— וואָס רעדסטו? דער גלאַקן=קלינגער קלאַפּט אויס די צייט.

אַלעקסיי איז אויפֿגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען, און ניקיטאַ האָט, שווייגנדיק א ווײַלע, געזאָגט שטילערהייט:

— נאָר שרפֿות דאַכטן זיך אים.

— ער איז געוואָרן אַ בייזער, — האָט פאַרזיכטיק באַמערקט נאַטאַליאַ. — נאָר וויפיל לוסטיקייט ס'איז געווען אין אים. . .

מיט אַ סוגעסטירנדיקן טאָן, מעשה עלטערער, האָט פיאָטר באַמערקט דעם ברודער און דעם ווייב:

— איר קוקט ביידע אויף אים נאַריש; אים איז אייער רחמנות באַליידיקנד. לאָמיר גיין שלאָפן, נאַטאַליאַ.

זיי זענען אַוועקגעגאַנגען. דער הויקער האָט זיי נאָכגעקוקט, דערנאָך איז ער אויך אויפגעשטאַנען, אַריינגעגאַנגען אין דער האַלטאַנקע, וואו ער איז געשלאָפן אויפן היי, האָט זיך צוגעזעצט אויף איר שוועל. די האַלטאַנקע איז געשטאַנען אויף אַ בערגל, אַרומגערינגלט מיט ווילד גראָז; פון איר האָט מען געזעען דורך דעם פלויט די טונקעלע סטאַדע הייזער פון שטאָט, די גלאָקן-טורעמס און די פייערלעשער-בודקע האָבן באַוואַכט די הייזער. די דינסט האָט צוגערוימט דאָס געשיר פון טיש, ס'האָבן געקלימפּערט די שעלעכלעך. לענגאויס דעם פלויט זענען דורכגעגאַנגען וועבער, איינער האָט געטראָגן אַ פיש-נעץ, דער אַנדערער האָט געקלאַפּט מיט אַן אייזערנעם עמער, אַ דריטער האָט אויסגעהאַקט פונקען פון אַ פייערשטיין, באַמיענדיק זיך אָנצוצינדן דעם צינדער צו פאַררויכערן דעם ציביק. ס'האָט אַ ריטש געטון אַ הונט, טיכאָן וויאַלאָווס רויקע שטימע האָט אַ קלאַפּ געטון אין דער שטילקייט אַריין:

— ווער גייט?

די שטילקייט איז געווען אָנגעצויגן איבער דער ערד שטייף, ממש ווי די פעל פון אַ פויק, אַפילו דער שוואַכער סקריפּ פונם זאַמד אונטער די פיס פון די וועבער האָט אָפּגעשלאָגן אין איר נישט אָנגענעם דייטלעך. ניקיטען איז זייער געפעלן די קלאַנגלאָזיקייט פון די נעכט. וואָס פולער זי איז געווען, אַלץ מער האָט ער קאָנצענטרירט דעם גאַנצן כוח הדמיון זיינעם אַרום נאַטאַליען, אַלץ העלער האָבן געלויכטן די ליבע אויגן, תמיד אַ ביסל איבערגעשראָקענע אָדער פאַרוואונדערטע. און ס'איז לייכט געווען אויסצוטראַכטן כלערליי, גליקלעכע פאַר אים געשעענישן: אָט האָט ער

געפונען אַ רייכן אוצר, האָט אים אַוועקגעגעבן פּיאָטרן, און פּיאָטר האָט אים צוועקגעגעבן נאַטאַליען. אָדער: ס׳זענען אָנגעפאַלן גזלנים, און ער באַווייזט אַזעלכע אומגעווייגלעכע גבורות, אַז דער פאָטער און דער ברודער האָבן אים אַליין אַוועקגעגעבן נאַטאַליען אַלס באַלוינונג דערפאַר, וואָס ער האָט געטון. ס׳איז געקומען אַ קראַנקייט, נאָך איר איז פון גאַנצן געזינדל לעבן געבליבן בלויז צוויי: ער און נאַטאַליע און דעמאָלט וואָלט ער איר געוויזן, אַז איר גליק איז פאַרבאָרגן אין זיין נשמה.

ס׳איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, ווען ער האָט באַמערקט, אַז איבער דער סטאַדע שטאָטישע הייזער, פון די אומבאַוועגלעכע כמאַרעס פון די סעדער, גייט אויף נאָך איינע, פאַמעלעך זיך דערהייבנדיק אין דער פינצטער-גראָער טריבקייט פון הימל; אין אַ מינוט אַרום האָט זי, פונאַנגטן, רויט אויפגעלויכטן, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז אַ שרפה, איז צוגעלאָפן צום הויז און האָט דערזען: אַלעקסיי קריכט שנעל אַרויף איבער דער לייטער אויפן דאַך פון שייער.

— אַ שרפה, — האָט אַ געשריי געטון ניקיטאַ — דער ברודער האָט געענטפערט אַרויפקריכנדיק העכער:

— איך ווייס. נו?

— אָט, — דו האָסט געוואַרט, — האָט זיך דערמאַנט דער הויקער און איז, אַ פאַרוואונדערטער, געבליבן שטיין אינמיטן הויף.

— נו, כ׳האָב געוואַרט! איז וואָס? אין אַזאַ טריקעניש קומען שטענדיק פאָר שרפות.

— מען דאַרף אויפוועקן די וועבער. . .

נאָר די וועבער האָט שוין געהאַט אויפגעוועקט טיכאָן, און איינער נאָכן אַנדערן זענען זיי געלאָפן צום טייך, פרייליך צושרייענדיק.

— קריך אַרויף צו מיר, — האָט פאָרגעלייגט אַלעקסיי, זיצנדיק ווי אַ רייטער אויפן קאַנט פון דאַך, דער הויקער איז הכנעהדיק אַרויפגעקראָכן, זאָגנדיק:

— נאַטאַשע זאָל זיך נאָר נישט איבערשרעקן.

— און דו האָסט נישט קיין מורא, אַז פּיאָטר וועט דיר נאָך אָנבויקערן דעם הויקער?

— פאַרוואָס? — האָט שטיל געפרעגט ניק יטאַ און דערהערט:

— גלאָץ נישט די אויגן אויף זיין ווייב.

דער הויקער האָט לאַנג נישט געקאָנט ענטפערן קיין וואָרט, אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער גליטשט זיך אַראָפּ פון דאַך און וועט באַלד אַראָפּפאַלן, זיך צעקלאַפּן אָן דער ערד.

— וואָס רעדסטו? וואָלסט אַ קלער געטון, — האָט ער אַרויסגעמורמלט.

— נו, גוט, גוט! איך זע... האָב נישט קיין מורא, — האָט אַלעקסיי געזאָגט פריילעך, ווי ער האָט שוין לאַנג נישט גערעדט; ער האָט געזעען פון אונטער דער דלאָניע אַפער, ווי גראָבע פייער-צונגען, וויגנדיק זיך, רודערן אויף די שטילקייט, נייטנדיק זי דומפּ צו הודזשען, און ער האָט לעבהאַפט דערציילט:

— דאָס ברענען — די באַרסקיס. באַ זיי אויפן הויף איז דאָ אַ צוואָנציק פעסער דזשעגעטש. צו די שכנים וועט דאָס פייער נישט דערגיין, די סעדער וועלן איבערשלאָגן.

— מען דאַרף אַנטלויפן, — האָט געטראַכט ניקיטאַ, קוקנדיק אין דער ווייטקייט, אין דער חשכות, וואָס איז דורכגעריסן געוואָרן דורכן פייער; דאָרטן, אין דער רויטלעכער לופט, זענען געשטאַנעןביימער, אויסגעשמידטע פון אייזן, איבער דער רויטלעכער ערד זענען פאַרהאַוועט געלאָפן לעכערלעך קליינע מענטשעלעך, מען האָט אפילו געזעען, ווי זיי שטעקן אין פייער אַריין דינע, לאַנגע באָסאַקעס.

— ס׳ברענט גוט, — האָט אַלעקסיי געלויבט.

— איך וועל אַוועקגיין אין אַ מאָנאַסטיר, — האָט געטראַכט דער הויקער.

אויפן הויף האָט שלעפעריק און בייז געוואָרטשעט פּיאָטר, אים אַלס תשובה זענען פויל געשוווּמען טיכאָן וויאַלאָווס ווערטער.

און, גלייך ווי אין אַ רעם, איז אין פענצטער פּונם הויז געשטאַנען, זיך צלמנדיק, נאַטאַליע.

ניקיטאַ איז געזעסן אויפן דאַך ביזן מאָמענט, ווען אויפן אָרט פון דער שׂרפה האָט אַ בליץ געטון מיט גאָלד אַ הויפן קוילן, ארומרינגלענדיק די שוואַרצע קאַלומנעס קוימענס. נאָכדעם איז ער אַראָפּגעקראָכן אויף דער ערד, איז אַרויסגעגאַנגען הינטערן טויער און האָט זיך צונויפגעשטויסן מיטן פאָטער, אַ נאַסן, אויסגעשמירטן מיט סאַזשע, אָן אַ היטל, אין אַ צעריסענעם קאַפטן.

— וואוהין? — האָט אומגעווײנלעך העפטיק אַ געשריי געטון דער פאָטער, אַריינשטופּנדיק ניקיטען אין הויף אַריין, און, דערזעענדיק אַלעקסייעס ווייסע פיגור אויפן דאַך, האָט ער באַפוילן נאָך מיט מער רציחה:

— וואָס ליגסטו דאָרט? אַראָפּ. דו, חמור, דאַרפסט דאָס געזונט שויגען...

ניקיטאַ איז אַוועקגעגאַנגען אין סאָד אַריין, האָט זיך דאָרט צוגעזעצט אויף אַ באַנק, אונטער דעם פאָטערס פענצטער און אינגיכן דערהערט, ווי דער פאָטער, שטאַרק אַ קלאַפּ געבנדיק מיט דער טיר, האָט מיט אַ שטילערער, געדעמפּטער שטימע געפרעגט:

— ווילסט זיך אומברענגען? און מיך מבֿוזה מאַכן, האַ? כ'וועל דערהרגענען...

קוויטשענדיק האָט געענטפערט אַלעקסיי:

— האָסט מיר אַליין אויפגעגעבן.

— שטיל! דאַנק גאָט, וואָס יענער מנוול האָט אָנגעוואוירן דאָס לשון...

ניקיטאַ איז אויפגעשטאַנען און שטילערהייט, נאָר אײַליק אַוועקגעגאַנגען אין אַ ווינקל פון סאָד, אין האַלטאַנקע אַריין.

צומאָרגנס, בײַ דער טיי, האָט דער פאָטער דערציילט:

— ס'איז געווען אונטערגעלייגט; אַלס דער אונטערצינדער האָט זיך אַרויסגעוויזן דערדאָזיקער שכורניק, דער זייגערמאַכער. מען האָט אים צעמזיקט, ער וועט זיכער שטאַרבן. באַרסקי האָט

אים רוינירט, צי וואָס, און אויך אויף זיין זון, סטעפּקען, איז ער בייז געווען. אַ טונקעלער ענין.

אַלעקסיי האָט רויק געטרונקען מילך, און ניקיטאַ, שפּירנ־דיק, אַז באַ אים טרייסלען זיך די הענט, האָט זיי אַריינגערוקט צווישן די קניען און פעסט צוגעקוועטשט. דער פאָטער, באַמערקנ־דיק זיין באַוועגונג, האָט געפרעגט:

— וואָס קאָרטשעסטו זיך עפּעס?

— כ'בין נישט געזונט?

— אַלע זענט איר נישט געזונט. און איך, זעט איר, בין געזונט...

בייז אַוועקרוקנדיק דאָס נישט דערטרונקענע גלאָז טיי, איז ער אַוועקגעגאַנגען.

אַרטאַמאָנאָווס געשעפט איז שנעל אַרומגעוואַקסן געוואָרן מיט מענטשן; אַן ערך צוויי וויאָרסט פון פאַבריק, אויף די בערג, באַ־דעקטע מיט היידקרויט, צווישן שיטערע יאָדלעס, זענען אויסגע־בויט געוואָרן קליינע, נידעריקע הייזלעך, אָן הויפן, אָן פּלעטער, פונוויטנס ענלעכע צו בינשטאָקן. פאַר די איינזאַמע אַרבעטער־בחורים האָט אַרטאַמאָנאָוו אויפגעבויט איבער אַ נישט טיפן טאָל — דאָס געלעגער פון אַן אויסגעטרוקנטן טייך, וואָס זיין נאָמען איז פאַרגעסן געוואָרן — אַ לאַנגן באַראַק, מיט אַ דאַך אויף איין שפּוע און דריי קוימענס אויפן דאַך, מיט קליינטשיקע, פון וואַ־רעמקייט וועגן, פענצטערלעך; די פענצטער האָבן צוגעגעבן דעם באַראַק אַן ענלעכקייט צו פערדשטאַלן און די אַרבעטער האָבן אים אַ נאָמען געגעבן — „זשרעבאָק־פּאַלאַץ“.

איליאַ אַרטאַמאָנאָוו איז געוואָרן אַלץ מער באַרימעריש־שרייעוודיק, נאָר קיין פאַרריסנקייט פון קיין עושר, האָט ער נישט באַקומען, האָט זיך געהאַלטן מיט די אַרבעטער איינפאַך, זיך משמח געווען באַ זיי אויף די חתונות, גענומען קוואַטערשאַפט באַ זייערע קינדער, האָט ליב געהאַט, אין די יום־טובים, צו שמועסן מיט די אַלטע וועבער וויי האָבן אים אויסגעלערנט צו עצהן די פויערן זייען פלאַקס אויף פאַרצערטע פעלדער און אויף די פאַר־ברענטע וואַלד־שטחים, דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער גוט.

די אַלטע וועבער האָבן זיך אַנטציקט מיטן נאָכגיביקן באַלעבאָס, זעענדיק אין אים אַ פֿויער, צו וועלכן דער גורל שמייכלט גענעדיק, זיי האָבן געלערנט די יוגנט:

— קוקט, ווי מען דאַרף דרייען די געשעפֿטן!

און איליאַ אַרטאַמאָנאָוו האָט געלערנט די קינדער:

— די פֿויערן, די אַרבעטער, זענען פֿאַרשטאַנדיקער פֿון די שטאָטלייט. באַ די שטאָטישע — איז דער גוף אַ שלאַבעריקער, דער שכל אַ צעטראָגענער, דער שטאָטישער מענטש איז גיריק, אָבער — נישט דרייסט. באַ אים קומט אַלץ אַרויס קלייניטשיק, נישט שטאַנדהאַפטיק. די שטאָטישע ווייסן נישט אין גאָרנישט קיין געהעריקע מאָס, און דער פֿויער האַלט זיך פֿעסט אין די גרענעצן פֿון אמת, ער וואַרפֿט זיך נישט אַהין, אַהער, און דער אמת איז באַ אים אַן איינפֿאַכער: גאָט, אַ שטייגער, ברויט, קיזער. ער איז אינגאַנצן — אַן איינפֿאַכער, דער פֿויער, אָן אים האַלט אייך. דו, פּיאָטר, רעדסט צו טרוקן מיט די פֿויערן און אַלץ וועגן דער אַרבעט, דאָס טויג נישט, מען דאַרף אויך קענען אַ פּלוידער טון וועגן נאַרישקייטן! מען דאַרף אַ שפּאַס טון; אַ פֿריילעכער מענטש איז מער פֿאַרשטענדלעך.

— שפּאַסן קאָן איך נישט, — האָט געזאָגט פּיאָטר און, פֿון געוואוינהייט, זיך אַ צופּ געטון דאָס אויער.

— לערן זיך. אַ שפּאַס נעמט צו — אַ מינוט, און לאָדט אָן אויף אַ שעה. אַלעקסיי איז אויך נישט געשיקט מיט מענטשן, ער איז שרייעריש, צוטשעפּעריש.

— זשוליקעס און פֿוילענצער זענען זיי — האָט היציק זיך אָנגערופֿן אַלעקסיי.

אַרטאַמאָנאָוו האָט געטענהט אַ געשריי געטון:

— דו ווייסט עפּעס אַ סך וועגן מענטשן? — נאָר ער האָט אַ שמייכל געטון אין דער באָרד אַריין און, בכדי מען זאָל נישט באַמערקן דעם שמייכל, האָט ער אים צוגעדעקט מיט דער האַנט ער האָט זיך דערמאַנט, ווי דרייסט און פֿאַרשטאַנדיק אַלעקסיי האָט זיך מתווכח געווען מיט די שטאָטלייט וועגן בית עלמין: די דרייאָ מאָוויאַנער האָבן נישט געוואָלט באַגראָבן אויף זייער בית הקברות

אַרטאַמאָנאָווס אַרבעטער. ס'איז אויסגעקומען צו קויפן באַ פּאַ־מיאַלאָוון אַ גרויס שטיק אָלכען־וואַלד און איינאָרדנען אַן אייגן בית הקברות.

— פּאָגאָסט *), — האָט געחוקרט טיכאָן וויאַלאָוו, אויס־האַקנדיק מיט ניקיטען די דינגע, שלאַבעריקע ביימער. — נישט אויפן געהעריקן אָרט שטעלן מיר די ווערטער. ס'הייסט — פּאַ־גאָסט, און מען איז דאָ צו גאַסט אייביקע צייטן. פּאָגאָסטן, דאָס זענען — די הייזער, די שטעט.

ניקיטאַ האָט געזען, אַז וויאַלאָוו אַרבעט לייכט און פלינק, אַרויסווייזנדיק אין דער אַרבעט מער פאַרשטאַנדיקייט, ווי אין זיי־נע טונקעלע און תמיד אומגעריכטע רייד. אַקוראַט, ווי דער פאָ־טער, האָט ער אין איטלעכער אַרבעט שנעל געפונען דעם פונקט פון קלענסטן ווידערשטאַנד, האָט אָפּגעשוינט דעם כוח און גענו־מען מיט כיטרעקייט. אָבער ס'איז אויך בולט קענטיק געווען דער חילוק: דער פאָטער האָט זיך גענומען צו אַלעם מיט היץ, אָבער וויאַלאָוו האָט געאַרבעט אַזוי ווי אַן חשק, אויס גוטהאַרציקייט, ווי אַ מענטש, וואָס ווייסט, אַז ער איז מסוגל אויף עפּעס בעסערס. און גערעדט האָט ער אויך אַזוי: קנאַפּ, גענעדיק, פילדייטיק, מיט אַ שאָטן פון נאַכלעסיקייט, מיט אָנצוהערענישן:

— איך ווייס נאָך אַ הויץ דעם זייער אַ סוד: נישט בלויז דאָס קען איך זאָגן.

און שטענדיק האָט ניקיטאַ געהערט אין זיינע ווערטער עפּעס אַזוינע אָנצוהערענישן, וואָס האָבן אין אים דערוועקט אַ פאַרדראָס אויפן דאָזיקן מענטש, אַ מורא פאַר אים און — אַ שאַרפן, אומ־רויקן נייגיר צו אים.

— דו ווייסט אַ סך, — האָט ער געזאָגט וויאַלאָוון, יענער האָט נישט געאיילט געענטפערט:

— אויף דעם לעב איך. איך ווייס — ס'איז נישט קיין אומ־

---

*) פּאָגאָסט — בית הקברות, שטאַמט אָפּ פון שורש „גאָסט" — גאַסט, פּאָגאָסט — צו גאַסט — איבערז.

גליק, איך ווייס בלויז פאַר זיך. מיין וויסן איז באַהאַלטן באַ אַ קאַרגן אין קופּערט, עס זעט עס קיינער נישט, זיי רויק. . .

ס'איז נישט געווען צו באַמערקן, אַז טיכאָן זאָל אויספרעגן די מענטשן וועגן ז'עם, וואָס זיי טראַכטן, ער האָט נאָר צודרינגלעך זיך צוגעקוקט צום מענטש מיט פויגלשע, צאַנקענדיקע אויגן, און, אַזוי ווי כלומרשט אויסזייגנדיק די פרעמדע מחשבות, האָט ער ראַפּטעם גערעדט וועגן דעם, וואָס ער האָט נישט געדאַרפט צו וויסן. טיילמאָל האָט זיך ניקיטען געגלוסט, אַז וויאַלאָוו זאָל זיך אָפּבייסן די צונג, ער זאָל זי אָפּהאַקן, ווי ער האָט זיך אָפּגעהאַקט דעם פינגער, — ער האָט דעם פינגער אויך אָפּגעהאַקט, נישט אַזוי, ווי ס'געהער צו זיין, נישט אויף דער רעכטער האַנט, נאָר אויף דער לינקער, דעם פערטן. דער פאָטער, פיאָטר און אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ נאַר, נאָר ניקיטען האָט ער אַזוי נישט אויסגעזעען. באַ אים איז אַלץ געוואַקסן אַ געמישט געפיל פון גייגיר צו טיכאָנען און שרעק פאַר דעמדאָזיקן בייניק-פּנימדיקן, אומפאַרשטענדלעכן פויער. דאָס געפיל פון שרעק האָט זיך באַזונדער פאַרשטאַרקט נאָכדעם, ווי וויאַלאָוו, אומקערנדיק זיך מיט ניקיטען פון וואַלד, האָט פלוצלינג אָנגעהויבן רעדן:

— און דו דאַרסט אַלץ, דו וואָלסט איר, מענטש איינער, בעסער געזאָגט, אפשר — וועט זי רחמנות האָבן, זי איז, דאַכט זיך, גוטע.

דער הויקער האָט זיך אָפּגעשטעלט; באַ אים איז פון שרעק אָפּגעשטאָרבן דאָס האַרץ, ס'זענען פאַרשטיינערט געוואָרן די פיס, ער האָט פאַרלוירן אַ מורמל געטון:

— וועגן וואָס זאָגן, וועמען?

אַ קוק געבנדיק אויף אים, האָט וויאַלאָוו אַ שפּרייז געטון ווייטער, ניקיטאַ האָט אים אָנגעכאַפּט באַם אַרבל פון העמד, דעמאָלט האָט טיכאָן מיט ביטול אַוועקגענומען זיין האַנט.

— נו, נאָכוואָס מאַכסטו אַן אָנשטעל?

אַראָפּוואַרפנדיק פון אַקסל אויף דער ערד די אין וואַלד אויסגעגראָבענע בעריאָזע, האָט ניקיטאַ זיך אומגעקוקט, אים האָט זיך פאַרגלוסט אַ קלאַפּ צו טון טיכאָנען איבער דעם פאַרוואַקסענעם

פנים, ס'האָט זיך געוואָלט, אַז ער זאָל שווייגן, אָבער יענער, קוקנ־דיק אין דער ווייט, פאַרזשמורענדיק די אויגן, האָט גערעדט רויק, ווי געוויינלעכס:

— און אויב זי איז אפילו נישט קיין גוטע, איז קען זי זיך מאַכן פאַר אַזעלכע אויף דיין שעה, ווייבער — זענען נייגעריקע, איטלעכער ווילט זיך אַן אַנדערן מאַגסביל פאַרזוכן, געוואויר ווערן — צי איז דאָ זיסערס פון צוקער. אונזערס אַ פאַרשוין ווי־דער — דאַרף דען אַ סך? איינמאָל, צווייטאָל, איז ער שוין זאַט, איז שוין געזונט, און דו — דאַרסט. דו מאַך אַ פרווו, זאָג, אפשר וועט זי מסכים זיין.

ניקיטאַ האָט דערהערט אין די ווערטער זיינע אַ געפיל פון פריינדלעכן רחמנות; דאָס איז געווען ניי, אומבאַקאַנט פאַר אים און האָט ביטערלעך געצוויקט אין האַלז, אָבער אין דער זעל־בער צייט האָט זיך געדאַכט, אַז טיכאָן טוט אים אויס, דעקט אים אויף.

— אַ נאַרישקייט האָסטו צוגעטראַכט, — האָט ער גע־זאָגט.

אין שטאָט האָבן געקלונגען די גלאָקן, רופנדיק צו דער שפעטער נאָכמיטאָג־תפילה. טיכאָן האָט אויפגעטרייסלט די ביימער אויף זיין אַקסל און גענומען גיין, צוקלאַפנדיק איבער דער ערד מיט דער אייזערנער לאָפעטע, רעדנדיק אַלץ ווייטער אַזוי רויק.

— דו שרעק זיך נישט פאַר מיר. איך האָב דאָך אויף דיר רחמנות, דו ביסט אַ מענטש אַן אָנגענעמער, אַ טשעקאַווער. איר אַלע, אַרטאַמאָנאָווס, זענט מוראדיק טשעקאַווע. דו ביסט אין כאַ־ראַקטער אפילו נישט ענלעך צו אַ הויקערדיקן, אָבער ביסט דאָך הויקערדיק.

ניקיטעס שרעק איז צעגאַנגען אין אַ הייסן טרויער, פון דעם האָט זיך באַ אים געמישט אין די אויגן, ער האָט זיך געשטרויכלט, ווי אַ שכּורער, ס'האָט זיך געגלוסט אַנידערצולייגן אויף דער ערד און אָפרוען; ער האָט שטילערהייט אַ בעט געטון:

— דו שווייג וועגן דעם.

— איך האָב געזאָגט: ווי אין אַ קופּערט פאַרשלאָסן.

— פאַרגעס. פאַר איר כאַפּ זיך נישט אַרויס.

— איך רעד נישט מיט איר. נאָכוואָס מיט איר רעדן?

און ביז אַהיים זענען ביידע געגאַנגען שווייגנד. די בלאָע אויגן פון הויקער זענען געוואָרן גרעסער, קיילעכיקער און טרויעריקער, ער האָט געקוקט פאַרביי די מענטשן, זיי הינטער די פּלייצעס, ער איז געוואָרן נאָך מער שווייגנד און אומבאַמערקט. אָבער נאַטאַליע האָט עפּעס יאָ באַמערקט:

— וואָס גייסטו עפּעס אַרום אַזאַ טרויעריקער? — האָט זי געפרעגט, ניקיטאַ האָט געענטפערט:

— אַ סך אַרבעט, — און איז שנעל אַוועקגעגאַנגען. דאָס האָט באַליידיקט די פרוי, זי האָט נישט דאָס ערשטע מאָל געזען, אַז דער שוואָגער איז נישט אַזוי ליבלעך מיט איר, ווי פריער. איר האָט זיך געלעבט אומעטיק. פאַר די פיר יאָר האָט זי געבוירן צוויי מיידלעך און איז שוין אויפסניי געגאַנגען נישט קיין ליידיקע.

— וואָס געווינסטו אַלץ מיידלעך, צו וואָס? — האָט געוואָרטשעט דער שווער, ווען זי האָט געוואונען דאָס צווייטע און ער האָט איר גאָרנישט געשענקט, און פאַר פּיאָטרן האָט ער זיך באַקלאָגט:

— איך דאַרף האָבן אייניקלעך, נישט קיין איידעמס. האָב איך דען פאַר פרעמדע מענטשן געבויט דאָס געשעפט?

יעדעס וואָרט פונם שווער האָט געצוואונגען די פרוי צו פילן זיך שולדיק; זי האָט געוואוסט. אַז דער מאַן איז אויך נישט צופרידן פון איר. אין די נעכט, ליגנדיק לעבן אים, האָט זי געקוקט דורכן פענצטער אויף די ווייטע שטערן און, גלעטנדיק דעם בויך, האָט זי אין געדאַנק געבעטן:

— רבונו של עולם, — באַשער אַ זונדעלע...

אָבער טיילמאָל האָט זיך איר געוואָלט אויסשרייען צום מאַן און צום שווער:

— אומישנע, איך להכעיס וועל אין געווינען מיידלעך!

און ס׳האָט זיך געוואָלט טון עפּעס וואונדערלעכס, אומגע־ריכטס פאַר אַלע, — גוטס, אַז אַלע מענטשן זאָלן ווערן ליבלע־כער צו איר אָדער עפּעס שלעכטס, אַז זיי אַלע זאָלן זיך דער־שרעקן. און נישט קיין גוטס, נישט קיין שלעכטס האָט זי נישט געקאָנט אויסקלערן.

אויפשטייענדיק באַגינען, פלעגט זי אַראָפּגיין אין קיך אַריין און צוזאַמען מיט דער דינסט פּאַרטיק מאַכן דאָס צובייסעכץ צו דער טיי, זי איז אַרויפגעלאָפן אינדערהייך זייגן די קינדער, נאָכ־דעם האָט זי דערלאַנגט טיי דעם שווער, דעם מאַן, די שוואָגערס, האָט ווידער געזייגט די מיידלעך, נאָכדעם גענייט, פאַרראַכטן פאַר אַלע די וועש, נאָכן מיטאָג איז זי געגאַנגען מיט די קינדער אין סאָד אַריין און דאָרטן אָפּגעזעסן ביז דער אָוונט־טיי. אין סאָד פלעגן אַריינפאַלן רירעוודיקע טרייבערינס, זיי האָבן חניפהדיק גע־לויבט די שיינקייט פון די מיידעלעך, נאַטאַליאַ האָט צוגעשמייכלט, נאָר נישט געגלייבט אין די שבחים, די קינדער האָבן זיך איר אויסגעוויזן אַלס נישט שיינע.

טיילמאָל האָט צווישן די ביימער דורכגעשימערט ניקיטאַ, דער איינציקער מענטש, וואָס איז געווען מיט איר ליבלעך, נאָר אַצינד, ווען זי האָט אים איינגעלאַדן אַ ביסל צו זיצן מיט איר, האָט ער שולדיק געענטפערט:

— זיי מוחל, כ׳האָב נישט קיין צייט.

באַ איר האָט זיך אומבאַמערקט צונויפגעלייגט אַ באַליידיקנ־דע מחשבה: דער הויקער איז געווען פאַלש ליבלעך צו איר; דער מאַן האָט אים אַוועקגעשטעלט אַלס וועכטער איבער איר, אַז ער זאָל אַכטונג געבן אויף איר און אַלעקסייען, פאַר אַלעקסייען האָט זי מורא געהאַט, וואָרים ער איז איר געפעלן; זי האָט געוואוסט: זאָל וועלן דער שיינער שוואָגער, וועט זי נישט ביישטיין קעגן אים. אָבער ער — האָט נישט געוואָלט, ער האָט זי אפילו נישט באַ־מערקט; דאָס איז געווען אַ באַליידיקונג פאַר דער פרוי און ס׳האָט אין איר געוועקט אַ פיינדשאַפט צו אַלעקסייען דעם עזותדיקן, דעם לוסטיקן.

פינף אַ זייגער האָט מען געטרונקען טיי, אַבט — האָט מען

געגעסן אָונט־ברויט, נאָכדעם האָט נאַטאַליע געוואַשן די קינדער, געזייגט. געלייגט זיי שלאָפן, לאַנג געזאָגט די תּפילה, שטייענדיק אויף די קניען, און זיך געלייגט צום מאַן מיט דער האָפענונג צו פאַרגיין מיט אַ זון. ווען דער מאַן האָט זי געוואָלט, האָט ער געוואָרטשעט, ליגנדיק אויפן בעט:

— שוין גענוג. לייג זיך.

איילנדיק זיך צלמענדיק, איבעררייסנדיק די תּפילה, איז זי געגאַנגען צו אים, הכנעהדיק זיך געלייגט. טיילמאָל, זייער זעלטן, האָט פּיאָטר געשפּאַסט:

— וואָס בעטסטו אַזוי פיל? אַלץ וועסטו נישט אויסבעטן, פאַר אַנדערע וועט פאַרפעלן...

באַנאַכט אויפגעוועקט פונם קינדס געוויין, אָנזייגנדיק, באַרויקנדיק עס, איז זי צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט לאַנג געקוקט אין סאָד אַריין, אין הימל אַריין, אָן ווערטער קלערנדיק וועגן זיך, וועגן דער מוטער, וועגן דעם שווער, דעם מאַן, וועגן אַלעם, וואָס איר האָט געגעבן דער אומבאַמערקט פאַרגאַנגענער, נישט גרינגער טאָג. ס'איז געווען אויסטערליש נישט צו הערן די געוויינלעכע קולות, די פריילעכע אָדער שווערמוטיקע לידער פון די אַרבעטערינס, די פאַרשידנאַרטיקע קלעפּ און שאָרכן פון דער פאַבריק, פון איר בינען־זשוזשעריי; דערדאָזיקער אומאויפהערלעכער, איילנקער רעש האָט אָנגעפילט דעם גאַנצן טאָג, זיינע אָפּקלאַנגען זענען אַרומגעשוואומען איבער די צימערן, האָבן געשורשעט אין בלעטערוואַרג פון דיביימער, זיך געלאַשטשעט צו די שויבן פון די פענצטער; דער שאָרך פון דער אַרבעט, צווינגענדיק צו הערן אים, האָט געשטערט צו קלערן.

און אין נאַכטיקער שטילקייט, אינם שלאָפיקן שווייגן פון אַלעם לעבעדיקן, האָבן זיך דערמאַנט ניקיטעס אומהיימלעכע דערציילונגען וועגן פרויען, געפאַנגענע פון טאָטערס, די לעבנס־געשיכטעס פון הייליקע צדקניותן און גרויסמאַרטירערינס, ס'האָבן זיך אויך דערמאַנט די מעשהלעך וועגן אַ גליקלעך, פריילעך לעבן, נאָר אָפטער פון אַלעם האָט דער זכרון אונטערגעזאָגט שלעכטס.

דער שווער האָט געקוקט אויף איר ווי אויף אַ ליידיק אָרט און דאָס איז נאָך גוט געווען, וואָרים נישט זעלטן, טרעפנדיק זיך מיט איר אין פּאָדערהויז אָדער אין צימער אויג אויף אויג, האָט ער זי אומפאַרשעמט באַטראַכט מיט אַ שאַרפן בליק, פון דער ברוסט ביז די קניען, און אומפריינדלעך צוגעכראַפּעט.

דער מאַן איז געווען טרוקן, קאַלט, זי האָט געפילט, אַז טייל מאָל קוקט ער אויף איר אַזוי, ווי זי וואָלט כלומרשט אים געשטערט צו זען עפּעס אַנדערש, וואָס איז באַהאַלטן הינטער איר פּלייצע. אָפּטמאָל, אויסטוענדיק זיך, האָט ער זיך נישט געלייגט, נאָר איז לאַנג געזעסן אויפן ראַנד פון בעט, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן איבערבעט מיט איין האַנט, און מיט דער אַנדערער זיך צופנדיק באַם אויער אָדער די באָרד איבער דער באַק, גלייך ס'וואָלטן אים וויי געטון די ציין. זיין נישט שיין פּנים האָט זיך געקרימט דאָ תּרעומותדיק, דאָ בייז, — אין אַזעלכע מינוטן האָט נאַטאַליע זיך נישט אַנטשלאָסן צו לייגן אין בעט אַריין. גערעדט האָט ער ווינציק, נאָר וועגן שטוב-זאַכן און בלויז זעלטן-ווען, אַלץ זעלטענער פלעגט ער דערמאַנען וועגן פריערישן און פּריצישן לעבן, וואָס איז נישט פאַרשטענדלעך געווען נאַטאַליען. ווינטער אין די חגאות, נאָך ווייַנאַכט און קאַרנאַוואַל-צייט, פלעגט ער זי פירן זיך שליטלען איבער דער שטאָט; מען האָט איינגעשפּאַנט אין שליטן אַ גרויסן שוואַרצן זשרעבאָק, ער האָט געהאַט געלע, קופּערנע אויגן, אונטערגעצייכנטע מיט בלוטיקע אָדערלעך, ער האָט בייז געדרייט מיטן קאָפּ און הויך געפּאָרסקעט; נאַטאַליע פלעגט מורא האָבן פאַר דערדאָזיקער חיה און טיכאָן וויאַלאָוו האָט זי נאָך מער אָנגעשראָקן, זאָגנדיק:

— אַן אַריסטראָקאַטיש פערד, איז בייז אויף דער פרעמדער מאַכט.

אָפּט פלעגט קומען די מוטער; נאַטאַליע האָט זי מקנא געווען מיט איר פרייַ לעבן, מיטן יום-טובדיקן גלאַנץ פון אירע אויגן. דידאָזיקע קנאה איז געוואָרן נאָך שאַרפער און באַליידיקנדיקער, ווען די פרוי האָט באַמערקט, ווי יינג ס'שפּאַסט מיט דער מוטער דער שווער, ווי זעלבסטצופרידן ער גלעט די באָרד, אָנקוועלנ-

דיק פײַן זײַן ביװאױנערין, און זי גײט װי אַ פּאַװע, שאָקלענדיק מיט די היפּטן, אומפּאַרשעמט קאָקעטירנדיק פּאַר אים מיט איר שײנקײט. די שטאָט האָט שױן לאַנג געװאוסט װעגן איר באַציונג מיטן מחותּן און, שטרענג פּאַראורטײלנדיק זי דערפאַר, זיך אָפּגע־שאָקלט פון איר, די סאָלידע מענטשן האָבן פאַרװערט זײערע טעכטער, באַטאַליעס חברטעס, צו גײן צו איר, צו דער טאָכטער פון אַ פאַרדאָרבענער פרױ, דער שניר פון אַ פרעמדן, טונקעלן פּױער, דעם װײב פון אַן אָנגעבלאָזענעם פון גאװה, מרהשחורהדיקן מאַן; די קלײנטשיקע פרײדן פון דעם מײדלשן לעבן האָבן אַצינד אױסגעזעצן באַטאַליען אַלס גרױסע און ליכטיקע.

ס׳איז פאַרדראָסיק געװען צו זען, אַז די מוטער, אַזאַ גראָדליניקע פריער, כיטרעװעט אַצינד און פאַלשעװעט מיט מענטשן; ־ האָט, הפּנים, מורא פאַר פּיאָטרן, און כּדי ער זאָל דאָס נישט באַמערקן, רעדט זי מיט אים חניפהדיק, אַנטציקט זיך מיט זײַן טיכטיקײט; זי האָט אױך מורא, װײַזט אױס, פאַר די שפּאָטישע אױגן פון אַלעקסײען, זי שפּאַסט מיט אים ליבלעך, סודעט זיך מיט אים װעגן עפּעס און גיט אים אָפּט מתּנות; אין דעם באַ־מענסטאָג האָט זי אים געשענקט אַ פּאָרצעלײענעם זײגער מיט פּי־גורלעך פון שעפּסן און אַ פרױ, באַקראַנצט מיט בלומען; די־דאָזיקע שײנע, קונציק געמאַכטע זאַך האָט אַלע פאַרװאונ־דערט.

— פאַר אַ חוב איז באַ מיר געבליבן דער זײגער, אינגאַנצן פאַר דרײַ קערבלעך, ס׳איז שױן אַן אַלטער, ער גײט נישט, — האָט דערקלערט די מוטער. — װען אַליאָשאַ װעט חתונה האָבן, — װעט ער באַפּוצן זײַן שטוב...

— איך װאָלט אױך באַפּוצט, — האָט אַ קלער געטון באַ־טאַליע.

די מוטער האָט אױספירלעך אױסגעפרעגט װעגן דער באַלע־באַטישקײט, לאַנגװײליק געלערנט:

— אין די װאָכעדיקע טעג דאַרלאַנג נישט קײן סערװעט־קעס צום טיש, פון די װאָנסעס, פון די בערד װערן די סערװעט־קעס באַלד ברודיק.

אויף ניקיטען, וועלכער איז איר פריער געפעלן, האָט זי געקוקט, פאַרציענדיק די ליפּן, האָט גערעדט מיט אים, ווי מיט אַן אָנגעשטעלטן, וועלכן מען איז חושד אין עפּעס נישט ערלעכס, און האָט געוואָרנט די טאָכטער:

— דו זע, זיי נישט צופיל צוגעלאָזן צו אים, הויקערדי־קע — זענען כיטרע.

נישט איינמאָל האָט נאַטאַליע געוואָלט זיך פאַרקלאָגן פאַר דער מוטער אויפן מאַן דערפאַר, וואָס ער גלייבט איר נישט און האָט געהייסן דעם הויקער היטן זי, אָבער שטענדיק האָט עפּעס געשטערט נאַטאַליען צו רעדן וועגן דעם.

אָבער ערגער פון אַלעם איז, ווען די מוטער, אויך באַאומ־רויקט דערפון, וואָס נאַטאַליע קען נישט געווינען קיין ייִנגל, פרעגט זי אויס וועגן די נאַכט־באַציִונגען מיטן מאַן, פרעגט אויס אָן בושה, נישט פאַרדעקט, די פייכטע אויגן פאַרזשמורען זיך, שמייכלענדיק, דאָס אַראָפּגעלאָזטע קול מורקעט, איר נייגיריקייט רעגט שווער אויף און נאַטאַליע איז צופרידן, בעת זי הערט דעם שווערס פראַגע:

— מחותנתטע, — איינשפּאַנען דאָס פערד?

— איך וואָלט בעסער צופוס זיך דורכגעגאַנגען.

— גוט. איך וועל דיך באַגלייטן.

דער מאַן זאָגט פאַרטראַכט:

— אַ קלוגער מענטש די שוויגער; זי האָלט געשיקט דעם פאָטער. אין איר בייזיין איז ער ווייכער מיט אונז. זי וואָלט באַדאַרפט דאָס הויז אירס צו פאַרקויפן, און צו אונז זיך אַריבער־קלייבן.

— מען דאַרף דאָס נישט, — וויל זאָגן נאַטאַליע, אָבער — זי וואַגט נישט און האָט נאָך מער פאַריבל אויף דער מוטער, וואָס יענע איז געליבט און גליקלעך.

זיצנדיק באַם פענצטער אין סאָד אַרויס אָדער אינם סאָד מיט אַ האַנט־אַרבעט, הערט זי אָפּגעריסענע זאַצן פונם שמועס פון טיכאָנען מיט ניקיטען, זיי פאָרען זיך אַרום דער יאַגדעס־

בייט לעבן באַד און, דורך דעם ווייכן גערויש פון דער פאַבריק, זייען זיך דורך די רויקע רייד פונם הויזוועכטער.

— דער אומעט — איז פון די מענטשן; זיי פּאַקן זיך צו־נויף אין אַ קופּע ווערט אומעטיק *).

— ווי ריכטיק! — קלערט נאַטאַליע, אָבער ניקיטעס אָנגע־נעמע קול מוסרט:

— ס'איז אַ בלבול. און — די קאַראַהאַדן, די שפּילערייען אָן מענטשן — איז נישטאָ קיין פריילעכקייט.

— און דאָס איז ריכטיק — איז מסכים מיט פאַרוואונדערונג די פרוי.

זי זעט, אַז אַלע אַרום איר רעדן זיכער, איטלעכער ווייסט עפּעס גוט, זי זעט נעמלעך, ווי פּשוטע אַנטשלאָסענע ווערטער, פעסט באַהאַפטענע איינס צום אַנדערן, צוימען אָפּ פאַר יעדן מענטש אַ שטיקל פון עפּעס אַ פעסטן אמת, די מענטשן שיידן זיך אונטער איינער פון אַנדערן מיט ווערטער און באַפּוצן זיך מיט זיי, צוקלימפּערנדיק, שפּילנדיק מיט די ווערטער, ווי מיט די גאָלדענע און זילבערנע קייטעלעך פון זייערע זייגערס. זי פאַר־מאָגט נישט אַזעלכע ווערטער, זי האָט נישט אין וואָס אָנצוטון אירע טראַכטונגען און, נישט ממשותדיקע, טריבע, ווי אַ האַרבס־טיקער נעפּל, קווילן זיי זי נאַר, זי ווערט טעמפּ פון זיי, אַלץ אָפטער קלערנדיק, מיט צער און פאַרדראָס:

— איך בין אַ נאַר, איך ווייס גאָרנישט, איך פאַרשטיי נישט...

— מעדוויעד **), — דאָס הייסט — אַ וויסער, ער ווייסט וואו ס'איז דאָ האָניק, — מורמלט טיכאָן אין די קוסטן מאַלי־נעס.

---

*) אין רוסיש איז דאָ פאַרהאַן אַ וואָרט־שפּיל, וואָס לאָזט זיך נישט איבערגעבן אויף יידיש. — מ. ב.

**) מעדוויעד — אַ בער, דאָס וואָרט איז צוזאַמענגעזעצט פון צוויי ווערטער: מיעד־וויעד — האָניק, ווייס. — מ. ב.

— ס'איז טאַקע אַזוי, — טראַכט נאַטאַליע און, אַ ציטער טוענדיק, דערמאָנט זי זיך, ווי אַלעקסיי האָט דערהרגעט איר ליבלינג: ביז דרייסיק חדשים איז דער בער אַרומגעלאָפן איבערן הויף, אַ צוגעוואוינטער און ליבלעכער, ווי אַ הונט, ער פלעגט אַרייַנקריכן אין קיך אַריין און, שטעלנדיק זיך אויף די אונטערשטע פיס, בעטן ברויט, שטיל ברומענדיק, פינטלענדיק מיט די קאָמישע אויגן. ער איז אינגאַנצן געווען אַ קאָמישער, אַ גוטער און האָט זיך פאַרשטאַנען אויף גוטסקייט. אַלע האָבן אים ליב געהאַט, ניקיטאַ האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אים, צעקעמענדיק די קנוילן געדיכטע, אַראָפּהענגענדיקע שערשטש, האָט אים געפירט באָדן אין טייך און דער בער האָט אים אַזוי ליב געקריגן, אַז ווען ניקיטאַ איז ערגעץ־וואו אַוועקגעגאַנגען, האָט די חיה, אויפהייבנדיק די מאָרדע, אומרויק געשמעקט די לופט, איז פאַרסקענדיק אַרומגעלאָפן איבערן הויף, האָט זיך געריסן אין קאַנטאָר אַריין, אינם צימער פון זיין פיעשטשער, נישט איינמאָל אַרויסגעשטופּט די שויבן פון פענצטער, אויסגעבראָכן די קוואַטירן. נאַטאַליע האָט ליב געהאַט צו קאָרמען אים מיט ווייצן ברויט מיט האָניק, ער האָט זיך אַליין אויסגעלערנט איינצוווייקן שטיקער ברויט אין דער שאָל מיט האָניק; פריידיק ריטשענדיק, וויגנדיק זיך אויף די האָריקע פיס, האָט ער גערוקט דאָס ברויט אין דעם ראָזן, צייניקן פּיסק אַריין, האָט אָפּגעלעקט די קלעפּיקע, זיסע לאַפּע. זיינע גוטמוטיקע אייגעלעך האָבן גליקלעך געלויכטן און ער האָט געשטאָמפּערט מיטן קאָפּ אין נאַטאַליעס קניען אַריין, אַרויסרופנדיק זי צו שפּילן זיך מיט אים. מיט דערדאָזיקער ליבער חיה האָט מען געקענט רעדן, זי האָט שוין עפּעס פאַרשטאַנען.

נאָר איינמאָל האָט אַלעקסיי אים אָנגעטרונקען מיט בראָנפן, דער שכורער בער האָט געטאַנצט, זיך געדרייט, ער איז אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך פון באָד און צענעמענדיק דעם קוימען, האָט ער אָנגעהויבן אַראַפּצוקייקלען די ציגל אונטן; ס'האָט זיך צונויפגעקליבן אַ כאָפּטע אַרבעטער און געקוואָלן, קוקנדיק אויף אים. פון יענעם טאָג אָן האָט אַלעקסיי כמעט יעדן יום־טוב, צום פאַרווילן די מענטשן, געגעבן צו טרינקען דעם בער און די חיה האָט

זיך אַזוי צוגעוואוינט צו שפּורן, אַז זי האָט באַגעגנט אַלע אַרבעטער, פון וועלכע ס'האָט זיך געשפּירט בראָנפן און נישט געלאָזט אַלעקסייען דורכגיין איבערן הויף, אַז ער זאָל זיך נישט וואַרפן צו אים. מען האָט אים אָוועקגעזעצט אויף אַ קייט, אָבער ער האָט צעבראָכן זיין קעמערל און מיט דער קייט אויפן האַלז, מיט אַ קלאָץ אויפן צווייטן עק אירן, האָט ער אָנגעהויבן גיין איבערן הויף, פאָכענדיק מיט די לאַפּעס, וואַרפנדיק מיטן קאָפּ. מען האָט אים געוואָלט כאַפּן, האָט ער צעדראַפּעט טיכאָנען אַ פוס, האָט אומגעוואָרפן דעם יינגן אַרבעטער מאַראָזאָוו און אַ קלאַפּ געטון ניקיטען, אָנכאַפּנדיק אים מיט דער לאַפּע בא דער היפּט, דאַן איז געקומען צו לויפן אַלעקסיי מיט אַ שפּיז, ער האָט מיטן גאַנצן אימפּעט אים אַריינגעזעצט אין בויך פון דער חיה, באַטאַליע האָט געזען פון פענצטער, ווי דער בער איז אַ פאַל געטון אויף די הינטערשטע פיס און אַ פאַך געטון מיט די לאַפּעס, ער האָט אַזוי ווי געבעטן מחילה בא די מענטשן, וואָס האָבן צעיאַכמערט געשריגן אַרום אים. עמעצער האָט געפעליק אַריינגערוקט אַלעקסייען אין די הענט אַריין אַ שאַרפע טשעסלאַר-האַק, אונטערשפּרינגענדיק האָט דער שפּיציקבערדיקער שוואָגער אים אַ קלאַפּ געטון איבער אַ לאַפּע, איבער דער אַנדערער, דער בער האָט אַרויסגעלאָזט אַ ריטש, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די איבערגעהאַקטע לאַפּעס, פון זיי האָט אויף רעכטס און אויף לינקס אַ פלייץ געטון בלוט, שאַפּנדיק אויף דער איינגעטרעטענער ערד געדיכט רויטע פלעקן. באַקלאָגלעך ריטשענדיק האָט די חיה אונטערגעשטעלט דעם קאָפּ אונטער אַ נייעם קלאַפּ פון דער האַק, דעמאָלט האָט אַלעקסיי, ברייט צעשטעלנדיק די פיס, אַריינגעזעצט די האַק אין קאַרק פון בער, ווי אין אַ שייט האָלץ אַריין, דער בער האָט אַ פאַל געטון מיט דער מאָרדע אין אייגענעם בלוט אַריין, און די האַק איז אַזוי טיף אַריינגעזונקען אין די ביינער, אַז אַלעקסיי, אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן פיס אין דעם האָריקן זאָדיק, האָט קוים געקאָנט אַרויסשלעפּן די האַק פונם שאַרבן. ס'איז אַ ווייטיק געווען דער בער, נאָך כ״״ ווייטיק איז געווען צו וויסן, אַז דער אומדערשראָקענער, פלינקער, פריילעכער עזותניק, דער שוואָגער,

פלאָנטערט זיך אַרום מיט עפּעס אַ נישטיק מיידלטשינע, און זי, נאַטאַליען זעט ער נישט.

דעם שוואָגער האָבן אַלע געליבט פאַר דער פלינקייט, פאַר דער העלדישקייט, דער שווער, קלאַפנדיק אים אין דער פּלייצע, האָט געשריגן:

— און — דו זאָגסט — אַ קראַנקער? אַך, דו...

ניקיטאַ איז אַנטלאָפן פון הויף, און נאַטאַליאַ האָט אַזוי געוויינט, אַז דער מאַן האָט פאַרוואונדערט און מיט פאַרדראָס זי געפרעגט:

— נו, און אַז מען וועט אַ מענטש דערהרגענען אין דיינע אויגן, וואָס זשע וועסטו דעמאָלט טון?

און, ווי אויף אַ קליינטשיקער, האָט ער אַ געשריי געטון:

— הער אויף, נאַר!

איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער וויל אַ קלאַפּ טון און, איינהאַלטנדיק די טרערן, האָט זי זיך דערמאַנט די ערשטע נאַכט מיט אים, — סאַראַ האַרציקער ער איז דעמאָלט געווען, סאַראַ שעמעוודיקער, זי האָט זיך דערמאַנט, אַז ער האָט זי באַך נישט געשלאָגן, ווי ס'שלאָגן די ווייבער אַלע מאַנען, און געזאָגט, איינהאַלטנדיק די שלאַכצן:

— זיי מוחל, ס'איז זייער אַ רחמנות.

— רחמנות האָבן דאַרף מען אויף מיר, און נישט אויפן בער, — האָט ער געענטפערט נישט הויך און שוין ליבלעכער.

ווען זי האָט דאָס ערשטע מאָל זיך פאַרקלאָגט פאַר דער מוטער אויף דעם מאַנס שטרענגקייט, האָט יעגע, געדענקט זי, איר געזאָגט:

— אַ מאַנסביל — איז אַ בין, מיר זענען פאַרן מאַנסביל — בלומען, ער נעמט פון אונז צונויף דעם האָניק, דאָס דאַרף מען פאַרשטיין. מען דאַרף זיך לערנען ליידן, מיין ליבע. די מענער — געוועלטיקן איבער אַלעם, זיי האָבן מער דאגות פון אונז, זיי, אַט,

בויען צערקווועס, פאַבריקן. דו גיב אַ קוק, וואָס דער שווער גאַר האָט אויף אַ ליידיק אָרט אויסגעבויט. . .

איליאַ אַרטאַמאָנאָוו האָט אַלץ מיט מער אימפּעט זיך געאיילט צו אַנטוויקלען און פאַרפעסטיקן זיין געשעפט, ער האָט, אַזויווי פאַרגעפילט, אַז דער זמן זייבער — איז נישט גרויס. אין חודש מאַי, נישט לאַנג פאַרן ניקאָלאַי-טאָג, איז אָנגעקומען פאַר אַ צווייטן קאָרפּוס פון פאַבריק אַ דאַמפ-קעסל, מען האָט אים געברענגט צו פירן אויף אַ באַרקע, וואָס איז צוגעשוואומען צום זאַמדיקן ברעג פון דער אָקע דאָרט, וואו אי איר איז פויל אַריינגעפלאָסן דאָס זומפּיקע וואַסער פון דער גרינער וואַטאַראַקשע. ס'איז פאַרגעשטאַנען אַ שווערע אַרבעט. דעם קעסל האָט מען געדאַרפט שלעפּן אַ הונדערט פינפציק מעטער איבער אַ זאַמדיקן גרונט. אין ניקאָלאַי-טאָג האָט אַרטאַמאָנאָוו איינגעאָרדנט פאַר די אַרבעטער אַ זעטיקן, יום-טובדיקן מיטאָג מיט בראָנפן, מיט בראַגע; די טישן זענען געדעקט געוואָרן אויפן הויף, די ווייבער האָבן אים באַפּוצט מיט צווייגעלעך פון יאָדלעס, בעריאָזעס, מיט בינטלעך פון די ערשטע פרילינג-בלומען און האָבן זיך אַליין אויסגעשלייערט בונט, ווי די בלומען. דער באַלעבאָס מיט דער פאַמיליע און מיט אייניקע געסט איז געזעסן באַם טיש צווישן די אַלטע וועבער, האָט זיך פעפערדיק געוויצלט מיט די עזותדיקע אויף דער צונג טרייבערינס, האָט אַ סך געטרונקען, קונציק אונטערגעהעצט די מענטשן צו פריילעכקייט און, צעשפּרייטנדיק מיט דער האַנט די גראָ געוואָרענע באָרד, האָט ער געשריגן אויפגערעגט:

— עך, יאַטן! געלעבט זאָל ווערן!

פון אים, פון זיין התלהבות האָט מען אָנגעקוואָלן, ער האָט דאָס געפילט און איז נאָך מער באַרויִשט געוואָרן פון דער פרייד צו זיין אַזעלכער, ווי ער איז. ער האָט געלויכטן און געפינקלט, ווי דערדאָזיקער פרילינגדיקער, זוניקער טאָג, ווי די גאַנצע ערד, די צירלעך אָנגעטוענע אין ייִנגן גרינס פון גרעזער און בלעטער, וואָס האָט געריכערט מיט דופט פון בעריאָזעס און ייִנגע סאָטגעס, וועלכע האָבן דערהויבן אין בלויען הימל אַריין זייערע גאָלדיקע ליכט, — דער פרילינג איז דאָס יאָר געווען אַ פריער און

אַ הייסער, ס'האָט זיך שוין געהאַט צעבליט די טשערעמכע און דאָס בעז. אַלץ איז געווען יום־טובדיק, אַלץ האָט געשטראַלט; אַפילו די מענטשן האָבן אין דעם טאָג אויך זיך צעבליט מיט אַלעם בעסטן, וואָס איז געווען אין זיי.

דער אַלטער וועבער באָריס מאָראָזאָוו, אַ קליינטשיקער, איינגעבויגענער אַלטיטשקער, מיט אַ וואַקסן פּנימל, וואָס איז אינגאַנצן באַהאַלטן געווען אין דער גרייז־גרויער באָרד, אינגאַנצן אַ ווייסער און געוואַשענער, ווי אַ מת, איז אויפגעשטאַנען, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן דער פּלייצע פון עלטערן זון, אַ מאַנסביל פון אַ יאָר זעכציק און האָט מוראדיק געשריגן, מאַכנדיק מיט דער ביינ‌יקער, פּליישלאָזער האַנט:

— קוקט, — ניינציק יאָר בין איך אַלט, ניינציק מיט אַ שמיציק, אָט האָט איר! אַ סאָלדאַט, כ'האָב פּוגאַטשן געשלאָגן, אַליין געבונטעוועט אין מאָסקווע, אין יאָר פון דער דזשומע, יאָ־אָ! כ'האָב באָנאַפּאַרטן געשלאָגן...

— און וועמען געלאַשטשעט? — האָט אַרטאַמאָנאָוו אים אַריינגעשריגן אין אויער אַריין, דער וועבער איז געווען טויב.

— צוויי ווייבער, אַ חוץ די איבעריקע. קוק: זיבן בחורים, צוויי טעכטער, ניינצען אייניקלעך, פינף אוראייניקלעך, — אָט ווי כ'האָב אָנגעוועבט? אָט זענען זיי, אַלע לעבן בײַ דיר, אָט־אָ — זיצן זיי...

— גיב אַהער נאָך! — האָט געשריגן איליאַ.

—ס'וועלן זיין. דריי קיסריים, איין קייסערין האָב איך איבערגעלעבט — אָט האָט איר! בײַ וויפיל באַלעבאַטים כ'האָב געלעבט, זענען אַלע אויסגעשטאָרבן, און איך — לעב! וויאָרסטן לייוונטן האָב איך אָנגעוועבט. דו, איליאַ וואַסיליעוו, ביסט דער אמתדיקער, דו וועסט לאַנג לעבן. דו ביסט — אַ באַלעבאָס, דו האָסט ליב די אַרבעט און זי דיך. די מענטשן באַעוולסט דו נישט. דו ביסט — פון אונזער בוים אַ צווייג, — פאַר דיר איז הצלחה — אַ געזעצלעך ווייב, און נישט קיין געליבטע: זי האָט

דיך אָנגעשפּילט, און אַוועק! פאַר מיטן גאַנצן כּוח. זיי געזונט, ברודער, אָט וואָס! זיי געזונט, זאָג איך...

אַרטאַמאָנאָוו האָט אים געכאַפּט אויף די הענט, אונטערגעהויבן, אַ קוש געטון, גערירט שרייענדיק:

— אַ דאַנק, יאַט! איך וועל דיך פאַר פאַרוואַלטער מאַכן...

די מענטשן האָבן געלאַרמט, געלאַכט, און דער אַלטער, שכורער וועבער, הויך אויפגעהויבן איבער זיי, האָט געשאָקלט איז דער לופט מיט די סקעלעטישע הענט און געכיכיקעט קוויטשענדיק:

— באַ אים — איז אַלץ אויף זיין שטייגער, אַלץ נישט אַזוי...

אוליאַנאַ באַימאַקאָוואַ האָט, נישט שעמענדיק זיך, אָפּגעווישט פון די באַקן די טרערן פון נחת.

— וויפיל פרייד, — האָט איר געזאָגט די טאָכטער, זי האָט, שנייצנדיק די נאָז, געענטפערט:

— ער איז שוין אַזאַ מענטש, אויף פרייד האָט אים גאָט באַשאַפן...

— לערנט זיך, קינדער, ווי מען דאַרף לעבן מיט מענטשן, — האָט געשריגן אַרטאַמאָנאָוו צו די זין. קוק, פּיעטרוכאַ!

נאָכן מיטאָג, אָפּרוימענדיק די טישן, האָבן די ווייבער אויפגעזונגען לידער, די מענער האָבן אָנגעהויבן פּרווון דעם כּוח, האָבן זיך געצויגן אויף אַ שטעקן, זיך געראַנגלט; אַרטאַמאָנאָוו איז אומעטום געווען אינדערמיט, האָט געטאַנצט, געקעמפט; מען האָט זיך משמח געווען ביז באַגינען, און מיטן ערשטן זונען-שטראַל איז אַ מאַן זיבעציק אַרבעטער מיטן באַלעבאָס בראש אין אַ טומלענדיקער כאָפּטע אַוועק, ווי אויף גזלה, צו דער אָקע, מיט געזאַנג, מיט אַ פּייפעריי, בגילופנדיקע, טראָגנדיק אויף די אַקסלען גראָבע וואַלקעס, דעמבאָווע באָסאַקעס, שטריק, הינטער זיי האָט געהונקען איבערן זאַמד דער אַלטיטשקער וועבער, און געמורמלט צו ניקיטען:

— ער וועט זיך זיינס דערשלאָגן! ער? איך ווי־ייס...

מען האָט בשלום אויסגעלאָדעוועט פון דער באַרקע דאָס רויטע טעמפּע ריזן־פּאַרזעניש, וואָס איז ענלעך געווען צו אַן אָנקעפּיקן אָקס; מען האָט עס אַרומגעוויקלט מיט שטריק און או־ כענדיק, ריטשענדיק סאָלידאַר געפירט אויף די וואַלקעס איבער די ברעטער, אַוועקגעלייגטע אויפן זאַמד; דער קעסל האָט זיך געוויגט, רוקנדיק זיך פאָרויס, און ניקיטען האָט זיך געדאַכט, אַז דער קייַלעכיקער, נאַרישער פּיסק פונם קעסל האָט פאַרחידושט זיך צעעפנט פאַר דער פרייַלעכער קראַפט פון די מענטשן. דער פאָטער, אַ בגילופנדיקער, האָט אויך געהאָלפן שלעפן דעם קעסל, אָנגעשטרענגט צושרייענדיק:

— פאַמעלעך, העי, פאַמעלעך!

און קלאַפּנדיק מיט דער דלאָניע אין דער רויטער זייט אַרייַן פון דעם אייַזערנעם ריזן־פּאַרזעניש, האָט ער צוגע־ רעדט:

— ער גייט דער קעסל, ער גייט!

ווינציקער פון פינפציק מעטער איז פאַרבליבן צו דער פאַב־ ריק, ווען דער קעסל האָט זיך אַ וואַקל געטון באַזונדער שטאַרק און איז, נישט געאײַלט, אַראָפּגעפאָרן פון פאָדערשטן וואַלעק, אַרייַנפאַלנדיק אין זאַמד מיט דער טעמפּער מאָרדע. ניקיטאַ האָט געזען, ווי זייַן קייַלעכיקער פּיסק האָט אַ הויך געטון אין פאַ־ טערס פּיס אַרייַן מיט גראָען שטויב. די מענטשן האָבן בייז אַרומ־ געקלעפּט דעם שווערן מגושם, באַמיענדיק זיך אַרונטערצורוקן אונ־ טער אים דעם וואַלעק, אָבער זיי האָבן זיך שוין אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות, און דער קעסל האָט פאַרעקשנט זיך אייַנגעקלעפּט אין זאַמד, און, נישט נאָכגעבנדיק זייערע אָנשטרענגונגען, אַזוי ווי זיך אייַנגעגראָבן אַלץ טיפער. אַרטאַמאָנאָוו מיט אַ באָסאַק אין די הענט, האָט זיך געפּאָרעט צווישן די אַרבעטער, צושרייענ־ דיק:

— יאַטעלעך, אַלע גלייַך נעם! אָ־אויך...

דער קעסל האָט אָן חשק זיך אַ ריר געטון און איז ווידער שווער אומגעפאַלן, און ניקיטאַ האָט דערזען, אַז פון המון אַר־ בעטער איז מיט אַן אומבאַקאַנטן גאַנג אַרויסגעגאַנגען דער פאָ־

טער, דאָס פּנים איז בײַ אים אויך געווען אַן אומבאַקאַנטס. ער איז געגאַנגען, אַרונטערגערוקט איין האַנט אונטער דער באָרד, האַלטנדיק זיך באַם האַלז, און מיט דער אַנדערער האָט ער געטאַפּט די לופט. ווי ס'טוען בלינדע; דער אַלטער וועבער, וועלכער איז באַכגעשפּרונגען הינטער אים, האָט געשריגן:

— עס אַ ביסל ערד, ערד...

ניקיטאַ איז צוגעלאָפן צום פּאַטער, יענער האָט, אַ שלוקערץ טוענדיק, אויסגעשפּיגן בלוט אים אונטער די פּיס און טויב געזאָגט:

— בלוט.

זיין פּנים איז גראָ געוואָרן, די אויגן האָבן צעשראָקן געפינטלט, די גאָמבע האָט זיך געטרייסלט און זיין גאַנצער, גרויסער, קלוגער קערפּער האָט דערשראָקן זיך צונויפגעטוליעט.

— האָסט דיך צעקלאַפּט? — האָט געפרעגט ניקיטאַ, אָנכאַפּנדיק אים בײַ דער האַנט, — דער פּאַטער האָט זיך אַ וואַקל געטון אויף אים אַרויף, אַ שטויס געטון און געענטפערט נישט הויך:

— מעגלעך, אַן אָדער האָט געפּלאַצט...

— עס אַ ביסל ערד, זאָג איך...

— טרעט מיך אָפּ, — גיי!

און ווידער אויסשפּייענדיק אַ סך בלוט, האָט אַרטאַמאַנאָוו אַרויסגעמורמלט מיט שטויננונג:

— ס'רינט. וואו איז אוליאַנאַ?

דער הויקער האָט געוואָלט לויפן אַהיים, נאָר דער פּאַטער האָט אים געהאַלטן פעסט באַם אַקסל און, איינבייגנדיק דעם קאָפּ, געשלעפּט די פיס איבערן זאַמד, אַזוי ווי צוהערנדיק זיך צום שאָרך און סקריפּ, וואָס האָט זיך קוים געלאָזט אונטערשיידן אין דעם בייזן געשריי פון די אַרבעטער.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער געפרעגט און איז צוגעגאַנגען צום הויז, מאַכנדיק פּאָרזיכטיקע טריט, ווי אויף אַ דין ברעט, געלייגט איבער אַ טיפן טייך. די באַימאַקאָוואַ האָט זיך געזעגנט מיט דער טאָכטער, שטייענדיק אויף דער וועראַנדע,

ניקיטאַ האָט באַמערקט, אַז ווען זי האָט אַ קוק געטון אויפן פאָ־
טער האָט איר שיין פּנים מאָדנע, ממש ווי אַ ראָד, אינגאַנצן זיך
אַ קער געטון אויף רעכטס, דערנאָך אויף לינקס און איז בלאָס
געוואָרן.

— אייז גיט אהער, — האָט זי אַ געשריי געטון, ווען דער
פאָטער האָט, גישט געהעריק אַרונטערבייגנדיק די פיס, זיך אַראָפּ־
געזעצט אויף אַ שטיג אויף דער וועראַנדע, אַלץ אָפּטער שלו־
קערצנדיק און אויסשפּייענדיק בלוט. אַזוי ווי דורכן שלאָף, האָט
ניקיטאַ געהערט טיכאָנס קול:

— אייז איז וואַסער; מיט וואַסער איז קיין בלוט נישט צו
פאַרבייטן...

— ערד דאַרף מען קייען...

— טיכאָן, לויף נאָכן פּאָפּ...

— הייבט אויף, טראָגט, — האָט קאָמאַנדעוועט אַלעקסיי;
ניקיטאַ האָט אונטערגעכאַפּט דעם פאָטער אונטערן אָרעם, נאָר
עמעצער האָט אָנגעטרעטן אויף די פינגער פון זיין פוס אַזוי שטאַרק,
אַז ער איז אויף אַ מינוט פאַרבלענדט געוואָרן, אָבער דערנאָך
האָבן זיינע אויגן אָנגעהויבן זען נאָך שאַרפער, פאַרגעדענקענדיק
מיט אַ קרענקלעכער גיריקייט אַלץ, וואָס די מענטשן האָבן געטון
אינם געדראַנג פון פאָטערס צימער און אויפן הויף. איבערן הויף
האָט טיכאָן גאַלאָפּירט אויפן גרויסן שוואַרצן פערד, נישט זייענ־
דיק ביכולת זיך אַן עצה צו געבן דערמיט. דאָס פערד איז נישט
געגאַנגען אין טויער אַריין, ס'האָט געהאָצקעט, זיך געדרייט,
אַרויפהייבנדיק די בייזע מאָרדע, צעטרייבנדיק די מענטשן, —
ס'האָט זיך משמעות געשראָקן פאַר דער שרפה, וואָס האָט געפלאַ־
קערט אין הימל פון דער צעגליטער זון; אָט איז עס, ענדלעך,
אַרויסגעשפּרונגען, אָנגעהויבן גאַלאָפּירן, נאָר פאַר דער רויטער
מאַסע פונם קעסל האָט עס אַ האָצקע געטון אין אַ זייט, אַראָפּ־
וואַרפנדיק טיכאָנען און זיך אומגעקערט אין הויף אַריין, כראָפּענ־
דיק, פאָכענדיק מיטן וויידל.

עמעצער שרייט:

— יינגלעך, גיט אַ שפּרונג...

אויפן פענצטער־אָנשפּאַר, דרייענדיק דאָס טוּנקעלע, שפּיציקע בערדל, זיצט אַלעקסיי, זיין נישט גוט, נישטפּויעריש פּנים האָט זיך אויסגעשפּיצט און איז אַזוי ווי מיט שטויב באַדעקט, ער קוקט, נישט פינטלענדיק, איבער די קעפּ פון די מענטשן אויפן בעט, דאָרט ליגט דער פאָטער, רעדנדיק נישט מיט זיין קול:

— הייסט עס — זיך טועה געווען. ס׳איז גאָטס רצון. קינדער — איך באַפעל: אוליאַנאַ איז אייך שטאָט אַ מוטער, איר הערט? דו, איליאַ, העלף זיי צו, למען השם. עך, שיקט אַרויס די פרעמדע פון שטוב...

— שווייג דו, — קרעכצט צעצויגן און באַקלאָגלעך באַימאַקאָוואַ, אַריינרוקנדיק אים אין מויל אַריין שטיקלעך אייז. — ס׳איז דאָ נישטאָ קיין פרעמדע.

דער פאָטער שלינגט דאָס אייז און נישט אַנטשלאָסן זיפצנדיק, זאָגט ער:

— אויף מיין זינד זענט איר נישט קיין שופטים, און זי איז נישט שולדיק. נאַטאַליע, איך בין האַרט געווען מיט דיר, נו, מאַכט נישט אויס. ייִנגלעך, פּעטרוכאַ, אַליאָשאַ — לעבט אין אחדות. מיטן פאָלק אַ ביסל ליבלעכער, דאָס פאָלק — איז גוט. צוגעקליבן. דו, אַליאָשאַ, האָב חתונה מיט דערדאָזיקער דייַנער... נישקשה!

— טאַטעשי — פאַרלאָז אונדז נישט, — בעט פּיאָטר, אַראָפּלאָזנדיק זיך אויף די קניען, נאָר אַלעקסיי שטויסט אים אין רוקן, פליסטערט:

— וואָס רעדסטו? איך גלייב נישט...

נאַטאַליע האָט מיט אַ קיך־מעסער אייז אין אַ קופּערנער טאַץ, די קרישלדיקע קלעפּ באַגלייט דער געקלאַנג פון קופּער און די שלאָכצן פון דער פרוי. ניקיטאַ זעט, ווי אירע טרערן פאַלן אויפן אייז. אַ געלער שטראַל פון דער זון איז אַריינגעדרונגען אין צימער, האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין שפּיגל און ציטערט ווי אַ פאַרמלאָזער פלעק אויף דער וואַנט, באַמיענדיק זיך אָפּצווווישן די פּי־

גורן פון די רויטע, לאַנגוואָנסיקע כינעזער אויף די בלויע, ווי באַכטיקער הימל, טאַפּעטן.

ניקיטאַ שטייט צופּיסנס באַם פּאָטער, וואַרטנדיק, אַז דער פּאָטער זאָל זיך דערמאַנען אָן אים. די באַימאַקאָווע צעקעמט מיט אַ קעמל די געדיכטע, געקרייזלטע האָר איליעס, ווישט אָפּ מיט אַ סערוועטקע דאָס אומאויפהערלעכע שטראָמל בלוט אין ווינקל פון זיינע ליפּן, די טראָפּנס שווייס אויפן שטערן און אויף די שלייפן, זי פּליסטערט עפּעס אין זיינע באַטריבטע אויגן אַריין, פּליסטערט הייס, ווי אַ תפילה, און ער, אַרויפליגנדיק איין האַנט איר אויפן אַקסל, די אַנדערע אויף דער קני, דרייט מיט דער שווערער צונג די לעצטע ווערטער:

— כ'ווייס. זאָל דיך גאָט באַשיצן. זייט מקבר אויפן אייגענעם, אויף אונזער בית־עלמין, נישט אין שטאָט. איך וויל נישט דאָרט, זאָל זיי...

און מיט אַ גרויסן קאָכעדיקן צער האָט ער געפּליסטערט:

— עך, כ'האָב אַ טעות געהאַט, רבונו של עולם... כ'האָב אַ טעות געהאַט...

ס'איז געקומען אַ הויכער הויכפּלייציקער גלח מיט אַ קריסטוס־בערדל און טרויעריקע אויגן.

— וואַרט צו, פּאָטער, — האָט געזאָגט אַרטאַמאָנאָוו און אויפסנאי זיך געווענדט צו די קינדער:

— קינדער — צעטיילט אייך נישט! לעבט אין אחדות. געשעפט האָט קיין פיינדשאַפט נישט ליב. פּיאָטר, — דו ביסט דער עלטסטער, אויף דיר איז די אחריות פאַר אַלעם, הערסט? גייט אַרויס...

— ניקיטאַ, — האָט דערמאַנט די באַימאַקאָווע.

— ניקיטען — האָט ליב. וואו איז ער? גייט. דערנאָך... און באַטאַליע...

ער איז געשטאָרבן, אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, באַכמיטאָג, ווען די זון האָט נאָך רחמימדיק געלויכטן אין זעניט. ער איז געלעגן, אויסגעגעהויבן דעם קאָפּ, אָנגעכמורעט דאָס וואַקסענע פּנים, עס איז געווען פאַרזאָרגט, און די נישט אינגאַנצן צוגעמאַכטע אויגן

זײַנע האָבן אַזוי ווי פֿאַרטראַכט געקוקט אויף די ברייטע דלאָניעס פֿון די הענט, וואָס זענען הכנעהדיק צונויפֿגעלייגט געווען אויף דער ברוסט.

ניקיטען האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע אין שטוב זענען נישט אַזוי פֿיל זיך מצער און אָנגעשראָקן פֿון דעמדאָזיקן טויט, ווי זיי זענען פֿאַרוואונדערט פֿון אים. דידאָזיקע טעמפּע פֿאַרוואונדערונג האָט ער געפֿילט אין אַלע, אַ חוץ דער באַימאַקאָוואַ, זי איז שווייגנד און טרערן געזעסן לעבן דעם נפֿטר, גלייך זי וואָלט פֿאַרגליווערט געוואָרן, אַ טויבע צו אַלעם, אַנידערלייגנדיק די הענט אויף די קניען, און אויפֿהער קוקנדיק אין פֿאַרשטיינערטן פּנים אַריין, וואָס איז באַשײַנט געווען מיט דעם שײַן פֿון דער באָרד.

פּיאָטר האָט זיך אויסגעצויגן, האָט גערעדט איבעריקס און נישטפּאַסיק הויך, אַרײַנגייענדיק אין צימער, וואו ס׳איז געלעגן דער פֿאָטער און, בייטנדיק זיך מיט ניקיטען, האָט אַ דיקע מאָנאַשקע אויסגעזונגען די געהעריקע קאַפּיטלעך תּהלים; פּיאָטר האָט פֿרעגנדיק אַרײַנגעקוקט אין פֿאָטערס פּנים אַריין, האָט זיך געצלמט און אַ מינוט צוויי, דריי, אָפּשטייענדיק, איז ער פֿאַרזיכטיק אַרויסגעגאַנגען, נאָכדעם האָט זײַן פֿעסטגעבויטע פֿיגור געשימערט אין סאָד, אויפֿן הויף און, ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער זוכט עפּעס.

אַלעקסיי האָט פֿאַרדאגהט אַרומגעשמייעט, ער האָט אײַנגעאָרדנט די לוויה, איז געלאָפֿן אויפֿן פֿערד אין שטאָט אַרײַן, האָט זיך אומגעקערט פֿון דאָרטן, איז אַרײַנגעלאָפֿן אין צימער, געפֿרעגט אוליאַנען וועגן דעם סדר פֿון דער לוויה, וועגן דער הזכּרות נשמה.

— וואַרט צו, — האָט זי געזאָגט, און אַלעקסיי איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן, אַ פֿאַרשוויצטער, אַ מידער. ס׳איז אַרײַנגעקומען נאַטאַליע, נישט דרייסט און מיט רחמנות האָט זי פֿאַרגעלייגט דער מוטער אויסטרינקען אַ גלאָז טיי, עפּעס עסן. אויפֿמערקזאַם זי אויסהערנדיק, האָט די מוטער געזאָגט:

— וואַרט צו.

ניקיטאַ האָט באַם פֿאָטערס לעבן נישט געוואוסט, צי האָט

ער אים ליב, ער פלעגט נאָר מורא האָבן, כאָטש די מורא האָט אים נישט געשטערט צו באַוואונדערן די התלהבותדיקע אַרבעט פון דעם מענטש, וואָס איז נישט ליבלעך צו אים און וואָס האָט כמעט נישט באַמערקט — צי לעבט דער הויקערדיקער זון. נאָר אַצינד האָט זיך ניקיטען געדאַכט, אַז ער האָט דער אייבציקער אמתדיק ליב געהאַט דעם פאָטער, ער האָט זיך געפילט אָנגעגאָסן מיט אַ טריבן אומעט, אָנרחמנותדיק און גראָב באַליידיקט פון דעם־דאָזיקן פלוצלינגדיקן טויט פון דעם שטאַרקן מענטש; פון דעם־דאָזיקן אומעט און דער באַליידיקונג איז אים אַזש שווער געווען צו אָטעמען. ער איז געזעסן אין ווינקל, אויפן קופערט, אָפּוואַרטנדיק זיין רייע צו לייענען דעם תהילים, האָט אין רעיון איבער־געחזרט די באַקאַנטע פסוקים און זיך אַרומגעקוקט. אַ וואַרעמע טונקלקייט האָט אָנגעפילט דאָס צימער, דערין האָבן זיך געוויגט געלע, לעבעדיקע בלומען פון וועקסענע ליכט. אויף די ווענט האָבן פּאָקסדיק געשפּאַנט די לאַנגוואָנסיקע כינעזער, טראָגנדיק קאָסטנס טיי, אויף איטלעכן פּאַס טאַפּעטן איז געווען אַכצען כינעזער צו צוויי אין אַ ריי, איין ריי איז געגאַנגען צום סופיט, און אַ צוויי־טע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אונטן. אויף דער וואַנט איז געפאַלן אַ פעטע שיין פון דער לבנה, אין דער שיין זענען די כינעזער גע־ווען רירעוודיקער, זיי זענען שנעלער געגאַנגען סיי אַרויף, סיי אַראָפּ.

פלוצלינג האָט ניקיטאַ דורך דעם אייגנטאָניקן פלוס פון די תהילים־ווערטער דערהערט די נישט הויכע האַרטנעקיקע פראַ־גע:

— איז ער טאַקע געשטאָרבן? רבונו של עולם?

דאָס האָט געפרעגט אוליאַנאַ און איר שטימע האָט אַ קלינג געטון אַזוי איבעראַשנד צערפול, אַז די מאַנאַשקע האָט, איבער־רייסנדיק דאָס לייענען, געענטפערט שולדיק:

— ער איז געשטאָרבן, מאַמעניו, ער איז געשטאָרבן, לויט גאָטס רצון...

ס'איז געוואָרן פולשטענדיק נישט צום איבערטראָגן. ניקיטאַ האָט זיך אויפגעהויבן און איז מיט גערויש אַרויסגעגאַנגען, אַוועק־

טראַגנדיק אַ נישט גוטע, שווערע תּרעומות אויף דער מאַנאַש־קע.

באַם טויער, אויף דער באַנק, איז געזעסן טיכאָן; אָפּברעכנ־דיק מיט די פינגער פון אַ גרויסן שפּאָן קליינע שפּענדלעך, האָט ער זיי אַריינגעשטעקט אין זאַמד אַריין אין מיט קלעפּ פון פוס זיי אַריינ־געיאָגט טיפער, אַזוי, אַז מען האָט זיי נישט אַרויסגעזען. ניקיטאַ האָט זיך געזעצט דערלעבן, שווייגנד קוקנדיק אויף זיין אַרבעט; זי, דידאָזיקע אַרבעט, האָט אים דערמאַנט אָן אומהיימלעכן, שטאָטישן שוטה אַנטאָנושקאַ, דערדאָזיקער קוטשמעוואַטער, שוואַרצפּנימדי־קער בחור, מיטן אויסגעלענקטן פוס אין דער קני, מיט די קיי־לעכיקע אויגן פון אַ פּילין, פלעגט שרייבן מיט אַ שטעקן אין זאַמד רעדער, האָט אויפגעשטעלט אין זייער צענטר עפּעס אַזוינע שטייגעלעך פון שפּענדלעך און ריטלעך, און אויפבויענדיק עפּעס, האָט ער תּיכף אומגעלייגט זיין געביי מיטן פוס, פאַרשאָטן עס מיט זאַמד, מיט שטויב און דערביי געזונגען אונטער דער נאָז:

— קריסטוס איז אויפגעשטאַנען תּחית המתים!
די קיביטקע האָט אַ ראָד אָנגעוואוירן.
בוטירמאַ, באַי, באַי בוסטאַרמאַ,
באַיו, באַיו, באַי קיריסטוס.

— סאַראַ געשיכטע דאָס איז, הא? — האָט געזאָגט טיכאָן און אַ פּאַטש געבנדיק זיך איבערן האַלז, דערהרגעט אַ מוק; ער האָט אָפּגעווישט די האַנט אָן דער קני, האָט אַ קוק געטון אויף דער לבנה, וואָס האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ צווייג פון אַ ווערבע איבערן טייך, דערנאָך האָט ער אָפּגעשטעלט זיינע אויגן אויף דער פלייטשיקער מאַסע פון קעסל.

— פריי איז הייאָר דער מוק אויפגעקומען, — האָט ער רויק פאַרגעזעצט. — יאָ, אָט, דער מוק — לעבט, און...

דער הויקער, מורא האָבנדיק פאַר עפּעס, האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן, בייז דערמאַנענדיק:

— אָבער דו האָסט דאָך דערהרגעט דעם מוק.

און איז אײליק אַװעקגעגאַנגען פֿון הױזװעכטער, און אין עטלעכע מינוט אַרום, נישט װיסנדיק, װאָס זיך אַהינצוטון, איז ער װידער אַרײַנגעגאַנגען אין פֿענצטערס צימער, האָט פֿאַרביטן די מאַ־ באַשקע און אָנגעהױבן לײענען. אַרײַנגיסנדיק אין די װערטער פֿון תּהלים דעם אומעט זײַנעם, האָט ער נישט געהערט, װען ס'איז אַרײַנגעקומען נאַטאַליע, און פּלוצלינג האָט הינטער זײַן פּלײצע זיך דערהערט דער שטילער פּליעסק פֿון איר שטימע. תּמיד, װען זי איז געװען נאָענט לעבן אים, האָט ער געפֿילט, אַז ער קאָן זאָגן אָדער טון עפּעס אומגעװײנלעכס, מעגלעך, עפּעס שרעקלעכס און אַפֿילו אין דעמדאָזיקן מאָמענט האָט ער מורא געהאַט, אַז קעגן זײַן װילן װעט ער עפּעס זאָגן. אײַנבײַגנדיק דעם קאָפּ, אונטערהײבנדיק דעם הױקער, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די אָפּגע־ ריסענע שטימע און דערמאָלט האָבן, אײנײנעם מיט די װערטער פֿון בײנטן קאַפּיטל, אַ פֿליס געטון שלאָכצנדיקע װערטער פֿון צװײ שטימען.

— אָט, — האָב איך דעם צלם פֿון לײַב בײַ אים אַראָפּגע־ נומען, כ'װעל אים טראָגן.

— מאַמע, האַרציקע, איך בין דאָך אױך אײנע אַלײן.

ניקיטאַ האָט אױפֿסנײַ אױפֿגעהױבן די שטימע, כּדי צו פֿאַר־ טױבן, נישט צו הערן דעמדאָזיקן פֿײַכטן פּליסטער, אָבער ער האָט פֿונדעסטװעגן זיך אײַנגעהערט אין אים.

— דער אײבערשטער האָט מער נישט פֿאַרטראָגן די זינד...

— אין אַ פֿרעמדער נעסט, אײנזאַם...

— „װאוהין זאָל איך אַװעקגײן פֿון דײַן פּנים און פֿון דײַן צאָרן װאוהין זאָל איך לױפֿן?" האָט פּלײסיק אױסגעזונגען ניקיטאַ די יללה פֿון שרעק, פֿאַרצװײפֿלונג, און דער זכּרון האָט אים אונ־ טערגעזאָגט דאָס טרױעריקע גלײכװערטל:

„לעבן אָן ליבע — איז שװער, מיט ליבע — טאָפּלט שװער"

און ער האָט מיט פֿאַרלעגנהײט געפֿילט, אַז נאַטאַליעס אומגליק לײַכט אים מיט האָפֿנונג אױף גליק.

אינדערפֿרי זענען פֿון שטאָט געקומען צו פֿאָרן אױף אַ בריטשקע

באַרסקי און דער שטאָטישער ראש יאַקאָוו זשיטיעיקין, דער לער־
אויגיקער מענטש, וועלכן מען האָט גערופן „נישט דערבאַקענער“,
אַ קיילעכיקער און ווירקלעך אַזויווי אַ געמאַכטער פון רוי טייג;
באַזוכנדיק דעם נפטר, האָבן זיי זיך אַ בוק געטון צו אים און יע־
דער פון זיי האָט אַ קוק געטון אין דעם שוואַרץ געוואָרענעם פּנים
מיט מורא און אָן צוטרוי, זיי זענען, הפּנים, אויך פאַרוואונדערט
געווען פון אַרטאַמאָנאָווס פּטירה. נאָכדעם האָט זשיטיעיקין מיט אַ
בייסנדיק, עסנדיק קול געזאָגט צו פּיאָטרן:

— מען זאָגט, אַז איר ווילט כּלומרשט מקבר זיין דעם פאָ־
טער אויפן אייגענעם בית־עלמין, טאַקע אמת, צי נישט? דאָס
וועט. פּיאָטר איליטש, פאַר אונז, פאַר דער שטאָט, זיין אַ באַליי־
דיקונג, אַזויווי איר ווילט כּלומרשט נישט קענען זיך מיט אונז
און האָט נישט בדעה צו לעבן אין פריידנשאַפט, טאַקע אמת, צי
נישט?

אַ סקריפּע טוענדיק מיט די ציין, האָט אַלעקסיי אַ שושקע
געטון, צום ברודער:

— טרייב זיי אַרויס!

— קומאַ, — האָט געהודזשעט באַרסקי, אַרויפקריכנדיק
אויף אוליאַנען, — וואָס זשע הייסט דאָס? ס'איז אַן עוולה.

זשיטיעיקין האָט אויסגעפרעגט פּיאָטרן:

— צי האָט אייך נישט צומאָל דער פאָטער גליעב אַזאַ עצה
געגעבן? ניין, איר מוזט דאָס מבטל מאַכן, אייער פאָטער איז דער
ערשטער פאַבריקאַנט אין קרייז, גרינדער פון אַ ניי געשעפט, —
דער שפּיגל און די באַשיינונג פון שטאָט. אפילו דער איספּראַווו־
ניק חידושט זיך, ער האָט געפרעגט: צי זענט איר פּראַוואָ־
סלאַוונע.

ער האָט גערעדט אָן אויפהער, נישט באַמערקנדיק פּיאָטרס
פּרוּוון איבערצורייסן זיינע רייד, נאָר ווען פּיאָטר האָט ענדלעך
געזאָגט, אַז אַזוי איז דעם פאָטערס רצון, האָט זשיטיעיקין זיך גלייך
באַרויקט.

אַזוי, צי אַזוי — צו דער לוויה וועלן מיר קומען.

און אַלע איז געוואָרן קלאָר, אַז ער איז נישט געקומען

נאָך דעם, מכּוח וואָס ער האָט גערעדט. ער איז צוגעגאַנגען אין ווינקל פון צימער, וואו באַרסקי האָט, צושטופּנדיק אוליאַנען צו דער וואַנט, איר עפּעס געמורמלט, נאָר איידער נאָך זשיטיעיקין האָט באַוויזן צוצוגיין צו זיי, האָט אוליאַנאַ אויסגעשריגן:

— אַ נאַר ביסטו, קום, גיי דיר!

ס'האָבן באַ איר געציטערט די ליפּן און די ברעמען, גדלותדיק אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט זי געזאָגט צו פּיאָטרן:

— דידאָזיקע צווי און פּאָמיאַלאָוו מיט וואָראָפּאַנאָוון בעטן מיך איינצורעדן אייך, ברידער, צו פאַרקויפן זיי די פאַבריק, געלט גיבן זיי מיר פאַר דער הילף...

— גייט אַרויס... מיינע הערן! — האָט געזאָגט אַלעקסיי, אָנווייזנדיק אויף דער טיר. צוהוסטנדיק, שמייכלענדיק, האָט זשיטיעיקין אַ פּיר געטון באַרסקין צו דער טיר, שטויסנדיק אים אונטערן עלנבויגן, און די באַימאַקאָווע, אַראָפּזעצנדיק זיך אויפן קופערט, האָט אָנגעהויבן וויינען, באַקלאָגנדיק זיך:

— דאָס געדעכעניש וועגן מענטש ווילן זיי אָפּמעקן...

אַלעקסיי, קוקנדיק אויף אַרטאַמאָנאָווס פּנים, האָט געזאָגט פּייערלעך און בייז:

— ערגער וועל איך זיין, אָבער אַזוי, ווי דידאָזיקע — וועל איך נישט לעבן! איך וועל מיר בעסער דעם קאָפּ צעשפּאַלטן.

— זיי האָבן געפונען אַ צייט אויף האַנדל, — האָט אַ וואָרטשע געטון פּיאָטר, אויך זייטיק אַ קוק געבנדיק אויפן פּאַסטער.

צוגייענדיק צו ניקיטען, האָט נאַטאַליע שטיל אים אַ פרעג געטון:

— און וואָס שוויגסטו?

ער איז בערירט געוועון דערפון, וואָס מען האָט זיך אָן אים דערמאָנט, ער איז דערפרייט געוואָרן, וואָס דערמאָנט האָט זיך נאַטאַליע, און נישט קענענדיק איינהאַלטן דעם פריידיקן שמייכל, האָט ער אויך שטיל געזאָגט:

— וואָס־זשע האָב איך... מיר ביידע...

נאָר די פּרוי איז פאַרטראַכטערהייט אַוועקגעגאַנגען פון אים.

צו איליאַ אַרטאַמאַנאָווס לוויה זענען געקומען אַלע שענסטע מענטשן פון שטאָט, ס׳איז געקומען צו פאָרן דער איספּראַוויניק, אַ הויכער, אַ דאַרער מיט אַ געגאָלטער גאָמבע און גראָע באַקנבערד; מאַיעסטעטיש צולאָמענדיק, האָט ער געשפּאַנט איבערן זאַמד איינ־איינעם מיט פּיאָטרן און צוויי מאָל אים געזאָגט אייגע און דיזעל־ביקע ווערטער:

— דער נפטר איז מיר אויסגעצייכנט רעקאָמענדירט געוואָרן פון זיין דורכלויכט דעם פירשט געאָרגי ראַטסקי און ער האָט די־דאָזיקע רעקאָמענדאַציע פולשטענדיק באַרעכטיקט.

אָבער אינגיכן האָט ער דערקלערט פּיאָטרן:

— טראָגן מתים באַרג־אַרויף איז שווער!

ער האָט געזאָגט און, זייטיק אַרויסבאַקומענדיק זיך פון עולם, שטייף פאַרציענדיק די געגאָלטע ליפּן, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אונטער אַ סאָסנע, דורכלאָזנדיק פאַרביי זיך, ווי זעלנער אויף אַ פּאַראַד, דעם עולם שטאָטלייט און אַרבעטער.

דער טאָג איז געווען אַ העלער, מחיהדיק האָט געשיינט די זון, באַלייכטנדיק צווישן די פעטע פלעקן פון געל און גרין דעם בונטן המון מענטשן; ער איז פאַמעלעך אַרויפגעקראָכן צווישן צוויי זאַמדיקע בערג אויפן דריטן, וועלכער איז שוין באַפּוצט גע־ווען בישט מיט איין צענדליק צלמים, אַריינגעשניטענע אין בלויען הימל אַריין און באַשאָטנטע פון די ברייטע לאַפּעס פון אַן אַלטער, קרומער סאָסנע. דאָס זאַמד האָט געפינקלט מיט דימענטענע פינ־קען, סקריפּענדיק אונטער די פיס פון די מענטשן, איבער זייערע קעפּ האָט זיך געכוואַליעט דאָס געדיכטע געזאַנג פון די פּאָפּן, הינטער אַלע איז געגאַנגען שטרויכלענדיק זיך און אונטערשפּרינ־גענדיק דער גולם אַנטאָנושקאַ; מיט קיילעכיקע אויגן, אָן ברעמען, האָט ער געקוקט זיך אונטער די פיס, האָט זיך איינגעבויגן, אויפ־הייבנדיק די דינע צווייגעלעך פון ם וועג, זיי אַרונטערגערוקט אונטער, בוזים און אויך הילכיק געזונגען:

— קריסטוס אויפגעשטאַנען תחית המתים,
די קיביטקע אַ ראָד אָנגעוואוירן. . .

גאָטספּאָרכטיקע לייט האָבן אים געשלאָגן, פאַרווערנדיק דאָס צו זינגען, און אַצינד האָט דער איספּראַווניק, אַ דראָע טוענדיק אים מיטן פינגער, אַ געשריי געטון:

— שאַ, גולם. . .

אין שטאָט האָט מען אַנטאַנישקען נישט ליב געהאַט, ער איז געווען אַ מאָרדווינער אָדער אַ טשוואַש און מען האָט דערי־בער נישט געקענט קלערן, אַז ער איז אַ תם פון קריסטוס וועגן, אָבער מען האָט פאַר אים מורא געהאַט, האַלטנדיק אים פאַר אַן אָנזאָגער פון אומגליק און ווען בשעת דעם הזכרה־מאָלצייט האָט ער זיך באַוויזן אין הויף פון די אַרטאַמאָנאָווס און זיך גע־לאָזט גיין צווישן די טישן, אויסשרייענדיק די משונהדיקע ווערטער:

— קויאַטיר, קויאַטיר, — אַ שד אויף דעם גלאָקן־טורם, אַי־יאַי, ס'וועט זיין אַ רעגן, ס'וועט נאַס זיין, קאַיעמאַס ווייבט שוואַרץ! — האָבן אייניקע פון די פיפיקע מענטשן זיך אַ שושקע געטון:

— נו, ווייזט אויס, די אַרטאַמאָנאָווס וועלן קיין מזל נישט האָבן!

פיאָטר האָט אויפגעכאַפּט דעמדאָזיקן פליסטער. און אַ ביסל שפּעטער האָט ער דערזען, אַז טיכאָן וויאַלאָוו האָט אַריינגעשטופּט דעם גולם אין אַ ווינקל פון הויף, און האָט דערהערט די רויקע, נאָר פאַרשנדיקע שאלות פון הויזוועכטער:

— וואָס איז אַזוינס — קאַיאַמאַס? ווייסט נישט? נאַ. גיי אַוועק! נו, נו — גיי. . .

שנעל, ווי אַ האַרבסטיקער, טריבער שטראָם פון אַ באַרג־אַראָפּ, איז דורכגעלאָפן אַ יאָר; קיין שום באַזונדערס איז נישט געשען, נאָר אוליאַנאַ באַימאַקאָוואַ איז שטאַרק גרוי געוואָרן און אויף די שלייפן באַ איר האָבן זיך אויסגעשניטן טרויעריקע שטראָ־מען פון אַלטקייט. זייער קענטיק האָט זיך געענדערט אַלעקסיי, ער איז געוואָרן ווייכער, ליבלעכער, נאָר אין דערזעלבער צייט

האָט זיך בײַ אים באַוויזן אַ נישט אָנגענעמע געשווינדקייט, ער האָט אַזױוי געשמיסן אַלע מיט פרײלעכע הלצהלעך, מיט שאַרפע ווערטער, און באַזונדער האָט געקימערט פּיאָטרן זײַן עזותדיקע באַציונג צום געשעפט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער שפּילט מיט דער פֿאַבריק אַקוראַט אַזוי, ווי ער האָט געשפּילט מיטן בער, וועלכן ער האָט דערנאָך אַליין דערהרגעט. ס'איז געווען אויסטער־ליש זײַן לײַדנשאַפט צו זאַכן פון פּריצישן געברויך; אַ חוץ דעם זייגער, דער באַימאַקאָוועס מתנה, האָבן אין זײַן צימער זיך באַוויזן עפּעס אַזױנע נישט בײַטיקע, נאָר שײנע שמאָכטעלעך, אויף דער וואַנט איז געהאָנגען אַ זילבער־געהאָפטן בילד — אַ מײדלשער קאַראַהאָד. אַלעקסײ איז געווען שפּאָרזאַם, נאָכוואָס־זשע ברענגט ער אויס געלט אויף נאַרישקייטן ? ער האָט אויך אָנגעהויבן זיך אָנ־טון מאָדיש, טײער. ער האָט געקעכלט זײַן טונקל שפּיציק בערדל, געגאָלט די באַקן און אַלץ מער אָנגעוואוירן דאָס פּראָסטע, דאָס פויערישע. פּיאָטר האָט געפילט אין דעם קוזין עפּעס זײער פרעמדס נישט קלאָרס, ער האָט אומבאַמערקט, מיט אומצוטרוי זיך צוגע־קוקט צו אים און זײַן אומצוטרוי איז אַלץ געוואַקסן.

פּיאָטר האָט זיך באַצויגן צום געשעפט פּאָרזיכטיק, שרעקיק, פּונקט אַזוי ווי צו מענטשן. ער האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ נישט געאײַלטן גאַנג און זיך אונטערגעגנבעט צו דער אַרבעט, פּאַר־זשמורענדיק די בערישע אויגן, אַזױוי דערוואַרטנדיק, אַז דאָס, צו וואָס ער גײט צו, קאָן אַנטלויפן פון אים. טײלמאָל, מיד ווערנ־דיק פון די דאגות װעגן געשעפט, האָט ער זיך געפילט אין אַ קאַלטן וואָלקן פון עפּעס אַ באַזונדערן, אומרויִקן אומעט און אין דידאָזיקע מאָמענטן האָט די פֿאַבריק אים אויסגעוויזן אַ שטײנערנע, נאָר לעבעדיקע חיה, די חיה האָט זיך אַראָפּגעזעצט, זיך צוגעטוי־ליעט צו דער ערד, וואַרפנדיק אויף איר שאָטנס, ווי פליגל, אויפהײבנדיק דעם ווײדל ווי אַ קוימען, די מאָרדע איז בײַ איר אַ טעמפּע, אַ שרעקלעכע, בײַטאָג לײַכטן די פענסטער ווי אײזיקע ציין, אין די ווינטערדיקע אָוונטן זענען זײ אײזערנע און אָנגע־גליט אויף רויט פון רציחה. און כ'דאַכט זיך, אַז דאָס אמתדיקע, פאַרבאָרגענע געשעפט פון דער פאַבריק באַשטײט נישט אין אָנ־

וועבן וויאָרסטן לייוונט, נאָר אין עפּעס אַנדערש, וואָס איז פּיינד־לעך צו פּיאָטר אַרטאַמאַנאָוון.

אין יאָרצייט פון פּאָטערס טויט, נאָך דער הזכרת־נשמה אויפן בית־עלמין, האָט די גאַנצע משפחה זיך פאַרזאַמלט אין אַלעקסייס ליכטיקן, שיינעם צימער, ער האָט, אויפרעגנדיק זיך, געזאָגט:

— דער פאָטער האָט אונז געהייסן לעבן אין אחדות; אַזוי דאַרף מען טאָקע, — מיר זענען דאָ ווי אין געפּאַנגענשאַפט.

ניקיטאַ האָט באַמערקט, אַז נאַטאַליע, וועלכע איז געזעסן לעבן אים, האָט אַ ציטער געטון, פאַרוואונדערט אַ קוק געגעבנדיק אויפן שוואָגער, און יענער האָט פאַרגעזעצט זייער ווייך.

— אָבער פונדעסטוועגן דאַרפן מיר אויך בײַ דער פריינד־שאַפט נישט שטערן איינער דעם אַנדערן. דאָס געשעפט — איז איינס פאַר אַלע, אָבער דאָס לעבן איז בײַ איטלעכן זיין אייגנס. ריכטיק?

— נו? — האָט פאַרזיכטיק געפרעגט פּיאָטר, קוקנדיק אי־בערן קאָפּ פון ברודער.

— איר ווייסט אַלע, אַז איך לעב מיטן מיידל אָרלאָוואַ, אַצינד וויל איך שטעלן אַ חופּה מיט איר. געדענקסט, ניקיטאַ, זי איז געווען די איינציקע, וואָס האָט דיך באַדויערט, ווען ביסט אַריינגעפאַלן אין וואַסער אַריין?

ניקיטאַ האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. ער איז דאָס ערשטע מאָל געזעסן אַזוי נאָענט צו נאַטאַליען און דאָס איז געווען אַזוי גוט, אַז ס'האָט זיך נישט געוואָלט באַוועגן, רעדן און הערן, וואָס אַנדערע רעדן. און ווען נאַטאַליע האָט איבער עפּעס אַ ציטער גע־טון און לייכט אים אַ שטויס געטון מיטן עלנבויגן, האָט ער אַ שמייכל געטון, קוקנדיק אונטערן טיש אַרונטער, אויף אירע קניען.

— זי איז מיר באַשערט, איך מיין אַזוי, — האָט געזאָגט אַלעקסיי. — מיט איר קען מען לעבן עפּעס־אַזוי אַנדערש. אַריינ־פירן זי אין הויז וויל איך נישט, כ'האָב מורא, איר וועט זיך נישט איינלעבן מיט איר.

אוליאַנאַ באַימאַקאָוואַ, אויפהייבנדיק די אַראָפּגעלאָזטע. מיט טרויעד אָנגעגאָסענע אויגן, האָט צוגעהאָלפן אַלעקסייען.

— איך קאָן זי גוט, אַ זעלטענע האַנט-אַרבעטערין. קאָן שרייבן און לייענען. דעם פאָטער, דעם שכור, האָט זי געשפּייזט פון קליינערהייט אָן און זיך אַליין. נאָר — אַ כאַראַקטערפולע: נאַטאַליע וועט, מעגלעך, זיך נישט איינלעבן מיט איר.

— איך לעב זיך מיט יעדן איין, — האָט באַליידיקט באַמערקט נאַטאַליע, און דער מאַן, אַ קוק געבנדיק פון דער זייט אויף איר, האָט געזאָגט צום ברודער:

— דאָס איז,ווירקלעך, דיין אייגענער ענין.

אַלעקסיי האָט זיך געווענדט צו דער באַימאַקאָוואַ, פאַרלייגנדיק איר צו פאַרקויפן אים דאָס הויז:

— נאָכוואָס דאַרפסטו עס?

פיאָטר האָט אים אונטערגעשטיצט.

— דו דאַרפסט לעבן מיט אונדז צוזאַמען.

— נו, איך וועל גיין, דערפרייען אָלגען, — האָט געזאָגט אַלעקסיי. ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט פיאָטר, אַ שטויס געבנדיק ניקיטען אין אַקסל, געפרעגט:

— וואָס טוסטו — דרימלסט? וועגן וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט?

— אַלעקסיי טוט גוט...

— נו? מיר וועלן זען. און לויט דיין מיינונג, מאַמעניו?

— געוויס איז גוט, וואָס ער האָט מיט איר חתונה, און ווי אַזוי זיי לעבן — ווער ווייסט? זי איז אַן אייגנאַרטיקע. אַזוי ווי אַ צעחושטע.

— אַ דאַנק פאַר אַזאַ קרובהשאַפט, — האָט אַ שמייכל געטון פיאָטר.

— אפשר האָב איך נישט געזאָגט, ווי עס באַדאַרף צו זיין, — האָט געזאָגט אוליאַנאַ, און ווי קוקנדיק אין אַ חשכות, וואו אַלץ וואַקלט זיך פאַרפלאָנטערטערהייט און לאָזט זיך נישט אויפכאַפּן פון אויג.

— זי איז אַ כּיטרע; איר פֿאָטער האָט געהאַט אַ סך זאַכן, איז פֿלעגט זי זיי באַ מיר באַהאַלטן, כּדי דער פֿאָטער זאָל נישט פֿאַרשכּורן, און אַליאָשאַ פֿלעגט זיי ברענגען צו טראָגן באַנאַכט, און דערנאָך פֿלעג איך זיי פֿלומרשט אים שענקען. דאָס זענען דאָך באַ אים אַלע אירע זאַכן, דער נדן. ס'זענען דאָ פֿאַרהאַנגען טײַערע. איך האָב זי פֿונדעסטוועגן נישט זייער ליב, — זי איז אַן איינגעשפּאַרטע.

שטייענדיק מיטן רוקן צו דער שוויגער, האָט פּיאָטר געקוקט אין פֿענצטער אַריין, אין סאָד האָבן געמורמלט די שפּאַקעס, באַכקרומענדיק זיך אויף אַלעם אין דער וועלט, ער האָט זיך דערמאָנט טיכאָנס ווערטער:

— כ'האָב נישט ליב קיין שפּאַקעס, זיי זענען ענלעך צו שדים, אַ נאַרישער פֿאַרשוין דערדאָזיקער טיכאָן, דעריבער איז ער עס טאַקע מערקווירדיק, ווײַל ער איז שוין צופֿיל שוטה.

ווייטער אַזוי שטיל, אָן חשק און, הפּנים, דורך אַנדערע מחשבות, האָט די באַימאַקאָווא דערציילט, אַז אָלגאַ אָרלאָווס מוטער, אַ גוטבאַזיצערין, אַ פֿרוי אַן אויסגעלאַסענע, איז זיך צונויפֿגעגאַנגען מיט אָרלאָוון נאָך בעת דעם מאַנס לעבן און האָט אַ פֿינף יאָר געלעבט מיט אים.

ער איז — אַ מייסטער; ער האָט מעבל געמאַכט און זייגערס פֿאַרריכט, פֿיגורן אויסגעשניטן פֿון האָלץ, באַ מיר איז באַהאַלטן איינע, — אַ נאַקעטע פֿרוי, אָלגאַ האַלט זי פֿאַר איר מוטערס פּאָרטרעט. זיי האָבן ביידע געטרונקען. און ווען דער מאַן איז געשטאָרבן — האָבן זיי געשטעלט אַ חופּה, אין זעלבן יאָר איז זי דערטרונקען געוואָרן, אַ שכּורע, בעת זי האָט זיך געבאָדן...

— אָט ווי אַזוי מענטשן האָבן ליב, — האָט פּלוצלינג געזאָגט באַטאַליע. אירע נישט פּאַסיקע ווערטער האָבן געצוואונגען אוליאַנען אַ קוק צו געבן אויף דער טאָכטער מיט פֿאַריבל, פּיאָטר האָט אַ לאַך געטון, באַמערקנדיק:

— נישט וועגן ליבע איז געווען די רייד, נאָר וועגן שכּרות.

אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן. באַאָבאַכטנדיק נאַטאַליען, האָט ניקיטאַ געזען, אַז דער מוטערס דערציילונג רופט אין איר אַרויס צערודערטקייט, זי ציפּט פיבערהאַפט מיט די פינגער די פרענזלעך פון טישטוך, דאָס פּראָסטע, גוטע פּנים אירס איז, פאַרּ רויטלענדיק זיך, געוואָרן אומבאַקאַנט ביין.

נאָכן אָווּנט־ברויט, זיצנדיק אין סאָד, צווישן די בעז־ביימער, אינטער נאַטאַליעס פענצטער, האָט ניקיטאַ דערהערט איבער זיין קאָפּ די געלאַסענע ווערטער פון פּיאָטרן.

— אַלעקסיי איז געשיקט. קלוג.

און באַלד האָט זיך דערהערט נאַטאַליעס געהייל, וואָס האָט געשניטן דאָס האַרץ:

— אַלע זענט איר — קלוג. נאָר איך בין — אַ נאַר. ער האָט ריכטיק געזאָגט: אין געפאַנגענשאַפט! דאָס לעב איך אין געּ פאַנגענשאַפט באַ אייך...

ניקיטאַ איז פאַרשטאַרבן געוואָרן פון שרעק, פון רחמנות, ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט באַ דער באַנק, אַן אומבאַּ קאַנטע קראַפט האָט אים אויפגעהויבן, אים געשטויסן ערגעץ־וואוּ און דאָרט, איבער אים, האָט אַלץ העכער געקלונגען די שטימע פון דער געליבטער פרוי, דערוועקנדיק אין אים הייסע האָפנונּ גען.

נאַטאַליאַ האָט פאַרפלאָכטן דעם צאָפּ, ווען דעם מאַנס ווערּ טער האָבן פלוצלינג אָנגעצונדן אין איר אַ ביין פייער. זי האָט זיך אָנגעשפאַרט אָן דער וואַנט, צוקוועטשנדיק מיטן רוקן די הענט, וועלכע האָבן געוואָלט שלאָגן, רייסן; פאַרכלינענדיק זיך מיט די ווערטער, טרוקן שלאָכצנדיק, האָט זי גערעדט, נישט הערנדיק זיך אַליין, נישט האָרכנדיק די אויסגעשרייען פון דעם פאַרגאַפטן מאַן, — זי האָט גערעדט וועגן דעם, אַז זי איז אַ פרעמדע אין הויז, איז פון קיינעם נישט געליבט, לעבט, ווי אַ דינסט.

— דו האָסט מיך נישט ליב, דו רעדסט אַפילו נישט מיט מיר וועגן גאָרנישט, דו ווייסט נאָר אַרויפצולייגן זיך אויף מיר ווי אַ שטיין, מער נישט! פאַרוואָס האָסטו מיך נישט ליב, איך בין דען דיר נישט קיין ווייב? מיט וואָס בין איך שלעכט, זאָג!

קוק, ווי די מאַמע האָט ליב געהאַט דעם טאַטן דיינעם, טייל-מאָל — האָט זיך באַ מיר דאָס האַרץ צעריסן פון קנאה. . .

— אָט האָב זשע טאַקע מיך ליב אַזוי, — האָט פאַרגעלייגט פיאָטר, זיצנדיק אויף דעם פענצטער-אָנשפּאַר און באַטראַכטנדיק דאָס פאַרענדערטע געזיכט פונם ווייב אין דער טונקלקייט, אין ווינקל. די ווערטער אירע האָט ער געהאַלטן פאַר נאַריש, נאָר מיט פאַרוואונדערונג געפילט די באַגרינדעטקייט פון איר צער, און פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז — אַ קלוגער צער. און ערגער פון אַלעם אין דעמדאָזיקן צער איז דאָס, וואָס ער האָט געדראָעט מיט אַ סכנה פון אַ לאַנגדויערנדיקער אומאָרדנונג, מיט נייע דאגות און דאגות איז אָן דעם אויך געווען איבערגענוג.

די ווייסע, אין נאַכט-העמד, אָנהעגנטיקע פיגור פונם ווייב האָט געצאַפּלט און געשוועבט, דראָענדיק פאַרשוואונדן צו ווערן. נאַטאַליע האָט געשעפּטשעט, דאָ אויסגעשריגן, אַזוי ווי הוידנ-דיק זיך אויף אַ הושטאַווקע, אַרויפפליענדיק און אַראָפּפאַלנ-דיק.

— אָט, גיב אַ קוק, ווי אַלעקסיי האָט ליב זיינע. . . און אים ליב האָבן איז לייכט, ער איז פרייליכער, טוט זיך אָן ווי אַ פּריץ, און דו — וואָס ? גייסט אַרום, ביסט מיט קיינעם נישט ליבלעך, גיסט קיינמאָל נישט קיין לאַך, מיט אַלעקסייען וואָלט איך געלעבט דאָס געזונט און דאָס לעבן, נאָר איך האָב קיינמאָל נישט געהאַגט מיט אים אַ וואָרט אויסצורעדן, דו האָסט איבער מיר אָוועקגעשטעלט אַלס וועכטער דעם הויקער דיינעם, אומישנע, דעם כיטראַק דעם מיאוסן. . .

ניקיטאַ איז אויפגעשטאַנען און, איינבויגנדיק דעם קאָפּ, דערהרגעט אַוועקגעגאַנגען אין דער טיף פון סאָד, אַוועקשאַרנדיק מיט די הענט די צווייגן פון די ביימער, וואָס האָבן אים אָנגע-כאַפּט באַ די אַקסלען.

פיאָטר איז אויך אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום ווייב, האָט זי אָנגעכאַפּט באַ די האָר אויפן שפּיץ קאָפּ און, אַהינטערבייגנדיק דעם קאָפּ, אַריינגעבליקט אין די אויגן :

— מיט אַלעקסייען ? — האָט ער געפרעגט נישט הויך, נאָר

מיט אַ געדיכטער שטים. ער איז אַזוי פאַרחידושט געווען פון חייבס ווערטער, אַז ער האָט זיך גישט געקאָנט בייזערן אויף איר, נישט געוואָלט שלאָגן; ער האָט אַליין קלאָרער מודה געווען, אַז דאָס ווייב זאָגט אמת: ס׳איז איר אומעטיק צו לעבן. דעם אומעט האָט ער פאַרשטאַנען. אָבער — מען האָט פאָרט באַדאַרפט זי באַרויקן און, כדי דאָס צו דערגרייכן, האָט ער געשלאָגן מיט איר נאַקן אָן דער וואַנט, שטיל פרעגנדיק:

— וואָס האָסטו געזאָגט, נאַר, האַ? מיט אַלעקסייען?

— לאָז אָפּ, — לאָז אָפּ — כ׳וועל אַ געשריי טון. . .

ער האָט זי אָנגענומען מיט דער צווייטער האַנט באַם האַלז, אים אַ קוועטש געטון, דעם ווייבס פּנים איז באַלד טונקל-רויט געוואָרן, זי האָט אָנגעהויבן כריפּען.

— נישט, — האָט געזאָגט פיאָטר. צוקוועטשנדיק זי צו דער וואַנט און איז אַוועקגעגאַנגען, זי האָט אויך זיך אַ צי צוריק געטון פון דער וואַנט און איז פאַרביי אים דורכגעגאַנגען צום וויגל; דאָס קינד האָט שוין לאַנג געיעלהוועט. פיאָטרן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס ווייב האָט איבער אים אַריבערגעשפּרייזט. פאַר אים האָט זיך געהוידעט, איז געקראָכן פון זייט צו זייט אַ טונקל-בלאָ שטיק הימל, ס׳זענען געשפּרונגען די שטערן. באַ דער זייט, כמעט לעבן אים, איז געזעסן דאָס ווייב, מען האָט איר געקאָנט אַ קלאַפּ געבן איבערן פּנים מיט דער האַנט אויף צוריק, נישט אויפשטעלנדיק זיך. איר געזיכט איז געווען טעמפּ, גלייך ס׳וואָלט פאַרהילצערט געוואָרן, נאָר איבער די באַקן זענען לאַנגזאַם, פויל געגרונען טרערן. זי האָט געזייגט דאָס מיידעלע, קוקנדיק דורך דעם גלעזערנעם הייטל פון די טרערן אין ווינקל אַריין, נישט באַמערקנדיק, אַז דעם קינד איז נישט באַקוועם צו זייגן איר ברוסט, דער האָריזאָנטאַל שטאַרנדיקער וואָרצל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זייגע ליפּן, דאָס קינד האָט, וויינענדיק, געסמאַטשקעט די לופט און געדרייט מיטן קעפּל. אָפּטרייסלענדיק זיך, ווי נאָך אַ נאַכט-קאָשמאַר, האָט פיאָטר געזאָגט:

— פאַרריכט די ברוסט, זעסט נישט!

— אַ פֿליג אין שטוב, — האָט אַ מורמל געטון נאַטאַליע, — אַ פֿליג אָן פֿליגל.

— בין איך דאָך — אויך איינער אַליין; נישט קיין צווי פּיאָטר אַרטאַמאָנאָוס לעבן דאָך.

ער האָט נעפּלדיק דערפֿילט, אַז ער האָט געזאָגט נישט דאָס, וואָס ס'האָט זיך געוואָלט זאָגן און אַז ער האָט זאַגאַר געזאָגט עפּעס אַ ליגנט. אָבער כּדי צו באַרויקן דאָס ווייב און פֿאַרטרייבן פֿון זיך די סכּנה האָט מען געדאַרפֿט זאָגן דווקא דעם אמת, אַ זייער איינפֿאַכן, אומצווייפֿלהאַפֿט קלאָרן אמת, אַז דאָס ווייב זאָל אים גלייך פֿאַרשטיין, זיך אונטערגעבן אים און זאָל אים נישט שטערן מיט קיין נאַרישע טענות, מיט טרערן, מיט יענעם ווייבערישן, וואָס איז אין איר, ביז אַצינד, נישט געווען. קוקנדיק, ווי נאַכלעסיק, אומגעשיקט זי לייגט אַוועק די טאָכטער, האָט ער געזאָגט:

— איך האָב — אַ געשעפֿט! אַ פֿאַבריק, — דאָס איז נישט קיין קאָרן זייען, נישט קיין קאַרטאָפֿלעס זעצן. דאָס איז — אַן עובֿדה. און בײַ דיר אין קאָפּ איז וואָס?

תּחילת האָט ער גערעדט שטרענג און באַלערנדיק, באַמיענדיק זיך צו דערנענטערן צו דעם נישט אָנגרייפֿלעכן אמת, אָבער ער, דער אמת, האָט זיך אַלץ אַוועקגעגליטשט און פּיאָטרס קול האָט אָנגעהויבן קלינגען כּמעט באַקלאָגלעך.

— אַ פֿאַבריק, דאָס איז — נישט פּראָסט, — האָט ער איבערגעחזרט, פֿילנדיק, אַז די ווערטער שעפּן זיך אויס און ער האָט נישט וועגן וואָס צו רעדן. דאָס ווייב האָט געשוויגן, שאָקלענדיק דאָס וויגל, שטייענדיק מיטן רוקן צו אים. אים האָט אויסגעלייזט די נישט הויכע, רויקע שטימע פֿון טיכאָן וויאַלאָוו.

— פּיאָטר איליטש, העי!

— וואָס איז? — האָט ער געפֿרעגט צוגייענדיק צום פֿענצטער.

— קום אַרויס צו מיר, — האָט פֿאָדערנדיק געזאָגט דער הויזוועכטער.

— א גראָבער פליגל! — האָט אַ וואָרטשע געטון פּיאָטר און פאַרגעוואָרפן דעם ווייב: — אַט זעסטו? אַפילו בײַנאַכט איז קיין רו נישטאָ, און דו האָסט זיך דאָ צעקוואַטשט...

טיכאָן אָן דעם היטל, צאַנקענדיק מיט די אויגן, האָט אים באַגעגנט אויף דעם גאַניק, האָט אַרומגעקוקט דעם הויף, וואָס איז געווען העל באַלויכטן פון דער לבנה, און געזאָגט שטילער־הייט:

— איך האָב ניקיטאַ איליטשן ערשט פונם שטריק אַראָפּגענומען...

— וואָס? פונוואַנען?

— און, אַזוי ווי איינגעזונקען ווערנדיק אין דער ערד אַריין, האָט פּיאָטר זיך אַ לאָז אַראָפּ געטון אויף דער שטיג פון גאַניק.

— זעץ זשע דיך נישט אַצינד, קום צו אים, ער פאַרלאַנגט דיך...

נישט אָפּשטייענדיק, האָט פּיאָטר מיט אַ פליסטער געפרעגט:

— וואָס זשע איז מיט אים? האַ?

— אַצינד — איז ער געקומען צו זיך: איך האָב אים מיט וואַסער אָפּגעגאָסן. לאָמיר גיין...

אויפהייבנדיק דעם באַלעבאָס באַם אָרעם, האָט טיכאָן אים אַוועקגעפירט אין סאָד אַריין.

— אין באָד האָט ער עס זיך אָנגעלאַדעוועט, אין דער פּאָדערשטוב, ער האָט אַראָפּגעלאָזט אַ שטריק פון בוידעם, פון אַ קראָקווע, נו און פאַר...

פּיאָטר איז צוגעוואַקסן געוואָרן צו דער ערד, איבערהזרנדיק...

— וואָס זשע איז דאָס? פון בענקשאַפט נאָכן פאָטער, צי דאָס?

דער הויזוועכטער האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט:

— ער איז דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט אירע העמדער אָנגעהויבן קושן...

— וואָסערע העמדער, וואָס רעדסטו?

טאַפּנדיק מיט די באָרוועסע פּיס די ערד, האָט פּיאָטר זיך צוגעקוקט צום וועכטערס הונט, ער איז אַרויסגעקומען פון די קוסטן און האָט פרעגנד געקוקט אויף אים, דרייענדיק מיטן וויידל: ער האָט מורא געהאַט צו גיין צום ברודער, פילנדיק זיך לער, נישט וויסנדיק, וואָס צו זאָגן ניקיטען.

— עך, אָן אויגן לעבט איר, — האָט אַ וואָרטשע געטון דער וועכטער, פּיאָטר האָט געשוויגן, דערוואַרטנדיק, וואָס ער וועט נאָך זאָגן.

— אירע העמדער, נאַטאַליע יעווסעיעוונעס, זיי זענען דאָ געהאַנגען, האָבן זיך געטרוקנט נאָך דער וועש.

נאָכוואָס זשע האָט ער... שטיי!

פּיאָטר האָט אַ שטויס געטון דעם הונט מיטן פוס, פאַרשטעלנדיק זיך די קורצע, הויקערדיקע פיגור פונם ברודער, וואָס קושט אַ פרויען־העמד! דאָס איז געווען קאָמיש און ס'האָט בײַ אים אויך אַרויסגערופן אַן איבלדיקן שפּיי. נאָר תּיכף האָט אַ זעץ געטון, פאַרטריבט אַ ברענענדיקע השערה; אָנכאַפּנדיק דעם וועכטער בײַ דער פּלייצע, האָט ער אים אַ טרייסל געטון, געפרעגט דורך די ציין:

— זיי האָבן זיך געקושט? האָסט געזען — נו?

— איך זע אַלץ. נאַטאַליע יעווסעיעוונאַ ווייסט אפילו נישט פון גאָרנישט.

— זאָגסט ליגנט?

— סאַראַ סיבה האָב איך צו זאָגן ליגנט? אויף קיין באַלוינונג פון דיר וואַרט איך נישט:

און, אַזוי ווי מיט אַ האַק אויסהאַקנדיק אַ ליכטיקע שײַן אין דער פינצטערניש, האָט טיכאָן אין קנאַפּע ווערטער דערציילט דעם באַלעבאָס וועגן זיין ברודערס אומגליק. פּיאָטר האָט פאַרשטאַנען, אַז דער הויזוועכטער דערציילט דעם אמת, ער אַליין האָט עס שוין לאַנג נעפּלהאַפט באַמערקט אין די בליקן פון דעם ברודערס בלאָע אויגן, אין זיין באַדינען נאַטאַליען, אין די קליינע, נאָר אומאויפהערלעכע דאגות וועגן איר.

— אַזוי־וי, — האָט ער אַרויסגעפּליסטערט און אַ קלער געטון אויפן קול: — איך האָב נישט געהאַט ווען דאָס צו פאַרשטיין.

נאָכדעם, אַ שטויס געבנדיק טיכאָנען פאָרויס, האָט ער געזאָגט:

— לאָמיר גיין.

ער האָט נישט געוואָלט אויפנעמען אויף זיך דעם ערשטן בליק פון ניקיטאָן און, אַריינגייענדיק אין דער נידעריקער טיר פון באָד, נאָך נישט אונטערשיידנדיק דעם ברודער אינדערפינצטער, האָט ער געפרעגט פון הינטער טיכאָנס פּלייצע אָפּער מיט אַ ציטערדיקער שטים:

— וואָס־זשע טוסטו, ניקיטאָ?

דער הויקער האָט נישט געענטפערט. ער איז געווען קוים צום אָנזען אויף דער באַנק באַם פענצטער, אַ טריבע שיין איז געפאַלן אויף זיין בויך און אויף די פיס. נאָכדעם האָט פּיאָטר באַמערקט, אַז ניקיטאָ, אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן הויקער אָן דער וואַנט, זיצט, איינגעבויגן דעם קאָפּ, דאָס העמד איז אויף אים צעריסן פון קאָלנער ביזן פּאָדל און באַסערהייט האָט עס זיך צוגעקלעפּט צו זיין פאָדערשטן הויקער, די האָר אויף זיין קאָפּ זענען אויך נאַס, און אויף דער קינבאַק — אַ טונקעלער שטערן און פון אים — אַזוויפל שטראַלן — צעפלאָסענע שפּריצן.

— בלוט? האָסט זיך צעקלאַפּט? — האָט אין פליסטער געפרעגט פּיאָטר.

— ניין, דאָס האָב איך אים עטוואָס אַ קלאַפּ געטון, אין איילעניש, — האָט געענטפערט טיכאָן נאַריש הויך און אַ שפּרייז געטון אין אַ זייט.

צוזוגיין צום ברודער איז געווען שרעקלעך. הערנדיק זיינע ווערטער, ווי פרעמדע, האָט פּיאָטר זיך געצופּט באַם אויער, זיך באַקלאָגט, געמורמלט:

— ס׳איז אַ חרפּה. קייגן גאָט, ברודער. עך, דו...

— כ׳ווייס! — האָט אויך נישט מיט זיין קול געענטפערט ניקיטאָ. — כ׳האָב נישט אויסגעהאַלטן. דו לאָז מיך אָפּ. איך —

וועל אין אַ מאָנאַסטיר אַוועקגיין. הערסט? מיטן גאַנצן האַרץ בעט איך...

אַ הוסט געבנדיק מיט אַ פּייף, איז ער פאַרשוויגן גע־וואָרן.

אַ געריירטער פון עפּעס, האָט פּיאָטר ווידער אָנגעהויבן שטיל און ליבלעך צו מוסרן און ענדלעך געזאָגט:

— און וואָס שייך באַטאַליען, האָט דיך, באַטירלעך, דער שטן צעטומלט...

— אוי, טיכאָן, — האָט מיט אַ הייליקנדיקער שטימע אויס־געשריגן ניקיטאַ און שמערצלעך אַ קראַקע געטון. — איך האָב דאָך דיך געבעטן, טיכאָן, — שווייג! זאָגט כאָטש איר נישט, אום גאָטס ווילן! זי וועט חוזק מאַכן, זיך באַליידיקן. האָט רחמנות, פונדעסטוועגן, אויף מיר! איך וועל דאָך דאָס גאַנצע לעבן דינען צו גאָט פאַר אייך. זאָגט נישט! קיינמאָל זאָגט נישט! טיכאָן, — דאָס אַלץ דו, עך, מענטש...

ער האָט געמורמלט, האַלטנדיק דעם קאָפּ נישט באַטירלעך גלייך, נישט באַוועגנדיק מיט אים און דאָס איז אויך געווען שרעקלעך. דער הויזוועכטער האָט געזאָגט:

— איך וואָלט טאַקע געווען געשוויגן, ווען נישט דערדאָזי־קער צופאַל. פון מיר וועט זי גאָרנישט געוואויר ווערן...

אַלץ מער וווערנדיק געריירט, אַליין אין פאַרלעגנהייט דער־פון, האָט פּיאָטר אָנטשלאָסן צוגעזאָגט:

— איך בין דיר ערב באַם צלם — זי וועט גאָרנישט וויסן.

— נו, — אַ דאַנק! און איך — גיי אַוועק אין מאָנאַסטיר.

און ניקיטאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן, גלייך ווי ער וואָלט איינגעשלאָפן.

— ס'טוט דיר ווי? — האָט געפרעגט דער ברודער; נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, האָט ער איבערגעחזרט:

— דער האַלז — טוט ווי?

— ס'מאַכט נישט אויס, — האָט הייזעריק געזאָגט ניקיטאַ. — איר — גייט אַוועק...

— גיי נישט אַוועק, — האָט אַ שושקע געטון פּיאָטר דעם הויזוועכטער, הינטערווייַלעכץ זיך רוקנדיק צו דער טיר פאַרבײַ אים.

נאָר ווען ער איז אַרויסגעקומען אין סאָד אַרײַן און האָט טיף אײַנגעעטעמט די איבלדיק־וואַרעמע ריחות פון דער שווייסיקער ערד, איז זײַן רירונג באַלד פאַרשוואונדן אונטער דעם דרוק פון די אומרויִקע מחשבות. ער האָט געשפּרייזט איבערן וועגל, פלייסנדיק זיך, אַז דער גרוז זאָל נישט סקריפּען אונטער די פיס, ס'איז נייטיק געווען אַ גרויסע שטילקייט, אַנדערש וועסטו זיך נישט פונאַנדערקלייבן אין דידאָזיקע מחשבות. פײַנדלעכע, האָבן זיי געשראָקן מיט זייער שפּע, ס'האָט זיך געדאַכט, זיי קומען־אויף נישט אין אים, נאָר רייסן זיך אַרײַן פונאויסנווייניק, פון נאַכטיקער חשכות, שימערן אין אים ווי פלעדערמייז. זיי האָבן אַזוי גיך פאַרביטן איינע די אַנדערע, אַז פּיאָטר האָט נישט באַוויזן צו כאַפּן און פאַרשליסן זיי אין ווערטער, פאַרכאַפּנדיק בלויז ביטרע געמעלן פון שטריק, צוימען, וואָס האָבן אַרומגעוויקלט אים, נאַטאַליען, אַלעקסייען, ניקיטין, טיכאָנען, צונויפבינדנדיק אַלע אין אַ פאַרפּלאָנטערטן קאַראַהאָד, וועלכער האָט זיך געדרייט אומגעהייער שנעל, און ער — אין צענטער פון דעמדאָזיקן קרייז, איז איינזאַם. מיט ווערטער האָט ער געטראַכט דאָס סאַמע איינפאַכסטע.

— מען דאַרף, אַז די שוויגער זאָל וואָס שנעלער אַריבערפאָרן צו אונדז, און אַלעקסייען — אַרויס. נאַטאַליען דאַרף מען צולאַשטשען. „גיב אַ קוק, ווי מען האָט ליב". יאָ, ער איז דאָך נישט פון ליבשאַפט, נאָר פון דער שפלות זיינער צום שטריק געקראָכן. גוט, וואָס ער גייט ווערן אַ מאָנאַך, צווישן מענטשן האָט ער נישט וואָס צו טון. דאָס איז גוט. טיכאָן איז אַ שוטה, ער האָט מיר פריִער באַדאַרפט צו זאָגן.

אָבער דאָס זענען נישט געווען יענע אומאָנגרייפבאַרע, ווערטערלאָזע מחשבות, וועלכע האָבן אים צעטומלט און געשראָקן, צווינגענדיק מיט מורא זיך איינצוקוקן אין דער געדיכטער און פייכטער חשכות פון דער נאַכט. אינדערווייט, אין דעם פאַבריק־ישוב האָט זיך געשלענגלט, קוים לייכטנדיק, אַ דיניטשקע ריטש־

קעלע פון אַ נישט פריילעך געזאַנג. ס'האָבן געזשושעט די מוקעס. פיאָטר אַרטאַמאָנאָוו האָט קלאָר געפילט די נויטווענדיקייט וואָס גיכער צו פטרן, דערשטיקן דעם אומרו. ער האָט נישט באַמערקט, ווי ער איז צוגעגאַנגען צו די קוסטן בעז, אונטערן פענצטער פון זיין שלאָפצימער, איז לאַנג געזעסן, אָנשפאַרנדיק די עלנבויגנס אָן די קניען, צונויפקוועטשנדיק דאָס פנים מיט די דלאָניעס, קוקנדיק אין דער שוואַרצער ערד אַריין, די ערד אונטער די פיס האָט זיך באַוועגט און זיך געבלעזלט, גלייך זי וואָלט געהאַלטן בײַ איינפאַלן.

וואונדערלעך, פונדעסטוועגן, ווי גיקיטאַ איז בייגעקומען דאָס זאַמד. ער וועט אַוועקגיין אין מאָנאַסטיר — וועט ער דאָרט זיין אַ גערטנער. דאָס וועט פאַר אים גוט זיין.

נישט באַמערקנדיק, ווי דאָס ווייב איז צוגעגאַנגען, איז ער איבערגעשראָקן אויפגעשפרונגען, ווען פאַר אים האָט ממש פון דער ערד זיך דערהויבן אַ ווייסע פיגור, נאָר די באַקאַנטע שטימע האָט אים עטוואָס באַרויקט:

— זיי מוחל, למען השם, וואָס איך האָב געשריגן...

— מילא, נו, — גאָט וועט מוחל זיין, איך האָב דאָך אַליין אויך געשריגן, — האָט ער גרויסמוטיק געזאָגט, אַ דערפרייטער, וואָס דאָס ווייב איז צוגעקומען און ער דאַרף אַצינד נישט זוכן יענע ווייכע ווערטער, וואָס זאָלן פאַרקלעפּן און פאַרשמירן דעם שפּאַלט פון דער מחלוקה.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, נאַטאַליע האָט נישט אַנטשלאָסן זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים, מען האָט, פונדעסטוועגן, געדאַרפט זאָגן איר עפּעס טרייסטנדיקס, פיאָטר האָט געזאָגט:

— איך פאַרשטיי, אַז דיר איז אומעטיק. קיין פריילעכקייט ליגט נישט בײַ אונז אין שטוב. פון וואָס זיך פרייען? דער פאָטער האָט פריילעכקייט אין דער אַרבעט געזען. בײַ אים איז אַזוי אויסגעקומען: פּראָסטע מענטשן איז נישטאָ — אַלע זענען אַרבעטער, אַ חוץ די בעטלער און די פּריצים. אַלע לעבן פאַר דער טעטיקייט; אונטער דער טעטיקייט זעט מען נישט אָן די מענטשן.

גערעדט האָט ער פּאַרזיכטיק, מורא האָבנדיק צו זאָגן עפּעס איבעריקס און, הערנדיק זיך, האָט ער געפֿונען, אַז ער רעדט ווי אַן ערנסטער, טיכטיקער מענטש, אַן אמתדיקער באַלע־באָס. אָבער ער האָט געפֿילט, אַז דידאָזיקע אַלע ווערטער זענען עפּעס אַזעלכע אויסגעוויינקסטע, זיי גליטשן זיך איבער די געדאַנקען, נישט אויפפּענענדיק זיי, נישט זייענדיק בכוח זיי צו צע־בייסן און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זיצט אויף דעם ראַנד פֿון אַ גרוב, וואוהין אין דער פֿאָלגנדער מינוט קאָן אים אַריינשטופּן עמעצער, וואָס פֿאָלגט־נאָך זיינע רייד און רוימט איין:

— זאָגסט נישט דעם אמת.

זייער צו דער צייט האָט דאָס ווייב, אַרויפֿלייגנדיק אים דעם קאָפּ אויפֿן אַקסל, אַ פֿליסטער געטון:

— דו ביסט דאָך מיר — אויפֿן גאַנצן לעבן, ווי אַזוי פֿאַר־שטייסטו דאָס נישט?

ער האָט זי גלייך אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך, הערנ־דיק דעם הייסן פֿליסטער.

— דאָס איז אַ זינד, נישט צו פֿאַרשטיין. האָסט גענומען אַ מיידל, זי געווינט דיר קינדער, און דו ביסט אַזוי ווי גאַרניש־טאָ, — אָן דער נשמה ביסטו צו מיר. דאָס איז אַ זינד, פּיעטיאַ, ווער איז דיר נעענטער פֿון מיר, ווער וועט אויף דיר רחמנות האָבן אין אַ שווערער שעה?

אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס ווייב האָט אים אויפגע־הויבן און, איבערקערנדיק אינדערלופֿטן, אַנגענעם אים שוואַך גע־מאַכט; פֿאַרזינקענדיק אין דער אויפּפרישנדיקער קילקייט, האָט ער כמעט דאַנקבאַר אָנגעהויבן:

— כ'האָב אים צוגעזאָגט צו שווייגן, — כ'קאָן נישט!

און געשווינד איר דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געהערט פֿון הויזוועכטער וועגן ניקיטען.

— די העמדער דיינע האָט ער געקושט, — זיי האָבן זיך בעטרוקנט אין סאַד, — אָט אַזוי ווייט האָט ער דעם קאָפּ אָנגע־

וואוירן! ווי אַזוי זשע האָסטו עס נישט געוואוסט, נישט באַמערקט דאָס אין אים?

דעם ווייבס אַקסל האָט אונטער זיין האַנט שטאַרק אויפגע־ציטערט.

— זי האָט רחמנות? — האָט אַ קלער געטון פּיאָטר, נאָר זי האָט געשווינד אויפגעבראַכט געענטפערט:

— קיינמאָל נישט, איך האָב קיין שום אייגננוצן נישט באַ־מערקט! אָך, אַ באַהאַלטענער! ס'איז אמת, אַז הויקערדיקע זע־נען כיטרע.

— זי פילט אַן עקל? אָדער — זי מאַכט זיך? — האָט זיך געפרעגט אַרטאַמאַנאָוו און האָט דערמאָנט דער פרוי:

— ער איז געוועזן צו דיר ליבלעך...

— נו, איז וואָס? — האָט זי אַרויסרופנדיק געענטפערט. — טולון — איז אויך ליבלעך.

— נו — פונדעסטוועגן... טולון — איז אַ הונט.

— האָסט אים טאַקע ווי אַ הונט צוגעשטעלט צו מיר, אַז ער זאָל אַכטונג געבן אויף מיר, ער זאָל מיך היטן פון שווער, פון אַלעקסייען, — איך פאַרשטיי דאָך! אָך, ווי ער איז מיר נמאס, ווי פאַרהאַסט ער איז מיר געוועזן...

ס'איז געווען קלאָר, אַז נאַטאַליע איז באַליידיקט, אויפגע־בראַכט, דאָס האָט זיך געפילט אינם צאַפּל פון איר לייב, אין די פיבערהאַפטע באַוועגונגען פון די פינגער, מיט וועלכע זי האָט געריסן און געצופּט דאָס העמד, נאָר דעם מאַנסביל האָט זיך גע־דאַכט, אַז די אויפגעבראַכטקייט איז איבערגעכאַפּט און, נישט גלייבנדיק אין איר, האָט ער דערלאַנגט דעם ווייב דעם לעצטן קלאַפּ:

— טיכאָן האָט אים פון שטריק אַראָפּגענומען. ער ליגט אין באָד.

— דאָס ווייב איז ווייך געוואָרן, האָט אַ פאַל געטון אונטער זיין האַנט, אויסשרייענדיק מיט בולטער שרעק:

— ביין... וואָס רעדסטו? רבונו של עולם...

— דאָס הייסט — זי האָט געזאָגט ליגנס, — האָט באַשלאָסן פּיאָטר, אָבער זי האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ אַזוי, ווי מען וואָלט איר אַ קלאַפּ געטון איבערן שטערן, האָט אָנגעהויבן פּליסטערן, בייז שלאָכצענדיק.

— וואָס זשע וועט עס זיין ? מיטן פּאָטערס טויט האָבן מיר זיך ערשט אַ ביסל צוגעדעקט פון די מענטשלעכע טאַדלונגען, און אַצינד וועט מען אויפסניי אָנהייבן רעדן וועגן אונז, — אוי, רבונו של עולם, פאַרוואָס ? איין ברודער — קריכט אויפן שטריק, דער צווייטער האָט התונה — נישט צו וויסן מיט וועמען, מיט אַ געליבטער, — וואָס זשע איז דאָס ? אָך, ניקיטאַ איליטש ! וואָס זשע איז דאָס פאַר אַן אומפאַרשעמטקייט ? נו — אַ יישר כוח ! ער האָט גוט צוגעדינט, דער אַנרחמנותדיקער...

פאַרלייכטערט אָפּזיפצנדיק, האָט דער מאַן שטאַרק אַ גלעט געטון דעם ווייבס אַקסל.

— האָב נישט מורא, קיינער וועט גאָרנישט געוואויר ווערן. זיכאָן — וועט נישט זאָגן, ער איז אים — אַ גוטער פריינד, און איז פון אונז מיט אַלעם צופרידן. ניקיטאַ קלייבט זיך אוועקצוגיין אין אַ מאָנאַסטיר...

— ווען ?

— כ'ווייס נישט.

— אָך, נאַר וואָס שנעלער ! ווי אַזוי וועל איך אַצינד מיט אים ?

שווייגנדיק אַ ווײַלע, האָט פּיאָטר פאַרגעלייגט ?

— גיי צו צו אים, גיב אַ קוק...

נאָר אונטערשפּרינגענדיק, ווי מען וואָלט איר אַ שטאָך געטון, האָט דאָס ווייב כמעט אַ געשריי געטון :

— אוי, שיק מיך נישט, כ'וועל נישט גיין ! כ'וויל נישט, כ'האָב מורא.

— פאַרוואָס ?

— פאַר אַ געהאָנגענעם, איך וועל נישט גיין, וואָס דו ווילסט, טו ! כ'האָב מורא.

— נו — קום שלאָפן ! — האָט געזאָגט אַרטאַמאָנאָוו, אויפ-

שטייענדיק אויף פעסטע פיס, — אויף הייַנטיקן טאָג האָבן מיר זיך געגעזעגנט אַנגעמאַטערט.

פּאַמעלעך גייענדיק צוזאַמען מיטן ווייב, האָט ער געשפּירט אַז דערדאָזיקער טאָג האָט אים צוזאַמען מיטן שלעכטן געשענקט עפּעס גוטס און אַז ער, פּיאָטר אַרטאַמאַנאָוו, איז אַ מענטש, וואָס פאַר אַזעלכן האָט ער עד־היום זיך נישט געקענט, — זייער אַ קלוגער און אַ כיטרער, ער האָט נאָר וואָס פלינק אָפּגענאַרט עמעצן, וואָס האָט צופעליק באַוואָרנט זיין געמיט מיט פינצטע־רע מחשבות.

— געוויס ביסטו מיר די סאַמע נאָענטסטע, — האָט ער געזאָגט צום ווייב. — ווער איז נענטער פון דיר? אַזוי זאָלסטו טאַקע וויסן: דו ביסט מיר די סאַמע נאָענטסטע. דעמאָלט — וועט אַלץ גוט זיין...

אויפן צוועלפטן טאָג נאָך דערדאָזיקער נאַכט, באַגינען צו טאָג, האָט ניקיטאַ אַרטאַמאַנאָוו, מיט אַ שטעקן אין דער האַנט, מיט אַ לעדערנער טאָרבע אויפן הויקער געשפּרייזט איבער אַ שיטנדיקן, זאַמדיקן וועג, וואָס איז טונקל־פּייכט געוועזן פון דעם היפּשן טוי: ער האָט געשפּרייזט שנעל, אַזוי ווי איילנדיק זיך וואָס גיכער אַוועקצוגיין פון די דערינערונגען וועגן דעם, ווי די אייגענע האָבן אים אַרויסבאַגלייט: זיי אַלע, נישט איבערשלאָפנ־דיק זיך, האָבן זיך צונויפגעקליבן אין מיטאָג־צימער, אין שכנות מיט דער קיך, זענען געזעסן פאַראַדמעסיק, האָבן גערעדט איינ־געהאַלטן און ס'איז געווען אַזוי בולט, אַז בא קיינעם פון זיי איז נישט געווען פאַר אים קיין אייינציק הארציק וואָרט. פּיאָטר איז געווען ליבלעך און כמעט פריילעך, ווי אַ מענטש, וואָס האָט געמאַכט אַ רווחדיק געשעפט, אַ מאָל צוויי האָט ער אַ זאָג גע־טון:

— אָט, וועט בא אונז אין דער משפּחה זיין אַן אייגענער אָפּבעטער פאַר אונזערע זינד...

נאַטאַליע האָט גלייכגילטיק און זייער אויפמערקזאַם אָנגע־גאָסן טיי, אירע קליינע, מויזן־אויערן האָבן שטאַרק געברענט און

אויסגעזעען ווי אָנגעריבענע, זי האָט זיך געכמורעט און איז אָפּט אַרויסגעגאַנגען פון צימער; איר מוטער האָט פאַרטראַכט געשוויגן און, באַשפּייענדיק אַ פינגער, צוגעגלעט די גראָע האָר אויף די שלייפן, בלויז אַלעקסיי איז אינגאַנצן, נישט באַטירלעך פאַר אים, געווען צערודערט, האָט געפרעגט, צוקנדיק מיט די אַקס-לען:

— ווי אַזוי האָסטו זיך עס אַנטשלאָסן, ניקיטאַ? פּלוצלינג, האַ? ס'איז מיר אומפאַרשטענדלעך...

לעבן אים איז געזעסן דאָס נישט גרויסע, שפּיציקנאָזיקע מיידל אַרלאָוו און, אונטערהייבנדיק די טונקעלע ברעמען, האָט זי אָן צערעמאָניעס באַטראַכט אַלעמען מיט די אויגן, וועלכע זע-נען נישט געפעלן ניקיטען, — זיי זענען לויטן פּנים צו גרויס, נישט מיידלמעסיק שאַרף און האָבן צו אָפט געפינקלט.

ס'איז שווער געווען צו זיצן צווישן די מענטשן און ס'האָט זיך געטראַכט מיט מורא:

— און טאָמער גיט פּלוצלינג פּיאָטר אַ זאָג אַלעמען? וואָלטן זיי גיכער שוין פריי געלאָזט...

פּיאָטר האָט אָנגעהויבן זיך געזעגנען דער ערשטער, ער איז צוגעגאַנגען, האָט אַרומגענומען און געזאָגט מיט אַ ציטער אין דער שטימע, זייער הויך:

— נו, ברודער, האַרציקער, זיי געזונט...

די באַימאַקאָוואַ האָט אים אָפּגעשטעלט:

— וואָס טוסטו? מען דאַרף פריער אַ ביסל זיצן, אַ ביסל שווייגן, דערנאָך, אָפּזאָגנדיק די תּפילה, זיך געזעגנען.

דאָס אַלץ איז געטון געוואָרן שנעל, אויפּסניי איז צוגעגאַנ-גען פּיאָטר, זאָגנדיק:

— זיי אונז מוחל. שרייב מכּוח דעם פאָנד, וועלן מיר באַלד אַרויסשיקן. אויף אַ שווערן אויספּרווו זאָלסטו נישט מסכּים זיין, זיי געזונט. בעט פאַר אונז וואָס מער.

באַימאַקאָוואַ האָט אים איבערגעצלמט און דריי מאָל אַ קוש געטין אין שטערן און אין די באַקן, זי האָט איבער עפּעס זיך

צעוויינט; אַלעקסיי האָט, פעסט אַרומנעמענדיק, אים אַריינגעבליקט אין די אויגן, זאָגנדיק:

— נו — מיט הצלחה. איטלעכער האָט זיך זיין וועג. פונ־דעסטוועגן פאַרשטיי איך נישט, וויאַזוי האָסט זיך עפּעס פלוצלינג אַנטשלאָסן. . .

נאַטאַליע איז צוגעגאַנגען די לעצטע, נאָר נישט צוגייענדיק האַרט צו אים, צודריקנדיק די האַנט צו איר ברוסט, האָט זי זיך נידעריק אַ בויג געטון, שטיל געזאָגט:

— זיי געזונט, ניקיטאַ איליטש. . .

די ברוסטן זענען נאָך באַ איר אַלץ הויך, מיידלמעסיק, און זי האָט שוין געהויגן דריי קינדער.

דאָס איז אַלץ. יאָ, נאָך די אַרלאָווא: זי האָט אַריינגערוקט אַ האַרטע, ווי אַ שפּאָן, קליינע, הייסע האַנט, — פון דער נאָענט איז איר געזיכט געווען נאָך אומאָנגענעמער. זי האָט נאַריש אַ פרעג געטון:

— איר וועט טאַקע ווערן אַ מאָנאַך?

אויפן הויף האָבן זיך מיט אים געזעגנט אַ דריי צענדליק אַלטע ווייבער, דער גרייז־גראָער, טויבער באַריס מאַראָזאָוו האָט געשריגן, וואַרפנדיק מיטן קאָפּ:

— אַ סאָלדאַט און אַ מאָנאַך — זענען די ע־שטע דינער פון דער וועלט, אַזוי איז עס!

ניקיטאַ איז אַרויפגעגאַנגען אויפן בית עלמין צו געזעגנען זיך מיטן פאָטערס קבר, האָט זיך געשטעלט פאַר אים אויף די קניען און זיך פאַרטראַכט, נישט זאָגנדיק קיין שום תּפילה, — אָט ווי ס'האָט זיך אַ קער געטון דאָס לעבן! ווען הינטער זיין רוקן איז אויפגעגאַנגען די זון און אויפן קבר — אָפּגעוואַשענעם פון טוי — האָט זיך געלייגט אַ ברייטער, קאַנטיקער שאָטן, וואָס האָט דערמאַנט מיט זיין פאָרם דאָס קעמערל פונם בייזן הינט טולון, האָט ניקיטאַ זיך אַ בוק געטון צו דער ערד, גע־זאָגט:

— זיי מוחל, טאַטעשי.

אין דער עמפינדלעכער שטילקייט פון פרימאָרגן האָט די

שטימע אָפּגעקלונגען טויב און הייזעריק; נאָך אַ ווײַלע שווײַגן האָט דער הויקער איבערגעחזרט העכער:

— זײַ מוחל, טאַטעשי.

און — האָט זיך צעווײנט, ביטער, שלאָכצנדיק, ווי אַ פּרוי, אומפּאַרטראָגלעך אַ שאָד איז געוואָרן זײַן פריערדיקע, קלאָרע און הילכיקע שטימע.

נאָכדעם, אָפּגײענדיק פון בית־עלמין אַן ערך אַ ווייאָרסט, האָט ניקיטאַ ראַפּטום דערזעען דעם הויזווערכטער טיכאָן; מיט דער לאָפּעטע אויפן אַקסל, מיט דער האַק אונטערן פּאַס איז ער געשטאַנען אין די קוסטן באַם וועג, ווי אַ וואָך־זעלנער.

— ביסט שוין אַרויסגעגאַנגען? — האָט ער געפרעגט.

— איך גיי. וואָס טוסטו דאָ?

— אַ ריאַבינע וויל איך אויסגראָבן, כ׳וועל לעבן מײַן ווער־טער־שטיבל פאַרזעצן, באַם פענצטער.

זיי זענען געשטאַנען אַ מינוט, שווײַגנד קוקנדיק איינער אויפן אַנדערן, טיכאָן האָט אַוועקגעפירט אין אַ זייט אַריין די אויס־גייענדיקע אויגן זײַנע.

— שפּרייז, איך וועל דיך צופירן אַ ביסל.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין שווײַגנד. דער ערשטער האָט אָנגע־הויבן רעדן טיכאָן:

— סאַראַ שטאַרקער טוי. דאָס זענען שעדלעכע טויען, אויף אַ טרוקעניש, אויף אַן אומגערעטעניש.

— זאָל גאָט היטן.

טיכאָן וויאַלאָוו האָט געזאָגט עפּעס נישט דײַטלעכס.

— וואָס? — האָט געפרעגט ניקיטאַ, אַ ביסל איבערגע־שראָקן, — ער האָט שטענדיק דערוואַרט פונם דאָזיקן מענטש אויסטערלישע ווערטער, וואָס צערײַצן דאָס געמיט.

— אפשר — וועט ער פאַרהיטן, זאָג איך.

נאָר ניקיטאַ איז געווען זיכער, אַז דער ערדגרעבער האָט געזאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס ער וויל נישט איבער־חזרן.

— וואָס זשע, — דו גלייבסט נישט אין גאָטס חסד ? — האָט ער מיט תּרעומות געפרעגט.

— נאָכוואָס ? — האָט רויק געענטפערט טיכאָן. — אצינד — זענען נייטיק רעגנס. אפילו פּאָר די שוואָמען זענען די טויען שעדלעך. און בּאַ אַ גוטן בּאַלעבּאָס איז אַלץ אין דער צייט.

אָפּזיפצנדיק, האָט ניקיטאַ אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— נישט גוט עפּעס קלערסטו, טיכאָן. . .

— ניין, איך קלער גוט. איך קלער נישט מיט די אויגן.

זיי זענען ווידער דורכגעגאַנגען שווייגנד אַ פינפציק טריט. ניקיטאַ האָט געקוקט אונטער די פיס, אויף זיין ברייטן שאָטן, וויאַלאָוו האָט צום טאַקט פון די טריט געקלאַפּט מיטן פינגער איבערן האָלץ פון דעם הענטל פון דער האַק.

— איך וועל קומען, ניקיטאַ איליטש, אין אַ יאָר אַרום, אַ קוק טון אויף דיר, — גוט ?

— קום. דו ביסט נייגעריק.

— דאָס איז אמת.

ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, זיך אָפּגעשטעלט :

— נו, אויב אַזוי, — זיי געזונט, ניקיטאַ איליטש ! — און קראַצנדיק זיך די קינבּאַק, האָט ער פאַרטראַכט צוגע-געבן :

— דו געפעלסט מיר, מיט דיין נשמה. דו האָסט אַ מילדן גייסט. דיין פאָטער איז געווען אַ מענטש מיט אַ קלוגן קערפּער, און דו ביסט אַ גייסטיקער, אַ נשמהדיקער. . .

אַוועקוואַרפנדיק דעם שטעקן אויף דער ערד, אַ טרייסל טוענדיק מיטן האָרב, כּדי צו פאַרריכטן דעם זאַק, האָט ניקיטאַ שווייגנד אים אַרומגענומען, און טיכאָן, פעסט אַרומוויקלענ-דיק אים מיט די הענט, האָט געענטפערט הויך, האַרטנע-קיק

— הייסט עס — כ'וועל קומען.

— יישר-כּח.

דאָרטן, וואו דער וועג פאַרבייגט זיך שאַרף אין סאָסנע־וואַלד אַריין, האָט ניקיטאַ זיך אומגעקוקט, — טיכאָן, אַרונטערגע־רוקט דאָס היטל אונטער דער פּאַכווע, אָנגעשפּאַרנדיק זיך אויף דער לאָפּעטע, איז געשטאַנען אינמיטן וועג, אַזוי ווי האָבנדיק באַשלאָסן נישט דורכצולאָזן קיינעם דורך אים; ס'האָט אַ צי געטון אַ פרי־מאָרגן־ווינטל און באַוועגט די האָר אויף זיין נישט־אָנגעגעמען קאָפּ.

פונדערווייטנס איז טיכאָן געוואָרן מיט עפּעס ענלעך צום גולם אַנטאָנושקאַ. קלערנדיק וועגן דעמדאָזיקן טונקעלן מענטש, האָט ניקיטאַ אַרטאַמאָנאָוו פאַרשנעלערט דעם טריט, און אין זיין זכרון האָט צודרינגלעך זיך צעקלונגען:

— קיריסטוס אויפגעשטאַנען תחית המתים,
די קיביטיקע פאַרלוירן אַ ראָד.

II.

ערשט צום ניינטן יאָרצייט פון פאָטערס טויט האָבן די אַר־טאַמאָנאָווס פאַרענדיקט דאָס בויען די צערקווע און זי געהייליקט אויפן נאָמען פון אליהו הנביא. מען האָט געבויט זיבן יאָר; דער שולדיקער פון דעראָזיקער פאַמעלעכקייט איז געווען אַלעקסיי.

— גאָט — וועט צוואַרטן, ער האָט נישט וואוהין צו איילן זיך, — האָט ער לוסטיק, נישט גוט געשפּאַסט און צוויי מאָל פאַר־נוצט די ציגל פ אַ ר ן טעמפּל, איין מאָל — אויף אַ דריטן פאַבריק־קאָרפּוס, אַ צווייט מאָל — אויף אַ שפּיטאָל.

נאָכן הייליקן, האָבנדיק אָפּגעריכט אַ הזכרת־נשמה איבער די קברים פונם פאָטער און זייערע קינדער, האָבן די אַרטאַמאָנאָווס צוגעוואָרט ביז וואַנען דער עולם איז זיך צעגאַנגען פון בית־עלמין און, דעליקאַט נישט באַמערקנדיק, אַז אוליאַנאַ באַיִמאַקאָוואַ איז פאַרבליבן אין דער משפּחהדיקער אָרומצוימונג אויף דער באַנק אונטער די בעריאָזעס. האָבן זיי גענומען גיין, נישט געאיילט.

אהיים; צו איילן זיך איז נישט געווען וואוהין, דער פייערלעכער מיטאָג פאַר דער גלחימשאַפט, פאַר די באַקאַנטע און די אָנגע־שטעלטע מיט די אַרבעטער, איז באַשטימט געוואָרן אויף דריי אַ זייגער.

דער טאָג איז אַ גראָער; דער הימל האָט זיך האַרבסטמע־סיק אָנגעכמורעט; ס'האָט געכראַפּעט, ווי אַ פאַרמאַטערט פערד, אַ נאַסער ווינט, צעוויגנדיק די שפּיצן פון די יאָדלעס, פאַרשפּרעכנ־דיק אַ רעגן. אויף דעם געלן פאַס פון זאַמדיקן וועג האָבן זיך גע־וויגט טונקעלע פיגורן פון מענטשן, צונויפקריכנדיק זיך צו דער פאַבריק; די דריי קאָרפּוסן אירע, אויסגעשפּרייטע לויט אַ ראַדיוס, האָבן זיך איינגעקלאַמערט אין דער ערד, ווי פיבערהאַפט אויסגע־צויגענע רויטע פינגער.

אַלעקסיי האָט, אַ פּאַך טוענדיק מיטן שטעקן, געזאָגט:

— דער טאַטע עליו השלום וואָלט זיך געפרייט, זעענדיק ווי מיר זענען טעטיק!

— ער וואָלט זיך מצער געווען, ווען מען האָט דערהרגעט דעם קייסער, — האָט געענטפערט, אַ קלער געבנדיק פּיאָטר, נישט וועלנדיק צושטימען צום ברודער.

— נו, זיך מצער זיין האָט ער נישט זייער ליב געהאַט, און ער האָט געלעבט נישט מיטן קייסערס פאַרשטאַנד, נאָר מיטן אייגענעם.

טיפער אַראָפּרוקנדיק דאָס היטל, האָט אַלעקסיי זיך אָפּגע־שטעלט, אַ קוק געטון אויף די פרויען; זיין ווייב, אַ קליינינקע, אַ שלאַנקע, אין אַן איינפאַך, טונקל קלייד, לייכט שפּרייזנדיק אי־בערן צעריבענעם זאַמד, האָט אויסגעווישט מיט אַ טיכל אירע ברילן און איז געווען ענלעך צו אַ דאָרפישער לערערין לעבן דער ברייט צעוואַקסענער נאַטאַליען, וואָס איז געווען אָנגעטון אין אַ שוואַרצער, זיידענער טאַלמע מיט געבלאָזענע פלאַג־קרעלן אויף די אַקסלען און די אַרבל; אַ טונקל־לילע היטל האָט שיין צוגעדעקט אירע גרויסאַרטיקע, געלבלעכע האָר.

— דאָס ווייב ווערט אַלץ שענער בײַ דיר.

פּיאָטר האָט צוגעשוויגן.

— און ניקיטאַ איז ווידער נישט געקומען צו פאָרן צום יאָרצייט. ער איז בייז אויף אונז, צי וואָס ?

אין די פייכטע טעג האָט באַ אַלעקסייען ווי געטון די ברוסט און אַ פוס ; ער איז געגאַנגען, צולאָמענדיק, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אַ שטעקן. אים האָט זיך געוואָלט פאַרווישן דעם אומעטיקן איינדרוק פון דער הזכרת-נשמה און דעם טרויער פון דעם גראָען טאָג ; אָן איינגעשפּאַרטער אין אַלעם, האָט ער געוואָלט נייטן דעם ברודער צו רעדן.

— די שוויגער איז געבליבן אויפן קבר זיך אויסוויינען. זי געדענקט נאָך אַלץ. אַ גוטע זקנה. איך האָב איינגערוימט טיכאָנען, אַז ער זאָל צוּוואַרטן און זי צופירן ; זי באַקלאָגט זיך אויף אַסטמע, ס׳איז איר שווער צו גיין, זאָגט זי.

אַרטאַמאָנאָוו, דער עלטערער, האָט נישט הויך און געצוואונגען איבערגעחזרט :

— שווער.

— וואָס — דרימלסט ? וואָט — שווער ?

— טיכאָנען דאַרף מען אָפּשאַפן — האָט געענטפערט פּיאָטר, קוקנדיק אין דער זייט, אויף די בערג, באַוואַקסענע מיט ביינשטעכיקע יאָדלעס.

— פאַרוואָס ? — האָט פאַרוואונדערט געפרעגט דער ברודער. — אַן ערלעכער מאַן, אַ פּינקטלעכער, נישט קיין פוילער...

— אַ נאַר, — האָט צוגעגעבן פּיאָטר.

ס׳זענען צוגעקומען די פרויען ; אָלגאַ האָט מיט אַן אָנגעבעמער שטימע, אַן אומגעריכט שטאַרקער פאַר איר קליינעם קערפּער, געזאָגט דעם מאַן :

— איך רעד-צו נאַטאַשען, אַז זי זאָל אָפּגעבן איליען אין גימנאַזיע, און זי — האָט מורא.

די מעוברתע נאַטאַשע האָט געשפּרייזט ווי אַ זאַטע קאַטשקע, זיך וואַקלענדיק פון איין פוס אויף דעם אַנדערן ; מיט אַ טאָן פון אַן עלטערער, געלאַסן און אונטער דער נאָז, האָט זי אַרויסגערעדט :

— און לויט מיין מיינונג — איז גימנאַזיע אַ שעדלעכע מאָדע.
אַט שרייבט יעלענאַ בריוו מיט אַזעלכע ווערטער, אַז ס'איז נישט צו פאַרשטיין.

— מ'דאַרף לערנען אַלע, לערנען! — האָט שטרענג דער־קלערט אַלעקסיי, אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל, אָפּווישנדיק דעם פאַרשוויצטן שטערן און דעם פּריצישן פלייץ; ער איז אַרויפגע־קראָכן פון די שלייפן אויפן שייטל אין שאַרפע ווינקלען, שטאַרק פאַרלענגלעכנדיק זיין פּנים.

מיט אַ פראַגע קוקנדיק אויף איר מאַן, האָט נאַטאַליע זיך געשפּאַרט:

— פאָמיאַלאָוו זאָגט ריכטיק: פון לערנען ווערן די מענטשן ווילד.

— יאָ, — האָט געזאָגט פּיאָטר.

— אָט זעט איר! — האָט באַפרידיקט אויסגערופן נאַטאַליע, נאָר דער מאַן האָט פאַרטראַכטערהייט צוגעגעבן:

— מען דאַרף לערנען.

דער ברודער און אָלגאַ האָבן זיך צעלאַכט; נאַטאַליע האָט זיי פאַרגעוואָרפן:

— וואָס טוט איר עס? איר האָט פאַרגעסן? פון אַ הזכרת־נשמה גייט איר דאָך.

נעמענדיק זי אונטער די הענט, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין שנעלער, און פּיאָטר האָט פאַרלאַנגזאַמט דעם טריט:

— איך וועל צוּוואַרטן אויף דער מאַמען.

אים האָט פאַרשאַפט עגמת נפש דער אומאָנגענעמער מענטש טיכאָן וויאַלאָוו. פאַר דער הזכרה, שטייענדיק אויפן בית עלמין, באַטראַכטנדיק פונדערווייטנס די פאַבריק, האָט פּיאָטר געזאָגט אויפן קול, צו זיך אַליין, נישט באַרימענדיק זיך, נאָר פּשוט זאָגנדיק דאָס, וואָס ער האָט געזען:

— דאָס געשעפט האָט זיך צעוואַקסן.

און גלייך האָט ער דערהערט הינטער זיין פּלייצע די רויקע שטים פון דעם געוועזענעם ערדגרעבער:

— דאָס געשעפט, ווי שימל אין קעלער, — וואַקסט מיטן אייגענעם כּוח.

פּיאָטר האָט אים גאָרנישט געזאָגט, אפילו זיך נישט אומגע־קוקט, נאָר די בפירושע און באַליידיקנדע טפשות פון דעם הויז־וועכטערס ווערטער האָט אים אויפגעבראַכט. אַ מענטש אַרבעט, גיט אַ שטיקל ברויט נישט איין מאה מענטשן, טאָג און נאַכט טראַכט ער וועגן געשעפט, ער זעט זיך נישט, פילט זיך נישט אין די דאגות וועגן דעם געשעפט און פּלוצלינג זאָגט עפּעס אַ פינצטע־רער טפּוש, אַז דאָס געשעפט לעבט מיטן אייגענעם כּוח, און נישט מיטן פאַרשטאַנד פון באַלעבאָס. און תּמיד מורמלט עפּעס דאָסדאָזי־קע מענטשל מ׳שטיינס געזאָגט וועגן דער נשמה, וועגן זינד.

אַרטאַמאָנאָוו האָט זיך צוגעזעצט באַם וועג אויף אַן אַלטן שטאַם פון אַן אויסגעהאַקטער סאָסנע, האָט זיך אַ צופּ געטון באַם אויער און זיך דערמאַנט, ווי איינמאָל האָט ער זיך באַקלאָגט פאַר אַלגען:

— וועגן דער נשמה אַ קלער צו טון איז קיין צייט נישטאָ.

ער האָט דערהערט אַ מאָדנע שאלה:

— צי לעבט דען די נשמה אָפּגעזונדערט פון דיר?

אין דידאָזיקע ווערטער האָט זיך אים אויסגעוויזן אַ ווייבע־רישער שפּאַס, נאָר אַלגעס פויגלש געזיכט איז געווען ערנסט; די שוואַרצע אויגן אירע האָבן געלויכטן הינטער די גלעזלעך פון די ברילן ליבלעך.

— איך פאַרשטיי נישט, — האָט ער געזאָגט.

— און איך פאַרשטיי נישט, ווען מען רעדט וועגן דער נשמה אָפּגעזונדערט פונם מענטש, אַזויווי וועגן אַ יתום, וואָס מען נעמט אַריין צו זיך.

— איך פאַרשטיי נישט, — האָט געזאָגט פּיאָטר און אָנגע־וואוירן דעם חשק צו רעדן מיט דערדאָזיקער פרוי; איינגאַנצן אַ פרעמדע, אַ ווינציק פאַרשטענדלעכע פאַר אים, איז זי פונדעסט־וועגן געפעלן אים מיט איר איינפאַכקייט, נאָר האָט געוועקט אַ מורא, אַז אונטער דער לפנימדיקער איינפאַכקייט אירער — איז פאַרבאָרגן כיטרעקייט.

אָבער טיכאָן וויאַלאָוו איז אים תּמיד נישט געפעלן. ס׳איז נישט אָנגענעם געווען צו זען דאָסדאָזיקע בייניקע, געפלעקטע פּנים, די מאָדנע אויגן און די צום שאַרבן צוגעקלעפּטע אויערן באַהאַלטענע אין די געלבלעכע האָר; דידאָזיקע שטייף וואַקסנדע באָרד, דעם גאַנג טיכאָנס, דעם נישט שנעלן, נאָר היפּשן, און זיין גאַנצן מגושמדיקן, פעסטגעבויטן קערפּער. נישט אָנגענעם און אַזוי ווי קנאה־דערוועקנדיק איז געווען זיין רויקייט; אַפילו די פּינקט־לעכקייט אין דער אַרבעט האָט געריצט. געאַרבעט האָט טיכאָן ווי אַ מאַשין און כּמעט קיינמאָל נישט געגעבן קיין געלעגנהייט אים עפּעס פאָרצוּוואַרפן, נאָר אַפילו דאָס האָט דערוועקט פאַרדראָס, און אַלץ מער אומאָנגענעם איז געווען צו זען, אַז דערדאָזיקער מענטש, אַריינוואַקסנדיק מיט יעדן יאָר אַלץ מער אין דערווירט־שאַפט, פילט זיך באַשיינפּערלעך אַליין אַלס גוּיטוּוענדיקע ספּריפּע אינם לעבנס־ראָד פון די אַרטאַמאָנאָווס. ס׳איז מאָדנע, וואָס די קינדער האָבן אים ליב פּונקט אַזוי, ווי די הינט און די פערד, דער אַלטער וואָלפן־ווערגער טולון, וועלכן מ׳האָט אָנגעבונדן אויף אַ קייט און וועלכער איז דערפון צערייצט געווען, האָט קיינעם נישט, אַ חוץ טיכאָנען, נישט צוגעלאָזט צו זיך, און דער עלטע־רער זון, דער קאַפּריזישער איליאַ, איז געהאַרכזאַם דעם הויזוועכ־טער מער, ווי דעם פאָטער און דער מוטער.

כּדי אָפּצוּרוימען וויאַלאָוון פון די אויגן, האָט אַרטאַמאָנאָוו אים פאַרגעלייגט אַ שטעלע פון אַ קירכוועכטער, פון אַ וואַלד־שומר, — טיכאָן האָט געשאָקלט מיטן שווערן קאָפּ:

— איך טויג נישט דערצו. און אויב איך האָב דיר דער־עסן, — רו זיך אָפּ, לאָז מיך אָפּ אויף אַ חודש, איך וועל צו ניקיטאַ איליטשן זיך דורכגיין.

נעמלעך אַזוי האָט ער טאַקע געזאָגט: רו זיך אָפּ. דאָסדאָ־זיקע וואָרט, דאָס נאַרישע און עזותדיקע, צוזאַמען מיט דער דער־מאָנונג וועגן ברודער, וועלכער האָט זיך באַהאַלטן ערגעץ הינטער די זומפּן, אין אַן אָרימען וואַלד־מאָנאַסטיר, האָט אַרויסגערופן בא פּיאָטרן אַן אומרויקן חשד: אַ חוץ דעם, וואָס טיכאָן האָט דער־ציילט וועגן ניקיטען, אַראָפּנעמענדיק אים פון שטריק, ווייסט ער,

הפנים, נאָך עפּעס שעדלעכס, ער וואָרט אַזויווי אויף נייע אומ־גליקן, די צאַנקענדיקע אויגן זייגע רעדן:

— משעפּע מין ניקש, איך בין דיר נייטיק.

ער איז שוין דריי מאָל געגאַנגען אין מאַגאַסטיר אַריין: הענגט זיך אָן אויף דעם פּלייצע אַ טאָרבע און, מיט אַ שטעקן אין דער האַנט, גייט ער אַוועק, נישט געאײַלט; ס'האָט זיך געדאַכט — ער גייט איבער דער ערד אויס גענאָד צו איר, און אַלדינג טוט ער טאָקע אַזויווי אויס געגאָד.

אומקערנדיק זיך, פּלעגט טיכאָן ענטפערן אויף די פראַגעס חעגן ניקיטען שטייף, נישט קלאָר; ס'האָט זיך תמיד געטראַכט, אַז ער זאָגט נישט אַלץ, וואָס ער ווייסט.

— ער איז געזונט. ווערט געאַכפּערט. פאַר די גרוסן, פאַר די מתנות, — האָט ער געהייסן דאַנקען.

— וואָס זשע רעדט ער? — האָט זיך אויסגעפרעגט פּיאָטר.

— וואָס האָט אַ מאַנאַך צו רעדן?

— נו, פונדעסטוועגן? — האָט אומגעדולדיק איבערגעפרעגט אַלעקסיי.

— מכּוח גאָט. מיט דעם וועטער אינטערעסירט ער זיך, די רעגנס, זאָגט ער, גייען נישט אין דער צייט. אויף די מוקן באַ־קלאָגט ער זיך; ס'איז דאָרט באַ זיי אַ סך מוקן. וועגן אײַך האָט ער געפרעגט.

— וואָס?

— ער זאָרגט זיך, באַדויערט.

— אונז? פאַרוואָס?

— פאַר אַלץ. אָט, — איר לעבט אין געלויף, און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, נו, באַדויערט ער אײַך טאָקע פאַר אייער אומ־רויִקייט.

— אַלעקסיי האָט געלאַכט, אויסשרייענדיק:

— סאַרע שטותים!

טיכאָנס אַפּלען זענען צעגאַנגען, די אויגן זענען לער געוואָרן.

— איך ווייס דאָך נישט, ווי אַזוי ער קלערט, איך דערצייל, וואָס ער האָט גערעדט. איך בין — אַ פּשוטער.

— יאָ, פּשוט! האָט שפּאָטיש מסכּים געווען אַלעקסיי. — אַ שטייגער ווי אַנטאָן דער גולם.

דער ווינט האָט אָנגעטראָגן אויף פּיאָטר אַרטאַמאָנאָוון שמע־קעדיקע וואַרעמקייט און ס'איז געוואָרן ליכטיקער; פון דעם טיפסטן בלויען גרוב צווישן די וואָלקנס, האָט אַרויסגעבליקט די זון. פּיאָטר האָט אַ קוק געטון אויף איר, איז פאַרבלענדט געוואָרן און נאָך טיפער פאַרזונקען אין זיינע טראַכטונגען.

ס'איז געווען עפּעס באַליידיקענדעס דערין, וואָס ניקיטאַ, אַריינלייגנדיק אין מאָנאַסטיר טויזנט רובל און אויסרעדנדיק זיך לעבנסלענגלעך הונדערט אַכציק אַ יאָר, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין חלק ירושה נאָכן פאָטער לטובת די ברידער.

— וואָס איז דאָס פאַר מתנות? — האָט געוואָרטשעט פּיאָטר, נאָר אַלעקסיי — האָט זיך דערפרייט:

— און נאָך וואָס דאַרף ער געלט? די אומזיסטע פּרעסער, די מאָנאַכן אויף פּעטס? ניין, ער האָט גוט באַשלאָסן. מיר האָבן אַ געשעפט, קינדער.

נאַטאַליע איז אַזש געקומען אין התפּעלות.

— פונדעסטוועגן האָט ער ניט פאַרגעסן זיין שולד קעגן אונדז. — האָט זי באַפרידיקט געזאָגט, אַראָפּיאָגנדיק מיטן פינגער די איינזאַמע טרער פון דער ראָזער באַק. — דאָס וועט טאַקע זיין נדן פאַר יעלענען.

אויף פּיאָטרס געמיט האָט ניקיטעס טאַט זיך געלייגט ווי אַ שאָטן, — אין שטאָט האָט מען וועגן ניקיטעס אַוועקגאַנג אין מאָ־נאַסטיר גערעדט שלעכט, ניט שמייכלהאַפט פאַר די אַרטאַמאָנאָווס.

מיט אַלעקסייען האָט פּיאָטר געלעבט בשלום, כאָטש ער האָט געזען, אַז דער ריִרעוודיקער ברודער האָט גענומען אויף זיך דעם גרינגערן טייל פון די געשעפטן: ער איז געפאָרן אויפן ניזשעגאָראָדער יאַריד, אַ צוויי מאָל אין יאָר איז ער געווען אין מאָסקווע און, אומקערנדיק זיך פון דאָרט, פלעגט ער מיט געפילדער דערציילן מעשיות וועגן דעם, ווי ס'ווערן נתעשר די אינדוסטריעלער אין דער רעזידענץ.

— זיי לעבן פאַראַדמעסיק, ניט ערגער פון די פריצים.

— צו לעבן ווי א פריץ — איז איינפאַך — האָט געזאָגט מיט אַן אָנצוהערעניש פּיאָטר, אָבער נישט פאַרשטייענדיק די אָנ־צוהערעניש, האָט דער ברודער זיך אַנטציקט:

— אַ הייזל שטעלט זיך אַ סוחר, איז דאָס — אַ סאַבאָר! די קינדער זענען געבילדעט.

הגם ער איז שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן, נאָר צו אים האָט זיך אומגעקערט די יוגנטלעכע לעבעדיקייט און די שפּאַרבער־אויגן ווינע האָבן געבלישטשעט.

— וואָס כמורעסט דו זיך כסדר? — האָט ער געפרעגט דעם ברודער און אפילו געלערנט: — געשעפט מאַכן דאַרף מען שפּאַס־דיק, געשעפטן האָבן קיין אומעט נישט ליב.

פּיאָטר האָט באַמערקט אין אים ענלעכקייט צום פאָ־טער, נאָר אַלעקסיי איז אים געוואָרן אַלץ מער אומפאַרשטענד־לעך.

— איך בין אַ קראַנקער מענטש, — האָט ער נאָך אַלץ דערמאַנט, נאָר דאָס געזונט האָט ער נישט געהיטן, האָט געטרונ־קען אַ סך ווייַן, אַזאַרטמעסיק, אין די נעכט געשפּילט אין קאָרטן און איז, אפנים, געווען נישטרייַנלעך מיט פרויען. וואָס איז אין זיין לעבן דער עיקר? ס׳זעט אויס — נישט ער אַליין און נישט זיין נעסט. דער באַימאַקאָווס הויז האָט שוין לאַנג געפּאָדערט אַ סאָלידן רעמאָנט, נאָר אַלעקסיי האָט נישט געלייגט דערויף קיין אַכט. די קינדער זענען געבוירן געוואָרן שוואַכע און זענען גע־שטאָרבן ביז פינף יאָר, געלעבט האָט בלויז מיראָן, אַן אומאָנגע־נעם, בייניק ייִנגל, עלטער פון איליען מיט דריי יאָר. אי אַלעקסיי, אי זיין ווייב האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט אַ קאָמישער גיריקייט צו אומנייטיקע זאַכן, זייערע צימערן זענען אָנגעשאָפּט מיט פאַרשידנ־אַרטיק פריציש מעבל און ביידע האָבן זיי ליב געהאַט צו שענקען עס; באַטאַליען האָבן זיי געשענקט אַן אויסטערלישע שאַנק, באַ־פּוצט מיט פאָרצעליי, דער שוויגער — אַ גרויסן, לעדערנעם פאָ־טעל און אַ גרויסאַרטיק בעט פון קאַרעלן־בעריאָזע מיט בראָנז; אָלגאַ האָט מייסטערהאַפט אויסגענייט מיט קרעלעכלעך די בילדער,

נאָר דער מאַן האָט איר געבערענגט פון זיינע נסיעות איבער די גובערניעס פונקט אַזעלכע אויסנייעכצן.

— פאַרנעמסט זיך מיט נאַרישקייטן, — האָט געזאָגט פּיאָטר, באַקומענדיק דעם ברודערס מתנה, אַ מאָנומענטאַלן טיש מיט אָן אַ שיעור שופלאָדן און מיט אַ ראַפינירטער אויסשניצונג, נאָר אַלעקסיי האָט געקלאַפּט מיט דער דלאָניע אין טיש אַריין און גע־שריגן:

— ס׳שפּילט! אַזעלכע קונסטזאַכן וועט מער נישט זיין, אין מאָסקווע האָט מען דאָס תּופס געווען!

— דו וואָלסט בעסער געקויפט זילבער, בײַ אַ די ריסטאָקראַטן איז דאָ אַ סך זילבער...

— גיב צייט — מיר וועלן אַלץ קויפן! אין מאָסקווע...

אויב צו גלייבן אַלעקסייען, לעבן אין מאָסקווע האַלב דולע מענטשן, זיי פאַרנעמען זיך נישט אַזוי פיל מיט די געשעפטן, ווי אַלע, איינס בײַ איינס, באַמיען זיי זיך צו לעבן פּריציש, צוליב וואָס זיי קויפן אָפּ בײַ דעם אַדל אַלץ, וואָס מען קאָן קויפן, פון גיטער ביז טיי־שאָלן.

זיצנדיק צוגאַסט בײַם ברודער, האָט פּיאָטר תּמיד מיט פאַר־דראָס און קנאה זיך געשפּילט געמיטלעכער, ווי אינדערהיים און דאָס איז אויך געווען אומפאַרשטענדלעך, ווי ער האָט נישט פאַר־שטאַנען, וואָס אים געפעלט אין אָלגען. לעבן נאַטאַליען האָט זי אויסגעזען אַ דינסט, נאָר בײַ איר איז נישט געווען קיין נאַרישע מורא פאַר נאַפּט־לאָמפּן און זי האָט נישט געגלייבט, אַז נאַפּט צע־לאָזן די סטודענטן פונם פּעטס פון די זעלבסטמערדער. ס׳איז אָנ־גענעם צו הערן איר ווייכע שטימע און שיין זענען אירע אויגן; די ברילן פאַרשטעלן נישט זייער ליבלעכן גלאַנץ, נאָר וועגן געשעפטן און וועגן מענטשן רעדט זי מיט פאַרדראָס, קינדעריש, פון ערגעץ־וואו פונדערווייטנס; דאָס האָט געוואונדערט און אויפ־געגרעגט.

— וואָס זשע — איז בײַ דיר גאָר קיין שולדיקע נישטאָ, צי וואָס? — האָט שפּאָטיש געפרעגט פּיאָטר, זי האָט געענט־פערט:

— שוּלדיקע זענען דאָ, נאָר איך האָב נישט ליב צו משפּטן.

פּיאָטר האָט איר נישט געגלייבט.

צום מאַן האָט זי זיך באַצויגן אַזוי, ווי זי וואָלט כּלומרשט געווען עלטער און זיך געהאַלטן אַלס קליגער פון אים. אַלעקסיי האָט זיך נישט באַליידיקט דערויף, האָט זי גערופן מומע און נאָר זעלטן־ווען האָט ער, מיט לייכטן פאַרדראָס, געזאָגט:

— הער אויף, מומע, ס'האָט שוין דערעסן! איך בין אַ קראַנקער מענטש, מיך אַ ביסל צו באַלעווען שאַדט נישט.

— ביסט צופיל שוין צעבאַלעוועט, ס'וועט שוין זיין גענוג!

זי האָט געשמייכלט צום מאַן מיט אַ שמייכל, וועלכן פּיאָטר וואָלט געוואָלט זעען אויפן פּנים פון זיין ווייב. באַטאַליע איז אַ מוס־טערהאַפטע ווייב, אַ מייסטערהאפטע ווירטין, זי האָט אויסגעצייכנט איינגעלייגט אוגערקעס, געמאַרינירט שוואָמען, געקאָכט איינגעמאַכטס, די דינערשאַפט אין הויז האָט געאַרבעט מיט דער פּינקטלעכקייט פון רעדלעך אין אַ זייגער־מעכאַניזם; נאַטאַליע האָט אומדער־מידלעך ליב געהאַט דעם מאַן מיט אַ רויקער ליבע, וואָס איז אויסגעשטאַנען געוואָרן, ווי סמעטענע. זי איז געווען אַ שפּאָר־זאַמע.

— וויפיל האָבן מיר אַצינד אין באַנק? — האָט זי גע־פרעגט און זיך באַמרויקט: — דו זע נאָר, צי ס'איז אַ גוטע באַנק, זי זאָל צומאָל נישט פּלאַצן:

בעת זי פלעגט נעמען אין די הענט אריין געלט, פלעגט איר שיין פּנים ווערן שטרענג, די מאַלינאַווע ליפּן האָבן זיך צו־זאַמענגעפּרעסט, און אין די אויגן האָט זיך באַוויזן עפּעס בוימל־דיקס און גאַליקס. צייענדיק די קאָליטע, שמוציקע פּאַפּירלעך, האָט זי זיי אָנגערירט מיט די פּוכיקע פינגער אַזוי פאָרזיכטיק, גלייך זי וואָלט מורא געהאַט, אַז דאָס געלט וועט זיך צעפליען פון אונטער אירע הענט אַפער, ווי פליגן.

— ווי אַזוי טיילסטו די הכנסות מיט אַלעקסייען? — האָט זי געפרעגט אין בעט, אָנזעטנדיק פּיאָטרן מיט צערטלעכישן. —

ער פֿאַרחשבונט דיך נישט? ער איז — אַ געשיקטער! ער מיטן ווייב זענען גיריקע. זיי כאַפּן אַזוי אַלדינג, כאַפּן אַזוי!

זי האָט זיך געפּילט אַרומגערינגלט פֿון זשוליקעס און געזאָגט:

— קיינעם אַ חוץ טיכאָנען, גלייב איך נישט.

— הייסט עס, אַ גולם גלייבסטו, — האָט מיד געמורמלט פּיאָטר.

— אַ גולם, — אָבער אַ געוויסנהאַפטער.

ווען פּיאָטר האָט דאָס ערשטע מאָל באַזוכט צוזאַמען מיט איר דעם ניזשעגאָראָדער יאַריד און, אָן איבערראַשטער פֿון דעם גיגאַנטישן פֿאַרנעם פֿון דעם אַלרוסישן יאַריד, האָט ער געפֿרעגט דאָס ווייב;

— וואָס זאָגסטו, האַ?

— זייער גוט, — האָט זי געענטפֿערט. — ס'איז אַלץ דאָ אַ סך און אַלדינג איז וועלוועלער, ווי בײַ אונדז.

נאָכדעם האָט זי אָנגעהויבן רעכענען, וואָס מען דאַרף קויפֿן:

— זייף צוויי פֿונט, ליכט אַ קעסטל, צוקער אַ זעקל, און ראָזשינקעס...

זיצנדיק אין צירק, האָט זי פֿאַרמאַכט די אויגן, ווען ס'זענען אַרויסגעקומען אויף דער אַרענע די אַרטיסטן.

— אַך, אומפֿאַרשעמטע, אַך, נאַקעטע רוחות! אוי, צי מעג איך קוקן אויף זיי, טויג דאָס דעם פֿאַרן קינד? וואָלסט מיך בעסער נישט געפֿירט אויף דידאָזיקע בייזע וואונדער, אפֿשר בין איך מעוברת מיט אַ ייִנגל!

אין אַזעלכע מינוטן האָט פּיאָטר אַרטאַמאָנאָוו געפּילט, אַז אים שטיקט אָן אומעט, אַ גרינגלעכער און געדיכטער, ווי דער שליים פֿון טייך וואָטאַראַקשע, אין וועלכן ס'האָט געלעבט בלויז איין פֿיש — פּעטער, נאַרישער לין.

נאַטאַליאַ פֿלעגט נאָך אַלץ אַ סך און געשעפּטלעך גאָט בעטן, און נאָך דער תּפֿילה לייגנדיק זיך אין בעט אַריין, פֿלעגט

זי פלייסיק אַרויסרופן דעם מאַן צו קוויקן זיך מיט איר הערלעכן קערפּער. פון איר לייב האָט זיך געפּילט די שפּייז־קאַמער, אין וועלכער ס'זענען געשטאַנען באַנקעס קאָנסערוון, מאַרינאַדע, גערויכטע פיש, שינקע. פּיאָטר האָט נישט זעלטן און אַלץ אָפטער געפילט, אַז דאָס ווייב איז איבער דער מאָס פלייסיק, אירע צערטלעכישן שעפּן אים אויס.

— לאָז אָפּ, איך בין שוין מיד, — האָט ער געזאָגט

— נו, שלאָף געזונטערהייט, — האָט הכנעהדיק זיך אָפּגערופן דאָס ווייב און, שנעל איינשלאָפנדיק, פאַרוואונדערט אויפגעהויבן די ברעמען, געשמייכלט, אַזוי ווי קוקנדיק מיט צוגעמאַכטע אויגן אויף עפּעס זייער גוטס און נאָך קיינמאָל דורך איר נישט געזעענס.

אין יענע מאָמענטן, ווען פּיאָטר האָט באַזונדער דייטלעך מיט אַפּאַטיע געשפּירט, אַז ער באַגערט נישט נאַטאַליען, האָט ער זיך גענייט צו דערמאַנען זי זיך אין דעם אומהיימלעכן טאָג פון געווינען דעם ערשטן זון. פּיינלעך האָט זיך געצויגן די ביינצענטע שעה פון אירע ווייען, ווען די שוויגער האָט, אַן איבערגעשראָקענע, אין טרערן, אַריינגעפירט אים אין צימער, וואָס איז פול געווען מיט עפּעס אַ באַזונדערער דושנעקייט. קאָרטשענדיק זיך אויף דעם צעקנאָדערטן געלעגער, מיט אַרויסגעזעצטע אויגן, פאַרענדערטע פון דעם מוראדיקן ווייטיק, אַ צעשויבערטע, אַ פאַרשוויצטע און צו זיך נישט ענלעכע, האָט דאָס ווייב אים באַגעגנט מיט אַ חיהשן געוואָי:

— פּיעטיאַ, זיי געזונט, איך שטאַרב. ס'וועט זיין אַ ייִנגל. . .

פּיאָטר, זיי מוחל. . .

די ליפּן אירע, אָנגעשוואָלענע פון די ביסן, האָבן זיך כמעט נישט באַוועגט, און די ווערטער זענען אַרויסגעגאַנגען, אַזוי ווי נישט פון האַלז, נאָר פון דעם — צו די פּיס זיך אַראָפּגעלאָזטן — בויך, וואָס איז געווען אומגעלומפּערט אָנגעבלאָזן, גרייט צום פּלאַצן. דאָס בלאָ־געוואָרענע פּנים האָט זיך אויך אָנגעבלאָזן; זי האָט געעטעמט ווי אַ פאַרמאַטערטער הונט, און אויך אַזוי אַרויסגעשטעקט אַן אָנגעשוואָלענע, צעביסענע צונג; זי האָט אָנגעכאַפּט די האָר

אויפן קאָפּ, האָט זיי געצויגן, געריסן און אַלץ געריטשעט, געהיילט, וועלנדיק איבערצייגן, בייקומען עמעצן, ווער ס׳האָט נישט געוואָלט אָדער נישט געקענט איר אָפּטרעטן:

— אַ י-יינגל...

דער טאָג איז געווען אַ ווינטיקער, הינטערן פענצטער האָט זיך געטרייסלט און געראַשט די טשערעמכע, אויף די שויבן האָבן געצאַפּלט שאָטנס, פּיאָטר האָט דערזען זייערע שפּרונגען, דער־הערט אַ שאָרך און, משוגע ווערנדיק, אַ געשריי געטון:

— דאָס פענצטער פאַרשטעלט! איר זעט נישט?

און איז אין אימה אַנטלאָפן, באַגלייט פון דער פרויס קוויטש.

— אי-אי-אוי-אוי...

און אין אַנדערטהאַלבן שעה אַרום האָט די שוויגער, אַ שטו־מע פון גליק און פאַרמאַטערטקייט, אויפסניי אים צוגעפירט צום ווייבס בעט, נאַטאַליאַ האָט אים באַגעגנט מיט אַן אומפאַרטראָגלעך ליכטנדיקן בליק פון אַ גרויסמאַרטירערין און מיט אַ שוואַך, שכור קול געזאָגט:

— אַ יינגל. אַ זון.

ער האָט זיך איינגעבויגן, האָט צוגעלייגט די באַק צו איר אַקסל, אַרויסגעמורמלט:

— נו, מאַמע, דאָס וועל איך דיר נישט פאַרגעסן ביזן קבר, אַזוי ווייס טאַקע! נו, אַ דאַנק...

דאָס ערשטע מאָל האָט ער זי אָנגערופן מוטער, אַריינלייגנ־דיק אין דעמדאָזיקן וואָרט זיין גאַנצע שרעק און די גאַנצע פרייד; זי האָט, פאַרמאַכנדיק די אויגן, אַ גלעט געטון זיין קאָפּ מיט אַ שווערער, פאַרשמאַכטער האַנט.

— אַ גבור, — האָט געזאָגט די איינגעשרומפּענע, גרויסנאָ־זיקע אַקושערקע, ווייזנדיק דאָס קינד מיט אַזאַ שטאָלץ, ווי זי וואָלט כלומרשט אַליין עס געוואונען. אָבער פּיאָטר האָט נישט גע־זעען דעם זון, פאַר אים איז אַלץ פאַרשטעלט געווען מיטן ווייבס טויטן פּנים, מיט די פינצטערע לעכער אויפן אָרט פון די אויגן:

— זי וועט נישט שטאַרבן ?

— נ-נו, — האָט הויך און פּריילעך געזאָגט די איינגעשרומפּענע אַקושערקע — ווען מ'וואָלט פון דעם געשטאָרבן, דעמאָלט וואָלט קיין אַקושערקעס אויך נישט געווען.

אַצינד איז דער גבור אַלט געווען דאָס נײַנטע יאָר, דאָס יינגל איז געווען הויך, געזונט, אויף זיין גרויסשטערנדיקן, שפּיציקבאָזיקן פּנים האָבן ערנסט געלויכטן גרויסע, געדיכט-בלאָע אויגן, — אַזעלכע אויגן האָט געהאַט אַלעקסייס מוטער און אַזעלכע האָט אויך ניקיטאַ. מיט אַ יאָר שפּעטער איז געבוירן געוואָרן נאָך אַ זון, יאַקאָוו, נאָר שוין פון פינפטן יאָר אָן איז דער גרויסשטערנדיקער איליאַ געוואָרן דער אָנגעזעענסטער מענטש אין הויז. אַ געבאַלעוועטער פון אַלע, האָט ער קיינעם נישט געפאָלגט און געלעבט אומאָפּהענגיק, מיט אַן איבערראַשנדער אומאויפהערלעכקייט אַריינפאַלנדיק אין נישט באַקוועמע און געפערלעכע לאַגעס. זיינע שטיפערייען האָבן כמעט שטענדיק אָנגענומען אַ ביסל אַן אומגעווינלעכן כאַראַקטער און דאָס האָט געוועקט באַם פאָטער אַ געפיל, וואָס איז נאָענט געווען צו שטאָלץ.

איינמאָל האָט פיאָטר געטראָפן דעם זון אין קאַמער, דאָס יינגל האָט זיך באַמיט צוצומאַכן צו אַן אַלטער קאַריטע אַ ראָד פון אַ טאַטשקע.

— וואָס וועט דאָס זיין ?

— אַ דאַמפער.

— ער וועט נישט פאָרן.

— באַ מיר — וועט ער פאָרן ! — האָט געזאָגט דער זון מיט דעם התלהבותדיקן טאָן פון זיין פּנים. פיאָטר האָט אים נישט געקענט איבערצייגן אין דער צוועקלאָזיקייט פון דער אַרבעט, נאָר בעתן איבערצייגן האָט ער געקלערט :

— דעם ציידנס כאַראַקטער.

איליאַ איז געווען אומגעבויגן אינם דערגרייכן זיינע צילן, נאָר פונדסטוועגן האָט זיך אים נישט איינגעגעבן צו מאַכן אַ דאַמפער פון אַ קאַריטע און די צוויי רעדער פון דער טאַטשקע. דעמאָלט האָט ער אָנגעצייכנט מיט קויל רעדער אויף די זייטן פון

דער קאָריטע, האָט זי אַראָפּגעשלעפּט צום טייך, אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער אַריין, און איז אַליין אַריינגעפאַלן אין אַ זומפּ. ער האָט זיך פונדעסטוועגן נישט דערשראָקן און גלייך אַ געשריי געטון צו די באַבעס, וואָס האָבן געוואַשן גרעט:

— העי, באַבעס! שלעפּט אַרויס, אַנישט וועל איך דער־טרונקען ווערן...

די מוטער האָט געהייסן צעהאַקן די קאָריטע, און איליען האָט זי אָנגעשעדיקט, פון דעם טאָג אָן האָט ער אָנגעהויבן קוקן אויף איר פונקט מיט אַזוינע נישט זעענדיקע אויגן, ווי ער האָט געקוקט אויף דעם צוויי־יעריקן שוועסטערל טאַניען. ער איז, בכלל, געווען אַ טיכטיק מענטשעלע, האָט שטענדיק עפּעס גע־שניצט, געהאַקט, געשפּאָלטן, פאַרראָכטן, און, באַאָבאַכטנדיק דאָס, האָט דער פאָטער געטראַכט:

— ער וועט זיין אַ לייט. ער וועט זיין אַ בוימייסטער.

טיילמאָל האָט איליאַ גאַנצע טעג נישט באַמערקט דעם פאָ־טער און פלוצלינג, קומענדיק אין קאַנטאָר אַריין, איז ער אַרויפ־געקראָכן אויף די קניען, באַפוילן:

— דערציייל עפּעס.

— נישטאָ קיין צייט.

— איך האָב אויך נישט קיין צייט.

שמייכלענדיק, האָט דער פאָטער אָפּגערוקט אין דער זייט די פאַפּירן.

— נו, אָט: ס'האָבן זיך אַמאָל געלעבט פויערן...

— וועגן פויערן ווייס איך אַלץ; לאַכעוודיקס דערצייל.

קיין לאַכעוודיקס האָט דער פאָטער נישט געקאָנט.

— דו גיי צו דער באָבעשי.

— זי גיסט היינט.

— נו — איז צו דער מאַמען.

— זי וועט מיך וואַשן.

אַרטאַמאָנאָוו האָט געלאַכט; דער זון איז געווען דאָס איינ־ציקע וועזן, וואָס האָט בא אים אַרויסגערופן אַ גוט, גרינג גע־לעכטער.

— וועל איך גיין צו טיכאָנען, — האָט דערקלערט איליאַ, וועלנדיק אַראָפּשפּרינגען פון פּאָטערס קניען, נאָר יענער האָט אים פאַרהאַלטן.

— און וואָס דערציילט טיכאָן?

— אַלץ.

— וואָס, פונדעסטוועגן?

— ער ווייסט אַלץ, ער האָט געלעבט אין באַלאכנע, דאָרטן טוט מען שיפן, לאָדקעס...

ווען איליאַ פלעגט אַראָפּפאַלן פון ערגעץ, צעהאַקנדיק זיך דאָס פּנים, האָט די מוטער, שלאָגנדיק אים, געשריגן:

— קריך נישט אַרום איבער די דעכער, וועסט זיין אַ קאַליקע, אַ הויקערדיקער.

אַ רויטער פון באַליידיקונג, האָט דער זון זיך נישט צעוויינט, נאָר געדראָט די מוטער:

— איך וועל דיר נאָך שטאַרבן, אויב וועסט שלאָגן!

וועגן דערדאָזיקער דראָונג האָט זי געזאָגט דעם פּאָטער, ער האָט אַ שמייכל געטון:

— דו שלאָג אים נישט, נאָר שיק אים אַריין צו מיר.

דער זון איז אַריינגעקומען, זיך אָוועקגעשטעלט בײַ דער טיר־ראָם, פאַרלייגט די הענט הינטערן רוקן; נישט פילנדיק צו אים גאָרנישט אַ חוץ בייגעריקייט און רייצנדיקע צערטלעכקייט, האָט פּיאָטר געפרעגט:

— פאַרוואָס רעדסטו עס אַזוי גראָב צו דער מאַמען?

— איך בין נישט קיין נאַר, — האָט בייז געענטפערט דער זון.

— וויאַזוי זשע נישט קיין נאַר, אויב דו רעדסט גראָב?

— ווייל זי שלאָגט. טיכאָן האָט געזאָגט: נאָר נאַראָנים שלאָגט מען.

— טיכאָן? טיכאָן אַליין...

נאָר פּיאָטר האָט זיך איבער עפּעס אָפּגעהאַלטן אָנצורופן דעם הויזוועכטער נאַר; ער האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן צימע־

צוקוקנדיק זיך צום מענטש פֿאַ דער טיר, נישט וויסנדיק, וואָס צו זאָגן.

— דו, דעסגלייכן, שלאָגסט דעם ברודער יאַקאָוו.

— ער איז — אַ נאַר. אים — טוט נישט וויי, ער איז אַ דיקער.

— וואָס זשע! אַ דיקער, איז דאַרף מען אים שלאָגן?

— ער איז אַ גיריקער.

פּיאָטר האָט געפילט, אַז ער קען נישט לערנען דעם זון און אַז דער זון פאַרשטייט דאָס. ס'וואָלט אפשר געווען איינפאַכער און גוצלעכער אָנצודרייען אים די אויערן, נאָר די האַנט האָט זיך נישט אויפגעהויבן איבער דעמדאָזיקן אומרויק ליבן, צעפּאַטלטן קאָפּ. אפילו קלערן וועגן אַ שטראָף איז נישט באַקוועם געווען אונטער דעם אויפמערקזאַמען, דערוואַרטנדיקן בליק פון די טייערע, בלאָע אויגן. און די זון האָט געשטערט; תמיד איז עפּעס אַזוי ארויסגעקומען, אַז איליאַ האָט צומווילדסטן געשטיפט אין זוניקע טעג. זאָגנדיק דעם יינגל די געוויינלעכע מוסר־ווערטער, האָט פּיאָטר זיך דערמאָנט די צייט, ווען ער אַליין פלעגט אויסהערן פּונקט די זעלביקע ווערטער און זיי זענען נישט דערגאַנגען צו זיין האַרץ, זענען נישט פאַרבליבן אין זכרון, אַרויסרופנדיק בלויז אומעט און, נישט אויף לאַנג, שרעק. אָבער קלעפּ, אפילו פאַרדינטע, איז שווער צו פאַרגעסן, דאָס האָט פּיאָטר אַרטאַמאָנאָוו אויך גוט געוואוסט.

דער צווייטער זון יאַקאָוו, אַ קיילעכיקער און ראָזער, איז מיטן פּנים ענלעך געווען צו דער מוטער. ער האָט אַ סך און אפילו אַזוי ווי מיט פאַרגעניגן געוויינט, און איידער ער האָט גענומען גיסן די טרערן, פלעגט ער סאָפּען, אָנבלאָזן די באַקן און שטופּן די פויסטן אין זיינע אויגן אַריין. ער איז געווען פּחדנותדיק, האָט אַ סך און גיריק געגעסן און שווער ווערנדיק פון עסן, איז ער אָדער געשלאָפן אָדער זיך באַקלאָגט:

— מאַמע, ס'איז מיר אומעטיק!

די טאָכטער יעלענאַ פלעגט קומען צו פאָרן זומער, זי איז געווען עפּעס אַ מין פרעמדע פריילין.

באַ זיבן יאָר האָט איליאַ זיך אָנגעהויבן לערנען שרייבן און לייענען באַם פּאָפּ גליעב, נאָר, דערוויסנדיק זיך, אַז דעם בוכהאַל־טער ניקאָנאָווס זון לערנט זיך נישט פֿונם תהילימל, נאָר אין אַ ביכל מיט בילדלעך „דאָס היימישע וואָרט״, האָט ער געזאָגט דעם פֿאָטער:

— איך וועל זיך נישט לערנען, ס׳טוט מיר וויי די צונג.

מען האָט געמוטשעט לאַנג און ליבלעך אים אויספרעגן, איידער ער האָט דערקלערט:

— פּאַשאַ ניקאָנאָוו לערנט זיך אין אַ היימישס, און איך אין אַ פרעמדס.

נאָר טיילמאָל איז דאָסדאָזיקע זייער לעבעדיקע יינגל, אָנ־שלאָגנדיק זיך אָן עפּעס, שעהנווייז אָפּגעזעסן אויפֿן בערגל אונטער דער סאָסנע, אַריינוואַרפֿנדיק די טרוקענע שישקעס אין דעם טריב־גרינעם וואַסער פֿון וואַטאַראַקשע.

— ס׳איז אים אומעטיק, — האָט זיך משער געווען דער פֿאָטער. ער האָט אויך וואָכן און חדשים געלעבט באַטויבט פֿון גערויש פֿון די געשעפֿטן, ער האָט זיך געדרייט, געדרייט און איז פּלוצלינג אַריינגעפֿאַלן אין אַ געדיכטן נעפּל פֿון נישט קלאָרע טראַכטונגען, האָט בלינד זיך פֿאַרפֿלאָנטערט אין אומעט און נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, וואָס פֿאַרבלענדט אים מער: די דאגות וועגן געשעפֿט אָדער גאָר דער אומעט פֿון דידאָזיקע, אין תוך גענומען, איינטאָניקע דאגות. אָפּט, אין אַזעלכע טעג, האָט ער זיך אָנגע־שטויסן אויף אַ מענטש און אָנגעהויבן האַסן אים פֿאַר אַ קרומען בליק, פֿאַר אַ נישט געלונגען וואָרט; אַזוי האָט ער אין דאָזיקן גראָען טאָג כמעט געהאַסט טיכאָן וויאַלאָוון.

וויאַלאָוו האָט זיך דערנענטערט, פֿירנדיק אונטער דער האַנט די שוויגער, דערציילנדיק:

— מיר, די וויאַלאָווס, זענען אַ גרויסע משפּחה. . .

— וואָס־זשע לעבסטו נישט מיט דיינע אייגענע? — האָט געפֿרעגט פֿיאָטער, צוגייענדיק צו דער באַבימאַקאָווא, נעמענדיק זי אונטערן אָרעם; טיכאָן איז פֿאַרשוויגן געוואָרן, האָט זיך אָפּגערוקט

אין דער זייט ; אַרטאַמאָנאָוו האָט קאַטעגאָריש און שטרענג אי־בערגעחזרט די פראגע. דעמאָלט האָט דער הויזוועכטער, פאַר־שמעלנדיק די פאַרבלאָזע אויגן, גלייכגילטיק געענטפערט :

— ס'איז שוין קיינער פון זיי נישטאָ, פון די אייגענע, מ'האָט אַלע אומגעבּרענגט.

— וואָס הייסט — אומגעברענגט ? ווער האָט אומגע־ברענגט ?

— צוויי ברידער האָט מען אונטער סעוואַסטאָפּאָל פאַריאָגט, זענען זיי דאָרט אומגעקומען. דער עלטסטער האָט זיך אין דער מרידה אַריינגעמישט, ווען די פויערן האָבן זיך פון דער פרייהייט צעבונטעוועט ; דער טאַטע — אויך אַ באַטייליקטער אין בונט — האָט מיט די קאַרטאָפליעס נישט מסכּים געווען, ווען מען האָט גע־צוואונגען מיט געוואַלט צו עסן די קאַרטאָפליעס ; מען האָט אים געוואָלט שמייסן, איז ער אַנטלאָפן זיך באַהאַלטן, איז אַרונטערגע־פאַלן אונטערן אייז, דערטרונקען געוואָרן. דערנאָך איז געווען נאָך צוויי בּאַ דער מוטער, פונם צווייטן מאַן, ויאַלאָוון, אַ פישער, איך און דער ברודער סערגיי. . .

— און וואו איז דער ברודער ? — האָט געפרעגט אוליאַ־נאַ, פינטלענדיק מיט די פון טרערן אָנגעשוואָלענע אויגן.

— מען האָט אים דערהרגעט.

— דו דערציילסט, ווי דו וואָלסט מזכּיר נשמות געווען, — האָט בייז געזאָגט אַרטאַמאָנאָוו.

דאָס איז אוליאַנאַ איוואַנאָוונאַ נייגעריק געווען. . . זי איז אַביסעלע פאַרצאָגט, האָב איך איר. . .

נישט ענדיקנדיק די ווערטער, האָט ער זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן פון וועג אַ טרוקן צווייגל און אָוועקגעוואָרפן עס אין אַ זייט. אַ מינוט צוויי איז מען געגאַנגען שווייגנדיק.

— און ווער האָט דערהרגעט דעם ברודער ? — האָט פּלוצ־לינג געפרעגט אַרטאַמאָנאָוו.

— ווער דערהרגעט ? אַ מענטש דערהרגעט, — האָט רויק געענטפערט טיכאָן, נאָר די באַימאַקאָווע האָט, אָפּזיפצנדיק, צו־געגעבן :

— אַ בליק אויף...

... אינמיטן זומער זענען אָנגעקומען שווערע טעג, איבער דער ערד, אין דעם געל־רויטיקן הימל איז געשטאַנען אַ דריקנ־דיקע, אומרחמנותדיקע אָנגעגליטע שטילקייט; אומעטום האָבן גע־ברענט די טאָרף־געביטן און די וועלדער. פּלוצלינג פלעגט זיך שטורמיש אַריינרייסן אַ טרוקענער, הייסער ווינט, ער האָט מורא־דיק געשיפּעט און געפייפט, אָפּגעריסן די פאַרטרוקנטע בלעטער פון די ביימער, דאָס פאַראיאָריקע, געלע שטעכעכץ, ער האָט אויפגעהויבן וואָלקנס זאַמד, האָט עס געיאָגט איבער דער ערד צו־זאַמען מיט די פּאַרשוועס, שפּענדלעך, פעדערן פון הינער; ער האָט געשטויסן די מענטשן, זיך באַמיִענדיק אַראָפּצורייסן פון זיי די מלבושים, און האָט זיך באַהאַלטן אין די וועלדער, נאָך הייסער צעבלאָזנדיק די שרפות.

אויף דער פאַבריק איז געווען אַ סך קראַנקע; אַרטאַמאָנאָוו האָט געהערט דורך דעם זשוזשען פון די שפּינערייען און דעם שאַרך פון די וועבשיפּן אַ טרוקענעם, שווערן הוסט, האָט געזען באַ די וואַרשטאַטן פאַרצאַקטע, בייזע פּנימער, באַמערקט פוילע באַוועגונגען; די צאָל פון דער אויסאַרבעטונג האָט זיך פאַרמי־נערט, די איכות פון דער סחורה איז געוואָרן באַדייטנד ערגער; ס'האָט זיך שטאַרק פאַרמערט די טעג פון הוליען, די פויערן האָבן אָנגעהויבן מער טרינקען, באַ די פויערטעס האָבן געקרענקט די קינדער. דער פריילעכער טשעסלאַר סעראַפים, אַן אַלטינקער מיט אַ ראָזע פּנים פון אַ קינד, האָט נישט אויפגעהערט צו מייסטרעווען קליינע טרומנעלעך און נישט זעלטן האָט ער צונויפגעשלאָגן פון בלייכע יאָדלע־ברעטער ארונות פאַר גרויסע מענטשן, וועלכע האָבן אָפּגעאַרבעט זייער עובֿדה.

— אַ הוליאַנקע דאַרף מען אייגאָרדנען, — האָט געטענהט אַלעקסיי, — מען דאַרף פריילעך מאַכן, אויפמונטערן דעם עולם!

אוועקפאָרנדיק מיטן ווייב אויפן יאַריד, האָט ער נאָכאַמאָל געטענהט:

— אָרדן איין אַ הוליאַנקע — ווען די מענטשן אויפלעבן!
דו — גלייב: פרייליכקייט איז די ישועה פון אַלע צרות!
— פאַרנעם זיך, — האָט באַפוילן פיאָטר דעם ווייב. — מאַך וואָס בעסער, וואָס מער.

נאַטאַליע האָט אומצופרידן אַ וואָרטשע געטון, ער האָט ביין געפרעגט:

— נו?

דעמאָנסטראַטיוו הויך אויסשנייצנדיק די נאָז אין עק פון פאַרטוך, האָט דאָס ווייב געענטפערט:

— איך הער.

די הוליאַנקע האָט מען אָנגעהויבן מיט אַ גאָטעסדינסט. זייער פיין האָט אָפּגעריכט דער פּאָפּ גליעב; ער איז געוואָרן נאָך מער דאַר און אָפּגעצערט; דאָס צעבראָכענע קול זיינס, אַרויסברעננענ־דיק די אויסערגעוויינלעכע ווערטער, האָט געקלונגען באַקלאָגלעך, אַזויווי בעטנדיק מיט די לעצטע כוחות; די גרויע פּנימער פון די שווינדזיכטיקע וועבער האָבן שטרענג זיך אָנגעכמורעט, זענען פרום פאַרהילצערט געוואָרן; אַ סך פויערטעס האָבן געוויינט העשנדיק. און ווען דער פּאָפּ האָט אויפגעהויבן צום רויכיקן הימל זיינע טרויעריקע אויגן, האָבן די מענטשן, גלייך מיט אים, אויך געקוקט מיט תפילה אינם רויך אַריין אויף דער מאַטער, פליכיקער זון, קלערנדיק, משמעות, אַז דער מילדער פּאָפּ זעט אין הימל עמעצן, וואָס קען אים און הערט אים.

נאָך דער גאָטעסדינסט האָבן די פויערטעס אַרויסגעטראָגן אויף דער גאַס פונם דערפל די טישן און די גאַנצע אַרבעטס־קראַפט האָט זיך סאָליד אויסגעזעצט באַ די הילצערנע שיסלען, וואָס זענען ביז די ראַנדן פול געווען מיט פעטע לאָקשן און שעפּסנפלייש. אַרום יעדער שיסל האָט זיך געזעצט צען מאַן, אויף יעדן טיש איז געשטאַנען אַן עמער שטאַרק, היימיש ביר און אַ פערטל בראָנפן; דאָס האָט שנעל אויפגעהויבן די אין מוט געפאַ־לענע, אויסגעפייניקטע מענטשן. די שטילקייט, וואָס האָט מיט אַ הייס היטל באַדעקט די ערד, האָט זיך אָפּגערוקט אויף די זומפּן צו די וואַלד־שרפות, דאָס דערפל האָט זיך צערעשט מיט פריילע־

בע קולות, מיט אַ קלאַפּערײַ פֿון הילצערנע לעפֿל, געלעכטער פֿון קינדער, אויסגעשרייען פֿון ווייבער, מיט אַ געריעדערײַ פֿון יינגוואַרג.

באַ דעם זעטיקן, שפּאָרן מיטאָג איז מען געזעסן אַ שעה דרײַ; דערנאָך, צעפּירנדיק די שיכּורע אַהיים, האָט דאָס יינגוואַרג זיך צונויפֿגעקליבן אַרום דעם ציכטיקן, אַקוראַטנעם טשעסלאַר סע־ראַפֿים. זײַן בלאַ צווילכן העמדל און אויך אַזעלכע הויזן, אַ סך מאָל געוואַשענע, זענען געוואָרן העל־בלאַ, דאָס שכּורע, ראַזע פּנים מיט דער שפּיציקער נאָז האָט באַגײַסטערט געלויכטן, ס'האָבן גע־בלישטשעט, צווינקענדיק, די רירעוודיקע, נישט אַלטע אויגן. אין דעמדאָזיקן פֿרײַלעכן טרומנע־מאַכער איז, צוגעפּאַסט צו זײַן נאָ־מען, געווען עפּעס הימל־פֿריידיקס, עפּעס אַ מין לײַכטער פֿלאַטער, זיצנדיק אויף דער באַנק, אַנידערלייגנדיק די ציטרע אויף זײַנע שפּיציקע קניען, איבערקלײַבנדיק די סטרונעס מיט די טונקעלע פֿינגער, אויסגעבויגענע ווי די כריין־וואָרצלען, האָט ער אויפֿגע־זונגען דעם ניגון פֿון די בלינדע בעטלער, מיט אַ געמאַכטער עצבֿות און פֿאָנפֿענדיק, אונטער דער נאָז:

אָן אַט נאַט אייך, מענטשן, אַ חידה צו דער שמחה,
און פּאַר אייער גרויסער חכמה צום באַשיידן!

און אַ ווינק געבנדיק צו די מיידלעך, צווישן וועלכע ס'איז חשיבֿותדיק געשטאַנען די טאָכטער זײַנע, די טרייבערין זינאַידאַ, אַ הויכברוסטיקע, אַ שיינע, מיט עזותדיקע אויגן, האָט ער אָנגע־הויבן נאָך העכער און עצבֿותדיקער:

אונטער אַ הויכער, אַ גאָלדיקער ליפּע,
אין דופּטיקער, הימלישער קילקייט, —
זיצט אין געפֿלאָכטענעם כּסא הכּבֿוד,
זיצט קריסטוס געלענט אין גן עדן.
זילבער, גאָלד צעטיילט ער,
שטיינער טײַערע צעטיילט ער,
אַלץ די רײַכע לײַט באַלוינט ער,

ווייל זיי זענען דאָך עשירים,
פאַר די אָרימע בעלי־טובות,
ווייל זיי ליבן און זיי שפּייזן
אַלע בעטלערס און קבצנים.

ער האָט ווידער אַ ווינק געטון צו די מיידלעך און פּלוצ־לינג איבערגעפירט זיין קול אויף אַ טענצלדיקן טעמפּאָ, און די טאָכטער זיינע, ציגיינעריש פאַרוואָרפנדיק די הענט הינטערן קאָפּ, אויפטרייסלענדיק מיט די ברוסטן, האָט אַ קוויטש געטון און זיך געלאָזט טאַנצן אונטער דעם הילכיקן לידל פונם פאָטער און דעם סטרונען־געקלאַנג.

און אויב זילבער ווער עס נעמט, —
בלייבט ער דאַן אָן פּיס געלעמט;
און אויב גאָלד נאָר ווער עס נעמט, —
ווערט פון פלאַמען באַלד פאַרברענט!
ווער נאָך פּערלעך — אַ נויג,
קריגט אַ בעלמע אויפן אויג!...

דעם געקלאַנג פון דער ציטרע און דאָס פריילעכע געזאַנג פון סעראַפימס ליד האָט פאַרטויבט דער געפּייף פון די בחורים; דערנאָך האָבן אויפגעזונגען אַ טענצלדיקס די מיידלעך און די ווייבער:

פון ים לויפן שנעל שיפעלעך פיר,
מתּנות שיינע מיידעלעך ברענגען אָן אַשיעור!

און זינאַידאַ, צוטופּענדיק, האָט געזונגען הילכיק:

פון פּאַשקען האָט פּאַלאַשקע
אַ זאַק אויף אַ רובאַשקע;
פון טערעשקען האָט מאַטרעשקע
אַ בערעזענע בראַשקע.

איליאַ אַרטאַמאָנאָוו איז געזעסן אויף גלייך געלייגטע שינד־לען מיט פּאַוועל ניקאַנאָוון, אַ דאַר ייִנגל, וואָס אויף זיין לאַנגן האַלדז האָט זיך אומרויק געדרייט עפּעס אַ מין אַלטער, אויסגע־קו'אַכענער קאָפּ, און אויף דעם גראָען נישט געזונטן פּנים זענען גיריק געלאָפן גראָע, צעשראָקענע אייגעלעך. איליען איז זייער געפעלן דער העל־בלויער אַלטיטשקער, ס'איז אָנגענעם געווען צו הערן דאָס שפּילן פון דער ציטרע און דאָס התלהבותדיקע, קאָמי־שע קול פון סעראַפימען, נאָר פּלוצלינג האָט אויפגעפלאַקערט, זיך גענומען דרייען דידאַזיקע שיקסע אין דער רויטער יאַקע און האָט אַלץ צעשטערט, אַרויסרופנדיק אַ שטורמיש געפייפערייַ, אַ נישט האַרמאָניש, שרייעוודיק געזאַנג. דידאַזיקע שיקסע איז אים ענדגילטיק נמאס געוואָרן, ווען ניקאַנאָוו האָט אים שטילערהייט געזאָגט:

— זינאַידקע איז אַן אויסגעלאַסענע, זי לעבט מיט אַלע. מיט דיין טאַטן אויכעט, איך האָב אַליין געזעען, ווי ער האָט זי געדריקט.

— נאָכוואָס? — האָט, נישט אָנשטויסנדיק זיך, געפרעגט איליאַ.

— נו, דו ווייסט דאָך!

איליאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט געוואוסט, נאָכ־וואָס מען דריקט מיידלעך און ס'האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער האָט געפרעגט וועגן דעם דעם חבר.

— זאָגסט ליגנט, — האָט ער געזאָגט מיט עקל און נישט הערנדיק ניקאַנאָווס פּליסטער. דאָסדאָזיקע ייִנגל, אַ דערשלאָגנס און פחדנותדיקס, איז אים נישט געפעלן מיט זיין פלעגמאַטישקייט און דער אייגנטלעכקייט פון זיינע דערציילונגען וועגן די פאַבריק־מיידלעך, נאָר ניקאַנאָוו האָט זיך געקאָנט אויף יאַגד־טויבן, און איליאַ האָט ליב געהאַט טויבן און הנאה געהאַט פון באַשיצן דאָס שוואַכע ייִנגל פון די פאַבריק־קינדער. אַ חוץ דעם האָט ניקאַנאָוו געקענט שיין דערציילן אַלץ, וואָס ער האָט געזעען, כאָטש גע־זעען האָט ער בלויז נישט אָנגענעמס און האָט גערעדט וועגן אַלעם,

פונקט ווי דאָס ברידערל יאַקאָוו, — אַזוי ווי באַקלאָגנדיק זיין אויף אַלע מענטשן.

אָפּזיצנדיק עטלעכע מינוט שווייגנדיק, איז איליאַ אַוועק אַהיים. דאָרטן האָט מען אין סאַד געטרונקען טיי, אונטערן הייסן שאָטן פון די ביימער, גראָע פון שטויב. בײַם גרויסן טיש זענען געזעסן געסט: דער שטילער פּאָפּ גליעב, דער מעכאַניק קאַפּיטאָו, אַ שוואַרצער און געקרייזלטער ווי אַ ציגײַנער. דער ריין אָפּגעוואַשענער בוכהאַלטער ניקאָנאָוו, דאָס פּנים איז בײַ אים אַזוי שטאַרק אָפּגעוואַשן, אַז מען קאָן נישט וויסן, אַוואָסערס עס איז. ס׳איז געווען אַ קליינע וואָנסיקע נאָז, ס׳איז געווען אַ בייל אויפן שטערן, צווישן דער נאָז און דער בייל איז זיך פונאַנדערגעקראָכן אַ שמייכל, פאַרמאַכנדיק די שמאָלע שפּעלטעלעך פון די אויגן מיט ציטערדיקע הויט-פאַלבן.

איליאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן פאָטער, נישט גלייבנדיק, אַז דערדאָזיקער נישט פריילעכער מענטש זאָל האָבן צו טון מיט דער פאַרשייטע טרייבערין. דער פאָטער האָט שווייגנד אַ גלעט געטון זיין פלייצע מיט דער שווערער האַנט. אַלע זענען געווען פאַרשמאַכט פון דער היץ, האָבן זיך באַגאָסן מיט שווייס, גערעדט אָן חשק, בלויז קאַפּיטאָוס הילכיקע קול האָט געקלונגען, ווי ווינטער, אין אַ קרישטאָלענער, פראָסטיקער נאַכט.

— מיר וועלן גיין אויפן ישוב? — האָט געפרעגט די מוטער.

— יאָ; כ׳וועל גיין זיך אָנטון, — האָט געזאָגט דער פאָטער, איז אויפגעשטאַנען פון טיש און אַוועקגעגאַנגען צום הויז; אַ מינוט שפּעטער איז איליאַ אים נאָכגעלאָפן, האָט אים דעריאָגט אויף דער וועראַנדע.

— וואָס זאָגסטו? — האָט ליבלעך געפרעגט דער פאָטער, — דער זון האָט אויך אַ פרעג געטון, קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין:

— דו האָסט זינאַידען געדריקט אָדער נישט געדריקט?

איליען האָט זיך געדאַכט, אַז דער פאָטער האָט זיך דערשראָקן; דאָס האָט אים נישט פאַרוואונדערט, ער האָט געהאַלטן

דעם פּאָטער פאַר אַ שרעקעוודיקן מענטש, וואָס האָט פאַר אַלע־מען מורא, דעריבער איז ער אַזוי שווייגנדיק. ער האָט נישט זעלטן געפילט, אַז דער פּאָטער האָט פאַר אים אויך מורא, אָט — האָט ער אַצינד מורא. און כדי אויפצומונטערן דעם דערשראָקענעם מענטש, האָט ער געזאָגט:

— איך — גלייב נישט, איך פרעג נאָר.

דער פּאָטער האָט אים אַ שטופּ געטון אין פּאָדערהויז אַריין, און אַריינשטופּנדיק אים דורך דעם קאָרידאָר צו אים אין צימער אַריין, האָט ער פעסט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר, און אַליין אָנגעהויבן, סאַפּענדיק, אַרומצושפּרייזן פון איין ווינקל אין אַנדערן. אַזוי האָט ער געשפּרייזט, ווען ער איז געווען בייז.

— קום אַהער, — האָט געזאָגט דער עלטערער אַרטאַמאָנאָוו, אָפּשטעלנדיק זיך באַם טיש, דער יינגערער אַרטאַמאָנאָוו איז צוגעגאַנגען.

— וואָס האָסטו געזאָגט?

— דאָס זאָגט פּאַוולושקאַ, נאָר איך גלייב נישט.

— דו גלייבסט נישט? אַזוי.

פּיאָטר האָט אַרויסגעלאָזט פון זיך דעם כעס, נאָכאַנאַנד באַ־טראַכטנדיק דעם גרויסשטערנדיקן קאָפּ פונם זון, זיין ערנסט, נישט ליבלעך פּנים. ער האָט זיך געצופּט באַם אויער, זיך איבערלייג־דיק: צי איז גוט אָדער שלעכט, וואָס דער זון גלייבט נישט דער נאַרישער פּלוידעריי פון פּונקט אַזאַ פּענדראַק, ווי ער איז אַליין, ער גלייבט נישט און טרייסט אים, זעט אויס, מיט דעם נישט גלייבן? ער האָט נישט געפונען וואָס און וויאַזוי מען דאַרף זאָגן דעם זון און אים האָט זיך אַבסאָלוט נישט געוואָלט שלאָגן איליען. אָבער מען האָט דאָך פּאַרט באַדאַרפט עפּעס צו טון און ער האָט באַשלאָסן, אַז דאָס איינפאַכסטע און פאַרשטענדלעכסטע איז — שלאָגן. דעמאָלט האָט ער, שווער אויפהייבנדיק די נישט זייער געהאָרכזאַמע האַנט, זי אַריינגעלאָזט אין די האַרטלעכע קודלעס פונם זון און, רייסנדיק זיי, אָנגעהויבן מורמלען:

— הער נישט קיין נאַראָנים, הער נישט!

און אָפּשטופּנדיק, האָט ער באַפוילן:

— גיי. זיך אין דיין שטוב. און — זיך דאָרט. יאָ.

דער זון איז אַוועקגעגאַנגען צו דער טיר, אָנגעבויגן דעם קאָפּ אויף אַ זייט, טראַגנדיק אים ווי אַ פרעמדן, און דער פּאַטער, קוקנדיק אויף אים, האָט זיך געטרייסט:

— ער וויינט נישט. איך האָב אים — נישט שמערצ־לעך.

ער האָט געפּרוווט זיך בייזערן:

— ביסט אַ מבין! איך גלייב נישט! אָט האָב איך דיר געוויזן.

נאָר דאָס האָט נישט פאַרטויבט דאָס געפיל פון רחמנות צום זון, פון דער עוולה פאַר אים און דער אומצופרידנקייט מיט זיך.

— דאָס ערשטע מאָל געשלאָגן, — האָט ער געקלערט, אומפרייַנדלעך באַטראַכטנדיק זיין רויטע, האַריקע האַנט. — און מיך האָט מען ביז צען יאָר זיכער הונדערט מאָל געשלאָגן.

נאָר דאָס האָט אויך נישט געטרייסט. אַ קוק געבנדיק דורכן פענצטער אויף דער זון, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ טראָפּן פעטס אין אַ טריב וואַסער, דערהערנדיק דעם רופנדיקן געוויש אין דערפל, איז אַרטאַמאָנאָוו אָן חשק געגאַנגען זעען די הוליאַנקע און האָט אויפן וועג שטיל געזאָגט ניקאָנאָוון:

— דיין שטיפזון רעדט איין מיין איליען נאַרישקייטן...

— איך וועל אים אָנשמייסן, — האָט מיט פולער גרייט־קייט און אפילו, אַזוי ווי מיט פאַרגעניגן פאַרגעלייגט דער בוכ־האַלטער.

— דו פאַרמאַך אים דאָס מויל, — האָט צוגעגעבן פּיאָטר, זייטיק אַ קוק געבנדיק אין ניקאַנאָווס לײדיקן פּנים אַריין און פאַר־לייכטערט טראַכטנדיק:

— גאָר פּשוט.

דאָס דאָרף האָט באַגעגנט די באַלעבאַטים רוישיק און האַר־ציק; ס'האָבן געלויכטן האַלבשכורע שמייכלען, ס'האָט הויך גע־שריגן די חניפה; סעראַפּים, צוטופּענדיק מיט די פיס אין נייע

לאַפּטשעס, אין ווייסע אַנוּטשעס, איבערגעבונדענע, מאָרדווינישמ־
סיק, מיט רויטע אַפּשניצן, האָט זיך געדרייט פאַר אַרטאַמאַנאָוו
און געזונגען אַ קבלת־פּנים:

— אוי, ווער קומט עס אָן?
ער אַליין קומט אָן!
און וועמען פירט ער מיט זיך מיט?
זי פירט ער מיט זיך מיט!

דער גרויבער־קער, לאַנגהאָריקער איוואַן מאַראָזאָוו, וואָס
איז ענלעך געווען צו אַ גלח, האָט גערעדט מיט אַ באַס:
— מיר זענען ביט דיר צופרידן. מיר זענען — צו־
פרידן.
אַן אַנדערער זקן, מאַמאַיעוו, האָט געשריגן מיט התלהבות:
— די אַרטאַמאַנאָווס זאָרגן וועגן די מענטשן ווי פּריצים!
און ניקאָנאָוו האָט געזאָגט קאַפּטיעוון אַזוי, אַז אַלע האָבן
געהערט:
— אַ דאַנקבאַר פאָלק, זיי קאָנען אָפּשאַצן זייערע בעלי־
טובות!
— מאַמע, מען שטופּט מיך! — האָט זיך באַקלאָגט יאַקאָוו,
אַן אָנגעטוענער אין אַ העמד פון ראָזן זייד, אַ באַלעמאַרטיקער;
די מוטער האָט אים געהאַלטן בײַ דער האַנט, חשיבותדיק שמייכ־
לענדיק צו די באַבעס, און אים אײַנגערעדט:
— דו קוק, ווי דער אַלטיטשקער טאַנצט...
דער העל־בלויער טשעסלאַר האָט זיך אומדערמידלעך גע־
דרייט, אונטערגעשפּרונגען, געשאָטן מיט קופּלעטלעך:

— עך, פּיסל טופּע־צו!
טופּע־צו נאָר העכער!
אַ לאַפּטש איז גרינגער פון אַ שטיוול,
קריך איך אויף די דעכער!

אַרטאַמאַנאָוו האָט נישט צום ערשטן מאָל געהערט שבחים
פאַר זיך, ער האָט געהאַט אַלע גרונדן נישט צו גלייבן אין דער

אויפריכטיקייט פון דידאָזיקע שבחים, אָבער פונדעסטוועגן האָבן זיי אים ווייך געמאַכט; צושמייכלענדיק, האָט ער געזאָגט:

— נו, גוט, אַ דאַנק! נישקשה, מיר לעבן אין אחדות.

און ער האָט געקלערט:

— אַ שאָד, איליאַ זעט נישט, ווי מען גיט אָפּ כבוד דעם טאַטן.

ער האָט דערפילט אַ באַדערפעניש צו טון עפּעס גוטס, מיט עפּעס צו דערפרייען די מענטשן; אַ קלער געבנדיק, אַ צופּ טוענדיק זיך באַם אויער, האָט ער געזאָגט:

— דאָס קינדער־שפּיטאָל דאַרף מען טאָפּלט פאַרגרעסערן.

ברייט צעפּאָכנדיק מיט די הענט, איז סעראַפים אַוועקגעשפּרונגען פון אים.

— איר האָט געהערט חברה, — הוראַ, דעם באַלעבאָס!

נישט איינמוטיק, נאָר הויך האָבן די מענטשן אַ ליאַרם געטון הוראַ; אַ גערירטע, אַרומגערינגלטע פון די באָבעס, האָט נאַטאַליע געזאָגט אונטער דער נאָז, מיט אַ ניגון:

— גייט, באָבעס, נעמט נאָך אַ דריי פעסעלעך ביר, טיכאָן וועט אַרויסגעבן, גייט!

דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די אַנטציקונג פון די באָבעס; און ניקאָנאָוו, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, האָט מיט נחת־רוח געזאָגט:

— אַן אַרכיערעישער קבלת־פּנים. . .

— מאַ־אַם, — ס׳איז מיר הייס, — האָט געמרוטשעט יאַקאָוו.

דידאָזיקע שמחה האָט אַ ביסל קאַליע געמאַכט, צעשטערט דער שוואַרצבערדיקער אויוונהייצער, מיט די גרויסע אויגן ווי די פלוימען, וואָלקאָוו; ער איז צוגעשפּרונגען צו נאַטאַליען, נישט געראָטן האַלטנדיק אויף דער לינקער האַנט אַן אויסגעמאָגערט, פון דער היץ פאַרחלשט קינד, מיט בלאָטערן אויף דעם בלאַ־

לעבן לייב, ער איז צוגעשפרונגען און האָט אָנגעהויבן היסטעריש צו שרייען:

— וואָס וועט זיין? דאָס ווייב איז געשטאָרבן. פון הינגער געשטאָרבן, ווי איז מיר! אָט — אַ יתומל געבליבן, — וואָס וועט זיין?

פון זיינע משוגענע אויגן זענען גערונען עפּעס אַזוינע געלע טרערן; אָפּשטופּנדיק דעם הייצער פון נאַטאַליען, האָבן די באַבעס גערעדט ווי אַנטשולדיקנדיק זיך:

— די הער אים נישט, ער איז, זעסטו, נישט באַם פאַרשטאַנד. דאָס ווייב איז באַ אים געווען אַן אויסגעלאַסענע. אַ שווינדזיכטיקע. און ער אַליין איז אויך אַ שלאָפער.

— נעמט צו באַ אים דאָס קינד, — האָט בייז באַפוילן אַרטאַמאַנאָוו און באַלד האָט זיך צום פאַרשמאַכטן קינד אַ צי געטון עטלעכע פאָר ווייבערישע הענט, נאָר וואָלקאָוו האָט אַרויסגעלאָזט אַ געזונטע קללה און איז אַנטלאָפן.

אין אַלגעמיין, איז אַלץ געווען גוט, פאַרביק און פריילעך, אַזוי ווי ס׳געהער צו זיין אויף אַ יום־טוב. באַמערקנדיק פנימער פון נייע אַרבעטער, האָט אַרטאַמאָנאָוו געטראַכט מיט גדלות:

— ס׳וואַקסט די צאָל פון די מענטשן. ווען דער פאָטער זאָל זעען...

פלוצלינג האָט דאָס ווייב באַמערקט מיט באַדויערונג:

— נישט אין דער צייט האָסטו באַשטראָפט איליען, ער זעט נישט די ליבשאַפט צו דיר.

אַרטאַמאָנאָוו האָט צוגעשוויגן, קוקנדיק פון אונטערן שטערן אָפּער אויף זינאַידען, זי איז געגאַנגען בראש פון אַ צענדליק מיידלעך און האָט געזונגען מיט אַ נישט אָנגענעם, גידעריק קול:

— ער גייט אַליין,
קוקט מיט חן,
ער וויל אוודאי
ליבשאַפט מיין!

— אַ חצופה, — האָט ער אַ קלער געטון. — און דאָס ליד איז אַ געמיינס.

ער האָט אַרויסגענומען דעם זייגער, אַ קוק געטון אויף אים און צוליב עפּעס אַ זאָג געטון אַ ליגנט:

— איך גיי־צו אַהיים, ס׳דאַרף זיין אַ דעפּעשע פון אַלעק־סייען.

ער איז אַוועקגעגאַנגען שנעל, באַקלערנדיק אויפן וועג, וואָס ער וועט זאָגן דעם זון, האָט צוגעטראַכט עפּעס זייער שטרענגס און געגוג ליבלעכס, נאָר שטיל אויפעפענענדיק די טיר אין איליעס צימער אַריין, האָט ער אַלץ פאַרגעסן. דער זון איז געשטאַנען אויף די קניען אויף אַ שטול, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די עלנבויגנס אָן פענצטער־אָנלען; ער האָט געקוקט אין דעם טונקל־רויטן רוי־ביקן הימל אַריין; די טונקלקייט האָט אָנגעפילט דאָס קליינע צי־מער מיט ברוינעם שטויב; אויף דער וואַנט, אין דער גרויסער שטייג האָט זיך געדרודערט דאָס דראָזדזל: האָבנדיק בדעה איינצו־שלאָפן, האָט עס געריי‍ניקט זיין געלע נאָז.

— נו, וואָס, דו זיצסט?

איליאַ האָט אַ ציטער געטון, זיך אויסגעדרייט, איז נישט געאיילט אַראָפּגעקראָכן פון דער שטול.

— אָט זעסטו! דו הערסט יעדע נאַרישקייט.

דער זון איז געשטאַנען אָנגעבויגן דעם קאָפּ, דער פאָטער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער טוט דאָס אומישנע, כדי צו דערמאָנען וועגן דעם ריס אין די האָר.

— נאָכוואָס בייגסטו זיך? האַלט גלייך דעם קאָפּ.

איליאַ האָט אויפגעהויבן די ברעמען, נאָר נישט אַ קוק גע־טון אויפן פאָטער. דאָס דראָזדזל האָט אָנגעהויבן שפּרינגען איבער די לייסטלעך, נישט הויך פּייפנדיק.

— ער איז בייז, — האָט אַ קלער געטון אַרטאַמאָנאָוו, אָני־דערזעצנדיק זיך אויף איליעס בעט, שטופּנדיק דעם פינגער אין קישן אַריין. — קיין שטותים דאַרף מען נישט הערן.

איליאַ האָט געפרעגט:

— איז ווי אַזוי זשע, ווען מען רעדט?

זיין ערנסטע, גוטע שטימע האָט דערפרייט דעם פּאָטער, פּיאָטר האָט אָנגעהויבן רעדן ליבלעכער אין דרייסטער:

— מען רעדט, אָבער דו — הער נישט! דו פאַרגעס. ווען מען זאָגט אין דיין בייזיין אַ פּאַסקודנע זאַך, דאַרפסטו פאַרגעסן.

— דו פאַרגעסט?

— נו, וואָס דען? ווען איך וואָלט געדענקט אַלץ, וואָס איך הער, וואָס וואָלט איך געוואָרן?

ער האָט גערעדט נישט געאיילט, פלייסנדיק זיך אויסצוקלייבן וואָס איינפאַכערע ווערטער, ער האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אַז זיי אַלע זענען איבריק און, שנעל פאַרפלאָנטערנדיק זיך אין דער טונקעלער חכמה פון די איינפאַכע ווערטער, האָט ער געזאָגט, אָפּויפצנדיק:

— קום אַהער צו מיר.

איליאַ איז פאַרזיכטיק צוגעגאַנגען. דער פּאָטער האָט פאַרקוועטשט זיינע זייטן מיט די קניען, האָט לייכט אַ גלעט געטון מיט דער האַנט איבער דעם ברייטן שטערן און, פילנדיק, אַז דער זון וויל נישט אויפהייבן דעם קאָפּ, האָט ער זיך באַליידיקט.

— וואָס קאַפּריזעווסטו? גיב אַ קוק אויף מיר.

איליאַ האָט אַ קוק געטון גלייך אין די אויגן אַריין, נאָר דאָס איז אַרויסגעקומען נאָך ערגער, ווייל ער האָט געפרעגט:

— פאַרוואָס האָסטו מיך געשלאָגן? איך האָב דאָך געזאָגט, אַז איך גלייב נישט פּאַוולושקען.

אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער האָט נישט באַלד געענטפערט. ער האָט מיט פאַרוואונדערונג געזעען, אַז דער זון האָט דורך עפּעס אַ מופת זיך אַוועקגעשטעלט גלייך מיט אים, ער האָט זיך אַליין דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ דערוואַקסענעם אָדער אַראָפּגעצויגן דעם דערוואַקסענעם צו זיך.

— באַליידיקט זיך — נישט לויטן עלטער, — האָט ער

שנעל אַ קלער געטון און איז אויפגעשטאַנען, רעדנדיק געשווינד, שטרעבנדיק גיכער זיך איבערצובעטן מיטן זון.

— איך האָב דאָך דיר — נישט שמערצלעך. מען דאַרף לערנען. מיך פלעגט דער טאַטע שלאָגן, אוי־יעי שלאָגן! און די מאַמע, דער קאַביוך, דער פאַרוואַלטער. דער לאַקיי — דער דייטש. ווען ס'שלאָגט נאָך אַן אייגענער, איז נישט אַזוי פאַרדראָסיק, נאָר, אָט, אַ פרעמדער — דאָס איז אַן אומגליק. אַן אייגענע האַנט — איז גרינגער.

שפרייזנדיק איבערן צימער, זעקס טריט פון דער טיר ביזן פענצטער, האָט ער זיך זייער געאיילט צו ענדיקן דעם שמועס, כמעט מורא האָבנדיק, אַז דער זון וועט נאָך עפּעס אַ פרעג טון.

— דו וועסט זיך דאָ אָנקוקן, אָנהערן, וואָס מען דאַרף נישט, — האָט ער געשמייכלט, נישט קוקנדיק אויפן זון, וואָס איז געשטאַנען צוגעטוליעט צום אָנלען פון בעט. — מען דאַרף דיך לערנען. אין דער גובערניע דאַרף מען דיך שיקן. ווילסט זיך לערנען?

— כ'וויל.

— נו, זעסטו. . .

ס'האָט זיך אים געגלוסט אַ צערטל צו טון דעם זון, נאָר עפּעס האָט אים געשטערט דערצו. און ער האָט נישט געקאָנט זיך דערמאָנען: צי פלעגן אים צערטלען דער פאָטער און די מוטער באַכדעם, ווי זיי פלעגן אים טון אַן עוולה.

— נו, גיי, שפּיל זיך. דו וואָלסט זיך נישט געדאַרפט חברן מיט פּאַשקען.

— אים האָט קיינער נישט ליב.

— און ס'איז נישטאָ פאַרוואָס, אַזאַ פאַרפוילטן.

אַראָפּקומענדיק צו זיך, שטייענדיק באַם פענצטער, האָט אַרטאַמאָנאָוו זיך פאַרטראַכט: ס'איז נישט גוט באַ אים אַרויסגעקומען מיטן זון.

— איך האָב אים צעבאַלעוועט. ער האָט נישט קיין מורא.

פֿון דער זייט פֿונם ישוב איז צוגעפֿלאָסן אַ בונטער גערויש, אַ קוויטשעריי און געזאַנגען פֿון מיידלעך, אַ טויב געדרעדעריי, אַ קריצעריי פֿון דער האַרמאָניקע. באַם טויער האָבן דייטלעך אָפּגע־קלונגען טיכאָנס ווערטער:

— וואָס זשע טוסטו אינדערהיים, קינד? ס'איז אַ הוליאַנ־קע, און דו — ביסט אינדערהיים? וועסט פֿאַרן זיך לערנען? דאָס איז גוט. „נישט געלערנט, איז ווי נישט געזונט", זאָגט מען. גיי, מיר וועט אָן דיר אומעטיק זיין, קינד.

אַרטאַמאָנאָוון האָט זיך געוואָלט אויסשרייען:

— זאָגסט ליגנט, דאָס וועט מיר זיין אומעטיק! אַ מבין, ווי ער לאַשטשעט זיך עס צום זון פֿון באַלעבאָס, די געמיינע בריאה. — האָט ער אַ קלער געטון מיט כּעס.

אַוועקשיקנדיק דעם זון אין שטאָט אַריין, צום ברודער פֿונם פּאָפּ גליעב, דעם לערער, וואָס האָט באַדאַרפֿט צוגרייטן איליען אין גימנאַזיע אַריין, האָט פּיאָטר ווירקלעך געפֿילט אַ ליידיקייט אין דער נשמה און אַן אומעט אין שטוב. ס'איז געוואָרן אַזוי נישט באַקוועם, נישט היימלעך, ווי ס'וואָלט אין שלאָפֿצימער פֿאַר־לאָשן געוואָרן דאָס אייל־לעמפּל; צו דעם בלוילעכן פֿייערל האָט פּיאָטר אַזוי זיך צוגעוואוינט, אַז ער פֿלעגט אין די לאַנגע נעכט זיך אויפֿכאַפּן, ווען דאָס פֿייערל איז איבער עפּעס אויסגעגאַנ־גען.

פֿאַרן אַוועקפֿאָר האָט איליאַ אַזוי געקונדייסעוועט, ווי ער וואָלט בכּיוון געוואָלט איבערלאָזן וועגן זיך אַ שלעכטע דערינע־רונג; ער האָט אָנגערעדט עזות דער מוטער אַזוי פֿיל, אַז זי האָט זיך אַזש צעוויינט, ער האָט אַרויסגעלאָזט פֿון די שטייגלעך אַלע פֿייגל יאַקאָווס, און דאָס דראָזדזל, וועלכעס מען האָט אים צוגעזאָגט, האָט ער אַוועקגעשענקט ניקאָנאָוון.

— וואָס קונדייסעוועסטו עס אַזוי? — האָט געפֿרעגט דער פֿאָטער, נאָר איליאַ, נישט ענטפֿערנדיק, האָט בלויז דעם קאָפּ אָנ־געבויגן אויף אַ זייט און אַרטאַמאָנאָוון האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער זון רייצט זיך מיט אים, דערמאָנענדיק אויפֿסניי וועגן דעם, וואָס ער האָט געוואָלט פֿאַרגעסן. ס'איז מאָדנע געווען צו קלערן,

חי פיל אָרט אין דער נשמה ס׳פאַרנעמט דערדאָזיקער קליינינקער מענטש.

— צי האָט באמת דער טאַטע זיך אויף אַזוי באַומרויקט וועגן מיר?

דער זכּרון האָט געענטפערט מיט זיכערקייט, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געפילט אין זיין פאָטער קיין נאָענטן, געליבטן מענטש, נאָר בלויז אַ שטרענגן באַלעבאָס, וועלכער האָט אַ סך אויפמערקזאַמער זיך באַצויגן צו אַלעקסייען, ווי צו אים.

— וואָס־זשע, בין איך אַ בעסערער פאַרן טאַטן? — האָט זיך געפרעגט אַרטאַמאָנאָוו און געשטויגט, נישט וויסנדיק — צי איז ער אַ גוטער אָדער אַ שלעכטער. די מחשבות האָבן אים גע־שטערט, אויסוואַקסנדיק ראַפּטום אין נישט פּאַסיקע מאָמענטן, אָנפאַלנדיק אין דער צייט פון דער אַרבעט. דאָס געשעפט איז ראַשיק געוואַקסן, האָט געקוקט אויפן באַלעבאָס מיט הונדערטער אויגן, האָט געפאָדערט אַ כסדרדיקע אָנגעשטרענגטע אויפמערק־זאַמקייט, נאָר קוים האָט נאָר עפּעס דערמאַנט וועגן איליען, — האָבן זיך די געשעפטלעכע מחשבות צעריסן, ווי דורכגעפוילטער איבערגעפרייטער שער־גאַרן און ס׳איז בייטיק געווען אַ גרויסע אָנשטרענגונג, כּדי אויפסניי זיי צוזאַמענצובינדן און שטייף פאַר־קניפּן, ער האָט זיך באַמיט צו פאַרפילן די פּוסטקייט, וואָס האָט זיך געשאַפן פון איליעס אָפּוועזנהייט, פאַרשטאַרקנדיק די אויפמערקזאַמקייט צום יינגערן זון, און, מיט מעלאַנכאָלישן פאַרדראָס זיך איבערצייגט, אַז יאַקאָוו גיט אים נישט קיין טרייסט.

— טיאַטיאַ, קויף מיר אַ באָק, — האָט געבעטן יאַקאָוו; ער האָט שטענדיק עפּעס געבעטן.

— נאָכוואָס אַ באָק!

— איך וועל אויף אים רייטן.

— אַ שלעכטער איינפאַל. מכשפות רייטן אויף באָקן.

— און יעלענקע האָט מיר געשענקט אַ ביכל מיט בילד־לעך, איז רייט דאָרטן אויף אַ באָק אַ שיין יינגל...

דער פּאַטער האָט געקלערט:

— איליאַ וואָלט דעם בילדל נישט געגלייבט. ער וואָלט באַלד צוגעשטאַנען: דערצייל וועגן דער מכשפה.

ס'איז אים נישט געפעלן וואָס, יאַקאָוו, וועלכער פלעגט אַליין צערייצן די פאַבריקס-קינדער, האָט זיך באַקלאָגט:

— זיי שלאָגן.

דער עלטערער זון איז אויך אַ רוצח און אַ שלעגער, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל אויף קיינעם נישט באַקלאָגט, כאָטש נישט איינמאָל האָבן אים די חברים אין דאָרף געשלאָגן, און דערדאָזיקער איז אַ פחדן, אַ פוילער, תמיד נאָגט ער עפּעס, קייעט. טיילמאָל האָט מען אין יאַקאָווס האַנדלונגען באַמערקט עפּעס אומפאַרשטענדלעכס און אַזויוי נישט גוטס: בײַ דער טיי האָט די מוטער, אָנגיסנדיק אים מילך, פאַרטשעפּעט מיטן אַרבל פון דער יאַקע דאָס גלאָז און, איבערדרייענדיק עס, זיך אָפּגעבריט.

— אָבער איך האָב געזען, אַז ווערסט אויסגיסן, — האָט ברייט שמייכלענדיק זיך גערומט יאַקאָוו.

— דו האָסט געזען, און — געשוויגן; דאָס איז נישט גוט, — האָט באַמערקט דער פּאַטער. אָט האָט די מאַמע זיך אָפּגעבריט די פיס.

פינטלענדיק מיט די אויגן און סאָפּענדיק, האָט יאַקאָוו זיך ווייטער געקייעט, און אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער פּאַטער דערהערט, אַז ער זאָגט עמעצן אויפן הויף, פאַרכלינענדיק זיך מיט די ווערטער:

— איך האָב געזען, אַז ער וויל אים שלאָגן; ער גייט, גייט, איז צוגעקומען, און — האָט ער אים דערלאַנגט פון הינטן!

אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטער האָט אַרטאַמאַנאָוו דערזען, אַז דער זון, פאָכענדיק מיט דער פויסט, רעדט אויפגערעגט מיטן געמיינעם פאַוולושקאַ ניקאָנאָוו. ער האָט צוגערופן יאַקאָוון, האָט אים פאַרווערט זיך צו חברן מיט ניקאָנאָוון, האָט געוואָלט זאָגן עפּעס באַלערנדיקס, נאָר אַ קוק געבנדיק אין די בעז-קאָלירקע

חייסלעך מיט די עפּעס מאָדנע העלע אַפּלען, האָט ער, אָפּזיפּצנדיק, אַוועקגעשטופּט דעם זון:

— גיי, אויגנגלאָצער...

פאַרזיכטיק, ווי איבער אַ גליטש, איז יאַקאָוו אַוועקגעגאַנגען, צודריקנדיק די עלנבויגנס צו די זייטן, האַלטנדיק די דלאָניעס אויסגעצויגן, גלייך ער וואָלט געטראָגן אויף זיי עפּעס נישט באַקוועמס, שווערס.

— ער איז אומגעלומפּערט, נאַריש, — האָט באַשלאָסן דער פאָטער.

אין דער טאָכטער, דער וואוקסיקער, נישט באַרעדעוודיקער, איז אייך געווען עפּעס אומעטיקס און געמיינזאַמס מיט יאַקאָוון. זי האָט ליב געהאַט צו ליגן, לייענענדיק ביכלעך, בײַ דער טיי האָט זי געגעסן אַ סך איינגעמאַכטס. און בײַם מיטאָג, מיט אַן אויסדרוק פון מיאוסן זיך, אָפּקנייפּנדיק מיט צוויי פינגער שטיקלעך ברויט, האָט זי געדרייט מיטן לעפל אינעם טעלער, אַזויווי כאַפּנדיק אין דער זופּ אַ פליג; זי פלעגט פאַרציען די בלוט-אָנגעגאָסענע, זייער רויטע ליפּן און אָפּטמאָל, מיט אַ טאָן, וואָס האָט נישט געפּאַסט פאַר אַ נישט דערוואַקסן מיידל, פלעגט זי זאָגן דער מוטער:

— אַציינד טוט מען נישט אַזוי. דאָס איז שוין אַרויס פון דער מאָדע.

ווען דער פאָטער האָט איר געזאָגט:

— וואָס, דו געלערנטע, וועסט גאָרנישט אַ קוק טון, ווי אַזוי מען וועבט פאַר דיר לייוונט אויף העמדער? — האָט זי געענטפערט:

— מיט פאַרגעניגן.

זי האָט אָנגעטון דאָס יום-טובדיקע קלייד, האָט גענומען דעם שירם, די מתנה פון פעטער אַלעקסיי, און אונטערטעניק נאָכגייענדיק דעם פאָטער, האָט זי אויפמערקזאַם אַכטונג געגעבן, אַז זי זאָל נישט פאַרטשעפּען אָן עפּעס דאָס קלייד. עטלעכע מאָל האָט זי אַ נאָס געטון, און ווען די אַרבעטער האָבן איר געוואונטשן געזונט, האָט זי, רויטווערנדיק, שווייגנד, אָן אַ שמייכל אויף דעם

חשיבותדיק אָנגעבלאָזענעם פּנים, געשאָקלט צו זיי מיטן קאָפּ. דער פּאָטער האָט איר דערציילט וועגן דער אַרבעט, נאָר אינ־גיכן באַמערקנדיק, אַז זי קוקט נישט אויף די וואַרשטאַטן, נאָר צו זיך אונטער די פיס, איז ער פאַרשוויגן געוואָרן, דערפילנדיק זיך באַליידיקט פון דער טאָכטערס גלייכגילטיקייט צו זיין דאגות־פולן געשעפט. אַרויסקומענדיק פון דער וועבעריי אויפן הויף, האָט ער פונדעסטוועגן געפרעגט:

— נו, וואָס זאָגסטו?

— ס'איז זייער שטויביק, — האָט זי געענטפערט, באַקוקנ־דיק איר קלייד.

— האָסט נישט קיין סך געזען, — האָט אַ שמייכל געטאָן פּיאָטר און מיט פאַרדראָס אַ געשריי געטאָן:

— וואָס הייבסטו אַלץ אונטער דאָס קלייד? דער הויף איז ריין, און דאָס קלייד איז אַזוי אויך קורץ.

זי האָט דערשראָקן אַוועקגענומען די צוויי פינגערלעך, מיט וועלכע זי האָט אונטערגעהאַלטן די ספּאָדניצע, און געזאָגט שול־דיק:

— ס'שפּירט זיך זייער אייל.

אים האָבן צומיינסט אויפגערעגט דידאָזיקע צוויי פינגערלעך אירע און אַרטאַמאָנאָוו האָט געוואָרטשעט:

— זע, מיט צוויי פינגער ווייסטו ווייניק וואָס נעמען!

אין אַ רעגנדיקן טאָג, ווען זי האָט געלייענט, ליגנדיק אויף דער סאָפע, האָט דער פּאָטער, צוזעצנדיק זיך צו איר, זיך נאָכ־געפרעגט, וואָס זי לייענט.

— וועגן אַ געוויסן דאָקטאָר.

— אַזוי. וויסנשאַפט הייסט עס.

אָבער אַ קוק געבנדיק אין ביכל אַריין, איז ער אויפגעבראַכט געוואָרן.

— וואָס זשע זאָגסטו ליגנט? דאָס איז דאָך לידער. צי וויסנשאַפט שרייבט מען אין לידער?

איליק און פאַרפלאָנטערט האָט זי דערציילט עפּעס אַ מעשה: דער גאָט האָט דערלויבט דעם שטן צו פאַרפירן אַ געוויסן דאָק־

טאָר, אַ דייטש, און דער שטן האָט אונטערגעשיקט צו [illegible]קטאָר דעם טייוול! צופנדיק זיך באַם אויער, האָט אַרטאַמאָנאָוו גענויסנ-האָפט זיך געפּלייסט צו פאַרשטיין דעם תּמצית פון דערדאָזיקער מעשה, נאָר ס'איז געווען קאָמיש און פאַרדראָסיק צו הערן, ווי די טאָכטער רעדט מיט אַ באַלערנדיקן טאָן, דאָס האָט געשטערט צו פאַרשטיין.

— דער דאָקטאָר איז געווען אַ שכּור?

ער האָט געזעען, אַז זיין פראַגע האָט געבראַכט אין פאַר-לעגנהייט יעלענען און, שוין נישט הערנדיק איר דערקלערונג, האָט ער געזאָגט מיט רוגזא:

— ס'איז עפּעס אַ מין פּלאָנטער. אַ בבא-מעשה. דאָק-טוירים גלייבן נישט אין קיין שדים. פונוואַנען האָסטו דאָס ביכל?

— דער מעכאַניק האָט געגעבן.

פּיאָטר האָט זיך דערמאַנט, ווי טיילמאָל קוקט יעלענע פאַר-טראַכט מיט די גראָע אויגן פון אַ קאַץ אויף עפּעס פאַר זיך און ער האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו וואָרענען די טאָכ-טער:

— קאָפּיטעוו איז פאַר דיר נישט קיין פּאָר, דו כעכע נישט מיט אים צופיל.

יאָ, יעלענאַ און יאַקאָוו זענען געווען לאַנגווייליקער, גראָער פון איליען, ער האָט דאָס אַלץ בעסער געזעען. און ער האָט נישט באַמערקט, ווי ביסלעכווייז איז בײַ אים אויפן אָרט פון דער ליב-שאַפט צום זון געבוירן געוואָרן אַ שנאה צו פּאַוועל ניקאָנאָוון. טרעפנדיק דאָס שלאַבעריקע ייִנגל, האָט ער געקלערט:

— איבער אַזאַ פּאַרך...

דאָס ייִנגל איז אים געווען פּוזיש דערווידער. געגאַנגען איז ניקאָנאָוו איינגעבויגן די פּלייצע, זיין קאָפּ האָט זיך אומרויִק גע-דרייט אויפן דינעם האַלז; אפילו ווען דאָס ייִנגל איז געלאָפן, האָט זיך אַרטאַמאָנאָוון געדאַכט, אַז ער גנבעט זיך, ווי אַ פּחדנות-דיקער זשוליק. ער האָט אַ סך געאַרבעט, געפוצט דעם שטיפפאָ-טערס שטיוול און מלבושים, ער האָט געהאַקט און געטראָגן האָלץ,

וואַסער, האָט אַרויסגעטראָגן פֿון קיך עמערן פּאָמיעס, האָט געוואַשן אין טײַך די ווינדעלעך פֿון זײַן ברודער. אַ פֿאַרהאָרעוועטער, ווי אַ שפּערל, אַ שמוציקער, אַן אָפּגעשליסענער, האָט ער געשמייכלט חניפֿיש צו יעדן, מיט עפּעס אַ הינטישן שמייכל, און זעענדיק אַרטאַמאָנאָוון, האָט ער נאָך פֿונווייטנס זיך געגריסט צו אים, אומבייגנדיק דעם גענזענעם האַלז, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ אויף דער ברוסט. אַרטאַמאָנאָוון איז כּמעט אָנגענעם געווען צו זעען דאָס ייִנגל אונטער אַ האַרבסט-רעגן אָדער ווינטער, ווען פּאַוועל האָט געהאַקט האָלץ און געוואַרעמט מיטן אָטעם די פֿאַרפֿרוירענע פֿינגער, שטייענדיק, ווי אַ גאַנז, אויף איין פֿוס, אײַנקאָרטשענדיק דעם צווייטן, פֿון וועלכן ס'איז אַראָפּגעקראָכן דער אויסגעטרעטענער, געלעכערטער שטיוול. ער האָט געהוסט, אָנכאַפּנדיק זיך מיט די בלאָע הענטלעך בײַ דער ברוסט, דרייענדיק זיך ווי אַ גרייצער.

דערוויסנדיק זיך, אַז דאָס ייִנגל האַלט אויפֿן בוידעם פֿון באָד צוויי פּאָר טויבן, האָט אַרטאַמאָנאָוו באַפֿוילן טיכאָנען אַרויסצולאָזן די פֿייגל, און אַכטונג געבן, אַז דאָס ייִנגל זאָל נישט קריכן אויפֿן בוידעם אַרויף.

— ער וועט אַראָפּפֿאַלן פֿון דאַך, וועט זיך צעממיתן. ער איז דאָך אַזאַ פֿאַרפֿוילטער.

איינמאָל אינאָוונט, אַרײַנקומענדיק אין קאַנטאָר, האָט ער דערזען, אַז דאָסדאָזיקע ייִנגל קראַצט אויס פֿון דער פּאַדלאָגע מיט אַ מעסער און וואַשט אָפּ מיט אַ נאַס טיכל פֿאַרגאָסענעם טינט.

— ווער האָט פֿאַרגאָסן

— דער טאַטע.

— און נישט דו ?

— אויף מײַן נאמנות — נישט איך.

— און פֿאַרוואָס איז די מאָרדע פֿאַרווײַנט ?

שטייענדיק אויף די קני, אונטערשטעלנדיק דעם קאָפּ אונטער אַ קלאַפּ, האָט פּאַוועל נישט געענטפֿערט, דעמאָלט האָט אַרטאַמאָנאָוו, צודריקנדיק אים מיטן בליק, באַפֿרידיקט געזאָגט :

— אַ מצווה אויף דיר !

נאָר פלוצלינג, אויף אַ מינוט ניכטער אַ קוק טוענדיק, האָט ער אַ שמייכל געטון אין דער באָרד אַריין, ער האָט דערפילט, ווי קינדיש און קאָמיש ס׳איז דידאָזיקע אומפריינדשאַפט זיינע צום דאָזיקן ייִנגל מ׳שטיינס געזאָגט.

— אָ, מיט וואָס איך פאַרוויל זיך ! — האָט ער מיט ביטול אַ טראַכט געטון און אַראָפּגעוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע אַ שווערן, קופערנעם צענער.

— נאַ, קויף דיר קיכעלעך !

דאָס ייִנגל האָט אַזוי פאָרזיכטיק אויסגעשטרעקט די ברודיקע ביינדלעך פון זיינע פינגער צו דער מטבע, גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז דאָס קופער וועט אים אָפּברייען.

— דער שטיפפאָטער שלאָגט דיך ?

— יאָ.

— מילא וואָס ? מען שלאָגט אַלעמען, — האָט אַרטאַמאָנאָוו געטרייסט. נאָך אין עטלעכע טעג אַרום האָט יאַקאָוו זיך פאַרקלאָגט, אַז פאַוולושקאַ האָט אים עפּעס אַן עוולה געטון, און אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער האָט, נישט גלייבנדיק דעם זון, שוין בלויז פון געוואוינהייט, געצעצהט דעם בוכהאַלטער :

— דו שמייס דעם שטיפזון.

— איך שמייס, — האָט דרך-ארצדיק פאַרזיכערט ניקאָנאָוו.

זומער, ווען איליאַ איז געקומען צו פאָרן אויף די פעריען, אַן אומבאַקאַנט אָנגעטוענער, אַ גלאַטיק אָפּגעשוירענער און נאָך אַ מער פאַרשטערנטער, — האָט אַרטאַמאָנאָוו נאָך שאַרפער פיינט געקריגן פּאַוועלן, זעענדיק, אַז דער זון חברט זיך ווייטער איינגעשפּאַרט מיטן דאָזיקן אָפּגעשליסענעם, שלאַבעריקן ייִנגל. איליאַ אַליין איז אויך געוואָרן נישט גוט העפלעך, האָט געזאָגט דעם פאָטער און דער מוטער „איר“, איז געגאַנגען, אַריינגערוקט די הענט אין די קעשענעס, האָט זיך געהאַלטן אינדערהיים ווי אַ גאַסט, האָט גערייצט דעם ברודער, דערפירנדיק אים צו אויסברוכן

פון פאַרצווייפלט געוויין, האָט מיט עפּעס צערייצט די שוועסטער, אַזוי, אַז זי האָט געשליידערט אויף אים ביכער, און בכלל זיך געפירט ווי אַן עזות־פּנים.

— איך האָב געזאָגט! — האָט נאַטאַליע זיך געקלאָגט פאַרן מאַן. — און אַלע זאָגן: ד אָס לערנען פירט צו עזותדי־קייט.

אַרטאַמאָנאָוו האָט געשוויגן, אומרויק באַאָבאַכטנדיק דעם זון. אים האָט זיך געדאַכט, אַז כאָטש איליאַ קונדייסעוועט אַ סך, נאָר עפּעס נישט פריילעך, אומישנע. אויפן דאַך פון באָד האָבן זיך ווידער באַוויזן טויבן, זיי זענען, וואָרקענדיק, אַרומגעגאַנגען איבערן שפּיץ דאַך, און איליאַ און פּאַוועל, זיצנדיק באַם קוי־מען, האָבן שעהנווייז הייטער געפלוידערט וועגן עפּעס, אויב זיי האָבן נישט געיאָגט די טויבן. באַלד אין די ערשטע טעג, נאָך דעם זונס אָנקומען, האָט דער פאָטער אים פאַרגעלייגט.

— נו, דערצייל, ווי דו לעבסט; איך האָב דיר אַ סך דער־ציילט, אַצינד איז דיין ריי.

איליאַ האָט זייער קורץ און איילִיק דערציילט עפּעס נישט אינטערעסאַנטס וועגן דעם, ווי די יינגלעך רייצן זיך מיט די לערער.

— נאָכוואָס זיך רייצן?

— ס׳ווערט דערעסן, — האָט דערקלערט איליאַ.

— אַזוי. דאָס איז אַזוי ווי נישט גוט. ס׳איז שווער צו לער־נען זיך.

— ניין, ס׳איז גרינג.

— זאָגסט ליגנט?

— קוקט אָן די באָטעס, — האָט געזאָגט איליאַ, אַ צוק טוענדיק מיט דער פּלייצע, און זיינע אויגן האָבן אויפמערקזאַם געקוקט אין סאָד אַריין, אין הימל אַריין. דער פאָטער האָט גע־פרעגט:

— וואָס זעסטו דאָרט?

— אַ שפּאַרבער.

אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער האָט אָפּגעזיפצט.

— נו, לויף, שפּיל זיך. ס'איז אומעטיק מיט מיר, זעט אויס.

איבערבלייבנדיק אַליין, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אים פלעגט אויך אין דער קינדהייט כמעט שטענדיק זיין אומעטיק אָדער נישט היימלעך, ווען דער פאָטער האָט גערעדט מיט אים.

— די לערערס רייצט ער. מיר איז גאָר אַזוינס אין קאָפּ נישט איינגעפאַלן ווען דער דיאַק האָט מיך געלערנט מיט אַ לעדערנעם קאַנטשיק. פאַר די קינדער איז דאָס לעבן אַזוי ווי וויי-כער געוואָרן.

פאַרן אַוועקפאָר אין שטאָט אריין האָט איליאַ געבעטן — דאָס איז געווען זיין איינציקע בקשה:

— טאַטעשי, דערלויבט פּאַוועלן צו האַלטן די טויבן אויפן בוידעם, אין באָד...

נישט צוזאָגנדיק גאָרנישט, האָט דער פאָטער געזאָגט:

— אַלע, ווענען ס'איז שלעכט, ווערסטו נישט גוט מאַכן.

— הייסט עס — מען מעג, — האָט באַשלאָסן דער זון. — איך וועל אים זאָגן, — ער וועט זיך דערפרייען.

אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער איז געווען באַליידיקט דערפון, וואָס דער זון, זאָרגענדיק זיך וועגן דער פרייד פון עפּעס אַ ביש-טיק ייִנגל, האָט זיך נישט געזאָרגט, נישט געקאָנט אַריינטראָגן אַ ביסל פרייד אין דעם פאָטערס לעבן. און נאָכן אַוועקפאָר פונם זון האָט ער זיך דערפילט באַהערשט פון נאָך אַ מער עקשנותדי-קער אומפריינדשאַפט צום בוכהאַלטערס שטיפזון. אַצינד איז גע-וואָרן אַזוי, אַז ווען אינדערהיים, אין פאַבריק אָדער אין שטאָט, האָט אַרטאַמאָנאָוו זיך פון עפּעס אויפגערעגט, — האָט זיך אין צענטר פון אַלע זיינע אויפרעגונגען אייגנווילִיק אַריינגעריסן דאָס אָפּגעריסענע, שמוציקע ייִנגל און אַזוי ווי איינגעלאַדן אויפצוהע-גען אויף זיינע שיטערע ביינער אַלע בייזע מחשבות, אַלע נישט גוטע געפילן. אָט דאָסדאָזיקע ייִנגל איז ווירקלעך געוואַקסן, ווי שימל, ווי אַן אָומטיקער שאָטן און, דורכשמייענדיק, ווי אַ גנביש שדל, האָט עס אַלץ אָפטער זיך געוואָרפן אין די אויגן.

אין אַ ליבלעכן טאָג פֿון אַלט־ווייבער־זומער איז אַרטאַמאָנאָוו אַ פֿאַרמאַטערטער אין בייזער אַרויסגעגאַנגען אין סאָד אַריין. ס'איז צוגעפֿאַלן דער אָוונט; אינם גרינלעכן הימל, וואָס איז ריין אויסגעקערט געווען דורכן ווינט, אויסגעוואַשן פֿון רעגנס, איז צעגאַנגען, נישט וואַרעמענדיק, די פֿאַרמאַטערטע האַרבסט־זון. אין ווינקל פֿון סאָד האָט זיך געפּאָרעט טיכאָן וויאַלאָוו, צונויפֿשאַרנדיק מיט דער גראַבליע די אַראָפּגעפֿאַלענע בלעטער, אַ טרויעריקער, ווייכער שאָרך איז געשוואומען איבערן סאָד; הינטער די ביימער האָט געוואָרטשעט די פֿאַבריק, אַ גראָער רויך האָט פֿויל געשמירט די דורכזיכטיקייט פֿון דער לופֿט. בכדי נאָר צו זען דעם הויזוועכטער, נישט צו רעדן מיט אים, איז דער באַלעבאָס אַריבערגעגאַנגען אין קייגנאיבערדיקן ווינקל פֿון סאָד, צום באָד־צו; די טיר אַהין איז נישט געווען צוגעמאַכט.

— דערדאָזיקער — איז דאָרטן.

פֿאַרזיכטיק אַ קוק טוענדיק אין דער פֿאָדערשטוב אַריין פֿון באָד, האָט ער דערזען אויף אַ באַנק אין ווינקל, אין שאָטן, דאָס אויסגעצויגענע פֿיגורל פֿון זיין שונא, — אָנגעבויגן דעם קאָפּ, ברייט צערוקט די פֿיס, האָט ער זיך פֿאַרנומען מיט דער קינדישער זינד. דאָס האָט אויף אַ רגע דערפֿרייט אַרטאַמאָנאָוון, נאָר באַלד האָט ער זיך דערמאַנט אָן יאַקאָוון, איליען, און מיט שרעק, מיט עקל, אַרויסגעשיפּעט:

— וואָס טוסטו, דו פֿאַרשיווער?

פּאַוועלס האַנט האָט, אויפֿהערנדיק ציטערן, זיך אַ וואָרף געטון, ער האָט זיך אינגאַנצן משונהדיק אָפּגעריסן פֿון דער באַנק, האָט געעפֿנט דאָס מויל, שטיל אַ קוויטש געטון, צונויפֿגעקאָרטשעט זיך אין אַ קנויל און זיך אַ וואָרף געטון צו די פֿיס פֿון דעם גרויסן מענטש, — אַרטאַמאַנאָוו האָט מיט פֿאַרגעניגן אים אַ קלאַפּ געטון מיטן רעכטן פֿיס אין דער ברוסט אַריין; דאָס ייִנגל האָט אַן אָכץ געטון, שוואַך אַרויסגעמרוטשעט, זיך איבערגעקערט אויף דער זייט.

ס'איז געווען אַ מאָמענט, ווען אַרטאַמאָנאָוון האָט זיך געדאַכט, אַז מיטן דאָזיקן שטורך פֿון זיין פֿוס האָט ער אַראָפּגע־

וואָרפן פון זיין נשמה עפּעס אַזעלכע ברודיקע לאַכעס, אַ משא, וואָס האָט אים דערעסן. נאָר אין דער פאָלגנדער מינוט האָט ער, געבנדיק אַ בליק אַרויס אין סאָד אַריין, זיך צוגעהערט, ער האָט פאַרמאַכט די טיר און, איינבויגנדיק זיך, געזאָגט נישט הויך:

— נו, שטיי אויף, לאָמיר גיין!

דאָס ייִנגל איז געלעגן, אַרויסגעוואָרפן איין האַנט פאָרויס, די אַנדערע צוגעקוועטשט מיט דער קני, איין פוס זיינער האָט זיך אויסגעוויזן אַ סך קורצער פון צווייטן, ער איז אַזוי ווי אומבאַמערקט צוגעקראָכן צו פּיאַטרן און די אויסגעצויגענע האַנט זיינע איז געווען נישט נאַטירלעך, שרעקלעך לאַנג. אַ וואַקל טוענדיק זיך, האָט אַרטאַמאָנאָוו זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט בײַ דער טיר־ראָם, האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און מיט דער פּאַטשעוועקע אָפּגעווישט דעם שטערן, וואָס איז ראַפּטום פול געוואָרן מיט שווייס.

— שטיי אויף, איך וועל קיינעם נישט זאָגן, — האָט ער געזאָגט שטילערהייט, שוין פאַרשטייענדיק, אַז ער האָט דערהרגעט דאָס ייִנגל, זעענדיק, אַז פון אונטער זיין באַק, דער צוגעדריקטער צו דער פּאָדלאָגע, ציט זיך שלענגלענדיק אַ פּאַסמע טונקל בלוט.

— כ׳האָב דערהרגעט, — האָט אין געדאַנק אַרויסגעזאָגט פּיאָטר. דאָס נישט אויסטערלישע, קורצע וואָרט האָט געקלונגען פאַרטויבנדיק. אַרטאַמאָנאָוו האָט אַריינגערוקט דאָס היטל אין דער קעשענע פון קאַפטן, האָט זיך איבערגעצלמט, טעמפּ קוקנדיק אויף דעם קליינטשיקן תּרעומותדיק צונויפגעקאָרטשעטן קערפּער; דערשראָקן האָט אין אים געקלאַפּט אַ נישט כיטרער געדאַנק.

— כ׳וועל זאָגן, אַז אומגערן. כ׳האָב אים מיט דער טיר אַ קלאַפּ געטון. מיט דער טיר. די טיר איז — אַ שווערע.

ער האָט זיך אויסגעדרייט און שווער זיך צוגעזעצט אויף דער באַנק, — הינטער אים איז געשטאַנען טיכאָן מיטן בעזעם אין די הענט, האָט געקוקט מיט שיטערע אויגן אויף ניקאָנאָוון

און אין ישוב הדעת געקראַצט די פֿאַרשטיינערטע קינבאַקן זייַנע.

— אַט, — האָט הויך אָנגעהויבן אַרטאַמאָנאָוו, אָנהאַלטנדיק זיך מיט די הענט באַם ראַנד פֿון דער באַנק, נאָר טיכאָן האָט, אַ שאָקל געבנדיק מיטן קאָפּ, אים איבערגעשלאָגן.

— אַ שוואַך ייִנגל, נישט פֿלינק. וויפֿיל מאָל איך האָב אים געמוסרט — קריך נישט:

— וואָס? — האָט מיט שרעק, נאָר אויך מיט האָפֿנונג געפֿרעגט פּיאָטר.

— ווערסט זיך צעמזיקן, זאָג איך. און דו, פּיאָטר איליטש, האָסט אים געוואָרנט, געדענקסט? איטלעכע תּאווה פֿאָדערט פֿלינקייט. ער איז אין חלשות, צי וואָס?

אַראָפּזעצנדיק זיך אויף די שפּיץ-פֿינגער, האָט דער וועכטער אַרומגעטאַפּט פּאַוועלס האַנט. דעם האַלז, האָט אָנגערירט מיטן פֿינגער די באַק, און, אָפּווישנדיק דעם פֿינגער אָן פֿאַרטוך, אַ רייַב טוענדיק מיט אים, גלייַך ווי ער וואָלט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, האָט ער געזאָגט:

— מעגלעך, — ער איז אינגאַנצן אַוועקגעקומען. אַ צעפֿוילטער געווען, ער האָט דען געדאַרפֿט אַ סך?

גערעדט האָט טיכאָן רויִק, זיך באַוועגט פּאַמעלעך און איז אינגאַנצן געווען אַזעלכער, ווי תּמיד, נאָר דער באַלעבאָס האָט אים נישט געגלייבט און געוואַרט אויף עפּעס דראָענדיקע, פֿאַראורטיילנדיקע ווערטער. פֿונדעסטוועגן, אַ קוק טוענדיק אויפֿן סופּיט, אינם אויסגעשניטענעם קוואַדראַט, הערנדיק דאָס וואָרקען פֿון די טויבן, האָט טיכאָן ווידער אָנגעהויבן רעדן רויִק און פּשוט:

— ער איז אויף דער טיר געקראָכן; איין פֿוס שטעלט ער אויף דער באַנק, דעם אַנדערן אויף דער זאַוויאַסע פֿון דער טיר, נאָכדעם אויף איר אינדערהייך, פֿון דאָרטן כאַפּט ער זיך אָן מיט די הענט באַם ראַנד און ציט זיך אַרויף אויף די הענט. און די הענטלעך הענגען אָן כּוח, מילא, האָט ער זיך טאַקע אָפּגע-

ריסן, און, הפּנים אין ווינקל פון דער טיר מיטן הארץ געטראָפן.

— איך האָב דאָס נישט געזעען, — האָט געזאָגט פּיאָטר. דאָס געפיל פון זעלבספאַרהיטונג האָט אים אונטערגעזאָגט שנעלע השערות:

— ער זאָגט ליגנט? ער נאַרט אַריין? ער שטעלט מיר אַ כאַפּשטייגל, וויל מיך נעמען אין די הענט אַריין? אָדער ער האָט אײַנדעראמתן זיך נישט אָנגעשטויסן, דער שוטה?

דאָס לעצטע איז געווען וואַרשיינלעכער. טיכאָן האָט זיך געהאַלטן נאַריש; אַ שאָקל געבנדיק מיטן קאָפּ, אַזויווי אַ קלאָפּ טוענדיק עמעצן מיטן שטערן, האָט ער אַ זיפץ געטון:

— עך, אַ ווערמל! און נאָכוואָס לעבן גאָר אַזעלכע? כ'וועל גיין, כ'וועל זאָגן דער מוטער. דער שטיפפאָטער וועט, אסור, נישט שטאַרק זיך מצער זיין, דאָס ייִנגל איז אים געווען איבעריק.

אַרטאַמאָנאָוו האָט זייער פאַרדעכטיק זיך איינגעהערט אין הויזוועכטערס ווערטער, באַמיענדיק זיך אויפצוכאַפּן אין זיי די פאַלשקייט, נאָר טיכאָן האָט גערעדט, ווי שטענדיק, מיטן טאָן פון אַ מענטש, וואָס אים איז פרעמד נייגיריקייט.

— טשוּ! — האָט ער געזאָגט, אַ ריר טוענדיק מיט די ברעמען, צוהערנדיק זיך: ערגעץ-וואו אויפן הויף האָט אַ פרוי געשריגן:

— פּאַשקאַ! פּאַשקאַ-אַ...

טיכאָן האָט אַ גלעט געטון די קינבאַק.

— נאַדיר גאָר אַ פּאַשקאַ! גרייט צו די טרערן...

— ניין, — ער איז אַ נאַר, — האָט באַשלאָסן אַרטאַמאָנאָוו און, אַרויסשלעפּנדיק פון קעשענע דאָס היטל, איז ער אַוועקגעגאַנגען אין סאָד אַריין, אויפמערקזאַם באַקוקנדיק דעם צעבראָכענעם דאַשעק.

צוויי-דריי וואָכן האָט ער דורכגעלעבט, פילנדיק, אַז איך אים גייט אַרום, צעשאָקלט אים אַ כוואַליע פון פינצטערן פחד, דראָענדיק טאָג-טעגלעך מיט אַ ניי, אומבאַקאַנט אומגליק. אָט

מעט זיך באַלד עפענען די טיר, ס'וועט אַריינקריכן טיכאָן און זאָגן:

— נו, איך ווייס, נאַטירלעך...

נאָר אויסערלעך איז אַלץ געגאַנגען גוט; אַלע האָבן זיך פאַרהאַלטן צום ייִנגלס טויט געשעפטלעך און איינפאַך, אובערטעניקע דער געוואוינהייט צו געווינען קינדער און באַגראָבן. ניקאַנאָוו האָט אַרומגעבונדן זיין געלן האַלז מיט אַ נייעם, שוואַרצן קראַוואַט און אויף זיין אָפּגעוואַשענעם פנים האָט זיך באַוויזן אַ באַשיידענע חשיבות, גלייך ווי ער וואָלט באַקומען אַ באַלוינונג, וועלכע ער האָט שוין לאַנג פאַרדינט. די מוטער פון דערהרגעטן, אַ הויכע, אַ מאָגערע, מיט אַ פערדיש פנים, האָט שווייגנד, אָן טרערן, זיך געאיילט מקבר צו זיין דעם זון, — אַזוי האָט זיך געדאַכט אַרטאַמאָנאָוון; זי האָט אַלץ־איינײנעם פאַרריכט דעם ווייסן וועב אין צוקאָפּנס פון דער טרומנע, איבערגערוקט דאָס קרענצל אויפן בלאָען שטערן פונם מת, פאָרזיכטיק אַריינגעקוועטשט מיט די פינגער די נייע רויטלעכע קאָפּיקעס, וואָס האָבן צוגעדעקט זיינע אויגן און עפּעס אַזוי משונהדיק שנעל זיך געצלמט. פיאָטר האָט באַמערקט, אַז די האַנט באַ איר איז אַזוי שטאַרק איינגעמידט, אַז באַ דער הזכרה האָט די מוטער צוויי מאָל נישט געקאָנט אויפהייבן די האַנט, — זי פּרוווט אויפהייבן, און די האַנט פאַלט אַראָפּ; ווי אַ צעבראָכענע.

יאָ, פון דער זייט איז אַלץ אַריבער גלאַטיק; די ניקאַנאָווס האָבן אפילו מיט ניין מאָס רייד, און דערעסנדיק געדאַנקט פאַר דער שטיצע אויף דער לוויה, כאָטש אַרטאַמאָנאָוו, מורא האָבנדיק צו דערוועקן מיט איבעריקער מילדקייט אַ חשד באַ טיכאָנען, האָט געגעבן נישט קיין סך. אים האָט זיך פאָרט נישט געגלייבט, אַז דער הויזוועכטער איז אַזוי נאַריש, ווי ער האָט זיך געוויזן דאָרט, אין באָד. שוין דאָס צווייטע מאָל רוקט דאָס באָד אַרויס דעמדאָזיקן מענטש אויפן ערשטן אָרט, אַלץ טיפער אים אַריינדריקנדיק אין פיאָטרס לעבן. דאָס איז — מאָדנע און אומהיימלעך. אַרטאַמאָנאָוו האָט אפילו געקלערט, אַז דאָס באָד באַדאַרף מען אונטערצינדן אָדער צעוואַרפן, צעזעגן אויף האָלץ, אגב איז עס שוין אַלט

און ס'פוילט. מען דאַרף אויסבויען אַן אַנדערס און אויף אַן אַנ־דער אָרט.

אויפמערקזאַם באַאָבאַכטנדיק טיכאָנען, האָט ער געזעען, אַז דער הויזוועכטער לעבט אַלץ אַזוי, ווי עפּעס אָן חשק, אויס גע־באַד און אַקייגן זיין ווילן; אַלץ אַזוי קנאַפּרעדעוודיק; מיט די אַרבעטער איז ער גראָב, ווי אַ פּאָליציאַנט, זיי האָבן אים נישט ליב; צו די פּויערטעס באַציט ער זיך מיט עקל און גראָב, נאָר מיט נאַטאַליען רעדט ער עפּעס אַזוי באַזונדער, גלייך זי איז נישט קיין באַלעבאָסטע, נאָר זיינס אַ קרובהטע, אַ מומע אָדער אַן על־טערע שוועסטער.

— וואָס ביסטו עפּעס אַזוי ליבּלעך מיט טיכאָנען? — האָט ער זיך נישט איינמאָל נאָכגעפרעגט, דאָס ווייב האָט געענט־פערט:

— ער האָט זיך זייער צוגעבונדן צו אונז.

ווען דער הויזוועכטער וואָלט געהאַט פריינד, וואָלט געגאַנ־גען ערגעץ־וואו, — וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז ער איז אַ סעקטאַנט; פאַר די לעצטע יאָרן האָבן זיך באַוויזן אַ סך פאַרשי־דענע סעקטאַנטן. נאָר קיין גוטע ברידער איז בא טיכאָנען, אַ חוץ סעראַפימען דעם טשעסלאַר, נישט געווען, ער פלעגט גערן באַ־זוכן די קירכע, האָט געדאַוונט פרום, נאָר שטענדיק עפּעס נישט שיין עפנענדיק דאָס מויל, אַזוי ווי וועלנדיק אַ געשריי טון. צייטנ־ווייז האָט אַרטאַמאָנאָוו, אַ קוק געבנדיק אין דעם הויזוועכטערס צאַנקענדיקע אויגן, זיך געכמורעט, אים האָט זיך געדאַכט, אַז אין דידאָזיקע שיטערע אויגן איז פאַרבאָרגן אַ דראָונג, ער האָט גע־שפירט אַ פאַרלאַנג אָנצוכאַפּן דעם פויער באַם קאָלנער, אים אַ טרייסל צו טון:

— נו, זאָג!

נאָר טיכאָנס אַפּלען זענען צעגאַנגען, האָבן זיך צעפלאָסן און די פאַרשטייגערטע רויקייט פון זיין בייניק פּנים האָט דער־שטיקט פיאָטרס אומרו. ווען אַנטאָן דער גולם האָט געלעבט, פלעגט ער נישט זעלטן פאַרברענגען אין וועכטערס שטיבל אָדער אין די

אונטן זיצן מיט אים באָם טויער אויף דער באַנק און טיכאָן פלעגט אויספרעגן דעם משוגענעם:

— דו פלאַפּל נישט סתם אין דער וועלט אריין, דו גיב אַ טראַכט און דערקלער: קויאַטיר — איז ווער?

— קאַיאַמאַס, — האָט פריידיק אַרויסגעקוויטשעט אַנטאָן און אויפגעזוונגען:

— קירישטוס אויפגעשטאַנען תחית המתים...

— שוטיי!

— די קיביטקע פאַרלוירן אַ ראָד...

— וואָס פאַרלאַנגסטו פון אים? — האָט געפרעגט אַרטאַמאַנאָוו מיט אַ פאַרדראָס, וואָס איז געווען פאַר אים אומפאַרשטענדלעך.

— אַז ער זאָל אויסטייטשן די נישט מענטשלעכע ווערטער.

— דאָס איז דאָך — ווערטער פון אַ נאַר.

— אַ נאַר דאַרף אויך צו האָבן זיין פאַרשטאַנד, — האָט נאַריש געזאָגט טיכאָן.

בכלל איז נישט כדאי געווען מיט אים צו רעדן. איינמאָל אין אַ שלאָפלאָזער, וואַיענדיקער נאַכט, האָט אַרטאַמאַנאָוו דערפילט, אַז ער איז נישט בכוח צו טראָגן די טויטע משא אויף דער נשמה און, אויפוועקנדיק דאָס ווייב, איר געזאָגט וועגן דעם פאַל מיטן יינגל ניקאָנאָוו. נאַטאַליע האָט אים אויסגעהערט, שווייגנד פינטלענדיק מיט די פאַרשלאָפענע אויגן, און געזאָגט מיט אַ גענייץ:

— און איך פאַרגעס חלומות.

נאָר פלוצלינג האָט זי זיך אַ כאַפּ געטון:

— אָך, כ'האָב מורא. אַז יאשאַ זאָל זיך צומאָל נישט פאַרגעמען מיט דעם!

— מיט וואָס? — האָט פאַרוואונדערט געפרעגט דער מאַן, נאָר ווען זי האָט אים ממשותדיק דערקלערט פאַרוואָס זי האָט מורא, האָט ער אַ קלער געטון, מיט פאַרדראָס, צופנדיק זיך באָם אויער:

— בחנם גערעז'ט.

אין דערדאָזיקער נאַכט, אונטערן שאַרך און פייף פון דעם שניי־שטורם, האָט ער, צוזאַמען מיטן אויסגעטיפטן באַוואוסטזיין פון זיין איינזאַמקייט, נאָך צוגעטראַכט עפּעס, וואָס האָט באַלויכטן און דערקלערט דעם מאָרד: ער האָט דערהרגעט אַ פאַרדאָרבן יינגל, אַ געפערלעכן חבר פאַר איליען, אויס דער שטאַרקער ליב־שאַפט זיינער צום זון, אויס דער מורא וועגן אים. דאָס האָט אַריינגעטראָגן אין דער פינצטערער שנאה צום יינגל גיקאַנאָוו אַ פאַרשטענדלעכע סיבה, דאָס האָט אַ ביסעלע לייכטער געמאַכט. אָבער ס'האָט זיך געוואָלט אינגאַנצן באַפרייען זיך פון דערדאָזי־קער משא, אַרויפלייגן זי אויף עמעצנס אַנדערע פּלייצעס. ער האָט איינגעלאַדן דעם פּאָפּ גליעב, האָבנדיק בדעה אויסצורעדן זיך פאַר אים מכוח דער אומגעוויינלעכער זינד נישט בעת דער קאָמוניע, אין דער צייט פון מתוודה זיין זיך פון געוויינלעכע זינד.

דער מאָגערער, הויכפּלייציקער פּאָפּ איז געקומען אינאָוונט, האָט שטיל זיך אָוועקגעזעצט אין אַ ווינקל; ער האָט שטענדיק פאַררוקט דעם לאַנגן קערפּער זיינעם אין די ווינקלען, ווו ס'איז טונקלער, ענגער; ער האָט אַזוי ווי זיך באַהאַלטן פון בושה. זיין פיגור אין דער אַלטער, טונקעלער סוטאַנע האָט זיך כמעט צו־נויפגעגאָסן מיט דער שוואַרצער לעדער פון פאָטעל, אויפן טונ־קעלן פאָן האָט מאַט זיך אָנגעזעצן בלויז דער פלעק פון זיין פנים; ווי גלאָז־שטויב האָבן געבלישטשעט אויף די האָר פון די שלייפן טראָפּנס פון צעגאַנגענעם שניי, און ווי תמיד האָט ער פאַרקוועטשט די שיטערע, נאָר לאַנגע באָרד זיינע אין דער בייני־קער פויסט.

נאָר אַנטשליסנדיק זיך אָנצוהייבן דעם שמועס פון עיקר, האָט אַרטאַמאָנאָוו אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם, ווי שנעל ס'ווערט קאַליע דאָס פאָלק, ווי ס'רעגט אויף מיט דער פוילקייט, מיט דער שכרות, אויסגעלאַסנקייט; צו רעדן וועגן דעם איז געוואָרן לאַנג־ווייליק, ער איז פאַרשוויגן געוואָרן, שפּרייזנדיק איבערן צימער. דעמאָלט האָבן פון ווינקל אַ פלייץ געטון דעם פּאָפּס רייד, וואָס זענען זייער ענלעך געווען צו אַ באַקלאָגן זיך.

— קיינער זאָרגט זיך נישט וועגן פאָלק, דאָס פאָלק אַליין ווידער איז נישט געוואוינט, קאָן זיך נישט זאָרגן וועגן זיך. די געבילדעטע מענטשן... איבריקנס, — איך וועל נישט טאַדלען, און מיר האָבן דערצו נאָך ווינציק געבילדעטע מענטשן. און זיי לעבן זיך נישט איין, ווייסט איר, אין דעם געוויינלעכן לעבן, אין דעם פאָלקס־לעבן. הגם זיי ווילן אַ סך, אָבער — נישט דעם עיקר. זיי ציט צו מרידה, און דערפון נעמען זיך די רדיפות אויף זיי פון דער מאַכט. און אין אַלגעמיין שטעלט זיך עפּעס גאָרנישט איין בײַ אונז. אָט בלויז איין שטימע הערט זיך אַלץ העכער אין דעם פאַרהאַוועטן טומל, זי איז געווענדט צום וועלט־געוויסן און שטרעבט מעכטיק אויפצוּוועקן עס, דאָס איז די שטים פון אַ געוויסן גראַף טאָלסטאָי, אַ פילאָזאָף און אַ ליטעראַט. דאָס איז אַ העכסט מערקווירדיקער מענטש, זיין שפּראַך איז דרייסט ביז עזות, נאָר אַזוי ווי... דאָ ווערט, זעט איר, אָנגערירט די פּראַוואָסלאַווע קירכע...

ער האָט לאַנג דערציילט וועגן ליעוו טאָלסטאָי און כאָטש דאָס איז געווען נישט אינגאַנצן פאַרשטענדלעך אַרטאַמאָנאָוון, פונדעסטוועגן האָט דאָס זיפצנדיקע קול פון פּאָפּ, אַרויספליסנדיק פון דער טונקלקייט ווי אַ שטיל טייכל און מאָלנדיק די כמעט לעגענדאַרישע פיגור פון דעם אומגעוויינלעכן מענטש, אַוועקגעפירט אַרטאַמאָנאָוון פון זיך אַליין. נישט פאַרגעסנדיק וועגן דעם, נאָכוואָס ער האָט איינגעלאַדן דעם גלח, האָט פּיאָטר ביסלעכווייז זיך אונטערגעגעבן דעם געפיל פון רחמנות צו אים. ער האָט געוואוּסט, אַז די אָרעמע לייט פון שטאָט קוקן אויף גליעבן ווי אויף אַ גאָטס־געבענטשטן דערפאַר, וואָס דערדאָזיקער פּאָפּ איז נישט גיריק, איז מיט אַלעמען ליבלעך, ריכט אָפּ גוט אין קירכע און באַזונדער רירנד איז ער מספּיד די טויטע. דאָס אַלץ האָט אַרטאַמאָנאָוו געהאַלטן פאַר נאַטירלעך, — אַזוי דאַרף טאַקע זיין אַ פּאָפּ. זיין סימפּאַטיע צום גלח איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער אַלגעמיינער אומליבשאַפט פון דער שטאָטישער גלחימשאַפט און די שענסטע מענטשן צו גליעבן. אָבער דער גייסטיקער פּאַסטוך דאַרף זיין שטרענג, ער איז מחויב צו וויסן און רעדן אומגעוויינ־

לעכע, דורכדריגגענדיקע רייד, איז מחויב צו דערוועקן פחד פאַר דער זינד, עקל צו דער זינד. אַרטאַמאַנאָוו האָט געוואוסט, אַז אַזאַ קראַפט פאַרמאָגט נישט גליעב און, הערנדיק זיינע נישט זיכערע רייד, וואָס האָבן זיך געוואַקלט, הפנים מורא האָבנדיק צו באַליי־דיקן עמעצן, האָט ער פלוצלינג געזאָגט:

— איך האָב דיך, פאָטער גליעב, מטריח געווען צוליב דעם, כּדי מודיע צו זיין: איך וועל היי־יאָר זיך צו דער קאָמוניע נישט צוגרייטן.

— פאַרוואָס זשע עפּעס? — האָט פאַרטראַכט געפרעגט דער פּאָפּ און, נישט דערוואַרטנדיק זיך קיין תשובה, געזאָגט: — איר זענט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אייגענעם געוויסן.

אַרטאַמאַנאָוון האָט זיך אויסגעוויזן, אַז גליעב האָט אַרויס־געבראַכט דידאָזיקע ווערטער פּונקט אַזוי אָן האַרץ, ווי ס'רעדט דער הויזוועכטער טיכאָן. מחמת זיין אָרעמקייט, האָט דער פּאָפּ נישט געטראָגן קיין קאַלאָשן, פון זיינע שווערע, פויערישע שטיוול זענען אָנגערונען קאַלוזשעס פון צעגאַנגענעם שניי, ער האָט גע־שאַרט מיט די זוילן אין די קאַלוזשעס און אַלץ גערעדט זיך באַ־קלאָגנדיק, נאָר נישט טאַדלענדיק:

— קוקסט אויף דעם, וואָס קומט פאָר, איז בלויז איין טרייסט פאַרהאַן: דאָס רשעות פון לעבן, אויסוואַקסנדיק, זאַמלט זיך צו־נויף איינעם, אַזוי ווי דערויף, אַז ס'זאָל גרינגער זיין בייצוקו־מען זיין כּוח. איך האָב תּמיד אַזוי באַאָבאַכטעט: ס'באַוויזט זיך אַ קליין קערנדל פון שלעכטס און נאָכדעם וויקלט זיך אויף אים אַרויף ווי אויף אַ שפּינדל אַ פאָדעם, ס'וואַקסט אָן אַלץ מער און מער שלעכטס. דאָס צעזייעטע בייצוקומען — איז שווער, דאָס פאַ־רייניקטע אָבער איז מעגלעך אָפּצוהאַקן אויף אַמאָל מיט דער שווערד פון גערעכטיקייט...

דידאָזיקע ווערטער זענען פאַרבליבן אין אַרטאַמאַנאָווס זכרון, ער האָט אין זיי דערהערט אַ שטיקל טרייסט; דאָס קערנדל — איז פאַוועל, צו אים פלעגן זיך דאָך צונויפלויפן אַלע פינצטערע מחשבות, ער האָט זיי צוגעצויגן. און ווידער האָט ער אין דאָזיקן מאָמענט אַ טראַכט געטון, אַז אַ געוויס חלק פון זיין זינד דאַרף

מען על פּי יושר אַוועקטראָגן אויפֿן זונס חשבון. מיט פאַרלייכטערונג אָפּזיפצנדיק, האָט ער איינגעלאַדן דעם פּאָפּ צו דער טיי.

אין עסצימער איז געווען ליכטיק, היימלעך, די וואַרעמע לופט איז דאָ אָנגעזעטיקט געווען מיט געשמאַקע ריחות; אויפֿן טיש האָט גוטמוטיק, אַרויסלאָזנדיק די פּאַרע, געזאָטן דער סאַמאָוואַר; די שוויגער, זיצנדיק אין פאָטעל, האָט אָנגענעם געזונגען דעם פּיריעריקן אייניקל:

— די הייליקע מאָלאָניע
האָט מתּנות צעטיילט:
דעם אַפּאָסטאָל פּיאָטרן —
זומערדיקע היץ;
דעם צדיק ניקאָלאַ —
אויף ימים, טייכן פרייהייט;
און אליהו הנביא —
אַ גאָלדענעם שפּיז...

— ס'איז אַפּיקורסיש, — האָט געזאָגט דער פּאָפּ, צוזעצנדיק זיך צום טיש, און שולדיק אַ שמייכל געטון.

אין שלאָפצימער האָט דאָס ווייב געזאָגט פּיאָטרן:

— אַלעקסיי איז צוריקגעקומען, כ'האָב אים געזען. ער ווערט אַלץ מער משוגע אויף מאָסקווע. אָך, איך האָב מורא...

זומער האָבן אויף נאַטאַליעס ווייסן האַלז און אויף איר ראָזן, גלאַטיקן פּנים זיך באַוויזן עפּעס אַזעלכע רויטע שפּרענקעלעך; קליינטשיקע, ווי דראָבנע שפּילקעלעך, האָבן זיי איר פונדעסטוועגן געשטערט און צוויי מאָל אין דער וואָך, פאַרן שלאָף, האָט זי פלייסיק איינגעריבן אין דער הויט פון די באַקן אַ שמירעכץ פון האָניק-קאָליר. מיט דערדאָזיקער אַרבעט האָט זי זיך פאַרנומען, זיצנדיק פאַרן שפּיגל, באַוועגנדיק מיט די נאַקעטע עלנבויגנס; אונטערן העמד האָבן זיך שווער געוויגט די באַלעמס פון אירע ברוסטן. פּיאָטר איז געלעגן אין בעט, פאַרוואָרפן די

הענט אונטערן קאָפּ, מיט דער באָרד אין סופיט אַריין, האָט פון דער זייט געקוקט אויפן ווייב און געפונען, אַז זי איז ענלעך צו עפּעס אַ מאַשין, און פון איר שמירעכץ שפּירט זיך געקאָכטע סטערפּיש. ווען נאַטאַליע האָט, אָפּזאָגנדיק די תּפילה מיט אַן אי־בערצייגנדיקן פליסטער, זיך געלייגט אין בעט אַריין און, אויס דער ערלעכער געוואוינהייט פונם געזונטן קערפּער, זיך פאָרגע־לייגט דעם מאַן, האָט ער זיך געמאַכט שלאָפנדיק.

— אַ קערנדל, — האָט ער געטראַכט. — אָט בין איך — דאָס שפּינדל. איך דריי זיך. און ווער שפּינט? טיכאָן האָט גע־זאָגט: דער מענטש שפּינט אַ פאָדעם, און דער טייוול וועבט אויס גראָבע לייוונט. סאַראַ נאַרישע מאָרדע!

צעבלאָזן דורך אַלעקסייען, איז דאָס געשעפט זיך אַלץ ברייטער פונאַנדערגעקראָכן איבער די זאַמדיקע בערג אַרום טייך; זיי האָבן אָנגעוואוירן זייער גאָלדיקע באַפאַרבונג, ס'איז פאַרשוואונדן דער זילבערדיקער גלאַנץ פון די געשפּריצטע שטיינער, ס'זענען פאַרלאָשן געוואָרן די שאַרפע פונקען פונם קוואַרץ, דאָס זאַמד האָט זיך איינגעטרעטן. מיט יעדן יאָר האָט אַלץ מיט מער שפּע אין די פרילינגס זיך צעוואַקסן און העלער געגרינט ווילד גראָז, אויף די שטעגן האָבן שוין די וועג־געוויקסן איינגעקאָרטשעט זייערע בלעטער; דער לעפּעך האָט צעהאָנגען גרויסע אויערן; אַרום דער פאַבריק האָבן ביימער פון סאָד געזייעט בליעכץ; די האַרבסט־בלעטער, פוילנדיק, האָבן געגיטיקט דאָס פעט־ווערנדיקע זאַמד, די פאַבריק האָט אַלץ העכער געוואָרטשעט, געעטעמט מיט צרות און דאגות; ס'האָבן געזשווזשעט הונדערטער שפּינדלעך, ס'האָבן געפּליסטערט די וואַרשטאַטן; אַ גאַנצן טאָג זיך שטיקנדיק האָבן געסאַפּעט די מאַשינען; איבער דער פאַבריק האָט אָן אויפהער זיך געדרייט אַ פאַרדאגהטער אַרבעטס־רעש; — ס'איז אָנגענעם געווען צו אָנערקענען זיך פאַר באַלעבאָס פון דעם אַלעמען אפילו ביז באַוואונדערונג, ביז שטאָלצקייט אָנגענעם.

נאָר צייטנווייז, און אַלץ אָפטער, האָט אַרטאַמאָנאָוון באַ־הערשט אַ פאַרמאַטערטקייט, ער האָט דערמאַנט זיינע קינדישע יאָרן, דאָס דאָרף, דאָס רויקע, ריינע טייכל ראַט, די ברייטע ווייט־

קייטן, דאָס פּראָסטע לעבן פון די פויערן. דעמאָלט האָט ער גע־
פילט, אַז אים האָבן אַרומגעכאַפּט און דרייען אומגעזעענע, איינ־
געקלאַמערטע הענט, דער גאַנצטאָגיקער גערויש, אָנפולנדיק דעם
קאָפּ, האָט נישט איבערגעלאָזט אין אים קיין אָרט פאַר קיין שום
אַנדערע געדאַנקען, אַ חוץ יענע, וואָס זענען אַרויסגערופן געוואָרן
דורך דעם געשעפט, דער געקרייזלטער רויך פון פאַבריק־קוי־
מען האָט פינצטער געמאַכט אַלץ אַרום מיט עצבות און אומעט.

אין די שעהן און טעג פון אַזאַ שטימונג זענען אים באַזונ־
דער נישט געפעלן די אַרבעטער; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי
ווערן אַלץ שוואַכער, ווערן אָן די פויערישע אויסהאַלטעוודיקייט,
האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט ווייבערישער דענערווירטקייט, זענען
איבער דער מאָס באַליידיקלעך, ענטפערן אָפּ עזותדיק. אין זיי
האָט זיך באַוויזן עפּעס נישט באַלעבאַטישמעסיקס, נישט שטאַנדהאַפּ־
טיקס; פריער, אין פאָטערס צייטן, האָבן זיי געלעבט משפחהדי־
קער, אחדותדיקער, האָבן נישט אַזוי פיל געשפּורט, האָבן נישט
אַזוי פיל הולטייעט, און אַציננד האָט זיך אַלץ צונויפגעפלאָנטערט,
די מענטשן זענען געוואָרן גערייבענער און אפילו אַזוי ווי קלי־
גער, נאָר נאַכלעסיקער צו דער אַרבעט, זענען געוואָרן ערגער
איינער צום אַנדערן און קוקן זיך צו, מעסטן זיך צו נישט גוט,
זשוליקעוואַטע, באַזונדער וואוילעריש און נישט דרך־ארצדיק איז
געוואָרן דאָס ייִנגוואַרג, די ייִנגע האָט די פאַבריק זייער שנעל
געמאַכט לגמרי נישט ענלעך צו פויערן.

דעם הייצער וואָלקאָוו האָט מען געמוזט אַוועקשיקן אין דער
גובערניע, אין אַ משוגעים־הויז אַריין, און איינגאַנצן מיט אַ פינף
יאָר צוריק איז ער, אַ בשרף, אַ שייגער, אַ געזונטער, אָנגעקומען
אין פאַבריק אַריין צוזאַמען מיט אַ וואוילער פרוי. אין אַ יאָר
אַרום האָט דאָס ווייב געבומען הוליען, ער האָט זי אָנגעהויבן
שלאָגן, זי אַרייגעטריבן אין שווינדזיכט, און אָט זענען זיי ביידע
שוין נישטאָ. אַזעלכע פאַלן פון שנעלן אומקומען פון מענטשן
האָט אַרטאַמאָנאָוו באַאַרבעט נישט ווינציק. אין משך פון פינף יאָר
איז געווען פיר רציחות, צוויי — בעת געשלעג, איינע — פון
בקמה, און איין באַיאָרטער וועבער האָט דערשטאָכן אַ מיידל, אַ

טרייבערין, פון אייפערזיכט. אָפט האָט מען זיך געשלאָגן ביז בלוט ביז ערנסטע וואונדן.

אויף אַלעקסייען האָט דאָס אַלץ, קענטיק, נישט געווירקט. דער ברודער איז געוואָרן אַלץ אומפאַרשטענדלעכער. אין אים איז געווען עפּעס געמיינזאַמס מיטן ציכטיקן, ליצנותדיקן טשעסלאַר סעראַפים, וועלכער האָט אַלץ איינס הייטער און פלינק געמאַכט פאַר די קינדער פייפערלעך, ביקסלעך, און צונויפגעקלאַפּט פאַר זייערטוועגן טרומנעס. אַלעקסייס שפּאַרבער-אויגן האָבן געבליצט מיט זיכערקייט, אַז אַלץ גייט גוט און אַז אַלץ וועט להבא אויך גיין גוט. ער האָט שוין געהאַט דריי קברים אויף דעם בית-עלמין; אַנטשלאָסן, איינגעקלאַמערט האָט געלעבט בלויז מיראָן, נישט שיין, אויף גיך צונויפגעשטעלט פון לאַנגע ביינער און ביינדלעך, אײנגאַנצן אַ סקריפּענדיקער, אַ קנאַקעדיקער. ער האָט געהאַט אַ טבע צו ברעכן זיך די פינגער אַזוי, אַז זיי האָבן הויך געקנאַקט. באַ דרייצען יאָר האָט ער שוין געטראָגן ברילן, דאָס האָט אַ ביסל קירצער געמאַכט זיין לאַנגע, פויגלשע נאָז און טונקעלער גע־מאַכט די נישט אָנגענעמע העלע אויגן. געגאַנגען איז דאָסדאָזיקע יינגל שטענדיק מיט עפּעס אַ ביכל אין דער האַנט, פאַרקלעמע־דיק דערין אַזוי דעם פינגער, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס ביכל איז צוגעוואַקסן צו אים. מיטן פאָטער און דער מוטער האָט ער גערעדט ווי אַ גלייכער, ער האָט זאָגאַר נישט גערעדט, נאָר געחקירהט. זיי איז דאָס געפעלן, און פּיאָטר, וועלכער האָט גע־פּילט אויף באַשטימט, אַז דער פלימעניק האָט אים נישט ליב, האָט אים געצאָלט מיטן זעלבן.

אין הויז באַ אַלעקסייען איז אַלץ געווען נישט ערנסט, נישט סאָליד; אַרטאַמאָנאָוו, דער עלטערער, האָט געזען, אַז דער חילוק צווישן זיין לעבן און דעם לעבן פונם ברודער איז כמעט אַזאַ, ווי צווישן אַ מאָנאַסטיר און אַ מאַרק-באַלאַגאַן. אין שטאָט איז באַ אַלעקסייען און זיין פרוי קיין גוטע פריינד נישט געווען, נאָר אין זיינע ענגע צימערן, ענלעכע צו קאַמערן, אָנגע־פּאַקטע מיט אויסגעריבענע, אַלטע חפצים האָבן זיך צונויפגענומען אין די יום-טובים מענטשן פון צווייפלהאַפטן ווערט: דער גאָלד־

צייניקער פאַבריק־דאָקטאָר יאַקאָווליעוו, אַ מענטש אָן אָפּלאַכנדי־קער און אַ שלעכטער; דער שרייעוודיקער טעכניקער קאַפּטיעוו, אַ שכור און קאָרטנשפּילער; מיראָנס לערער, אַ סטודענט, וועלכן די פּאָליציי האָט פאַרווערט צו לערנען זיך; זיין קורצנאָזיקע פרוי האָט גערויסערט פּאַפּיראָסן, געשפּילט אויף אַ גיטאַרע. ס׳פלעגט קומען נאָך עפּעס אַזאַ ערבֿ־רבֿ, זיי אַלע האָבן גלייך געזידלט די פּאָפּן, די רעגירונגס־מאַכט און ס׳איז געווען קלאָר, אַז יעדער פון זיי האַלט זיך פאַר דעם גרעסטן חכם. אַרטאַמאָנאָוו האָט מיט זיין גאַנץ ווּעזן געפילט, אַז דאָס זענען נישט קיין אמתדיקע מענטשן און נישט פאַרשטאַנען, נאָכוואָס זענען זיי נייטיק דעם ברודער, דעם באַלעבאָס פון אַ העלפט פון אַ גרויס, וויכטיק געשעפט? הערנדיק זייערע געשרייען, האָט ער זיך דערמאַנט די טענה פון פּאָפּ.

— זיי ווילן אַ סך, נאָר — נישט דעם עיקר.

ער האָט זיך נישט געפרעגט, — און וואָס און וואו איז דער עיקר, ער האָט געוואוסט, אַז דער עיקר — איז אין גע־שעפט.

דעם ברודערס ליבלינג איז, משמעות, געווען דער שרייעוו־דיקער ציגיינער קאַפּטיעוו; ער האָט אויסגעזעען שכור, אין אים איז געווען עפּעס אָבגרייפנדיקס און אפילו אַזויווי קלוגס, ער האָט גערעדט אָפּטער פון אַלע:

— דאָס אַלץ איז נאַרישקייטן, פילאָזאָפיע! אינדוסטריע, — אָט! די טעכניק.

אָבער אין קאַפּטיעוון האָט אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער חושד געווען עפּעס אפּיקורסישס, צעשטערנדיקס.

— אַ געפערלעכער בחור, — האָט ער געזאָגט דעם ברו־דער; אַלעקסיי האָט זיך פאַרוואונדערט:

— קאַפּטיעוו? וואָס רעדסטו? דאָס איז — אַ כוואַט, אַ געשעפטסמאַן, אַרבעט ווי אַן אָקס, אַ חכם! הלוואי אַזעלכע טויזנ־טער!

און, שמייכלענדיק, האָט ער צוגעגעבן:

— ווען איך וואָלט געהאַט אַ טאָכטער, וואָלט איך אים חתונה געמאַכט, וואָלט אים מיט אַ קייט צוגעשמידט צום געשעפט!

פּיאָטר איז אומעטיק אַוועקגעגאַנגען פון אים. אויב מען האָט נישט געשפּילט אין קאָרטן, איז ער אייננאַם געזעסן אין זיין באַליבטן פאָטעל, דעם ברייטן און ווייכן, ווי אַ בעט; ער האָט געקוקט אויף די מענטשן, צופנדיק זיך באַ אַן אויער און, נישט וועלנדיק איינשטימען מיט קיינעם פון זיי, וואָלט ער חשק געהאַט זיך צו שפּאַרן מיט אַלע; שפּאַרן זיך האָט זיך געוואָלט נישט נאָר דערפאַר, וואָס די אַלע מענטשן האָבן אים נישט באַמערקט, אים, דעם עלטסטן אין געשעפט, נאָר נאָך איבער אַנדערע טעמים. דידאָזיקע טעמים זענען אים נישט קלאָר געווען, רעדן האָט ער נישט געקאָנט און נאָר זעלטן-ווען האָט ער, אָנגעבלאָזן, אַריינגעשטעלט זיין וואָרט:

— מיר האָט דאָ איינמאָל דער פּאָפּ גליעב דערציילט וועגן איין גראַף...

קאַפּיטאָן איז באַלד אָנגעפאַלן אויף אים:

— וואָס פאַר אַ שייכות האָט איר צו דעם גראַף, איר, איר? דערדאָזיקער גראַף — איז דער לעצטער זיפּץ פון דאָרפישן רוסלאַנד...

ער האָט געשריגן און אַן דרך-ארץ געטייטלט מיטן פינגער אין פּיאָטרס זייט אַריין, און אַלע איבעריקע, הערנדיק אים, זענען אויך געוואָרן ענלעך צו ציגיינער, צו דעם היימלאָזן, וואָגלענדיקן שבט.

— מילבן, — האָט געקלערט פּיאָטר. אומזיסטיקע פּרעסער.

איינמאָל האָט ער געזאָגט:

— דאָס ווערט נישט ריכטיק געזאָגט: „געשעפט איז נישט קיין בער, ס'וועט אין וואַלד אַריין נישט אַוועקגיין". געשעפט איז טאַקע — אַ בער, אַוועקגיין האָט עס נישט נאָכוואָס, עס האָט אַרומגעכאַפּט מיט די לאַפּעס און האַלט. דאָס געשעפט איז איבערן מענטש — דער האַר.

— אַט, אַט, — האָט אָנגעהויבן האַווקען קאַפּיטאָ. — וואָ חעט מען אַזוי זאָגן? ווער וועט אַזוי זאָגן? אַט איז זי — די געפּאַר!

און דער ברודער אַלעקסיי האָט שפּאָטיש געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר, דו באָרגסט דיר באַ טיכאָנען געדאַנקען?

דאָס האָט זייער צעבייזערט פּיאָטרן און אינדערהיים האָט ער געזאָגט דעם ווייב:

— דו גיב אַכטונג אויף יעלענען, אַרום איר דרייט זיך דערדאָזיקער ציגיינער קאַפּיטיעוו. אַלעקסיי שאָקלט זיך אַלץ צו. יעלענאַ — איז אַ פעטער ביסן, נישט פאַר אַזעלכע. זוך איר אויס אַ חתן.

— וואָסערע חתנים זענען דאָ פאַר איר, — האָט פאַרזאָרגט געזאָגט נאַטאַליע. — חתנים דאַרף מען זוכן אין גובערניע, און ס'איז נאָך צו פרי:

— זע — ס'זאָל נישט זיין, צו שפּעט, — האָט אַ שמייכל געטון אַרטאַמאָנאָוו און דערמיט אַרויסגערופן באַם ווייב אַ שפּילעוודיק געלעכטערל.

ווען אים פלעגט זיך איינגעבן אַרויסצוגליטשן זיך אויף אַ קורצער צייט, אַרויסצורייסן זיך פון דעם באַגרעניצן קרייז פון זאָרג וועגן דער פאַבריק, האָט ער ווידער זיך געפילט אין אַ געדיכטן נעפּל פון אומפאַריינדשאַפט צו מענטשן, אומצופרידנקייט מיט זיך. ס'איז נאָר געווען איין ליכטיקער פלעק — די ליבשאַפט צום זון, נאָר אויך דידאָזיקע ליבשאַפט איז באַדעקט געוואָרן מיטן שאָטן פון ייִנגל ניקאָנאָוו אָדער איז אַוועקגעגאַנגען טיפער אונטער דער משא פון מאָרד. קוקנדיק אויף איליען, האָט ער טיילמאָל געשפּירט אַ באַדערפעניש צו זאָגן אים:

— אַט וואָס איך האָב געטון אויס דער מורא פאַר דיר.

זיין פאַרשטאַנד איז געווען נישט גענוג כיטרע און ער האָט נישט געקענט פאַרבאָרגן, אַז די מורא איז דערשינען איין סעקונדע פאַרן מאָרד, נאָר פּיאָטר האָט פאַרשטאַנען, אַז בלויז דידאָזיקע מורא קאָן אים כאָטש אַ ביסל פאַרענטפערן, פונדעסט-

וועגן האָט ער, רעדנדיק מיט איליען, מורא געהאַט אפילו צו דערמאַנען וועגן דעם חבר, ער האָט מורא געהאַט צופעליק זיך אַרויסצוכאַפּן וועגן מאָרד, וועלכן ער האָט געוואָלט צוגעבן אַן אויסזעען פון אַ העלדנטאַט.

ער האָט געזעען, אַז דער זון וואַקסט שנעל, נאָר עפּעס אַזויווי אין אַ זייט אַוועק. איליאַ איז געוואָרן רויקער, האָט גערעדט מיט דער מוטער ווייכער, נישט גערייצט יאַקאָוון, וועלכער איז שוין אויך געווען אַ גימנאַזיסט, האָט ליב געהאַט צו פּאָרען זיך מיט דער ייִנגערער שוועסטער טאַטיאַנע, פון יעלענען האָט ער נישט באַליידיקענד אָפּגעלאַכט, נאָר אין אַלעם, וואָס ער האָט גערעדט, איז קענטיק געווען אַ מין פאַרזאָרגטע, פאַרטראַכטע קילקייט. פּאַוועל ניקאָנאָוון האָט פאַרביטן מיראָן, די ברידער האָבן זיך כמעט נישט צעשיידט, אומאויסשעפּלעך רעדנדיק וועגן עפּעס, מאַכנדיק מיט די הענט; זיי האָבן צוזאַמען זיך געלערנט, געלייענט, זיצנדיק אין סאָד, אין האַלטאַנקע. איליאַ האָט כמעט נישט געלעבט אינדערהיים, ער באַווייזט זיך בלויז אינדערפרי באַ דער טיי און גייט אַוועק אין שטאָט אריין צום פעטער אָדער אין וואַלד אַריין מיט מיראָנען און מיטן צעפּאַטלטן שוואַרצן גאָריצוויעטאָוון; דאָסדאָזיקע קלייגע, רירעוודיקע ייִנגל, וואָס איז געווען שטעכנדיק, ווי לעפעך, איז געגאַנגען מיט אַ זיגזאַגישן גאַנג, זיינע אויגן זענען געווען שפּאָטיש אויסגעדרייטע און האָבן אויסגעוויזן שיקלדיקע.

— אַחשק דו האָסט עס!צו חברן זיך מיט אַזאַ זשידיאָנאָק*) — האָט מיט עקל באַמערקט נאַטאַליע דעם זון, פּיאָטר אַרטאַמאָנאָוו האָט דערזעען, אַז דעם זונס דין געצייכנטע ברעמען האָבן אַ ציטער געטון.

— זשידיאָנאָק — איז אַ באַליידיקענד וואָרט, מאַמעשי. איר

---

*) זשידיאָניאָק — אַ יידעלע; דער אויסדרוק „זשיד“ (ייד) אין רוסיש — איז אַ פאַראַכטנדיקער. אויף „ייד“ ווערט באַנוצט אין רוסיש דאָס וואָרט יעוורײ. — איבערז.

ווייסט, אַז אַלעקסאַנדער איז אַ פּלימעניק פון אונזער גלח גליעב, איז ער אַלזאָ — אַ רוס. אין גימנאַזיע איז ער — דער ערשטער...

די מוטער האָט מיט פאַראַכטונג אַ פאָרסקע געטון:

— זשידעס קריכן אומעטום אויפן ערשטן אָרט.

— פונוואַנען ווייסט איר דאָס? — האָט נישט אָפּגעטרעטן דער זון. — אין שטאָט — זענען די פיר יידן אַלע אביונים, אַ חוץ דעם אַפּטייקער.

— איבער פּערציק יידעלעך. און אין וואָרגאָראָד זענען אומעטום זשידעס און אויפן יאַריד...

מיט אַ באַליידיקנדיקער האַרטנעקיקייט האָט איליאַ איבערגעחזרט:

— זשידעס — איז אַ שלעכט וואָרט.

דעמאָלט האָט די מוטער, אַ קלאַפּ געבנדיק מיטן טיי-לעפעלע איבערן טעלערל, אַ געשריי געטון רויטווערנדיק:

— אָבער, וואָס לערנסטו מיך? איך ווייס נישט, צי וואָס, זי אַזוי מען דאַרף רעדן? איך בין נישט קיין בלינדע, איך זע, ווי דערדאָזיקער לעקט זיך צו צו יעדן, אפילו צו טיכאָנען, לאַשטשעט זיך: זאָג איך טאַקע: ליבלעך ווי אַ זשידיאָנאָק, און די ליבלעכע זענען געפערלעך. איך האָב געקענט אַזאַ איינעם, אַ ליבלעכן...

— גענוג! — האָט שטרענג זיך אַריינגעמישט פיאָטר, און זי, גרייט אַרויסצוּווייבען, האָט זיך געקלאָגט:

— וואָס איז דאָס, פיאָטר איליטש, מען טאָר שוין קיין וואָרט נישט זאָגן!

איליאַ איז פאַרשוויגן געוואָרן, אָנכמורענדיק זיך, און די מוטער האָט אים דערמאָנט:

— איך האָב דאָך דיך געוואונען.

— כ'דאַנק, — האָט געזאָגט איליאַ, אַוועקרוקנדיק דאָס ליידיקע שעלעכל; דער פאָטער האָט פון דער זייט אַ קוק געטון אויף אים און אַ שמייכל געטון, געבנדיק זיך אַ צופּ באַם אויער.

אין דעם ווייבס ווערטער האָט ער געהערט, אַז זי האָט מורא פאַרן זון, ווי זי האָט פריער מורא געהאַט פאַר די נאַפּטלאָמפּן, און נישט לאַנג אָנגעהויבן מורא האָבן פאַר דעם קאַווע־אימבריק, אָלגאַס מתּנה; איר האָט זיך געדאַכט, אַז דער אימבריק וועט אויפרייסן. עפּעס נאָענטס צו דער קאָמישער מורא פון דער מוטער פאַרן זון האָט געשפּירט פאַר אים דער פאָטער גופא. נישט פאַרשטענדלעך איז געווען דאָס בחורל, אַלע דריי זענען זיי אומפאַרשטענדלעך. וואָס פאַר אַ פאַרוויילונג האָבן זיי געפונען אין דעם הויזוועכטער טיכאָן? אין די אָוונטן פלעגן זיי זיצן מיט אים באַם טויער און אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער האָט געהערט די מוסרנדיקע שטימע פון דעם פויער.

— אַזוי איז עס. ווינציקער טראָגסטו — לייכטער גייסטו. און וואָס שייך די ווינקלען — גלייבט נישט. וואָסערע ווינקלען זענען אין הימל? קיין ווענט איז אין הימל נישטאָ.

די גימנאַזיסטן האָבן הויך געלאַכט. איליאַ האָט געלאַכט סאַמעטנדיק, נישט קיין סך, מיראָן — טרוקן און בייסיק, גאָרי־צוויעטאָוו ווידער — נישט אַזוי גערן ווי זיי און שטענדיק פלעגט ער אַנטשלאָסן איבעררייסן זיין געלעכטער, איינרעדנדיק די פריינד:

— וואַרט צו, דאָס איז לחלוטין נישט קאָמיש!

און ווידער האָבן פויל געהודזשעט טיכאָנס טונקעלע רייד:

— איר, קינדער, לערנט זיך מער וועגן מענטש, ווי אַזוי ס׳איז בכלל דער מענטש? ווער צוואָס איז באַשטימט, וואָסער מזל ס׳איז וועמען באַשערט. אָט וועגן וואָס מען דאַרף כּשוף לערנען. ווערטער דעסגלייכן. ווערטער דאַרף מען פאַרשטיין דורך און דורך. אָט זאָגט איר אָפּט, — דער אָדער יענער — נאַטירלעך, אַ קיילעכיק ווערטל. און קיין סוף איז פאָרט נישטאָ צו גאָרנישט.

און טיכאָן ווילאָוו האָט איבערגעחזרט דאָס, באַקאַנטע פיאָטרן, ווערטל זיינס.

— דער מענטש שפּינט אַ פֿאָדעם, דער טייוול — וועבט אויס די לייוונט, אָט אַזוי גייט עס אָן אַ סוף.

דאָס יונגוואַרג האָט געלאַכט, אויך טיכאָן האָט געדיכט געלאַכט, געזיפֿצט:

— עך, איר, געלערנטע, נישט דערבאַקענע!

אין דער טונקלקייט פֿון אָוונט זענען די קינדער געוואָרן קלענער, אומבאַדייטנדער, ווי זיי זענען געווען בײַ דער שײַן פֿון דער זון, און טיכאָן איז געוואָרן גרעבער, איז זיך צעקראָכן און גערעדט נאָך נאַרישער, ווי בײַטאָג.

איליעס שמועסן מיט טיכאָנען, פֿאַרשטאַרקנדיק אַרטאַמאָנאָווס אומפֿריינדשאַפֿט צום הויזוועכטער, האָבן אַרויסגערופֿן בײַ אים עפּעס אַזאַ אומרויִקייט. ער פֿלעגט פֿרעגן דעם זון:

— מיט וואָס אינטערעסירט דיך טיכאָן?

— אַן אינטערעסאַנטער מענטש.

— אָבער מיט וואָס אינטערעסאַנט? מיט זײַן נאַרישקייט?

איליאַ האָט שטיל געענטפֿערט:

— נאַרישקייט דאַרף מען אויך פֿאַרשטיין.

דער ענטפֿער איז געפֿעלן געוואָרן אַרטאַמאָנאָוון.

— דאָס איז אמת: מיר לעבן אין נאַרישקייט.

נאָר ער האָט זיך גלייך איבערגעלייגט:

— טיכאָנס ווערטער!

דער זון האָט אין אים געוועקט עפּעס אַזוינע באַזונדערע האָפֿנונגען; ווען ער האָט געזען, ווי איליאַ, אַרײַנגערוקט די הענט אין די קעשענעס, שטיל צופֿייפֿנדיק, קוקט אַרויס פֿון פֿענצטער אין הויף אַרײַן צו די אַרבעטער, אָדער נישט אײַלנדיק זיך, גייט ער איבער דער וועבערײַ, אָדער מיט אַ לײַכטן טריט, אין דאָרף אַרײַן, האָט דער פֿאָטער באַפֿרידיקט געקלערט:

— ער וועט זײַן אַ טיכטיקער באַלעבאָס. און אין געשעפֿט וועט ער אַרײַנגיין נישט אַזוי, ווי איך: מען האָט אײַנגעשפּאַנט און — איך פֿיר!

ס'איז געווען אַ ביסל באַליידיקנד, וואָס דער זון איז נישט באַרעדעוודיק, און אויב ער רעדט, איז קורץ, אַזוי ווי מיט לכתחילה אָפּגעקלערטע ווערטער, זיי וועקן נישט קיין פאַרלאַנג פאָרצוזעצן דעם שמועס.

— ער איז אַ ביסעלע אַ טרוקענער, — האָט געטראַכט אַרטאַמאַנאָוו און זיך געטרייסט דערמיט, וואָס איליאַ איז נישט ענלעך צו דעם שרייעוודיקן פלאַפּלער גאָריצוויעטאָוון, צו דעם פלעגמאַטישן, פוילן יאַקאָוון און צו מיראָנען, וועלכער האָט גיך, אָנווערנדיק דאָס יוגנטלעכע, גערעדט ביכלמעסיק, איז געוואָרן פאַרריסן און ענלעך צו אַ באַאַמטן, וואָס ווייסט, אַז אויף יעדן פאַל אין לעבן איז פאַראַן אין די ביכער זיין שטרענגער געזעץ.

די פעריען־וואָכן זענען דורכגעלאָפן געוואַלטיק שנעל, און אָט קלייבן זיך שוין די קינדער אָוועקצופאָרן. ס'קומט אַרויס עפּעס אַזוי, אַז נאַטאַליע באַגלייט מיט גוטע עצות יאַקאָוון, און דער פאָטער זאָגט איליען נישט דאָס, וואָס ער וואָלט געוואָלט זאָגן. ס'טייטש, ווי אַזוי וועסטו דען זאָגן, אַז ס'איז אומעטיק צו לעבן אין דער מוקן־כמאַרע פון די איינטאָניקע דאגות וועגן געשעפט? וועגן דעם רעדט מען נישט מיט קליינע ייִנגלעך.

אַרטאַמאַנאָוון דעם עלטערן האָט זיך אַזוי געוואָלט שפּירן עפּעס נישט ענלעכס צו דעם געוויינלעכן, אומפאַרמיידלעכן, ווי שניי, רעגן, בלאָטע, היץ, שטויב, אַז ענדלעך האָט ער געפונען אָדער אויסגעטראַכט עפּעס. אין דעם פאַרוואָרפענעם וואַלדיקן ווינקל פון זיין קרייז האָט אים פאַרכאַפּט אין וועג אַ יונגדיקער שלאַקס־רעגן מיט אַ האָגל, מיט אַ באַטויבנדיק טראַסקעריי פון דונערן און בלאָע אויפרייסן פון די כמאַרעס. איבערן שמאָלן, וואַלדיקן וועג, האָט אומבאַמערקט אין דער פינצטערניש אַ פלייץ געטון אַ שטראָם וואַסער, די ערד אונטער די פיס פון די פערד איז צעשמאָלצן און צעפלאָסן געוואָרן, פאַרגיסנדיק די רעדער פון דער ברישקע ביז די אַקסן. ס'איז אומהיימלעך געווען, ווען אַ בלוי, קאַלט פייער האָט אויף אַ סעקונדע גרויזאַם באַלויכטן דאָס זידן פון דער צעשמאָלצענער ערד, און אויף די זייטן פון וועג זענען פון דעם

נאַסן חושך, דורך דער גלעזערנער נעץ פֿון רעגן, אַרויסגעפֿלויגן, אונטערשפּרינגענדיק פֿון שרעק, שוואַרצעביימער. די אומגעזעענע פֿערד האָבן זיך אָפּגעשטעלט, פֿאַרסקענדיק, כליאָפּטשענדיק מיט די קאָפּעטעס אין וואַסער, דער דיקער קוטשער יאַקים, אַ מילדער מענטש, האָט ליבלעך און נישט דרייסט באַרויקט די פֿערד. דער האָגל, וואָס האָט פֿול געמאַכט דעם וואַלד מיט אַן אייזיקן גערויש, האָט שנעל אויפֿגעהערט, נאָר אים האָט פֿאַרביטן אַ געדיכטער גאָס־רעגן, דראָבנע שמייסנדיק אויף דעם בלעטערוואַרג מיט מיל-מיליאָנען שווערע טראָפּנס, אָנפֿילנדיק די חשכות מיט אַ בייזן געוואָי.

— צו די פּאָפּאָווס דאַרף מען פֿאָרן, — האָט געזאָגט יאַקים.

און אָט — אָנגעטון אין פֿרעמדע מלבושים, איינגעצויגן אין זיי, מורא האָבנדיק זיך אַ ריר צו טון, זיצט אַרטאַמאָנאָוו אין פֿאַרלעגנהייט, אַזויווי אין חלום, באַם טיש, אין אַ וואַרעם צימער, אין אַ טרוקענער, אָנגעמער האַלב טונקלקייט; עס רוישט דער אָפּגעניקלטער סאַמאָוואַר, די טיי גיסט אָן אַ הויכע, דינע פֿרוי, אין אַ טורבאַן פֿון רויטלעכע האָר, אין אַ טונקל, ברייט קלייד. אויף איר בלאַסן געזיכט לייכטן שיין אַ פּאָר גראָע אויגן; מיט אַ ווייך קול האָט זי זייער איינפֿאַך און הכנעהדיק, נישט באַקלאָגנדיק זיך, דערציילט וועגן דעם נישט לאַנגסטיקן טויט פֿונם מאַן, וועגן דעם, אַז זי וויל פֿאַרקויפֿן דאָס גוט און, אַריבערפֿאָרנדיק אין שטאָט אַריין, עפֿנען דאָרטן אַ פּראָגימנאַזיע.

— דאָס האָט מיר אַן עצה געגעבן אייער ברודער, אַן אינטערעסאַנטער מענטש איז ער, אַזאַ לעבעדיקער, אַ זעלבשטענדיקער.

פּיאָטר האָט מיט קנאה אַ כראַקע געטון, צוקוקנדיק זיך צו אַלעם, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט. אין דער יוגנט, אַרומפֿאָרנדיק מיטן פֿאָטער איבער דער גובערניע, פֿלעגט ער אָפֿט זיין אין פּריצישע הייזער, נאָר קיין שום באַזונדערס האָט ער נישט באַמערקט אין זיי, פֿילנדיק בלויז אַ קוויילונג פֿון די מענטשן און די זאַכן, נאָר אין דעם הויז האָט גאָרנישט געקווילט; דאָ אין

געווען עפּעס ליבלעכס און וואָרהאַפטיקס. דער גרויסער לאָמפּ אונטערן מאָטן אַבאַזשור האָט באַגאָסן מיט אַ מילך־שיין דאָס געשיר, דאָס זילבער אויפן טיש און דאָס גלאַטיק צוגעקעמטע, טונקעלע קעפּל פון דעם קליינעם מיידעלע מיטן גרינעם דאַשעק איבער די אויגן; פאַרן מיידעלע איז געלעגן אַ העפט, זי האָט געצייכנט מיט אַ דינעם בליישטיפט און שטיל געמורקעט, נישט שטערנדיק צו הערן די גלייכמעסיקע רייד פון דער מוטער. דאָס צימער איז נישט גרויס, ענג אָנגעשטעלט מיט מעבל, און אַלע חפצים זענען ממש אַריינגעוואַקסן דערין, נאָר איטלעכעס חפץ האָט געלעבט באַזונדער און עפּעס דערציילט וועגן זיך, פונקט אַזוי, ווי די דריי זייער העלע בילדער אויף דער וואַנט. אויפן בילד קייגנאיבער פּיאַטרן איז אַ ווייס, לעגענדאַריש פערד מיט אַ שטאָלץ אויסגעבויגענעם האַלז; זיין גריווע איז אומגעווייִנלעך לאַנג, כמעט ביז דער ערד. אַלץ איז וואונדערלעך געמיטלעך, רויִק; און ממש ווי אַ פּאַרטראַכט ליד, וואָס וואָלט דערגאַנגען פונדערווייטנס, האָט געקלונגען די שיינע שטימע פון דער באַלעבאָסטע. אָט אין אַזאַ אַרומיקייט קאָן מען דורכלעבן דאָס גאַנצע לעבן אָן דאגות, נישט טוענדיק קיין שום שלעכטס; האָבנדיק פאַר אַ ווייב אַזאַ פרוי, קאָן מען זי שעצן, מ׳קאָן רעדן מיט איר וועגן אַלעם.

הינטער דער טיר אויף דער טעראַסע אַרויס, דורכן האַלבראָד פון די פאַרשידנפאַרביקע שויבן, הז׳ט בלוילעך אויפגעריסן אויפגעפלאַקערט דער שוואַרצער הימל, שוין נישט שרעקנדיק דאָס געמיט.

באַגינען איז אַרטאַמאַנאָוו אַוועקגעפאָרן, צאַרט אַוועקפירנדיק אַן איינדרוק פון אַ ליבלעכער רויִקייט, געמיטלעכקייט און כמעט אַ נישט קערפּערלעך בילד פון אַ גראָ־אויגיקער, שטילער פרוי, וואָס האָט איינגעאָרדנט דידאָזיקע געמיטלעכקייט. שווימענדיק אין דער בריטשקע איבער די קאַלוזשעס, וועלכע האָבן אָן שום חילוק אָפּגעשפּיגלט הן דאָס גאָלד פון דער זון, הן די ברודיקע פלעקן פון די דורכן ווינט צעריסענע וואָלקנס, האָט ער מיט טרויער און קנאה געקלערט:

— אַט ווי מען לעבט.

ער האָט איבער עפּעס נישט געזאָגט דעם ווײַב וועגן זײַן באַקאַנטשאַפט און זי פֿאַרבאָרגן פֿון אַלעקסייען; דעריבער איז ער נאָך אין אַ גרעסערער פֿאַרלעגנהייט געקומען אין עטלעכע וואָכן אַרום, ווען, קומענדיק צום ברודער, האָט ער דערזען די פּאַפּאַ־וואַ לעבן אָלגען, אויף דער סאָפע; דער ברודער האָט אים אַ צײַ געטון צו דער סאָפע:

— אַט איז, וויעראַ ניקאָלאַיעוונאַ, מײַן ברודער.

די פֿרוי האָט, שמייכלענדיק, אויסגעשטרעקט די האַנט:

— מיר זענען שוין באַקאַנט.

— ווי אַזוי? — האָט אַלעקסיי פֿאַרוואונדערט אויסגע־שריגן. — ווען איז עס געשען? פֿאַרוואָס זשע האָסטו נישט גע־זאָגט?

אין ברודערס פֿאַרוואונדערונג האָט פּיאָטר דערפֿילט עפּעס נישט גוטס און בײַ אים האָבן אומדערקלערלעך זיך אַ ריר געטון די האָר פֿון דער באָרד; אַ צופּ געבנדיק זיך בײַ דעם אויער, האָט ער געענטפֿערט:

— איך האָב פֿאַרגעסן.

אַלעקסיי האָט, אָן בושה אָנווײַזנדיק אויף אים מיטן פֿינגער, געשריגן:

— זעט, ער איז רויט געוואָרן, האַ? ביין, געשיקט האָסטו געענטפֿערט, קינדעלע! אָבער צי קאָן מען דען אַזאַ דאַמע, דער־זענדיק איינמאָל, פֿאַרגעסן? קוקט — די אויערן בייסן אים, זיי וואַקסן!

די פּאַפּאָוואַ האָט געשמייכלט נישט באַליידיקענד, ליב־לעך.

מען האָט געטרונקען מעד מיט אייז פֿון הויכע, געשליפֿענע באָקאַלן. דעם מעד האָט געבראַכט צו פֿירן דידאָזיקע פֿרוי אָלגען אַלס מתּנה, ער איז געווען גאָלדן, ווי בורשטין, האָט פֿריילעך גע־צוויקט די צונג, האָט אונטערגעזאָגט פּיאָטרן עפּעס זייער וויציקע ווערטער, נאָר ס׳איז נישט געווען וואָס אַרײַנצושטעלן זיי, דער ברודער האָט אומאויפֿהערלעך און אומרויִק געגרעגערט:

— ניין, וויערא ניקאָלאַיעוונאַ, איר איילט זיך נישט צו פאַרקויפן! דאָס דאַרף מען פאַרקויפן אַ ליבהאָבער פון שטילקייט, דאָס איז אַן אָרט פאַר אָפּרו פון דער נשמה. און אונזערער אַ חברה-מאַן — וואָס וועט אייך געבן? קיין ערד איז באַ אייך נישטאָ, וואַלד — ווייניק, און דערצו — שלעכטער, און וועמען, אַ חוץ האָן, איז דען דאָ נייטיק אַ וואַלד?

פיאָטר האָט געזאָגט:

— מען דאַרף נישט פאַרקויפן.

— פאַרוואָס זשע? — האָט געפרעגט די פאַפּאַווע, פאַרטראַכט צוזיפנדיק דעם מעד, און האָט אַ זיפץ געטון: — מען דאַרף.

פיאָטרן איז נישט געפעלן געוואָרן דער אויפמערקזאַמער בליק פון אַלגען און דער ציטער פון אירע ליפּן, וועלכע האָבן באַהאַלטן אַ שמייכל: ער האָט מרה-שחורהדיק אויסגעטרונקען דעם מעד און צוגעשוויגן אַלס אַ תשובה דער פאַפּאַווע.

אין צוויי טעג אַרום האָט אַלעקסיי, אין קאָנטאָר, אים דערקלערט, אַז ער האָט בדעה צו געבן דער פאַפּאַווע געלט אונטער אַ משכון פון די זאַכן.

— דאָס גוט. אירס איז ווערט — זיבן קערבלעך, נאָר אָט די זאַכן...

— גיב נישט, — האָט פיאָטר געזאָגט זייער אַנטשלאָסן.

— פאַרוואָס? אויף זאַכן בין איך אַ מבין...

— גיב נישט.

— אָבער — פאַרוואָס? — האָט געשריגן אַלעקסיי. — איך וועל מיט אַ מבין אַהינפאָרן צו איר, מיט אַן אָפּשאַצער.

פיאָטר האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין; אים האָט זיך זייער געוואָלט אָפּרעדן דעם ברודער פון דערדאָזיקער אָפּעראַציע, נאָר, נישט געפינענדיק קיין אַרגומענטן, האָט ער פלוצלינג פאָרגעלייגט:

— אויף דער העלפט וועלן מיר געבן; דו — אַ העלפט און איך.

אַלעקסיי האָט אַ שמייכל געטון, אויפמערקזאַם קוקנדיק אויף אים.

— הייבסט אָן זיך נאַריש צו מאַכן?

— הייסט עס — געקומען די צייט, — האָט געזאָגט פּיאָטער אַרטאַמאַנאָוו הויך.

— זע: ס'איז נישט דער ריכטיקער אַדרעס! — האָט געוואָרנט דער ברודער. — איך האָב געפּרווט, זי איז — אַ פיש.

נאָך צוויי, דריי באַגעגענישן מיט דער פּאַפּאָווע האָט אַרטאַמאַנאָוו זיך אויסגעלערנט צו טרוימען וועגן איר. ער האָט געפּרווט אַוועקשטעלן דידאָזיקע פרוי לעבן זיך און באַלד איז אויסגעוואַקסן פאַר אים אַ לעבן אַ וואונדערלעך גרינגס, אַ געמיטלעכס, אַ שיינס אויסערלעך, אַן אָנגענעם שטילס אינערלעך, אָן דער נויטוודנדיקייט צו זעען טאָג־טעגלעך די צענדליקער נאַכלעסיקע צום געשעפט מענטשן; שטענדיק פון עפּעס נישט צופרידענע, האָבן זיי דאָ געשריגן, זיך באַקלאָגט, דאָ געזאָגט ליגנט, באַמיענדיק זיך אָפּצונאַרן, זייער צודרינגלעכע חניפה האָט געקרייצט פּונקט אַזוי, ווי די שלעכט פאַרבאָרגענע, נאָר אַלץ וואַקסנדיקע פיינדלעכקייט. לייכט האָט זיך באַשאַפן אַ בילד פון אַ לעבן מחוץ פון דעם אַלעם, ווייט פון דעם רויטן, פעטן פאַבריק־שפּין, וואָס האָט אַלץ ברייטער געוועבט זיין שפּינוועבס. ער האָט זיך געזעען אַלס עפּעס, ענלעך צו אַ גרויסן קאָטער; ס'איז אים וואַרעם און רויק, די באַלעבאָסטע האָט אים ליב, לאַשטשעט אים גערן און מער דאַרף ער גאָרנישט. גאָרנישט.

פונקט ווי פריער איז דאָס ייִנגל ניקאָנאָוו געווען פאַר אים דער פינצטערער פּונקט, אַרום וועלכן ס'האָט זיך צונויפגעקליבן אַלעס שווערע און אומאָנגענעמע, אַזוי איז אַצינד די פּאַפּאָווע געוואָרן אַ מאַגניס, וועלכער האָט צוגעצויגן צו זיך בלויז גוטע, לייכטע מחשבות און כוונות. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן מיטן ברודער און עפּעס אַ כיטרען זקן אין ברילן אין דעם גוט פון דער

פּאָפּאָווא, כדי אָפּצושאַצן איר פאַרמעגן. נאָר, ווען אַלעקסיי האָט, נאָכן דורכפירן דעם ענין מיט פאַרמשכּונגען, זיך אומגעקערט, האָט ער פאַרגעלייגט:

— פאַרקויף מיר דעם משכּנות-אַקט.

אַלעקסיי איז געווען נישט אָנגענעם פאַרחידושט, האָט לאַנג איסגעפרעגט, נאָכוואָס דאָס איז אים נייטיק און ענדלעך געזאָגט:

— הער, מיר לוינט דאָס נישט! איך האָב איר נישט צו באַצאָלן, די זאַכן זענען ווערט אַ סך, פאַרשטייסט? גיב אַ הוספה.

זיי זענען דורכגעקומען צווישן זיך; אַלעקסיי, האָט קרומענדיק זיך, געזאָגט:

— כ'ווינטש הצלחה. די זאַך — איז אַ גוטע.

— פּיאָטר האָט אויך געפילט, אַז ער האָט געטון אַ גוטע זאַך: ער האָט זיך איינגעשאַפּט אַ ווינקל צום אָפּרוען.

— דיין ווייב — נישט זאָגן? — האָט געפרעגט דער ברודער, אַ ווונק טוענדיק.

— ס'איז דיין זאַך.

פאַרשנד קוקנדיק אויף אים, האָט אַלעקסיי געזאָגט:

— אָלגאַ קלערט, אַז דו האָסט זיך פאַרליבט אין דער פּאָפּאָווא.

— און דאָס איז — מיין זאַך.

— ריטשע נישט. אין דידאָזיקע, אין אונזערע יאָרן, שטיפּן זמעט אַלע מענער. גראָב און בייז האָט געענטפערט פּיאָטר:

— דו טשעפּע מיך נישט...

אינגיכן האָט ער דערפילט, אַז אָלגאַ האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אים נאָך פריינדלעכער, נאָר עפּעס אַזוי רחמנותדיק; דאָס איז אים נישט געפעלן געוואָרן און, אין אַ הארבסטיקן אָוונט, זיצנדיק באַ איר, האָט ער געפרעגט:

— דיר האָט דער מאַן עפּעס געמוטלט מכּוח דער פּאָפּאָווא?

אַ גלעט טוענדיק מיט דער לייכטער האַנט איבער זיין האָ-
ריקע האַנט, האָט זי געזאָגט:

— ווייטער פון מיר וועט עס נישט גיין.

— עס וועט אין ערגעץ נישט גיין, — האָט געזאָגט אַרטאַ-
מאַנאָוו, אַ קלאַפּ געבנדיק מיט דער פויסט איבער דער קני. דאָס
וועט – מיט מיר פאַרבלייבן. דו וועסט דאָס נישט פאַרשטיין. דו
זאָג איר גאָרנישט.

ער האָט נישט געשפּירט קיין תאווה צו דער פּאָפּאָווע, אין
די דמיונות איז זי דערשינען פאַר אים נישט אַלס פרוי, וועלכע
ער האָט באַגערט, נאָר אַלס נייטווענדיקע דערגאַנצונג צו אַ ליב-
לעכער היימלעכקייט פון אַ הויז, צו אַ שיין, ערלעך לעבן. נאָר
ווען דידאָזיקע פרוי איז אַריבערגעפאָרן אין שטאָט אַריין, האָט
ער אָנגעהויבן אָפּט זי צו זעען באַ אַלעקסייען און פּלוצלינג זיך
דערפילט דערשיטערט. ער האָט זי דערזעען איינמאָל באַם בעט
פון דער קראַנק געוואָרענער אָלגען; פאַרקאַשערט די אַרבל פון
דער יאַקע, איינגעבויגן איבער אַ שיסל, האָט זי איינגענעצט מיט
וואַסער דאָס האַנטוך, האָט זיך איינגעבויגן, אויסגעבויגן; אַ ווונ-
דערלעך שלאַנקע, מיט נישט גרויסע מיידלשע ברוסטן, איז זי
געווען אומגעווייגלעך רייצנד. שטייענדיק באַ דעם טיר, האָט אַר-
טאַמאַנאָוו שווייגנד, פון אונטערן שטערן אַפּער געקוקט אויף אירע
ווייסע הענט, אויף די שטייפע לידקעס פון די פיס, אויף די היפטן,
ווערנדיק פּלוצלינג אַרומגעהילט פון אַ ווייסן נעפל פון באַגער
אַזוי ווייט, אַז ער האָט דערפילט אירע הענט אַרום זיין קערפּער.
קוים ענטפערנדיק אויף איר באַגריסונג, איז ער, מיט אָנשטרענגונג
איינבייגנדיק דעם האַלז, צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט
זיך דאָרט אַוועקגעזעצט, אַראָפּלאָזנדיק זיך, פאַרומערט פרעגנ-
דיק:

— וואָס זשע איז עס דיר אָלגאַ? נישט גוט...

דאָס ערשטע מאָל האָט אַ פרוי געווירקט אויף אים אַזוי
מעכטיק און דערשיטערנדיק; ער האָט זיך אַזש דערשראָקן, נעפּל-
האַפּט שפּירנדיק אין דעם עפּעס געפערלעכס, באַדראָענדיקס. אַוועק-

שיקנדיק זיין קוטשער נאָך אַ דאָקטאָר, איז ער באַלד אַוועקגעגאַנגען צופיס אויפן וועג צו דער פאַבריק.

ס'איז געווען ענדע פעברואַר ; דאָס לינדע וועטער האָט געדראָט מיט אַ זאַוויערוכע ; אַ גראָער נעפּל איז געהאָנגען איבער דער ערד, פאַרדעקנדיק דעם הימל, פאַרשטעלנדיק דעם רוים ביז דער גרויס פון אַן איבערגעדרייטער איבער אַרטאַמאָנאָוון שיסל ; פון איר האָט זיך פאַמעלעך געשאָטן אַ פייכטער, קאַלטער שטויב ; שווער אַראָפּפאַלנדיק אויף די האָר פון די וואָנסן, פון דער באָרד, האָט ער געשטערט צו עטעמען. אַרטאַמאָנאָוו, שפּרייזנדיק איבערן ווייכן שניי, האָט זיך געפילט פּונקט אַזוי צעקוועטשט און דערשלאָגן, ווי אין דער נאַכט פון ניקיטאַס פּרווו צו באַגיין זעלבסטמאָרד און אין מאָמענט פון דערהרגענען פאַול ניקאָנאָוון. די ענלעכקייט פון דער שווערקייט פון די בײדע מאָמענטן איז אים קלאָר געווען און נאָך מער געפּעדלעך האָט אים דעריבער אויסגעוויזן דער דריטער. ס'איז קלאָר געווען, אַז ער וועט קיינמאָל נישט קענען מאַכן דידאָזיקע פּריצה פאַר זיין געליבטע. ער האָט שוין אפילו אין דער איצטיקער מינוט געזעען, אַז די ראַפּטום אויפגעפלאַקערטע ציונג צו דער פאַפאָוואַ ברעכט און פאַרטונקלט אין אים עפּעס ליבס, אַריינרוקנדיק דידאָזיקע פרוי אין דער רייע פון געוויינלעכן. ער האָט צו גוט געוואוסט, וואָס ס'איז אַזוינס אַ ווייב און ער האָט נישט געהאַט קיין סיבות צו קלערן, אַז אַ געליבטע קאָן זיין מיט עפּעס אָדער ווי ס'זאָל נישט זיין בעסער פון דער פרוי, וועמענס געזאַלצענע, פליכטלעכע צערטלענישן האָבן אים שוין כמעט נישט אויפגערייצט.

— וואָס דאַרפסטו ? — האָט ער זיך געפרעגט. — ווילסט אָנהייבן לעבן אויסגעלאַסן ? האָסט אַ ווייב.

תמיד, אין מינוטן, ווען אים האָט עפּעס געדראָט, האָט ער געשפּירט אַ געשפּאַנטע שטרעבונג וואָס גיכער אַריבערצושפּריינגען איבער דער סכנה, איבערלאָזן זי הינטער זיך און נישט אומקוקן זיך אויף צוריק. שטיין פאַר עפּעס אַ סכנה איז דאָס אייגענע, וואָס שטיין באַנאַכט אינדערפינצטער אויף שלאַבעריקן פּרילינגס-אייז, איבער אַ גרויסן טייך ; דידאָזיקע שרעק האָט

ער געשפּ[illegible] זייענדיק אַ ייִנגל און מיטן גאַנצן קערפּער זי גע-
דענקט.

שפּעטער מיט עטלעכע טעג, וועלכע ער האָט איבערגעלעבט אין אַ שווערער, טשאַדנדיקער פאַרטעמפּטקייט, איז ער, נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט, גאַנץ באַגינען אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף און האָט דערזעען, אַז דער בייזער הונט טולון ליגט אויפן שניי, אין בלוט; ס'איז נאָך געווען אַזוי טונקל, אַז דאָס בלוט האָט אויסגע-זען שוואַרץ, ווי פעך. ער האָט אַ ריר געטון מיטן פוס דעם האָ-ריקן פגר, טולון האָט אויך אַ ריר געטון מיט דער אויסגעשטשי-רעטער מאָרדע און אַ קוק געטון מיט אַן אַרויסגעזעצט אויג אויף דעם פוס פון מענטש. אויפציטערנדיק, האָט אַרטאַמאָנאָוו געעפנט די נידעריקע טיר פון וועכטער-שטיבל און געפרעגט, שטייענדיק אויף דער שוועל:

— איך, — האָט געזאָגט טיכאָן, האַלטנדיק אַ טעלערל טיי אויף די פינף צעשפּרייטע פינגער.

— נאָכוואָס עפּעס ?

— ער האָט ווידער צעביסן אַ מענטש.

— וועמען ?

— זינאַידען, סעראַפימס טאָכטער.

פאַרקלערנדיק זיך וועגן עפּעס, שווייגנדיק אַ ווײַלע, האָט ער געזאָגט:

— אַ שאָד דער הונט.

— נאַר — ווי דען ? איך האָב אים אויפגעכאָוועט, אָבער ער האָט אויף מיר אויך אָנגעהויבן ריטשען. כאָטש אַ מענטש וועט אויך ווילד ווערן, אויב מען וועט אים אַוועקזעצן אויף אַ קייט. . .

— ריכטיק, — האָט געזאָגט אַרטאַמאָנאָוו און איז אַוועק-געגאַנגען, זייער פעסט צומאַכנדיק די טיר נאָך זיך, קלערנ-דיק:

— טיילמאָל רעדט אפילו דערדאָזיקער אויך פאַרשטאַנ-דיק.

ער איז געשטאַנען אַ ביסל אינמיטן הויף, צוהערנדיק זיך

צום שאַרך און רעש פון דער פאַבריק. אין אַ ווינקל האָט געלויכטן אַ געלער פלעק, — פייער אין פענצטער פון סעראַפימס וואוינונג, וואָס איז געווען צוגעבויט צו דער וואַנט פון פערדשטאַל. אַרטאַמאָנאָוו האָט זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פונם פייער, האָט אַריינגעבליקט אין דער טיר, — זינאַידאַ איז אין בלויזן העמד געזעסן באַם טיש, פאַרן לאָמפּ, צירעווענדיק עפּעס מיט אַ נאָדל; ווען ער איז אַריינגעקומען אין צימער, האָט זי, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, געפרעגט:

— נאָכוואָס האָסטו זיך אומגעקערט?

נאָר אויפהייבנדיק די אויגן, האָט זי אַוועקגעוואָרפן דאָס בייעכץ אויפן טיש אַרויף, איז אויפגעשטאַנען שמייכלענדיק, אויסרופנדיק:

— אוי, גאָט! און איך האָב געמיינט, — דער פאָטער...

— דיך, הער איך, האָט טולון צעביסן?

— און נאָך ווי! — האָט זי ווי רימענדיק זיך געזאָגט און אַוועקשטעלנדיק דעם פוס אויף אַ שטול, אויפגעהויבן דעם פּאָדל פון העמד: — גיט אַ קוק!

אַרטאַמאָנאָוו האָט אַ שנעלן בליק געטון אויף דעם ווייסן פוס, וואָס איז געווען אַרומגעבונדן אונטער דער קני, און איז צוגעגאַנגען האַרט צום מיידל, פרעגנדיק מיט אַ דומפּער שטימע:

— אָבער נאָכוואָס לויפסטו עפּעס אַרום באַנאַכט איבערן הויף? נאָכוואָס, האַ?

פרעגנד אַ קוק טועדיק אין זיין פנים אַריין, האָט זי תיכף מיט פאַרשטענדיש אַ שמייכל געטון, שטאַרק אַ בלאָז געטון דיק אין גלעזל פון לאָמפּ, האָט זי אים פאַרלאָשן און געזאָגט:

— מען דאַרף די טיר פאַרמאַכן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז פיאָטר אַרטאַמאָנאָוו, נישט געאײַלט, געגאַנגען צו דער פאַבריק, אַן אָנגענעם אויסגעליידיקטער; ער האָט זיך געצופּט באַם אויער, געשפּיגן, מיט שטוי-

נונג דערמאַנענדיק זיך די אומפּאַרשעמטקייט פון דער טריי=
בערינס צערטלעכישן און געשמייכלט: אים האָט זיך גע=
דאַכט, אַז ער האָט עמעצן זייער געשיקט אָפּגענאַרט, אָפּגע=
פרייערט.

ער האָט זיך אַריינגעבראָכן אין דעם הולטייִשן לעבן פון
די פאַבריק-מיידלעך, ווי אַ בער צו האָניק. אין אָנהייב האָט דאָס=
דאָזיקע לעבן, איבערשטייגנדיק אַלץ, וואָס ער האָט געהערט וועגן
דעם, איבערראַשט מיט זיין הייסער באַקעטקייט פון ווערטער און
געפילן; אַלץ איז געווען דערין אָפן, אַלץ איז געוויזן געוואָרן מיט
אַרויסרופנדיקער אומפּאַרשעמטקייט. מיט דערדאָזיקער אומפּאַרשעמט=
קייט האָבן געזונגען און געוויינט די לידער, זינאַידאַ און אירע
חברטעס האָבן דאָס אָנגערופן — ליבע און ס'איז געווען דערין
עפּעס שאַרפס, ביטערלעכס, וואָס פאַרשפּורט שטאַרקער פון וויין.

אַרטאַמאָנאָוו האָט געוואוסט, אַז די פאַבריקס-באַאַמטע רופן
דאָס — אַן פערדשטאַל אָנגעשפּאַרטע שטיבל סעראַפּימס — „קאַפּ=
קאַן", און זינאַידען האָבן זיי געגעבן דעם צונאָמען „פלומפּ". דער
טשעסלאַר אַליין האָט גערופן זיין דירה „מאָנאַסטיר". זיצנדיק אויף
דער באַנק, לעבן אויוון, שטענדיק מיט דער ציטרע אויף דעם
אויסגענייטן האַנטוך, איבערגעוואָרפן איבער דעם אַקסל, היינטערן
האַלז, האָט ער, וואוילעריש פאַרוואַרפנדיק דעם געלאָקטן קאָפּ,
שפּילנדיק מיטן ראָזן פנימל, צוגעוואונקען, געשריגן:

— פרייט זיך, מאָנאַשענקעס! דאָס, פיאָטר איליטש, זענען
דאָך מאָנאַכינס, וואָס מייגסטו? זיי דינען געהאַרכזאַם דעם פריי=
לעכן שד, און איך בין בא זיי — אַן אָפּאַט, אַ פּאָפּ אַ שטייגער!
וואַרף אַ רובליק אויף פריילעך לעבן!

באַקומענדיק דאָס געלט, האָט ער עס אַרונטערגערוקט אונ=
טער דער אָנוטשע און לוסטיק געזונגען, צושפּילענדיק אויף דער
ציטרע:

— ס'זיצט אַ פּריצה אין גיהינום,
בעט זי זיך געבראָטן אייז.
טאַפּן זי די צפּאַנע שדים,
מיט אַ קאָט שערע גאָר הייס!

— אַ סך זמרלעך קענטשו, — האָט זיך געוואונדערט דער באַלעבאָס, און דער אַלטיטשקער האָט באַרימעריש געגאַ־דערט:

— אַ זיפּ! איך בין — ווי אַ זיפּ; וואָסער דו ווילסט צוואַה, שיט אַריין אין מיר, וועל איך דיר אַ לידל אויסזיפּן. אַזאַ מענטש בין איך, — אַ זיפּ!

און ער האָט דערציילט:

— מיך האָבן דאָס די פּריצים אויסגעלערנט; ס'זענען גע־ווען אַזוינע מערקווערדיקע הערן קוטוזאָווס און ס'איז געווען דער הער יאַפּושקין, אויך אַ שכּור. ער האָט זיך געמאַכט פאַר אַן אָרעמאַן — אַ כיטראַק! — איז ער געגאַנגען צופּיס מיט אַ קויש אויף די פּלייצעס, מכלומרשט מיט קלייניקייטן געהאַנדלט, און אַליין אַלץ, וואָס ער זעט, הערט, פאַרשרייבט ער. ער האָט געשריבן, געשריבן, און אַוועק — צום קייסער: קוק, זאָגט ער, דיין מאַ־יעסטעט, וועגן וואָס ס'טראַכטן די פּויערן! האָט אַ קוק געטון דער קייסער, איבערגעלייענט די כּתבים, האָט זיך גענומען צום האַרץ און געהייסן געבן די פּויערן פרייהייט, און יאַפּושקינען אַוועק־שטעלן אין מאָסקווע אַ קופּערנעם דענקמאָל, אים אַליין אָבער — נישט טשעפּען, נאָר פאַרשיקן לעבעדיקערהייט קיין סוזדאָל און אים געבן צו טרינקען וויין, וויפיל ער וויל, אויף קאַזיאָנע חשבון. וואָ־רים, זעסטו, יאַפּושקין האָט נאָך אַ סך סודות וועגן פאָלק פאַר־שריבן, נאָר זיי האָבן נישט געטויגט פאַרן קייסער און מען האָט זיי געדאַרפט באַהאַלטן. דאָרטן, אין סוזדאָל, האָט זיך יאַפּושקין אָנגעשכּורט ווי געהרגעט, און די כּתבים האָט מען באַ אים, פאַר־שטייט זיך, אַרויסגעגנבעט.

— דו טשאַקעסט עפּעס, — האָט באַמערקט אַרטאַמאָ־נאָוו.

— אַ חוץ מיידלעך, האָב איך קיינמאָל נישט גע־טשאַקעט, דאָס איז נישט מיין פאַך, — האָט געזאָגט דער אַל־טער, און ס'איז שווער געווען צו פאַרשטיין, ווען ער שפּאַסט נישט.

— ס'זאָגט ליגנט דער, וואָס ווייסט דעם אמת, — האָט ער

געגאַדערט, — און איך קאָן נישט ליגנט זאָגן, איך ווייס נישט דעם אמת. דאָסהייסט, וויבאַלד דו ווילסט, וועל איך דיר זאָגן: איך האָב אמת אַ סך געזעען און מיין קופּלעט איז אַזאַ; דער אמת איז אַ נקבה, ער איז שיין, כּל זמן ער איז יינג.

נאָר, נישט וויסנדיק דעם אמת, האָט ער געוואוסט אָן אַ שיעור געשיכטעס וועגן די פּריצים, וועגן זייערע פאַרוויילונגען און אומגליקן, וועגן זייער אכזריות און עשירות און, דערציילנדיק וועגן דעם, האָט ער תמיד צוגעגעבן מיט בולטער באַדויערונג:

— נו, פונדעסטוועגן, איז געקומען זייער סוף! זיי זענען פון פּינטל פון לעבן אַראָפּגעפאָרן, פאַרשטייען זיך אַליין נישט! זיי האָבן זיך אָפּגעריסן...

ער האָט געצייכנט מיטן פינגער אַ קרייז איבער זיין קאָפּ און, שנעל אַראָפּלאָזנדיק די האַנט, האָט ער פּונקט אַזאַ רעדל געצייכנט איבער דער פּאָדלאָגע.

— זיי האָבן צופיל אין שטיפעריי זיך אַריינגעלאָזט! — האָט ער געזאָגט, צווינקענדיק, און געזונגען:

אַמאָל געוועזן זענען הערן,
האָבן זיי געלעבט זיך ברייט,
און פאַרפרעסן אָט די הערן
האָבן טאַטנס אָרימקייט!

סעראַפים האָט דערציילט וועגן גזלנים און מכשפות, וועגן פויערישע בונטן, וועגן פאַטאַלער ליבע, וועגן דעם, ווי אין די נעכט פליען צו אומגעטרייסטע אלמנות פייערדיקע שלאַנגען און וועגן אַלעם האָט ער גערעדט אַזוי שפּאַנענדיק, אַז אפילו די אומרויקע טאָכטער זיינע האָט געהערט די מעשהלעך שווייגנד, מיט אַ פאַרטראַכטער נייגיריקייט פון אַ קינד.

אין זינאַידען האָט אַרטאַמאָנאָוו מיט עקל באַאָבאַכטעט די פאַרייניקונג פון ווילדער אויסגעלאַסנקייט מיט אויסגערעכנטער פּראַקטישקייט. ער האָט זיך נישט איינמאָל דערמאַנט די רכילות

פון פּאַוועל ניקאַנאָוון, די רכילות, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס נביאות.

— פאַרוואָס האָב איך גראָד דידאַזיקע אויסגעקליבן ? — האָט ער זיך געפרעגט. — ס'זענען דאָ שענערע. כ'וועל שיין אויס־זעען, אַז דער זון וועט געוואויר ווערן וועגן איר.

ער האָט אויך באַמערקט, אַז זינאַידאַ און אירע חברטעס באַציען זיך צו זיינע פאַרוויילונגען, אַזויווי צו אַן אומפאַרמיידלע־כער פליכט, ווי זעלבער צו דער דינסט, און צייטנווייז געטראַכט, אַז מיט זייער אומפאַרשעמטקייט נאַרן זיי אויך אָפּ אי זיך, אי נאָך עמעצן. אים האָט איינגיכן אָנגעהויבן אָפּשטויסן פון זינאַידען איר איינגעגעסענע גיריקייט צו געלט, איר שנאָרעריי; דאָס האָט זיך באַ איר שאַרפער אויסגעדריקט, ווי באַ סעראַפימען, וועלכער האָט אויסגעגעבן דאָס געלט אויף זיסן בראָנפן „טענעריף", — ער האָט איבער עפּעס אָנגערופן אים „ריבעלעך־בראָנפן", — אויף זיין באַליבטן קעלבאַס מיט קנאָבל, מאַרמעלאַד און פּוטער־גע־בעקס.

אַרטאַמאָנאָוון איז זייער געפעלן דער גרינגער, לוסטיקער אַלטיטשקער, דער מייסטערהאַפטער אַרבעטער, ער האָט געוווּסט, אַז סעראַפים געפעלט פונקט אַזוי אַלעמען, אין פאַבריק האָט מען אים גערופן — „טרייסטער" און פּיאָטער האָט געזעען, אַז אין דעם צונאָמען איז געווען אמת מער, ווי חוזק, און דער חוזק האָט גע־קלונגען ליבלעך.

נאָך מער אומפאַרשטענדלעך און נישט אָנגענעם איז אים דעריבער געווען סעראַפימס פריינדשאַפט מיט טיכאָנען, טיכאָן ווידער האָט נאָך אַזויווי אומישנע פאַרטיפט אַרטאַמאָנאָווס אומפריינד־שאַפט. דעם טאָג פון וויאַלאָווס נאָמענסטאָג אין צוואָנציקסטן יאָר פון זיין דינען באַ די אַרטאַמאָנאָווס האָט נאַטאַליע באַשלאָסן צו מאַכן אַלס אַ באַזונדער פייערלעכן טאָג פאַרן בעל־שמחה.

— גיב נאָר אַ קלער, סאַראַ זעלטענער מענטש דאָס איז ! — האָט זי געזאָגט דעם מאַן. — אין פאַרלויף פון צוואָנציק יאָר האָבן מיר קיין שום שלעכטס נישט געזעען פון אים. ווי אַ וועקסן ליכט לייכט ער.

וועלנדיק באַזונדערן כּבוד אָפּגעבן דעם הויזוועכטער, האָט פּיאָטר אַליין אים אָוועקגעטראָגן די מתּנות. אין וועכטער־שטיבל האָט אים באַגעגנט דער אויסגעשלייערטער סעראַפּים, הינטער אים איז געשטאַנען טיכאָן, דעם קאָפּ אָנגעבויגן, קוקנדיק אויף די שטיוול פון באַלעבאָס.

— פון מיר האָסטו — אַ זייגער, נאַ! פון ווייב — טוך אויף אַ קאַפּטן. און אָט האסטו נאָך — געלט.

— דאָס געלט — איז איבעריק, — האָט אַ מורמל געטון טיכאָן, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— אַ דאַנק.

ער האָט איינגעלאַדן דעם באַלעבאָס צו טרינקען „טענע־ריף“, וועלכן סעראַפּים האָט אים געשענקט, און דער אַלטיטשקער האָט באַלד אָנגעהויבן שפּילן מיט די ווערטער:

— דו, פּיאָטר איליטש, ווייסט אונזער ווערט, און מיר — דיינעם. מיר פאַרשטייען: דער בער האָט ליב האָניק, און דער שמיד קאָוועט אייזן; די פּריצים זענען פאַר אונדז געווען בערן, און דו ביסט — אַ שמיד. מיר זעען: דאָס געשעפט איז בא דיר אַ גרויס, אַ שווערס.

דאָ האָט וויאַלאָוו, דרייענדיק מיט די פינגער דעם זילבער־נעם זייגער, געזאָגט, קוקנדיק אויף זיי:

— געשעפט איז פאַרן מענטש — אַ פאַרענטש; מיר גייען איבערן ראַנד פון אַ גרוב, האַלטן זיך אָן אים.

— אָט! — האָט אַ געשריי געטון סעראַפּים, פרייענדיק זיך פון עפּעס, — ריכטיק! אַז ניט וואָלט מען אַריינגעפאַלן, הייסט עס!

— נו, דאָס רעדט איר סתּם אין דער וועלט אַריין, — האָט געזאָגט אַרטאַמאָנאָוו. — וואָרים איר זענט נישט קיין באַלעבאַ־טים. איר קאָנט עס נישט פאַרשטיין...

ער האָט נישט געפונען קיין גענוג שטאַרקע ווערטער, הגם טיכאָנס ווערטער האָבן אים גלייך צעבייזערט. נישט דאָס ערשטע מאָל האָט טיכאָן אָנגעטון אין זיי זיין איינגעשפּאַרטן, טונקעלן געדאַנק און ער האָט אַלץ מער אויפגערייצט דעם באַלעבאָס.

קוקנדיק אויף דעם מיט אייל פעט באַשמירטן, שטיינערנעם קאָפּ פונם הויזוועכטער, האָט ער געזוכט דערדריקנדע ווערטער און געסאָפּעט, ציפּנדיק דאָס אויער.

— געשעפטן זענען, באַטירלעך, פאַרשידענע, — האָט מיט אַ שלום־טאָן געזאָגט סעראַפים: — ס'זענען דאָ — שלעכטע, ס'זענען דאָ — גוטע...

— ס'איז גוט דאָס מעסער, נאָר נישט פאַרן האַלז, — האָט אַ וואָרטשע געטון טיכאָן.

דעם באַלעבאָס האָט זיך געוואָלט שטאַרק אויסזידלען דעם בעל־שמחה און, קוים איינהאַלטנדיק דעמדראָזיקן פאַרלאַנג, האָט ער שטרענג געפרעגט:

— וואָס הערסטו נישט אויף שטענדיק אָן שכל צו מורמלען וועגן געשעפט? ס'איז נישט צו פאַרשטיין...

טיכאָן, קוקנדיק אונטערן טיש אַרונטער, האָט איינגעשטימט.

— צו פאַרשטיין איז שווער.

ווידער האָט אָנגעהויבן רעדן דער טשעסלאַר:

— ער, פּיאָטר איליטש, אָנגערקענט בלויז נישט באַוואָלעדיקע געשעפטן...

— שטיי, סעראַפים, זאָל ער אַליין זאָגן.

דעמאָלט האָט טיכאָן, נישט רירנדיק זיך, ווייזנדיק דעם באַלעבאָס דעם גראָען פליך, ווי אַ פּויסט די גרייס, אויף זיין שפּיץ קאָפּ, אַ זיפּץ געטון:

— געשעפטן מאַכן האָט דער טייוול קינען אויסגעלערנט...

— אָט ווי ער, פאַרקנייטשט! — האָט אויסגעשריגן סעראַפים, אַ קלאַפּ געבנדיק זיך מיט דער דלאָניע איבער דער קני.

אַרטאַמאָנאָוו איז אויפגעשטאַנען פון דער שטול און האָט בייז געעצהט דעם הויזוועכטער:

— דו וואָלסט בעסער נישט גערעדט וועגן דעם, וואָס דו קאָנסט נישט פאַרשטיין. יאָ.

ער איז אַוועקגעגאַנגען פֿון וועכטער־שטיבל אָן אויפֿגעבראַכ־טער, קלערנדיק וועגן דעם, אַז טיכאָנען דאַרף מען אָפּשאַפֿן. טאַקע מאָרגן אים אָפּשאַפֿן. נו, — נישט מאָרגן, נאָר אין אַ וואָך אַרום. אין קאַנטאָר האָט אים אָפּגעוואַרט די פּאָפּאָווא. זי האָט זיך באַגריסט טרוקן, ווי אַן אומבאַקאַנטע, זעצנדיק זיך אויף דער שטול, האָט זי אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שירם אָן דער פּאָדלאָגע און אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם, אַז זי קאָן נישט באַצאָלן מיטאַמאָל אַלע פּראָצענטער פֿון דער הלוואה.

— דאָס איז אַ קלייניקייט, — האָט שטיל געזאָגט פּיאָטר, נישט קוקנדיק אויף איר, און דערהערט אירע ווערטער:

— אויב איר זענט נישע מסכים צו פּראָלאָנגירן, — האָט איר דאָס רעכט מיר אָפּצוזאָגן.

זי האָט דאָס געזאָגט באַליידיקט און, אויפֿסנייַ אַ קלאַפּ טו־ענדיק מיטן שירם, איז זי אַוועקגעגאַנגען אַזוי אומגעריכט שנעל, אַז ער האָט באַוויזן אַ קוק צו טאָן אויף איר ערשט דעמאָלט, ווען זי האָט שוין צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך.

— זי האָט זיך צעבייזערט, — האָט זיך איבערגעלייגט אַר־טאַמאָנאָוו. — פּאַרוואָס־זשע?

אין אַ שעה אַרום איז ער געזעסן בײַ אָלגען, קלאַפּנדיק מיטן היטל איבער דער סאָפּע און גערעדט:

— דו זאָג איר: איך דאַרף נישט קיין פּראָצענטער, און באַדאַרף נישט קיין געלט פֿון איר. וואָסער געלט איז דאָס? און אַז זי זאָל זיך נישט באַאומרויקן, פֿאַרשטייסט?

איבערקלייבנדיק די בונטע פֿאַסמעלעך זייד, איבערקוקנדיק איבערן טיש די שעכטעלעך מיט קרעלעכלעך, האָט אָלגאַ גע־זאָגט פֿאַרטראַכט.

— איך פֿאַרשטיי, נאָר זי — צי זי וועט עס פֿאַר־שטיין.

— מאַך זשע אַזוי, אַז זי זאָל פֿאַרשטיין. וואָס האָב איך דען פֿון דיר?

— אַ דאַנק, — האָט געזאָגט אָלגאַ, אַ בלישטש טוענדיק מיט

די אויגן, דערדאָזיקער גלעזערנער שמייכל האָט אַרויסגערופן בײַ פּיאָטרן אויפרעגונג.

— שפּאַס נישט! — האָט ער גראָבלעך אַ זאָג געטון. — מײַן חזיר אין איר גאָרטן האָף איך נישט צו פּאַשען. כ׳זוך דאָס נישט, — מײַן נישט!

— אָך, מאַנסביל, — האָט אָפּזיפּצנדיק געזאָגט אָלגאַ, מיט ספק שאָקלענדיק מיטן גלאַטיק צוגעקעמטן קאָפּ.

פּיאָטר האָט אַ געשריי געטון:

— דו — גלייב! איך ווייס, וואָס כ׳רעד...

— אָך, צי ווייסטו טאַקע?

זי האָט אַ זיפץ געטון מיטפילנד, דאָס האָט אַרטאַמאָנאָוו געהערט. ער האָט געזעען, אַז אירע אויגן קוקן אויף אים דורך די ברילן רחמנותדיק, כמעט צערטלעך, נאָר דאָס האָט אים נאָר בייז געמאַכט. ער האָט איר געוואָלט זאָגן עפּעס איבערצייגנד קלאָרס און נישט געפונען די נייטיקע ווערטער, קוקנדיק אויפן פענצטער־אָבלען, וואו צווישן די פליישיקע בלעטער פון ביגאָ־ניעס, ענלעכע צו חיהשע אויערן, זענען געהאַנגען פּרעכטיקע בינט־לעך בלומען.

— מיר איז אַ שאָד איר גוט. דאָס איז אַ מערקווערדיק גוט, יאָ! זי איז דאָרט געבוירן געוואָרן...

— געבוירן געוואָרן איז זי אין ריאַזאַן...

— זי האָט זיך דאָרט צוגעוואוינט, אַלץ איינס! און בײַ מיר איז דאָרט די נשמה דאָס ערשטע מאָל רויק איינגע־שלאָפן...

— זיך אויפגעכאַפּט, — האָט פאַרריכט אָלגאַ.

— דאָס איז אַלץ איינס פאַר דער נשמה — איינגעשלאָפן, זיך אויפגעכאַפּט...

ער האָט לאַנג גערעדט עפּעס, וואָס ס׳איז אים אַליין נישט קלאָר געווען, אָלגאַ האָט געהערט, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די עלנ־בויגנס אויפן טיש. ווען בײַ אים האָבן זיך אויסגעשעפּט די ווער־טער, האָט זי געזאָגט:

— אַצינד הער מיך...

און אים דערציילט, אַז נאַטאַליע ווייסט וועגן זיינע מחזקות מיט דער טרייבערין, זי איז באַליידיקט, וויינט, קלאָגט זיך אויף אים. נאָר אַרטאַמאָנאָוון האָט דאָס נישט גערירט:

— אַ כיטרע, — האָט ער געזאָגט שמייכלענדיק: — מיט קיין וואָרט האָט זי מיר נישט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי ווייסט. זי האָט זיך פאַר דיר געקלאָגט? אַזוי. אָבער זי האָט דאָך דיך נישט ליב.

אַ קלער געבנדיק, האָט ער צוגעגעבן:

— זינאַידען האָט מען אַ נאָמען געגעבן „פלומפ", דאָס איז ריכטיק. זי האָט פון מיר די גאַנצע צואה אויסגעפלומפע-וועט.

— דו רעדסט עקלהאַפט, — האָט זיך אַ קרום געטון אַל-גאַ און האָט אָפגעזיפצט: — ס'געדענקט זיך, איך האָב דיר גע-האַט געזאָגט, אַז די נשמה איז באַ דיר אַן אונטערגעוואָרפן קינד, אַזוי איז עס טאַקע, פיאָטר, דו האָסט מורא פאַר זיך אַליין, ווי פאַר אַ שונא...

דידאָזיקע ווערטער האָבן אים אַ שטאָך געטון:

— דו רעדסט מיט מיר עזותדיק; אַ ייִנגעלע בין איך, צי וואָס? דו וואָלסט בעסער וועגן עפעס אַנדערש אַ קלער געטון: אָט, רעד איך מיט דיר און די נשמה מיינע איז אָפן, און מער האָב איך מיט קיינעם נישט אַזוי צו רעדן. מיט נאַטאַליען — ווערסטו זיך נישט צונויפרעדן. מיר גלוסט זיך טיילמאָל זי צו שלאָגן. און דו... עך, איר באַבעס...

ער האָט אָנגעטון דאָס היטל און, ראַפּטים אַרומגעכאַפּט פון אַ שטומען אומעט, איז ער אַוועקגעגאַנגען, קלערנדיק וועגן ווייב, — ער האָט שוין לאַנג נישט געקלערט וועגן איר, כמעט זי נישט באַ-מערקט, כאָטש זי האָט יעדע נאַכט, נאָכן אָנסודען זיך מיט גאָט, אויסגעלערנטערהייט, ליבלעך זיך אַוועקגעלייגט באַ דער זייט פון מאַן.

— זי ווייסט, און קריכט, — האָט ער מיט כעס געטראַכט, — אַ חזיר.

דאָס ווייב איז געווען אַ באַקאַנט וועגל, איבער וועלכן

פיאָטר וואָלט בלינדערהייט דורכגעגאַנגען נישט אָנשלאָגנדיק זיך: טראַכטן וועגן איר האָט זיך נישט געגלוסט. נאָר ער האָט זיך דערמאַנט, אַז די שוויגער, וועלכע האָט לאַנגזאַם געגוסט אים פאַטעל, איינגאַנצן אָנגעשוואָלן, מיט אַן אומגעלומפּערט אָנגעבלאָזן, טונקל-רויט פּנים, קוקט אויף אים אַלץ מער פיינדלעך; פון אירע אַמאָליקע שיינע, און איצט אויסגעלאָשענע און נאַסע אויגן רינען באַקלאָגלעך טרערן; די אויסגעקרומטע ליפּן רירן זיך, נאָר די אָפּגענומענע צונג פאַלט שטום אַרויס פון מויל, איז אָנמעכטיק צו זאָגן עפּעס; אוליאַנאַ באַימאַקאָווא ווערגט אים מיט די פינגער פון דער האַלבלעבעדיקער, לינקער האַנט.

— דידאָזיקע - פילט. זי איז אַ שאָד.

אים איז פונדעסטוועגן נייטיק געווען אַ גרויסע אָנשטרענגונג פון ווילן, כדי צו איבעררייסן די אומפאַרשעמטע מחזקות מיט זינאַידען נאָר אַזוי ווי נאָר ער האָט דאָס געטון, — זעגנען תיכף, צוזאַמען מיט די באַרוישנדע געדאַנקען וועגן דער טרייבערין, געקומען עפּעס אַזוינע נאָגנדיקע טו׳אַכטונגען. ווי ס׳וואָלט כלומרשט געבוירן געוואָרן נאָך אַ צווייטער פיאָטר אַרטאַמאָנאָוו, ער האָט געלעבט איבעריגעם מיטן ערשטן, איז געגאַנגען הינטער זיין פּלייצע. ער האָט געפילט, אַז דערדאָזיקער „צווייטער" זיינער וואַקסט, ווערט אַלץ שפּיר׳עוודיקער און שטערט אים אין אַלעם, וואָס ער, פיאָטר אַרטאַמאָנאָוו דער אמתדיקער, איז באַרופן און דאַרף צו טון. דערדאָזיקער צווייטער, פלינק אויסנוצנדיק די מינוטן פון ראַפּטומדיקער, ווי אַ הינט פון אַ ווינקל אַרויס, אָנגעפלויגענער פאַרטראַכטקייט, פלעגט אים איינרוימען פאַרדראָסיקע, עסנדיקע געדאַנקען:

— דו אַרבעטסט, ווי אַ פערד, אָבער — נאָכוואָס? ביסט זאַט אויפן גאַנצן לעבן. ס׳איז צייט דער זון זאָל אַרבעטן. פון ליבשאַפט צום זון — האָסטו אַ ייִנגל דערהרגעט. אַ פּריצה איז געפעלן געוואָרן — האָסטו אָנגעהויבן לעבן אויסגעלאַסן.

תמיד, נאָכדעם, ווי ס׳גליטשט זיך דורך אַזאַ מחשבה, ווערט דאָס לעבן פינצטערער און אומעטיקער.

ער האָט עפּעס גאָר נישט דערקוקט, ווען אייגנטלעך איליאַ

איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דערוואַקסענעם מענטש. נישט בלויז דאָס איינע געשעעניש איז אַריבער אומבאַמערקט; אויך אומבאַמערקט האָט נאַטאַליע פאַרשדכנט און חתונה געמאַכט די טאָכטער יעלענאַ אין גובערניע פאַר אַ האָפערדיקן בחור מיט שוואַרצע וואַנסעלעך, אַ זון פון אַ רייכן יובעליר; אויך איז, צווישן איבעריקן, ענדלעך געשטאָרבן, דערשטיקט געוואָרן די שוויגער, אין אַ הייסן יוני־טאָג, פאַר אַ געוויטער; מען האָט נאָך נישט באַוויזן אַוועקצולייגן זי אויפן בעט, ווי ערגעץ נאָענט האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ דונער, אַנשרעקנדיק אַלע:

— די פענצטער, די טירן פאַרמאַכט! — האָט אויסגעשריגן נאַטאַליע, אויפהייבנדיק די הענט צו די אויערן; דער מוטערס ריזיקער פוס איז איר אַרויסגעפאַלן פון די הענט און טויב זיך אָנגעקלאַפּט מיט דער פּיאַטע אָן דער פּאַדלאָגע.

פּיאָטר אַרטאַמאַנאָוון האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט אפילו נישט גלייך דערקענט דעם זון, בעת ס'איז אַרייַנגעגאַנגען אין צימער אַ הויכער, שלאַנקער מענטש אין אַ גרויען, לייכטן אַנצוג, מיט שוין אָנזעעוודיקע וואָנסן אויף דעם אָפּגעמאַטערטן, ברוינלעכן פּנים. יאַקאָוו, אַ ברייטער און אַ דיקער, אין דער גימנאַזיסטישער בלוזע, איז מער ענלעך געווען צו זיך. די זין האָבן זיך העפלעך באַגריסט, זיך אַוועקגעזעצט.

— אָט, — האָט געזאָגט דער פאָטער, שפּרייזנדיק איבער דער קאַנטאָר, — אָט איז די באָבעשי אויך געשטאָרבן.

איליאַ האָט צוגעשוויגן, פאַררייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס, און יאַקאָוו האָט אַרויסגערעדט מיט אַ גיי, נישט זיין קול:

— גוט, וואָס אין די פעריען, אַז נישט וואָלט איך נישט געקומען צו פאָרן.

דורכלאָזנדיק פאַרביי די אויערן די נישט קלוגע ווערטער פון דעם ייִנגערן, האָט אַרטאַמאַנאָוו זיך צוגעקוקט צו איליעס פּנים; באַדייטנד פאַרענדערט, האָט ער אויסגעזען געזונטער, דער שטערן, באַדעקט מיט פּאַסמעס טונקעלע האָר, איז געוואָרן נישט אַזוי הויך, און די בלאָע אויגן האָבן זיך פאַרטיפט; ס'איז געווען אי פרייַלעך, אי עפּעס איבער דער טבע צו דערמאַנען זיך, אַז דעמדאָזיקן

פאַרטראַכטן מענטש אין דעם סאָלידן קאָסטיום האָט ער געריסן בײַ די האָר; ס'האָט זיך אפילו נישט געגלייבט, אַז דאָס איז אַמאָל געווען. יאַקאָוו איז פשוט צוגעוואַקסן, ער איז נאָר גרעסער געוואָרן, פאַרבלייבנדיק פּונקט אַזוי דיק, ווי ער איז געווען, מיט די זעלבע רעגנבויגנדיקע אויגן. און דאָס מויל איז נאָך בײַ אים געווען אַ קינדיש.

— דו ביסט שטאַרק אויסגעוואַקסן, איליאַ, — האָט געזאָגט דער פֿאָטער. — נו, מילא, קוקט זיך צו צום געשעפט, און אין אַ יאָר דריי אַרום וועסטו זיך שוין טאַקע שטעלן צום רודער.

שפּילנדיק זיך מיט אַ קאַרענעם פּאַפּיראָסן־טאַש, מיט אַן אָפּגעהאַקטן קאַנט, האָט איליאַ אַ קוק געטון אין פֿאָטערס פּנים אַריין:

— ניין, איך וועל זיך ווייטער לערנען.

— לאַנג?

— אַ יאָר פיר, פינף.

— נישקשה! וואָס אַזוינס?

— געשיכטע.

אַרטאַמאָנאָוו איז נישט געפעלן געוואָרן, וואָס דער זון ריי־כערט, און אויך דער פּאַפּיראָסן־טאַש איז בײַ אים אַ געמיינער, ער האָט געקאָנט קויפן אַ בעסערן, אים איז נאָך מער נישט געפעלן געוואָרן איליעס כּוונה צו לערנען זיך און דאָס, וואָס ער האָט וועגן דעם אָנגעהויבן רעדן אין די ערשטע מינוטן.

אָנווייזנדיק דורכן פענצטער אויפן דאַך פון פאַבריק, וואו ס'האָט געבלאָזן מיט דאַמף אַ דין קוימענדל און פונוואַנען ס'האָט זיך געטראָגן אַ האַרטשענדיקער רעש פון דער אַרבעט, האָט ער געזאָגט סוגעסטיש, באַמיענדיק זיך צו רעדן ווייך:

— אָט סאַפּעט זי, די געשיכטע! אָט די דאָזיקע געשיכטע דאַרף מען זיך לערנען. אויף אונדז איז אַרויפגעלייגט געוואָרן לייוונט צו וועבן, און געשיכטע — איז נישט אונדזער זאַך. — איך בין אַלט פינפציק יאָר, שוין צייט מיך צו פאַרבייטן.

— מיראָן וועט פאַרבייטן יאַקאָוו. מיראָן וועט זיין אַן אינ־

זשיניער, — האָט געזאָגט איליאַ, און אַרויסשטעקנדיק די האַנט דורכן פענצטער, אַראָפּגעשאָקלט דאָס אַש פון פּאַפּיראָס. דער פאָטער האָט דערמאָנט:

— מיראָן איז אַ פּלימעניק, און נישט קיין זון. נו, וועגן דעם וועלן מיר אַן אַנדערש מאָל רעדן...

די קינדער זענען אויפגעשטאַנען, אַוועקגעגאַנגען; דער פאָטער האָט זיי באַגלייט מיט אַ באַליידיקטן און פאַרוואונדערטן בליק; וואָס־זשע — זיי האָבן גאָרנישט וואָס צו זאָגן אים? זיי זענען אָפּגעזעסן פינף מינוט, איינער האָט, אַרויסרעדנדיק אַ באַרישקייט, שלעפעריק אַ געניץ געטון, דער צווייטער — האָט אָנגערויכערט מיט טאַבאַק און גלייך עגמת נפש פאַרשאַפט. אָט גייען זיי איבערן הויף, ס'הערט זיך איליעס קול:

— לאָמיר גיין אַ קוק טון אויפן טייך.

— ניין, איך בין מיד. ס'האָט מיך צעשאָקלט.

דער טייך וועט מאָרגן אויך נישט אַוועקשווימען, און די מאַמע איז אין צער פונם טויט פון איר מוטער, פאַרדאגהט פון דער לוויה.

אונטערגעבנדיק זיך זיין טבע צו איילן אַ קעגן דעם נישט אָנגענעמען, כדי גיכער עס אָפּצושטויסן פון זיך, אויסמיידן, האָט פּיאָטר אַרטאַמאָנאָוו געגעבן דעם זון אַ וואָך אָפּרו און באַמערקט אין דער צייט, אַז איליאַ רעדט מיט די אַרבעטער אויף „איר", און אין די נעכט שמועסט ער לאַנג וועגן עפּעס מיט טיכאָנען און סעראַפימען, זיצנדיק מיט זיי באַם טויער; ער האָט אפילו אונטערגעהערט פון פענצטער, ווי טיכאָן האָט מיט זיין טויט קול אריינגעזאָגט טפשותדיקע ווערטער;

— אַזוי, אַזוי! לעבן ווי אַ בעטלער, הייסט — נישט האָבן מיט וואָס צו לעבן. אמת, איליאַ פּעטראָוויטש, וויבאַלד נישט וועלן אַלץ אַריינכאַפּן — וועט אַלדינג קלעקן פאַר אַלע.

און סעראַפים האָט פריילעך געקוואַקעט:

— דאָס ווייס איך! דאָס האָב איך שוין לאַ־אַנג געהערט...

יאַקאָוו האָט זיך געפירט פאַרשטענדלעכער: ער איז אַרומ־

געלאָפן איבער די פאַבריק־קאָרפּוסן, האָט ליבלעך געוואָרפן בליקן אויף די מיידלעך, געקוקט פון דאַך פון פערדשטאַל צום טייך, בעת דאָרטן האָבן זיך, אין מיטאָג־צייט, געבאָדן פרויען.

— אַ ביקל, — האָט ברוגזדיק געקלערט דער פאָטער. — מען דאַרף זאָגן סעראַפימען, אַז ער זאָל אַכטונג געבן אויף אים, ער זאָל זיך נישט צומאָל אָנשטעקן...

דינסטיק איז דער טאָג געווען אַ גרויער, אַ פּאַרטראַכטער און שטילער. באַלד אינדערפרי איז אַן ערך אַ שעה געפאַלן אויף דער ערד, קאַרג און פויל, אַ דראָבנער רעגן, צו מיטאָג־צו האָט אַרויסגעבליקט די זון, האָט אָן חשק אַ קוק געטון אויף דער פאַבריק, אויף דעם קלין פון די צוויי טייכן און זיך באַהאַלטן אין די גראָע וואָלקנס, איינגראָבנדיק זיך אין דער פּוכיקער ווייכ־קייט זייערער, ווי נאַטאַליע פלעגט אין די נעכט איינגראָבן איר ראָזע פּנים אין די פּוכענע קישנס.

פאַר דער אָוונט־טיי האָט אַרטאַמאָנאָוו געפרעגט יאַ־קאָוון:

— און וואו איז דער ברודער?

— איך ווייס נישט; ער איז געזעסן דאָרט אויף דעם באַרג, אונטער דער סאָסנע.

— רוף אים אַהער. ניין, מען דאַרף נישט. ווי אַזוי — איר לעבט בשלום?

אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער ייִנגערער זון האָט קוים קענטיק אַ שמייכל געטון, זאָגנדיק:

— נישקשה, בשלום.

— אָבער — פונדעסטוועגן? זאָג דעם אמת...

יאַקאָוו האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אַ קלער געטון:

— אין די געדאַנקען — נישט זייער איינשטימיק.

— אין וואָסערע געדאַנקען?

— בכלל, וועגן אַלעם.

— אָבער — אין וואָס?

— ער קלערט אַלץ לויט די ביכער, און איך — פּשוט פון שׂכל. אַזויווי איך זע.

— אַזוי, — האָט געזאָגט דער פּאָטער, נישט קענענדיק פרעגן מער אויספירלעך.

ער האָט אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען אַ לייוונטן מאַנטל, גענומען אַלעקסייס מתנה, דעם שטעקן מיט דער גאַלקע — אַ זילבערנער פויגלשער פוס האַלט אַ מאַלאַכיטענעם באַלעם — און אַרויסקומענדיק אויף יענער זייט טויער, האָט ער אַ קוק געטון פון אונטער דער דלאָניע אַפער צום טייך אויפן בערגל, — דאָרטן איז אונטער אַ בוים געלעגן איליאַ אין אַ ווייס העמד.

— און דאָס זאַמד איז הייַנט נאַסלעך. ער קען זיך פאַר־קילן, ער איז נישט פאָרזיכטיק.

נישט געאײַלט, ערליך איבערוועגנדיק די שווערקייט פון אַלע ווערטער, וועלכע מען דאַרף זאָגן דעם זון, איז דער פּאָטער אַוועק־געגאַנגען צו אים, צעטרעטנדיק אויפן וועג די גראָע גרעזלעך, וואָס האָבן געקרעכצט אונטער די פיס. דער זון איז געלעגן מיטן רוקן אַרויף, האָט געליִיענט אַ דיק בוך, צוקלאַפּנדיק איבער די בלעט־לעך מיט אַ בליישטיפט; אויפן שאַרך פון די טריט האָט ער פלינק אויסגעבויגן דעם האַלז, אַ קוק געטון אויפן פּאָטער און, אַוועק־לייגנדיק דעם בליישטיפט צווישן די בלעטלעך פון בוך, האָט ער עס הויך צוגעקלאַפּט דערנאָך — זיך אויפגעזעצט, אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן רוקן אָן שטאַם פון דער סאָסנע, ליבלעך אַ גלעט געבנ־דיק מיטן בליק דעם פּאָטערס פּנים. אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער האָט, אָפּבלאָזנדיק זיך, אויך זיך צוגעזעצט אויף דעם אָפּגעדעקטן, האַלב־קײַלעכיקן אויסגעבויגענעם וואָרצל.

— איך וועל הייַנט נישט רעדן וועגן געשעפט, איך וועל נאָך באַווייזן, לאָמיר סתם אַ ביסל פּלוידערן.

נאָר איליאַ האָט, אַרומנעמענדיק זײַנע קניען מיט די הענט, געזאָגט נישט הויך:

— איך, אַלזאָ, טאַטעשי, האָב באַשלאָסן צו הייליקן זיך דער וויסנשאַפט,

— הייליקן זיך, — האָט איבערגעחזרט דער פּאָטער. — ווי אויף אַ פּאָפּ.

ער האָט געוואָלט רעדן לצנותדיק, נאָר דערהערט, אַז זיינע ווערטער האָבן אָפּגעקלונגען אומעטיק, כמעט בייז; ער האָט, מיט פאַרדראָס אויף זיך, אַ קלאַפּ געטון מיטן שטעקן איבערן זאַמד. און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן עפּעס אומפאַרשטענדלעכס, נישט בייטיקס; די בלאָקייט פון איליעס אויגן איז טונקעלער געוואָרן, די בלוט געצייכנטע ברעמען האָבן זיך צונויפגערוקט, ער האָט צוריקגעוואָרפן די האָר פון שטערן און מיט אַ נישט גוטער האַרט־נעקיקייט אַ זאָג געטון:

— קיין פאַבריקאַנט וועל איך נישט זיין, איך בין צום דאָ־זיקן עסק נישט פעיק...

— אָט אַזוי אָ רעדט טיכאָן, — האָט אַריינגעשטעלט דער פאָטער, שמייכלענדיק.

נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף זיינע ווערטער, האָט דער זון אָנגעהויבן דערקלערן, פאַרוואָס ער וויל נישט זיין קיין פאַבריקאַנט און בכלל קיין באַלעבאָס פון עפּעס אַ געשעפט; ער האָט גערעדט לאַנג, אַ מינוט צען, און צייטנווייז האָט דער פאָטער אויפגעכאַפּט אין זיינע ווערטער אַזויווי עפּעס ריכטיקס, וואָס האָט זאָגאַר אָנגע־נעם געגעבן אַ תשובה אויף זיינע בעפלדיקע טראַכטונגען, אָבער אין אַלגעמיין האָט ער קלאָר געזען, אַז דער זון רעדט נישט פאַרשטאַנדיק, קינדיש.

— שטיי, — האָט ער געזאָגט, שטאָמפּערנדיק מיטן שטעקן אין זאַמד לעבן זונס פוס. — וואַרט צו, דאָס איז נישט אַזוי. דאָס איז — נאַרישקייטן. ס'איז בייטיק אָנפירונג. אָן אָנפירונג קאָן דאָס פאָלק נישט לעבן. אָן נוצן וועט קיינער נישט וועלן אַרבעטן. מען זאָגט שטענדיק: „וואָס וועל איך האָבן דערפון?" אַלע דרייען זיך אויפן דאָזיקן שפינדל. זע, וויפיל ווערטלעך ס'איז פאַראַן: „דער שדכן וואָלט געקאָנט זיין הייליק, ווען די נשמה זאָל נישט פאַר־לאַנגען קיין פאַרדינסט". אָדער „אפילו אַ צדיק איז מתפלל פון פרנסה וועגן". „אַ מאַשין — איז אַ טויטע זאַך, און פאַרלאַנגט אויך שמירעכץ".

ער האָט גערעדט נישט אויפרעגנדיק זיך און, דערמאַנענדיק זיך פּאַסיקע גלייכווערטלעך, האָט ער געדיכט באַשמירט מיט זייער פּעטס די שפּראַך זיינע. אים איז געפעלן, וואָס ער רעדט רויק, נישט אָנשטרענגנדיק זיך, לייכט געפינענדיק ווערטער, און איז זיכער געווען, אַז דער שמועס וועט זיך ענדיקן גוט. דער זון האָט געשוויגן, איבערשיטנדיק דאָס זאַמד פון איין האַנט אין דער אַנדערער, האָט אָפּגעזייעט דערפון די געלע באַדלען פון שטעכעכץ און זיי אַראָפּגעבלאָזן פון דער דלאָניע. באַר פלוצלינג האָט ער געזאָגט דעסגלייכן רויק:

— דאָס אַלץ איבערצייגט מיך נישט. מיט דערדאָזיקער חכמה קאָן מען ווייטער נישט לעבן.

אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער האָט זיך אונטערגעהויבן, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן שטעקן, דער זון האָט אים נישט צוגעהאָלפן.

— אַזוי. ס'הייסט דער טאַטע זאָגט נישט דעם אמת?

— ס'איז פאַרהאַן אַן אַנדער אמת.

— זאָגסט ליגנט. קיין אַנדערער — איז נישטאָ.

— און, אַ מאַך טוענדיק מיטן שטעקן אין דער זייט פון פאַבריק, האָט דער פאָטער געזאָגט:

— אָט איז ער — דער אמת! דער זיידעשי דיינער האָט אים אָנגעהויבן, איך האָב אַהין אַריינגעלייגט דאָס גאַנצע לעבן, און אַציִנד — איז דיין רייע. דאָס איז עס אינגאַנצן. און דו וואָס ווילסט? מיר האָבן — געאַרבעט, און דו ווילסט שפּאַצירן? אויף פרעמדער פּראַצע ווילסטו דיר לעבן ווי אַ צדיק? נישט שלעכט צוגעטראַכט! געשיכטע! דו גיב אַ שפּיי אויף דער געשיכטע. געשיכטע איז נישט קיין מיידל, וועסט מיט איר נישט חתונה האָבן. און — וואָס פאַר אַ משולחת איז עס די געשיכטע? נאָכוואָס טויג זי? און איך וועל דיך פּוסט און פּאַסעווען נישט לאָזן...

דערפילנדיק, אַז ער האָט אָנגעהויבן רעדן צו בייז, האָט פּיאָטר אַרטאַמאָנאָוו געפּרוּווט פאַרגלעטן זיינע ווערטער:

— איך — פאַרשטיי, דיר ווילט זיך לעבן אין מאָסקווע; דאָרטן איז פרייִלעכער; אָט איז אַלעקסיי אויך...

איליאַ האָט אויפגעהויבן דאָס בוך, אַראָפּגעבלאָזן דערפון די זאַמדעלעך און געזאָגט:

— דערלויבט מיר צו לערנען זיך.

— איך דערלויב נישט! — האָט אויסגעשריגן דער פאָטער, אַריינשטעקנדיק דעם שטעקן אין זאַמד. — בעט נישט.

דאַן איז איליאַ אויך אויפגעשטאַנען און, קוקנדיק איבערן פאָטערס אַקסל מיט ווייס־געוואָרענע אויגן, האָט ער געזאָגט נישט הויך:

— נו, מילא, וועט מיר אויסקומען, זיך צו באַגיין אָן אַ דערלויבניש.

— דו זאָלסט זיך נישט דערוועגן!

— מען קאָן נישט פאַרווערן אַ מענטש צו לעבן, ווי ער וויל, — האָט געזאָגט איליאַ, אַ שאָקל געבנדיק מיטן קאָפּ.

— אַ מענטש? דו — ביסט מיין זון, און נישט קיין מענטש. וואָס פאַר אַ מענטש ביסטו? אויף דיר איז אַלץ — מיינס.

דאָס האָט זיך אַרויסגעריסן עפּעס אַזוי אַליין פון זיך, דאָס האָט מען נישט באַדאַרפט זאָגן. און, ווייכער מאַכנדיק די שטימע, האָט דער פאָטער געזאָגט, מיט פאַריבל שאָקלענדיק מיטן קאָפּ:

— אָט אַזוי צאָלסטו מיר פאַר מיינע זאָרג וועגן דיר? עך, נאַר...

ער האָט געזען, אַז איליאַ איז רויט געוואָרן און ס'ציטערן באַ אים די הענט, דער זון וויל זיי באַהאַלטן אין די הויזן־קעשענעס, נאָר די הענט געפינען נישט די קעשענעס. און, מורא האָבנדיק, אַז דער זון וועט זאָגן עפּעס איבעריקס, זאָגאָר נישט פאַרריכטבאַרס, האָט ער איילניק איליען אַ זאָג געטון:

— צוליב דיר האָב איך אַ מענטש דערהרגעט... קאָן זיין...

אַרטאַמאָנאָוו האָט צוגעגעבן — ס'קאָן זיין — וואָרים, אַרויסזאָגנדיק די ערשטע ווערטער, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען: ער האָט

זיי אויף נישט באַדאַרפט זאָגן אין אַזאַ מינוט פאַר אַ יינגל, וואָס וויל אים בפירוש נישט פאַרשטיין.

— ער וועט באַלד פרעגן: וואָסערן מענטש? — האָט ער אַ קלער געטון און שנעל געמאַכט אַ טריט איבערן שיטנדיקן אַראָפּ־גאַנג פון בערגל, נאָר דער זון האָט פאַרטויבנדיק אַ זאָג געטון אים אין קאַרק אַריין:

— נישט אייגעם האָט איר דערהרגעט, אָט איז דאָרט אַ גאַנצער בית־עלמין דערהרגעטע פון דער פאַבריק.

אַרטאַמאָנאָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך אומגעדרייט; איליאַ האָט, מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, אָנגעוויזן מיטן בוך אויף די צלמים אין גראָען הימל. דאָס זאַמד האָט אַ סקריפּע געטון אונטער דעם פאָטערס פיס. אַרטאַמאָנאָוו האָט זיך דערמאַנט, אַז עטלעכע מינוט פאַר דעם האָט ער שוין געהערט עפּעס באַליידיקענדיקס וועגן דער פאַבריק און דעם בית־עלמין. אים האָט זיך געוואָלט פאַרדעקן די אַרויסגעפלויגענע ווערטער, ס'איז נייטיק, אַז דער זון זאָל זיי פאַרגעסן און ווי אַ בער, האַסטיק גייענדיק אויף אים, פאָכנדיק מיטן שטעקן, שטרעבנדיק איבערצושרעקן, האָט אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער אַ געשריי געטון:

— וואָס האָסטו געזאָגט, פאָדליעץ?

איליאַ איז אָפּגעשפּרונגען הינטערן שטאַם פון בוים:

— באַזינט זיך! וואָס טוט איר?

דער פאָטער האָט אַ קלאַפּ געטון מיטן שטעקן איבערן שטאַם, דער שטעקן האָט זיך איבערגעבראָכן; אַוועקוואַרפנדיק דאָס אָפּגעבראָכענע שטיקל צום זונס פיס אַזוי, אַז דאָס שטיקל שטעקן איז קרום, מיטן גרינגעם באַלעם אַרויף, געבליבן שטעקן אין זאַמד, האָט פיאָטר אַרטאַמאָנאָוו אַ דראָע געטון:

— די אַפּטריטן וועסטו בײַ מיר רייניקן!

און שנעל געגומען גיין, זיך אַוועקגעקייקלט, וואַקלענדיק זיך, פילנדיק, אַז זיין פאַרשטאַנד וויקלט זיך אין ווערטער פון צער און צאָרן, ווי אַ ציווקע אין פאַרפּלאָנטערטן גאַרן.

— כ'וועל אַרויסטרייבן. די נויט וועט צווינגען — וועט ער זיך אומקערן. דעמאָלט — אַפּטריטן רייניקן. יאָ, זיי נישט משוגע! —

האָט ער אָפּגעריסן קורצינקע געדאַנקען פֿון דעם שנעל זיך דרייענדיקן קנײַלכל זײַערן און אין דערזעלבער צײַט האָט ער נעפּלדיק פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך געפֿירט נישט אַזוי, ווי מען האָט באַדאַרפֿט, ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, צעבלאָזן די עוולה זײַנע.

אַרויסקומענדיק אויפֿן ברעג פֿון דער אָקע, האָט ער זיך מיד אַוועקגעזעצט אויפֿן זאַמדיקן אָפּריס, האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון פּנים און אָנגעהויבן קוקן אין טײַך אַרײַן. אין דער קלײנער, נישט טיפֿער בוכטע איז געשוואומען אַ טשאַטע קלײנע פֿישלעך, גלײַך שטאָלענע נאָדלען וואָלטן דורכגעשטאָכן דאָס וואַסער. נאָכדעם האָט, מאַכנדיק גרויסאַרטיק מיט די פֿלוספֿעדערן, זיך באַוויזן אַ לעשטש, ער איז אָפּגעשוואומען אַ ביסל, האָט זיך איבערגעדרייט אויף אַ זײַט און, אַ בליק טוענדיק מיט אַ רויט אייגל אינדערהייך, אין מאַטן הימל אַרײַן, האָט ער אַרויסגעלאָזט איבערן וואַסער אין אַ העלן רויך שווימענדיקע רעדלעך.

אַרטאַמאָנאָוו האָט, אַ דראָע טוענדיק דעם לעשטש מיטן פֿינגער, געזאָגט אויפֿן קול:

— איך וועל דיר מאַכן אַ מזל!

און זיך אומגעקוקט, דערהערנדיק, אַז די ווערטער האָבן געקלונגען פֿאַלש. דאָס רויקע פֿליסן פֿון טײַך האָט אָפּגעוואַשן דעם כּעס; די גראָע און וואַרעמע שטילקייט האָט אונטערגעזאָגט רעיונות, פֿול מיט טעמפּער שטוינונג. צומייסטנס שטוינהאַפֿטיק איז געווען דאָס, וואָס אָט דער זון, וועלכן ער האָט ליב געהאַט, וועגן וועמען ער האָט צוואָנציק יאָר אָן אויפֿהער און אומרויִק געטראַכט, איז פּלוצלינג, אין עטלעכע מינוט אַרויסגעפֿלויגן פֿון דער נשמה, איבערלאָזנדיק אין איר אַ בייזן ווייטיק. אַרטאַמאָנאָוו איז געווען איבערצייגט, אַז טאָג־טעגלעך, אומדערמידלעך, די גאַנצע צוואָנציק יאָר האָט ער געטראַכט בלויז וועגן זון, געלעבט מיט די האָפֿנונגען אויף אים, מיט דער ליבשאַפֿט צו אים, געוואַרט עפּעס אומגעווייטלעכס פֿון איליען.

— ווי אַ שוועבעלע, — אויפֿגעפֿלאַקערט און — נישטאָ!

וואָס־זשע איז דאָס?

דער גראָער הימל האָט זיך קוים פאַרראָזט ; אויף איין אָרט האָט זיך באַוויזן אַ ביסל אַ ליכטיקער פלעק, דערמאָנענדיק דעם פּעטן גלאַנץ אויף אָפּגעטראָגענעם טוך. דערנאָך האָט אַרויסגעקוקט די אַרומגעבראָכענע לבנה ; ס'איז געוואָרן קיל און פייכט ; אַ נעפּל האָט ווי אַ לייכטער רויך אַ שווים געטון איבערן טייך.

אַרטאַמאָנאָוו איז געקומען אַהיים, ווען דאָס ווייב איז שוין אויסגעטוועגערהייט געזעסן, פאַרלייגט דעם לינקן פוס אויף דער קיילעכיקער קני פון רעכטן, און האָט, קרומענדיק זיך, געשוירן די נעגל. זייטיק אַ קוק געבנדיק אויפן מאַן, האָט זי געפרעגט :

— וואוהין האָסטו עס אַוועקגעשיקט איליען ?

— צום טייוול, — האָט ער געענטפערט, אויסטוענדיק זיך.

— דו הערסט זי־ נישט אויף צו בייזערן, — האָט אַ זיפץ געטאָן נאַטאַליע, דער מאַן האָט צוגעשוויגן, סאַפּענדיק, פאַרענדיק זיך אומישנע מיט געפּילדער. אַ רעגן האָט אָנגעהויבן נעצן די שויבן פון די פענצטער, אַ פייכטער פליסטער האָט אַ שוועב געטון איבערן סאַד.

— ער האַלט זיך שוין צו גרויס, איליאַ, מיטן לערנען.

— ער האָט אַ מאַמע — אַ בהמה.

די מוטער האָט אַריינגעצויגן מיט דער נאָז לופט און, איבערצלמנדיק זיך, האָט זי זיך געלייגט אין בעט אַריין, און פיאָטר, אויסטוענדיק זיך, האָט מיט הנאה זי באַליידיקט :

— וואָס קאָנסטו ? גאָרנישט. די קינדער האָבן נישט מורא פאַר דיר. וואָס האָסטו זיי געלערנט ? דו קאָנסט נאָר איינס : עסן און שלאָפן. און די צורה זיך שמירן.

דאָס ווייב האָט געזאָגט אין קישן אַריין :

— און ווער האָט זיי אַוועקגעגעבן צו לערנען זיך ? איך האָב געזאָגט. . .

— שווייג !

ער איז אויך אַנטשוויגן געוואָרן, זיך צוהערנדיק, ווי אַלץ

שטאַרקער פאַלט דער רעגן אויף די בלעטלעך טשערעמכע, פאַר־זעצטע דורך ניקיטען.

— אַ גליקלעך לעבן האָט אויסגעקליבן דער הויקער. נישט קיין קינדער, נישט קיין געשעפט. בינען. איך וואָלט מיט קיין בי־נען זיך אויך נישט פאַרנומען, זאָל יעדער, ווי ער וויל, זיך אַליין פאַרשאַפן האָניק.

איבערדרייענדיק זיך, מיט דער ברוסט אַרויף, אַזוי פאַרזיכטיק, אַזוי ווי זי וואָלט געלעגן אויף אייז, האָט נאַטאַליע זיך צוגערירט מיט דער וואַרעמער באַק צום מאַנס אַקסל.

— דו האָסט זיך צעזידלט מיט איליען?

ס'איז געווען אַ חרפה צו דערציילן, וואָס בײַ אים איז פאַר־געקומען מיטן זון; ער האָט אַ וואָרטשע געטון.

— מיט קינדער — זידלט מען זיך נישט, מען זידלט זיי.

— ער איז אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין.

— ער וועט צוריקקומען. אומזיסט גיט מען אין ערגעץ נישט צו עסן. ער וועט דערשפירן, ווי ס'שמעקט די נויט און וועט צו־ריקקומען. שלאָף, שטער מיר נישט.

אין אַ מינוט אַרום האָט ער געזאָגט:

— יאַקאָוו דאַרף זיך מער נישט לערנען.

און נאָך אין אַ מינוט אַרום:

— איבערמאָרגן וועל איך פאָרן אויפן יאַריד. הערסט?

— כ'הער.

— וואָס־זשע איז דאָס אַזעלכעס? — האָט געטראַכט אַרטאַ־מאָנאָוו, פאַרמאַכנדיק די אויגן, נאָר זעענדיק פאַר זיך דאָס שטערנ־האַפטע פנים, דערמאַנענדיק זיך דעם אומפאַרטראָגלעך־באַליידיקענ־דיקן גלאַנץ פון איליעס אויגן.

— ווי אַן אַרבעטער האָט ער אָפגעשאַפט דעם טאַטן, דער פאַדליעץ! ווי אַ בעטלער אָפגעשטויסן...

ס'האָט איבערראַשט די אומפאַרשטענדלעכע שנעלקייט פון איבעררײַס; גלייך איליאַ וואָלט שוין לאַנג געהאַט באַשלאָסן זיך אָפצורייסן. נאָר וואָס האָט אים גענייט צו דעמדאָזיקן טאַט? און,

דערמאַנענדיק זיך איליעס שאַרפע, פאַרווּרטיילנדיקע ווערטער, האָט ער געקלערט:

— מיראָשקע, דער שטילער הונט, האָט אים אָנגעדרייט. און אַז געשעפטן זענען שעדלעך פאַרן מענטש, דאָס זענען — טיכאָנס געדאַנקען. נאַר, נאַר! ווען מ'שטיינס געזאָגט ער האָט געהערט? און — האָט זיך געלערנט! וואָס־זשע האָט ער זיך געלערנט? אויף די אַרבעטער האָט ער רחמנות, און אויף דעם טאַטן האָט ער קיין רחמנות נישט. און לויפט אַוועק, כדי אויסצוהאָדעווען אין אַ זייט זיין צדקות.

פון דעמדאָזיקן געדאַנק האָט די תרעומות אויף איליען נאָך העלער אויפגעפלאַקערט.

— ניין, אַ ליגנט, וועסט נישט אַנטלויפן!

דאָ איז געקומען אין זכרון ניקיטאַ, וועלכער איז אַוועקגעלאָפן אין אַ זייט, אין אַ שטיל ווינקל:

— אַלע שפּאַנען מיך איין אין דער אַרבעט, און אַליין אַנטלויפן זיי.

נאָר אַרטאַמאַנאָוו האָט זיך באַלד געכאַפּט: דאָס איז נישט ריכטיק, אַט איז אַלעקסיי נישט אַנטלאָפן, ער האָט ליב דאָס געשעפט, ווי דער טאַטע האָט עס ליב געהאַט. ער איז — גיריק, אומגעזעטיקט גיריק און אַלץ איז בּאַ אים געשיקט, איינפאַך. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי איינמאָל, נאָך אַ שכור געשלעג אין פאַבריק, האָט ער געזאָגט דעם ברודער:

— דאָס פאָלק ווערט קאַליע.

— שטאַרק, — האָט מסכּים געווען אַלעקסיי.

— זיי זענען עפּעס בייז. ווי אַלע וואָלטן כלומרשט געקוקט מיט איין פּאָר אויגן...

אַלעקסיי האָט מיט דעם אויך מסכּים געווען, שמייכלענדיק, האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז אויך — ריכטיק. טיילמאָל דערמאָן איך זיך, אַז אַט מיט אַזוינע אויגן האָט טיכאָן באַטראַכט דעם טאַטן, ווען ער האָט אויף דיין חתונה מיט די זעלנער זיך געראַנגלט. דערנאָך האָט ער אַליין גענומען זיך ראַנגלען. געדענקסט?

— נו, וואָס דאַרט מ׳כאָן? — דאָס איז דאָך אַ דולער.

זעמאָלט האָט אַלעקסיי געגומען רעדן ערנסט:

— וואָס רעדסטו עפּעס אַזוי? אָפּט וועגן דעם: ס׳ווערן קאַליע די מענטשן, זיי ווערן קאַליע. אָבער דאָס איז דאָך נישט אונזער עסק; דאָס איז אַן עסק פאַר די פּאָפּן, לערערס, נו, כ׳ווייס דאַרטן פאַר וועמען? פאַר פאַרשידענע דאָקטוירים, פאַר דער רעגירונגס-מאַכט. דאָס דאַרפן זיי אַכטונג געבן, אַז דאָס פאָלק זאָל נישט קאַליע ווערן, דאָס איז — זייער סחורה, און מיר ביידע זענען קונים. אַלץ, ברודער, ווערט ביסלעכווייז קאַליע. דו ווערסט, דהיינו, אַלט און איך דעסגלייכן. פונדעסטוועגן וועסטו דאָך נישט זאָגן אַ מיידל: לעב נישט, מיידל, וועסט זיין אַ זקנה.

— ער איז קלוג, דער שד, — האָט אַ קלער געטון אַרטאַ-מאָנאָוו דער עלטערער. — ער איז פשוט-קלוג.

און הערנדיק דעם ברודערס האָפערדיקע רייד, באַשיינטע מיט אַזויגע נייע גלייכווערטלעך, האָט ער מקנא געווען זיין לע-בעדיקייט, ווידער זיך דערמאַנט אָן ניקיטען; דעם הויקער האָט דער פאָטער אָנגעצייכנט אַלס טרייסטער, און ער האָט זיך פאַר-פלאָנטערט אין אַ נאַרישן, ווייבערישן ענין און — איז פאַרפאַלן געוואָרן.

אַ סך האָט איבערגעטראַכט אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער אין דערדאָזיקער רעגנדיקער נאַכט, דורך דעם צער פון זיינע מחשבות האָבן זיך ווי אַ שטראָמל רויך דורכגעשלאָגן נאָך עפּעס אַנדערע, פרעמדע געדאַנקען, זיי האָט אַזוי ווי אַריינגעשושקעט דער פינצ-טערער געררויש פון רעגן און זיי האָבן אים געשטערט זיך רעכט-צופאַרטיקן.

— אָבער אין וואָס בין איך שולדיק? — האָט ער געפרעגט עמעצן: און כאָטש ער האָט נישט געפינען קיין ענטפער, האָט ער דערפילט, אַז דאָס איז נישט קיין איבעריקע שאלה. ווען ס׳האָט אָנ-געהויבן טאָגן, האָט ער ראַפּטום באַשלאָסן צו פאָרן אין מאַנאַסטיר אַריין, צום ברודער; אפשר דאָרטן, בײַ אַ מענטש, וואָס וואוינט אין דער זייט פון די נסיונות און דאגות, וועט זיך געפינען עפּעס טרייסטנדיקס און אפילו אַנטשלאָסנס.

נאָר צופאָרנדיק אויף די פּאָסט־פערד צום מאָנאַסטיר, אַ צע־בראָכענער פון טרייסלען זיך איבערן דאָרפישן וועג, האָט ער גע־טראַכט:

— דאָס איז גאָר פּשוט, צו שטיין אין אַ ווינקל; ניין, דו גיב נאָר אַ לויף איבער דער גאַס! אין קעלער ווערט אַן אונגערקע נישט קאַליע, און אויף דער זון — פוילט זי גלייך.

ער האָט שוין נישט געזען דעם ברודער פיר יאָר: די לעצ־טע זעונג מיט ניקיטען איז געווען אומעטיק, טרוקן; פּיאָטרן האָט זיך געדאַכט, אַז דער הויקער איז צערודערט, נישט צופרידן מיט זיין קומען; ער האָט זיך געקאָרטשעט, געטוליעט, באַהאַלטנדיק זיך, ווי אַ שלימאַק אין דער מושל: ער האָט גערעדט מיט אַ זויער קול נישט וועגן גאָט, נישט וועגן זיך און די אייגענע, נאָר בלויז וועגן די בויטן פון מאָנאַסטיר, וועגן די עולי־רגלניקעס און וועגן דער אָרעמקייט פון פאָלק. ער האָט גערעדט אַן חשק, מיט אַ בולטער אָנשטרענגונג. ווען פּיאָטר האָט אים פאַרגעלייגט געלט, האָט ער געזאָגט שטיל און נאַכלעסיק:

— דעם אָפּאַט גיב, איך דאַרף נישט.

ס'איז געווען צו באַמערקן, אַז אַלע מאָנאַכן קוקן אויפן פאָ־טער ניקאָדים מיט דרך ארץ; און דער אָפּאַט, אַ ריזיקער, אַ בייניקער, אַ באַוואָקסענער און טויבער אויף איין אויער, איז גע־לעך געווען צו אַ וואַלד־שד, אָנגעטון אין אַ סוטאַנע; קוקנדיק אין פּיאָטרס פּנים אריין מיט אַן אומהיימלעכן בליק פון די שוואַרצע אויגן, האָט ער געזאָגט איבערגעטריבן הויך:

— דער פאָטער ניקאָדים — איז דאָס באַשיינונג פון אונזער אָרעם הויז.

דער מאָנאַסטיר, פאַרבאָרגן אויף אַ נישט הויכן היגל, אינ־מיטן אַ פּאַליסאַדע פון ברוינע סאָסנעס, אונטער זייערע געדיכטע קרוינען, האָט באַגעגנט אַרטאַמאָנאָוון מיט אַ וואַכעדיקן געקלאַנג פון די דינע גלעקער, זיי האָבן גערופן צו דער אָוונט־תפילה. דער שווייצער, אַ גלייכער און לאַנגער ווי אַ דראָנג, מיט אַ קליין אי־בעריק, קינדעריש קעפל, אין אַ סקופייקע, אַן אָפּגעבלאַקירטער,

צעקנאָדערטער, האָט אויפעפנענדיק דאָס טויער, אַרויס־געמורמלט, פאַריענקענדיק זיך און זיך פאַרכלינענדיק:

— ס'ק־קאַ־אַצל...

און גלייך, מיט אַ פייף, אַרויסגעטעמט:

— ק־קו־ומט.

— אַ גראַנאַט־בלויע כמאַרע, וואָס האָט פאַרדעקט אַ האַלבן הימל, איז אומבאַוועגלעך געהאָנגען איבערן מאַנאַסטיר, פון איר איז אַלץ אַרום צוגעדריקט געווען מיט אַ געדיכטן, פייכטלעך שטי־קענדיקן אומעט, דער קופּערנער געשריי פון די גלעקער איז אָנ־מעכטיק געווען אים אַ ריר צו טון.

— איינער וועט עס נישט אויפהייבן, — האָט שולדיק גע־זאָגט דער משרת פון האָטעל, פּרוּווּנדיק אַראָפּטראָגן פון דער קי־ביטקע דעם קאַסטן מיט מתּנות פאַר ניקיטען, און אַ קלאַפּ געטון איבערן קאַסטן מיט דער קליינער, שוואַרצער פויסט.

אַ פאַרשטויבטער און אַ מידער איז פּיאָטר פאַמעלעך אַוועק־געגאַנגען אין סאַד אַריין צום ברודערס ווייסער צעלע, וואָס איז געמיטלעך געווען באַהאַלטן צווישן קערשנביימער און עפּלביימער: ער איז געגאַנגען און האָט געקלערט, אַז ער איז אומזיסט געקו־מען צו פאָרן אַהער, ס'וואָלט געווען גלייכער צו פאָרן אויפן יאַ־ריד. דער טרייסלדיקער וואַלדיקער וועג, פאַרפלאָנטערט אין וואַרצלען, האָט צעשאָקלט, צעמישט אַלע פאַרצאָקטע מחשבות, פאַרבייטנדיק זי מיט אַ נודנער עצבות, מיט אַ פאַרלאַנג אָפּצורוען, פאַרגעסן זיך.

— מען וואָלט באַדאַרפט אַ הוליע טון ווי ס'געהער צו זיין.

ער האָט דערזעען דעם ברודער זיצן אויף אַ באַנק, אין אַ האַלב־ראָד פון יינגע ליפּעס, פאַר אים, ממש ווי אויף עפּעס אַ באַקאַנט בילדל, זענען געווען אויסגעזעצט אַ מאַן צען עולי־רגל־ניקעס: אַ שוואַרצבערדיקער סוחר אין אַ לייוונטן מאַנטל, מיט אַ פוס, אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס און אָנגעשטעקט אין אַ גומע־נעם שוך; אַ דיקער זקן, ענלעך צו אַ סריס אַ פּראָצעטניק; אַ לאַנגהאָריקער בחור אין אַ זעלנערשן שינעל, אַ בייניקפּנימדיקער,

מיט פיש־אויגן: ווי אַ סלופּ אין געשטאַנען, אַזוי ווי אַ גנבֿ פּאַר אַ ריכטער, דער דריאַמאָווער בעקער מורזין, אַ שכּור און אַ שלע־גער, און האָט גערעדט הייזעריק:

— אמת: גאָט — איז ווייט.

צייכנענדיק איבער דער איינגעטרעטענער ערד מיט אַ ווייס שטעקעלע, נישט קוקנדיק אויף די מענטשן, האָט ניקיטאַ געלערנט:

— און וואָס נידעריקער ס׳איז דער מענטש, אַלץ העכער איז פֿון אים גאָט, געטריבן דורך דעם עיפּוש פֿון אונזער פֿוילן אין די זינד.

— ער טרייסט, — האָט אַ קלער געטון אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער און אין רעיון אַ שמייכל געטון.

— גאָט זעט: מיר גלייבן אָן מעשׂים; און אמונה אָן מעשׂים — נאָכוואָס דאַרף ער? וואו איז אונזער הילף אייגער דעם אַנדערן און וואו איז די ליבשאַפֿט? און וועגן וואָס בעטן מיר? אַלץ וועגן נישטיקע קלייניקייטן. מען דאַרף בעטן, אָבער פֿונדעסט־וועגן...

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, אַן ערך אַ מינוט געקוקט אויפן ברודער, אויפמערקזאַם, פֿון אונטן אַרויף. און פּאַמעלעך, ווי אַ גרויסע משׂא, האָט ער אויפגעהויבן דאָס שטעקעלע, אַזוי ווי האָבנדיק בדעה עמעצן דערמיט אַ קלאַפּ צו טון. דער הויקער איז אויפגעשטאַנען, האָט אָנמעכטיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, באַשיצנ־דיק די מענטשן מיטן צלם, נאָר, אָנשטאָט אַ תּפֿילה, האָט ער גע־זאָגט:

— אָט, — דער ברודער איז צו מיר געקומען.

דער אָנהאַריקער זקן האָט, נישט גוט פֿאַרקייל׳עכנדיק די קיו־פּערגע אויגן, אַ קוק געטון אויף פּיאָטרן און מיט אַ ברייטער באַ־וועגונג, מיט אַ בפֿירושער בכּיוונדיקייט, זיך איבערגעצלמט.

— גייט געזונטערהייט, — האָט צוגעגעבן ניקיטאַ.

די מענטשן האָבן זיך געלאָזט גיין צעקראָכן, ווי אַ סטאַדע פֿון אַ פּאַשע־פּליין, דער אַלטער האָט גענומען אונטערן אָרעם דעם

סוחר מיטן קראַנקן פוס, דער בעקער מורזין האָט אים גענומען אונטערן אַנדערן אָרעם.

— נו, שלום עליכם. בענטש.

מיט דער לאַנגער האַנט, באַפליגלט מיטן שוואַרצן אַרבל פון דער סוטאַנע, האָט דער פּאָטער ניקאָדים אַוועקגעשאַרט די צו אים אויסגעשטרעקטע, צונויפגעלייגטע הענט פונם ברודער און געזאָגט שטיל, אָן פרייד:

— כ'האָב זיך נישט געריכט.

אַ פּאָך טוענדיק מיטן שטעקעלע אין דער ריכטונג פון דער צעלע, האָט ער זיך געלאָזט גיין פאַרויס פאַרן ברודער, איז גע-גאַנגען היפּענדיק, צעשפּרייטנדיק די קרומע פיס, האַלטנדיק איין האַנט אויף דער ברוסט, באַם האַרץ.

— דו ביסט געעלטערט געוואָרן, — האָט פאַרלוירן באַמערקט דער ברודער.

— אויף דעם לעבט מען. די פיס האָבן אָנגעהויבן וויי טון. דאָס אָרט אונזערס איז פייכט.

ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ניקיטאַ איז געוואָרן נאָך מער האָרבאַטע; די פּלייצע און דער רעכטער אַקסל האָבן זיך אונטער-געהויבן, האָבן איינגעבויגן דעם קערפּער בענטער צו דער ערד און ווערנדיק דערפון נידעריקער, האָט ער אויסגעזעען ברייטער; דער מאָנאַך איז ענלעך געווען צו אַ שפּין, וועלכן מען האָט אָפּ-געריסן דעם קאָפּ און אָט קריכט ער בלינד, קרום איבערן וועגל, איבער שאַרף-שטייניקן זאַמד. אין דער ענגער, ציכטיקער צעלע איז דער פּאָטער ניקאָדים געוואָרן אַ ביסל גרעסער, נאָר נאָך שרעקלעכער; ווען ער האָט אויסגעטון דאָס קאַפּל, האָט מאַט, ווי באַ אַ מת, אַ גלאַנץ געטון זיין האַלב-נאַקעטער, אַזיווי אָנהויטיקער, ביי‌ניקער שאַרבן; אויף די שלעפן, הינטער די אויערן, אויפן קאַרק זענען געבליבן הענגען נישט גלייכע פּאַסמען גראָע האָר. דאָס פּנים איז אויך באַ אים געווען אַ בייניקס, מיט אַ קאָליר פון וואַקס; אוי-מעטום אויף די ביינער פון פּנים האָט געפעלט פלייש; די אָפּגע-בלאַקירטע אויגן האָבן עס נישט באַלויכטן, זייער בליק, האָט זיך געדאַכט, איז געווען קאָנצענטרירט אויפן שפּיץ פון דער היפּשער,

נאָר איינגעשרומפּענער נאָז, אונטער דער נאָז האָבן זיך קלאַנגלאַז באַוועגט די טונקעלע פּאַסיקלעך פון די אויסגעטרוקנטע ליפּן, דאָס מויל איז געוואָרן נאָך גרעסער, האָט צעטיילט דאָס פּנים מיט אַ טיפן אויסהויל און באַזונדער אומהיימלעך נישט אָנגענעם איז געווען דער גראָער שימל פון די האָר אויף דער אויבערשטער ליפּ.

שטיל, גלייך ער וואָלט זיך צוגעהערט צו עפּעס, און געלאַסן, אַזוי־ווי מיט שוועריקייט דערמאָנענדיק זיך די ווערטער, האָט דער מאָנאַך געזאָגט דעם די־קפּנימדיקן בחור, דעם צעלע־משרת, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ באָד־שמייסער:

— סאַמאָוואַר. ברויט. האָניק.

— ווי שטיל דו רעדסט.

— די ציין האָבן זיך אויסגעקרישלט.

דער מאָנאַך האָט זיך געזעצט צום טיש אין אַ הילצערנעם, אויף ווייס אָפּגעפאַרבטן, פּאָטעל.

— איר לעבט?

— מיר לעבן.

— טיכאָן לעבט?

— לעבט. וואָס דאַרף ער?

— שוין לאַנג איז ער נישט געווען בײַ מיר.

זיי זענען פאַרשוויגן געוואָרן. באַוועגנדיק מיט דער האַנט, האָט ניקיטאַ געשורשעט מיט דער סוטאַנע, דערדאָזיקער גרילן־שאָרך האָט נאָך מער געדיכט געמאַכט פּיאָטרס אומעט.

— איך האָב דיר מתנות געברענגט. זאָג, מען זאָל אַהערטראָגן דעם קאַסטן. ס׳איז דאָרט דאָ ווײַן. מען דערלויבט בײַ אײַך ווײַן?

דער ברודער האָט, אָפּזיפּצנדיק, געענטפערט:

— בײַ אונדז איז נישט שטרענג. ס׳איז בײַ אונדז — שלעכט. אפילו שכורים האָבן אויך זיך אָנגעהויבן ווייזן פון יענער צייט אָן, ווי דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן אָפּט באַזוכן דאָס הויז. מען טרינקט. וואָס זאָל מען טון? די וועלט אָטעמט און סמט אָפּ. מאָ־באַכן — זענען אויך מענטשן?

— כ'האָב געהערט — ס'גייען צו דיר אַ סך מענטשן ?

— מחמת אומפאַרשטאַנדיקייט איז דאָס, — האָט געזאָגט דער מאָנאַך. — יאָ, זיי גייען. דרייען זיך. זוכן צדקות, אַ צדיק. אָן אָנוויַיז, ווי אַזוי צו לעבן. מען האָט געלעבט, געלעבט, און — אָט. . . מיר קענען נישט. נישטאָ קיין געדולד.

פילנדיק, אַז דעם מאָנאַכס ווערטער מאַכן אים אומרויִק, האָט אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער אַ וואָרטשע געטון :

— פון וואָילטאָג. דאָס לייב-אייגנטום האָט מען געקענט דולדן, און די פרייהייט דולדעט מען נישט ! מען איז צו שוואַך געצוימט.

ניקיטאַ האָט צוגעשוויגן.

— בײַ די פריצים האָט מען זיך נישט אַרומגעבלאָנקעט, נישט אַרומגעוואָגלט.

דער הויקער האָט אַ קורצן בליק געוואָרפן אויף אים און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

אַזוי מיט שווערקייט געפינענדיק ווערטער, איבעררייסנדיק דעם שמועס מיט לאַנגע פויזעס, האָבן זיי גערעדט ביזוואַנען דער צעלע-דינער האָט געברענגט דעם סאַמאָוואַר, שמעקעדיקן ליפּאָווע מעד און וואַרעם ברויט, פון וועלכן ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ פאַרשיכורנדיקע פאַרע. זיי האָבן אויפמערקזאַם געקויקט, ווי דער ווייסהאָריקער משרת האָט אומגעשיקט זיך געפּאָרעט אויף דער פאָדלאָגע, אויפעפענענדיק דאָס דעקל פון קעסטל. פיאָטר האָט אָוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ סלאָיק מיט פרישן קאַוויאָר, צווי פלעשער.

— פאַרטוויין, — האָט איבערגעליינט ניקיטאַ. — דעמדאָזיקן וויין האָט ליב דער אָפּאַט. אַ קלוגער מענטש. פאַרשטייט אַ סך.

— און אָט איך — פאַרשטיי ווייניק, — האָט אַרויסרופנדיק זיך מודה געווען פיאָטר.

— וויפיל מען דאַרף — פאַרשטייסטו אויך, און מער — נאָכוואָס דען ? מער ווי מען דאַרף, איז שעדלעך צו פאַרשטיין.

דער מאָנאַך האָט פאַרזיכטיק אָפּגעזיפצט. אין זיינע ווערטער

האָט זיך דערהערט פּיאָטרן עפּעס ביטערס. די סוטאַגע האָט ברוי־דיק און פעט געגלאַנצט אין דער טונקלקייט, וואָס איז קאַרג באַ־לויכטן געווען מיט אַ פייערל פון אַן אייל־לעמפּל אין ווינקל און מיטן פייער פון אַ בילקן לאָמפּ, מיט אַ געל גלעזל, אויפן טיש. באַמערקנדיק, מיט וואָסער אויסגערעכנטער גירקייט דער ברודער האָט אויסגעזויגן דאָס גלעזל מאַדערע, האָט פּיאָטר שפּאָטיש אַ קלער געטון:

— ער פאַרשטייט אַן עסק.

נאָך יעדן גלעזל האָט ניקיטאַ, אָפּציפּנדיק מיט די מאָגע־רע און זייער ווייסע פינגער אַ ווייך שטיקל ברויט, עס געטונקען אין האָניק און, נישט איילנדיק זיך, געקייעט; ס'האָט זיך גע־שאָקלט זיין גראָ, ממש אויסגעציפּט בערדעלע. ס'איז נישט קענ־טיק געווען, אַז דער ווין זאָל פאַרשכורן דעם מאָנאַך, נאָר זיינע טריבלעכע אויגן זענען העלער געוואָרן, פאַרגלייבנדיק ווייטער אַזוי קאָנצענטרירט אויף דער שפּיץ נאָז. פּיאָטר האָט געטרונקען פאַרזיכטיק, נישט וועלנדיק זיך ווייזן פאַרן ברודער שכורהייט, ער האָט געטרונקען און געקלערט:

— וועגן נאַטאַליען — פרעגט ער נישט. און דאָס פריער־דיקע מאָל האָט ער אויך נישט געפרעגט. ער שעמט זיך. ער פרעגט נישט וועגן קיינעם, זיי זענען וועלטלעכע. אָבער ער איז — אַ צדיק. אים — זוכן מענטשן.

ביז אַ רייב טוענדיק מיט דער באָרד איבערן וועסטל, אַ רייס געבנדיק זיך באַם אויער, האָט ער געזאָגט:

— געשיקט האָסטו זיך דאָ באַהאַלטן. גוט.

— פריער איז געווען גוט, אַציגד איז ערגער. אַ סך עולי־גלניקעס. דידאָזיקע אויפנאַמען...

— אויפנאַמען? — פּיאָטר האָט אַ לאַך געטון. — ווי באַ אַ ציין־דאָקטאָר.

— איך וועל זיך איבערקלייבן ערגעץ־וואו אין אַ שטילער אָרט, — האָט געזאָגט דער מאָנאַך, פאַרזיכטיק אָנגיסנדיק ווין אין די גלעזלעך.

— וואו ס'איז רויקער, — האָט צוגעגעבן פּיאָטר און זיך

ווידער צעשמייכלט, און דער מאַנאַך האָט אויסגעזויגן דעם ווייַן, אָפּגעלעקט די ליפּן מיט דער טונקעלער שמאַטעוואַטער צונג און אָנגעהויבן רעדן, אַ שאָקל געבנדיק מיטן בייניקן קאָפּ:

— זייער בולט וואַקסט די צאָל פון דעם אומרויק געוואָרע־נעם פאָלק. מען באַהאַלט זיך, מען וויל זיך אויסבאַהאַלטן פון די דאגות...

— איך זע דאָס נישט, — האָט געענטפערט פּיאָטר, וויסנ־דיק, אַז ער זאָגט ליגנט. — דאָס האָסטו זיך באַהאַלטן, — האָט זיך אים געוואָלט זאָגן.

— און די זאָרג, ווי אַ שאָטן, נאָך זיי...

אויף פּיאָטרס צונג זענען פון זיך אַליין אָנגעוואַקסן ווערטער פון תרעומות; ס׳האָט זיך אים געגלוסט צו שפּאַרן זיך, אפילו אָנ־צושרייען אויפן ברודער און, טראַכטנדיק וועגן זון, האָט ער גע־זאָגט מיט אַ בייזער שטים:

— דער מענטש זוכט אַליין דאגות, זוכט אַליין די נויט! טו דיין זאַך, קליגל זיך נישט מיטן שכל — וועסטו לעבן רויק!

אָבער דער ברודער האָט, ווייזט אויס, נישט געהערט זיינע ווערטער, פאַרטויבט פון אייגענע געדאַנקען; ער האָט פּלוצלינג אַ טרייסל געטון מיטן קאַנטיקן קערפּער, גלייך ער וואָלט זיך אויפ־געכאַפּט; די סוטאַנע האָט אַ שווים געטון פון אים אין שוואַרצע שטראָמלעך, קרומענדיק די ליפּן האָט ער אָנגעהויבן רעדן זייער דייטלעך און אויך אַזויווי בייזערנדיק זיך:

— קומען צו גיין, בעטן: לערן אויס! אָבער — וואָס וויים איך, וואָס קען איך אויסלערנען? איך בין אַ מענטש נישט קיין חכם. מיך — האָט דער אָפּאַט אויסגעטראַכט. איך אַליין — וויים גאָרנישט, ווי אַ נישט ריכטיק פאַרמשפּטער. מען האָט פאַרמשפּט: לערן! אָבער — פאַרוואָס האָט מען פאַרמשפּט?

— ער גיט אָנצוהערן, — האָט געטראַכט אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער — ער וויל זיך באַקלאָגן.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז בא ניקיטען זענען פאַראַן סיבות צו באַקלאָגן זיך אויף זיין גורל, ער האָט אויך פריער, באַזוכנדיק

אים, דערוואַרט דידאָזיקע טענות. און אַ ריס געבנדיק זיך באַם אויער, האָט ער באַמערקט דעם ברודער:

— אויפֿן גורל קלאָגן זיך פֿיל, נאָר דאָס איז — צו גאָרנישט.

— יאָ; צופֿרידענע איז נישט צו באַמערקן, — האָט געזאָגט דער הויקער, אָנשטעלנדיק די אויגן אין ווינקל, אויפֿן פֿייער פֿון אייל־לעמפּל.

— און דיר האָט נאָך דער טאַטע עליו השלום אָנגעזאָגט: טרייסט! זיי אַ טרייסטער.

ניקיטאַ האָט שמייכלדיק צעצויגן דאָס מויל, האָט צונויפֿגענומען דאָס שאַטיגע בערדל זיינס אין דער גאָרשטש און דערמיט אָפּגעווישט דעם שמייכל, ווייטער זייענדיק אין דער טונקלקייט אַריין די ווערטער, וועלכע האָבן, שטויסנדיק פּיאַטרן, געוועקט אין אים הן בייגיריקייט, הן אַ געשפּאַנטע דערוואַרטונג פֿון עפּעס געפערלעכס.

— זיי, דאָ, רעדן איין מיר און מענטשן, אַז איך בין כּלומרשט אַ חכם; דאָס איז, נאַטירלעך, לטובת דעם הויז, כּדי צוצוציִען מענטשן. נאָר פֿאַר מיר איז דאָס אַ שווערע עובֿדה. דאָס איז, ברודער, אַ שטרענגער ענין! מיט וואָס טרייסטן? זייט געדולדיק, זאָג איך. און — זע: דאָס דולדן האָט שוין אַלעמען דערעסן. האָפֿט, זאָג איך. אָבער אויף וואָס האָפֿן? מיט גאָט ווערן זיי נישט געטרייסט. דאָ קומט צוגיין אַ בעקער...

— דאָס איז — אַן אונזעריקער, מורזין, ער איז אַ שכּור, — האָט געזאָגט אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער, וועלנדיק אַוועקטרייבן, אָפּשטויסן עפּעס.

— ער האַלט זיך שוין פֿאַר אַ שופֿט איבער גאָט, פֿאַר אים איז שוין גאָט נישט דער באַלעבאָס פֿון דער וועלט. אַצינד איז אַזעלכע עזות־פּנימער נישט ווייניק פֿאַראַן. דאָ איז נאָך דאָ אײנער אַן אָנבערדיקער, — האָסט באַמערקט? דאָס איז — אַ שלעכטער מענטש, דערדאָזיקער איז דער גאַנצער וועלט אַ שונא. זיי קומען, פֿרעגן אויס. וואָס קאָן מען זיי זאָגן? זיי קומען נאָר צו גיין דערויף, כּדי צו צערודערן.

דער מאַנאַך האָט גערעדט אַלץ לעבהאַפטער. דערמאַנענדיק זיך, ווי אַזוי ער האָט געזען דעם ברודער אין די פריערדיקע באַזוכן, האָט פּיאָטר באַמערקט, אַז ניקיטעס אויגן פינטלען נישט אַזוי שולדיק, ווי פריער. פריער פלעגט דעם הויקערס שפּירן זיין שולד באַרויקן — אַ שולדיקער קאָן זיך נישט באַקלאָגן. און אַצינד קלאָגט ער זיך גאָר, דערקלערט, אַז ער איז נישט ריכטיק פאַרמשפּט געוואָרן. און דער עלטערער אַרטאַמאַנאָוו האָט מורא געהאַט, אַז דער ברודער וועט אים זאָגן:

— דאָס האָסטו מיך פאַרמשפּט!

אָנכמורענדיק זיך, שפּילנדיק זיך מיטן קייטעלע פון זייגער, האָט ער צוגעזוכט ווערטער צום פאַרטיידיקן זיך.

— יאָ, — האָט געזאָגט דער הויקער און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אין געהיים איז ער צופרידן מיט דעם, אויף וואָס ער קלאָגט זיך. — די מענטשן ווערן אַלץ צודרינגלעכער, די געדאַנקען. זענען באַ זיי עזותדיקע. אַגוּמלט האָט געוואוינט באַ אונז, אַ וואַך צווייי, אַ געלערנטער, נאָך אַ ייִנגער, נאָר אַזוי ווי עפּעס אַ צעחושטער, אַן איבערגעשראָקענער מענטש. דער אָפּאַט רעדט מיר איין: דו, זאָגט ער, שטאַרק אים מיט דיין פּשטות, דו, זאָגט ער, זאָג אים אַזוי און אַזוי. און איך קיין פרעמדע געדאַנקען געדענק נישט. ער, דער געלערנטער מיין איך, האָט מיר שעהנווייז די אָדערן געטרעגט, ער רעדט און רעדט, און איך פאַרשטיי אפילו נישט זיינע ווערטער, נישט נאָר די געדאַנקען. דעם טייוול, זאָגט ער, אַלס הערשער פון אונזער קערפּער קאָן מען נישט אָנערקענען, דאָס וועט זיין אַ טאָפּל־גאָטהייט און אַ באַליידיקונג פאַר קריסטוּסעס קערפּער, צו וועלכן מיר ריכטן אָפּ קאָמוניע: „דעם גוף קריסטוסעס נעמט אָן, פון אומשטערבלעכן קוואַל געניסט". ער לעסטערט גאָט: זאָל, זאָגט ער, זיין אַ גאָט מיט הערנער, נאָר — איינער, אַנדערש איז נישט מעגלעך צו לעבן. ער האָט מיך פאַרפּייניקט, כ'האָב פאַרגעסן אַלע איינקנעלונגען פון פאָטער פעאָדאָר, כ'שריי: „דער קערפּער דיינער — איז געשטאַלטענדערונג, און דער גייסט — פאַרניכטונג". דער אָפּאַט האָט מיך

שפּעטער געזידלט: „וואָס האָסטו, זאָגט ער פאַר אַן אַפּקורסישע זינלאָזיקייט אַרויסגעפּלאַפּלט?״ יאָ, אַזוי...

די דערציילונג האָט זיך אויסגעוויזן פּיאָטרן קאָמיש און, אַרויסשטעלנדיק דעם ברודער אין אַ גנעבעכדיקער פּאָזע, האָט זי אַביסל באַרויקט אַרטאַמאָנאָוון דעם עלטערן.

— וועגן גאָט איז שווער צו רעדן, — האָט ער אַ וואָרטשע געטון.

— שווער, — האָט מסכּים געווען דער פאָטער ניקאָדים און געפרעגט בוימלדיק, ביטער: — געדענקסט, דער פאָטער פלעגט לערנען: מיר זענען — מענטשן שוואַרץ־אַרבעטער, ס'איז צו הויך פאַר אונז דידאָזיקע חכמה?

— כ'געדענק.

— יאָ, דער פאָטער פעאָדאָר לערנט: לייען ביכער! איך לייען, און דאָס בוך פאַר מיר, ווי אַ ווייטער וואַלד, רוישט נישט דייטלעך. אויפן הייניטיקן טאָג ענטפערט נישט דאָס בוך. ס'זענען איצט אויפגעקומען אַזעלכע געדאַנקען, — וועסט זיי מיט קיין בוך נישט פאַרדעקן. סעקטאַנטן האָבן גענומען גיין פון אומעטום. מענטשן שמועסן, ווי מען דערציילט חלומות אָדער — פון שכּרות. אָט דערדאָזיקער מורזין...

דער מאָנאַך האָט אויסגעטרונקען דעם פּאָרטווייַן, האָט געקייעט אַ שטיקל ברויט און, אויסוועלגערנדיק אַ ווייך שטיקל ברויט אין אַ נישט גרויס קייקעלע, האָט ער עס אָנגעהויבן מיטן פינגער אַרומיאָגן איבערן טיש, רעדנדיק ווייטער:

— דער פאָטער פעאָדאָר זאָגט: דאָס גאַנצע אומגליק — איז פון פאַרשטאַנד; דער טייוול האָט אים אָנגעצונדן ווי אַ ביינן הונט, ער רייצט אים און דער הונט בילט אויף אַלץ גלאַט אין דער וועלט אַריין. ס'קאָן זיין דאָס איז אמת, אָבער — איינשטימען איז באַליידיקענד. דאָ איז פאַרהאַן אַ דאָקטאָר, אַ פּשוטער מענטש, אַ פריילעכער, קלערט ער אַנדערש: — דער פאַרשטאַנד איז אַ קינד, פאַר אים איז אַלץ אַ שפּילעכל, אַלץ — איז פאַרוויילנדיק; ער וויל אַ קוק טון, ווי אַזוי ס'איז איינגעאָרדנט סיי

דאָס, סיי יענץ, און וואָס איז אינעווייניק. נו, צעבערעכט ער, נאָ־טירלעך...

— באמת, — דו רעדסט געפערלעך, — האָט באַמערקט פּיאָטר. דעם ברודערס ווערטער האָבן אים ווידער אומרויק גע־שטויסן, האָבן אים צעשאָקלט, פאַרוואונדערנדיק און שרעקנדיק מיט זייער אומגעריכטקייט, שאַרפקייט. אים האָט זיך אויפסניי פאַר־גלוסט צו פלעפן ניקיטען, אים נידעריק צו מאַכן.

— ער האָט זיך אָנגעשיכורט דער מאָנאַך, — האָט ער זיך געפרווט באַרויקן.

אין דער צעלע איז געוואָרן דושנע, ס'איז געשטאַנען אַ ריח פון קוילן און לאַמפּאַדן־אייל, אַ ריח, וואָס האָט געלאָשן פּיאָטרס געדאַנקען. פון דעם קליינעם, שוואַרצן פענצטער־קוואַדראַט האָבן אַראָפּגעקוקט אומבאַוועגלעכע בלעטער פון עפּעס אַ געוויקס, זיי האָבן אויסגעזעען אייזערנע. און דער ברודער, ענלעך צו אַ שפּין, האָט שטיל און האַרטנעקיק געשפּינען זיין שפּינוועבס.

— אַלע געדאַנקען — זענען געפערלעך. באַזונדער — די פּשוטע. נעם טיכאָנען.

— אַ האַלבמשוגענער.

— ניין, בחינם! באַ אים איז דער פאַרשטאַנד — אַ שטרענ־גער. איך האָב מתחילת אפילו מורא געהאַט צו רעדן מיט אים, ס'האָט זיך געגלוסט, און כ'האָב מורא געהאַט! נאָר ווען דער פאָטער איז געשטאָרבן — האָט טיכאָן מיך זייער צוגערוקט צו זיך. דו האָסט דאָך דעם טאַטן נישט אַזוי ליב געהאַט, ווי איך. דיך און אַלעקסייען האָט נישט באַליידיקט דערדאָזיקער אומגערעכטיקער טויט, און טיכאָנען האָט עס באַליידיקט. איך בין דאָך דעמאָלט נישט אויף דער מאָנאַכין פאַר איר נאַרישקייט בייז געוואָרן, נאָר אויף גאָט, און טיכאָן האָט דאָס גלייך באַמערקט. אָט, זאָגט ער, אַ מוק לעבט, און אַ מענטש...

— דו רעדסט פון וועג! — האָט שטרענג באַמערקט פּיאָטר. — האָסט צופיל געטרונקען. וואָס פאַר אַ מאָנאַכין?

ניקיטאַ האָט האַרטנעקיק פאָרגעזעצט:

— טיכאָן זאָגט: אויב גאָט איז באַלעבאָס פון דער וועלט,

דאַרפן די רעגנס גיין אין דערצייט, אַזוי, ווי ס׳איז נוצלעך פאַר דער תבואה און פאַר די מענטשן. און אויך נישט אַלע שרפות זע־נען פון מענטש; די ווילדער צינדט אָן אַ בליץ. און צוואָס האָט קין געדאַרפט זינדיקן, אויף אונזער טויט? באַכוואָס דאַרף גאָט האָבן פאַרשידענע קריפּלעריי; הויקערדיקע, אַ שטייגער, באַכוואָס דאַרף ער?

— אהאַ, אָט דאָס איז עס! — האָט אַ קלער געטון פּיאָטר, אַריינשמייכלענדיק אין דער באָרד אַריין, פילנדיק אַז דעם ברו־דערס טענות צו גאָט באַרויקן אים; ס איז גוט, וואָס דער מאָנאַך קלאָגט זיך נישט אויף די אייגענע.

— קינען — איז נישט צו פאַרשטיין. דערמיט האָט טיכאָן מיך, ווי אויף אַ קייט צוגעשמידט. פון פאָטערס טויט אָן האָט עס זיך אָנגעהויבן באַ מיר. איך האָב געטראַכט: כ׳וועל אַוועקגיין אין אַ מאָנאַסטיר, — וועט עס פאַרלאָשן ווערן. אָבער — ניין. אַזוי לעב איך אַלץ אין דידאָזיקע רעיונות.

— פריער האָסטו וועגן דעם געשוויגן...

— אַלץ וועסטו מיטאַמאָל נישט אַרויסזאָגן. יאָ, איך וואָלט אפשר דאָס גאַנצע לעבן געשוויגן, נאָר די עולי־רגלניקעס שטערן. זיי באַאומרויקן דאָס געוויסן. און — ס׳איז געפערלעך, ס׳קאָנען פלוצ־לינג גאָר אַרויסקריכן טיכאָנס ווערטער אין מיינע רייד. ניין, ער איז אַ קלוגער מענטש, כאָטש איך האָב אים, אפשר, נישט ליב. ער קלערט וועגן דיר אויך: אָט, זאָגט ער, האָט געהאָרעוועט אַ מענטש פאַר די קינדער־וועגן, און די קינדער זענען אים פרעמד...

— וואָס איז דאָס ווידער? — האָט פּיאָטר געפרעגט בייז. — וואָס קאָן ער וויסן?

— ער ווייסט. דאָס געשעפט, זאָגט ער, איז אַ גזלנ־רעריי...

— איך האָב געהערט... אים, דעם טפּוש, דאַרף מען אַרויסטרייבן, יאָ — צופיל ווייסט ער וועגן פאַמיליען־ענינים, אונזערע...

אַרטאַמאָנאָוו האָט דאָס געזאָגט, וועלנדיק דערמאָנען ניקיטען

אָן דער פינגלעכער נאַכט, ווען טיכאָן האָט אים אַראָפּגענומען פון שטריק, נאָר קלערנדיק וועגן יינגל ניקאָנאָוו. דער מאָנאַך האָט נישט פאַרשטאַנען די אָנצוהערעניש; ער האָט אויפגעהויבן דאָס גלעזל צום מויל, אָפּגעטונקען די צונג אין וויין און, אָפּלעקנדיק די ליפּן, פאַרגעזעצט מיט בלעכערנע ווערטער:

— טיכאָנען האָט אויך עמעצער באַוועלט, ער האָט זיך טאַקע אָפּגעריסן פון אַלע, ווי אַ רוּבּינירטער...

מען האָט געדאַרפט אָוועקפירן דעם מאָנאַך פון די געדאַנקען.

— וואָס זשע, צי דו גלייבסט גאָרנישט אַצינד אין גאָט? — האָט ער געפרעגט און זיך פאַרוואונדערט: ער האָט געוואָלט פרעגן גיפטיק, און ס'איז אַרויסגעקומען עפּעס גאָרנישט אַזוי.

— ס'איז שווער צו פאַרשטיין, ווער עס גלייבט אַצינד, — האָט נישט מיטאַמאָל געענטפערט דער מאָנאַך. קלערן — קלערט מען אַ סך, און קיין אמונה זעט מען נישט. ס'איז גאָר נישטאָ וואָס צו קלערן, ווען מען גלייבט. יענער, וואָס האָט וועגן דעם גאָט מיט די הערנער גערעדט...

— לאָז צו רו, — האָט געזאָגט פּיאָטר, זיך אומקוקנדיק. — דאָס אַלץ איז — פון לאַנגווייליקייט, פון ליידיקגיין. מען וואָלט אַלע באַדאַרפט איינשפּאַנען אין אייזערנע כאָמוטן.

— ניין, אין צוויי גלייבן קאָן מען נישט, — האָט עקשנותדיק געזאָגט דער פאָטער ניקאָדים.

שוין דאָס צווייטע מאָל האָט מען אויפן גלאָקן־טורם געשלאָגן אין גלאָק; די געמאָסטענע קלעפּ האָבן געשטאַרקעט אין דער שוואַרצער שויב פון פענצטער. פּיאָטר האָט געפרעגט:

— צו דער גאָטעס־דינסט וועסטו גיין?

— איך גיי נישט. די פיס לאָזן נישט שטיין.

— דו ביסט דאָ מתפּלל פאַר אונז?

דער מאָנאַך האָט נישט געענטפערט.

— נו, איך וואָלט געוואָלט אַ ביסל שלאָפן, איך האָב זיך איינגעמידט אויפן וועג.

ניקיטאַ האָט שווייגנד זיך אָנגעשפּאַרט מיט די לאַנגע הענט אין די הענטלעך פון פּאָטעל, האָט פּאַרזיכטיק אויפגעהויבן דעם קאַנטיקן קערפּער זיינעם, אַ רוף געטון:

— מיטיאַ, מיטרי?

און האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט, זאָגנדיק שולדיק:

— זיי מוחל: איך האָב פאַרגעסן, דער משרת מיינער שלאָפט אין גאַסטהויז. כ׳האָב אים אַוועקגעשיקט; ס׳האָט זיך געגלוסט פריי צו רעדן אַ ביסל, און זיי זענען דאָ אַלע אָפּטראָגער, מוסרים...

ער האָט איבעריק און פילווערטערדיק אויסגעמשלט דעם ברודער דעם וועג אין גאַסטהויז אַריין און ווען פּיאָטר איז אַרויס־געקומען אין דער פינצטערניש, אונטערן קאַלטן, שטויביקן רעגן, האָט ער אַ קלער געטון:

— ס׳האָט זיך נישט געגלוסט, דעם פלוידערזאַק, אַז איך זאָל אַוועקגיין.

און ראַפּטום, מיט דער באַקאַנטער שרעק, האָט אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער דערפילט, אַז ער גייט אויפסניי איבערן ראַנד פון אַ טיפן טאָל, וווּהין ער קאָן אין דער פאָלגנדער מינוט אַריינ־פאַלן. ער האָט פאַרגיכערט דעם טריט, אויסגעשטרעקט די הענט פאָרויס, טאַפּנדיק מיט די פינגער דעם וואַסערדיקן שטויב פון דער נאַכט־פינצטערניש, קוקנדיק אָן אָפּרייס אין דער ווייט, אויף דעם פעטן פלעק פון לאַמטער.

— ניין, — האָט ער געשווינד געטראַכט, שטרויכלענדיק זיך, דאָס אַלץ באַדאַרף איך נישט. מאָרגן פאָר איך אַוועק. איך דאַרף נישט. וואָס איז געשעען? איליאַ וועט זיך אומקערן! ניין, מען מוז לעבן פעסט. אָט ווי אַלעקסיי האָט זיך צעשפּילט. ער קאָן מיך טאַקע איבערשפּילן אויך.

וועגן אַלעקסייען האָט ער געקלערט געניייטערהייט, וואָרים ער האָט נישט געוואָלט טראַכטן וועגן ניקיטען, וועגן טיכאָנען. נאָר ווען ער האָט זיך געלייגט אויף דער האַרטער קויקע פונם מאָנאַסטירישן גאַסטהויז, האָבן אים ווידער אַרומגענומען די פּלאָגנ־דיקע געדאַנקען וועגן מאָנאַך, וועגן הויזוועכטער. וואָס איז עס פאַר

אַ מענטש דער טיכאָן? אויף אַלץ אַרום פאַלט זיין שאָטן, זיינע ווערטער קלינגען אין די קינדישע רייד פונם זון, מיט זיינע געדאַנקען איז פאַרכישופט דער ברודער.

— אַ טרייסטער! — האָט ער געטראַכט וועגן ברודער. — אָבער, אָט סעראַפים, דער פּראָסטער טשעסלאַר, קען טרייסטן.

ס'האָט זיך נישט געשלאָפן, ס'האָבן געביסן די מוקן, הינטער דער וואַנט האָבן געמורמלט אין דריי שטימען עפּעס מענטשן, פּיאָטר האָט אַ קלער געטון, אַז דאָס מוז זיין דער בעקער מורזין, דער סוחר מיטן קראַנקן פוס און דער מענטש מיטן פּנים פון אַ סריס.

— זיי שכורן זיכער.

דער מאָנאַסטיר־וועכטער האָט פון צייט צו צייט געקלאַפּט מיטן העמערל אין אייזערנעם ברעט אַריין; נאָכדעם האָט מען פּלוצלינג, זייער איילִיק, אַזויווי האָבנדיק פאַרשפּעטיקט, דערשראָקן גערופן צום פרימאָרגן־געבעט און אונטער דעמדאָזיקן קלונג האָט פּיאָטר איינגעדרימלט.

דער ברודער איז געקומען צו אים דער אייגענער, ווי ער האָט אים געזען נעכטן, אין סאָד, מיטן זעלביקן פרעמדן און שלעכט־כוונהדיקן בליק פון דער זייט און פון אונטן אַרויף. אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער האָט זיך איילִיק אָפּגעוואַשן, האָט זיך אָנגעטון און באַפוילן דעם דינער, אַז מען זאָל געבן אַ פערד צו דער נאָענטסטער פּאָסט־סטאַנציע.

— וואָס עפּעס אַזוי גיך? — האָט געפרעגט דער מאָנאַך, נישט וואונדערנדיק זיך. — איך האָב געמיינט, — דו וועסט דאָ זיין אַ ביסל.

— דאָס געשעפט דערלויבט נישט.

זיי האָבן געטרונקען טיי. פּיאָטר האָט לאַנג געטראַכט, וועגן וואָס צו פרעגן דעם ברודער. און — ער האָט זיך דערמאָנט.

— הייסט עס — ווילסט אוועקגיין פונדאַנען?

— איך קלער. זיי לאָזן נישט אוועק.

— וואָס זשע ווילן זיי?

— איך לוין פאר זיי. כ'בין נוצלעך.

— אזוי. און — וואוהין זשע ווילסטו?

— כ'וועל אפשר — וואנדערן.

— מיט די קראנקע פיס?

— אנפיסיקע באוועגן זיך אויך.

— דאס איז — אמת, מען באוועגט זיך, — האט מסכים געווען פיאטר.

זיי האבן געשוויגן א ווײַלע. דערנאך האט ניקיטא גע־זאגט:

— גריס טיכאנען.

— נאך וועמען?

— אלע.

— גוט. און וואס פרעגסטו גארנישט, ווי אלעקסיי לעבט?

— וואס איז דא צו פרעגן? איך — ווייס, ער — קען. איך וועל, אפשר, איינגיכן אוועקגיין פונדאנען.

— ווינטער וועסטו נישט אוועקגיין.

— פארוואס? מען גייט ווינטער אויכעט.

— אמת, מען גייט, — האט ווידער איינגעשטימט פיאטר און האט פארגעלייגט דעם ברודער געלט.

— גיב אהער, צו פארריכטן די מיל וועט עס גיין. צום אפאט וועסטו נישט אריינגיין?

— נישטא קיין צייט, איך האב שוין דאס פערד.

באם געזעגנען האבן די ברידער זיך ארומגענומען. ארומצו־בעמען ניקיטען איז געווען נישט באקוועם. ער האט נישט געבענטשט דעם ברודער, די רעכטע האנט זיינע האט זיך פארפלאנטערט און ארבל פון דער סוטאנע און פיאטר האט א קלער געטון, אז זי האט זיך אומישנע פארפלאנטערט. אנשפארנדיק זיך מיטן הויקער אין זיין בויך, האט ניקיטא מיט א דומפ קול א בעט גע־טון:

— זיי מיר מוחל, וויבאלד איך האב נעכטן עפעס איבע־ריקס געזאגט.

— נו, וואס רעדסטו! מיר זענען דאך — ברידער.

— טראַכסט, טראַכסט אין די נעכט...

— יאָ, יאָ! נו, זיי געזונט...

אַרויספאָרנדיק אויף יענער זייט טויער פון מאָנאַסטיר, האָט פּיאָטר זיך אומגעקוקט און אויף דער ווייסער וואַנט פון גאַסטהויז דערזעען דעם ברודערס פיגור, ענלעך צו אַ שטיין.

— זיי געזונט, — האָט ער אַ וואָרטשע געטון, אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל, זיין קאָפּ האָט געדיכט באַזאַלצן דער דראָבנער רעגן. מען איז געפאָרן דורך אַ סאָסנאָווע וואַלד, ס'איז געווען זייער שטיל, נאָר דאָס שטעכעכץ פון די סאָסנעס האָט גלאָזיק געקלונגען אונטער די קייקעלעך פון רעגן. אויף דער קעלניע פון דער בריטשקע איז אונטערגעשפּרונגען אַ מאָנאַך, און דאָס פערד איז געווען אַ רויטלעכס, מיט עפּעס אַזעלכע אָפּגעקראַכענע אויערן.

— וועגן וואָס זיי רעדן! — האָט געקלערט פּיאָטר. — גאָט שיקט נישט די רעגנס אין דער צייט. דאָס אַלץ איז פון רשעות, פון קנאה, פון פאַרקריפּלטקייט. פון פוילקייט, קיין דאגות האָבן זיי נישט. אָן דאגות איז דער מענטש, ווי אַ הונט אָן אַ באַלעבאָס.

פּיאָטר האָט זיך אומגעקוקט, זיך איינגעטוליעט, האָט איינגעפונען, אַז דער רעגן גייט ווירקלעך נישט אין דער צייט, און אויפסניי האָבן אים, ווי אַ גראָער וואָלקן, אַרומגעהילט די נישט פריילעכע מחשבות. כדי זיך צו באַפרייען פון זיי, האָט ער געטרונקען בראָנפן אויף יעדער סטאַציע.

איבאָוונט, ווען פונדערווייטנס האָט זיך באַוויזן אַ רויכיקע שטאָט, האָט דעם וועג איבערגעשניטן אַ פאַרסאָפּעטע באַן, זי האָט אַ פייף געטון, אַרויסגעהויכט דאַמף און זיך איינגעשניטן אונטער דער ערד, איז פאַרשוואונדן אין עפּעס אַ מין האַלב-קיילעכיק לאָך.

III.

דערמאַנענדיק זיך די שטורמישע טעג פונם לעבן אויפן יאַריד, האָט פיאָטר אַרטאַמאָנאָוו געשפּירט אַן אומהיימלעכע שטימונג, כמעט אַ שרעק; ס'האָט זיך נישט געגלייבט, אַז אַלץ, וואָס אין זכרון האָט ווידער אויפגעלעבט, האָט ער טאַקע געזעען אין דער וואָר און ער אַליין האָט געזאָטן אין דעם ריזיקן, שטיינערנעם קעסל, פול מיט געפילדער, ליאַרם פון מוזיק, געזאַנג, געשרייען, שכורער התפעלות און האַרץ־קלעמענדיקן, באַנגן געוואָי פון די צעדולטע מענטשן. געקאָכט און צעמישט האָט דאָס אַלץ דער גרויסער געלאָקטער מענטש אין צילינדער און סורדוט; אויף דעם בלאָען, געגאָלטן פנים זיינעם זענען איינגעקלעפט געווען רעליעפע, סאָווישע אויגן; דערדאָזיקער מענטש האָט געפּאַטשט מיט די גראָבע ליפּן און, אַרומנעמענדיק, שטויסנדיק אַרטאַמאָנאָוון, געיעלהוועט:

— שוטה — שווייג! ס'איז רוסלאַנדס טויפונג, פאַרשטייסט? די יערלעכע טויפונג אויף דער וואָלגע און דער אָקע!

מיטן פנים איז ער ענלעך געווען צו אַ קוכער, און לויט דער קליידונג צו איינעם פון יענע מענטשן מיט די פאַקעלן, וועלכע מען דינגט צו באַגלייטן רייכע מתים אויף די בית־עלמינס. פיאָטר האָט נעפלדיק געדענקט, אַז ער האָט זיך געשלאָגן מיטן דאָזיקן מענטש, און דערנאָך האָבן זיי געטרונקען קאָניאַק, צעמישנדיק אין אים אייזקרעם, און דער מענטש האָט, וויינענדיק, גערעדט:

— פאַרשטיי דעם יאָמער פון דער רוסישער נשמה! מיין פאָטער איז געווען אַ גלח, און איך — אַ נישט!

דאָס קול איז בײַ אים אַ געדיכטס, אַ טרומייטנדיקס, נאָר אַ ווייכס, ער האָט באַגאָסן אַלע מענטשן מיט אַ פינצטערן מבול פון

אומגעהערטע ווערטער און דידאָזיקע ווערטער האָבן געוואַלטיק אויפגערעגט:

— צעפּאַלונג פון קערפּער! — האָט ער געשריגן. — אַ מלחמה מיטן טייוול! וואַרפט אים צו, דעם חזיר, דעם שמוציקן צינג! שטיל איין דעם קערפּערלעכן בונט, פּיעטיאַ! וועסט נישט האָבן געזינדיקט, וועסטו נישט תשובה טון — וועסט נישט תשובה טון — וועסטו נישט אויסגעלייזט ווערן. וואָס אָפּ די נשמה! אין באָד גייען מיר, דעם גוף וואַשן מיר? און — די נשמה? די נשמה פאַרלאַנגט אַ באָד. גיט רחבות דער רוסישער נשמה, דער זינגענדיקער נשמה, דער הייליקער, דער גרויסער!

פּיאָטר האָט אויך געוויינט, אַ גערירטער, און געמורמלט:

— אַ יתום איז זי, די נשמה, אַן אונטערגעוואָרפן קינד — אמת! זי איז פאַרגעסן. מיר באַדויערן זי נישט. און אַלע מענטשן האָבן געשריגן:

— אמת! ריכטיק!

און דער פליכיקער, רויטבערדיקער מענטש מיטן צעגליטן פּנים און לילע אויערן, אַ קיילעכיקער, אַ רירעוודיקער, האָט זיך געדרייט ווי אַ דריידל, התלהבותדיק, ווייבעריש קוויטשענדיק:

— סטיעפּאַ — אמת! איך פאַרגעטער דיך. כ׳האָב שטערבלעך ליב. דריי זאַכן האָב איך שטערבלעך ליב: דיך, קוואַס און דעם אמת. וועגן דער נשמה — דעם אמת!

און ער האָט אויך געוויינט און געזונגען:

— מיט טויט דעם טויט פאַרריכט.

פּיאָטר האָט אים אונטערגעהאָלפן מיט די ווערטער פון אַנטאָן דעם גולם:

— קיביטקע פאַרלוירן אַ ראָד.

אים האָט זיך אויך געדאַכט, אַז ער האָט ליב דעם שוואַרצן סטיעפּאַ, ער האָט פאַרפישופט געהערט די געשרייען, און כאָטש די אומגעוויינלעכע ווערטער האָבן אים טיילמאָל געשראָקן, נאָר מען

איז געווען אַזעלכע, וואָס זיס און טיף אויפרודערנדיק, האָבן זיי אַזוי ווי אויפגעעפנט אַ טיר פון פינצטערן, טומלדיקן כאַאָס צו אַ מין ליכטיקער רויקייט. באַזונדער זענען אים געפעלן די ווערטער „זינגענדיקע נשמה", ס'איז געווען אין זיי עפּעס זייער ריכטיקס, באַקלאָגלעכס און זיי האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט אַזאַ בילד: אין אַ הייסן, וואָכעדיקן טאָג שטייט אויף אַ פּאַרמיסטיקטער גאַס פון דריאַמאַוו אַ הויכער, גרייזבערדיקער, בייניקער, ווי דער טויט, זקן, ער דרייט מיד דאָס הענטל פון אַ קאַטערינקע און פאַר איר — פאַרריסן דעם קאָפּ, שטייט אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוועלף, אין אַ צעקנאָדערט, בלוי קלייד, מיט פאַרמאַכטע אויגן, און זינגט אָנגעשטרענגט, מיט אַן איבערגעריסן קול:

— און כ'וואַרט נישט מער פון לעבן גאָרנישט. .
און איך זוך נאָר פרייהייט און מנוחה. . .

דערמאָנענדיק זיך דאָסדאָזיקע מיידעלע, האָט אַרטאַמאָנאָוו געמורמלט דעם מענטש מיט די לילע אויגן:

— די נשמה איז — אַ זינגענדיקע ! דאָס זאָגט ער ריכטיק !

— סטיעפּאַ ? — האָט שרייעוודיק געפרעגט דער רויטבערדיקער. — סטיעפּאַ ווייסט אַלץ ! באַ אים זענען דאָ שליסלען צו איטלעכער נשמה !

און צעגליענדיק זיך אַלץ מער, האָט דער רויטבערדיקער געקוויטשעט :

— סטיעפּאַ, פריינד מענטשלעכער, רייס ! אַדוואָקאַט פּאַראַדיזאָוו — פיר אונז אין אַ הייל אַ נישט-צוטריטלעכער ! איך דערלאָז אַלץ. . .

דער מענטשן-פריינד איז געווען דער פּאַסטוך און פירער פון דער קאָמפּאַניע הולטייענדיקע אינדוסטריעלער און אומעטום, וואו ער האָט זיך באַוויזן מיט זיין שיכורער סטאַדע, האָט געהילכט מוזיק, האָבן געקלונגען לידער, דאָ — פאַרומערטע, וואָס האָבן ביז טרערן צעריסן דאָס האַרץ, דאָ לוסטיקע, מיט ווילדן טאַנץ ; פון דער מוזיק פלעגן פאַרבלייבן אין זכרון פון געהער

בלויז די טויב־בומענדיקע קלעפּ פון דער גרויסער פּויק און דער דינער פּייף פון עפּעס אַ פּאַרצווייפלט פּייפל. ווען מען האָט גע־זונגען די צעצויגענע, טרויעריקע לידער, האָט זיך געדאַכט, אַז די שטיינערנע ווענט פון די טראַקטירן דריקן זיך צענויף און שטיקן, און ווען דער כאָר האָט געזונגען לוסטיק, וואוילעריש און די פאַרביק אָנגעטוענע יינגעלייט האָבן געטאַנצט — האָט די ווענט ממש אַ ווינט געוויגט און צעבלאָזן. ס'האָט ווילד געהוידעט, איבערוואַרפנדיק פון פרייד צום אַנטציקן זיך מיטן טרויער און מינוטנווייז האָט פּיאָטר אַרטאַמאָנאָוון אַרומגענומען און אָנגעצונדן אַזאַ התלהבות, אַז אים האָט זיך געוואָלט טון עפּעס אומגעוויינ־לעכס, אויפטרייסלענדיקס, דערהרגענען עמעצן און, אַנידערפאַלנ־דיק צו מענטשנס פיס, שטייען אויף די קניען פאַר זיי, אויסרופנ־דיק בפני עם ועדה:

— משפט מיך, שטראָפט מיך מיט אַ שרעקלעכער שטראָף!

זיי זענען געווען אויף „סאַמאַקאַט" אין אַ משוגענעם טראַק־טיר, וואָס די פּאָדלאָגע מיט אַלע טישעלעך, מיט די מענטשן, מיט די לאָקייען האָט זיך פּאַמעלעך געדרייט; ס'זענען געבליבן אומבאַוועגלעך בלויז די ווינקלען פון זאַל, וועלכער איז שטייף, ווי אַ קישן מיט פעדערן, אָנגעפּאַקט געווען מיט געסט, אָנגעגאָסן מיט גערויש. דער קרייז פון דער פּאָדלאָגע האָט זיך געדרייט און געוויזן אין איין ווינקל אַ קופּע צעהוישטע בלאָז־מוזיקאַנטן; אין אַנדערן — אַ כאָר, אַ כאַליאַסטרע פאַרשידנפאַרביקע פרויען מיט קרענץ אויף די קעפּ; אין דריטן אויפן געפּעס און די פלעשער פון בופעט האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די פייערן פון די הענג־לאָמפּן, און דאָס פערטע ווינקל איז צעשניטן געווען פון טירן, פון די טירן זענען אַרויסגעקראָכן מענטשן און, אַריינטרעטנדיק אין דעם זיך דרייענדיקן קרייז, האָבן זיי זיך געשאָקלט, געפאַלן, פאָכנדיק מיט די הענט, האָבן באַטויבנדיק געלאַכט, אָוועקפאָרנדיק ער־גען־וואו.

דער מענטשן־פריינד, דער שוואַרצער סטיעפּאַ, האָט דער־קלערט אַרטאַמאָנאָוון:

— ס'איז נאַריש, אָבער — גוט! די פּאָדלאָגע איז אויף

באַלקנס, ווי אַ טעלערל אויף צעשפּרייטע פינגער, די באַלקנס זע־נען איינגעפּעסטיקט אין אַ סלופּ, פונם סלופּ גייען האָריזאָנטאַל צוויי־דריגער, אין איטלעכן איז איינגעשפּאַנט אַ פּאָר פערד, זיי גייען און דרייען די פּאַדלאָגע. איינפאַך ? נאָר אין דעם איז דאָ אַ זינען. פּיעטאַ — געדענק: אין אַלעם איז פאַרבאָרגן זיין זינען, יאָ!

ער האָט אויפגעהויבן דעם פינגער צום סופיט, אויפן פינגער האָט געפינקלט מיט אַ וועלפיש אויג אַ גרינלעכער שטיין, און עפּעס אַ ברייטברוסטיקער סוחר מיט אַ הינטישן קאָפּ האָט, רייסנדיק אַר־טאַמאַנאַוון באַם אַרבל, לאַנג געקוקט אויף אים, מיט פאַרגלייזטע אויגן פון אַ מת, און געפרעגט הויך, ווי אַ טויבער:

— און וואָס וועט זאָגן דוביא, האַ? ווער ביסטו?

נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער געפרעגט דעם אַנדערן שכן:

— ווער ביסטו? און וואָס וועל איך זאָגן דוניען? האַ?

ער האָט זיך צעלייגט אויפן אָנלען פון שטול, האָט גע־פאָרסקעט ווי אַ פערד:

— פּ-פּו, טייוול!

און ער האָט געשריגן צעיושעט:

— היידאַ אויף אַן אַנדער אָרט!

נאָכדעם האָט ער זיך געמאַכט פאַר אַ קוטשער, איז געזעסן אויף דער קעלניע פון אַ קאָטש, וואָס איז איינגעשפּאַנט געווען מיט אַ פּאָר גראָע פערד, און בקול רם אָנגעזאָגט די בשורה אַלע, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן:

— צו פּאָולען פאָרן מיר! היידאַ מיט אונז!

מען איז געפאָרן אונטער רעגן. אין דער קאָטש איז געווען פינף מענטשן, אייבער איז געלעגן באַ אַרטאַמאַנאָווס פיס און האָט געמורמלט:

— ער האָט מיך אָפּגענאַרט, — וועל איך אים אָפּנאַרן. ער מיך — איך אים...

אויפן פּלאַץ, באַ אַ בערגל, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ לאַבן ברויט, האָט די קאָטש זיך איבערגעדרייט, פּיאָטר איז אַרויס־געפאַלן, האָט זיך צעהאַקט דעם קאָפּ, דעם עלנבויגן און, זיצנדיק

אויפן נאָסן ווילדגראָז פּונם בערגל, געקוקט ווי דער רויטער מיט די לילע אויערן איז געקראָכן איבערן בערגל, צום פּלויט פון מע־טשעט, און האָט גערישעט:

— אַוועק, כ'וויל זיך שמדן אַלס טאָטער, כ'וויל ווערן אַ מאַכמעדאַנער, לאָזט מיך!

דער שוואַרצער סטעפּאַן האָט אים אָנגעכאַפּט באַ די פּיס, אַראָפּגעשלעפּט אונטן, ערגעץ־וואו אַוועקגעפירט; פון די קראָמען, פון קאַראַוואַן־סאַראַי איז זיך צוזאַמענגעלאָפן אַ המון פּערסיאַנער, טאָטערן, בוכאַרצעס; אַן אַלטער אין אַ געלן כאַלאַט און אַ גרינעם טורבאַן האָט געדראָעט פּיאַטרן מיט אַ שטעקן:

— אורוס, שייטאַן...

אַ קופּער־פּנימדיקער פּאָליציאַנט האָט אויפגעשטעלט פּיאַטרן אויף די פּיס, זאָגנדיק:

— קיין סקאַנדאַלן איז נישט דערלויבט.

ס'זענען זיך צונויפגעפאָרן די באַלעגאָלעס, זיי האָבן אויפ־גענומען די שיכּורים און אַוועקגעפירט; פּאָרויס איז, שטייענדיק, געפאָרן דער מענטשן־פריינד און האָט עפּעס געשריגן דורך דער פויסט, ווי אין אַ הילך־רער אַריין. דער רעגן האָט אויפגעהערט, נאָר דער הימל איז געווען אַ דראָענד־שוואַרצער, ווי ער איז קיינ־מאָל נישט אין דער וואָר; איבערן ריזיקן קאָרפּוס פון קאַראַ־וואַן־סאַראַי האָבן געבליצט בליצן, פונאַנדעררייסנדיק אין דער פינצטערניש פייערדיקע שפּאַלטן און ס'איז געוואָרן זייער שרעקלעך, ווען די קאָפּיטעס פון די פערד האָבן דומפּ גענומען קלאַפּן איבער דער הילצערנער בריק פון קאַנאַל בעטאַנקור, — אַר־טאַמאָנאָוו האָט דערוואַרט, אַז די בריק וועט איינפאַלן און אַלע וועלן אומקומען אין דעם אומבאַוועגלעך פאַרגליווערטן, פעך־שוואַרצן וואַסער.

אין די פונאַנדערגעריסענע, קאָשמאַרהאַפטע בילדער האָט אַר־טאַמאָנאָוו געזוכט און זיך געפונען, צווישן מענטשן צעדולטע פון הול־טייען, אַלס אַ מענטש, וואָס איז אים כּמעט אומבאַקאַנט. דער־דאָזיקער מענטש האָט געשכּורט צו טויט און גיריק געוואַרט, אַז אָט, אין דער

פֿאָלגנדיקער מינוט, וועט זיך אָנהייבן עפּעס פֿולשטענדיק אומגעװײנלעכס און דאָס עצם עיקרדיקע, דאָ עצם פֿרײדיקע, — אָדער װעסט אַרײנפֿאַלן אין עפּעס אַ גרענעצלאָזן אומעט אָדער וועסט זיך דערהייבן אין פּונקט אַזאַ גרענעצלאָזער פֿרייד, אויף אייביק.

דאָס סאַמע אומהיימלעכסטע, וואָס איז פֿאַרבליבן אין זכרון ווי אַ פֿאַרבלענדנדיקער פֿלעק, דאָס איז — די פֿרוי, פּאַולאַ מעגאָטי. ער האָט זי געזעען אין אַ גרויסער, ליידיקער שטוב מיט נאַקעטע ווענט; אַ דריטל פֿון דער שטוב האָט פֿאַרנומען דער טיש, באַלאָדן מיט פֿלעשער, מיט פֿאַרשידנפֿאַרביק גלאָז פֿון כּוסות און באָקאַלן, מיט בלומען־און פֿרוכטן־וואַזעס, זילבערנע עמערלעך מיט קאַוויאַר און שאַמפּאַנער. אַ מאַן צען רויטע, פֿליכיקע, גרייזלעכע מענטשן זענען אומגעדולדיק געזעסן באַם טיש; צווישן עטלעכע ליידיקע שטולן איז איינע געווען באַפּוצט מיט בלומען.

דער שוואַרצער סטיעפּאַ איז געשטאַנען אינמיטן צימער, האַלטנדיק אויפֿגעהויבן, ווי אַ ליכט, דעם שטעקן מיט דער גאָלדענער גאַלקע, און האָט קאָמאַנדעוועט:

— העי, חזרים, וואַרט צו מיטן פֿרעסן!

ס'האָט עמעץ טויב אַ זאָג געטון:

— האַוקע נישט.

— שטיל! — האָט אַ געשריי געטון דער מענטשן־פֿרײַנד. — איך — האָב צו שאַפֿן!

און ס'איז איבער עפּעס פֿלוצלינג טונקעלער געוואָרן, באַלד האָבן הינטער דער טיר זיך דערהערט דומפּע קלעפּ פֿון אַ פּויק, סטיעפּאַ האָט אַ שפּרייז געטון צו דער טיר, אויפֿגעעפֿנט; ס'איז אַרײנגעקומען אַ דיקער פֿאַרשוין מיט אַ פּויק אויפֿן בויך; וואַקלענדיק זיך, שפּרייזנדיק ווי אַ גאַנז, האָט ער שטאַרק געטראַסקעט אין פּויק אַרײן:

— בום, בום, בום...

פֿינף אויך אַזוינע סאָלידע, ערנסטע מענטשן האָבן איינגעבויגעגערהייט, אָנשטרענגענדיק זיך ווי פֿערד, אַרײנגעפֿירט אַ קלאַוויר באַ האַנטיכער, צוגעבונדענע צו זײַנע פֿיסלעך; אויף דעם

שוואַרצן, גלאַנציקן צודעק פונם קלאַוויר איז געלעגן אַ נאַקעטע פרוי, אַ בלענדנד-ווייסע און שרעקלעכע מיט דער אומפאַרשעמטקייט פון נאַקעטקייט. זי איז געלעגן אַרויף מיט דער ברוסט, אונטערגעלייגט די הענט אונטערן קאָפּ. די צעלאָזטע שוואַרצע האָר אירע, צונויפגיסנדיק זיך מיטן שוואַרצן גלאַנץ פון לאַקיר, זענען אַריינגעוואַקסן אין צודעק; וואָס נענטער זי האָט זיך צוגערוקט צום טיש, אַלץ מער דייטלעך האָבן זיך אויסגעטיילט די פאָרמען פון איר קערפּער און אַלץ צודרינגלעכער זענען געקראָכן אין די אויגן אַריין די בינטלעך האָר אונטער די אָרעמס, אויפן בויך.

ס׳האָבן צוגעקוויטשעט די מעשענע רעדלעך, ס׳האָט געסקריפּעט די פּאָדלאָגע, דומפּ האָט געבורכעט די פּויק; די מענטשן, וואָס זענען איינגעשפּאַנט געווען אין דעמדאָזיקן שווערן וואָגן, האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זיך אויסגעגלייכט. אַרטאַמאָנאָוו האָט דערוואַרט, אַז אַלע וועלן זיך צעלאַכן, — דעמאָלט וואָלט געוואָרן פאַרשטענדלעכער, נאָר אַלע בײַם טיש האָבן זיך אויפגעהויבן און שווייגנד געקוקט, ווי די פרוי האָט פויל זיך אָפּגעקלעפּט, זיך אָפּגעריסן פון צודעק פונם קלאַוויר; ס׳האָט זיך גערדאַכט, אַז זי איז נאָר וואָס אויפגעקומען פון שלאָף, און אונטער איר איז — אַ שטיק נאַכט, צונויפגעפּרעסט ביז דער פעסטקייט פון אַ שטיין; דאָס האָט דערמאַנט עפּעס אַ מעשהלע. שטייענדיק, האָט די פרוי פאַרוואָרפן די לאַנגע געדיכטע האָר אירע הינטער די אַקסלען, האָט אַ טופּע געטון מיט די פיס, מאַכנדיק טריב דעם טיפן גלאַנץ פון לאַקיר מיט פלעקן פון ווייסן שטויב; מען האָט געהערט, ווי אונטער די קלעפּ פון אירע פיס האָבן געהודזשעט די סטרונעס.

ס׳זענען אַריינגעקומען צוויי: אַ גרייז-גרויע זקנה אין ברילן און אַ מענטש אין אַ פּראַק; די אַלטע האָט זיך אַנידערגעזעצט, גלייכצייטיק אָפּדעקנדיק אירע געלע ציין און די צוויי-קאָליריקע ביינדלעך פון דעם קלאַוויר, און דער מענטש האָט אויפגעהויבן צום אַקסל דאָס פידל, האָט פאַרזשמורעט דאָס רויטע אויג, זיך צוגעצילעוועט, איבערגעשניטן דאָס פידל מיטן סמיטשיק און אין דעם באַסאָווע געזאַנג פון די קלאַוויר-סטרונעס האָט זיך אַריינגע-

ריסן דער דינער, פייפנדיקער טאָן פון דער פידל. די נאַקעטע פרוי האָט כוואַליענהאַפטיק זיך אויסגעגלייכט, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, די האָר האָבן זיך אַריבערגעוואָרפן אויף אירע חוצפּהדיקע אָפּשטאַרנדיקע ברוסטן, האָבן זיי באַהאַלטן; זי האָט זיך אַ וויג געטון און אויפגעזונגען לאַנגזאַם, נישט הויך אונטער דער נאָז, מיט אַ ווייטער, טרוימערישער שטימע.

אַלע האָבן געשוויגן, קוקנדיק אויף איר, אויפהייבנדיק די קעפּ אינדערהייך, די פּנימער זענען בײַ אַלע געווען אַלציינע, די אויגן — בלינדע. די פרוי האָט געזונגען אָן חשק, אַזוי ווי אין האַלב-דרימל, אירע זייער רויטע ליפּן האָבן אַרויסגעבראַנגט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, די פעטע אויגן האָבן געקוקט שטאַר איבער די קעפּ פון די מענטשן. אַרטאַמאַנאָוו האָט קיינמאָל נישט געקלערט, אַז אַ פרויען-קערפּער קאָן זיין אַזוי שלאַנק, אַזוי שרעקנדיק שיין. גלעטנדיק מיט די הענט די ברוסט און די היפטן, האָט זי אַליץ געשאָקלט מיטן קאָפּ און, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אירע האָר וואַקסן, און זי אינגאַנצן וואַקסט, ווערנדיק העכלעכער, גרעסער, אַליץ מיט זיך פאַרדעקנדיק, אַזוי, אַז אַ חוץ איר האָט מען שוין גאָרנישט געזען, גלייך ווי ס'וואָלט טאַקע גאָרנישט געווען. אַרטאַמאַנאָוו האָט גוט געדענקט, אַז זי האָט אפילו אויף אַ מינוט נישט אויפגעוועקט אין אים קיין באַגער צו באַהערשן זי, נאָר זי האָט בלויז אָנגעוואָרפן אַ שרעק, אַרויסגערופן אַ שווערע קלעמונג אין דער ברוסט, פון איר האָט געווייעט מיט כשופדיקער אומהיימלעכקייט. פונדעסטוועגן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אויב דידאָזיקע וועט באַפעלן, וועט ער איר נאָכגיין און טון אַליץ, וואָס זי וועט וועלן. אַ קוק געבנדיק אויף די מענטשן, האָט ער זיך איבערצייגט דערין.

— איטלעכער וועט גיין, אַלע.

ער איז ניכטערער געוואָרן און ס'האָט זיך אים געוואָלט אַוועקגיין. ער האָט ענדגילטיק באַשלאָסן דאָס צו טון, דערהערנדיק עמעצנס הויכן פליסטער:

— אַ טשאַרוסאַ. אַ זומפּ פאַרן נפש. פאַרשטייסט? אַ טשאַרוסאַ.

אַרטאַמאַנאָװ האָט געװאוסט, אַז טשאַרוסאַ איז — אַ פֿליינדל אין אַ זומפּיקן װאַלד; אַ פֿליינדל, אויף װעלכן דאָס גראָז איז באַזונדער שיין, זיידמעסיק און גרין, נאָר קוים מאַכט מען אַ טריט דערויף, פֿאַלט מען אַריין אין אַן ענד־לאָזן אָפּגרונט. און פֿונדעסטװעגן האָט ער געקוקט אויף דער פֿרוי, צוגעשמידט פֿון דעם נישט צום בייקומען פֿאַרשקלאַפֿנדיקן כּוח פֿון איר נאַקעטקייט. און װען אויף אים איז געפֿאַלן איר שװע־רער, פּעטער בליק, האָט ער באַװעגט מיט די אַקסלען, אויסגע־בויגן דעם האַלז, און אַװעקגעמענדיק די אויגן אין אַ זייט, גע־זען, אַז די פֿאַרקריפּלטע, האַלבשיכּורע מענטשן גלאַנצן מיט די אויגן מיט יענער טעמפּער פֿאַרחידושטקייט, װי די איינװאוינער פֿון דריאָמאָװ האָבן געקוקט אויף אַ מאַלער, װעלכער איז אַראָפּגע־פֿאַלן פֿון קירכע־דאַך און זיך צעמזיקט אויף טויט.

דער שװאַרצער, געלאָקטער סטיעפּאַ האָט, זיצנדיק אויפֿן פֿענצטער־אָנשפּאַר, צעעפֿנט די גראָבע ליפּן זיינע, געגלעט דעם שטערן מיט אַ ציטערדיקער האַנט און, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער װעט באַלד אַראָפּפֿאַלן, װעט זיך אַ זעץ טון מיטן קאָפּ אָן דער פּאָדלאָגע. אָט האָט ער, צוליב עפּעס, אָפּגעריסן דעם אויפֿגע־שפּיליעטן מאַנזשעט פֿון העמד און אים אַ שליידער געטון אין װינקל אַריין.

די באַװעגונגען פֿון דער פֿרוי, זענען געװאָרן האַסטיקער, פֿיבערדיקער; זי האָט זיך אַזוי געדרייט, גלייך זי װאָלט געװאָלט אַראָפּשפּרינגען פֿון קלאַװיר און — האָט נישט געקאָנט; אירע פֿאַרשטיקטע געשרייען זענען געװאָרן פֿאָנפֿעדיקער און בייזער; באַזונדער אומהיימלעך איז געװען צו זען, װי פֿאַליענהאַפֿטיק ס'דרייען זיך אירע פֿיס, װי שאַרף זי װאַרפֿט מיטן קאָפּ, און די געדיכטע האָר אירע, פֿלאַטערנדיק איבער אירע אַקסלען, װי פֿליגל, פֿאַלן אַראָפּ אויף דער ברוסט און אויף דער פֿלייצע װי אַ חיהשע פֿעל.

פֿלוצלינג האָט די מוזיק זיך איבערגעריסן, די פֿרוי האָט אַ שפּרונג געטון אויף דער פּאָדלאָגע, דער שװאַרצער סטיעפּאַ האָט זי אַרומגעהילט מיט אַ גאָלדיקן כאַלאַט און איז אַנטלאָפֿן מיט

איר, און די מענטשן האָבן זיך צעשריגן, צעוואָיעט, פּאַטשנדיק מיט די הענט, אָנכאַפּנדיק איינער דעם אַנדערן; ס'האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען די לאָקייען, ווייסע, ממש מתים אין תכריכים; ס'האָבן אָנגעהויבן קלינגען די גלעזלעך און באָקאַלן און די מענטשן האָבן גענומען טרינקען דורשטיק, ווי אין אַ הייסן טאָג. זיי האָבן געטרונקען און געגעסן, נישט שיין, נישט אָנשטענדיק; ס'איז געווען כמעט עקלדיק צו זען די קעפּ, איינגעבויגענע איבערן טיש, דאָס האָט דערמאַנט חזירים איבער אַ קאָריטע.

ס'איז אַריינגעקומען אַ חבֿרה ציגיינער, זיי האָבן אויפרייצנדיק געזונגען, געטאַנצט, מען האָט אָנגעהויבן וואַרפן אויף זיי אויגערקעס, סערוועטקעס, — זיי זענען נעלם געוואָרן; אויף זייער אָרט האָט סטיעפּאַ אָנגעטריבן אַ רוישיקן טאַבון פרויען; איינע פון זיי, אַ קליינע, אַ דיקע אין אַ רויט קלייד, האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף פּיאָטרס קניען, האָט אויפגעהויבן צו זיינע ליפּן אַ באָקאַל שאַמפּאַנער און, הילכיק אָנקלאַפּנדיק מיט איר באָקאַל, פּאָרגעלייגט:

— לאָמיר אויסטרינקען, רויטער, פאַר מיטיעס געזונט.

זי איז געווען אַ גרינגע ווי אַ מילב, מען האָט זי גערופן — פּאַשוטאַ. זי האָט זייער געשיקט געשפּילט אויף אַ גיטאַרע און רירנד געזונגען:

— ס'האָט זיך מיר געחלומט אַ בלוי־רייַנער פרימאָרגן — און ווען איר הילכיק קול האָט באַזונדער טרויעריק אַרויסגערעדט:

— ס'האָט זיך מיר געחלומט מיין פאַרשוואונדענע יוגנט — האָט אַרטאַמאָנאָוו פריינדלעך, פּאַטערלעך געגלעט איר קאָפּ און געטרייסט:

— קלאָג נישט! דו ביסט נאָך יונג, האָב נישט מורא...

און באַנאַכט, אַרומנעמענדיק זי, האָט ער פעסט צוגעמאַכט די אויגן, כדי בעסער צו זען אַן אַנדערע, פּאַולאַ מענאָטי.

אין די זעלטענע, ניכטערנע שעהן האָט ער מיט גרויס שטוי-

נונג געזעען, אַז דידאָזיקע אויסגעלאַסענע פּאַשוטאַ קאָסט אים בּיז קאַמיזם טייער, און ער האָט געקלערט:

— סאַראַ מילב דאָס איז!

ס'האָט אים איבּעררעאַשט די קענטעניש פון די יאַריד-פרויען אויסצוצאַפּן געלט און זייער זינלאָז פטרן די פאַרדינסטן, וועלכע זיי האָבּן דערגרייכט דורך אומפאַרשעמטע, שכורע נעכט. מען האָט אים געזאָגט, אַז דער פאַרשוין מיטן היבטישן פּנים, אַ קאָלאָסאַלער פוטער-פאַבּריקאַנט, האָט געפּטרט אויף פּאַולאַ מענאָטי צענדליקער טויזנטער, איר געצאָלט צו דריי טויזנט רובּל איטלעכעס מאָל, ווען זי האָט זיך בּאַוויזן נאַקעטערהייט. דער אַנדערער, מיט די לילע אויערן, האָט, פאַררייכערנדיק ציגאַרן, אָנגעצונדן בּאַם ליכט הונדערטערס, האָט געשטופּט די פרויען אין די בּוזעמס אַריין פּעקלעך בּאַנקנאָטן.

— נעם, דייטשקע, כ'האָבּ אַ סך.

ער האָט אַלע פרויען גערופן דייטשקעס. אַרטאַמאָנאָוו ווידער האָט אָנגעהויבּן זעען אין איטלעכער פון זיי די נישט פאַרדעקטע אומפאַרשעמטקייט פון דער געדיכט-האָריקער פּאַולען און אַלע פרויען, — די נאַרישע און די פּיפּיקע, די בּאַהאַלטענע און די עזותדיקע, — האָט ער געפילט, זענען אים פייגדלעך; אַפילו דערמאַנענדיק זיך אָן ווייבּ, האָט ער אין איר אויך בּאַמערקט עפּעס פיינדלעכס.

— מילבן, — האָט ער געטראַכט, צוקוקנדיק זיך צו דעם פאַרביקן קאַראַהאָד שיינע, יינגע פרויען, וועלכע דער זכרון האָט זייער לעבּעדיק און בּולט אַרויסגעבּרענגט.

ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין: וואָס-זשע איז דאָס, ווי אַזוי? מענטשן אַרבּעטן, קלינגען מיט די קייטן פון געשעפט, פאַרטויבּנדיק זיך אַליין בּלויז דערויף, כּדי אָנצוזאַמלען וואָס מער געלט, און דערנאָך — ציבּדן זיי אונטער דאָס געלט. וואַרפן עס הויפנווייז צו די פיס פון אויסגעלאַסענע פרויען? און דאָס אַלץ טוען דערוואַקסענע, סאָלידע מענטשן, בּאַווייבּטע, פּאָטערס פון קינדער, בּאַלעבּאַטים פון ריזיקע פאַבּריקן.

— דער טאַטע וואָלט, מסתּמא, אויך אַזוי געהולטייעוועט, —

האָט ער כּמעט מיט זיכערקייט געקלערט. זיך אַליין האָט ער געזען נישט אַלס באַטייליקטן אין דעמדאָזיקן לעבן, אין דידאָזיקע אָרגיעס, נאָר אַלס צופֿעליקן און נישט גערנוויליקן צוקוקער. אָבער דידאָזיקע מחשבות האָבן אים פֿאַרשיכּורט שטאַרקער פֿון וויין און בלויז מיט וויין האָט ער זיי געקענט פֿאַרלעשן. דריי וואָכן האָט ער דורכגעלעבט אין קאָשמאַר פֿון די אָרגיעס און איז געקומען צו זיך ערשט נאָך אַלעקסייס קומען צו פֿאָרן.

אַרטאַמאַנאָוו דער עלטערער איז געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע, אויף אַ שיטערן, האַרטן שטרויזאַק; לעבן אים איז געשטאַנען אַן עמער מיט אײַז, פֿלעשער קוואַס, אַ טעלער מיט זויער קרויט, שפּאָר צוגעווירצט מיט געריבענעם כריין. אויף אַ סאָפֿע האָט מיט אַן אָפֿן מויל, און, ווי נאַטאַליע, אויפֿגעהויבן די ברעמען, ויך געוואַלגערט פּאַשוטאַ, אַראָפּהענגענדיק אויף דער פּאָדלאָגע אַ פֿוס, אַ ווײַסן מיט בלאָע אָדערלעך און מיט נעגל, ווי די שיבן פֿון אַ פֿיש. הינטערן פֿענצטער האָט מיט טויזנטער גיריקע פּיסקעס געליאַרעמט דער אַלרוסישער יאַריד.

דורך דעם שיכּורן רויש אין קאָפּ און דעם נאָגנדיקן ווייטיק פֿונעם פֿאַרסמטן קערפּער האָט אַרטאַמאַנאָוו מרה־שחורהדיק זיך דערמאַנט די געשעענישן און פֿאַרווײַלונגען פֿון דער פֿאַרגאַנגענער נאַכט, ווען פּלוצלינג, גלײַך פֿון דער וואַנט אַרויס, איז אַרויסגעקראָכן, דערשינען אַלעקסיי. הינקענדיק, צוקלאַפּנדיק מיטן שטעקן, איז ער צוגעגאַנגען און האָט זיך צעשאָטן מיט ווערטער:

— וואָס — האָסט זיך איבערגעקערט, ליגסט? און איך האָב דיך נעכטן אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעזוכט, נאָר פֿאַרטאָג־צו האָב איך זיך אַליין פֿאַרדרייט.

ער האָט באַלד אַרײַנגערופֿן אַ לאָקיי, באַשטעלט לימאָנאַדע, קאָניאַק, אײַז; ער איז צוגעשפּרונגען צו דער סאָפֿע, האָט אַ קלאַפּ געטון פּאַשוטען איבערן אַקסל.

— שטיי אויף, פֿרײַלין!

נישט אויפֿעפֿנענדיק מיטאַמאָל די אויגן, האָט די פֿרײַלין אַ וואָרטשע געטון:

— צום טײַוול. טראָג זיך.

— דאָס וועסטו גיין צום טייוול, — האָט נישט בייז געזאָגט אַלעקסיי, ער האָט זי אונטערגעהויבן באַ די אַקסלען, אַוועקגעזעצט, אַ טרייסל געטון און אָנגעוויזן אויף דער טיר:

— געפאָרן!

— טשעפּע זי נישט, — האָט געזאָגט פּיאָטר; דער ברודער האָט אַ לאַך געטון, באַרויִקט.

— נישקשה; מיר וועלן זי אַ רוף טון — וועט זי קו־מען!

— אָ, טייוולאָנים, — האָט געזאָגט די פרוי, שוין אונטער־טעניק אָנטוענדיק די יאַקע; אַלעקסיי האָט קאָמאַנדעוועט, ווי אַ דאָקטאָר:

— שטיי אויף, פּיאָטר, צי אַראָפּ דאָס העמד, רייב דיך אויס מיט אייז!

אויפהייבנדיק פון דער פּאָדלאָגע דאָס צעקנאָדערטע היטל, האָט פּאַשוטאַ עס אָנגעטון אויפן צעשויבערטן קאָפּ, נאָר, אַ קוק געבנדיק אין שפּיגל איבער דער סאָפע, האָט זי געזאָגט:

— זייער אַ הערלעכע מלכּה!

און אַ שליידער טוענדיק דאָס היטל אויף דער פּאָדלאָגע, אונטער דער סאָפע אַרונטער, האָט זי צעצויגן אַ געניץ גע־טון:

— נו, זייט געזונט, מיטיאַ! געדענק: איך בין אין סימאָנ־סקיס מעבלירטע צימערן, נומער 13.

זי איז פּיזשטרן אַ שאָד געוואָרן, נישט אויפשטייענדיק פון דער פּאָדלאָגע, האָט ער געזאָגט דעם ברודער:

— גיב איר.

— וויפיל?

— נו... פינפציק.

— ע! צופיל.

אַלעקסיי האָט אַריינגערוקט אין דער פרויס האַנט עפּעס אַ פּאַפּירל, האָט זי אַרויסגעפירט, פעסט צוגעמאַכט די טיר.

— האָסט קנאַפּ געגעבן, האָט מיט פאַריבל באַמערקט פּיאָטר. — זי האָט נעכטן פאַרן הויז מער באַצאָלט.

אַלעקסיי האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ פאָטעל, צונויפגעלייגט די הענט אויפן שטעקן, זיך אָנגעשפאַרט אויף זיי מיט דער גאָמבע און טרוקן, שעפּמעסיק אַ פרעג געטון:

— וואָס זשע טוסטו עס?

— איך טרינק, — האָט הייטער געענטפערט דער עלטערער, ער איז אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבן איינרייבן דעם קערפּער מיט אייז, צופרידן־קוואַקענדיק.

— טרינק, קוזמאַ, נאָר דעם שכל ווער נישט אָן! און דו וואָס טוסט?

— נו וואָס?

אַלעקסיי איז צוגעגאַנגען צו אים און, קוקנדיק ווי אויף אַן אומבאַקאַנטן, האָט ער מיט אַ שטילער שטימע, מיט אַ פייף אַ פרעג געטון:

— האָסט פאַרגעסן? אויף דיר איז אָנגעגעבן געוואָרן אַן אָנקלאַגע, דו האָסט אַן אַדוואָקאַט די מאָרדע צעהאַקט, אַ פּאָליציאַנט אַריינגעשטופּט אין קאַנאַל אַריין...

ער האָט אַזוי לאַנג אויסגערעכנט זיינע עוולות, אַז אַרטאַמאָנאָוו דעם עלטערן האָט זיך אויסגעוויזן:

— ער זאָגט ליגנס. ער שרעקט.

ער האָט געפרעגט:

— וואָסערן אַדוואָקאַט. שטותים.

— נישט קיין שטותים, נאָר — דעם שוואַרצן, דעמדאָזיקן, — ווי הייסט ער?

— מיר האָבן זיך פריער אויך געשלאָגן, — האָט געזאָגט פּיאָטר, אויסניכטערנדיק זיך, נאָר דער ברודער האָט נאָך שטרענגער פאַרגעזעצט:

— אָבער פאַרוואָס האָסטו אָנגעזידלט בכבודיקע מענטשן און די אייגענע?

— איך?

— דו, אָט דערדאָזיקער! האָסט געזידלט דאָס ווייב, טיכאָנען, מיך, עפּעס אַ יינגל האָסטו דערמאַנט, האָסט געוויינט, געשריגן אברהם, יצחק, אַ באַראַן! וואָס הייסט דאָס?

פּיאָטרן האָט אָפּגעבריט אַ שרעק, ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול.

— איך ווייס נישט. כ'בין געווען שיכּור.

— דאָס — איז נישט קיין תּירוץ! — האָט כּמעט אַ גע־שריי געטון אַלעקסיי, אונטערשפּרינגענדיק, גלייך ער וואָלט גע־ריטן אויף אַ לאָם פּערד. — דאָ איז אַן אַנדער זאַך: „וואָס בּאַ אַ ניכטערן אויף דער לונג, איז בּאַ אַ שיכּורן אויף דער צונג", אָט וואָס דאָ איז! וועגן פאַמיליען־אָנגעלעגנהייטן שרייט מען נישט אין די קאַבּאַקן. פאַרוואָס — אבֿרהם, עקדה און די איבּעריקע שטותעריי? דו קאָמפּראָמיטירסט דאָך דאָס געשעפט, דו וואַרפסט אויף מיר אַ שאָטן. וואָס האָסטו זיך, ווי אין בּאָד אויסגעטון! נאָך גוט, וואָס בּאַ דעם סקאַנדאַל איז געווען לאַקטיעוו, מיינער אַ גוטער־בּרודער, און אים איז איינגעפאַלן דיך פון די פּיס אומצו־לייגן מיט קאַניאַק, און מיך האָט ער מיט אַ דעפּעשע אַרויסגע־רופן. ער האָט מיר טאַקע דערציילט דאָס אַלץ. מתּחילת, זאָגט ער, האָבּן אַלע געלאַכט, אָבּער נאָכדעם האָט מען זיך אָנגעהויבּן איינהערן, — וואָס יעלהוועט עס דער מענטש?

— אַלע יעלהווען, — האָט אַרויסגעמורמלט פּיאָטער, אַ דער־דריקטער און ווידער שכּור ווערנדיק פון בּרודערס ווערטער; און יענער האָט גערעדט כּמעט אין פליסטער:

— אַלע — וועגן איינס, אָבּער דו — וועגן אַלעם! אַ מערכה, וואָס לאַקטיעוון איז איינגעפאַלן אָנצושכּורן אַלע ווי ס'גע־הער צו זיין. אפשר — וועלן זיי פאַרגעסן. אָבּער אונזער געשעפט איז דאָך אַ פּאָליטישס: היינט איז לאַקטיעוו אַ פריינד, און מאָרגן — אַ פאַרבּיטערטער שונא.

פּיאָטער איז געזעסן אויף דער שטול פעסט צודריקנדיק דעם קאָרק צו דער וואַנט; דורכגעזאַפּט מיט דעם הילכיקן טומל פון דער גאַס, האָט די וואַנט אַלע מאָל אויפגעציטערט; פּיאָטר האָט געשוויגן, דערוואַרטנדיק, אַז דאַסדאָזיקע ציטערן וועט פונאַנדער־טרייסלען דעם שכּורן כאַאָס אין זיין קאָפּ, וועט פאַרטרייבּן די שרעק. ער האָט גאָרנישט געקאָנט זיך דערמאַנען פון דעם, וואָס דער בּרודער האָט גערעדט. און ס'איז געווען זייער בּאַליידיקנד

צו הערן, אַז דער ברודער רעדט מיט אַ טאָן פון אַ ריכטער, מיט רייד פון אַן עלטערן; ס'איז אומהיימלעך געווען צו וואַרטן, וואָס אַלעקסיי וועט ווייטער זאָגן.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט געפאָרשט אַלעקסיי, כסדר אונטערשפּרינגענדיק. — האָסט געזאָגט, אַז דו פאָרסט צו ניקיטען...

— איך בין געווען באַ אים.

— איך בין אויך געווען. ווען מען האָט געענטפערט אויף אַ דעפּעשע, אַז דו ביסט דאָרט נישטאָ, בין איך, נאַטירלעך, אַוועק אַהין. אַלע האָבן זיך דערשראָקן; מען לעבט דאָך — אויף דער ערד, מ'קאָן דערהרגענען אויך.

— ס'האָט זיך אין מיר באַזעצט עפּעס אַ מין פּלאָג, — האָט שטיל, שולדיק זיך מודה געווען פּיאָטר.

— איז דאַרף מען עס פאַר מענטשן אַרויסטראָגן? פאָרשטיי: דו וואַרפסט אויף אונזער געשעפט אַ שאָטן! וואָס פאַר אַן עקדה איז עס דאָרט באַ דיר? וואָס ביסטו — אַ פּערסיאַנער? מיט יינגלעך האָסטו צו טון? וואָס פאַר אַ יינגל?

צוגלעטנדיק די האָר אויפן קאָפּ און די באָרד מיטביידע הענט, האָט פּיאָטר געזאָגט דורך די פינגער:

— איליאַ... אַלץ איבער אים...

און לאַנגזאַם, נישט אַנטשלאָסן, אַזויווי טאַפּנדיק אַ שטעגל אין דער פינצטערניש, האָט ער אָנגעהויבן דערציילן אַלעקסייען וועגן דער קריג מיט איליען; לאַנג צו רעדן איז אים נישט אויסגעקומען; דער ברודער האָט מיט פאַרלייכטערונג און הויך געזאָגט:

— פּ-פּו! נו, דאָס איז גאָרנישט! נאָר לאָקטיעוו האָט עס פאַרשטאַנען אַזיאַטיש, סקאַנדאַליעז. הייסט עס — איליאַ? נו, ברודער, זיי מוחל, נאָר דאָס איז — נישט פאַרנונפטיק. די סוחרשאַפט באַדאַרף זיך אַלץ צו לערנען, דאַרף אויף אַלע פּונקטן פון לעבן זיך שטעלן, און דו...

ער האָט לאַנג און גלאַטיק גערעדט וועגן דעם, אַז די סוחרישע קינדער דאַרפן זיין אינזשיניערן, באַאַמטע, אָפיצירן. אַ באַ-

טויבנדיקער געפילדער איז אַריינגעקראָכן דורכן פענצטער ; ס׳זענען צוגעפאָרן עקיפּאַזשן צום טעאַטער, ס׳האָבן געשריגן די פּאַרקויפער פון קאַלטע געטראַנקען און אייז-קרעם ; באַזונדער אומדערטרעגלעך האָט געהילכט די מוזיק אין פּאַוויליאָן, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן דורך בראַזיליאַנער פון אייזן און גלאָז, אויף פּלעקער, איבערן וואַסער פון קאַנאַל. די קלעפּ פון דער פּויק האָבן דערמאַנט אָן פּאָולאַ מענאַטי.

— עפּעס אַ מין פּלאָג האָט זיך באַזעצט אין מיר, — האָט איבערגעחזרט אַרטאַמאַנאָוו דער עלטערער, אָנטאַפּנדיק דאָס אויער, און מיט דער אַנדערער האַנט אַריינגיסנדיק קאָניאַק אין דעם גלאָז לימאָנאַדע ; דער ברודער האָט אַרויסגענומען דאָס פּלעשל פון זיין האַנט, וואָרנענדיק :

— זע, וועסט זיך ווידער אָנשיכורן. אַט לערנט זיך בא מיר מיראָן אויף אינזשיניער, — איז מיטן גרעסטן כבוד ! ער וויל פאָרן קיין אויסלאַנד — אדרבא ! דאָס אַלץ פירט אַהיים, און נישט פון דער היים. דו — פּאַרשטיי, אונזער שטאַנד איז דער וויכטיקסטער כוח. . .

פּיאָטרן האָט זיך גאָרנישט געגלוסט צו פּאַרשטיין. אונטער דעם לעבהאַפטן רעדן פון דעם ברודער האָט ער געטראַכט, אַז אָט האָט דערדאָזיקער מענטש דורך עפּעס דערגרייכט די אַכטונג און פריינטשאַפט פון מענטשן, וועלכע זענען רייכער און, זיכער קלוגער פון אים, זיי דרייען מיטן מסחר פון דעם גאַנצן לאַנד, דער אַנדערער ברודער, באַהאַלטנדיק זיך אין אַ מאָנאַסטיר, איז זיך קונה שם, אַלס חכם און צדיק, און נאָר ער, פּיאָטר, איז איבערגעענטפערט דער פּיין פון עפּעס צופאַלן. מחמת וואָס ? פאַר וואָס ?

— און פּאַר אויסגעלאַסנקייט האָסטו געזידלט בכבודע מענטשן — אומזיסט ! — האָט געזאָגט אַלעקסיי שוין אַזוי ווייך, חניפהדיק. — דאָס איז נישט פון אויסגעלאַסנקייט, דאָס איז פון איבערפלוס פון כוחות. דער אַדוואָקאַט איז אַ שעלמאַ, אָבער ער פּאַרשטייט ריכטיק, ער איז אַ קלוגער ! געוויס זענען עס מענטשן באַיאָרטע, זאָגאַר אַלטע, און דאָס שטיפערייַ איז בא זיי, ווי בא

ייִנגלעך, אָבער ייִנגלעך שטיפֿן דאָך אויך אויס דער קראַפֿט פֿון וואַקסן. און נעם אויך דאָס אין אַכט, אַז די ווייַבער זענען בײַ אונדז אָן זאַלץ, אָן פֿעפֿער, ס׳איז לאַנגווייַליק מיט זיי! איך רעד נישט וועגן מייַן אָלגען, זי איז — אַן אַנדערע! ס׳זענען פֿאַרהאַנען אַזעלכע נאַריש-קלוגע ווייַבער, זיי זענען אַזויווי בלינד אויף יענעם אויג, וואָס זעט שלעכטס, אָלגאַ געהער צו די דאָזיקע. זי קאָן מען נישט באַליידיקן, זי זעט נישט קיין שלעכטס, אין דעם שלעכטן — גלייבט זי נישט. דו וועסט וועגן באַטאַליען אַזוי נישט זאָגן, און פֿאַר די מענטשן האָסטו ריכטיק געזאָגט וועגן איר: אַ הויזמאַשין!

— אַזוי האָב איך טאַקע געזאָגט? — האָט פֿאַרוּמערט זיך איבערגעפֿרעגט פּיאָטר.

— לאַקטיעוו האָט דאָך אַליין נישט אויסגעטראַכט די דאָזיקע ווערטער.

ס׳האָט זיך געוואָלט נאָך וועגן אַ סך זאַכן פֿרעגן דעם ברודער, אָבער פּיאָטר האָט מורא געהאַט צו דערמאַנען אים דאָס, וואָס אַלעקסיי האָט שוין, אפֿשר, פֿאַרגעסן. בײַ אים איז אויפֿגעקומען אַ געפֿיל פֿון אומפּרייַנדשאַפֿט און קנאה צום ברודער.

— ער ווערט אַלץ קלוגער דער שד...

ער האָט געזען אינעם ברודער עפּעס אַ פֿלינקייט, אַ געשמיסנקייט און אַ פֿוקסישע דורכגעטריבנקייט. ס׳האָבן אים אויפֿגערייצט די שפּאַרבער אויגן, דער גאָלדענער צאָן, וואָס האָט געבלישטשעט אונטער דער אויבערשטער, פֿיבערהאַפֿטער ליפּ, די גרויענקע וואַנסעס, מיליטעריש פֿאַרדרייטע, דאָס הייטערע בערדל און די קלאַמערנדיקע, פֿויגלשע פֿינגער פֿון די הענט, באַזונדער נישט אָנגענעם איז געווען דער ווייַז-פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט, וועלכער האָט שטענדיק געצייכנט אין דער לופֿט עפּעס אויסטערלישס. און דאָס פֿאַרקירצטע רעקל פֿון אייַזן-פֿאַרב האָט אַלעקסייען ענלעך געמאַכט צו אַ זשוליקעוואַטן מעקלער פֿון פֿרעמדע געשעפֿטן.

ס׳האָט זיך אים פּלוצלינג פֿאַרגלוסט, אַז אַלעקסיי זאָל אַוועקגיין.

— איך דאַרף זיך אַ ביסל דורכשלאָפֿן, — האָט ער געזאָגט, צומאַכנדיק די אויגן.

— דאָס איז פּאַרנופּטיק, — האָט איינגעשטימט דער ברודער. דו גיי שוין היינט אין ערגעץ נישט.

— ווי אַ ייִנגעלע לערנט ער מיך, — האָט באַליידיקט אַ קלער געטון פּיאָטר, אַרויסבאַגלייטנדיק אים. ער איז צוגעגאַנגען אין ווינקל צום וואַש-טישל און האָט זיך אָפּגעשטעלט, דערזעענדיק, אַז גלייך מיט אים באַוועגט זיך רוישלאָז אַ צו אים ענלעכער מענטש, אַן אומגליקלעך צעשויבערטער, מיט אַ צעקנייטשט פּנים, מיט דערשראָקן אַרויסגעזעצטע אויגן. ער באַוועגט זיך און מיט דער רויטער האַנט גלעט ער די נאַסע באָרד, די האָריקע ברוסט: עטלעכע סעקונדעס האָט ער נישט געגלייבט, אַז דאָס איז זיין בילד אין שפּיגל, איבער דער סאָפֿע, נאָכדעם האָט ער רחמנותדיק אַ שמייכל געטון און אויפֿסניי אָנגעהויבן איינרייבן מיט אַ שטיקל אייז דאָס פּנים, דעם האַלז, די ברוסט.

— כ'וועל נעמען אַ דראָזשקע, וועל פֿאָרן אין שטאָט אַריין, — האָט ער באַשלאָסן, זיך אָנטוענדיק, נאָר, אַריינשטעקנדיק די האַנט אין אַרבל פֿון דער מאַרינאַרקע, האָט ער זי אַוועקגעוואָרפֿן אויף אַ שטול און שטאַרק אַ קוועטש געטון מיטן פֿינגער דאָס ביינערנע קנעפּל פֿון גלעקל.

— טיי ; קאָך אויף וואָס שטאַרקער ! — האָט ער געזאָגט דעם דינער. — גיב עפּעס געזאַלצנס. קאָניאַק.

ער האָט אַ קוק געטון פֿון פֿענצטער, די ברייטע טירן פֿון די געוועלבער זענען שוין געווען געשלאָסן, איבער דער גאַס זענען געקראָכן די מענטשן, צוגעפּלאַטשטע פֿון דער הייסער טונקלקייט צו די קיזל-שטיינער ; ס'האָט געקנאַקט די אָפּאַלן-לאַמטער באַם אַריינגאַנג אין טעאַטער ; ערגעץ-וואו נאָענט האָבן געזונגען פֿרויען.

— מילבן.

— מען קאָן צורוימען, — האָט מען אַ זאָג געטון הינטער דער פּלייצע, ער האָט זיך שנעל אויסגעדרייט ; אין דער טיר איז געשטאַנען אַ זקנה מיט איין אויג, מיט אַ פּאַדלאָגע-באַרשט און שמאַטעס אין די הענט. ער איז שווייגנד אַרויסגעגאַנגען אין קאַ-

רײדאָר אַרײַן און האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מענטש אין טונקע־לע ברילן, אין אַ שוואַרצן הוט; דער מענטש האָט געזאָגט אין דער שפּאַלט אַרײַן פֿון דער טיר:

— יאָ, יאָ, מער גאָרנישט!

אַלץ איז געווען נישט גוט, ס׳האָט געבייט צו קלערן, צו זוכן אין די ווערטער אַ פֿאַרבאָרגענעם זינען. דערנאָך איז אַרטאַ־מאָנאָוו דער עלטערער געזעסן בײַ אַ קײַלעכיקן טיש, פֿאַר אים האָט געפּײַפֿט אַ קלײנער סאַמאָוואַר, ס׳האָט צוגעקלונגען דאָס גלעזל פֿון לאָמפּ איבערן קאָפּ, גלײַך ס׳וואָלט אים לײַכט באַרירט עמעצנס אומגעזעענע האַנט. אין זכּרון האָבן געשימערט מאָדנע פֿיגורן פֿון ווילד־שיכּורע מענטשן, ווערטער פֿון לידער, ברעקלעך פֿון דעם ברודערס קאָמאַנדירן־רעדע, ס׳האָבן געגלאַנצט עמעצנס דרך אגבֿ באַמערקטע אויגן, נאָר אין קאָפּ איז פֿונדעסטוועגן געווען לער און טונקל; ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳האָט אים דורכגעשטאָכן אַ די־נינקער, ציטערדיקער שטראַל און, ווי שטויבעלעך, טאַנצן עס אין אים, דרייען זיך די מענטשן, שטערנדיק צו טראַכטן וועגן עפּעס זייער וויכטיקס.

ער האָט געטרונקען הייסע, שטאַרקע טיי, געשלונגען קאָ־ניאַק, אָפּבריִענדיק דאָס מויל, אָבער ער האָט נישט געפֿילט, אַז ער ווערט שכּור, ס׳איז נאָר געוואַקסן דער אומרו, ס׳האָט זיך גע־גלוסט ערגעץ־וואו גיין. ער האָט אָנגעקלונגען. ס׳איז דערשינען עפּעס אַ מין בעפֿלדיק שווימענדיקער מענטש, אָן אַ פּנים, אָן האָר, אָן ענלעכער צו אַ שטעקן מיט אַ ביינערנער גאַלקע.

— גרינגעם ליקער ברענג, וואַנקאַ; גרינגעם, פֿאַרשטייסט?

— יאָ, שאַרטרעז.

— דו ביסט דען וואַנקאַ?

— לחלוטין נישט, קאָנסטאַנטין.

— נו, גיי.

ווען דער לאַקיי האָט אַרײַנגעבראַכט דעם ליקער, האָט אַר־טאַמאָנאָוו געפֿרעגט:

— ביסט אַ סאָלדאַט!

— ניין.

— אָבער דו רעדסט ווי אַ סאָלדאַט.

— דער אמת איז אַן ענלעכער, מען דאַרף פאָלגן.

אַרטאַמאָנאָוו האָט אַ קלער געטון, אים געגעבן אַ רוקל און געעצהט:

— אָבער דו — פאָלג נישט. שיק אַלעמען צום..., און האַנדל אַליין מיט אייז־קרעם, און מער גאָרנישט.

דער ליקער איז געווען קלעפיק, אַזוי ווי האָניק און האַרב ווי אַמאָניאַק. פון אים איז אין קאָפּ לייכטער געוואָרן, קלאָרער, אַלץ איז עפּעס אַזוי קאָנדענסירט געוואָרן, און, בעת אין קאָפּ איז פאָרגעקומען דידאָזיקע קאָנדענסירונג, איז אויף דער גאַס אויך געוואָרן שטילער, אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעשטייפּט, ס'האָט זיך אויסגעבילדעט אַ לייכטער גערויש און ער איז ערגעץ וואו ווייט אַוועקגעשוואומען, איבערלאָזנדיק הינטער זיך אַ שטיל־קייט.

— מען דאַרף פאָלגן? — האָט געטראַכט אַרטאַמאָנאָוו. — וועמען? איך בין — אַ באַלעבאָס, און נישט קיין לאָקיי. בין איך אַ באַלעבאָס, צי נישט?

נאָך אַלע טראַכטונגען האָבן זיך ראַפּטום איבערגעהאַקט, זענען פאַרשוואונדן, דערשראָקענע פון פחד: אַרטאַמאָנאָוו האָט פּלוצלינג דערזעען פאַר זיך יענעם מענטש, וואָס שטערט אים צו לעבן לייכט און געשיקט, ווי ס'לעבט אַלעקסיי, ווי ס'לעבן די אַנדערע האָפערדיקע מענטשן; — ס'האָט אים געשטערט דער ברייטפּנימדיקער, בערדיקער פאַרשוין, וואָס איז געזעסן קייגן אים באַם סאַמאָוואַר; ער איז געזעסן שווייגנד, אַרייַנקלאַמערנדיק די פינגער פון דער לינקער האַנט אין דער באָרד, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דער באַק אָן דער דלאָניע; ער האָט געקוקט אויף פּיאָטר אַרטאַמאָנאָוון אַזוי טרויעריק, אַזויווי ער וואָלט זיך געזעגנט מיט אים און אין דערזעלבער צייט אַזוי, ווי ער וואָלט אים באַדויערט, געמוסרט פאַר עפּעס; ער האָט געקוקט און געוויינט, פון אונטער זיינע רויטע אויגן־לעפּלעך זענען געגאַנגען גיכע טרערן; און איבערן ראַנד פון דער באָרד, לעבן לינקן אויג, האָט זיך באַוועגט אַ גרויסע פליג; אָט איז זי אַריבערגעקראָכן, ממש ווי איבערן פּנים

פון אַ מת, איז דער שליח אַרויס, האָט זיך אָפּגעשטעלט איבער דער ברעם, אַרייַנבליקנדיק אין אויג אַריין.

— וואָס, נבלה? — האָט געפרעגט אַרטאַמאָנאָוו דעם שונא זיינעם; יענער האָט זיך קיין ריר נישט געטון, נישט געענטפערט, נאָר אַ באַוועג געטון מיט די ליפּן.

— דו דיטשעסט? — האָט שאַדנפריידיק זיך צעיעלהוועט פּיאָטר אַרטאַמאָנאָוו. — האָסט מיך פאַרפּלאָנטערט, מנוול, און אַליין ווייניקסטו? ס'איז דיר אַליין אַ שאָד? אוי־אוי. . .

כאַפּנדיק פון טיש אַ פלאַש, האָט ער מיט אימפּעט אַ קלאַפּ געטון יענעם איבערן פליכיקן שאַרבן.

אויפן טראַסק פון צעבראָכענעם גלאָז, אויפן הילך פון סאַמאָוואר און געשריי, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון איבערגעדרייטן טיש, זענען אָנגעקומען מענטשן, זיי זענען געווען נישט קיין סך, נאָר איטלעכער האָט זיך צעשפּאַלטן אויף צווייען, איז צעשוואומען געוואָרן; די איינאויגיקע אַלטע האָט אין איין און דערזעלבער מינוט זיך איינגעבויגן, אויפהייבנדיק דעם סאַמאָוואר, און איז געשטאַנען גלייך.

זיצנדיק אויף דער פּאָדלאָגע, האָט אַרטאַמאָנאָוו געהערט באַקלאָגלעכע שטימען:

— ס'איז באַכט, אַלע שלאָפן.

— דעם שפּיגל האָט איר צעבראָכן.

— דאָס איז, פאַרשטייט איר, נישט קיין פּאַסאָן. . .

אַרטאַמאָנאָוו, צעפירנדיק מיט די הענט, איז געשוואומען ערגעץ־וואו און האָט געמרוטשעט.

— אַ פליג. . .

אויפן אַנדערן טאָג אָוונט־צו איז בחפזונדיק געקומען צו לויפן אַלעקסיי; ער האָט זאָרגפעלטיק, ווי אַ דאָקטאָר אַ קראַנקן, אָדער אַ קוטשער — אַ פערד, באַטראַכט דעם ברודער, האָט געזאָגט, צוקעמענדיק די וואָנסעס מיט אַ מין קליינטשיק בערשטעלע:

— דו ביסט אומנאַטירלעך אָנגעבלאָזן געוואָרן; אין אַזאַ מראה זיך ווייזן אַהיים — קאָן מען נישט. אַ חוץ דעם קאָנסטו מיר

דאָ אין עפּעס באַהילפיק זיין, די באָרד דאַרף מען צושערן, פּיאָטר. און קויף דיר אַ פּאָר אַנדערע שטיוול, די שטיוול זענען באַ דיר — באַלעגאָלישע !

צוגויפּפּרעסנדיק די ציין, איז אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער הכנעהדיק נאָכגעגאַנגען דעם ברודער צום פריזירער, — אַלעקסיי האָט שטרענג און גענוי דערקלערט ווי ווייט מען דאַרף אָפּשערן די באָרד און די האָר אויפן קאָפּ; אין שיך-געוועלב האָט ער אַליין אויסגעקליבן פאַר פּיאָטרן די שטיוול. נאָכדעם אַ קוק געבנדיק אין שפּיגל אַריין, האָט פּיאָטר איינגעפונען, אַז ער איז ענלעך געוואָרן צו אַ סוביעקט, און די שטיוול האָבן אים געקוועטשט באַ די פינגער. אָבער ער האָט געשוויגן, אָנערקענענדיק, אַז דער ברודער טוט גוט: הן די האָר צושערן, הן די שטיוול איבערבייטן, דאָס אַלץ איז נייטיק. מען דאַרף בכלל זיך ברענגען אין אָרדנונג, פאַרגעסן דאָס גאַנצע טריבע, דריקנדיקע, וואָס איז פאַרבליבן פון דעם הולטייען און וואָס האָט שווער, פילבאַר געפּלאָגט.

אָבער דורך דעם נעפּל אין קאָפּ און דער מידקייט פון דעם פאַרסמטן, צעטרייסלטן קערפּער האָט ער, צוקוקנדיק זיך צום ברודער, געשפּירט אַלץ אַ מער קאָמפּליצירט געפיל, אַ געמיש פון קנאה און אַכטונג, פון פאַרבאָרגענעם שפּאָט און שנאה. דערדאָזיקער מאָגערער, בחפזונדיקער פאַרשוין, דער שאַרפאויגיקער, מיטן שטעקעלע אין דער האַנט, האָט געבליצט און גערויכערט, פלאַקערנדיק מיט אומגעזעטיקטער גיריקייט צו שפּיל מיט געשעפט. עסנדיק מיט אים פרישטיק, מיטאָג אין קאַביגעטן פון די בעסטע יאַריד-טראַקטירן, אין געזעלשאַפט פון באַרימטע סוחרים, האָט פּיאָטר מיט נישט קליינער פאַרוואונדערונג געזען, אַז אַלעקסיי האַלט זיך אַזוי ווי אַ לץ, פלייסנדיק זיך לאַכעוודיק צו מאַכן, אַמיזירן די גבירים, נאָר זיי, ווייזט אויס, נישט באַמערקנדיק דאָס לצישע, האָבן בפירוש ליב געהאַט, געשעצט אַלעקסייען, אויפמערקזאַם געהערט דאָס סראָקישע גרעגעריי פון זיין רעדן.

דער ריזיקער, גרויסבערדיקער טעקסטיליסט קאָמאָלאָוו האָט געדראָעט מיטן פינגער פון מיירן-קאָליר, נאָר גערעדט האָט ער

ליבלעך, אַרויסזעצנדיק די אָקסישע אויגן, זאָפּטיק צוסמאַטשקענ־דיק:

— דו ביסט געשיקט, אַליאָשאַ, ביסט אַ כיטרער, אַ פוקס! דו האָסט מיך אָפּגעפּרייערט...

— יערמאָלאַי איוואַנאָוויטש! — האָט התלהבותדיק גע־שריגן אַלעקסיי — כ׳האָב זיך אויסגעפּיינט פאַר אייך — יאָ?

— ריכטיק. געניץ נישט, גיי מיטן טויז פון טרומף!

— יערמאָלאַי איוואַנאָוויטש, — איך לערן זיך!

קאָמאָלאָוו האָט מסכים געווען:

— לערנען זיך — דאַרף מען.

— מיינע הערן! — האָט אויך אַזוי התלהבותדיק, נאָר שוין חניפהדיק געזאָגט אַלעקסיי, פּאַכענדיק מיטן שטעקן. — מיין זון, מיראָן, איז אַ חכם, אַ קינפּטיקער אינזשיניער, האָט ער דער־ציילט: אין שטאָט סיראַקוז איז אַ באַרימטער געלערנטער גע־ווען; האָט ער פאַרגעלייגט דעם קייסער: גיב מיר אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן, וועל איך דיר דאָס גאַנצע לאַנד איבער־דרייען!

— האָסט געהערט, אַ ממזר...

— כ׳וועל איבערדרייען, זאָגט ער! מיינע הערן! אונזער שטאַנד האָט אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן — אויפן רובל! מיר באַ־דאַרפן נישט קיין חכמים, וועלכע קענען איבערדרייען, מיר זענען אַליין — מיט וואָנסעס; מיר באַדאַרפן נאָר איינס: אַנדערע באַ־אַמטע! מיינע הערן! די אַריסטאָקראַטיע — דאַרט, זי איז אונז נישט קיין מניעה, נאָר די באַאַמטע מוזן באַ אונז זיין אייגענע און אַלע אונז נייטיקע מענטשן — אייגענע, פון סוחרים, כדי זיי זאָלן אונזער זאַך פאַרשטיין, — אָט.

די גרייז־גראָע, פליכיקע, אויסגעפּאַשעטע לייט האָבן היי־טער איינגעשטימט:

— אמת, אַ ממזר!

און דער אייבאָויגיקער, שפּיציק־נאָזיקער, בייניקער אַלטיטש־

קער, דער דיסקאָנטירער לאָסעוו, האָט, העפלעך כיכיקענדיק, געזאָגט:

— אַלעקסיי איליטש האָט אַ מייכעלע — אַ מייזעלע; אַלץ ווייסט עס: וואו שמאַלץ, וואו זאַלץ און ס׳גריזשעט, גריזשעט! פאַר זיין געזונט!

מען האָט אויפגעהויבן די באָקאַלן, אַלעקסיי האָט פריידיק אָנגעקלאַפּט מיט אַלע די גלעזלעך, און לאָסעוו, קלאַפּנדיק מיטן קינדישן הענטעלע איבער קאָמאַלאָווס שטאַרקער פּלייצע, האָט געזאָגט:

— פּיפּיקע באַווייזן זיך צווישן אונז.

— ס׳זענען תמיד געווען! — האָט שטאָלץ געענטפערט קאָמאַלאָוו. — מיין פאָטער איז פון אַ טרעגער געוואָרן אַ לייט...

— דיין פאָטער, זאָגט מען, האָט אָנגעהויבן דערפון, וואָס ער האָט אַ רייכן אַרמענער דערקוילעט, — האָט לאַכנדיק געזאָגט לאָסעוו, און דער גרויסבערדיקער טעקסטיליסט, אַרויסלאַכנדיק ווי אַ באַראַן, האָט געענטפערט:

— פּזמונות! דאָס זאָגט מען באַ אונז אויס נאַרישקייט: ווי באַלד אַ מוצלח, איז ער זינדיק! און וועגן דיר, קוזמאַ, גייען אויך אַרום נישט קיין שיינע קלאַנגען...

— וועגן מיר אויך, — האָט באַשטעטיקט לאָסעוו, אָפּזיפצנדיק. — קלאַנגען — זענען פליגן, עך!

אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער האָט געהערט, צוקראַקענדיק, ער האָט אַ סך געגעסן, זיך באַמיט ווייניקער צו טרינקען און מרה־שחורהדיק זיך געפילט צווישן דידאָזיקע מענטשן אַלס חיה פון אַן אַנדערער ראַסע. ער האָט געוואוסט: זיי אַלע זענען געוועזענע פּויערן; ער האָט געזען אין אַלע עפּעס רוצחיש, לעגענדאַריש, וואָס וועקט צו זיי דרך ארץ און דערמאַנט אָן זיין פאָטער. געוויס וואָלט דער פאָטער געווען מיט זיי סיי אין געשעפט, סיי אין די הוליאַנקעס, ער וואָלט, מסתמא, אויך געפירט אויסגעלאַסענע אַרגיעס און וואָלט פאַרבערענט געלט, ווי סטריזענעס. יאָ, געלט — דאָס איז סטריזענעס פאַר דידאָזיקע מענטשן, וועלכע הובלעווען אומ־

דערמידלעך, מיט אַלע כּוחות דאָס גאַנצע לאַנד, אײַנער דעם אַנ־דערן, דאָס דאָרף.

נאָר דער ברודער איז עפּעס נישט ענלעך געווען צו דידאָ־זיקע גרויסע לײַט און מאַנכעסמאַל, נישט געקוקט אויף דער אומ־פרײַנדשאַפט צו אים, האָט פּיאָטר געפילט, אַז אַלעקסיי איז שאַרפער, קלוגער פון זיי און אַפילו — געפערלעכער.

— מײַנע הערן! — האָט ער ווילד, ווי ס׳וואָלט אים עפּעס צוגעקומען, געשריגן. — גיט נאָר אַ טראַכט, וואָס פאַר אַן אומ־אויסשעפּלעכע הענט־קראַפט ס׳איז דאָ בײַ אונז, וואָסערע אומגע־הײַערע מיליאָנען פויער. ער איז אי דער אַרבעטער, אי דער קונה. וואו איז דאָס פאַרהאַן אין אַזאַ צאָל? אין ערגעץ נישט! און ס׳איז אונז נישט נייטיק קיין שום דײַטשן, קיין שום אויסלענ־דער, מיר קענען אַלץ אַליין!

— ריכטיק, — האָבן אײַנגעשטימט מיט אים די אָנגעשיכור־טע, לאַרמענדיקע לײַט.

ער האָט גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט צו העכערן דעם צאָל אויפן אַרײַנפיר פון אויסלענדישע סחורות, וועגן קויפן די ערד פון די גוטבאַזיצערס, וועגן דער שעדלעכקייט פון די אַריס־טאָקראַטישע בענק, ער האָט אַלץ געוואוסט און מיט אַלעם, וואָס ער האָט געזאָגט, האָבן די מענטשן התלהבותדיק אײַנגעשטימט, צו דער פאַרוואונדערונג פון אַרטאָמאַנאָוו דעם עלטערן.

— ריכטיק האָט ניקיטאַ געזאָגט, דערדאָזיקער קען לעבן, — האָט ער געקלערט מיט קנאה.

נישט קוקנדיק אויף דער שוואַכקייט פון זײַן געזונט, האָט אַלעקסיי אויך געלעבט אויסגעלאַסן. בײַ אים איז געווען, משמעות, אַ כּסדרדיקע און לאַנגסטיקע געליבטע, אַ מאָסקווערין, וואָס האָט אויפגעהאַלטן אַ כאָר פון ציגײַנערס, אַ געפּאַשעטע, וואוקסיקע פרוי מיט אַ האָניקדיק קול און שטראַליקע אויגן. מען האָט געזאָגט, אַז זי איז שוין אַלט פערציק יאָר, נאָר לויט איר פּנים, דעם מאַט־ווײַסן, מיט דער ראָזקייט אונטער דער הויט, האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז נאָך נישט אַלט קיין דרײַסיק.

— אַליאָשינקאַ, סאָקאָל, — פלעגט זי זאָגן, ווײַזנדיק די

שאַרפֿע, פֿוקסישע ציין, און האָט פּאַרדעקט אַלעקסייען מיט זיך, ווי אַ מוטער אַ קינד.

זי האָט געמוזט וויסן, אַז אַלעקסיי מיאוסט זיך חלילה אויך נישט מיט די מיידלעך פֿון איר כאָר, זי האָט דאָס געוויס געזען. נאָר איר באַציונג צום ברודער איז געווען אַ פֿריינדלעכע, פּיאָטר האָט נישט איינמאָל געהערט, ווי אַלעקסיי עצהט זיך מיט איר וועגן מענטשן און געשעפֿטן, דאָס האָט אים געוואונדערט און ער ער האָט זיך דערמאַנט אָן פֿאָטער, אוליאַנאַ באַאימאַקאָוואַ.

— אַ שד, — האָט ער געטראַכט, קוקנדיק אויפֿן ברו־דער.

אפֿילו זיין שטיפֿערייַ האָט געהאַט עפּעס אַ באַזונדער שפּי־לעוודיקן כאַראַקטער. דער דיקער קלאָון, דער דייטש מאַיער, האָט געוויזן אין צירק אַ חזיר; אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן סורדוט, אין אַ צילינדער, אין שטיוול — פֿלעשער, איז עס געגאַנגען אויף די הינטערשטע פֿיס, פֿאַרשטעלנדיק אַ סוחר. דאָס האָט זייער גע־ווילט דאָס פּובליקום, ס'האָבן אויך געלאַכט די סוחרים, נאָר אַלעק־סיי האָט זיך אַנדערש באַצויגן, — ער האָט זיך באַליידיקט און אָנגערעדט אַ קאָמפּאַניע גוטע־ברידער אַרויסצוזוגנבענען דאָס חזיר. מען האָט אונטערגעקויפֿט אַ קאַניוך, מען האָט אַרויסגעגנבעט דאָס חזיר און די סוחרשאַפֿט האָט פֿייערלעך אויפֿגעגעסן דאָס פֿלייש דערפֿון, וועלכעס איז צוגעגרייט געוואָרן אונטער כּלערליי סאָסן דורך דעם מייסטערהאַפֿטן האָטעל־קוכער באַרבאַטעטקאַ. פּיאָטר אַרטאַמאָ־באָוו האָט נעפּלהאַפֿט געהערט, אַז דער קלאָון האָט זיך אויפֿגעע־האַנגען פֿון צרות*). אַלץ, וואָס ער האָט באַמערקט אין אַלעק־סייען אויפֿן יאַריד, האָט אַרויסגערופֿן באַ אים זייער אומרויִקע מחשבות.

— אַ זשוליק. אָן געוויסן. ער קאָן מיך בדיל הדל שטעלן

---

*) דער פֿאַקט, באַשריבן דורך פּ. ד. באָבאָריקינען אין דער צייטונג „רוסקי קוריער", באַציט זיך צו די 80־ער יאָרן.

און וועט עס גאָר אַליין נישט באַמערקן. און נישט פֿון גיריקייט וועט ער רויִנירן, נאָר וועט זיך פּשוט פֿאַרשפּילן.

דאָס באַוואוסטזיין פֿון דערדאָזיקער געפֿאַר האָט אים אויסגעניכטערט און געשטעלט אויף די פֿיס. אַהיים האָט ער זיך אומגעקערט אַליין, אַלעקסיי איז אַוועקגעפֿאָרן קיין מאָסקווע. ס׳איז געווען סעפּטעמבער, אַ ווינטיקער און אַ נאַסער, ווען אַרטאַמאָנאָוו איז צוגעפֿאָרן צו דריאָמאָוו. צוקלינגענדיק מיט די גלעקלעך, געשמאַק סמאָטשקענדיק מיט די קאָפּיטעס איבער דער שיטערער בלאָטע, זענען די באַלעבאַטישע פֿערד מיט חשק געלאָפֿן דורך אַ נישט הויך יאָדלע־וועלדל, וואָס האָט אין שטרענגע רייען אומבאַוועגלעך געהיטן דעם שמאָלן פּאַס פֿון בלאָטיקן וועג. דער הימל איז געדיכט פֿאַרשמירט געווען מיט גראָ טייג פֿון וואָלקנס, ס׳איז אויך גראָ און אומעטיק געווען אין דעם שכורן קאָפּ. אַרטאַמאָנאָוו האָט אַזויווי געהאַט באַגראָבן עמעצן זייער אַ נאָענטן, נאָר ווער ס׳איז, פֿונדעסטוועגן, אים זייער נמאס געוואָרן. ס׳איז אַ שאָד געווען דער מת, נאָר ס׳איז דאָך אָנגענעם געווען צו וויסן, אַז וועסט אים שוין מער נישט טרעפֿן; ער האָט אויפֿגעהערט צו באַמרויִקן מיט דער נישטקלאָרקייט פֿון זיינע פֿאָדערונגען, פֿון זיינע שטומע פֿאָרוואורפֿן און מיט אַלעם דעם, וואָס האָט געשטערט צו לעבן דעם ווירקלעכן, לעבעדיקן מענטש.

— מען דאַרף נאָר עפּעס טון, מער גאָרנישט! — האָט ער מיט זיך איינגעטענהט. — אַלע מענטשן לעבן מיט אַרבעט. יאָ.

ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט דער גאַנצער אָנשטרענגונג פֿון זיינע כּוחות. רויִק זענען אַריבער די לויטערע טעג פֿונם אַלט־ווייבער־זומער, ווערנדיק פֿאַרביטן מיטן טרויעריקן לייכטן פֿון די לבנה־נעכט.

אויפֿכאַפּנדיק זיך אין דעם פֿערלדיקן טונקל פֿון די האַרבסטיקע באַגינען־שטראַלונגען, האָט אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער געהערט דעם פֿאָדערנדיקן פֿייף פֿון פֿאַבריק, און אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט זיך אָנגעהויבן איר נישט איינשטילנדיקער שאָרך, דער פֿליסטער, דער טויבלעכער, נאָר מעכטיקער און דער פֿאַרן אויער

צוגעוואוינטער געריש פון דער אַרבעט. פון פאַרטאָג ביז שפּעטן אָוונט האָבן באַ די שייערן געשריגן די פויערן און פויערטעס, איבערגעבנדיק דעם ליין; באַם טראַקטיר, אויפן ברעג פון דער וואַטאַראַקשע, וועלכן ס׳האָט געעפנט איינער פון די אומצייל־באַרע מאַראָזאָווס, האָבן געקלונגען שכּורע לידער, ס׳האָט געקוויטשעט אַ האַרמאָניקע. איבערן הויף איז אַרומגעגאַנגען דער שווערער, ווי אַ מאַשין פינקטלעכער, שטרענגער צו מענטשן, טיכאָן וויאַלאָוו, מיט אַ בעזעם, מיט אַ רידעל אין די הענט, מיט אַ האַק; ער האָט, נישט איילנדיק זיך, געקערט, געגראָבן, געהאַקט, געשריגן אויף די פויערן, אויף די אַרבעטער. ס׳האָט געשימערט דער העל־בלויער, שטענדיק ציכטיקער סעראַפים. אין הויז איז אויך, ווי אַ מאַשין, טעטיק געווען נאַטאַליע, זייער אַ צופרידענע פון די רייכע מתנות, וועלכע דער מאַן האָט איר געבראַכט צו פירן פון יאַריד, און נאָך מער — פון זיין שווייגנדיקער, גלייכמעסיקער רויקייט. אַלץ איז געגאַנגען גלאַטיק, ס׳האָט אויסגעזען פעסט איינגעשטעלט; די פאַבריק, די מענטשן, אפילו די פערד — אַלץ האָט געאַרבעט ווי איינגעפירט לעולם ועד. און שנעל, אַקוראַט ווי וואָלקנס, געיאָגט פון ווינט, זענען געשוואומען חדשים, האָבן זיך צונויפגעלייגט יאָרן.

ווי אַן אָקס, אָנגעבויגן דעם קאָפּ, איז אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער געגאַנגען איבער די קאָרפּוסן, איבערן הויף, געשפּרייזט איבער דער גאַס פון דערפל, שרעקנדיק די קינדער, און איבעראַל האָט ער געשפּירט עפּעס נייעס, אויסטערלישס: אין דעמדאָזיקן גרויסן געשעפט איז ער געוואָרן כּמעט אַן איבעריקער, אַזוי ווי אַ צוקוקער. ס׳איז געווען אָנגענעם צו זעען, אַז יאַקאָוו פאַרשטייט דאָס געשעפט און איז, דאַכט זיך, מיטגעריסן דערפון; זיין אויפפירונג האָט נישט נאָר אָפּגעצויגן פון די געדאַנקען וועגן עלטערן זון, נאָר אפילו פרידלעך געשטימט צו איליען.

— איך וועל אָן דיר אויך זיך באַגיין, געלערנטער. לערן זיך.

אַ זאַטער, ראָזבאַקיקער, מיט אָנגענעמע אויגן, וועלכע האָבן, שמייכלענדיק, אָפּגעשפּיגלט אַלע קאָלירן, פונקט ווי זייפנבלאָזן,

האָט יאַקאָוו סאָליד געטראָגן זיין קיילעכיקן קערפּער און כאָטש פון דער נאָענט איז ער מאָדנע ענלעך געווען צו אַ טויב, האָט ער פונדערווייטנס אויסגעזען אַ טיכטיקער, געשיקטער באַלעבאָס. די אַרבעטעריגס האָבן ליבלעך געשמייכלט צו אים, ער האָט גע־וואָרקעט מיט זיי, זיס פאַרזשמורעבדיק די אויגן, און איז געגאַנגען אַרום זיי עפּעס אַזוי מיט איין זייט, נישט קענענדיק פאַרבאָרגן אונטער דער געמאַכטער סאָלידקייט די היציקייט פון אַ ייבגן האָן. דער פּאָטער האָט זיך געציפּט באַם הויער, צוגעשמייכלט און גע־טראַכט:

— מען וואָלט דיר געדאַרפט ווייזן פּאַולען, דו שוטה...

אים איז געפעלן, וואָס יאַקאָוו, זייענדיק באַם פּעטער, פלעגט זיך נישט אַריינמישן אין די אומענדלעכע וויכוחים פון מיראָנען מיט זיין חבר, דעם געטראָגענעם, אומרויקן גאַריצוועטאָוון. מיראָן איז שוין געוואָרן אינגאַנצן נישט ענלעך צו אַ סוחרישן זון; אַ דאַרער, לאַנגנאָזיקער, אין ברילן, אין אַ קורטקע מיט אָפּגעגילד־טע קנעפּלעך, מיט עפּעס אַזעלכע מאָנאָגראַמען אויף די אַקסלען, האָט ער דערמאַנט אָן אַ פרידנס־ריכטער. געגאַנגען און געזעסן איז ער גלייך, ווי אַ סאָלדאַט, האָט גערעדט פון אויבן אַראָפּ, פאַרריסן און, הגם פּיאָטר האָט פאַרשטאַנען, אַז דער פלימעניק רעדט תמיד עפּעס קלוגס, איז אים מיראָן דאָך נישט געפעלן.

— נו, ברודער, דאָס איז חלשהזאָפיע, — האָט ער באַלערנ־דיק גערעדט, האַלטנדיק די הענט ווי אַ שטוצער, אַריינגעשטעקט אין די קעשענעס פון דער קורטקע. דאָס איז אַ פּלפּול פון חלשה, פון נישט קענען.

אַרטאַמאָנאָוון דעם עלטערן האָט זיך געדאַכט, אַז גאַרי־צוועטאָוו רעדט אויך נישט שלעכט, נישט נאַריש. אַ קליינינקער, אין אַ שוואַרצער בלוזע אונטער דעם סטודענטישן סורדוט, וואָס איז געווען שלימזלדיק צעקנעפּלט, אַ צעפּאַטלטער, מיט אָנגע־שוואָלענע אויגן, גלייך ער וואָלט עטלעכע מעת־לעת נישט געשלאָפן, מיט אַ טונקל, שפּיציק פּנים אין בלעטערלעך, פלעגט ער שרייען, נישט הערנדיק קיינעם, פיבערהאַפט פאָכענדיק מיט די הענט, און פלעגט אַרויפשפּרינגען אויף מיראָנען:

— איר וועט דערגרייכן דאָס, אַז די זון וועט אויפגיין אין די הימלען לויטן פייף פון אייערע פאַבריקן און אַ פאַררויכערטער טאָג וועט אַרויסקריכן פון די זומפּן, פון די וועלדער לויטן רוף פון די מאַשינען, אָבער — וואָס וועט איר מאַכן מיטן מענטש?

מיראַן האָט אויפגעהויבן די ברעמען, זיך געקרומט און, פאַרריכטנדיק די ברילן, געדויבערט טרוקן, געמאָסטן:

— דאָס איז — חלשהזאָפיע, דאָס איז פּאָעזיע. דאָס איז שפּראַך־דרעשעריי און ווינט־חכמה, מיין פריינד. דאָס לעבן איז אַ קאַמף; ליריק, היסטעריקע זענען דערין נישט אויפן אָרט און זאַגאַר קאָמיש...

די ווערטער פון די דיספּוטאַנטן האָבן זיך געלאָזט דערקע־נען, ווי ווייסע טויבן צווישן טונקל־בלויע; אַרטאַמאָנאָוו דער על־טערער האָט געטראַכט:

— יאָ, אָט איז עס: נייע פייגל — נייע לידער.

דעם תּוך פון וויכוח האָט ער פאַרשטאַנען נעפּלהאַפט און, באַאָבאַכטנדיק יאַקאָוון, האָט ער מיט צופרידנקייט געזען, אַז דער זון גלעט דעם העלן פּוך אויף דער אויבערשטער ליפּ דערפאַר, ווייל ער וויל פאַרבאָרגן דאָס איראָנישע שמייכעלע.

— אַזוי, — האָט געקלערט פּיאָטר. — אָבער וואָס וואָלט געזאָגט איליאַ?

גאָריצוועטאָוו האָט געשריגן:

— פאַרקאָוועדיק די פערד און די מענטשן אין אייזן, מאַכנ־דיק דעם מענטש פאַר אַ קנעכט פון מאַשין...

צושאָקלענדיק מיט דער נאָז, האָט מיראָן אים געזאָגט:

— דער מענטש, וועגן וועלכן דו דאגהסט — איז אַ ליידיק־גייער. ער וועט אומקומען, וויבאַלד ער וועט מאָרגן נישט תּופס זיין, אַז זיין רעטונג איז אין דער אַנטוויקלונג פון דער אינ־דוסטריע...

— באַ וועלכן — איז דער אמת? וועלכער איז בעסער? — האָט געפּרוווט טרעפן פּיאָטר אַרטאַמאָנאָוו.

גאָריצוועטאָוו איז אים נישט געפעלן נאָך מער, ווי דער פּלי־מעניק, אין אים איז געווען עפּעס שיטערס, אומזיכערס, ער האָט

בפירוש פאַר עפּעס מורא געהאַט. האָט געשריגן. אָן צערעמאָניעס, ווי אַ שכּורער, פּלעגט ער זיך זעצן צום מיטאָג־טיש פריער פון די באַלעבאַטים, האָט פּיבערהאַפּט איבערגעלייגט די מעסערס און גאָפּ־לען, האָט געגעסן שנעל, נישט אָנשטענדיק, אָפּבריענדיק זיך, הוסטנדיק; אין אים איז, ווי אין אַלעקסייען, געווען עפּעס אונטער־שפּרינגענדיקס, איבעריקס און, דאַכט זיך, שלעכטס. די שוואַרצע אַפּלען פון זיינע פאַרצינדענע אויגן האָבן געקוקט בלינד, מיט פּיאָטר אַרטאַמאָנאָווען האָט ער זיך באַגריסט שווייגנדיק, נישט דרך־ארצדיק אַריינגערוקט אים די ראַצנדיקע, הייסע האַנט און שנעל זי צוריקגעצויגן. סוף כּל סוף איז דאָס געווען עפּעס אַ מין איבע־ריקער מענטש און ס׳איז נישט מעגלעך צו פאַרשטיין: נאָכוואָס דאַרף אים מיראָן?

— דו, סטיעפּאַ, עס און רעד נישט, — האָט אים געעצהט אָלגאַ, ער האָט גרעגערנדיק געענטפערט:

— איך קאָן נישט, דאָ פּראָפּאַגאַנדירט מען געפערלעכע אפּיקורסות!

פּיאָטרן האָט געחידושט די שווייגנדיקע אויפמערקזאַמקייט פון אַלעקסייען צו די וויכּוחים פון די סטודענטן, ער פּלעגט בלויז זעלטן־ווען אונטערהאַלטן דעם זון.

— ריכטיק! וואו ס׳איז דאָ קראַפּט, דאָרט איז אויך די מאַכט, און די קראַפּט איז — אין די אינדוסטריעלער, הייסט עס...

מיט שטראַליקע קנייטשן אויף די שלייפן, מיט אַ רויטן שפּיץ נאָז, באַלאַסטעט מיט דיקע, אָן איינפּאַסונג, ברילן־גלעזלעך, פּלעגט אָלגאַ נאָכן מיטאָג און דער טיי זיך זעצן צו די שפּיזלעך באַם פענצטער און שווייגנדיק, שטאַר, אָן אויפהער אויסהעפטן אומגע־ווינלעך העל־פאַרביקע בלומען. באַם ברודער האָט פּיאָטר זיך געפילט געמיטלעכער, ווי אינדערהיים, באַם ברודער איז גע־ווען אינטערעסאַנטער און מ׳האָט שטענדיק געקאָנט טרינקען אַ גלעזל גוטן וויין.

אומקערנדיק זיך אַהיים מיט יאַקאָוון, האָט דער פּאָטער איב געפרעגט:

— פאַרשטייסט, וועגן וואָס זיי שפּאַרן זיך?

— כ׳פאַרשטיי, — האָט קורץ געענטפערט דער זון.

בכדי צו פאַרבאָרגן פאַר אים זיין אומפאַרשטענדניש, האָט אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער שטרענג זיך איבערגעפרעגט:

— וועגן וואָס זשע?

יאַקאָוו האָט שטענדיק געענטפערט אָן חשק, קורץ, נאָר פאַרשטענדלעך; לויט זיינע ווערטער איז אויסגעקומען, אַז מיראָן זאָגט: רוסלאַנד דאַרף לעבן מיט דער זעלבער אָרדנונג, ווי ס׳לעבט אייראָפּע, און גאַריצוועטאָוו גלייבט, אַז רוסלאַנד האָט אָן אייגענעם וועג. דאָ איז אַרטאַמאָנאָוון דעם עלטערן נייטיק געוואָרן צו ווייזן דעם זון, אַז ער, דער פאָטער, האָט בנוגע דעם זיינע אייגענע געדאַנקען און ער האָט אויטאָריטעטיש געזאָגט:

— ווען די אויסלענדער זאָלן לעבן בעסער פון אונז, וואָלטן זיי צו אונז נישט געקראָכן...

אָבער — דאָס איז געווען אַלעקסייס אַ געדאַנק, קיין אייגענע האָט ער נישט פאַרמאָגט. אַרטאַמאָנאָוו האָט באַליידיקט זיך געכמורעט. און דער זון האָט אַזויווי נאָך פאַרטיפט די באַליידיקונג, זאָגנדיק:

— מ׳קאָן לעבן, ווען מען שטעלט זיך אפילו נישט אַרויס מיטן שכל, אָן דידאַזיקע שמועסן...

אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער האָט אַ מרוטשע געטון:

— מען קאָן אָן זיי אויך...

ער האָט אַלץ אָפטער געשפּירט שטויסן פון קליינטשיקע באַליידיקונגען און פאַרוואונדערונגען. זיי האָבן אים אָפּגערוקט ערגעץ־וואו אין אַ זייט אַריין, אַוועקשטעלנדיק אים אין דער ראָלע פון אַ צוקוקער, וועלכער מוז אַלץ זעען, וועגן אַלעם קלערן. און אַלץ אַרום האָט אומבאַמערקט, נאָר שנעל זיך געביטן, איבעראַל, אין די ווערטער און מעשים, האָט צודרינגלעך געשריגן נייעס, אומרויקס. איינמאָל, באַ דער טיי, האָט אָלגאַ געזאָגט:

— דער אמת, דאָס איז — ווען די נשמה איז פול און ווילסט מער גאָרנישט.

— ריכטיק, — האָט איינגעשטימט פּיאָטר.

אָבער מיראָן, אַ בליץ טוענדיק מיט די אויגן, האָט אָנגע-הויבן לערנען די מוטער:

— דאָס איז — נישט — דער אמת, נאַר — דער טויט. אמת איז — אין אַרבעט, אין טון.

ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, אַוועקטראָגנדיק מיט זיך אַ גראָבן בויגן פּאַפּיר, איינגעוויקלט אין אַ ראָלקע, האָט פּיאָטר באַמערקט אָלגען:

— דער זון רעדט גראָב מיט דיר.

— לחלוטין נישט.

— איך זע, אַז גראָב!

— ער איז קלוגער פון מיר, — האָט געזאָגט אָלגאַ. — איך בין דאָך נישט געבילדעט, איך רעד אָפט נאַרישקייטן. די קינדער זענען בכלל קלוגער פון אונז.

דערין האָט אַרטאַמאָנאָוו נישט געקאָנט גלייבן, שמייכלענ-דיק, האָט ער געענטפערט:

— אמת, דו רעדסט נאַרישקייטן. אָבער אָט די אַלטע לייט זענען קלוגער געווען פון אונז, די אַלטע האָבן געזאָגט: „פון זין האָט מען צער, פון טעכטער — טאָפּל", — פאַרשטייסט?

אירע ווערטער וועגן דעם שכל פון די קינדער האָבן אים שטאַרק אָנגערירט, זי האָט, באַטירלעך, געוואָלט מרמז זיין אויף איליען. ער האָט געוואוסט, אַז אַלעקסיי העלפט איליען מיט געלט, מיראָן שרייבט אים בריוו, נאָר אויס שטאָלץ האָט ער קיינמאָל נישט אויסגעפרעגט וואו און ווי אַזוי איליאַ לעבט; אָלגאַ פלעגט אַליין, צווישן אַנדערן, קונציק דערציילן אים וועגן דעם, פאַר-שטייענדיק די שטאָלצקייט זיינע. פון איר האָט ער געוואוסט, אַז איליאַ איז צוליב עפּעס אַוועקגעפאָרן וואוינען קיין אַרכאַנגעלסק, און אַציינד וואוינט ער אין אויסלאַנד.

— נו זאָל ער זיך וואוינען. ער וועט קלוגער ווערן, — וועט ער פאַרשטיין, אַז ער איז געווען אַ נאַר.

טיילמאָל, קלערנדיק וועגן איליען, האָט ער זיך געחידושט אויף דעם זונס איינגעשפּאַרטקייט; אַלע אַרום ווערן קלוגער, אויף וואָס וואַרט ער, איליאַ?

ער פלעגט נישט זעלטן טרעפן באַם ברודער אין הויז די פּאַפּאָוואַ מיט דער טאָכטער; אַלץ אַזאַ שיינע, טרויעריק רויקע און צו אים פרעמדע. זי האָט מיט אים ווינציק גערעדט און אַזוי, ווי ער פלעגט אַמאָל רעדן מיט איליען, ווען ער האָט געקלערט, אַז ער האָט אומזיסט אָן עוולה געטון דעם זון. זי האָט אים געקווילט. אין די שטילע מינוטן איז דאָס געשטאַלט פון דער פּאָפּאָוואַ אויפגעשוואומען פאַר אים, נאָר ס'האָט נישט געוועקט גאָרנישט, אַ חוץ פאַרוואונדערונג; אָט, געפעלט דיר אַ מענטש, דו קלערסט וועגן אים, אָבער — נישט צו פאַרשטיין, נאָכוואָס ער איז דיר נייטיק, און רעדן מיט אים איז פונקט אַזוי שווער, ווי מיט אַ טויב-שטומען.

יאָ, אַלץ האָט זיך געענדערט. אפילו די אַרבעטער ווערן אַלץ קאַפּריזער, שלעכטער, שווינדזיכטיקער, און די ווייבער נאָך מער שרייעוודיק. דער טומל אין אַרבעטער-דערפל איז אומרויקער; אין די אָוונטן דאַכט זיך אַזש, אַז אַלע וואָיען דאָרט ווי וועלף און אפילו דאָס פאַרמיסטיקטע זאַמד וואַרטשעט בייז.

באַ די אַרבעטער איז צו באַמערקן עפּעס אַ מין נישט איינזיצבאַרקייט, אַ ליידנשאַפט צו וואַגלען. דורך קיינעם און מיט גאָרנישט באַוואָרנט באַעוולטע בחורים קומען פלוצלינג אין קאַנטאָר אַריין מעלדן זייער אָוועקגאַנג פון דער אַרבעט.

— וואוהין גייט איר עס? — פרעגט פּיאָטר.

— אַ קוק טון, וואָס טוט זיך אין אַנדערע ערטער.

— וואָס פאַר אַ קליפּה האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיי? — האָט דער עלטערער אַרטאַמאָנאָוו געפרעגט דעם ברודער, — אַלעקסיי האָט מיט פוקסישע תנועהלעך, צולאַכנדיק, געזאָגט, אַז די אַרבעטער זענען אומרויק אומעטום.

— באַ אונז איז נאָך — גוט, שטיל, נאָר אַ שטייגער אין פּעטערבורג... די באַאמטע, די מיניסטאָרן זענען באַ אונז נישט אַזעלכע, ווי מען דאַרף...

און ווייטער האָט ער שוין גערעדט עפּעס אַזוי עזות-דיק, נאַריש, אַז דער עלטערער ברודער האָט אים פאַרומערט געמוסרט:

— דאָס איז שטותים ! פאַר די פּריצים לוינט עס צוצוגע־מען די מאַכט באַם קייסער, די פּריצים ווערן אָרעם. אָבער מיר אָן דער מאַכט ווערן אויך רייך. דער פאָטער באַ דיר האָט אין דזשע־געטשענע שטיוול אין די יום־טובים געשפּאַצירט, און דו טראָגסט אויסלענדישע קאַמאַשן, זיידענע קראַוואַטן. מיר דאַרפן צו זיין אַרבעטער פאַרן קייסער, אָבער נישט קיין חזירים. דער קיי־סער איז — אַ דעמב, דאָס האָבן מיר פון אים די גאָלדענע חזיר־ניס.

אַלעקסיי האָט, הערנדיק, געשמייכלט און דערמיט נאָך מער אויפגערייצט. אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער האָט איינגעפונען, אַז אַלע מענטשן שמייכלען בכלל צו אָפט; אין דערדאָזיקער בייער טבע זייערער איז דאָ עפּעס אַ נישט פריילעכס, אַ נאַרישס. קיי־נער פון זיי האָט נישט געקענט פונדעסטוועגן לאַכטווידיק מאַכן אַזוי טרייסטנדיק און לוסטיק, ווי סעראַפים דער טשעסלאַר, דער אומשטערבלעכער אַלטיטשקער.

אַרטאַמאָנאָוו האָט זיך זייער באַפריינדעט מיטן ט ר י י ס ־ ט ע ר. פון צייט צו צייט פלעגט אים ווידער באַפאַלן אַן אומעט, אַרויסרופנדיק אין אים אַ נישטבאַזיגבאַרן פאַרלאַנג צו טרינקען. אָנשכורן זיך באַם ברודער איז געווען אַ בושה, דאָרטן זענען תּמיד געווען פרעמדע מענטשן, און ער האָט באַזונדער נישט געוואָלט זיך ווייזן שכורערהייט פאַר דער פּאָפּאָווא. אינדערהיים האָט נאַ־טאַליאַ אין אַזעלכע טעג פאַרצאַקט זיך איינגעבויגן, דערדריקט גע־שוויגן; ס׳וואָלט בעסער געווען, ווען זי וואָלט געזידלט, דאַן וואָלט ער אַליין אויך געקאָנט זי זידלען. אָבער אַזוי איז זי ענ־לעך געווען צו אַ באַזלטער און, נישט דערוועקנדיק קיין כּעס, האָט זי געוועקט אַ געפיל פון רחמנות צו איר. אַרטאַמאָנאָוו איז גע־גאַנגען צו סעראַפימען.

— איך וויל מאַכן אַ כּוסה, אַלטער !

דער פריילעכער טשעסלאַר האָט געשמייכלט, צוגעשטימט:

— דאָס איז אַ געוויינלעכע זאַך, ווי די זון אין זומער ! דו ביסט מיד געוואָרן, הייסט עס, האָסט זיך פאַרמאַטערט. מילא, נו,

קרעפּטיק זיך אונטער! דאָס געשעפט דיינס איז נישט קיין קליינס, נישט קיין ווערצעלע אויף דער באַק!

ער האָט געהאַלטן פאַרן באַלעבאָס אַ משקא פון אַן אומגעווײנלעכן טעם, אַ מין געמישטן בראָנפן, ער האָט צונויפגעשאָפּט פון אַלע ווינקלען פאַרשידנפאַרביקע פלעשער און זיך געריִמט:

— כ׳האָב אַליין אויסגעטראַכט, און פאַרטיק מאַכט עס אַ נעוויסע דיאַקאָנעכע, אַן אלמנה, אַ נקבה — פייער־פלאַם! אָט, פאַרזוך, דאָסדאָזיקע איז פון בעריאָזע־בליעכץ מיט פרילינגדיקן זאַפט געשטעלט געוואָרן. ווי אַזוי איז עס?

ער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און זיפּנדיק זיין „ריבלדיקן", האָט ער געמוטלט:

— יאָ, אַזאַ מין דיאַקאָנעכע! אַן אומגליקלעכע פרוי. איטלעכער נייער געליבטער איז אַ גנב. און אָן געליבטע — קאָן זי נישט, אַזאַ אומגעדולדיקייט איז באַ איר אין די אָדערן...

— ניין, אָט איך האָב געזען אײנע אויפן יאַריד, — האָט זיך דערמאַנט אַרטאַמאָנאָוו.

— געוויס! — האָט געאײלט צו באַשטעטיקן סעראַפים. דאָרטן זענען געקליבענע סחורות פון גאַנצן לאַנד. איך ווייס!

סעראַפים האָט פון אַלעמען און אַלץ געוואוסט; ער האָט אינטערעסאַנט דערציילט וועגן די פּאָליען־עניִנים פון די אָנגעשטעלטע און אַרבעטער, האָט וועגן אַלע גערעדט אַלציינס ליבלעך און וועגן דער טאָכטער זײנער, ווי וועגן אַ פרעמדער.

— זי איז געזעצט געוואָרן, די שעלמאַ. לעבט מיטן שלאָסער סעדאָוו און לעבט זיך דאָך פיין, גיב אַ קוק! יאָ, איטלעכעס נפש געפינט זיך זיין לעבל.

ס׳איז גוט געווען באַ סעראַפימען אין זיין רײנעם שטיבל, פול מיטן פּעכיקן ריח פון סטריזשענעס, אין וואַרעמען האַלב־טונקל, וועלכן ס׳האָט נישט געשטערט דאָס באַשיידענע ליכט פון בלעכענעם לעמפּל אויף דער וואַנט.

נאָכן מאַכן אַ כוסה פלעגט אַרטאַמאָנאָוו זיך באַקלאָגן אויף די מענטשן, און דער טשעסלאַר האָט אים געטרייסט:

— דאָס איז גאָרנישט, דאָס איז גוט! ס׳האָבן אַ לויף גע-

טון די מענטשן, אָט אין וואָס ס איז דער תוך! איז געלעגן — געלעגן דער מענטש, האָט געטראַכט — געטראַכט, און איז אויפ־געשטאַנען און — גענומען גיין! און זאָל ער גיין! — זיי נישט אומעטיק, דו גלייב דעם מענטש. זיך גופא גלייבסטו?

פּיאָטר אַרטאַמאַנאָוו האָט געשוויגן, איבערלייגנדיק זיך: גלייבט ער זיך אָדער נישט? און סעראַפּימס האָפערדיק קעלעכל האָט, צוקלינגענדיק מיט די ווערטער, געזונגען טרייסטנדיק:

— דו קוק נישט, ווי אַזוי אייגער איז, שלעכט, גוט, דאָס שטייט נישט פעסט, נעכטן איז געווען גוט, און היינט — שלעכט. איך, פּיאָטר איליטש, האָב אַלץ געזעען הן דאָס שלעכטע, הן דאָס גוטע, אָך, איך האָב אַ סך געזעען! ס'פלעגט זיך מאַכן — איך זע: אָט איז עס, דאָס גוטע! אָבער עס איז נישטאָ. איך — אָט איז ער, דער איך, אָבער ער איז נישטאָ, אים האָט, ווי שטויב, דער ווינט פאַרטראָגן. און איך בין — אָט! אַזוי בין איך דאָך — וואָס? אַ פליג צווישן מענטשן, מען זעט מיך אפילו נישט אָן, אָבער — דו...

אויפהייבנדיק פילדייטיק דעם פינגער, איז סעראַפּים פאַר־שוויגן געוואָרן.

צו הערן זיינע רייד איז אַרטאַמאַנאָוון געווען צוויי מאָל אָנ־גענעם; זיי האָבן ווירקלעך באַרויקט, פאַרווײלנדיק, נאָר אין דער זעלבער צייט איז אַרטאַמאַנאָוון קלאָר געווען, אַז דער אַלטיטש־קער שפּילט, טשאַקעט, רעדט נישט פון האַרץ, נאָר ווי אַ פּראָפע־סיאָנעלער מענטשן־טרייסטער. פאַרשטייענדיק סעראַפּימס שפּיל, האָט ער געטראַכט:

— אַ ממזרניק דער אַלטער, געשיקט! אָט, ניקיטאַ קאָן נישט אַזוי.

און ער האָט זיך דערמאָנט די פאַרשידענע טרייסטערס, וואָס ער האָט געזעען אין לעבן: אומפאַרשעמטע יאַריד־פּרויען, קלאָונ־נען פון צירק און אַקראָבאַטן, קונצנמאַכערס, דרעסירער פון ווילדע חיות, זינגערס, מוזיקאַנטן און דעם שוואַרצן סטיעפּאַ, „דעם מענטש־לעכן פריינד“. אין ברודער אַלעקסיי איז אויך דאָ עפּעס געמיינ־

זאַמס מיט דידאַזיקע מענטשן. אָבער אין טיכאַן וויאַלאַוון — איז נישטאָ. און אין פּאַולאַ מענאַטי איז אויך נישטאָ.

שכּור ווערנדיק, האָט ער געזאָגט סעראַפימען:

— זאָגסט ליגנט, אַלטער שד!

דער טשעסלאַר, פּאַטשנדיק מיט די דלאָניעס איבער זיינע שפּיציקע קניען, האָט גערעדט זייער ערנסט:

— נ׳בּיין! דו פּאַרשטיי: ווי אַזוי קאָן איך ליגנט זאָגן, ווי־באַלד איך ווייס נישט דעם אמת? איך זאָג דאָך דיר פון גאַנצן האַרץ: דעם אמת ווייס איך נישט, בכן — ווי אַזוי קאָן איך ליגנט זאָגן?

— אויב אַזוי — שווייג!

— כ׳בין דען אַ שטומער? — האָט ליבּלעך געפרעגט סע־ראַפים, און זיין ראָזע פּנימל איז באַלויכטן געוואָרן מיט אַ שמייכל. — איך בין — אַ זקן, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל מיין קליינע צייט אָן אמת אויך אויסלעבן. דאָס דאַרפן די ייִנגע וועגן אמת זיך סטאַרען, דערויף באַדאַרפן זיי טאָקע האָבן ברילן. מיראָן אַלעק־סעיטש שפּאַצירט אַרום אין ברילן, מילא, זעט ער אַלץ דורך און דורך, וואָס — צו וואָס, ווער — וואוהין!

אַרטאַמאָנאַוון דעם עלטערן איז געווען אָנגענעם צו וויסן, אַז דער טשעסלאַר האָט נישט ליב מיראָנען, און ער האָט געכאָ־כאָטשעט, ווען סעראַפים, צוקלינגענדיק אויף די סטרונעס פון דער ציטרע, האָט מיט ברען געזונגען:

איבערן זאַוואָד שפּאַצירט אַ דיאַטעל
קוקט דורך ברילן ליכטיק קלאָר,
איך בין דאָך דאָ דער חכם עתיק,
אַלע איבעריקע — שוטים גאָר!

— ריכטיק! — האָט צוגעשטימט אַרטאַמאָנאָוו.

און דער טשעסלאַר, אויך אַ שכּורער, האָט, צוטופּענדיק מיטן פלינקן פיסל, ווייטער געזונגען:

— נישט קיין שפּאַרבער, נישט קיין סיטש
ציפּט אַרום די פייגל,
דאָס טוט גאָר — אַלעקסיי איליטש
מיט פרום פאַרגלאָצטן אייגל!

אַרטאַמאָנאָוון דעם עלטערן איז דאָס אויך געפעלן; דעמאָלט האָט סעראַפים אָן בושה געזונגען וועגן יאַקאָוון:

— יאַשאַ מאַשען נעמט אַרום,
נאַריש גיט ער זיך אַ קרום...

אַזוי פלעגן זיי זיך פאַרווײַלן ביז באַגינען, דערנאָך האָט אין דער טיר אָנגעקלאַפּט טיכאָן וויאַלאָוו, האָט געוועקט דעם באַלעבאָס, אויב ער איז שוין אַנטשלאָפן געוואָרן, און גלייכגילטיק גערעדט:

— ס'איז שוין צייט אַהיים צו גיין, ס'וועט באַלד זיין דער פייף; די אַרבעטער וועלן אייך דערזעען, — איז נישט גוט.

אַרטאַמאָנאָוו האָט געשריגן:

— וואָס — נישט גוט? איך בין — באַלעבאָס!

אָבער ער האָט געפאָלגט דעם הויזוועכטער, איז געגאַנגען וואַקלענדיק זיך, זיך געלייגט שלאָפן, טיילמאָל געשלאָפן ביזן אָוונט, און באַנאַכט ווייטער געזעסן בײַ סעראַפימען.

דער פרייליכער טשעסלאַר איז געשטאָרבן בײַ דער אַרבעט; ער האָט געמאַכט אַ טרומנע פאַרן דערטרונקענעם זון פון דעם אייניקן פעלדשער מאַראַזאָוו און איז פלוצלינג אַנידערגעפאַלן אַ טויטער. אַרטאַמאָנאָוו איז געגאַנגען צו דער לוויה פונם אַלטן, אַרייַנגעגאַנגען אין דער צערקווע, וואָס איז זייער ענג אָנגעפּאַקט געווען פון די אַרבעטער, האָט געהערט, ווי שטרענג ס'ריכט אָפּ דער פּאָפּ אַלעקסאַנדער, וואָס האָט פאַרביטן דעם שטילן גליעבן, וועלכער האָט פלוצלינג דעמיסיאָנירט און איז אַוועקגעגאַנגען אומבאַוואוסט וואוהין. אין צערקווע האָט שיין געזונגען דער כאָר, גע-

שאַפן דורכן לערער פון דער פאַבריק־שולע גרעקאָוו, אַ פאַרשוין — ענלעך צו אַ קאַץ, און ס'איז געווען אַ סך יינגוואַרג.

— ס'איז זונטיק, — האָט זיך דערקלערט אַרטאַמאַנאָוו דעם היפשן עולם.

די נישט גרויסע, לייכטע טרומנע האָבן אויף געטראָגן יינגע וועבער; די מער סאָלידע אַרבעטער האָבן זיך געהאַלטן אין דער זייט; נאָך דער טרומנע האָט געשפּרייזט אָנגעכמורעט, נאָר אָן טרערן, זינאַידאַ אין אַ נישט אָנשטענדיק בונטער יאַקע, לעבן איר דער ברייטפּלייציקער, ריין אָנגעטוּענער שלאָסער סעדאָוו, אין דער זייט האָט שווער צוגעקוועטשט דאָס זאַמד טיכאָן ווילאָוו. העל האָט געלויכטן די זון, מעכטיק און האַרמאָניש האָבן געזונגען די משוררים און ס'האָט זיך געלאָזט באַמערקן אין דערדאָזיקער לוויה אַן אויס־טערלישער מאַנגל פון טרויער.

— אַ שיינע לוויה, — האָט געזאָגט אַרטאַמאַנאָוו, אָפּווישנ־דיק דעם שווייס פון פּנים. טיכאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט, קוקנדיק זיך אונטער די פיס, האָט אַ קלער געטון, נאָכדעם געזאָגט.

— ער איז געווען אַן אָנגענעמער; אַ שפּילנדיקער, ווי די־דאָזיקע. . .

ער האָט דריי געטון מיט דער האַנט אין דער לופט.

— דער אַלטער פלעגט זי טראָגן איבער דער גאַס, און דאָס מיידעלע האָט געזונגען. ער האָט געטרייסט.

אַ קוק געבנדיק אויפן באַלעבאָס מיט אַ נישט דרך ארצדי־קער שטרענגקייט, וואָס האָט אַרטאַמאַנאָוו אויפגעבראַכט, האָט ער צוגעגעבן:

— ער האָט מענטשן פון שכל הישר אָראָפּגעשלאָגן: ער באַ־וועלט נישט קיינעם, און לעבט — נישט רעכטפאַרטיק.

— רעכטפאַרטיק, רעכטפאַרטיק! — האָט זיך אים נאָכ־געקרומט דער באַלעבאָס. — דו ביסט צו דידאָזיקע רעיונות אויף אַ קייט אָוועקגעזעצט. געדענק, — וועסט ווילד ווערן, ווי טו־לון. . .

און שאַרף אָוועקדרייענדיק זיך פון הויז־וועכטער, איז אַרטאַ־מאַנאָוו אַוועקגעגאַנגען אַהיים.

ס׳איז נאָך געווען פרי, אַרום צוועלף, נאָר שוין זייער הייס, דאָס זאַמד פון וועג און די בלויקייט פון דער לופט איז געוואָרן אַלץ אָנגעגליטער. אוונט־צו האָט די זון אָנגעדעמפט בערג ווייסע וואָלקנס. זיי זענען לאַנגזאַם געשוואומען איבערן ראַנד פון דער ערד צו מזרח, געדיכטער מאַכנדיק די דושנעקייט. אַרטאַמאַנאָוו האָט זיך דורכשפּאַצירט אין סאַד, איז אַרויסגעגאַנגען פאַרן טויער. טיכאָן האָט געשמירט מיט דזעגעטש די זאַוויאַסעס פון די טויערן; פאַר־זשאַווערט ווערנדיק אין דער צייט פון די פריילינגדיקע רעגנס, האָבן זיי מיאוס געקוויטשעט.

— וואָס־זשע עפּעס הייַנט, אין יום־טוב שמירסטו? — האָט פויל געפרעגט אַרטאַמאַנאָוו, צוזעצנדיק זיך אויף דער באַנק, — טיכאָן האָט קרום אַ קוק געטון אויף אים מיט די אויגן־ווייסלעך און געזאָגט מיט אַ שטילער שטימע:

— סעראַפים איז געווען אַ שעדלעכער.

— מיט וואָס?

אַלס תשובה אַרטאַמאַנאָוון האָבן ווי שוואַרצע קאַרטשאַנעס גענומען קריכן משונהדיקע ווערטער:

— ער איז געווען אַ געדענקער, ער האָט אַ סך געדענקט. ער האָט געדענקט אַלץ, וואָס ער האָט געזען. און — וואָס קאָן מען זען? שלעכטס, לשון־הרע, פאַרהאַוועטקייט. וועגן דעם האָט ער טאַקע דערציילט אַלעמען. פון אים איז אַרויסגעקומען אַ גרויסע צערודערונג. איך — זאָ.

שטאַמפּערנדיק מיטן פּענזל אין די האַקעס פון די זאַוויאַסעס, האָט ער פאַרגעזעצט אַלץ מער ברוגזדיק:

— מען דאַרף אַרויסהאַקן דעם זכרון פון די מענטשן. פון אים וואַקסט אַרויס דאָס שלעכטס. ס׳דאַרף זיין: איינע האָבן אָפּ־געלעבט — זענען געשטאָרבן און דאָס גאַנצע שלעכטס זייערס, די גאַנצע נאַרישקייט איז מיט זיי אַוועקגעפּגרט. ס׳זענען געבוירן געוואָרן אַנדערע; זיי געדענקען נישט קיין שום שלעכטס, און גוטס געדענקען זיי. איך, אַט, לייד אויך פון זכרון. כ׳בין אַלט, כ׳וויל מנוחה. און — וואו איז די מנוחה? אין דעם נישט געדענ־קען טאַקע איז די מנוחה...

קיינמאָל האָט נאָך טיכאָן נישט גערעדט מיטאַמאָל אַזוי פיל און אַזוי אויפרעגנדיק. די באַרישע, ווי תמיד, ווערטער זיינע זענען איבער עפּעס אין דערדאָזיקער מינוט געווען באַזונדערס פיינדלעך אַרטאַמאָנאָוון ; באַטראַכטנדיק דעם הויזוועכטערס צעקאָלטנטע באָרד, זיינע שיטערע, צערונענע אַפּלען, דעם פון רונצלען געקנייטשטן שטיינערנעם שטערן, האָט אַרטאַמאָנאָוו זיך געחידושט אויף דער אַלץ וואַקסנדער קריפּלהאַפטיקייט פונם דאָזיקן מענטש. די רונצלען זענען געווען אומנאַטירלעך טיף, ממש קנייטשן אויף אַ כאָלעווע פון אַ שטיוול, דאָס בייניקע פּנים, אָפּגעצויגן פון דער עלטער, האָט באַקומען אַ גרויען קאָליר פון פּימסן-האָלץ, די נאָז — לע-בערדיק, ווי אַ שוואָם.

— ער איז שוין אַ צעבראָכענער שאַרבן, — האָט געקלערט אַרטאַמאָנאָוו און דאָס איז אים אָנגענעם געווען. — ער האָט זיך אָנגעהויבן צופיל צו פּאַררעדן. ער איז שוין נישט קיין אַרבעטער, מען דאַרף אים אָפּשאַפן. כ'וועל אים צוגעבן אַ באַלוינונג.

האַלטנדיק אין איין האַנט דעם פּענזל און אין דער אַנדע-רער דאָס עמערל דזשעגעטש, האָט טיכאָן זיך צוגערוקט צו אים און, אָנווייזנדיק מיטן פּענזל אויפן טונקל-רויטן, פון רוי פליי-קאָליר, פאַבריק-בנין, געוואָרטשעט :

— דו וואָלסט אָקאָרשט געהערט, וואָס זיי רעדן דאָרט, סע-דאָוו דער עלעגאַנט, דער לאָמער מאָראָזאָוו, דער ברודער זייבער זאַכאַרקאַ, זינאַידקאַ אויכעט, — זיי זאָגן פּשוט : וועלכעס געשעפט ס'ווערט געבויט מיט פרעמדע הענט — איז עס אַ שעדלעך גע-שעפט, דאַרף מען עס חרוב מאַכן...

— גלייך — דיינע געדאַנקען, — האָט שפּאָטיש געזאָגט דער באַלעבאָס.

— מיינע ? — טיכאָן האָט אַ שאָקל געטון מיט קאָפּ. — ניין, נישט מיינע. איך נעם נישט אָן דידאָזיקע שפּיצלעך. זאָל איטלעכער אַרבעטן פאַר זיך, דעמאָלט וועט גאָרנישט זיין, קיין שום שלעכטס. און זיי זאָגן : אַלץ — איז פון אונז אַרויסגעקומען, מיר זענען — די באַלעבאַטים ! דו קוק, פּיאָטר איליטש, דאָס איז ריכטיק : אַלץ איז פון זיי ! זיי האָבן דיך איינגעשפּאַנט אין גע-

שעפּט, דו האָסט אַרויסגעפירט דעם וואָגן אויפן גלייכן וועג, און אַצינד. . .

אַרטאַמאָנאָוו האָט סאָליד אַ קראַקע געטון, איז אויפגעשטאַנען, האָט אַריינגערוקט די הענט אין די קעשענעס און אַנטשלאָסן, כאָטש עטוואָס פּלאָנטערנדיק זיך אין די ווערטער, אָנגעהויבן רעדן, קוקנדיק איבער טיכאָנס קאָפּ, אין די וואָלקנס אַריין.

— אָט וואָס: איך פאַרשטיי, באַטירלעך, דו האָסט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעלעבט בײַ מיר, דאָס איז — אמת! נאָר פונדעסטוועגן, דו ביסט אַלט, ס׳איז דיר שוין שווער. . .

— און סעראַפים האָט צוגעטאַקעוועט אויף דעם, — האָט געזאָגט טיכאָן, הפנים נישט הערנדיק דעם באַלעבאָס.

— וואַרט צו! פאַר דיר איז שוין צייט אָפּצורוען. . .

— ס׳איז שוין פאַר אַלע צייט. נאָר ווי דען?

— שטיי. . . דער כאַראַקטער בײַ דיר איז — אַ שווערער. . .

טיכאָן וויאַלאָוו האָט זיך נישט פאַרוואונדערט, דערהערנדיק, אַז ער ווערט אָפּגעשאַפט, ער האָט רויק אַ מורמל געטון:

— נו, מילא. . .

איך וועל דיך, באַטירלעך, באַלוינען, — האָט צוגעזאָגט אַרטאַמאָנאָוו, עטוואָס צעטומלט פון זיין רויקייט, טיכאָן האָט צוגעשוויגן, אויסשמירנדיק מיט דזשעגעטש זיינע פאַרשטויבטע שטיוול; דעמאָלט האָט אַרטאַמאָנאָוו געזאָגט מיט דער גאַנצער פעסטקייט:

— הייסט עס — זיי געזונט!

— גוט, — האָט געענטפערט דער הויזוועכטער.

אַרטאַמאָנאָוו איז אַוועקגעגאַנגען צום טייך, האָפנדיק, אַז דאָרטן איז קילער; דאָרט, אונטער דער סאָסנע, וואו ער האָט זיך צעקריגט מיט איליען, האָט סעראַפים אים אויפגעבויט פון ווייסע בערעזענע צווייגן עפּעס אַ מין טראָן. פונדאַנען האָט מען גוט געזען די גאַנצע פאַבריק, דאָס הויז, דעם הויף, דאָס דערפל, די צערקווע, דאָס בית־הקברות. אייזמעסיק האָבן געפינקלט די גרויסע

פֿענצטער פֿון פֿאַבריק־שפּיטאָל, פֿון דער שולע; קליינטשיקע מענטשעלעך ווי צוווקעס האָבן געשווימלט איבער דער ערד, האָבן געוועבט דאָס אומענדלעכע געוועב פֿון דעם געשעפֿט, מענטשן נאָך קלענערע זענען געלאָפֿן איבערן זאַמד פֿון פֿאַבריק־דערפֿל. לעבן קירכלעכן פּאַרקאַן, צווישן די גראָע אָלכע־שטאַמען האָבן זיך געפּאַשעט אַ סטאַדע קלייניקע ציגעלעך; זיי האָט געכאָוועט דער איינאויגיקער פֿעלדשער מאַראָזאָוו, דעם גרייזיקן וועבער באַריסעס אַן אייניקל, — די פֿאַבריק־ווייבער האָבן געקויפֿט אַ סך ציגן־מילך פֿאַר די קינדער. און הינטערן שפּיטאָל, אויפֿן אָפּגעקראָכענעם פּירעקיקן פּלאַץ, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט קראַטן, האָבן זיך געפּאַשעט דראָבנע מענשטעלעך אין געלע כאַלאַטן און ווייסע מיצן, ענלעכע צו משוגעים. אַרום דער פֿאַבריק האָבן זיך באַזעצט אַ סך פֿייגל: שפּערלעך, קראָען, קאַווקעס, ס'האָבן געגרעגערט סראָקעס, געשווינד אַריבערפֿליענדיק פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן, גלאַנצנדיק מיטן אַטלאַס פֿון זייערע ווייסע זייטלעך; גראַנאַטענע טויבן זענען אַרומגעגאַנגען איבער דער ערד, גאָר אַ סך פֿייגל איז געווען לעבן טראַקטיר אויפֿן ברעג פֿון דער וואַטאַראַקשע, וואו ס'האָבן זיך אָפּגעשטעלט די פֿויערן, ברענגענדיק צו פֿירן לײַן.

אָבער פֿון אַ געוויסער צײַט אָן האָט שוין דידאָזיקע גאַנצע גרויסע ווירטשאַפֿט נישט געוועקט נישט קיין הנאה, נישט קיין שטאָלץ בײַ אַרטאַמאָנאָוון, זי פֿלעג טנאָר דערשייַנען פֿאַר אים אַלס קוואַל פֿון כּלערליי באַליידיקונגען. ס'איז באַליידיקענד געווען צו זען, ווי דער ברודער, דער פּלימעניק און פֿאַרשידענע אַנדערע מענטשן, וואָס רינגלען זיי אַרום, שרייען, מאַכן מיט די הענט, ווי ציגיינערס אויפֿן מאַרק, שפּאַרן זיך, נישט באַמערקנדיק אים, דעם עלטסטן אין געשעפֿט. אַפֿילו רעדנדיק וועגן דער פֿאַבריק, פֿלעגן זיי פֿאַרגעסן אָן אים, און ווען ער האָט זיי דערמאַנט וועגן זיך, האָבן דידאָזיקע מענטשן אים אויסגעהערט שווייגנדיק, גלייך זיי וואָלטן כּלומרשט מסכּים געווען מיט אים, אָבער געטון האָבן זיי, ווי זיי איז געפֿעלן, הן בײַ וויכטיקע ענינים, הן בײַ קלייניקייטן. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן שוין לאַנג, נאָך פֿון יענער צײַט אָן, ווען זיי האָבן, קייגן זײַן ווילן, אויפֿגעבויט בײַ דער פֿאַבריק אַן עלעקטראָוניע;

אַרטאַמאַנאָוו דער עלטערער האָט זיך שנעל איבערצייגט, אַז אי ס׳לוינט בעסער, אי ס׳איז וויניקער געפערלעך, נאָר די באַליידיקונג האָט ער פאַרט נישט געקאָנט פאַרגעסן. קליינע באַליידיקונגען איז געווען אַ סך און זיי האָבן זיך אַלץ פאַרגרעסערט אין דער צאָל, זענען אַלץ שאַרפער געוואָרן.

באַזונדער עזותדיק און מיאוס האָט זיך געפירט דער פלימעניק; ער האָט פאַרענדיקט דאָס לערנען, זיך אָנגעטון אין עפּעס אַזוינע נישט רוסישע, לעדערנע קורטקעלעך, איינגאַנצן, פון די גאָלדענע ברילן אָן ביז די געלע שיך, האָט ער געגלאַנצט, ער האָט פאַרמרוזשעט די אויגן, זיך געקרומט און געזאָגט:

— דאָס, פעטער, איז אַלט. ס׳איז נישט יענע צייט, פעטער.

ס׳האָט זיך געדאַכט, ער האָט מורא פאַר דער צייט, ווי אַ דינער פאַר אַ שטרענגן באַלעבאָס. אָבער טאַקע נאָר פאַר דעם האָט ער מורא געהאַט, אין אַלעם איבעריקן איז ער — אומדערטרעגלעך עזותדיק. איינמאָל האָט ער זאָגאַר געזאָגט:

— פאַרשטייט, פעטער, מיט אַזוינע מענטשן, ווי איר און אייער גלייכן, קאָן רוסלאַנד מער נישט לעבן.

דאָס האָט אַזאַ שטאַרקן קלאַפּ געטון אַרטאַמאַנאָוון, אַז ער האָט אפילו נישט געפרעגט: פאַרוואָס? אַ באַליידיקטער, איז ער אַוועקגעגאַנגען און עטלעכע וואָכן נישט געקומען צום ברודער, האָט נישט גערעדט מיט מיראָנען, באַגעגנענדיק אים אין פאַבריק.

מיראָן האָט זיך געקליבן חתונה צו האָבן מיט דער טאָכטער פון וויערא פּאָפּאָווא, פונקט אַזאַ הויכע און שלאַנקע, ווי איר גראָ-געוואָרענע, פאַרגליווערטע מוטער. ווי אַלע, האָט דאָס מיידל אויך נישט אָנגענעם געשמייכלט. זי האָט געדרייט מיטן האַלז, זיך צוגעקוקט צו אַלעם מיטן עקשנותדיקן בליק פון די גרויסע, אומפאַרשעמט אָפענע אויגן, וואָס האָבן, משמעות, אין גאָרנישט געגלייבט, און, צוזינגענדיק דורך די ציין, זשוזשענדיק, ווי אַ פליג, האָט זי פון דער פרי ביזן אָוונט קאָליע געמאַכט לייוונט, צעשמירנדיק אויף איר קאָלירטע בילדלעך. איר שטרויענער הוט, וואָס איז פאַרבונדן געווען מיט אַ באַנד הינטערן האַלז, האָט זיך שטענדיק

געבאַמבלט אויפן רוקן, די האָר זענען בא איר אויך געווען פון שטרוי־קאָליר; זי האָט זיך אָנגעטון נישט פּינקטלעך, די פיס פלעגט מען אַרויסזעען פון אונטער דער ספּאָדניצע, ביז די קניען.

אַנטיפּאַטיש איז געווען דער ליידיקגייער גאָריצוועטאָוו; ער האָט געשימערט, ווי אַ וואַסער־שוואַלב, פלעגט אומגעריכט זיך באַווייזן, פאַרשווינדן, אויפסניי זיך באַווייזן און, אָנפּאַלנ־דיק אויף אַלעמען ווי אַ בייז, קליין הינטל, האָט ער געשריגן זיינס:

— איר ווילט פאַרוואַנדלען דאָס רייכע גייסטיק־שעפערישע רוסלאַנד אין אַ נשמהלאָזער אַמעריקע, איר בויט אַ כאַפּשטייגל פאַר די מענטשן...

אין דידאָזיקע געשרייען האָט אַרטאַמאָנאָוו טיילמאָל געהערט עפּעס ריכטיקס, נאָר אָפטער — עפּעס געמיינזאַמס מיט דער נאַרישקייט פון טיכאָן וויאַלאָוו, כאָטש ער האָט נישט געקענט קיין מענטשן, מער פאַרשידענע, ווי דערדאָזיקער אָפּגעבריטער, פיבער־האַפטער שפּרינגער און דער שווערער, צו אַלעם גלייכגילטיקער טיכאָן. גאָריצוועטאָוו פלעגט צולויפן צו יעליזאַוועטאַ פּאָפּאָוואַ און שרייען אויף איר:

— פאַרוואָס שווייגט איר, איר, מענטש פון גייסט?

זי האָט געשמייכלט; דאָס פּנים איז בא איר געווען גאוה־דיק און אומבאַוועגלעך, געשמייכלט האָבן בלויז אירע גראָע, האַרב־סטיקע אויגן. אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער האָט געהערט אַזוינע אומגעהערטע, אומפאַרשטענדלעכע ווערטער.

— די גסיסה פון ראָמאַנטיזם, — האָט געזאָגט מיראָן, פלייסיק אויסווישנדיק מיט אַ שטיק זאַמש די ברילן־גלעזלעך.

אַלעקסיי איז אַרומגעפלויגן ערגעץ אין מאָסקווע; יאַקאָוו האָט געהאַלטן אין איין דיק ווערן, ער האָט זיך געהאַלטן סאָליד אין אַ זייט, גערעדט ווייניק, נאָר, משמעות, גוט: זיינע ווערטער האָבן אַלצייגס אויפגערייצט סיי מיראָנען, סיי גאָריצוועטאָוון. יאַקאָוו האָט זיך פאַרלאָזט אַ ברייט טאָטעריש בערדל און צוזאַמען מיט דער רויטלעכער באָרד ווערט בא יאַקאָוון אַלץ קענטיקער די אי־

ראַניע; ס'איז אָנגענעם געווען צו הערן, ווען דער ווינט פלעגט פויל זאָגן די האָפערדיקע לייט:

— איר וועט אַריינפאַלן אין אַ בלאָטע, מייַנע הערן! איר וואָלט געמעגט לעבן אַ ביסל פשוטער.

דעם עלטערן אַרטאַמאַנאָוון און, — ער האָט געזען, — יאַקאָוו האָט זייער הנאה געטון, ווען יעליזאַוועטאַ פּאָפּאָוואַ איז פלוצלינג אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע און האָט דאָרטן חתונה געהאַט מיט גאָריצוועטאָוון. מיראָן איז געווען אין כעס און האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרבאָרגן; קרייזלענדיק דאָס שפּיציקע, נישט סוחרישע בערדעלע, אַרויסציִענדיק פון דעם אַ פּאָדעם טרוקענע ווערטער, האָט ער גערעדט בפירוש פאַלש:

— אַזוינע לייט, ווי סטעפאַן גאָריצוועטאָוו — זענען מענטשן פון אַן אויסשטאַרבנדיקן שבט, אין ערגעץ אין דער וועלט איז נישטאָ אַזוינע אומנוצלעכע מענטשן, ווי ער און זיינס גלייכן.

יאַקאָוו האָט געזאָגט, אונטערהעצנדיק:

— פונדעסטוועגן האָט איינער אַזוינער פלינק אַוועקגעשלעפּט פון אונטער דיין נאָז אַפער אַ שטיק, וואָס האָט דיר געשמעקט!

אונטערהייבנדיק די אַקסלען, האָט מיראָן געענטפערט:

— איך בין נישט קיין ראָמאַנטיקער.

— וואָס? ווער איז דאָס? — האָט געפרעגט אַרטאַמאַנאָוו דער עלטערער און מיראָן האָט, מיט געמאָסטענע ווערטער, ממש אַ ריכטער, וואָס לייענט דעם פסק דין, געזאָגט:

— קיינער פאַרשטייט נישט, וואָס ס'איז אַ ראָמאַנטיקער, איר וועט דאָס אויך נישט פאַרשטיין, פעטער. דאָס איז — עפּעס פון שיינקייט וועגן, ווי אַ פאַרוק אויף אַ פליכיקן קאָפּ אָדער — פון פאָרזיכטיקייט וועגן, ווי אַ פאַלשע באָרד פאַר אַ זשוליק.

— אַהאַ, ער האָט געקריגן אַ שנעל איבער דער נאָז, — האָט אַ קלער געטון אַרטאַמאַנאָוו דער עלטערער מיט צופרידנקייט.

דידאָזיקע קליינע הנאהס האָבן אַ ביסל געלינדערט די פּיל עוולות, וועלכע ער איז אויסגעשטאַנען מצד די האָפערדיקע לייט, וואָס האָבן אַלץ ייִער אַרייַנגענומען דאָס געשעפט אין זייערע קלאַמערדיקע הענט, אָפּרוקנדיק אים אין אַ זייט, אין אייַנזאַמקייט. אָבער אויך אין אייַנזאַמקייט האָט ער געפונען, האָט אויסגעטראַכט עפּעס צערפּויל-אָנגענעמס, די אייַנזאַמקייט האָט אים באַקענט מיט אַ נייעם, הגם שוין נעפּלדיק באַקאַנטן, — מיט אַ פּיאָטר אַרטאַמאָנאָוון — פון אַן אַנדער געשטאַלטונג, פון אַן אַנדער כאַראַקטער.

דאָס איז — אַ גוטער מענטש און ער איז גרויזאַם באַוועלט; דאָס לעבן איז זיך באַגאַנגען מיט אים נישט יושרדיק, ווי אַ שטיפמוטער מיט אַ שטיפזון. ער האָט אָנגעהויבן דאָס לעבן אַלס אונטערטעניקער, שטומער משרת פון זיין פאָטער, וועלכער האָט אים נישט געגעבן קיין שום פרייד, נאָר בלויז אַ נאַריש, לאַנגווייליק ווייב און אַרויפגעלייגט אויף אים אַ גרויס, שווער געשעפט. יאָ, דאָס ווייב האָט אים ליב געהאַט און דאָס ערשטע יאָר פון לעבן מיט איר איז געווען נישט שלעכט, אָבער אַציינד האָט ער געוואוסט, אַז, אַפילו די אויסגעלאַסענע טרייבערין זינאַידאַ קען ליב האָבן אינטערעסאַנטער, הייסער. און שוין בעסער נישט צו דערמאַנען די פלינקע, ווילדע יאַריד-פרויען. דאָס ווייב האָט דאָס גאַנצע לעבן מורא געהאַט, מתחילת — פאַר אַלעקסייען, פאַר נאַפט-לאָמפּן, דערנאָך פאַר עלעקטרישע; ווען זיי פלעגן זיך אָנצינדן, איז נאַטאַליאַ אָפּגעשפּרונגען און האָט זיך געצלמט. זי האָט אים פאַרשעמט אויפן יאַריד, אין גראַמאַפאָנען-מאַגאַזין.

— אוי, מען דאַרף נישט, קויף נישט! — האָט זי געבעטן. — אפשר שרייט אין דערדאָזיקער קוצנשטיק אַ פאַרשאָלטענער, זיין נשמה איז דאָ אפשר באַהאַלטן!

אַציינד האָט זי מורא געהאַט פאַר מיראָנען, פאַרן דאָקטאָר יאַקאָוולעוו, פאַר דער אייגענער טאָכטער טאַטיאַנען און, ווילד דיק הערנדיק, פלעגט זי גאַנצע טעג עסן. איבער איר האָט זיך שיער נישט אויפגעהאָנגען דער ברודער. די קינדער האָבן זי נישט געשעצט. ווען זי האָט איינגערעדט יאַקאָוון חתונה צו האָבן, האָט איר דער זון איראָניש געענטפערט:

— דו, מאַמע, ביז בעסער עפּעס.

זי האָט געענטפער'ט הכנעהדיק און אומזיכער:

— איך וויל שוין, דאַכט זיך, נישט.

און האָט ווידער געגעסן.

דער פאָטער האָט געזאָגט יאַקאָוון:

— וואָס לאַכסטו עפּעס אָפּ פון דער מאַמען? שוין צייט מאַקע זאָלסט חתונה האָבן!

— ס'איז נישט קיין צייט איצט צו בינדן זיך מיט אַ פאַמיליע, — האָט געשעפּטלעך געענטפערט יאַקאָוו.

— אָבער וואָס האָט איר אַלץ מורא פאַר דער צייט? — האָט זיך צעבייזערט דער פאָטער; דער זון האָט נישט ענטפערנדיק, אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען.

ער פלעגט אויך זאָגן:

— איר, טאַטעשי, פאַרשטייט נישט.

ער האָט דאָס געזאָגט ווייך, אָבער ס'קאָן דאָך פאָרט נישט זיין, אַז דער טאַטע זאָל פאַרשטיין ווינציקער פאַרן זון, די מענטשן לעבן נישט מיטן מאָרגנדיקן טאָג, נאָר מיטן נעכטיקן, אַלע מענטשן לעבן אַזוי.

דער עלטערער זון, דער געליבטער, איז פאַרפאַלן געוואָרן, פאַרשוואונדן. אויס ליבשאַפט צו אים איז אויסגעקומען צו טון אַזוינס, וועגן וואָס ס'ווילט זיך נישט דערמאַנען.

די עלטערע טאָכטער יעלענע, די ברייטפּנימדיקע, ברייטהיפטיקע פרוי, צעבאַלעוועט פון עשירות און דורכן שכורניק דעם מאַן, איז געוואָרן אַ פולשטענדיק פרעמדער מענטש; זי איז פון צייט צו צייט געקומען צו פאָרן באַזוכן די עלטערן, אַ גרויסאַרטיק אָנגעטוענע, מיט אַ גוזמא פינגערלעך אויף די פינגער. צוקלינגענדיק מיט די גאָלדענע קייטעלעך, בראַסלעטלעך, קוקנדיק מיט די זאַטע אויגן אין דער גאָלדענער לאָרנעטקע, האָט זי גערעדט מיט אַ מיד קול:

— ווי דער ריח איז דאָ בײַ אייך נישט קיין גוטער; דאָס הויז איז אינגאַנצן פאַרדומפּן, פאַרפוילט; איר וואָלט באַדאַרפט אַ נייעס אויפבויען. און ווער וואוינט עס איצט לעבן אַ פאַבריק!

אַרטאַמאָנאָוו האָט צופעליק געהערט, ווי זי האָט געזאָגט דער מוטער:

— און דער טאַטעשי איז אַלץ דער אייגענער? ווי לאַנגווייליק ס'מוז זיין מיט אים! מיינער איז — אַ שיכור, אַ לאָבוז, אָבער — אַ פריילעכער.

זי האָט געהאַט עפּעס אַ באַזונדער אויפרעגנדיקע ליידנשאַפט צו ריינקייט: זעצנדיק זיך אויף אַ שטול, פלעגט זי אָפּבלאָזן זי מיטן טיכעלע, פון איר האָט זיך אַזוי שטאַרק געשפּירט פאַרפוימען, אַז ס'האָט זיך געגלוסט צו ניסן; איר אָנצערעמאָניענדיק, באַליידיקענד מיאוסן זיך פון אַלעם אין הויז האָט אַרויסגערופן בא אַרטאַמאָנאָוון אַ פאַרלאַנג נוקם צו זיין זיך אָן דער טאָכטער פאַר אַלעם, מיט וואָס זי האָט אים אויפגערייצט; ער פלעגט אין איר אָנוועזנהייט אַרומגיין אין שטוב און אפילו אין הויף אין בלויזער אונטערוועש, אין אַ נישט צוגעגאַרטלטן כאַלאַט, אין קאַלאָשן אויף די באָרוועסע פיס, און באַם מיטאָג האָט ער הויך געפּאַטשט מיט די ליפּן און געגרעבצט, ווי אַ באַשקיר. די טאָכטער פלעגט אויפגעבראַכט ווערן:

— וואָס איז דאָס, טאַטעשי?

טאָקע דידאָזיקע אויפגעבראַכטקייט האָט ער געוואָלט.

— אַנטשולדיקט, פּריצה! — האָט ער געזאָגט. — איך בין דאָך אַ פּויער.

און האָט געגרעבצט, געפּאַטשט נאָך שרעקלעכער.

די טאָכטער איז געווען אין אויסלאַנד און אין די אָוונטן האָט זי פויל מיט אַ פעט קעלעכל דערציילט דער מוטער פאַרשידענע פּזמונות: אין אַ געוויסער שטאָט וואַשן די באַבעס די אויסנווייניקסטע ווענט פון די הייזער מיט בערשטלעך און מיט זייף, אין אַן אַנדערער שטאָט איז ווינטער און זומער אַזאַ נעפּל, אַז מען ברענט אַ גאַנצן טאָג לאָמטערן, און מען זעט פונדעסטוועגן גאָרנישט; אין פּאַריז האַנדלען אַלע מיט פאַרטיקע מלבושים און ס'איז דאָ אַ טורעם אַזאַ הויכער, אַז פון אים זעט מען די שטעט, וואָס זענען היגטער די ימים.

מיט דער יינגערער שוועסטער פלעגט יעלענאַ זיך שפּאַרן

און אפילו זיך זידלען, טאַטיאַנאַ איז געוואַקסן אַ דאַרינקע, אַ שוואַרצלייביקע און דערצערנטע פון דעם, וואָס זי איז נישט שיין. אין איר איז געווען עפּעס, וואָס האָט דערמאַנט אָן אַ דיאַק; ווייזט אויס איר קורצער צאָפּ, די פלאַטשיקע ברוסט און די בלויליכע נאָז, זי האָט זיך אויפגעהאַלטן בײַ דער שוועסטער, איבער עפּעס נישט געקאָנט ענדיקן די גימנאַזיע, האָט מורא געהאַט פאַר מייז, און איינשטימענדיק מיט מיראָנען, אַז דעם קייזערס מאַכט דאַרף מען באַגרענעצן, האָט זי נישט לאַנג אָנגעהויבן צו רייכערן פּאַפּי־ראָסן. קומענדי״ק צו פאָרן זומער אין פאַבריק, פלעגט זי שרייען אויף דער מוטער, ווי אויף אַ דינסט, מיטן פאָטער האָט זי גערעדט דורך די ציין, גאַנצע טעג געלייענט ביכער, אינאָוונט פלעגט זי אַוועקגיין אין שטאָט אַריין צום פעטער, פון דאָרטן האָט זי גע־ברענגט צו פירן דער גאָלדציייניקער דאָקטאָר יאַקאָוולעוו. באַנאַכט איז זי נישט געשלאָפן פון מיידלשער בענקשאַפט און געשלאָגן מיטן פּאַנטאָפל די מוקן אויף די ווענט, גלייך זי וואָלט געשאָסן פון אַ פּיסטאָלעט.

אַלץ אַרום איז געוואָרן פרעמד, שרייעוודיק, אַרויסרופנד נאַריש, אַלץ — פון מיראָנס עזותדיקע רייד ביז דעם קאָכער וואָס־קעס אומזיניקע לידלעך, — פון דעם לאָמען פויער מיט דער אויס־געדרייטער היפּט און צעשויבערטן, צו אַ פּאַמעטלע ענלעכן, קאָפּ; אין די יום־טובים איז וואַסקאַ, וועלכער האָט זיך געליבט מיט דער קעכין, געשטאַנען אונטערן פענצטער פון קיך און, צו־שפּילנדיק אויף אַ האַרמאָניע, האָט ער, מיט פאַרמאַכטע אויגן, געיעלהוועט:

— מיין אומגליקלעכע געוואוינהייט
ביסטו איצט געוואָרן!
כ׳וויל, אָ, שיינער פּיסק דו מיינער,
זען דיין פּנימל כּסדר!

און לאַנג שוין האָט אָלגאַ גאָרנישט דערציילט וועגן איליען, אָבער דער נייער פּיאָטר אַרטאַמאָנאָוו, דער באַליידיקטער מענטש.

האָט אַלץ אָפּטער זיך דערמאַנט אָן עלטערן זון. איליאַ האָט שוין זיכער באַקומען די פאַרדינטע שטראָף פאַר זיין נישט פאָלגן, וועגן דעם האָט דערציילט די געענדערטע באַציונג צו אים בײַ אַלעקסייען אין הויז. איינמאָל אינאָוונט, קומענדיק צום ברודער און אויסטועענדיק זיך אין פאָדערצימער, האָט אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער געהערט, אַז מיראָן, וואָס האָט זיך געהאַט אומגעקערט פון מאָסקווע, זאָגט:

— איליאַ — איז איינער פון יענע מענטשן, וועלכע קוקן אויפן לעבן דורכן בוך און קענען נישט אונטערשיידן אַ קו פון אַ פערד.

— זאָגסט ליגנט, — האָט אַ קלער געטון אַרטאַמאָנאָוו, געפינענדיק עפּעס אַ טרייסט אין דעם פלימעניקס פיינדלעכער מיינונג.

אַלעקסיי האָט געפרעגט:

— ער איז אין איין פאַרטיי מיט גאָריצוועטאָוון!

— ער איז שעדלעכער, — האָט געענטפערט מיראָן.

אַרייגייענדיק אין צימער, האָט ער זיי אין געדאַנק געדראָעט:

— וואַרט־צו, ער וועט זיך אומקערן — וועט ער אייך שוין ווייזן...

מיראָן האָט באַלד אָנגעהויבן דערציילן וועגן מאָסקווע, בייז זיך באַקלאָגן אויף דער אומגעלומפּערטקייט פון דער רעגירונג; ס'איז געקומען צו פאָרן נאַטאַליאַ מיטן זון, — מיראָן האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דער נויטווענדיקייט צו בויען אַ פּאַפּיר־פאַבריק, ער האָט שוין לאַנג דערעסן די יאָרן דערמיט.

— בײַ אונז, פעטער, ליגט געלט סתם אָן נוצן, — האָט ער געזאָגט. ווערנדיק רויט, אַז די אויערן זענען איר אַזש אויפגעלאָפן, האָט נאַטאַליאַ שרייעוודיק אָפּגעענטפערט:

— וואו ליגט עס דען, בײַ וועמען ליגט?

אַרטאַמאָנאָוון האָט פלוצלינג אַרומגענומען אַ לאַנגווייליקייט, גלייך מען וואָלט פאַר אים ברייט געעפנט אַ טיר אין אַ צימער אַריין, וואו אַלץ איז באַקאַנט און אַזוי דערעסן געוואָרן, אַז דאָס

צימער זעט אויס ליידיק. דידאָזיקע ראַפּטומדיקע, פּיזישע לאַנגווייליקייט איז געקומען פֿון ערגעץ פֿון דרויסן, ווי אַ נעפּל; פֿאַרשטאָפּנדיק די אויערן, פֿאַרבלענדנדיק די אויגן, האָט זי אַרויסגערופֿן אַ געפֿיל פֿון מידקייט און געשראָקן מיט געדאַנקען וועגן קראַנקייט, וועגן טויט.

— איר זענט מיר דערעסן געוואָרן, — האָט ער געזאָגט. — ווען וועל איך אָפּרוען פֿון אייך?

יאַקאָוו האָט אַ וואָרטשע געטון:

— געננג האַרמידער פֿון דעם, וואָס ס'איז דאָ...

און נאַטאַליאַ האָט געשריגן:

— מען האָט אַזוי אויך אָנגעזעצט אַרבעטער, אַז ס'איז נישטאָ וואו אַ פֿוס אַרויסצושטעלן. אַ שכּרות, אַ טאַראַראַם...

אַרטאַמאָנאָוו איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער, — אין סאָד איז געשטאַנען טיכאָן וויאַלאָוו און, פֿאַרדרייסנדיק דעם קאָפּ, אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אויף אַן עפּלבוים עפּעס אַ מיידעלע.

— האָסטו דיר אדם-הראשון, — האָט אַ קלער געטון פּיאָטר אַרטאַמאָנאָוו, דערזעענדיק, אַז דער ברודער האָט גענומען דעם הויזוועכטער צו זיך, נאָכדעם, ווי טיכאָן האָט זיך ערגעץ אַרומגעוואַלגערט העכער אַ יאָר און פּלוצלינג זיך אויפֿסניי באַוויזן, ברענגענדיק צו פֿירן אַ נישט אָנגענעמע ידיעה: דער ברודער ניקיטאַ איז נעלם געוואָרן פֿון מאָנאַסטיר, אומבאַוואוסט וואוהין. פּיאָטר איז זיכער געווען, אַז דער אַלטער ווייסט, וואו ניקיטאַ איז, און רעדט נישט וועגן דעם בלויז דערפֿאַר, וואָס ער האָט ליב צו טון אומאָנגענעמקייטן. איבער דעמדאָזיקן מענטש האָט אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער זיך שטאַרק צעקריגט מיטן ברודער, כאָטש אַלעקסיי האָט טאַקע איבערצייגנד זיך פֿאַרטיידיקט:

— האָב שכל: אַ מענטש האָט דאָס גאַנצע לעבן געאַרבעט אויף אונדז, און מיר האָבן אים אַרויסגעוואָרפֿן, — נו, איז דאָס גוט?

פּיאָטר האָט געוואוסט, אַז דאָס איז נישט גוט, נאָר נאָך ערגער איז פֿאַר אים געווען טיכאָנס זיין אין הויז. דאָס ווייב האָט אויך, דאַכט זיך, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן זיך געשטעלט אויף

אַלעקסייס זייט; מיט אַ נישט געוויינלעכער פאַר איר פעסטקייט האָט זי געזאָגט:

— נישט גוט, פיאָטר איליטש, כאָטש דערהרגע מיך, אָבער — ס'איז נישט גוט!

זיי צוזאַמען מיט אָלגען האָבן אים איבערגערעדט און באַרויקט. נאָר דער באַליידיקטער מענטש האָט טריומפירט:

— וואָס? דיין ווילן — איז פאַר קיינעם נישט קיין געזעץ... זעסט?

דער באַליידיקטער מענטש איז געוואָרן אַלץ אַנזעעוודיקער, פילבאַרער פאַר אַרטאַמאָנאָוון דעם עלטערן. פאַרזיכטיק אַרויפטראָגנדיק אויפן באַרג, אונטער דער סאָסנע, זיין שווער־געוואָרענעם גוף, פלעגט פיאָטר זיך אַריינזעצן אין פאָטעל און, טראַכטנדיק וועגן דאָזיקן מענטש, אויפריכטיק רחמנות האָבן אויף אים. ס'איז געווען אי זיס, אי ביטער אויסצוטראַכטן אַן אומגליקלעכן, אומפאַרשטענדלעכן, דורך קיינעם נישט אָפּגעשאַצטן, נאָר גוטן מענטש; ער האָט זיך געלאָזט אויסטראַכטן פונקט אַזוי לייכט, פונקט אַזוי פון גאָרנישט, ווי אין די הייסע טעג, איבער די זומפן, פלעגט אויפגיין אַ ווייסער רויך פון וואָלקנס.

קוקנדיק אויף דער פאַבריק און אויף אַלעם, וואָס איז פון איר געבוירן געוואָרן, האָט דערדאָזיקער מענטש געגעבן צו פאַרשטיין:

— מ'האָט געקענט לעבן אַנדערש, אָן דידאָזיקע אויפטועכצן.

דער פאַבריקאַנט אַרטאַמאָנאָוו האָט אים דערווידערט:

— טיכאָנס געדאַנקען.

— דער פּאָפּ גליעב האָט אויך אַזוי געזאָגט, און גאָריצוועטאָוו און נאָך פיל אַנדערע. יאָ, ווי פליגן אין שפינוועבס ראַנגלען זיך די מענטשן.

— גרינג — קאָן מען נישט לעבן, — האָט אָן חשק אָפּגענירט דער פאַבריקאַנט.

טיילמאָל האָט דערדאָזיקער שטומער וויכוח פון צוויי מענטשן אין איינעם זיך צעפלאַקערט באַזונדער הייס און

דער באַליידיקטער מענטש, ווערנדיק אומרחמנותדיק, האָט כמעט געשריגן:

— געדענקסט, דו האָסט שפּורעוודיקייט אויפן יאַריד זיך מתוודה געווען פאַר מענטשן, אַז האָסט געבערענגט פאַר אַ קרבן דעם זון, ווי אברהם יצחקן, און דאָס ייִנגל ניקאַנאָרן האָט מען דיר אָנשטאָט אַ באַראַן אונטערגערוקט, געדענקסט? ריכטיק, דאָס איז ריכטיק! און דערפאַר, פאַרן אמת, האָסטו מיר מיט אַ פלאַש אַ זעץ געטון. עך, דו האָסט מיך דערשטיקט, אומגעבערענגט! און מיך האָסטו אויך פאַר אַ קרבן געבערענגט. אָבער צו וועמען איז דער קרבן, צו וועמען? דעם הערנערדיקן גאָט, וועגן וועלכן ניקיטאַ האָט גערעדט? אים? עך, דו...

אין די מינוטן פון אַזעלכע מוראדיקע וויכּוחים פלעגט דער פאַבריקאַנט אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער שטאַרק צומאַכן די אויגן, כּדי איינצוהאַלטן די פאַרשעמטע, בייזע און ביטערע טרערן. אָבער די טרערן האָבן אָן אָפּהאַלט זיך געגאָסן, ער האָט זיי אָפּגעווישט פון די באַקן און פון דער באָרד מיט די דלאָניעס, דערנאָך האָט ער, ביז צום טרוקן ווערן, געריבן איין דלאָניע אָן דער אַנדערער און טעמפּ באַטראַכט די אויפגעלאָפענע, רויטע הענט זיינע. און ער האָט געטרונקען מאַדערע מיט גרויסע שלונגען, גלייך פון דער פלאַש.

אָבער נישט געקוקט אויף דידאַזיקע ביטערע טרערן, אויסגעקוועטשטע דורך אים, איז דער באַליידיקטער מענטש נייטיק געווען אַרטאַמאָנאָוון דעם עלטערן, ווי אַ באָד-רייבער, וועלכער רייבט מיט דער ווייכער און אין דער מאָס הייסער, שמעקעדיק אָנגעזייפטער מאָטשאַלקע דאָס לייב פון רוקן אויף יענעם אָרט, וואו דעם מענטש איז אַליין נישט מעגלעך אַ קראַץ צו טון, — די האַנט דערלאַנגט נישט.

... פלוצלינג האָט, ערגעץ ווייט, הינטער סיביר, זיך אויפגעהויבן אַ שטאַרקע פויסט און אָנגעהויבן שלאָגן רוסלאַנד.

אַלעקסיי האָט אונטערגעהונקען, פאָכענדיק מיט דער צייטונג, געשריגן:

— רציחה! גזלה! — און, אויפהייבנדיק די פויגלשע האַנט צום סופית, צאָרניק באַוועגט מיט די ליפּן, געשיפּעט:

— מיר וועלן זיי... מיר וועלן זיי...

דער גאָלדצייניקער דאָקטאָר איז געשטאַנען, אַריינגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס, אָנגעשפּאַרט אָן די וואַרעמע קאַפּליעס פון אויוון, און געמורמלט:

— מעגלעך, אַז זיי וועלן גאָר אונז.

דערדאָזיקער וואוקסיקער, קופּער־רויטער מענטש האָט, נאַ־טירלעך, געשמייכלט, ער האָט תמיד געשמייכלט, וועגן וואָס ס׳זאָל זיך נישט רעדן; ער האָט אפילו וועגן די קרענק און טויטן דער־ציילט, מיט דעם אייגענעם שמייכעלע, וואָס ער האָט גערעדט וועגן אַ נישט־מזלדיקן שפּיל אין פּרעפערענס; אַרטאַמאָנאָוו דער עלטע־רער האָט געקוקט אויף אים, ווי אויף אַן אויסלענדער, וועלכער שמייכלט פון פאַרלעגנהייט, וואָס ער איז נישט מסוגל צו פאַר־שטיין די אים פרעמדע מענטשן; אַרטאַמאָנאָוו האָט אים נישט ליב געהאַט, אים נישט געגלייבט און זיך געהיילט באַם שטאָטישן דאָקטאָר, דעם שווייגנדיקן דייטש קראָן.

פאַרזאָרגט קרייזלענדיק דאָס בערדל, קרומענדיק זיך, גלייך ס׳וואָלט אים ווייי געטון די שלייף, האָט מיראָן ווי אַ זשוראַוו אַרומ־געשפּרייזט הין און צוריק און געלערנט אַלעמען:

— די געשיכטע האָט מען באַדאַרפט אָנהייבן אין פאַרבאַנד מיט די ענגלענדער...

— אָבער וואָס איז עס פאַר אַ געשיכטע? — האָט זיך אויס־געפרעגט אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער, נאָר סיי דער האָפערדיקער ברודער, סיי דער קלוגער פּלימעניק האָבן נישט געקאָנט מיט שכל אים זאָגן, איבער וואָס ס׳איז אויסגעבראָכן דידאָזיקע מלחמה. אים איז אָנגענעם געווען צו באַאָבאַכטן די צעמישונג בײַ די אַלע ווייסנ־דיקע זעלבסטזיכערע לייט, באַזונדער קאָמיש האָט אויסגעזעען דער ברודער, ער האָט זיך געהאַלטן אַזוי אומפאַרשטענדלעך, אַז מען האָט געקאָנט מיינען: דידאָזיקע אומגעריכטע מלחמה האָט אָנגערירט קודם כּל טאַקע אים, אַלעקסיי אַרטאַמאָנאָוון, האָט אים געשטערט צו טון עפּעס זייער וויכטיקס.

איבער דער שטאָט איז געגאַנגען אַ רעליגיעזע פּראָצעסיע. חשיבותדיק און פרום אײנטרעטנדיק דעם היפּש אָנגעפּאַלענעם שניי, האָבן די בערדיקע סוחרים, ווי אָן ענגע סטאַדע אָקסן, נאָכגע־שפּאַנט די קײלעכיקע, גאָלדענע גלחים; מען האָט געטראָגן הײלי־קע בילדער, פֿענער. דער פֿאַרײניקטער כאָר פֿון אַלע שטאָטישע צערקוועס האָט הילכיק און פֿײערלעך געזונגען:

— באַשיץ גאָט דײַן פֿאָלק...

די ווערטער פֿון דער תּפֿילה, ענלעך צו אַ פֿאָדערונג, זענען אַרויסגעפֿלויגן פֿון די קײלעכיקע מײַלער אין אַ ווײַסער פּאַרע, פֿאַרפֿרירנדיק אין פֿראָסט־טױ אויף די ברעמען און די וואָנסעס פֿון די בעסער, בלײַבנדיק זיצן אין די בערד פֿון די נישט האַרמאָניש זינגענדיקע סוחרים. באַזונדער דורכדרינגלעך, האַרטנעקיק און נישט גלײַך מיטן כאָר האָט געזונגען דער שטאָט־פּרעזידענט וואָראָפּאַ־נאָוו, דער זון פֿונעם סטעלמאַך; אַ דיקער, אַ רויטבאַקיקער, מיט אויגן, וואָס האָבן געהאַט דעם קאָליר פֿון פֿעי־למוטערנע קנעפּ־לעך, האָט ער באַקומען בירושה פֿון זײַן פֿאָטער צוזאַמען מיטן פֿאַרמעגן אויך די אומגעשטילטע פֿײַנדשאַפֿט צו אַלע אַרטאַמאָ־נאָווס.

זיי, זיבן, זענען געגאַנגען אַלע צוזאַמען; פֿאָרויס האָט אונ־טערגעהויקען אַלעקסײ, פֿירנדיק דאָס ווײַב אונטער דער האַנט, הינטער אים יאַקאָוו מיט דער מוטער און דער שוועסטער טאַ־טיאַנאַ, דערנאָך איז געגאַנגען מיראָן מיטן דאָקטאָר; הינטער אַלע האָט געשפּרײַזט אין ווײַכע שטיוול אַרטאַמאָנאָוו דער על־טערער.

— די נאַציע, — האָט נישט הויך געזאָגט מיראָן.

— אַ פּאַראַד פֿון די כּוחות, — האָט געענטפֿערט דער דאָק־טאָר.

מיראָן האָט אַראָפּגענומען די ברילן, גענומען זיי אויסווישן מיטן טיכל, און דער דאָקטאָר האָט צוגעגעבן:

— איר וועט זען — זיי וועלן צעבלאָזן!

— נו־נו, דאָסדאָזיקע געמויזעכץ וועט זיך אַזוי גיך נישט אָנצינדן...

— הער אויף, — האָט געזאָגט אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער צום פּלימעניק, יענער האָט זייטיק אַ קוק געטון אויף אים און אויפגעהאָנגען די ברילן אויף זיין לאַנגער נאָז, פריער באַטאַפּנדיק זי מיט די פינגער.

— באַשירם גאָט דיין פאָלק! — האָט געפּאָדערט וואָראָפּאָנאָוו אַקצענטירנדיק הויך, מיט אַ פּייף אַרויסקוויטשענדיק דאָס וואָרט: פאָלק, ער האָט ווי אַ וואָלף זיך אומגעדרייט אויף צוריק, באַטראַכטנדיק די שטאָטלייט און צוליב עפּעס געפּאָבעט אויף זיי מיטן ביבער-היטל.

שיין, געדיכט האָט געזונגען די פערציק-יעריקע, נאָר פרישע, קיילעכיקע, הויכברוסטיקע טאָכטער פון פּאָמיאַלאָוון, אַן אלמנה צום דריטן מאָל און די ערשטע אין שטאָט לויטן סקאַנדאַליעזן און פאַרשייטן לעבן. פּיאָטר אַרטאַמאָנאָוו האָט געהערט, ווי זי האָט מיט אַ שטיל קול געעצהט נאַטאַליען:

— דו וואָלסט, קומאַ, געדאַרפט אַוועקשיקן דיין מאַן אויף דער מלחמה, ער איז בא דיר אַ שרעק-אָנוואַרפנדיקער, די שונאים וועלן פאַר אים אַנטלויפן.

און זי האָט געפרעגט יאַקאָוון:

— פאַרוואָס האָסטו נישט חתונה, דו האָן?

אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער האָט אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ, די ווערטער האָבן אים, ווי פליגן, געשטערט צו טראַכטן וועגן עפּעס וויכטיקס; ער איז אַוועקגעגאַנגען אין אַ זייט, אָנגעהויבן גיין אויפן טראָטואַר לאַנגזאַמער, דורכלאָזנדיק פאַרביי זיך דעם שטראָם מענטשן, וואָס איז אומגעוויינלעך שוואַרץ געווען אין דעמדאָזיקן טאָג, אויפן גרויסאַרטיקן, זויבערן שניי. די מענטשן זענען געגאַנגען, געגאַנגען און האָבן געטעטעמט מיט דאַמף, ממש קאָכנדיקע סאַמאָווארן.

אָט גייט בראש פון אירע שילערינס וויעראַ פּאָפּאָוואַ מיט אַ שטיינערן פּנים; די שנייעלעך פינקלען אויף אירע גריין-גרויע האָר; די ווייסע, אין פראָסט-טוי, ווימפּערן אירע האָבן אַ ציטער געטון, זי האָט אַ שאָקל געטון מיט דעם הערלעכן, נישט צוגעדעקטן קאָפּ. אַרטאַמאָנאָוו האָט זי באַדויערט:

— אַ נאַר. האָט זיך איינגעשפּאַנט קאַטשקעס צו פּאַשען.

ס׳האָט זיך דורכגעקייקלט אַ לאַנגע כוואַליע געשווירענע קעפּ; דאָס זענען די תּלמידים פון די צוויי שטאָטישע שולן; ווי אַ שווערער, גרויער מאַשין האָט זיך דורכגערוקט אַ האַלבע ראָטע סאָלדאַטן; געפירט האָט זי דער באַרימטער אין שטאָט קאַלטבלוטיקער פּאָרוטשיק מאַורין; ער האָט זיך טאָג־טעגלעך געבאָדן אין דער אָקע, אָנהייבנדיק פון פרילינג און אויפהערנדיק שוין בײַ די ווייסע פרעסטלעך און געלעבט, ווי ס׳איז באַוואוסט געווען, פאַרן געלט פון דער פּימיאַלאָווא, מיט וועלכער ער האָט זיך געפונען אין אומגעזעצלעכער פאַרבינדונג.

חשיבותדיק, ווי אַ וואַטער גאָנער, איז געגאַנגען דער זשאַנדאַרמען־אָפיציר ניעסטערענקאָ, אַ פאַרשוין מיט כינעזישע וואָנסעס, און זיין קראַנק ווייב איז געגאַנגען; אונטער דער האַנט מיט איר ברודער, זשיטיעיקינען, דעם זון פון פאַרשטאָרבענעם שטאָטישן סטאַראָסטע און באַלעבאָס פון דער גאַרבערײַ; וועגן זשיטיעיקינען האָט מען דערציילט, אַז כאָטש ער לעבט־צו מיט מאָנאַכינס, האָט ער איבערגעלייענט זיבן הונדערט ביכער און ער קען מערקווערדיק פויקן אין אַ קליין פייקל, ער לערנט זאָגאַר בסוד די זעלגער דידאָזיקע קונסט.

נאָכדעם איז דורכגעפאָרן אין אַ שליטן דער פעט־געוואָרענער סטיעפּאַן באַרסקי מיטן שכורניק דעם איידעם זיינעם און דער שיקלדיקער טאָכטער; ווי אַ שוואַרצע קופּע האָט לאַנג זיך באַוועגט דאָס ערב־רב: די קליינע שטאָטלייט, די גאַרבער, וועבער, סטעלמאַכעס, בעטלער און עפּעס אַזוינע קיינעם נישט נייטיקע זקנות, ענלעכע צו שטשורעס. דער שניי האָט פויל געזאָלצן די אָפּגעדעקטע קעפּ, פונוויטנס האָט זיך געטראָגן דאָס אומברחמנותדיק פאָדערנדיקע געשריי פון וואָראָפּאָנאָוון:

— באַשירם, גאָט, דיין פאָלק...

— און נאָכוואָס דאַרף גאָט דידאָזיקע מענטשן? ס׳איז נישט צו פאַרשטיין, — האָט אַ קלער געטון אַרטאַמאָנאָוו. ער האָט נישט ליב געהאַט די שטאָטלייט און כמעט נישט געהאַט אין שטאָט קיין מגע ומשא מיט קיינעם, אַ חוץ די געשעפטלעכע באַקאַנטשאַפטן;

ער האט געוואוסט, אז די שטאט האט אים אויך נישט ליב, האלטנ-דיק פאר א שטאלצן, א שלעכטן, נאר שעצט זייער אלעקסייען פאר זיין נייגונג שענער צו מאכן די שטאט, דערפאר, וואס ער האט אויסגעברוקירט די הויפט גאס, האט פארשענערט דער מארק-פלאץ מיט פארזעצן ליפעס, האט איינגעארדנט אויפן ברעג פון דער אקע א גארטן, א בולוואר. פאר מיראנען און אפילו פאר יאקאוון האט מען מורא, מען האלט זיי פאר איבער דער מאס גיריקע, מען זאגט, אז אלץ ארום פארכאפן זיי אין זייערע הענט אריין.

באטראכטנדיק דעם פאמעלעכן גאנג פון די פארקלערטע מענטשן, האט ארטאמאנאוו זיך געכמורעט, — א סך אומבאקאנטע פנימער און צופיל פארשידנפארביקע אויגן קוקן אויף אים מיט אלציינער אומפריינדשאפט.

באם טויער פון אלעקסייס הויז האט אים באגריסט טיכאן. ארטאמאנאוו האט געפרעגט:

— מיר פירן מלחמה, אלטער?

שווייגנדיק, מיט דער באקאנטער באוועגונג פון דער שווע-רער האנט, האט טיכאן א גלעט געטון די קינבאק. דאס ערשטע מאל פארן גאנצן לעבן מיט אים האט ארטאמאנאוו געפרעגט דעמ-דאזיקן מענטש מיט צוטרוי צו אים:

— וואס קלערסטו וועגן דעם?

— נארישקייטן, — האט גלייך געענטפערט וויאלאוו, ווי ער וואלט געווארט אויף דער פראגע.

— בא דיר איז אלץ — נארישקייטן, — האט אומבאשטימט געזאגט ארטאמאנאוו.

— נאר — ווי דען? הינט איז מען, צי וואס? מיר זענען נישט קיין חיות.

ארטאמאנאוו האט זיך אוועקגעלאזט ווייטער דורך דעם דראבנעם, שטויביקן שניי. דער שניי איז געפאלן אלץ געדיכטער און האט שוין כמעט אינגאנצן פארדעקט דעם המון מענטשן פונדערווייטנס, אין די ווייסע בערג פון ביימער און דע-כער.

אצינד, נאכן טויט פון סעראפים דעם ט ר י י ס ט ע ר,

פֿלעגט אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער גיין זיך פֿאַרווײַלן צו דער אַלמנה — דער דיאַקאָנעכע טאַיסיאַ פּאַראַקליטאָוואַ, אַ פֿרוי פֿון אומבאַשטימטע יאָרן, אַ דאַרע, ענלעך צו אַן אומדערוואַקסן מיידל און צו אַ שוואַרצער ציג. זי איז געווען אַ שטילע און האָט שטענדיק, אין אַלעם, איינגעשטימט מיט אים:

— אַזוי, ליבער! — פֿלעגט זי זאָגן. — יאָ, יאָ, ליבער, יאָ!

געטרונקען האָט אַרטאַמאָנאָוו אַ סך, נאָר שכור געוואָרן איז ער לאַנגזאַם און אים האָט דענערווירט, וואָס די צודרינגלעכע, פֿאַרצאָקטע מחשבות ווערן אַזוי לאַנג נישט צעגאַנגען, ווערן נישט דערטרונקען אין טאַיסיעס שטאַרקע, באַטעמטע בראָנפֿנס. די ערשטע מינוטן פֿון שכור ווערן זענען געווען אומאָנגענעם, דער בראָנפֿן האָט געמאַכט פֿיאָטרס געדאַנקען וועגן זיך, וועגן מענטשן נאָך מער עסנדיק, ביטער, האָט אָפּגעפֿאַרבט דאָס גאַנצע לעבן אין בייזע, גרין־זומפּיקע פֿאַרבן, צוגעגעבן זיי אַ קאָכיקע האַסטיקייט; אַרטאַמאָנאָוון האָט זיך געדאַכט, אַז דידאָזיקע קאָכעניש שליידערט, דרייט אים, און אין דער פֿאָלגנדער מינוט וועט זי אים אַריבערוואַרפֿן איבער עפּעס אַ ברעג. סקריפּענדיק מיט די ציין, האָט ער זיך איינגעהערט, זיך איינגעקוקט אין טונקעלן בונט אינעווייניק אין זיך, דערנאָך געשריגן צו דער דיאַקאָנעכע:

— נו, וואָס שווייגסטו? רעד, וואָס דו ווייסט.

די פֿרוי איז ווי אַ ציג אַרויפֿגעשפּרונגען צו אים אויף די קניען, זי איז געווען אַ וואונדערלעך גרינגע און וואַרעמע; אויפֿעפֿענענדיק פֿאַר זיך אַן אומגעזעען בוך, האָט זי געלייענט:

— די פֿאָמיאַלאָוואַ האָט משלח געווען פֿון זיך דעם פֿאָרוטשיק מאַווריגען, ער האָט ווידער פֿאַרשפּילט אין קאָרטן צוויי הונדערט און צוואָנציק; זי וויל איינגעבן די וועקסלען צום אייַנקאַסירן, זי האָט אויף אים וועקסלען. און דער זשאַנדאַרם האַלט דעריבער זיין ווייב דאָ, ווייל ער האָט זיך געקריגן אין שטאָט אַ געליבטע, אָבער נישט דערפֿאַר, וואָס דאָס ווייב איז קראַנק...

— דאָס אַלץ איז — מיסט, — האָט געזאָגט אַרטאַמאָנאָוו.

— מיסט, ליבער, און — נאָך וואָסער מיסט!

אירע מעשות וועגן די בּרודיקע געשעענישן אין שטאָט האָבּן פאַרפלאָנטערט אַרטאַמאָנאָווס טראַכטונגען, זיי אַוועקגעפירט אין אַ וייט, האָבּן באַרעכטיקט און פאַרפעסטיקט זיין אומפריינדשאַפט צו די לאַנגווייליקע בעלי-עבירהניקעס, די שטאָטלייט. אויפן אָרט פון דידאָזיקע טראַכטונגען זענען אויפגעשטאַנען און זיך באַוועגט אין עפּעס אַ מין קרייז בּילדער פון די ווילדע אָרגיעס אויפן יאַריד; ס'האָבּן זיך געצאַפּלט צעיושעטע מענטשן, גיריק אַרויסזעצנדיק די שכורע, אָבּער קיינמאָל נישט זאַטע אויגן, זיי האָבּן געבּרענט געלט און, גאָרנישט שוינענדיק, אָפּגעטון כלערליי משונהדיקייטן אין וואַנזיניקער צערייצטקייט פון קערפּער, שטרעבּנדיק צו דער גרויסער, בּלענדנדער ווייסער, אומפאַרשעמט נאַקעטער פרוי...

פּיאָטר אַרטאַמאָנאָוו האָט שווייגנד געזופּט פאַרשידנפאַרבּיקע בראָנפנס, געקייעט גליטשיקע, זויערע שוואָמען און געפילט מיט זיין גאַנצן שכורן קערפּער, אַז דאָס סאַמע ליבּסטע, אומהיימלעך מעכטיקסטע און ווירקלעכע איז פאַרבּאָרגן אין דער אומפאַרשעמטער יאַריד-פרוי, וועלכע ווייזט זיך פאַר געלט נאַקעטערהייט און פונוועגן וועלכער בּאַוואוּסטע מענטשן ווערן אָן דאָס געלט, די בּושה, דאָס געזונט. און פאַר אים איז פון גאַנצן לעבּן פאַרבּליבּן אָט דידאָזיקע שוואַרצע ציג.

— טו זיך אויס! — האָט ער געריטשעט. — טאַנץ!

ווי אַזוי זשע וועל איך עס אָן מוזיק? — זאָגט די דיאקאָנעכע, צעשפּיליענדיק זיך. — מען וואָלט באַדאַרפט רופן נאָסקאָוון, דעם יעגער, ער שפּילט גוט אויף אַ האַרמאָניע...

אין דידאָזיקע פאַרווײלונגען איז די צייט געגאַנגען אומבאַמערקט, טיילמאָל איז פון דעם שטראָם טריבּע טעג אַרויסגעשפּרונגען עפּעס פולשטענדיק אומבאַגרייפלעכס: ווינטער זענען אָנגעקומען ידיעות וועגן דעם, אַז די אַרבּעטער אין פּעטערבּורג האָבּן געוואָלט חרוב מאַכן דעם פּאַלאַץ, דערהרגענען דעם קייסער.

טיכאָן ווילאָוו האָט געוואָרטשעט:

— מען וועט נאָך די צערקוועס אויך צעשיטן. נאַר — ווי דען? דאָס פאָלק איז נישט אויס אייזן.

זומער האָט מען אָנגעהויבּן רעדן, אַז איבּער די רוסישע

ימים שווימט אַרום אַ רוסישע שיף טאַקע און שיסט מיט האַרמאַטן אויף די שטעט, — טיכאָן האָט געזאָגט:

— נאָר ווי דען? זיי האָבן זיך צוגעוואוינט מלחמה צו האַלטן.

איבער דער שטאָט איז מען אויפסניי געגאַנגען מיט הייליקע בילדער, וואָראָפּאַנאָוו אין אַ רויטלעכן סורדוט האָט געטראָגן דעם קייזערס פּאָרטרעט און געפּאָדערט:

— באַשירם, גאָט, דיין פּאָלק!

דאָס מאָל האָט ער געשריגן נאָך העכער און זאָגאַר בייזער, נאָר פונדעסטוועגן האָט אין זיין קול דער רוף נאָך הילף געקלונגען בהלהדיק.

זשיטיעיקין מיט אַ צווייערעיקער ביקס אין די הענט, אַ שכורער, אָן דעם היטל, בליצנדיק מיט דעם רויטן פּליך, איז געגאַנגען בראש פון זיינע גאַרבער און ווילד געסקאַנדאַלעוועט, געמאַכט יעלות:

— יאַטן! מיר וועלן נישט אַוועקגעבן רוסלאַנד די זשידעס. וועמענס איז רוסלאַנד? אונזערס!

— אונזערס, — האָבן איינשטימיק געשריגן די גאַרבער, אויך נישט ניכטערע און, באַגעגענענדיק די ווייבער, זייערע שונאים, אָנגעהויבן מיט זיי געשלעגן, האָבן אַ קלאַפּ געטון מיט אַ שטעקן דעם דאָקטאָר יאַקאָוולעוון, אַריינגעוואָרפן אין דער אָקע דעם אַלטן אַפּטייקער; זשיטיעיקין האָט זיך לאַנג געיאָגט איבער דער שטאָט נאָך זיין זון, האָט צוויי מאָל אויסגעלאָדן די ביקס נאָך אים, אָבער — נישט געטראָפן, נאָר בלויז פאַרוואונדעט מיט שרויט דעם שניידער ברוסקאָוו אין רוקן.

די פאַבריק האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן, דאָס יינגוואַרג, פאַרקאַשערנדיק די אַרבל פון די העמדער, האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין שטאָט אַריין, נישט קוקנדיק אויף מיראָנס און אַנדערע פאַרשטאַנדיקע מענטשנס אָפּרעדן זיי, נישט געקוקט אויף די געשרייען און געוויינען פון די ווייבער.

די פאַבריק איז ליידיק געוואָרן, פאַרשטאַרט געוואָרן און האָט זיך אַזויווי פאַרזונצלט אונטערן ווינט, וועלכער האָט אויך זיך גע-

בונטעוועט, געוואָיעט און געפייפט, שפריצנדיק מיט אַן אייזיקן רעגן, געקלעפּט אַרום דעם קוימען קלעפּיקן שניי; דערנאָך איז אַראָפּגעבלאָזן, אָפּגעשווענקט.

זיצנדיק באַם פענצטער, האָט אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער טעמפּ געקוקט, ווי אַרויס פון שטאָט און אין שטאָט אַריין לויפן, ווי מוראַשקעס, טונקעלע פיגורלעך פון מענער און פרויען; דורך די שויבן האָט מען געהערט געשרייען און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די מענטשן איז פריילעך. באַם טויער האָט געקוויטשעט אַ האַרמאָניע, צווישן עולם אַרבעטער האָט דער לאָמער קאָכער וואַסקאַ קראָטאָוו געזונגען:

ענג איז געוואָרן אויף דער וועלט —
שלאָגן מיר זיך מיט יאַפּאָניע!
זיי ברעכן אונז רוקן־לענד,
און מיר זיי — שרעקן מיט איקאָנעס!

דער ווינט האָט געברענגט פון שטאָט אַ בורטשענדיק גערויש, גלייך דאָרטן וואָלט געזאָטן אַ ריזיקער סאַמאָוואַר, אָנגעפולט מיט אַ גאַנצער אָזערע וואַסער. אין הויף איז אַריינגעפאָרן אַלעקסייס קאָטש, אויף דער קעלניע איז געזעסן דער איינאויגיקער פעלדשער מאָראָזאָוו; ס'איז אַרויסגעשפרונגען אָלגאַ, אַרומגעהילט מיט אַ שאַל, אַרטאַמאָנאָוו האָט זיך איבערגעשראָקן און, פאַרגעסנדיק אָן ווייטיק אין די פיס, איז ער אויפגעשפרונגען, זיך געלאָזט גיין איר אַ קעגן.

— וואָס איז געשען?

אָפּשאָקלענדיק זיך, פונקט ווי אַ הון, האָט זי געזאָגט:

— די פענצטער האָט מען באַ אונז אויסגעהאַקט, די גאַרבער...

אָפּטרעטנדיק איר דעם וועג, האָט ער אַ שמייכל געטון, אַרויסגעוואָרטשעט:

— נו, מילא... איר האָט זיך דערפלאַפּלט! געמאַכט יעלות אויף מיר, און — אָט ווי אַזוי דאָס איז! ניין, דער קייסער...

און פלוצלינג האָט ער דערהערט אַ בייזן, נישט געוויינלעכן פאַר אַלגען, הויכן ענטפער :

— לאָז אָפּ ! דאָס איז אַן אומערלעכער מענטש, דער קייסער דיינער !

— דו פאַרשטייסט אַ סך אין קייסריים, — האָט ער געזאָגט צעטומלט, אָנרירנדיק זיין אויער.

אים האָט פאַרחידושט דער כעס פון דער קליינער אַלטיטשקער אין די ברילן, דער תמיד שטילער, קיינעם נישט פאַרורטיילנדיקער, אין אירע ווערטער איז געווען עפּעס איבעראַשנד אויפריכטיקס, ווי אַ מויזן־פּישטש קייגן אַן אָקס, וועלכער האָט אַרויפגעטרעטן אויף דעם ווידל פון אַ מויז, נישט זעענדיק דאָס און נישט ווילנדיק. אַרטאַמאָנאָוו האָט זיך אַוועקגעזעצט אין זיין פאָטעל, זיך פאַרטראַכט.

ער האָט שוין לאַנג, שוין עטלעכע וואָכן נישט געזעען אַלגען, אויסמיידנדיק צו טרעפן זיך מיט איר זון, האָבנדיק זיך צעקריגט מיט אים. נאָך סוף זומער, ווען פּיאָטר אַרטאַמאָנאָוו איז געלעגן אין בעט מיט אויפגעלאָפענע פיס, איז צו אים געקומען וואָראָפּאָנאָוו, אַ פייערלעכער און פאַרשוויצטער, און, פּאַטשנדיק מיט די שווערע, בלאָע ליפּן, אים פאָרגעלייגט אונטערצושרייבן אַ דעפּעשע צום קייסער, — אַ בקשה וועגן דעם, אַז דער קייסער זאָל קיינעם נישט אָפּטרעטן זיין מאַכט. אַרטאַמאָנאָוון האָט זייער פאַרוואונדערט דער עזותדיקער אויפטו פון דעם שטאָטישן פּרעזידענט, נאָר ער האָט אונטערגעשריבן דאָס פּאַפּיר, זייענדיק זיכער, אַז דאָס וועט זיין אָנגענעם דעם ברודער, מיראָנען, ווי אויך, אַז וואָראָפּאָנאָוו וועט זיכער באַקומען אַ פאָרוואורף פון פעטערבורג : שטופּ זיך נישט, גראָבליפּיקער טפּוש, נישט אין דיין זאַך, פאַררייס זיך נישט צו הויך !

אַריינלייגנדיק דאָס פּאַפּיר אין קעשענע פון סורדוט, פאַרקנעפּלענדיק זיך אויף אַלע קנעפּלעך, האָט וואָראָפּאָנאָוו זיך אָנגעהויבן קלאָגן אויף אַלעקסייען, מיראָנען, דעם דאָקטאָר, אויף אַלע מענטשן, וועלכע ווערן אונטערגעהעצט דורך יידן און גייען — מאַנכע — בלינד, אַנדערע — אייגננוציק, קעגן קייסער ; אַרטאָ־

מאַנאָוו דער עלטערער האָט געהערט זיינע טענות כמעט מיט פאַר־געניגן, האָט צוגעטאַקעוועט און נאָר ווען וואַראַפּאַנאָווס בלאָע ליפּן האָבן אָנגעהויבן בייז רעדן וועגן וויערא פּאַפּאָווא, האָט ער שטרענג געזאָגט:

— וויערא ניקאָלאַיעווגא האָט נישט קיין שום שייכות צו דעם.

— ווי הייסט — האָט נישט קיין שייכות? אונז איז באַוואוסט...

— דיר איז גאָרנישט באַוואוסט.

— איר וועט זיך דערשפּילן צו אַן אומגליק, — האָט אַ דראָע געטון דער פּרעזידענט און איז אַוועקגעגאַנגען.

און אינאָווגט האָבן זיך אויף אַרטאַמאָנאָוון געוואָרפן ווי די הינט דער פּלימעניק, די טאָכטער, האָבן זיך געוואָרפן און זיך צעבילן, נישט שוינענדיק זיין עלטער.

— וואָס טוט איר, טאַטעשי? — האָט געשריגן טאַטיאַנאַ און אויף איר נישט שיין פּנים זענען געשפּרונגען משוגענע אויגן, יאַקאָוו איז געשטאַנען באַם פענצטער, האָט געפּויקט אין דער שויב מיט די פינגער, אַרטאַמאָנאָוון האָט זיך געדאַכט, אַז דער זון איז אויך קייגן אים; און מיראָן האָט בייסיק געפרעגט:

— איר האָט געלייענט, וואָס ס'איז דאָרט געווען אָנגעשריבן אין דעם פּאַפּיר?

— איך האָב נישט געלייענט! — האָט געזאָגט אַרטאַמאָנאָוו. — כ'האָב נישט געלייענט, אָבער — כ'ווייס, ס'איז אָנגעשריבן, אַז מען זאָל די הינטלעך נישט געבן צו שאַפן!

אים איז אָנגענעם געווען צו זעען, ווי ס'בייזערן זיך מיראָן און טאַטיאַנאַ, נאָר יאַקאָווס שווייגן — האָט געבערענגט אין פאַר־לעגנהייט, ער האָט געגלייבט אין זונס פּראַקטישקייט, זיך אָנגע־שטויסן, אַז ער האָט געהאַנדלט קייגן זיינע אינטערעסן, אָבער אַריינבציען יאַקאָוון אין דאַזיקן וויכוח, פרעגן, ווי אַזוי ער קלערט, — האָט נישט דערלאָזט די אייגנליבע. ער איז געלעגן און האָט זיך

צוריקגעבייזערט, געריטשעט, און מיראָן האָט געדויבערט, שאָקלענדיק מיט דער נאָז:

— פאַרשטייט: דער קייסער איז אַרומגערינגלט פון אַ באַנדע שווינדלער, און ס׳איז נייטיק, אַז זיי זאָלן פאַרבייטן אָרנטלעכע מענטשן...

אַרטאַמאָנאָוו האָט געוואוסט, אַז מיראָן מיינט טאַקע זיך צווישן די אָרנטלעכע מענטשן און אַז זיין פאָטער איז געפאָרן קיין מאָסקווע זיך משתדל זיין, אַז מיראָנען זאָל עמעצער דאָרטן באַשטימען אַלס קאַנדידאַט אין דער מלוכה=דומע. און ס׳איז אי קאָמיש, אי געפערלעך פאָרצושטעלן זיך דעמדאָזיקן זשוראַוו אַלס דעם קייסערס אַ מקורב. פלוצלינג איז אַריינגעלאָפן אַ צעשויבערטער, אַ צעקנעפלטער אַלעקסיי און האָט אָנגעהויבן שפּרינגען, גרעגערן:

— וואָס טוסטו עס, משוגענער מענטש?

ער האָט געשריגן ווי אויף אַן אָנגעשטעלטן.

— צום טייוול! — האָט אַרויסגעבריללט אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער. — מיך לערנען? טראָגט זיך אַלע צום טייוול! אַרויס...

ער איז זאָגאַר אַליין איבערגעשראָקן געוואָרן פון דעם ראַפּטומדיקן אויסבראָך פון זיין כעס.

אַצינד, זיצנדיק אין ווינקל, הערנדיק אָלגעס אָנרוגזאדיק דערציילן וועגן בונט אין שטאָט, האָט ער זיך דערמאַנט דידאָזיקע קריג און געפרווט פאַרשטיין: ווער=זשע איז גערעכט, ער, אָדער דידאָזיקע מענטשן?

אים האָבן באַזונדער צעטומלט די קינדעריש-בייזע ווערטער אָלגעס. אָט רעדט זי שוין רויק, אפילו בנחתדיק:

— ליבע מענטשן זענען באַ אונז די ווייבער! ווי מיטן קוק זיי האָבן אַוועקגעטריבן וואָראָפּאָנאָווס אַרבעטער און גאַרבער. זיי זענען דאָרט געבליבן היטן דאָס הויז...

און נאַטאַליע, אַ שטאַרק איבערגעשראָקענע, טענהט בייז:

— פון אייער הויז טאַקע איז אַרויסגעקומען די מהומה. אַ מצווה — אויף אייך! אַלץ איז — פון אייך.

ס׳איז אָנגעקומען מיראָן און, נישט באַגריסנדיק זיך, אַרום-

גייענדיק איבערן צימער מיט אַן אָנגעצויגענעם גאַנג, האָט ער גע־נומען דראָען:

— די אַלע וואַראָפּאַנאָווס און זשיטיעיקינס וועלן טייער באַ־צאָלן דערפאַר, וואָס זיי לערנען אויס דאָס פאָלק בונטעווען. דאָס וועט זיי גלאַטיק נישט דורכגיין, ס'וועט זיך זיי אָפּרופן? איז איבער געגנוג דאָס איינקנעלן מרידה מצד די פריינד פון איליאַ פּעטראָוויטש אַרטאַמאָנאָוו, נאָר וויבאַלד דידאָזיקע וועלן נאָך אָנ־הייבן...

אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער האָט צוגעשוויגן.

נאָכן סקאַנדאַל מיט וואַראָפּאַנאָווס פּעטיציע איז מיראָן אים ענדגילטיק, נישט צום שלום מאַכן, אַנטיפּאַטיש געוואָרן, נאָר ער האָט געזען, אַז די פאַבריק איז לגמרי אין די הענט פון דאָזיקן מענטש, מיראָן פירט דאָס געשעפט געשיקט, זיכער, די אַרבעטער זענען אים געהאָרכזאַם אָדער האָבן מורא פאַר אים; זיי פירן זיך אויף שטילער פון די שטאָטישע.

דער ווינט האָט זיך איינגעשטילט, זיך איינגעגראָבן אין גע־דיכטן שניי... דער שניי איז געפאַלן שווער און גלייך, אין גע־דיכטע פלאָטקעלעך, ער האָט פאַרהאָנגען די פענצטער מ ט אַ ווייסן פאַרהאַנג, אויפן הויף זעט מען גאָרנישט. קיינער האָט נישט גע־רעדט מיט אַרטאַמאָנאָוון דעם עלטערן און ער האָט געפילט, אַז אַלע, אויסער דעם ווייב, האַלטן אים פאַר שולדיק אין אַלעמען: אין די בונטען, אין שלעכטן וועטער, אין דעם, וואָס דער קייסער פירט זיך אויף עפעס אַזוי נישט געראָטן.

— אָבער וואו זשע איז יאַשאַ? — האָט אומרויק געפרעגט די מוטער. — יאַשאַ, זאָג איך, וואו איז?

מיראָן האָט מיט עקל אַ קרום געטון די נאָז און געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף דער מומע:

— ער האָט זיך, מסתמא, באַהאַלטן אין שטאָט, אין זיין הינערשטייג.

— וואָס? אין וואָסער? — האָט דערשראָקן צוויסגעמורמלט נאַטאַליע.

אַרטאַמאָנאָוו האָט אַ קלער געטון:

— הפנים, זי ווייסט נישט, די בהמה, אז יאַקאָוו האָט אַ געליבטע.

און פּלוצלינג געזאָגט פעסט:

— נו, מילא: לעבט, ווי איר ווילט! טוט. יאָ. ווירקלעך, — איך פאַרשטיי נישט. כ'בין אַלט. און — דאָ... דאָ שפּילט דער טייוול. כ'האָב געלעבט — געלעבט — כ'פאַרשטיי גאָרנישט...

IV.

ביז זעקס און צוואַנציק יאָר האָט יאַקאָוו געלעבט גוט, רויק, נישט איבערלעבנדיק קיין באַזונדערע אומאָנגענעמלעכקייטן, נאָר דערנאָך האָט די צייט, דער שונא פון די מענטשן, וואָס האָבן ליב אַ רויק לעבן, אָנגעהויבן שפּילן מיט יאַקאָוון אַ פאַרפּלאָנטערטן, נישט ערלעכן שפּיל. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אַפּריל, באַנאַכט, אַ יאָר דריי נאָך די מרידות, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט דאָס גע־דולדיקע פאָלק.

יאַקאָוו איז געלעגן אויף דער סאָפע און האָט גערייכערט, קוויקנדיק זיך מיטן געפיל פון אָנגעזעטיקטקייט, וואָס שליסט אויס אַלע פאַרלאַנגען; דאָסדאָזיקע געפיל האָט ער געשטעלט העכער פון אַלעם אין לעבן, זעענדיק דערין דעם גאַנצן לעבנס־מהות. דאָס געפיל איז אים געווען אַלצייַנס אָנגענעם סיי נאָך אַ געשמאַקן מיטאָג, סיי נאָך דעם באַזיצן אַ פרוי.

אַ פרוי, אַ קיילעכיקע און שלאַנקע, איז געשטאַנען אינמיטן צימער באַם טיש, פאַרטראַכט קוקנדיק אויפן בייזן, לילע פייער פון דער ספּירט־מאַשינקע אונטער דעם קאַווע־אימבריק; אירע נאַקע־טע הענט און דאָס קינדישע פּנים, באַלויכטענע מיטן פייער פון אַ לאָמפּ אונטער אַ רויטן אַבאַזשור, זענען באַפאַרבט געווען מיטן קאָליר פון אַ געשמאַק צוגעברוינטער שאָל פון אַ קוכן. די צעשוי־בערטע טונקעלע האָר האָבן מאָלעריש באַשאָטן דעם האַלז און די

אָקסלען. אויף פּאָלינעס נאַקעטן קערפּער איז אַ גאָלדיק־געלער בוי־כאַרישער שלאָפראָק, אויף די פיס — גרינע סאַפיאַנען־פּאַנטאָפל. אין איר איז פאַרהאַן עפּעס זייער לייכטס, נישט רוסישס; זי האָט אַ ליב צורהלע פון אַ נישט דערוואַקסן יינגל; פוכיקע ליפּן, טעמ־פּעראַמענטפולע אויגן, קיילעכיקע ווי קערשן; אפילו אין דעמדאָ־זיקן מאָמענט, ווען יאַקאָוו איז זאַט מיט איר, איז זי אים אָנגענעם. זי איז, נאַטירלעך, אומפאַרגלייכלעך שענער פון אַלע מיידלעך און פרויען, וועלכע ער האָט געקענט, און זי וואָלט געווען אינגאַנצן שיין, ווען נישט איר נאַרישער כאַראַקטער.

— איך וויל נישט קיין קאַווע, אַפּעלסינטשיק. — האָט גע־זאָגט יאַקאָוו דורך דעם געדיכטן שלייער פּאַפּיראָסן־רויך; נישט קיין קוק טוענדיק אויף אים, האָט פּאָלינאַ געפרעגט:

— און — איך?

— איך ווייס נישט, וואָס דו ווילסט, — האָט געענטפערט יאַקאָוו, מיד אַ גענעץ געבנדיק.

— ניין, דו ווייסט, — האָט, שנעל אויפכאַפּנדיק זיינע ווער־טער און אַ שאָקל געבנדיק מיטן קאָפּ, געזאָגט די פרוי מיט אַ הילכיק קול; אויסהערנדיק אַ מינוט, צוויי, אירע ראַצנדיקע, דראָ־פּענדיקע ווערטער, האָט יאַקאָוו זיך אויפגעזעצט, אַוועקגעוואָרפן דעם פּאַפּיראָס אויף דער פּאָדלאָגע און, אָנטוענדיק די שיך, געזאָגט מיט אַ זיפץ:

— איך פאַרשטיי נישט דיין טבע קאָליע צו מאַכן די גוטע שטימונג! דו ווייסט דאָך: איך קאָן נישט חתונה האָבן, כּל־זמן דער טאַטע איז נישט געשטאָרבן...

דאָ האָט, ווי תּמיד, פּאָלינאַ אים באַשאָטן מיט באַליידיקענ־דיקע ווערטער:

— געוויס איז דיר, שפּין, נייטיק בלויז אַ גוטע שטימונג! איך ווייס: פאַר אַ גוטער שטימונג ביסטו גרייט מיך צו פאַרקויפן אַ טאַטער, אַן אַלטוואַרג־הענדלער, יאָ! דו ביסט אַן אומערלעכער מענטש...

יאַקאָוו האָט באַזונדער נישט ליב געהאַט, ווען זי האָט אים גערופן שפּין, און די ליבלעכע מינוטן האָט זי געהאַט פּאַר

אים אַן אַנדערן קאָמישן נאָמען — סאָליאָניענקי. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז על כּל פּנים היינט וואָלט זי געמעגט זיך אָפּהאַלטן פֿון קריגן זיך: מיט אַ צוויי שעה פֿריער האָט ער איר געגעבן הונדערט רובל.

— מיט געשריי וועסטו גאָרנישט אויספֿירן, — האָט ער זי רויִק געוואָרנט, אָנטוענדיק דעם הוט, אויסשטרעקנדיק די האַנט. — צום ווידערזען!

— חזיר! ווידער האָט ער אָנגעוואָרפֿן קערטלעך אויף דער פּאָדלאָגע...

אינדרויסן איז אַרומגעפֿלויגן אַ נאַסער ווינט, שאָטנס פֿון וואָלקנס זענען אַרומגעקראָכן איבער דער ערד, אַזוי ווי וועלנדיק אויסווישן די קאַלוזשעס, אַלע מאָל האָט אויף אַ מינוט אַרויסגעבליקט די לבֿנה, און דאָס וואַסער אין די קאַלוזשעס, באַדעקט מיט דינעם אייז, האָט געבלישטשעט מיט קופּער. דאָס יאָר האָט דער ווינטער עקשנותדיק נישט געוואָלט אָפּטרעטן דאָס אָרט פֿאַרן פֿרילינג; ערשט נעכטן איז געפֿאַלן אַ געדיכטער שניי.

יאַקאָוו אַרטאַמאָנאָוו איז געגאַנגען נישט געאײַלט, אַריינגעדרוקט די הענט אין די קעשענעס, האַלטנדיק אונטערן אָרעם אַ שווערן שטעקן, און געטראַכט וועגן דעם, ווי אומדערקלערלעך, משונהדיק נאַריש ס'זענען די מענטשן. וואָס דאַרף האָבן דאָס ליבע נאַרעלע פּאָלינע? זי לעבט זיך רויִק, נישט האָבנדיק קיין שום דאגות, באַקומט נישט ווייניק מתּנות, טוט זיך אָן שיין, גיט אויס בײַ אַ הונדערט רובל אַ חודש; יאַקאָוו האָט געוווּסט, געפֿילט, אַז ער געפֿעלט איר. נו, וואָס זשע נאָך דאַרף זי? פֿאַרוואָס וויל זי חתונה האָבן?

— ס'איז נאַריש, ווי אַ מויז אין אַ סלאָיִק איינגעמאַכטס, — האָט ער פֿאַרענדיקט מיטן באַליבטן, דורך אים גופֿא צוגעטראַכטן גלייכווערטל. דאָס לעבן האָט זיך אים אויסגעוויזן איינפֿאַך, עס פֿאָדערט נישט פֿון דעם מענטש גאָרנישט, אַ חוץ דעם, וואָס ער באַזיצט שוין. אינדערעמתן איז דאָך קלאָר: אַלע מענטשן שטרעבן צו אייניקם און דעם זעלבן, צו פֿולער רויִקייט; די האָוועניש פֿון טאָג — דאָס איז נאָר אַ קנאַפּ אָנגענעמער אַרייַנפֿיר צו דער שטיל-

קייט פון דער נאַכט, צו יענע שעהן, ווען דו פאַרבלייבסט איינער
אַליין מיט דער פרוי, און דערנאָך, אַן אָנגענעם איינגעמידטער פון
אירע צערטלעניש, שלאָפסטו אָן שום חלומות. אין דעם — איז
דאָס גאַנצע ווירקלעך באַדייטנדיקע און וואָרהאַפטיקע. די מענטשן —
זענען נאַריש שוין דערפאַר, וואָס כמעט אַלע האַלטן זיי זיך, פאַר-
באָרגן אָדער אָפן, אַלס קלוגער פון אים ; זיי טראַכטן אויס זייער
אַ סך איבעריקס ; מעגלעך, אַז זיי טוען דאָס אויס עפּעס אַ פאַר-
בלענדקייט, יעדער וויל זיך אויסצייכענען מער פון די איבעריקע,
מורא האָבנדיק צו פאַרלירן זיך צווישן די מענטשן, מורא האָבנדיק
נישט צו זעען זיך.

אַ נאַר איז איליאַ, וועלכער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין די
ביכער נאָך דעמאָלט, ווען ער האָט זיך געלערנט אין גימנאַזיע,
און אַצינד זיך פאַרדרייט ערגעץ-וואו צווישן די סאָציאַליסטן. אַ סך
עוולות האָט געזען פון אים יאַקאָוו, און אָט איצט, נישט לאַנג,
האָט מען געמוזט שיקן איליען געלט ערגעץ דאָרט קיין סיביר.
אומפאַרטראָגלעך, הגם אויך קאָמיש, נאַריש איז די מוטער; נאָך מער
אומפאַרטראָגלעך און שווער נאַריש איז דער פאַרמרה-שחורהטער
פאָטער, דער אַלטער בער, וואָס קען נישט לעבן מיט קיין מענטשן,
דער שכורער און שמוציקער. קאָמיש איז דער פאַרהאַוועטער לופט-
שפרינגער, דער פעטער אַלעקסיי ; אים ווילט זיך ארייכקריגן אין
דער מלוכה-דומע, צוליב דעם שפּייזט ער זיך גיריק מיט צייטונ-
גען, איז געוואָרן פאַלש ליבלעך מיט אַלעמען אין שטאָט און מאַכט
חנדלעך צו די אַרבעטער פון פאַבריק, ממש ווי אַן אַלטע, אויסגע-
לאַסענע פרוי. באַזונדער אָבער און עפּעס אַזוי דערדריקנד, מורא-
דיק נאַריש איז דער לאַנגנאָזיקער דיאַטעל מיראָן ; האַלטנדיק זיך
פאַר דעם גרעסטן חכם אין רוסלאַנד, זעט ער זיך, הפנים, אין דער
צוקונפט אַלס מיניסטער און פאַרבאָרגט שוין גאָרנישט אפילו אַצינד,
אַז נאָר אים אַליין איז קלאָר, וואָס מען דאַרף טון, וויאַזוי אַלע
מענטשן דאַרפן קלערן. ער באַמיט זיך אויך צוצופּוצן זיך צו די
אַרבעטער, ער אָרדנט איין פאַר זיי פאַרשידענע פאַרווייליונגען,
האָט אָרגאַניזירט פוטבאָליסטן-קלובן, געשאַפן אַ ביבליאָטעק, ער
וויל שפּייזן די וועלף מיט מייערן.

די אַרבעטער וועבן גרויסאַרטיקע לייוונט, אַנטוועגדיק זיך אין לאַכעס, לעבנדיק אין שמוץ, שפּורנדיק; אין דער מאַסע זענען זיי אויך פאַרכשופט פון עפּעס אַ באַזונדערער נאַרישקייט, אַן עזות־דיק אָפּענער, וועלכער ס׳פעלט אפילו יענע אייגנאַכע, ווירטשאַפט־לעכע כיטרעקייט, וואָס איז פאַרהאַן בײַ יעדן פויער. וועגן די אַרבעטער איז יאַקאָוו אַרטאַמאַנאָוון אויסגעקומען צו קלערן מער, ווי וועגן אַלעם איבעריקן, וואָרים ער האָט זיך טאָג־טעגלעך צו־נויפגעשטויסן מיט זיי און שוין לאַנג, נאָך אין די יינגל־יאָרן האָבן זיי אַרויסגערופן בײַ אים אַ געפיל פון פיינדשאַפט, — ער האָט דעמאָלט געהאַט נישט ווייניק שאַרפע צוזאַמענשטויסן מיט די יינגע וועבער איבער מיידלעך און עד היום האָבן אייניקע פון זיי־נע קאָנקורענטן, משמעות, נישט פאַרגעסן די אַלטע עוולות. ווען ער האָט נאָך קיין באָרד נישט געהאַט, האָט מען אים צוויי מאָל באַנאַכט באַוואָרפן מיט שטיינער. דער מוטער איז דעמאָלט נישט איינמאָל אויסגעקומען אָפּצוקויפן זיך מיט געלט פון סקאַנ־דאַלן און ווייבערישע קוויטשן, דערבײַ פלעגט זי קאָמיש איינטענהן מיט אים:

— וואָס ביסטו שוין, ווי אַ האָן? וואָלסט נאָך צוגעוואַרט אַ ביסל, ביזוואַנען וועסט חתונה האָבן, אָדער שאַף דיר שוין בע־סער איינע און — לעב! מען וועט זיך פאַרקלאָגן אויף דיר פאַרן טאַטן, וועט ער דיך, ווי איליען, אַרויסטרייבן...

פאַר די צוויי, דריי מרידה־יאָרן האָט יאַקאָוו נישט באַמערקט קיין באַזונדער געפערלעכס אין דער פאַבריק, נאָר מיראָנס רייד, די אומרויִקע זיפצן פון פעטער אַלעקסייען, די צייטונגען, וועלכע אַרטאַמאַנאָוו דער יינגערער האָט נישט ליב געהאַט צו לייענען, נאָר וועלכע האָבן מיט אַ צודרינגלעכער דינערישקייט און מיט אַ נישט פאַרהוילענער, שאָדנפריידיקער דראָונג דערציילט וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג, געדרוקט די רעדעס פון די אַרבעטער־פאָר־שטייער אין דומע, — דאָס אַלץ האָט איינגעפלאַנצט יאַקאָוון אַ געפיל פון פיינדשאַפט צו די פאַבריק־מענטשן, אַ באַליידיקענד גע־פיל פון אָפּהענגיקייט פון זיי. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט קונציק צו באַהאַלטן דאָסדאָזיקע געפיל אונ־

טער די קלײנטשיקע הנחות פאַר זײערע פאָדערונגען, אונטער שמײכלען און הלצהלעך. אָבער בכלל איז אַלץ געגאַנגען נישט שלעכט, כאָטש טײלמאָל האָט ראַפּטום אַרומגעכאַפּט און געקװײלט עפּעס אַ מין פאַרלעגנהײט, װי פלומרשט ער, יאַקאָװ אַרטאַמאָנאָװ, דער באַלעבאָס, װאָלט געװאױנט צו גאַסט בײַ מענטשן, װעלכע אַרבעטן אױף אים, ער װאױנט שױן לאַנג און האָט זײ דערעסן; זײ, אױמעטיק צושװײַגנדיק, קוקן אױף אים אַזױ, גלײַך זײ װאָלטן געװאָלט זאָגן:

— װאָס־זשע גײסטו נישט אַװעק? שױן צײַט!

אין די מאָמענטן, װען ער האָט דאָס געשפּירט, פלעגט אין אים געבױרן װערן אַ נישט קלאָר פאָרגעפיל, אַז אין דער פאַבריק איז פאַרבאָרגן און אומגעזעען טליעט, רױכערט זיך עפּעס געװאַלטיק געפערלעכס פאַר אים, פאַר אים פּערזענלעך.

יאַקאָװ איז געװען זיכער, אַז דער מענטש איז אײנפאַך, אַז ליבער פון אַלעם איז אים — די אײנפאַכקײט און ער אַלײן, דער מענטש, טראַכט נישט אױס, טראָגט נישט אין זיך קײן שום אומרויקע געדאַנקען. דידאָזיקע טשאַדנדיקע געדאַנקען לעבן ערגעץ מחוץ דעם מענטש און, אָנשטעקנדיק זיך מיט זײ, װערט ער אומרויק, אומפאַרשטענדלעך. גלײַכער נישט װיסן, נישט צעבלאָזן די דאָזיקע טשאַדנהאַפטע מחשבות. אָבער זײענדיק פײַנדלעך געשטימט צו דידאָזיקע מחשבות, האָט יאַקאָװ געפילט זײַן עקזיסטענץ מחוץ זיך און געזען, אַז, נישט אױפפלאַנטערנדיק די פעסטע קניפּן פון דער אַלגעמײנער נאַרישקײט, פאַרפלאָנטערן זײ בלױז יענץ אײנפאַכע, קלאָרע, מיט װאָס ער האָט ליב געהאַט צו לעבן.

קלוגער פאַר אַלע מענטשן, װעלכע ער האָט געקענט, האָט זיך אים אױסגעװיזן דער אַלטער טיכאָן װיאַלאָװ; באַאָבאַכטנדיק זײַן רויקע באַציונג צו מענטשן, זײַן אַרבעטן אױס גענאָד, האָט יאַקאָװ מקנא געװען דעם הױזװעכטער. טיכאָן איז אַפילו געשלאָפן קלוג; צוגעדריקט דאָס אױער צום קישן, צו דער ערד, גלײַך ער װאָלט עפּעס אונטערגעהערט.

ער האָט געפרעגט דעם אַלטן:

— דיר חלומען זיך חלומות?

— נאָכוואָס? איך בין נישט קיין באָבע, — האָט געזאָגט טיכאָן, און אונטער זײַנע ווערטער האָט יאַקאָוו דערפּילט עפּעס געדיכטס, שטאַנדהאַפטיקס, אומוואַקלהאַפט שטאַרקס.

— ווײַבערישע חלומות, — האָט געקלערט ארטאַמאָנאָוו דער ייִנגערער, הערנדיק די וויכּוחים און די רייד אין פּעטער אַלעקסייס הויז, געקלערט און אינערלעך געשמייכלט.

בכלל אָבער האָט ער געטראַכט מיט אָנשטרענגונג און פאַרטראַכטנדיק זיך, האָט ער זיך באַוועגט שווער, גלײַך ער וואָלט געטראָגן אַ גרויסע משא און, אײַנבייגנדיק דעם קאָפּ, געקוקט אונטער די פיס. אַזוי איז ער אויך געגאַנגען אין יענער נאַכט פון פּאָלינען; דעריבער האָט ער טאַקע נישט באַמערקט, פונוואַנען ס׳איז דערשינען פאַר אים אַ נידעריקע, גרויע פיגור, האָט הויך אַ פּאָך געטון מיט דער האַנט, יאַקאָוו האָט זיך שנעל אַראָפּגעלאָזט אויף אַ קני, גלײַך אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער פון פּאַלטןקעשענע, האָט אַ שטאָמפּער געטון אין פוס אַרײַן פון דעם מענטש, וואָס איז אים באַפאַלן, אויסגעשאָסן; דער שאָס איז געווען טויב און שוואַך, נאָר דער מענטש איז אָפּגעשפּרונגען, זיך אַ קלאַפּ געטון מיט דער פּלייצע אָן אַ פּלויט, אַרויסגעמרוקעט און זיך אַראָפּגעגליטשט איבערן פּלויט אויף דער ערד.

ערשט נאָכדעם האָט יאַקאָוו דערפּילט, אַז ער איז איבערגעשראָקן צום טויט, אַזוי איבערגעשראָקן, אַז ער האָט געוואָלט אַ געשריי טון און נישט געקאָנט; די הענט האָבן געציטערט און די פיס האָבן נישט געפאָלגט, ווען ער האט געוואָלט אויפשטיין פון די קניען. צוויי טריט פון אים האָט זיך געבאָברעוועט אויף דער ערד, אויך באַמיענדיק זיך אויפצושטיין, יענער מענטש, אָן אַ היטל מיט אַ געקרייזלטן קאָפּ.

— כ׳וועל דערשיסן, נבלה, — האט הייזעריק געזאגט יאַקאָוו, אויסציִענדיק די האַנט מיטן רעוואָלווער, — דער מענטש האָט אויסגעדרייט צו אים אַ ברייט פּנים און אַרויסגעמורמלט:

— איר האָט שוין דערשאָסן...

דאָ האָט יאַקאָוו אים דערקענט, האָט אויך אַרויסגעמורמלט פאַרגאַפּט:

— נאָסקאָוו? אַך, פּאָדליעץ! דו?

יאַקאָווס שרעק האָט שנעל אָפּגעטרעטן פאַר אַ געפיל, נאָענט צו פרייד, דאָסדאָזיקע געפיל איז אַרויסגערופן געוואָרן נישט בלויז פון באַוואוסטזיין, אַז ער האָט גליקלעך אָפּגעשלאָגן אַן אָנפאַל, נאָר אויך דערפון, וואָס דער אָנפאַלער האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט קיין אַרבעטער פון פאַבריק, ווי יאַקאָוו האָט געמיינט, נאָר אַ פרעמדער מענטש. דאָס איז — נאָסקאָוו, דער יעגער און האַרמאָניסט, וואָס האָט געשפּילט אויף די חתונות, אַן איינזאַמער מענטש; ער האָט געוואוינט אין דער דירה בײַ דער דיאַקאָנעכע פּאַראַקלי־טאָוואַ; וועגן אים האָט ביז דער הײַנטיקער נאַכט קיינער אין שטאָט נישט גערעדט קיין שום שלעכטס.

— פאַרנעמסטו זיך גאָר מיט דעם? — האָט געזאָגט יאַ־קאָוו און איז אויפגעשטאַנען אויף די פיס, זיך אומקוקנדיק; ס׳איז געווען שטיל, נאָר דער ווינט האָט געשאָקלט די צווייגלעך פון די ביימער איבערן פלויט.

— מיט וואָס פאַרנעם איך זיך דען? — האָט פּלוצלינג גע־פרעגט נאָסקאָוו. — איך האָב געוואָלט מאַכן אַ שפּאַס, איבערשרעקן אײַך, מער גאָרנישט! און איר — מיטאַמאָל — באַץ! פאַר דעם — וועט מען קיין ליבע אײַך נישט געבן, געדענקט! איך האָב זיך אַליין איבערגעשראָקן...

— אַך, אַזוי גאָר? — האָט שפּאָטיש, מיט אַ טאָן פון אַ זיגער, געזאָגט אַרטאַמאָנאָוו. — נו, שטיי אויף, קום אין פּאָליציי אַרײַן.

— גיין קאָן איך נישט, איר האָט מיך געמאַכט פאַר אַ קאַליקע.

נאָסקאָוו האָט אויפגעהויבן דאָס היטל און, אַרײַנקוקנדיק דע־רין אינעווייניק, געזאָגט:

— און פאַר פּאָליציי האָב איך נישט קיין מורא.

— נו, דאָרטן — וועלן מיר שוין זען. שטיי אויף!

— איך האָב נישט מורא, — האָט איבערגעחזרט נאָסקאָוו. —

מיט וואָס וועט איר באַווייזן, אַז איך בין אייך באַפאַלן, און נישט איר מיך, אויס שרעק? דאָס איז — אײנס!

— אַזוי. און — צוויי? — האָט געפרעגט יאַקאָוו, אַ שמייכל געבנדיק, נאָר אַ ביסל וואונדערנדיק זיך אויף נאָסקאָווס רויִקייט.

— ס'איז אויך דאָ צוויי. איך בין פאַר אייך אַ נוצלעכער מענטש.

— דאָס איז אַ מעשהלע. דאָס איז פון אַ מעשהלע אַרויס.

און אָנשטעלנדיק דעם רעוואָלווער אין האַרמאָניסטס פנים אַריין, האָט יאַקאָוו מיט אַ ראַפּטעמדיקער רציחה אַ דראַע געטון:

— אָט וועל איך דיר דעם קאָפּ צעשמעטערן!

נאָסקאָוו האָט אויפגעהויבן די אויגן און, אויפסניי אַראָפּלאָזנדיק זיי אין היטל אַריין, געזאָגט מיט אַן עצה־טאָן:

— מאַכט נישט קיין סקאַנדאַל. באַווייזן קאָנט איר גאָרנישט, כאָטש איר זענט רייך. איך זאָג: כ'האָב געוואָלט אַ שפּאַס מאַכן. איך קען אייער פאָטער, כ'האָב אַ סך מאָל פאַר אים אויף דער האַרמאָניע געשפּילט.

ער האָט מיט אַ שאַרפן זשעסט אַרויפגעוואָרפן דאָס היטל אויפן קאָפּ, האָט זיך איינגעבויגן און גענומען אונטערהייבן דעם הויז, מרוטשענדיק דורך די ציין, דערנאָך, אַרויסנעמענדיק פון קעשענע אַ טיכל, אָנגעהויבן אַרומבינדן דעם פוס, וואָס איז פאַרוואונדעט געווען העכער פון דער קני. ער האט די גאַנצע צייט געמורמלט עפּעס נישט דייטלעך, נאָר יאַקאָוו האָט נישט געהערט זיינע ווערטער, אויפסניי אָנווערנדיק דעם קוראַזש מחמת דער אויסטערלישער האַלטונג פון דעם לאָ־יצלהדיקן גזלן.

מיט אַן אומגעוויינלעכער פאַר אים שנעלקייט, האָט יאַקאָוו אָרטאַמאַנאָוו זיך איבערגעלייגט: נאַטירלעך דאַרף מען איבערלאָזן נאָסקאָוון דאָ באַם פּלויט, גיין אין שטאָט אַריין, רופן אַ נאַכטוועכטער, אַז ער זאָל היטן דעם פאַרוואונדעטן, דערנאָך גיין אין פּאָליציי, מעלדן וועגן אָנפאַל. ס'וועט זיך אָנהייבן אַן אויספאָרשונג, נאָסקאָוו וועט דערציילן וועגן דעם פאָטערס הוליאַנקעס בא דער דיאַקאָנעכע. ס'קאָן זיין ער האָט פריינד, אויך אַזוינע קאָפּ־שניידער,

זיי וועלן, מעגלעך, פּרוּוון זיך נוקם זיין. אָבער מען קאָן דאָך פּאַרט נישט איבערלאָזן דעמדאָזיקן פּאַרשוין אָן אַ שטראָף...

די נאַכט איז געוואָרן אַלץ קעלטער; די האַנט, וואָס האָט געהאַלטן דעם רעוואָלווער, האָט געבראָכן פון קעלט; צו דער פּאָליציי-קאָמענדאַנטור — איז ווייט, דאָרטן שלאָפן שוין אוודאי אַלע. יאַקאָוו האָט ביז געסאַפּעט, נישט ווִיסנדיק וויאַזוי צו באַשליסן, באַדויערנדיק, וואָס ער האָט מיטאַמאָל נישט דערשאָסן דעמדאָזיקן ברייטביייניקן בחור, מיט אַזוינע קרומע פיס. גלייך ער וואָלט דאָס גאַנצע לעבן געזעסן רייטנדיק אויף אַ פעסל. און פּלוצלינג גהאָט ער דערהערט ווערטער, וואָס האָבן אים איבערראַשט מיט זייער אומגעריכטקייט.

— איך וועל אייך זאָגן אָפן, כאָטש דאָס איז — אַ סעקרעט, — האָט געזאָגט נאָסקאָוו, נאָך אַלץ פּאַרעגדיק זיך מיט זיין פוס. — איך וואוין דאָ פּאַר אייער טובה וועגן, אַכטונג צו געבן אויף אייערע אַרבעטער. איך האָב, אפשר, אומישנע געזאָגט, אַז איך האָב אייך געוואָלט איבערשרעקן, נאָר אינדערראַמתן האָב איך גאָר באַדאַרפט כאַפּן אַ געוויסן מענטש און איך האָב מיך טועה געווען...

— ט-טייוול, — האָט געזאָגט יאַקאָוו. — וויאַזוי?

— יאָ, אָט אַזוי... איר — ווייסט נישט, נאָר בא דער דיאַקאָנעכע אין באָד קומען זיך צונויף די סאָציאַליסטן און זיי רעדן ווידער וועגן אַ בונט, לייענען ביכלעך...

— זאָגסט ליגנט, — האָט שטיל געזאָגט יאַקאָוו, גלייבנדיק אים. אָבער — ווער? ווער קומט זיך צונויף?

— דאָס קען איך נישט זאָגן. מען וועט זיי אַרעסטירן, וועט איר געוואויר ווערן.

האַלטנדיק זיך אָן די ברעטער פון פּלויט, איז נאָסקאָוו אויפגעשטאַנען און האָט אַ בעט געטון:

— גיט מיר דעם שטעקן, איך וועל אָן דעם נישט דערגיין...

אַראָפּבייגנדיק זיך, האָט יאַקאָוו אויפגעהויבן דעם שטעקן, אים דערלאַנגט און זיך אומגעקוקט, שטיל פרעגנדיק:

— נאָר, אויב אַזוי, וואָס זשע האָסטו, נאָכוואָס זשע האָט איר זיך אַרויפגעוואָרפן אויף מיר?

— איך האָב זיך נישט אַרויפגעוואָרפן. איך האָב אייך נישט דערקענט. איך האָב געדאַרפט נישט אייך, נאָר אַן אַנדערן. איר לאָזט דאָס אַלץ צורו. ס'איז אַ טעות. איר וועט איינגיכן דערזעען, אַז איך זאָג אמת. איר דאַרפט מיר געבן געלט צו היילן דעם פוס. אָט וואָס. . .

און אָנהאַלטנדיק זיך באַם פּלויט, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן שטעקן, האָט נאָסקאָוו אָנגעהויבן לאַנגזאַם איבערצושטעלן די קרו־מע פיס, דערווייטערנדיק זיך פון די גערטנער, אין דער זייט פון די פינצטער־ע זייטיקע הייזלעך; ער איז געגאַנגען און האָט אַזויווי צעטריבן די קאַלטע שאָטנס פון די וואָלקנס, און אָפגייענדיק אַ טריט צען, אַ רוף געטון, נישט הויך:

— יאַקאָוו פּעטראָוויטש!

יאַקאָוו איז צו אים צוגעגאַנגען זייער שנעל, נאָסקאָוו האָט געזאָגט:

— איר זאָלט וועגן דעם צופאַל — קיינעם, קיין וואָרט! אַז נישט. . . איר פאַרשטייט אַליין.

ער האָט אַ פּאָך געטון מיטן שטעקן און זיך געלאָזט גיין ווייטער, איבערלאָזנדיק יאַקאָוון אין פאַרטעמפּטקייט. מען האָט גע־מוזט קלערן מיטאַמאָל וועגן אַ סך זאַכן און מען האָט געדאַרפט תּיכף באַשליסן: צי האָט ער געטון אַזוי, ווי ער האָט געדאַרפט? געוויס, אויב נאָסקאָוו פאַרנעמט זיך מיט נאָכקוקן די סאָציאַליסטן, איז ער אַ נוצלעכער, אפילו אַ נויטווענדיקער מענטש, אָבער — ווי באַלד ער האָט געזאָגט ליגנט, אָפּגענאַרט, כּדי צו געווינען צייט און נאָכדעם נקמה נעמען פאַר זיין דורכפאַל און פאַרן שאָס? ער זאָגט ליגנט, אַז ער האָט זיך טועה געווען און אַז ער האָט גע־וואָלט איבערשרעקן, ער זאָגט ליגנט, דאָס איז קלאָר. און אפשר איז ער גאָר אונטערגעקויפט פון די אַרבעטער, אַז ער זאָל דער־הרגענען? צווישן די וועבער אין פאַבריק איז געווען אַ גרויסע גרופּע שלעגערס, עזות־פּנימער נאָר סאָציאַליסטן איז זיך שווער פאָרצושטעלן צווישן זיי. די צומייגנסטן סאָלידע אַרבעטער, ווי סעדאָוו, קריקו־

נאָוו, מאַסלאָוו און אַנדערע האָבן אַליין אַנומלט געפֿאָדערט, אַז די קאַנטאָ־ זאָל אָפּשאַפֿן איינעם פֿון די גרעסטע לאָבוזעס. ניין, נאָסקאָוו האָט זיכער אָפּגענאַרט. צי דאַרף מען דערציילן וועגן דעם מיראָנען?

יאַקאָוו האָט זיך נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן, וואָס ס׳וועט זיין, אויב ער וועט דערציילן וועגן נאָסקאָוון מיראָנען; נאָר, פֿאַרשטייט זיך, דער קוזין וועט אָנהייבן אויספֿירלעך אים אויספֿרעגן, ווי אַ ריכטער, וועט אים אין עפּעס באַשולדיקן און וועט זיכער, אַזוי צי אַנדערש, אים אויסלאַכן. אויב נאָסקאָוו איז אַ שפּיאָן, איז דאָס, מסתּמא, באַוואוסט מיראָנען. און סוף כּל סוף איז פֿאָרט נישט אינגאַנצן קלאָר — ווער ס׳האָט זיך טועה געווען: נאָסקאָוו אָדער ער, יאַקאָוו? נאָסקאָוו האָט געיאָגט:

— איר וועט אינגיכן דערזעען, אַז איך זאָג דעם אמת.

ער האָט נאָכגעקוקט דעם יעגער, ביזוואַנען יענער איז נישט נעלם געוואָרן אין די נאַכט־שאָטנס. ס׳איז כּלומרשט אַלץ געווען איינפֿאַך און פֿאַרשטענדלעך: נאָסקאָוו איז אָנגעפֿאַלן מיט אַ בפֿירושן ציל צו באַראַבעווען, יאַקאָוו האָט אויסגעשאָסן אין אים, אָבער נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן עפּעס אומרויק פֿאַרפּלאָנטערטס, ענלעך צו אַ שלעכטן חלום. אומגעווייניטלעך גייט נאָסקאָוו לענגויס דעם פּלויט און אומגעווייניטלעך, ווי געדיכטע לאַכעס, קריכן אים נאָך די שאָטנס; יאַקאָוו האָט דאָס ערשטע מאָל געזעען, אַז שאָטנס זאָלן אַזוי שווער זיך שלעפּן נאָך אַ מענטש.

געפּלאָגט פֿון די מחשבֿות, מיד ווערנדיק פֿון זיי, האָט אַרטאַמאַנאָוו דער ייִנגער באַשלאָסן צו שווייגן און וואַרטן. די רעיונות וועגן נאָסקאָוון האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט, ער האָט זיך געכמורעט, זיך געפֿילט קראַנק און מיטאָג־צייט, בעת די אַרבעטער פֿלעגן אַרויסגיין פֿון די קאָרפּוסן, פֿלעגט ער, שטייענדיק אין קאַנטאָר באַם פֿענצטער, זיך צוקוקן צו זיי, באַמיענדיק זיך משער צו זיין: ווער פֿון זיי איז אַ סאָציאַליסט. שוין זשע דער קוכער וואַסקאַ, דער אויסגעשמירטער, דער לאָמער, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט באַם טשעסלאַר סעראַפֿים געשיקט צונויפֿצולייגן קאָמישע לידלעך?

אין עטלעכע טעג אַרום האָט אַרמאַמאַנאָוו דער ייִנגערער, דורכפאָרנדיק דורכן וואַלד, דערזען דאָרטן דעם זשאַנדאַרם נעסטערענקאָ, אין אַ שוועדישער קורטקע, אין לאַנגע שטיוול מיט אַ ביקס אין דער האַנט און אַ פול אָנגעשטאָפּטן מיט פייגל יאַגדטאַש אויף דער זייט. נעסטערענקאָ איז געשטאַנען מיטן פּנים צום וואַלד, מיטן רוקן צום וועג און, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ, אויפהייבנדיק די הענט צום פּנים, פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס; זיין רויטלעכע לעדערנע פּלייצע איז געווען באַלויכטן פון דער זון און די פּלייצע האָט אויסגע-זען אַן אייזערנע. יאַקאָוו האָט גלייך באַשלאָסן, וואָס ער דאַרף טון, ער איז צוגעפאָרן צו אים, אייליק זיך באַגריסט:

— און איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז איר זענט דאָ!

— שוין דעם דריטן טאָג; דעם ווייב מייַעם, באַטיענקאָ, ווערט אַלץ ערגער, יאָ!

דידאָזיקע טרויעריקע ידיעה האָט נעסטערענקאָ מיטגעטייל- זייער לעבהאַפט און באַלד, אַ קלאַפּ געבנדיק מיט דער האַנט אי בערן יאַגדטאַש, צוגעגעבן:

— און איך, זעט איר! נישט שלעכט, האַ?

— איר קענט נאָסקאָוון, דעם יעגער? — האָט יאַקאָוו געפרעגט נישט הויך; דעם אָפיצירס רויטלעכע ברעמען זענען פאַרוואונדערט אַ קריך געטון ארויף, זיינע כינעזישע וואָנסעס האָבן זיך אַ ריר געטון, ער האָט צוגעהאַלטן איין וואָנסע, זיך פאַרזשמורעט, קוקנדיק אין הימל אַריין; דאָס אַלץ האָט אַרויסגעריפן בײַ יאַקאָוון די השערה:

— ער וועט זאָגן ליגנט.

— אָבער — וויאַזוי? נאָסקאָוו? ווער איז דאָס?

— אַ יעגער. אַ געקרייזלטער, אַ קרומפיסיקער...

— יאָ? כ'האָב דאכט זיך געזען אַזוינעם אין וואַלד. אַ פּאַסקודנע ביקס... אָבער — וואָס איז?

אַצינד האָט דער אָפיציר געקוקט אין יאַקאָווס פּנים אַריין מיט אַ שטאָרן, פרעגנדיקן בליק פון די גרויע אויגן מיט אַ מין העלן פונק אין צענטער פון אַפּל; יאַקאָוו האָט אים שנעל דערציילט וועגן נאָסקאָוון. נעסטערענקאָ האָט אים אויסגעהערט, קוקנדיק אויף

דער ערד, אַרײַנשלאָגנדיק אין איר מיט דער קאָלבע פֿון דער ביקס אַ סאָסנאָווע שלאָף־עפּעלע, ער האָט אויסגעהערט און געפֿרעגט, נישט אויפֿהייבנדיק די אויגן:

— פֿאַרוואָס־זשע האָט איר נישט געמאָלדן דער פּאָליצײ?

דאָס איז איר — זאַך, באַטיענקאַ, און דאָס איז אײַער פֿליכט.

— איך זאָג דאָך: ער שפּיאָנירט כּלומרשט די אַרבעטער, און דאָס איז — אײַער זאַך...

— אזוי, — האָט געזאָגט דער זשאַנדאַרם, אויסלעשנדיק דעם פּאַפּיראָס אָן דער קאָלבע פֿון דער ביקס, און, אויפֿסנײַ קוקנדיק מיט פֿאַרמרוזשעטע אויגן גלײַך אין יאַקאָווס פּנים אַרײַן, אָנגעהויבן רעדן עפּעס נישט אינגאַנצן פֿאַרשטענדלעך; ס'איז אויסגעקומען, אַז יאַקאָוו האָט געהאַנדלט נישט געזעצלעך, פֿאַרבאָרגנדיק פֿאַר דער פּאָליצײ אַ פּרוּוו פֿון רויבערײַ, נאָר אַז אַצינד איז שוין וועגן דעם שפּעט צו מעלדן.

— ווען איר וואָלט אים טאַקע דעמאָלט געוועזן אַהינגעשלעפּט אין פּאָליצײ־קאָמענדאַנטור, נו, איז דער ענין קלאָר! הגם אויך נישט אינגאַנצן. אָבער אַצינד ווי אזוי וועט איר דערווײַזן, אַז ער איז אויף אײַך אָנגעפֿאַלן? ער איז פֿאַרוואונדעט? אָהאָ! מען קאָן שיסן אויף אַ מענטש אויס שרעק אויך. צופֿעליק, איבער אומפֿאָרזיכטיקייט...

יאַקאָוו האָט געפֿילט, אַז נעסטערענקאָ כיטרעוועט, פּלאָנטערט עפּעס, ווײַל זאָגאַר אַזויווי אָנשרעקן אָדער אַוועקרוקן אים אָדער זיך אין אַ זײַט פֿון דערדאָזיקער געשיכטע; און ווען דער אָפֿיציר האָט געזאָגט וועגן דער מעגלעכקייט פֿון שיסן אויס שרעק, האָט יאַקאָווס חשד זיך פֿאַרפֿעסטיקט:

— ער זאָגט ליגנט.

— יאָ, באַטיענקאַ, דערפֿאַר, וואָס ער גיט זיך אָן פֿאַר עפּעס אַן אָבסערוואַטאָר, וועט דערדאָזיקער גאָנער, באַטירלעך, כאַפּן אַ פּסק. מיר וועלן אים פֿרעגן, וואָס ער ווייסט.

און אַרויפֿלייגנדיק די האַנט אויף יאַקאָווס אַקסל, האָט דער אָפֿיציר געזאָגט:

— אָט וואָס: איר גיט מיר דאָס ערן־וואָרט, אַז דאָס אַלץ

העט פֿאַרבלײַבן צווישן אונז. דאָס איז — אײן אײַערע אינטערעסן, איר פֿאַרשטייט? אַלזאָ: דאָס ערן־וואָרט?

— געוויס. אדרבא.

— איר וועט נישט זאָגן וועגן דעם נישט דעם פֿאָטער, נישט מיראָן אַלעקסייעוויטשן, — איר האָט ווירקלעך זיי נישט דערציילט וועגן דעם? נו, גוט. מיר וועלן איבערלאָזן דעם ענין זײַן אינעווייניקסטער לאָגיק. און — קיינעם קיין וואָרט! יאָ? דער יעגער האָט זיך אַליין פֿאַרוואונדעט, איר האָט נישט קיין שום שייכות דערצו.

יאַקאָוו האָט געשמייכלט: מיט אים האָט גערעדט אַן אַנדערער מענטש, אַ הייטערער, אַ גוטמוטיקער.

— צום ווידערזעען, — האָט ער געזאָגט. — געדענקט: דאָס ערן־וואָרט.

אַרטאַמאָנאַוו דער ייִנגערער האָט זיך אומגעקערט אַהיים אַ ביסל אַ באַרויקטער; אינאָוונט האָט דער פֿעטער אים פֿאָרגעלייגט צו פֿאָרן אין דער גובערניע, ער איז מיט פֿאַרגעניגן אַוועקגעפֿאָרן, אָבער אין אַכט טעג אַרום, ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים און געזעסן באַם מיטאָג באַם פֿעטער, האָט ער מיט אַ נײַער אומרויִקייט געהערט מיראָנען דערציילן:

— נעסטערענקאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט פֿאַר אַזאַ פּוסט־און־פּאַסניק, ווי איך האָב געמיינט. ער האָט אין שטאָט אויך געכאַפּט דריי: דעם לערער מאָדעסטאָוון און נאָך עפּעס אַנדערע.

— און באַ אונדז? — האָט געפֿרעגט יאַקאָוו.

— באַ אונדז: סעדאָוון, קריקונאָוון, אַבראַמאָוון און פֿינף ייִנגערע. כאָטש אַרעסטירן זענען געקומען צו פֿאָרן זשאַנדאַרמען פֿון גובערניע, אָבער, פֿאַרשטייט זיך, דאָס איז נעסטערענקאָס אַרבעט, און, אויף אַזאַ אופֿן, קרעכקט זײַן ווײַב מיט אַ בפֿירושן נוצן פֿאַר אונדז. יאָ, ער איז נישט קיין שוטה. ער האָט מורא, מען זאָל אים נישט אַוועקלייגן...

— אַצינד — האָט מען אויפֿגעהערט צו דערהרגענען, — האָט באַמערקט אַלעקסיי.

— נ־נו, — האָט געזאָגט מיראָן. — יאָ. אין שטאָט איז נאָך אַרעסטירט געוואָרן דערדאָזיקער, דער יעגער...

— נאָסקאָוו ? — האָט שטיל, דערשראָקן געפרעגט יאַקאָוו.

— איך ווייס נישט. ער האָט געוואוינט באַ דער דיאַקאָנעכע, באַ איר טאַקע אין באָד האָבן איינגעאָרדנט זייערע קאָנגרעסן דידאָזיקע רעוואָלוציאָנערן. און באַ איר אין הויז — און מיט איר, האָט זיך פאַרוויילט דיין פאָטער, ווי דיר איז באַוואוסט. דער צונויפפאַל איז — אַ פאַסקודנער...

— מילא, פאַרפאַלן, — האָט געזאָגט אַלעקסיי, אַ שאָקל געבנדיק מיטן פליכיקן קאָפּ. — וואָס קאָן מען מאַכן מיט אים ?

יאַקאָוון איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן און ער האָט שוין נישט געקאָנט הערן, וועגן וואָס ס'רעדן דער פעטער מיטן קוזין. ער האָט געקלערט : נאָסקאָוו איז אַרעסטירט ; קלאָר, אַז ער איז אויך אַ סאָציאַליסט, און נישט קיין רויבער און אַז דאָס האָבן די אַרבעטער אים געהייסן דערהרגענען אָדער אָנהרגענען דעם באַלעבאָס ; די אַרבעטער, וועלכע ער, יאַקאָוו, האָט געהאַלטן פאַר די סאָלידסטע און רויקסטע! סעדאָוו, דער שטענדיק ריין אָנגעטוענער, און שוין נישט ייִנגער ; דער העפלעכער, פריילעכער שלאָסער קריקונאָוו ; דער אָנגענעמער אַבראַמאָוו, דער זינגער און צו אַלעם מסוגלער אַרבעטער. צי האָט מען געקאָנט קלערן, אַז דידאָזיקע מענטשן זענען אויך זיינע שונאים ?

אים האָט זיך אויך געדאַכט, אַז אין דידאָזיקע טעג איז אין פאָטערס הויז געוואָרן נאָך מער געשריי און גערודער. דער גאָלדצייניקער דאָקטאָר יאַקאָוליעוו, וועלכער האָט קיינמאָל, וועגן קיינעם און וועגן גאָרנישט, נישט גערעדט קיין גוטס, נאָר אויף אַלעם געקוקט פונווייטנס, מיט פרעמדע אויגן, אָפּלאַכנדיק, האָט זיך אָנגעהויבן נאָך מער צו וואַרפן אין די אויגן אַריין און עפּעס אַזויווי דראָענדיק געשורשעט מיט די צייטונגען :

— יאָ, — האָט ער געזאָגט, בליצנדיק מיט די ציין, — מיר רירן זיך, מיר כאַפּן זיך אויף ! די מענטשן ווערן ענלעך צו אַ פוילער דינסט, וועלכע האָט ראַפּטום זיך דערוואוסט וועגן דעם אומגעריכטן צוריקקומען פון באַלעבאָס און מורא האָבנדיק אָפּגע-

שאַפט צו ווערן, קערט זי, רייניקט זי געשווינד, אונטערגעטריבן פון פחד, וויל ברענגען אין אָרדנונג דאָס פאַרוואָרלאָזטע הויז.

— איר רעדט צווייַדייטיק, דאָקטאָר, — האָט באַמערקט מיראָן, פאַרקרומענדיק זיך. — דערדאָזיקער אַנאַרכיזם אייערער, דער סקעפּטיציזם...

נאָר דער דאָקטאָר האָט גערעדט אַלץ העכער, זיינע רייד זענען געוואָרן לענגער, זיינע ווערטער האָבן אַריינגעבראַנגט אין יאַקאָוון אַן אומרויִקייט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע האָבן פאַר עפּעס מורא, דראָען איינער דעם אַנדערן מיט אומגליקן, צעבלאָזן קענטלעך זייערע שרעקן, מען האָט זאָגאַר געקאָנט קלערן אַזוי, אַז די מענטשן האָבן מורא גראָד פאַר דעם, וואָס זיי אַליין טאַקע טוען, פאַר זייערע געדאַנקען און ווערטער. אין דעם האָט יאַקאָוו געזען דאָס אָנוואַקסן פון אַלגעמיינער נאַרישקייט, ער אַליין אָבער האָט געלעבט מיט אַ נישט אויסגעטראַכטער, נאָר מיט אַ פולשטענדיק רעאַלער שרעק, פילנדיק מיטן גאַנצן לייב, אַז אויף זיין האַלז איז אַרויפגעוואָרפן אַ שטריק, אַן אומגעזעענער, נאָר וואָס פאַרציט זיך אַלץ מער און שלעפּט אים אַקעגן אַ גרויס, אומפאַרמיידלעך אומגליק.

זיין שרעק איז אויסגעוואַקסן נאָך מער, אין אַ חדשים צוויי אַרום, ווען אין שטאָט האָט זיך אויפסניי באַוויזן נאָסקאָוו, און אין דער פאַבריק — אַבראַמאָוו, אַ גלאַטיק אָפּגעראַזירטער, אַ געלער און דאַרער.

— איר וועט מיך צונעמען, אַזאַ אַלטן מאַן? — האָט ער געפרעגט, שמייכלענדיק, — יאַקאָוו האָט נישט געהאַט די העזה אים אָפּצוזאָגן.

— וואָס, שווער אין תפיסה? — האָט ער געפרעגט, — אַבראַמאָוו האָט געענטפערט, אַלץ מיט דעם אייגענעם שמייכל:

— שטאַרק ענג! ווען דער טיפוס זאָל נישט אַרויסהעלפן דער מאַכט, ווייס איך נישט, וואו זי וואָלט אַהינגעטון דעם עולם!

— יאָ, — האָט אַ קלער געטון יאַקאָוו, אַרויסבאַגלייטנדיק

דעם וועבער, — דו שמייכלסט, אָבער איך ווייס, וואָס דו טראַכסט...

אין דעם זעלבן אָוונט האָט מיראָן אים געמאַכט אַ באַליי־דיקנדע סצענע איבער אַבראַמאָוון, ער האָט כמעט אָנגעשריגן אויף אים, אפילו א טופּע געטון מיטן פוס, ווי אויף אַ לאָקיי:

— דו ביסט משוגע געוואָרן? — האָט ער געשריגן און זיין נאָז איז רויט געוואָרן פון כעס. — מאָרגן זאָלסטו אים אָפּ־שאַפן...

און אין עטלעכע טעג אַרום, בעת ער האָט אינדערפרי זיך געבאָדן אין דער אָקע, האָבן אים דאָרטן געטראָפן דער פּאָרוטשיק מאַוורין און נעסטערענקאָ; זיי זענען צוגעפאָרן אין אַ לאָדקע, פאַר־לייגט מיט וועדקעס, דער קאַלטבלוטיקער פּאָרוטשיק מאַווריץ האָט זיך באַגריסט מיט יאַקאָוון מיט אַ נאַכלעסיקן שאָקל מיטן קאָפּ, שווייגנדיק, און איז באַלד אָפּגעפאָרן אינמיטן טייך אַריין, און נעסטערענקאָ, אויסטועענדיק זיך, האָט שטיל גע־זאָגט:

— איר האָט בחינם נישט צוגענומען אַבראַמאָוון, כ׳באַדויער זייער, וואָס כ׳האָב זיך נישט געקאָנט מיט אייך פריער פאַרשטענ־דיקן.

— דאָס האָט — מיראָן, — האָט אַ מורמל געטון אַרטאַמאָ־נאָוו דער יינגערער, פילנדיק, אַז דעם אָפיצירס וווערטער שמעקן שטאַרק מיט בראָנפן.

— יאָ? — האָט געפרעגט נעסטערענקאָ. — דאָס איז נישט אָפּהענגיק געווען פון אייך?

— ניין.

— אַ שאָד. דער בחור וואָלט נוצלעך געווען. אַ לעקעכל צום אַריינבאַרן. ער וואָלט צוגעצויגן.

און קוקנדיק אויף יאַקאָוון מיט אויגן פון אַ מיטבאַטייליקטן, אַ נאַקעטער, אַ גאָלדיקער אויף דער זון, גלאַנצנדיק מיטן לייב, ווי אַ קאַרפּ מיט די שיפּן, האָט דער אָפיציר ווידער אַ פרעג גע־טון:

— און דעם גוטן־ברודער אייערן — האָט איר געזעען? דעם יעגער?

נעסטערענקאָ האָט זיך צעלאַכט מיט אַ שטיל געלעכטער פון זעלבסטצופרידענעם מענטש.

— ווייסט איר, וואָס אים האָט באַוואויגן צו מאַכן אַ יאַגד אויף אייך? אַ ביקס האָט ער געוואָלט קויפן, אַ צווייערעריקע. אַלץ — די ליידנשאַפטן, באַטיענקאָ, די ליידנשאַפטן פירן אָן מיט די מענטשן. יאָ! ער, דער יעגער, וועט אַצינד זייער נוצלעך זיין, ווען איך האַלט אים פעסט באַם גאַרגל, אַ דאַנק זיין טעות מיט אייך...

— וואָס זשע פאַר אַ טעות, ווי באַלד איר זאָגט...

— אַ טעות, מיין הער, אַ טעות! — האָט האַרטנעקיק איבערגעחזרט דער אָפיציר און, צעשפריצנדיק דאָס וואַסער. צלמענדיק די נאַקעטע ברוסט, איז ער אַריינגעגאַנגען אין טייך, שפריינדיק ווי אַ פערד.

— כאַפט אייך אַלע דער טייוול, האָט אַפּאַטיש אַ קלער געטון יאַקאָוו.

פּלוצלינג, — גלייך מען האָט פאַרמאַכט די טיר פון אַ צימער, וואו ס'איז געווען אַ גערויש, — איז געקומען דער טויט.

אינמיטן דער נאַכט האָט יאַקאָוון אויפגעוועקט די מוטער, כליפּענדיק:

— שטיי אויף שנעלער, טיכאָן איז געקומען צולויפן אויף אַ פערד, דער פעטער אַלעקסיי איז געשטאָרבן!

יאַקאָוו איז אויפגעשפּרונגען, האָט גענומען מורמלען:

— וואָס־זשע איז דאָס! ער איז דאָך אפילו נישט שלאָף געווען...

וואַקלענדיק זיך, שווער עטעמענדיק, איז אין דער טיר אַריינגעקראָכן דער פאָטער.

— טיכאָן, — האָט ער געוואָרטשעט. — וואו טיכאָן, דאָרט וועט שוין קיין גוטס נישט זיין! אָט, יאַקאָוו, האַ? פּלוצלינג...

אַ באָרוועסער, אינם שלאַפּראָק, אַרויסגעוואָרפן אויף דער נאַכט־וועש, האָט ער זיך געציפּט באַם אויער, זיך אומגעקוקט, גלייך

ער וואָלט אַרײַנגעפאַלן אין אַן אומבאַקאַנט אָרט, און ער האָט געאָכצט:

— אוף...

— וואָס זשע איז דאָס? — האָט געגאַפּט יאַקאָוו.

— אַן ווידוי, — האָט געזאָגט די מוטער, אַן ענלעכע צו אַ גרויסן זאַק מעל.

מען איז אַוועקגעפאָרן אויף אַ בריטשקע; יאַקאָוו איז געזעסן אַלס קוטשער, קוקנדיק, ווי פּאָרויס שפּרינגט אונטער אויפן פערד טיכאָן, און אין דער זײַט פון אים איבערן וועג שפּרייט זיך, טאַנצט דער שאָטן, אַזוי ווי באַמיענדיק זיך אײַנצוגראָבן אין דער ערד.

אָלגאַ האָט זיי באַגעגנט אויפן הויף, זי איז געגאַנגען פון שייער צו די טויערן הין און צוריק, אין אַ ווײַסער האַלקע, אין אַ נאַכט־יאַקע, בײַ דער שײַן פון דער לבנה האָט זי אויסגעזען בלויִלעך, דורכזיכטיק און ס׳איז אויסטערליש געווען צו זען, אַז פון איר פיגור פאַלט אויף די פליכיקע קיזלשטיינער אַ געדיכ־טער שאָטן.

— אַט האָט זיך געענדיקט מײַן לעבן, — האָט זי שטילער־הייט געזאָגט. דער שוואַרצער הונט קוטשום איז נישט אָפּטרעטנדיק איר נאָכגעגאַנגען.

אויף דער באַנק, אונטערן פענצטער פון קיך, איז געזעסן אײַנגעבויגן מיראָן; אין איין האַנט זײַנער האָט זיך געדרייכערט אַ פּאַפּיראָס, מיט דער אַנדערער האָט ער געשאָקלט זײַנע ברילן, ס׳האָבן געבלישטשעט די גלעזלעך, דינע, גאָלדענע פעדעמלעך האָבן געפינקלט אין דער לופט; אָן די ברילן האָט מיראָנס נאָז אויסגע־זעען נאָך גרעסער. יאַקאָוו האָט שווייגנד זיך אַנידערגעזעצט לעבן אים, און דער פאָטער, שטייענדיק אינמיטן הויף, האָט געקוקט אין אָפענעם פענצטער אַרײַן, ווי אַ בעטלער, וואַרטנדיק אויף אַ נדבה. אָלגאַ האָט מיט אַ דערהויבענער שטימע דערציילט נאָטאַליען, קוקנ־דיק אין הימל אַרײַן:

— כ׳האָב נישט באַמערקט, ווען... פּלוצלינג איז די פּליי־צע בײַ אים געוואָרן טויט־קאַלט, דאָס מויל האָט זיך אויפגעעפנט.

ער האָט נעבעך נישט באַוויזן, דער טייערער, מיר צו זאָגן דאָס לעצ־טע וואָרט זיינס. נעכטן האָט ער זיך געקלאָגט: דאָס האַרץ שטעכט.

דערציילט האָט אַלגאַ שטיל און פון אירע ווערטער זענען אויך אַזויווי געפאַלן שאָטנס.

מיראַן האָט, אַוועקוואַרפנדיק דעם פאַפּיראָס, אַ באַדזשע געטאָן יאַקאָוון מיטן קאָפּ אין אַקסל און שטילערהייט אַרויסגעוואָרפן:

— די־דו ווייסט נישט סאַראַ וואוילער ער איז...

— וואָס־זשע קאָן מען טון? — האָט געענטפערט יאַקאָוו, נישט געפינענדיק קיין אַנדערע ווערטער. מען וואָלט באַדאַרפט זאָגן עפּעס דער מומע אויך, אָבער — וואָס וועסטו זאָגן? ער איז פאַרשוויגן געוואָרן, אַראָפּקוקנדיק אויף דער ערד, שאַרענדיק איבער איר מיטן פוס.

דער פאָטער איז, אַ קראַקע טועדיק, אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַריין, נאָך אים איז אויף די שפּיצן פינגער אויך אַריינגעגאַנגען יאַקאָוו. דער פעטער איז געלעגן, פאַרדעקט מיט אַ ליילעך, אויף זיין קאָפּ האָט אַרויסגעשטעקט מיט הערנער דער קניפּ פון אַ טיכל, מיט וועלכן ס'איז אַרומגעבונדן געווען די גאָמבע, די גראָבע פינגער פון די פיס האָבן אַזוי שטייף אָנגעצויגן דאָס ליילעך, גלייך זיי וואָלטן געפּרוווט עס דורכצורייסן. די לבנה, וואָס איז צעגאַנגען פון איין זייט, האָט ליכטיק אַריינגעקוקט אין פענצטער, ס'האָט זיך באַוועגט דער מושלין פון דעם פאַרהענגל; אויפן הויף האָט זיך צעוואָיעט קוטשום, און אַזוויוי אים ענטפערנדיק, האָט אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער געזאָגט איבעריק הויך, האַסטיק זיך צלמענדיק.

— ער האָט געלעבט גרינג און געשטאָרבן גרינג...

דורכן פענצטער האָט יאַקאָוו געזען, אַז אַצינד גייט אַרום איבערן הויף צוזאַמען מיט דער מומען ווירעאַ פּאַפּאָוואַ, איינגאַנצן אין שוואַרצן, ווי אַ מאָנאַכין, און אַלגאַ דערציילט אויפסניי מיט אַ דערהויבן קול:

— געשטאָרבן אין שלאָף...

— מאַך זיך נישט נאַריש! — האָט שטיל אַ געשריי געטאָן

וויאלאָוו; ער האָט, אָפּווישנדיק דאָס פערד מיט קלימפּלעך היי, געדרייט מיטן קאָפּ, נישט לאָזנדיק דאָס פערד אָנכאַפּן מיט די ציין זיין אויער; אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער האָט אויך אַ קוק געטון דורכן פענצטער, אַרויסגעוואָרטשעט:

— ער יעלהוועט, דער שוטה; פאַרשטייט נישט גאָרנישט...

— מען דאַרף גאָרנישט רעדן, — האָט אַ קלער געטון יאַקאָוו, אַרויסגייענדיק אויפן גאַניק, און גענומען קוקן, ווי די שאָטנס פון דער שוואַרצער און דער ווייסער פרוי ווישן אָפּ דעם שטויב פון די שטיינער; די שטיינער ווערן אַלץ ליכטיקער. די מוטער האָט זיך געסודעט מיט טיכאָנען. ער האָט איינשטימיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, דאָס פערד האָט אויך איינגעשטימט: אין אויג זיינעם האָט געלויכטן אַ קופּערנער פלעק. דער פאָטער איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, די מוטער האָט אים געזאָגט:

— ניקיטאַ איליטשן וואָלט מען באַדאַרפט אַ דעפּעשע שיקן, טיכאָן ווייסט, וואו ער איז.

— טיכאָן — ווייסט! — האָט בייז איבערגעחזרט דער פאָטער. — שיק, מיראָן...

מיראָן איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך געלאָזט גיין, זיך פאַרטשעפּעט מיטן אַקסל אָן ביישטידל פון דער טיר און אַ גלעט געטון דאָס ביישטידל מיט דער האַנט.

— איליען שיק אויך, — האָט אים נאָכגעזאָגט אין דער טיר אַריין אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער; פון דעם פינצטערן לאָך, דעם אויסגעשניטענעם אין דער וואַנט, האָט מיראָן געענטפערט:

— איליאַ קאָן נישט קומען צו פאָרן.

— איך האָב דאָך מיט אים דרייסיק יאָר אָפּגעלעבט, — האָט דערציילט אָלגאַ און גלייך זי וואָלט זיך אַליין געוואונדערט פון דעם, וואָס זי רעדט. — און נאָך פאַר דער חתונה האָבן מיר פיר יאָר געלעבט אין גוטפריינדשאַפט. ווי אַזוי זשע וועל איך אַצינד לעבן?

דער פאָטער איז צוגעגאַנגען צו יאַקאָוון.

— איליאַ — וואו איז?

— איך ווייס נישט.

— זאָגסט ליגנט?

— ס'איז איצט נישט קיין צייט צו רעדן וועגן איליען, טאַטעשי.

אין הויף איז אייליק אַריינגעקומען דער דאָקטאָר יאַקאָוולעוו, האָט געפרעגט:

— אין שלאָפצימער?

— אַ שוטה, — האָט אַ קלער געטון יאַקאָוו. — וועסט דאָך נישט מחיה־מתים זיין.

אים האָט געפּלאָגט די אוממעגלעכקייט דורכצופלאָזן פּאַרביי זיך דידאָזיקע שעהן פון עצבות. אַלץ אַרום איז געווען דריקנדיק, נישט בייטיק: די מענטשן, זייערע ווערטער, דאָס רויטע פערד, וואָס האָט געגלאַנצט אין לבנה־שיין, ווי בראָנז, און דערדאָזיקער שוואַרצער, שווייגנד טרויעריגדיקער הונט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די מומע אָלגאַ רימט זיך מיט דעם, ווי גוט זי האָט געלעבט מיטן מאַן; די מוטער האָט אין ווינקל פון הויף געכליפּעט עפּעס אַזוי צעפלאָסן, פאַלש, באַם פאָטער זענען פאַרשטאַרט געוואָרן די אויגן, פאַרהילצערט געוואָרן דאָס פנים און אַלץ איז געווען ערגער, דריקנדער, ווי ס'האָט געדאַרפט זיין.

אין טאָג, ווען מען האָט אַוועקגעפירט דעם פעטער אַלעקסיי אויפן בית-עלמין, ווען מען האָט שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט דעם ארון אין קבר אַריין און מען האָט געוואָרפן אויף אים גאָרשטשנוויַז געל זאַמד, איז אָנגעקומען דער פעטער ניקיטאַ.

— אָט איז נאָך צוגעקומען, — האָט אַ קלער געטון יאַקאָוו, באַטראַכטנדיק דעם מאָנאַכס קאָנטיקע פיגור, וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ שטאַם פון אַ בעריאָזע, וועלכע ער אַליין טאַקע האָט פאַרזעצט.

— דו האָסט פּאַרשפּעטיקט, — האָט אים געזאָגט דער פאָטער, צוגייענדיק צום ברודער, אויסווישנדיק די טרערן פון די אויגן; דער מאָנאַך האָט איינגעצויגן, ווי אַ טשערעפּאַכע, דעם קאָפּ זיינעם אין האַרב אַריין. אויסגעזען האָט ער ווי אַ בעטלער; די סוטאַנע איז אָפּגעבלאַקירט געוואָרן פון דער זון, דאָס מיצל האָט

באַקומען אַ קאָליר פון אַן אַלטן, בלעכענעם עמער, די שטיוול זענען געווען אויסגעטרעטן. זיין פאַרשטויבט פּנים איז געווען אויפגעלאָפן, ער האָט געקוקט מיט טריבע אויגן אויף די רוקנס פון די מענטשן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם קבר, און עפּעס גערעדט צום פאָטער, מיט אַ שטילער שטימע, ס'האָט געציטערט דאָס שאַטינע בערדל. יאַקאָוו האָט פון אונטערן שטערן אָפּער זיך אַרומגעקוקט, — דעם מאָנאַך האָבן נייגיריק אַרומגעטאַפּט צענדליקער אויגן, די מענטשן קוקן אויף דעם קריפּלהאַפטן ברודער און פּעטער פון די רייכע לייט און וואַרטן אוודאי, צי ס'וועט נישט געשען עפּעס סקאַנדאַליעזס. יאַקאָוו האָט געוואוסט, אַז די שטאָט איז איבערצייגט: די אַרטאַמאָנאָווס האָבן באַהאַלטן דעם הויקערדיקן אין מאָנאַסטיר אַריין צוליב דעם, כּדי צו באַנוצן זיך מיט זיין חלק ירושה נאָכן פאָטער.

דער דיקער, גוטמוטיקער גלח, דער פאָטער ניקאָלאַי, האָט מיט אַ טענאָר־שטימע איינגערעדט אָלגען:

— לאָמיר נישט דערצערנען מיט קרעכצן און געוויין דעם רבונו של עולם, וואָרים ס'איז זיין רצון...

און אָלגאַ האָט געענטפערט מיט אַ דערהויבענער שטימע:

— ס'טייטש איך וויין דאָך נישט, איך באַקלאָג זיך גאָר נישט!

די הענט האָבן באַ איר געציטערט, זי האָט מאָדנע מיט פּיבערהאַפטע זשעסטן אַרומגעטאַפּט איר ספּאָדניצע, געוואָלט באַהאַלטן אין קעשענע אַריין דאָס פון טרערן נאַסע צונויפגעקנוילטע טיכל.

טיכאָן ווילאַזאָוו האָט בריהשדיק פאַרשאָטן דאָס קבר, צוהעלפנדיק דעם בית־הקברות־וועכטער, באַם קבר איז ווי אַ סלופּ אויסגעצויגן געשטאַנען מיראָן, און דער האָרבאַטע מאָנאַך האָט שטיל, רחמנותדיק געזאָגט באַטאַליען:

— אוי, וואָס פון דיר איז געוואָרן, — נישט צו דערקענען!

און אַ שטאָמפּער טוענדיק מיטן פינגער אין זיין פאָדערשטן הויקער, האָט ער צוגעגעבן, נישט אויפן אָרט, אומגייטיק:

— מיך איז נישט מעגלעך נישט צו דערקענען. דערדאָלי־קער איז — דיינער, יאַקאָוו? און יענער, דער הויכער, איז אַליאָ־שעס, מיראָן? אַזוי, אַזוי? נו, לאָמיר גיין, לאָמיר גיין...

יאַקאָוו איז געבליבן אויפן בית־עלמין. מיט אַ מינוט פריער האָט ער דערזעען צווישן עולם אַרבעטער גאָסקאָוון, דער יעגער איז דורכגעגאַנגען פאַרביי אים צוזאַמען מיטן לאָמען קוכער וואַס־קאַ און, דורכגייענדיק, האָט ער אַ קוק געטון אין יאַקאָווס פּנים אַריין מיט אַ נישט גוטן, פרעגנדיקן בליק. וועגן וואָס טראַכט דערדאָזיקער מענטש? נאַטירלעך, קאָן ער נישט טראַכטן אומשול־דיק וועגן אַ מענטש, וועלכער האָט געשאָסן אויף אים, געקאָנט דערהרגענען.

ס'איז צוגעקומען טיכאָן, אַראָפּשאָקלענדיק מיט דער דלאָניע דאָס זאַמד פון קאַפּטן, און געזאָגט:

— אָט, וויפיל אַלעקסיי איליטש האָט זיך נישט געסטאַרעט, און פונדעסטוועגן... און ניקיטאַ איליטש איז שוואַך...

— דאָ איז פאַרהאַן, — האָט פלוצלינג געזאָגט יאַקאָוו און איבערגעריסן זיינע רייד.

— וואָס?

— די אַרבעטער באַדויערן דעם פעטער.

— נאָר — ווי דען?

— דאָ איז פאַרהאַן איינער, — גאָסקאָוו, אַ יעגער, — האָט ווידער אָנגעהויבן יאַקאָוו. איך וואָלט דיר עפּעס געזאָגט וועגן אים...

— אַ פערד פאַלט, איז אויך — אַ שאָד, — האָט אין פאַר־טראַכטקייט געזאָגט טיכאָן. אַלעקסיי איליטש האָט געלעבט אין געלויף, איז ער טאַקע פון צעלאָפּנקייט געשטאָרבן. ווי ער וואָלט זיך צעקלאַפּט אָן עפּעס. און ערשט אַ טאָג פאַרן טויט האָט ער מיר געזאָגט...

יאַקאָוו איז אַנטשוויגן געוואָרן, פאַרשטייענדיק, אַז זיינע רייד וועלן נישט דערגיין צו טיכאָנען. ער האָט באַשלאָסן צו זאָגן טיכאָ־נען וועגן גאָסקאָוון דערפאַר, וואָס ער האָט געמוזט ווערן ס'איז זאָגן וועגן דאָזיקן מענטש; דער געדאַנק וועגן אים האָט יאַקאָוון

געפלאָגט מער, ווי אַלץ, וואָס איז איצט פאָרגעקומען. נעכטן איז צו אים אין שטאָט פון עפּעס אַ ווינקל אַפּער צוגעקומען דערדאָזיקער קרומפיסיקער מיטן טעמפּן זעלנערישן פּנים, האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און, אַריינקוקנדיק דערין אינעווייניק, אין דער פּאָטשעווקע, געזאָגט:

— מיר קומט אַ חוב פון אייך, איר האָט צוגעזאָגט צו געבן אויף היילן דעם פוס. אַ חוץ דעם איז בײַ אייך דער פעטער אויך געשטאָרבן, מילא וועט עס זיין — ווי אויף הזכרת־נשמה. און איך האָב אצינד אַ געלעגנהייט — כ׳קאָן קויפן אַ מערקווירדיקע האַרמאָניע צום פאַרוויילן אייער טאַטעשי...

יאַקאָוו האָט צעחושט געקוקט אויף אים און געשוויגן. דאַן האָט נאָסקאָוו באַלערנד און האַרטנעקיק צוגעגעבן:

— און איך דין דאָך אויך פאַר אייער טובה, קייגן די שונאים פון רוסלאַנד...

— וויפיל? — האָט געפרעגט יאַקאָוו.

נאָסקאָוו האָט נישט מיטאַמאָל געענטפערט:

— פינף און דרייסיק רובל.

יאַקאָוו האָט אים געגעבן דאָס געלט און איז שנעל אַוועקגעגאַנגען אַן אויפגעבראַכטער, אַ דערשראָקענער. — ער האַלט מיך פאַר אַ שוטה, ער מיינט, אַז איך האָב מורא פאַר אים, דער מנוול! ניין, וואַרט נאָר צו...

און אַצינד, גייענדיק פּאַמעלעך אַהיים, האָט יאַקאָוו געטראַכט בלויז וועגן דעם, וויאַזוי זיך צו באַפרייען פון דעמדאָזיקן מענטש, וועלכער וויל אָן שום ספק אים אַרונטערפירן, ווי אַן אָקס, אונטער דער האַק.

אָן אַ סוף האָבן זיך געצויגן די טומלדיקע שעהן פון דער הזכרה־מאָלצייט. די מענטשן האָבן זיך געוויילט, צווינגענדיק דעם דיאַקאָן קאַרצעוו און די משוררים אָפּצוריכטן דעם נפטר אַ הספד. זשיטיעיקין האָט זיך אָנגעשכורט אַזוי שטאַרק, אַז פּאַכענדיק מיטן גאָפּל, האָט ער אויפגעזונגען נישט אָנשטענדיק און גרויזאַם:

— ס׳דערמאַנען די קעמפער פאַרגאַנגענע טעג
און שלאַכטן, וואו זיי האָבן איבייגעם געקעמפט...

סטעפּאַן באַרסקי, ווען מען האָט זיין ווייכן קערפּער, ווי אַ פּוכן קישן, אַריינגעפּאַקט אין דער קאָטש, האָט הויך אַ לויב געטון:

— נו, פּיאָטר איליטש, דו האָסט אינדערראַמתן ליב געהאַט דעם ברודער! אַזאַ הזכרה־מאָלצייט וועט מען לאַנג נישט פאַרגעסן!

יאַקאָוו האָט געהערט, ווי דער פאָטער, אַ שטאַרק אָנגעטרונקענער, האָט געענטפערט מרה־שחורהדיק און שפּאָטיש:

— דו וועסט אינגיכן אַלץ פאַרגעסן, וועסט פּלאַצן אינגיכן.

זשיטיעיקינען, באַרסקין, וואָראָפּאָנאָוון און נאָך עטלעכע פון די חשובע שטאָטלייט האָט דער פאָטער איינגעלאַדן אַליין, קייגן מיראָנס ווילן, און מיראָן איז בפירוש אויפגעבראַכט געווען דערפון; זיצנדיק באַם מאָלצייט־טיש נישט מער ווי אַ האַלבע שעה, איז ער אויפגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען, שפּרייזנדיק ווי אַ זשוראַוו. נאָך אים איז אומבאַמערקט פאַרשוואונדן די מומע אָלגאַ, דערנאָך איז אויך נעלם געוואָרן דער מאָנאַך, וועלכן ס'זעגען, הפּנים, דערעסן געוואָרן די אויספרעגענישן פון די האַלב־שכורע מענטשן וועגן מאָנאַסטירישן לעבן. און דער פאָטער האָט זיך געפירט אַזוי, גלייך ער וואָלט געוואָלט באַליידיקן אַלע מענטשן און די גאַנצע צייט, ביזן סוף מאָלצייט, האָט יאַקאָוו זיך געריכט, אַז ס'וועט אַרויספּלאַקערן אַ מחלוקה צווישן פאָטער און די שטאָטלייט.

די מוטער, אַ באַליידיקטע פון דעם, וואָס אויף דער מומע אָלגאַ האָט אַכטונג געגעבן די פּאָפּאָווע, האָט זיך אָנגעבלאָזן און — איז אַוועקגעפאָרן אַהיים, נאָר דעם פאָטער איז איבער עפּעס איינגעפאַלן צו בלייבן נעכטיקן אין פעטער אַלעקסייס קאַבינעט. דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעוויזן יאַקאָוון קאַפּריזיש, איבעריק און האָט אים נאָך מער צערודערט. אָפּליגנדיק אויף דער סאָפע אַ שעה צוויי, בחינם וואַרטנדיק אויפן שלאָף, איז ער אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף און אונטערן פענצטער פון קיך אויף דער באַנק האָט ער דערזען באַנאַנד מיט טיכאָנען די שוואַרצע פיגור פון מאָנאַך, וועלכער איז ענלעך געווען צו עפּעס אַ מין צעבראָכענעם מאַשין; אָן דעם מיצל אויפן פליכיקן קאָפּ איז דער מאָנאַך געוואָרן קלענער, ברייטער,

זיין פאַרשימלט פּנים האָט זיך אויסגעוויזן קינדיש; ער האָט גע־האַלטן אין דער האַנט אַ גלאָז, און אויף דער באַנק, לעבן אים, איז געשטאַנען אַ פלאַש קוואַס.

— ווער איז דאָס? — האָט ער שטילערהייט געפרעגט און באַלד אַליין געענטפערט: דאָס איז — יאַשאַ. זיץ אַ ביסל מיט אַלטע לייט, יאַשאַ!

און אויפהייבנדיק דאָס גלאָז אַקעגן דער לבנה, האָט ער אַ קוק געגעבן אויף דער טריבער פליסיקייט דערין. די לבנה האָט זיך באַהאַלטן הינטער דעם גלאָקן־טורעם, אַרומהילנדיק אים מיט אַ זילבערנער געפּלדיקער שיין און דערמיט אויסטערליש אַרויסרוקנדיק אים פון דער וואַרעמער נאַכט־חשכות. איבער דעם טורעם זענען געשטאַנען וואָלקנס, מיט ברודיקע לאַטעס, נישט געראָטן איינגענייטע אין בלויען סאַמעט. שמעקנדיק די ערד, איז איבערן הויף פאַרטראַכט אַרומגעגאַנגען אַלעקסייס ליבלינג, דער הונט קאָטשום מיטן לאַנגן פיסק; ער איז געגאַנגען, געשמעקט די ערד און פּלוצלינג, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ אין הימל אַריין, נישט הויך פרעגעריש זיך צעקוויטשעט.

— ציץ, קאָטשום, — האָט מיט אַ האַלב קול געזאָגט טיכאָן.

דער הונט איז צוגעגאַנגען, אַריינגערוקט דעם גראָבן קאָפּ צווישן טיכאָנס קניען און עפּעס אַרויסגעוואָיעט.

— ער פילט, — האָט באַמערקט יאַקאָוו. מען האָט אים נישט געענטפערט, נאָר ער האָט זייער געוואָלט רעדן, כּדי נישט צו טראַכטן.

— ער פאַרשטייט, זאָג איך — האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, דער הויזוועכטער האָט זיך שטיל אָנגערופן:

— נאָר — ווי דען?

— אין סוזדאַל האָט אַ מאָנאַסטיר־הונט דערקענט גנבים לויטן ריח — האָט זיך דערמאָנט דער מאָנאַך.

— וועגן וואָס שמועסט איר? — האָט געפרעגט יאַקאָוו; דער מאָנאַך האָט אויסגעטרונקען דעם קוואַס, אָפּגעווישט דאָס מויל מיטן אַרבל פון דער סוטאַנע און אָנצייכיק אָנגעהויבן רעדן, ממש פון טרעפּ גייענדיק;

— טיכאָן באַמערקט דאָ: די מענטשן זענען ווידער געניגט צו מרידה. ס'איז מעגלעך! ס'האָבן זיך זייער פאַרטראַכט אַלע...

— די עסקים האָבן פאַרמאַטערט, — האָט אַרייגעשטעלט טיכאָן, שפּילנדיק זיך מיטן הונטס אויערן.

— טרייב אַוועק דעם הונט, — האָט באַפוילן יאַקאָוו, — פליי קומען אָן פון אים.

דער הויזוועכטער האָט אַראָפּגענומען קוטשומס לאַפּעס פון זיינע קניען, אַוועקגערוקט דעם הונט מיטן פוס; ער האָט אַרונטער־ציענדיק דעם ווידל זיך אַוועקגעזעצט און אומעטיק צוויי מאָל א ביל געטון. די דריי מענטשן האָבן אַ קוק געטון אויף אים און באַ איינעם פון זיי איז דורכגעפלויגן אַ מחשבה, אַז טיכאָן און דער מאַנאַך באַדויערן אפשר מער דעם פאַריתומטן הונט, ווי דעם באַלע־באָס זיינעם, דעם באַגראָבענעם אין דער ערד.

— ס'וועט זיין — אַ בונט, — האט געזאָגט יאַקאָוו און פאַרזיכטיק אַ קוק געטון אין די פינצטערע ווינקלען פון הויף. — געדענקסט, טיכאָן, מען האָט אַרעסטירט סעדאָוון מיט די חברים?

— נאָר — ווי דען?

דער מאַנאַך האָט אַרויסגענומען פון קעשענע פון דער סוטאַ־נע אַ בלעכן פושקעלע, אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ שמעק טאַבאַק, אַ שמעק געטון און מיטגעטיילט דעם פלימעניק:

— אָט, כ'שמעק טאַבאַק. דאָס איז אַ סגולה צו די אויגן, זיי האָבן אָנגעהויבן שוואַך זעען.

אַ באָס טוענדיק, האָט ער פאַרגעזעצט:

— מען אַרעסטירט אפילו אין די דערפער אויך...

— ס'האָבן זיך פאַרשפּרייט שפּיאָנען, — האָט געזאָגט יאַ־קאָוו, פלייסנדיק זיך צו רעדן איינפאַך.

— זיי קוקן איטלעכן נאָך.

טיכאָן האָט אַ וואָרטשע געטון:

— וויבאַלד נישט נאָכקוקן — וועסטו גאָרנישט געוואויר ווערן.

און יאַקאָוו, נישט אַנטשלאָסן דרייענדיק מיט דער צונג, טו־

ליענדיק זיך פון דער נאַכטיקער קילקייט אָדער פון שרעק, האָט גערעדט כמעט פליסטערנדיק:

— באַ אונז איז אויך דאָ. וועגן נאַסקאָוון, דעם יעגער, גייען אַרום נישט קיין שיינע קלאַנגען... ער זאָל האָבן געמסורט סעדאָוון און אַלע אין שטאָט...

— ביסט אַ מבין, אַ שוטה, — האָט נישט מיטאַמאָל זיך אָפּגערופן טיכאָן, ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום הונט, נאָר באַלד זי אַראָפּגעלאָזט אויף דער קני, און יאַקאָוו האָט דערפילט, אַז זיינע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן בחינם, זענען אַריינגעפאַלן אין אַ ליידיקייט און ער האָט צוליב עפּעס אָנגעזאָגט טיכאָנען:

— די רעד פונדעסטוועגן נישט וועגן נאַסקאָוון.

— נאָכוואָס רעדן? ער גייט מיך נישט אָן. און ס'איז גאָר נישטאָ וועמען צו דערציילן, אייגער דעם אַנדערן גלייבט נישט.

— יאָ, — האָט געזאָגט דער מאָנאַך, — ווייניק אמונה; איך האָב נאָך דער מלחמה גערעדט מיט פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן, זיי איך: דער סאָלדאַט גלייבט אויך נישט אין דער מלחמה! אייזן, יאַשאַ, אייזן אומעטום, אַ מאַשין! דער מאַשין אַרבעט, דער מאַשין זינגט, רעדט! צו דעמדאָזיקן אייזערנעם מעכאַניזם פון לעבן זענען אויך מענטשן אַנדערע נייטיק, אייזערנע! פאַרהאַנען זייער אַ סך, וואָס פאַרשטייען דאָס, איך האָב אַזעלכע באַגעגנט. מיר, זאָגן זיי, וועלן אייך, לעמעשקעס, ווייזן! און אַנדערע באַליידיקן זיך. ווען אַ מענטש קאָמאַנדעוועט, — איז מען דערצו געוואוינט, אָבער ווען אייזערנער מעטאַל — איז פאַרדראָסיק! צו דער האַק, צום העמערל, צו אַלעם, וואָס מ'קען נעמען אין דער האַנט אַריין — האָט מען זיך צוגעוואוינט, אָבער דאָ איז אַ זאַך — פון הונדערט פוד, דאַך, ווי אַ לעבעדיקע.

טיכאָן האָט אַ קראַקע געטון און, אומבאַקאַנט פאַר יאַקאָוון — אַ לאַך געטון, זאָגנדיק:

— די פור לויפט פאַרן פערד. עך, טייוולאָנים.

— און אַ סך — האָבן זיך צעבייזערט, — האָט פאָרגעזעצט דער מאָנאַך זייער שטיל. — איך בין דריי יאָר אומעטום אַרומגעגאַנגען, איך האָב געזען: און, ווי זיי האָבן זיך צעבייזערט!

און זיי זענען בייז — נישט אויף די שולדיקע. איינער אויפן אנ־דערן זענען זיי אין כעס ; אָבער — שולדיק זענען אַלע סיי פאַרן שכל, סיי פאַר דער נאַרישקייט. דאָס האָט מיר דער פּאָפּ גליעב געזאָגט : זייער גוט !

— דער פּאָפּ לעבט ? — האָט געפרעגט טיכאָן.

— נישטאָ קיין פּאָפּ, — האָט געענטפערט ניקיטאַ. — ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, ער האַנדלט אַצינד אויף די דאָרפישע יאַרידן מיט ביכלעך.

— אַ וואוילער פּאָפּ, — האָט געזאָגט טיכאָן. — איך פלעג צו אים גיין אויף קאָמוניע. אַ וואוילער. נאָר ער האָט זיך געמאַכט פאַר אַ פּאָפּ פון אָרעמקייט, אָבער אינדערעמתן האָט ער אין גאָט נישט געגלייבט, אַזוי מיין איך.

— ניין, ער האָט געגלייבט אין קריסטוסן, איטלעכער גלייבט אויף זיין שטייגער.

— דערפון איז די מהומה, — האָט פעסט געזאָגט טי־כאָן און ווידער נישט גוט אַ שמייכל געטון : — זיי האָבן זיך דערטראַכט. . .

אויפן גאַנעק איז רוישלאַז אַרויסגעקומען אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער באָרוועסרהייט, אין דער נאַכט־וועש, האָט אַ קוק געטון אין בלייכן הימל אַריין און געזאָגט די מענטשן אונטערן פענצ־טער :

— ס׳שלאָפט זיך נישט. דער הונט שטערט. און איר ברומט דאָ. . .

דער הונט איז געזעסן אינמיטן הויף, אויפגעשפּיצט די אויערן, אַלעמאָל אַ קוויטש געבנדיק, און האָט אַריינגעקוקט אין פינצטערן לאָך פון אָפענעם פענצטער, הפּנים וואַרטנדיק, אַז דער באַלעבאָס זאָל אים אַ רוף טון.

— און דו, טיכאָן, דויבערסט אַלץ דאָס דייניקע ! — האָט אַ זאָג געטון אַרטאַמאָנאָוו. — אָט, יאַקאָוו, זע : האָט זיך אָנגע־שלאָגן אַ מענטש אויף איין מחשבה, — איז ווי אַ וואָלף אין קאַפּ־קאַן אַריינגעפאַלן. אַקוראַט אַזוי איז דיין ברודער. דו, ניקיטאַ, ווייסט וועגן אילי ען ?

— כ׳האָב געהערט.

— יאָ. כ׳האָב אים אַרויסגעטריבן. ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ פרעמד פערד, גענומען רייטן, אָבער — וואוהין? געוויס, נישט יעדער קאָן, ווי ער, זיך אָפּזאָגן פון עשירות און לעבן נישט צו וויסן ווי אַזוי...

— אַלעקסיי דער געטלעכער מאַן האָט אויך אַזוי, — האָט שטיל דערמאַנט ניקיטאַ.

אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער האָט אויפגעהויבן די האַנט צו דער שלייף, געשוויגן אַ ווײַלע און גענומען גיין אין סאָד אַריין, זאָגנדיק יאַקאָוון:

— ברענג מיר אין האַלטאַנקע אַריין אַ קאָלדרע, קישנס, אפשר וועל איך דאָרט איינשלאָפן.

אַ שווערלייביקער, איינגעגאַנצן אין ווייסן, מיט צעשויבערטע האָר אויפן קאָפּ, מיט אַ טונקל-רויט אויפגעלאָפן פנים, איז ער געווען כמעט שרעקלעך.

— וועגן מאַשינען האָסטו, ניקיטאַ, בחינם גערעדט, — האָט ער געזאָגט, אָפּשטעלנדיק זיך אינמיטן הויף. — וואָס פאַרשטייסטו אין מאַשינען? דיין זאַך איז — צו רעדן וועגן גאָט. די מאַשינען שטערן נישט...

טיכאָן האָט אָן דרך-ארץ, פאַרעקשנט איבערגעריסן זיינע רייד:

— פון די מאַשינען איז טייערער געוואָרן צו לעבן און ס׳איז מער טומל.

אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער האָט אַ מאַך געטון אויף אים מיט דער האַנט און איז פּאַמעלעך אַוועקגעגאַנגען אין סאָד אַריין, און יאַקאָוו, גייענדיק פאַר אים מיט די קישנס, האָט בייז און פאַרצאָגט געקלערט:

— אייגענע: דער פאָטער, דער פעטער, — נאָר צו וואָס דאַרף איך זיי? זיי קאָנען נישט העלפן.

דער פאָטער האָט נישט איינגעלאַדן דעם ברודער צו וואוינען בײַ אים, דער מאַנאַך האָט זיך באַזעצט בײַ דער מומע אָלגען אין הויז, אויפן בוידעם, זאָגנדיק איר פאָרויס:

— איך וועל אַ ביסל דאָ וואוינען, כ'וועל אינגיכן אַוועקגיין...

געלעבט האָט ער כמעט אומבאַמערקט און, וויבאַלד מען האָט אים נישט אַראָפּגערופן אונטן, — איז ער נישט אַראָפּגעקומען אין די צימערן אַריין. ער האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט אין סאָד, אָפּשניידנדיק די טרוקענע צווייגן פון די ביימער, איז אַרומגעקראָכן ווי אַ טשערעפּאַכע איבער דער ערד, אויספּיעלענדיק דאָס ווילדגראָז, איז אַלץ מער געראונצלט געוואָרן, דאַרער געוואָרן און האָט גערעדט מיט די מענטשן שטיל, גלייך ער וואָלט דערציילט וויכטיקע סודות. די קירכע האָט ער באַזוכט אָן חשק, זאָגנדיק תּרוצים, אַז ער איז נישט געזונט, איבערהיים האָט ער ווייניק תּפילה געטון און נישט ליב געהאַט צו רעדן וועגן גאָט, עקשנותדיק אויסמיידנדיק אַזעלכע שמועסן.

יאַקאָוו האָט געזען, אַז דער מאָנאַך האָט זיך זייער באַפּריינדעט מיט אָלגען, אים האָט געשעצט די שטילע וויעראַ פּאָפּאָוואַ און אפילו מיראָן, הערנדיק דעם פּעטערס דערציילונגען וועגן זיינע וואַנדערונגען, וועגן מענטשן, האָט זיך נישט געקרומט, כאָטש נאָך דעם טויט פון פאָטער איז מיראָן געוואָרן נאָך מער פאַרריסן, טרוקן, האָט געשאַפט אין דער פאַבריק, ווי אַן עלטסטער, און געשריגן אויף יאַקאָוון, ווי אויף אַן אָנגעשטעלטן.

אויף נאַטאַליעס צעפּלאָסענעם רויטן פּנים האָט דער מאָנאַך געקוקט פּונקט אַזוי ליבלעך, ווי אויף אַלץ און אַלעמען, נאָר גערעדט האָט ער מיט איר ווייניקער, ווי מיט אַנדערע, אָבער אויך זי אַליין האָט ביסלעכווייז זיך אָפּגעוואוינט פון רעדן, זי האָט נאָר געטעמט. אירע פאַרטעמפּטע אויגן זענען פאַרשטאַרט געוואָרן, בלויז זעלטן־ווען האָט אין זייער טריבן בליק זיך אָנגעצונדן אַן אומרויקייט וועגן מאַנס געזונט, אַ מורא פאַר מיראָנען און אַ ליבפולע פרייד באַם אָנבליק פון דעם דיקן, סאָלידן יאַקאָוון. מיט טיכאָנען איז דער מאָנאַך געווען אין עפּעס נישט איינשטימיק, זיי האָבן געוואָרטשעט איינער אויפן אַנדערן און כאָטש זיי האָבן זיך נישט געשפּאַרט, זענען אָבער ביידע פאַרבייגעגאַנגען איינער דעם אַנדערן, ווי צוויי בלינדע.

אין יאַקאָווס לעבן האָט די קאַנטיקע, שוואַרצע פיגור פונם פעטער אַריינגעטראָגן נאָך איין שאָטן. דער אָנבליק פון מאָנאַך האָט אַרויסגערופן אין אים שווערע פאָרגעפילן, זיין טונקל, צעגייענדיק פנים, האָט געצוואונגען צו קלערן וועגן טויט. יאַקאָוו אַרטאַמאָנאָוו האָט געקוקט אויף אַלעם, וואָס ס'האָט זיך געטון אין שטוב אויס דער הייך פון זאָרגן וועגן זיך אַליין, נאָר כאָטש די זאָרג זענען כסדר געוואַקסן, זענען פונדעסטוועגן אין שטוב אויך צוגעקומען אַלץ נייע צרות. דער חוש פון אַ מאַנסביל, אַ געניטן אין ליבע-ענינים, האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז פּאָלינאַ איז קעלטער געוואָרן צו אים, און דער קאַלטבלוטיקער פּאָרוטשיק מאַוורין האָט כסדר באַשטעטיקט יאַקאָווס חשד; טרעפנדיק זיך מיט אים, האָט דער פּאָרוטשיק אַצינד בלויז מיט בטול זיך צוגערירט מיטן פינגער צום היטל און פאַרמרוזשעט די אויגן, גלייך ער וואָלט באַטראַכט פונדערווייטנס עפּעס גאָר אַ קלייניקייט, בעת פריער איז ער געווען פריינדלעכער, העפלעכער און אין געזעלשאַפטלעכן קלוב, לייענדיק בײַ יאַקאָוון געלט אויף שפּילן אין קאָרטן, אָדער בעטנדיק צו פּראָלאָנגירן אים דעם טערמין פון אַ חוב, פלעגט ער נישט איינמאָל מיט אָנערקענונג זאָגן:

— איר, אַרטאַמאָנאָוו, האָט אַ פיגור פון אַן אַרטילעריסט.

אָדער געזאָגט עפּעס אַנדערש דעסגלייכן אָנגענעמס. יאַקאָוון האָט אימפּאָנירט די גראָבלעכע גוטמוטיקייט פון דעמדאָזיקן, ממש פון גומי אָפּגעגאָסענעם אָפיציר, וואָס האָט פאַרוואונדערט די גאַנצע שטאָט מיט זיין פאַראַכטונג צו קעלט, מיט דער פלינקייט, קראַפט און, מיט דער אָן ספק אין אים פאַרבאָרגענער, אויסטערלישער דרייסטקייט. ער האָט געקוקט אויף די פנימער פון די מענטשן מיט קיילעכיקע, שטיינערנע אויגן און גערעדט גרעבלעך, מיט אַ קאָמאַנדירנדיקער שטימע:

— איך בין אַ מאַנסביל אַ קאַלטבלוטיקער און קאָן נישט ליידן קיין איבערטרייבונגען.

צעקריגנדיק זיך בײַ די קאָרטן מיטן פּאָסט-מייסטער דראַ-

נאָוו, אַ קראַנקער, נאָר פֿאַרביסענער אַלטיטשקער, פֿאַר וועלכן אַלע אין שטאָט האָבן מורא געהאַט, האָט מאַוורין אים געזאָגט:

— איך האָב נישט ליב איבערצוטרייבן, נאָר איר זענט — אַן אַלטער שוטה.

האָבנדיק אַ חשד, אַז ער איז זיין קאָנקורענט, האָט יאַקאָוו מורא געהאַט פֿאַר אַ צוזאַמענשטויס מיטן פּאַרוטשיק, אָבער אים איז נישט איינגעפֿאַלן דער געדאַנק, אָפּצוטרעטן מאַוורינען פֿאַלי־נען, די פֿרוי איז אים געוואָרן אַלץ אָנגענעמער. פֿונדעסטוועגן האָט ער זי שוין נישט איינמאָל געוואָרנט:

— זע, אויב כ'וועל באַמערקן עפּעס צווישן דיר און מאַוו־ריגען — וועל איך דיך אַוועקוואַרפֿן!

צוזאַמען מיט דעם איז געוואַקסן די אומרויִקייט, וועלכע ס'האָט אין אים אַרויסגערופֿן דער יעגער נאַסקאָוו. ער פֿלעגט אָפּ־וואַרטן יאַקאָוון הינטער דער שטאָט, באַם בריקל פֿון דער וואַטאַ־ראַקשע, פֿלעגט ראַפּטום אַרויסוואַקסן פֿון דער ערד און האַרטנע־קיק, ווי באַ אַ בעל־חוב, בעטן געלט, אַריינקוקנדיק אין זיין היטל אַריין.

ס'איז געווען עפּעס משוגעהדיקס, נישט גוטס אין דעם, וואָס דער יעגער פֿלעגט תּמיד דערשיינען אויף איין און דעם זעלבן אָרט, אַרויסגייענדיק פֿון דעם בריעכץ און די דאָרן־געוויקסן, פֿון דעם געדיכט־פֿאַרוואַקסענעם ווילד־גראָז אונטער די צוויי קרומע ווערבעס. אַ יאָר צוויי צוריק איז אויף דעמדאָזיקן אָרט געשטאַנען דאָס הויז פֿונם גערטנער פּאַנפֿיל; דעם גערטנער האָט עמעצער דערהרגעט, דאָס הויז האָט מען אונטערגעצונדן, די ווערבעס האָבן אָפּגעברענט, די ליימיקע ערד, אויסגעמישט מיט קוילן און אַש איז האַרט איינגעטרעטן געוואָרן דורך די שפּילער אין קעגלען; צווישן די רעשטלעך פֿון דעם ציגל־פֿונדאַמענט איז געשטאַנען אַן אויוון, אַרויסגעשטאַרט אַ קוימען; אין לויטערע נעכט האָט איבערן קוי־מען, נישט הויך אין הימל, געציטערט אַ גרינלעכער שטערן. נאַס־קאָוו פֿלעגט נישט געאיילט, שורשענדיק מיטן בריעכץ, אָפּעגריין פֿון הינטערן קוימען, אַראָפּשלעפּן פֿון זיין קאָפּ דאָס היטל און מורמלען:

— איך וועל אייך טון א טובה. דאָ ווערט שוין באַ אייך ווידער געשאַפן אַ קאָמפּאַניע. . .

— דידאַזיקע קאָמפּאַניעס זענען נישט מיין עסק — האָט בייז געזאָגט יאַקאָוו און געהערט אין נאַסקאָווס ענטפער בפירושע חוצפּה:

— באַטירלעך, נישט איר אָרגאַניזירט, נאָר דער ענין איז נוגע אייך.

— אַ שאָד, איך האָב אים דעמאָלט נישט דערשאָסן, — האָט צום צענטן מאָל באַדויערט יאַקאָוו און, געבנדיק געלט דעם שפּיאָן געזאָגט:

— דו, זע נאָר, פאַרזיכטיקער!

— איך ווייס.

— מיך פלאָנטער נישט אַריין.

— נאָכוואָס? זייט רויק.

— יאָ, געוויס, ער האַלט מיך פאַר אַ שוטה. . .

פאַרשטייענדיק, אַז נאַסקאָוו איז אַ נוצלעכער מענטש, איז יאַקאָוו אַרטאַמאָנאָוו געוועזן זיכער, אַז דער קרומפּיסיקער בחור מיטן פלאַטשיקן פּנים קאָן נישט נוקם זיין זיך אָן אים פאַרן שאָס. ער וויל דאָס. ער וועט אָנשרעקן, אָדער פאַר דעם געלט, וואָס יאַקאָוו אַליין גיט אים, וועט ער אונטערקויפן וועלכע ס'איז אַרבעטער אים צו דערהרגענען. יאַקאָוון האָט זיך שוין געדאַכט, אַז אין דער לעצטער צייט האָבן די אַרבעטער אָנגעהויבן צו קוקן אויף אים אויפמערקזאַמער און בייזער.

מיראָן פלעגט אַלץ אָפטער זאָגן: די אַרבעטער בונטעווען זיך נישט צוליב דעם, אַז זיי זאָלן פאַרבעסערן זייער לאַגע, נאָר דערפאַר, וואָס פון דער זייט ווערט זיי איינגערעדט דער אומגעלומפּערטער, זינלאָזער געדאַנק, אַז זיי דאַרפן איבערנעמען אין זייערע הענט די בענק, די פאַבריקן און בכלל די גאַנצע ווירטשאַפט פון לאַנד. רעדנדיק וועגן דעם, פלעגט ער זיך אויסציען, אויסגלייכן, אַרומשפּרייזן איבער צימער מיט די לאַנגע פיס און דרייען מיטן האַלז, אַריינשטעקנדיק דעם פינגער הינטערן קאָלנער,

כאָטש דער האַלז איז באַ אים געווען אַ דינער, און דער קאָלנער פון העמד אַ גענוג ברייטער.

— דאָס איז שוין אפילו נישט קיין סאָציאַליזם, נאָר דער טייוול ווייסט וואָס! און, אָט, דיין אייגענער ברודער איז אַן אָנ־העגגער פון דערדאָזיקער המצאה. אונזער רעגירונג פון אַלטע קראָען...

יאַקאָוו האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס אַלץ זאָגט מיראָן צוליב דעם, אַז ער זאָל איבערצייגן די צוהערער אין זיך אַליין אין זיין רעכט אויף אַן אָרט אין דער מ ל ו כ ה ־ ד ו מ ע, אָבער פונדעסט־וועגן האָבן דעם ברודערס צאָרניקע רייד איבערגעלאָזט באַ יאַקאָוון אַ געוויסע פחד, פאַרשטאַרקנדיק דאָס באַוואוסטזיין פון זיין פער־זענלעכער שוצלאָזיקייט צווישן די הונדערטער אַרבעטער. ער האָט זאָגאַר איבערגעלעבט עפּעס נאָענטס צו אַ גרויל־אַטאַק: איינמאָל אינדערפרי האָט אים אויפגעוועקט אַ געהייל און געשריי פון פאַב־ריק־הויף, אונטערהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט ער דערזען, אַז איבער דער וויסער, גלאַטיקער וואַנט פונם סחורה־לאַגער ווירבלט אַ צע־יושעטער המון פון שאָטנס, זיי שפּרינגען אונטער, פאָכענדיק מיט די הענט און, ס'האָט זיך געדאַכט, זיי רוקן איבער דער ערד דעם גאַנצן געביי פון לאַגער. מיטאַמאָל אינגאַנצן פאַרשוויצט ווערנדיק, האָט ער געקלערט, קלאַנגלאָז געשריגן:

— אַ בונט...

דידאָזיקע פאַרפלייצונג פון שאָטנס, וואָס זענען איבער עפּעס געווען שרעקלעכער ווי מענטשן, איז שנעל פאַרשוואונדן געוואָרן, יאַקאָוו האָט פאַרשטאַנען, אַז באַ די טויערן פון פאַבריק האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ געוויינלעך מאָנטיקדיק געשלעג, — נאָך די יום־טובים האָט מען זיך כמעט שטענדיק געשלאָגן, אָבער אין זיין זכרון איז פאַרבליבן דערדאָזיקער אומהיימלעכער געלויף פון די טונקע־לע, וואָיענדיקע פלעקן. דאָס גאַנצע לעבן בכלל איז געוואָרן אַזוי ווייט בהלהדיק, אַז ס'איז נישט אָנגענעם געווען צו זעען קיין צייּ־טונג און ס'האָט זיך נישט געגלוסט צו לייענען זי. דאָס איינפאַ־כע, קלאָרע איז פאַרשוואונדן געוואָרן, פון אומעטום האָט זיך אַריינ־געריסן נישט אָנגענעמס, ס'האָבן זיך באַוויזן נייע מענטשן.

די שוועסטער טאַטיאַנאַ האָט פלוצלינג געבערענגט צו פירן פון וואַרגאַראַד אַ חתן, אַ דאַר, רויטלעך מענטשעלע אין אַן אינ־זשיניעריש היטל; אַ גרינגער, אַ שנעלער אויף די פיס, זייער אַ פריילעכער, איז ער געווען מיט צוויי יאָר ייִנגער פון טאַטיאַנען, און, אָנהייבנדיק פון איר, האָבן אַלע אין הויז מיט אַמאָל אָנגע־הויבן אים רופן מיטיאַ. ער האָט געשפּילט אויף אַ גיטאַרע, געזונ־גען לידער, איינס פון זיי, וואָס ער פלעגט באַזונדער אָפט צוזינ־גען, האָט אויסגעזעען יאַקאָוון באַליידיקנד פאַר דער שוועסטער און האָט זייער אויפגעבראַכט די מוטער.

— מיין ווייב אין ארון ליגט.
די קנעכטין דיין
אין גן־עדן אריין,
גאָט, שיק!

אָבער די שוועסטער האָט זיך נישט באַליידיקט; דערדאָזי־קער מענטש האָט זי, ווי אַלע אַנדערע, געווילט און אפילו די מוטער פלעגט נישט זעלטן מיט נחת אים זאָגן:

— אַך, דו טשיזשיק! דו זינגסט שוין איינמאָל, פאַיאַץ!

עסן האָט מיטיאַ געקאָנט ממש ווי אַ טויב, אָן אַ שיעור; אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער האָט אים באַטראַכט, ווי אַ חלום, מיט פאַרחידושטע אויגן, פינטלענדיק, און געפרעגט:

— באַ אַזאַ כאַראַקטער דאַרפסטו טרינקען. טרינקסט?

— כ׳קאָן, — האָט געענטפערט דער איידעם און באַם אָוונט־ברויט דערוויזן, אַז טרינקען קאָן ער אויך נישט צו פאַרזינ־דיקן. ער איז אומעטום געווען: אויף דער וואָלגע און אויפן אוראַל, אין קרים און אויף קאַווקאַז, ער האָט געקאָנט אָן אַ שיעור פריי־לעכע חכמהלעך, מעשות, קאָמישע ווערטלעך; ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז געקומען צו לויפן פון עפּעס אַ פריילעך, זאַרגלאָז לאַנד.

— דאָס לעבן איז — אַ יפה־פיה! — פלעגט ער זאָגן און ער איז מיטאַמאָל אַריין אין דעם אָן אויפהער זיך דרייענדיקן ראָד

פון געשעפס, איז געפעלן געוואָרן די אַרבעטער. די יוגנט האָט געלאַכט, די אַלטע ווײַבער האָבן ליבלעך געשאָקלט מיט די קעפּ און אפילו מיראָן, הערנדיק זײַנע מיט געלעכטער פינקלענדיקע רייד, פּלעגט אָפּלעקן מיט דער צונג די שמייכלען פון זײַנע דינע ליפּן. אָט גייט ער צוזאַמען מיט מיראָנען איבערן הויף פון פאַבריק צום פינפטן קאָרפּוס, דערדאָזיקער קאָרפּוס האָט זיך אָקאָרשט אַרייַנגעקלאַמערט אין דער ערד, ס'איז דער פינפטער פינגער פון דער רויטער ציגלדיקער לאַפּע; ער שטייט אינגאַנצן אַרומגעפּלאָכטן מיט רושטאָוויאַניעס, אויף די ברעטער פון די רושטאָוואַניעס פּאָרען זיך די טשעסלאַרעס, ס'בלישטשען זייערע זילבערנע העק, ס'בלישטשען מיט גלאָז און גאָלד מיראָנס ברילן, ער שטרעקט אויס די האַנט, אַקוראַט ווי דער גענעראַל אויפן אַלטפרענקישן בילדל, וואָס קאָסט אַ צענערל, מיטיאַ, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, מאַכט דעסגלייכן מיט די הענט, אַזוי ווי אַראָפּוואַרפנדיק עפּעס אויף דער ערד.

יאַקאָוו קוקט אויף זיי דורכן פענצטער פון קאַנטאָר. דער שוואָגער געפעלט אים אויך, מיט אים איז פרייַלעך, דו פאַרגעסט אַ סך זאַכן, וואָס פּלאָגן; יאַקאָוו איז זאָגאַר מקנא דעמדאָזיקן מענטשס כאַראַקטער, נאָר פילט צו אים אַ מאָדנע אומצוטרוי: ס'דאַכט זיך, אַז דערדאָזיקער מענטש איז נישט אויף לאַנג, ביז מאָרגן, און מאָרגן וועט ער זיך אַרויסווייזן אַלס אַקטיאָר, אַלס פּריזירער אָדער וועט פאַרשוואונדן ווערן אַקוראַט אַזוי אומגעריכט, ווי ער האָט זיך באַוויזן. ער האָט פאַרמאָגט נאָך איין גוטע מעלה, — ער איז, ווייזט אויס, נישט גיריק, פרעגט נישט וויפיל נדן מען גיט טאַטיאַנען, כאָטש אין דעם שטעקט, אפשר, טאַטיאַנעס עפּעס אַ כיטרעקייט. אָבער דער פאָטער האָט, ניכטערנערהייט, געוואָרטשעט:

— אָט, אויף וואָס פאַר אַ רויטן איך האָב געאַרבעט...

מיראָן האָט אויך חתונה געהאַט.

— דערלויבט מיר אייך פאָרצושטעלן מיין ווייב, — האָט ער געזאָגט, קומענדיק צו פאָרן פון מאָסקווע, און האָט אַוועקגעשטעלט פאַר זיך אַ בלוי־אויגיקע, דיקלעכע לאַלקע מיט אַ געלאָקט, אויף דער זייט פאַרדרייט קעפּל. זיין ווייב האָט געהאַט לעכער־

לעך קליינטשיקע גלידער, נאָר געמאַכט איז זי געווען עפּעס אַזוי אויסטערליש דייטלעך און דאָס האָט איר צוגעגעבן אין יאַקאָווס אויגן דעם אָנבליק פֿון נישט קייןווירקלעכער פֿרוי, נאָר אַן ענלעכקייט צו דעם פּאָרצעלייענעם פֿיגורעלע, וואָס איז צוגעקלעפּט געווען צום פּעטער אַלעקסייס באַליבטן זייגער; דער קאָפּ פֿון פֿיגורל איז געווען אָפּגעהאַקט און צוגעקלעפּט עטוואָס זייטיק; דער זייגער איז געשטאַנען אויפֿן שפּיגל־טישל און די סטאַטועטקע, אויסגעדרייט פֿון די מענטשן, האָט געקוקט אין שפּיגל אַריין. מיראָן האָט געמאָלדן, אַז זיין ווייב הייסט אַננאַ און זי איז אַלט אַכצען יאָר, נאָר פֿאַרשוויגן, אַז אַלס צולאָג צו איר האָט מען אים נעגעבן אַ פּערטל מיליאָן און אַז זי איז אַ בת־יחידה פֿון אַ פּאַפּיר־פֿאַבריקאַנט.

— אָט ווי אַזוי מען האָט חתונה, — האָט געוואָרטשעט דער פּאָטער, קוקנדיק אויף יאַקאָוון מיט די רויטע אויגן — נאָר די פּלאָנטערסט זיך, דער טייוול ווייסט, מיט וואָסערע. און איליען האָט מען אויסגעקערט פֿון געברויך, ווי מיסט.

דער פּאָטער איז געגאַנגען מיט שווערקייט, שווער שאָקלענדיק מיט דעם לאַבערנדיקן, פֿלעגמאַטישן קערפּער. יאַקאָוון האָט זיך געדאַכט, אַז דערדאָזיקער קערפּער ברענגט אין כּעס אַריין דעם פּאָטער און ער שטעלט אומישנע אַרויס אויף חידושים פֿאַר מענשטן די העסלעכקייט פֿון דער זקנישער נאַקעטקייט. ער איז אַרומגעגאַנגען אין דער נאַכט־וועש, אין אַ נישט פֿאַרגאַרטלטן שלאָפֿראָק, אין שטעקשיך אויף די באָרוועסע פֿיס, מיט אַ צעפּראַלטער, פּעטער ברוסט, פּונקט אַזוי, ווי ער איז אַרומגעגאַנגען פֿאַר דער טאָכטער יעלענען, כּדי זי צו ערגערן. טיילמאָל פֿלעגט ער קומען אין קאַנטאָר אַריין, לאַנג דאָרט זיצן און, שטערנדיק יאַקאָוון, זיך באַקלאָגן, אַז אָט האָט ער אַוועקגעגעבן אַלע זיינע כּוחות דער פֿאַבריק, די קינדער, דאָס גאַנצע לעבן דורכגעלעבט איינגעשפּאַנט אין די שטיינערנע האָלאָביעס פֿון געשעפֿט, אין רויך פֿון דאגות, נישט האָבנדיק קיין שום פֿרייד.

דער זון האָט געהערט און געשוויגן, זעענדיק, אַז דידאָזיקע טענות, באַרויקנדיק דעם פּאָטער, בלאָזן אים אויף, פֿאַרגרעסערן

אים ביז דער גרייס פון גלאָקן־טורם, — אינדערפרי זעט אים די זון פריער, ווי זי באַמערקט די הייזער פון די מענטשן און געזעגנט זיך מיט אים צום לעצטן, אַוועקגייענדיק אויף דער נאַכט. אָבער פון דידאָזיקע טענות האָט יאַקאָוו אַרויסגעצויגן פאַר זיך אַ באַלערנ־דיקן מוסר־השכל: לעבן אַזוי, ווי דער פאָטער האָט געלעבט — איז אַן אומזין.

און תמיד האָט ער געזעען, אַז נאָכן אָנזעטן זיך מיט די באַקלאָגענישן באַהערשט דעם פאָטער אַ הייסע בראַנד, אַן אומרוי־קער פאַרלאַנג צו באַליידיקן מענטשן, חוזק מאַכן פון זיי. ער פלעגט גיין צו דער אַלטער — צום ווייב, וועלכע איז געזעסן באַם פענצטער אין סאַד אַריין, האַלטנדיק די אומגייטיקע הענט אויף די קניען, אָנגעשטעלט די לײדיקע אויגן אין איין פּינטל; ער פלעגט זיך אַנידערזעצן לעבן איר און ברענען זי:

— וואָס קלערסטו? ביסט גראָב, און מען זעט דיך נישט אָן. די קינדער זעען דאָך דיך נישט. טאַטיאַנאַ רעדט מיט דער קעכין ליבער, ווי מיט דיר. יעלענאַ האָט גאָר פאַרגעסן, קומט נישט צו פאָרן, האַ? ווייזט אויס אַ נייעם געליבטן זיך געשאַפט. און וואו איז — איליאַ?

נאָר צו רייצן דאָס ווייב איז געווען לאַנגווייליק, איר טונקל־רויט פּנים האָט שנעל אָנגעהויבן שוויצן פון טרערן, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די טרערן גיסן זיך נישט בלויז פון אירע אויגן, נאָר שפּאַרן אַרויס פון אַלע פּינטעלעך פון דער שטייף אָנגעבלאָזענער הויט פון די באַקן, פון דעם טאָפּעלן, ווייכן גוידער, טריפן דורך ערגעץ דאָרט לעבן די אויערן.

— נו, זי איז שוין צעלעכצט געוואָרן, — האָט מיט עקל געוואָרטשעט דער אַלטער און איז אַוועקגעגאַנגען, אָפּפּאָכענדיק זיך פון איר, ווי פון אַ רויך. ניין, זי האָט נישט געווײלט.

יאַקאָוון האָט ער נישט געררייצט, אָבער דעם זון האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז דער פאָטער קוקט אויף אים מיט אַ באַליי־דיקענדיק רחמנות. טיילמאָל האָט ער געזיפצט:

— עך, דו אויגנגלאָצער...

מיראָן איז געווען נישט צוטריטלעך פאַר חוזק, דער פאָ־

טער האָט באַשיינפּערלעך און מיט מורא זיך אָוועקגעדרייט פון אים; דאָס איז יאַקאָוון געווען פאַרשטענדלעך. פאַר מיראַנען האָבן אַלע מורא געהאַט סיי אין פאַבריק, סיי אינדערהיים, פון דער מו־טער און זיין פּאַרצעלייענעם ווײַב אָן ביז גרישקען דעם ייִנגל, וואָס האָט געעפנט די פּאַראַדנע טיר. ווען מיראַן איז געגאַנגען איבערן הויף, האָט זיך געדאַכט, אַז זיין לאַנגער שאָטן שאַפט אַרום זיך אַ שטילקייט.

אָפּלאַכן פון דעם רויטן איידעם האָט נישט פאַרשאַפט קיין הנאה, דערדאַזיקער האָט אַליין געקענט זיך אויסלאַכן, ער האָט בפירוש געהאַלטן פאַר גלייכער אַליין זיך אַ קלאַפּ צו טון פריער, איידער ס'וועט אים טון אַן אַנדערער. טאַטיאַנאַ, אַ מעוברתע, איז זייער דיק געוואָרן, האָט חשיבותדיק אַנגעבלאָזן די ליפּן, נאָכן מי־טאָג פלעגט זי ליגן, לייענענדיק דריי ביכער מיטאַמאָל, דערנאָך פלעגט זי גיין שפּאַצירן; דער מאַן איז געלאָפן לעבן איר, ווי אַ פּודעל.

אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער פלעגט הייסן איינשפּאַנען אַ פערד און פאָרן אין שטאָט אַריין רייצן דעם ברודער און טיכאָנען; יאַקאָוו האָט נישט איינמאָל געהערט, ווי אַזוי ער טוט דאָס.

— וואָס, סטודענט אין קאַפּל, האָסט גאָר געלאָזט אין ווידל נאָט? — האָט ער זיך געטשעפּעט צום מאַנאַך.

ניקיטאַ האָט באַוועגט מיטן הויקער, שטאַרק געגלעט מיט די דלאָניעס פון די לאַנגע הענט די שפּיציקע קניען וייגע און שטיל, באַקלאָגלעך געזאָגט:

— אוי, אומזיסט רעדסטו דאָס...

— ווי הייסט — אומזיסט? דו טראָגסט נישט דעם געהעריקן הוט, דערדאַזיקער הוט איז באַ דיר אַ פאַלשער. דיין גאַנצע הלבשה איז אַ פאַלשע. וואָסער מאַנאַך ביסטו?

— ס'איז מיין נשמהס עסק.

— שמעקסט טאַבאַק. ניין, דו האָסט פאַרשפּילט, האָסט גע־האַט אַ טעות. וואָלסט געווען בשעתו חתונה געהאַט מיט אַן אָרעם מיידל, אַ יתומה, וואָלט זי דיר דאַנקבאַר געוואונען קינדער, וואָל־

סטו געווען אַצינד, ווי איך, אַ זיידע. אָבער דו האָסט צוגעלאָזט, — געדענקסט ?

פּאַמעלעך, ווי אַ ריזיקע טשערעפּאַכע, איז דער מאַנאַך אָוועקגעקראָכן, און פּיאָטר איליטש אַרטאַמאָנאָוו איז געגאַנגען צו אַלגען, האָט איר דערציילט וועגן אַלעקסייס הוליאַנקעס און וועגן יאַריד. אָבער דאָס האָט אים אויך נישט געוויילט; די קליינע אַל־טיטשקע האָט נאָכן מאַנס טויט זיך אָנגעשטעקט מיט עפּעס אַ נישט איינזיצעוודיקייט, זי איז כסדר אַרומגעגאַנגען, איבערשטעלנדיק די זאַכן פון איין אָרט אויפן אַנדערן, וואַרפנדיק אַלע מאָל בליקן צו די פענצטער. זי איז געגאַנגען, האַלטנדיק דעם קאָפּ אומבאַוועגלעך און כאָטש פון איר נאָז האָבן אַראָפּגעגלאַנצט די ברילן מיט גראָ־בע גלעזלעך, האָט זי כסדר געטאַפּט, געשטאָמפּערט מיטן שטעקן אָן דער פּאָדלאָגע, אויסשטרעקנדיק די רעכטע האַנט פאָרויס. און אויף דעם אַלטנס בייזע דערציילונגען האָט זי, שמייכלענדיק, גע־ענטפערט :

— וואָס דו ווילסט, רעד ; צו אַזוינעם, ווי איך קאָן אַליאָ־שען, וועט קיין שום שלעכטס זיך נישט צוקלעפּן, קיין גוטס וועט שוין נישט צוקומען.

— ער האָט ריכטיק געזאָגט וועגן דיר : דו קוקסט מיט איין אויג.

— כ׳זע כמעט מיט ביידע נישט, — האָט געזאָגט אַלגאַ. — איך זע נישט, נעכטן האָב איך זיין באַליבט פּאָרצעלייען גלאָז צע־האַקט פון בלינדקייט.

אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער האָט געפּרוווט רייצן טיכאָן וויאַלאָוון, נאָר דאָס איז אויך שווער געווען. טיכאָן האָט זיך נישט געבייזערט, ער האָט, קוקנדיק אין אַ זייט, אַלעמאָל אַ קראַקע געטון, ענטפערנדיק קורץ און רויק.

— דו לעבסט לאַנג, האָט געזאָגט אַרטאַמאָנאָוו, טיכאָן האָט מיט ישוב הדעת געענטפערט :

— מ׳לעבט מער אויך.

— אָבער, אדרבא, נאָכוואָס האָסטו געלעבט, האַ ? זאָג דו אַליין !

— אַלע לעבן.

— אמת, אָבער — נישט יעדער קערט דאָס גאַנצע לעבן היפּן, רוימט צו דאָס מיסט...

טיכאָן האָט זיך געהאַט זיינע געדאַנקען.

— ביסט געבוירן געוואָרן, נו, לעב זשע ביז וואַנען וועסט שטאַרבן, — האָט ער געזאָגט, נאָר אַרטאַמאָנאָוו, נישט הערנדיק אים, האָט פאַרגעזעצט:

— אָט האָסטו דאָס גאַנצע לעבן מיטן בעזים אָפּגעלעבט. דו האָסט נישט קיין ווייב, קיין קינדער, נישט געהאַט קיין שום זאָרג. פאַרוואָס איז דאָס? דיר האָט נאָך מיין פאָטער אַן אַנדערע שטעלע געוואָלט געבן, נאָר דו — האָסט נישט געוואָלט, זיך אָפּ-געזאָגט. וואָס איז דאָס פאַר אַן איינגעשפּאַרטקייט בא דיר?

— שוין צו שפּעט צו פרעגן, פּיאָטר איליטש, — האָט גע-ענטפערט טיכאָן, קוקנדיק אין דער זייט.

בייזערנדיק זיך, האָט אַרטאַמאָנאָוו עקשנותדיק זיך איינגעז-געסן:

— דו גיב אַ קוק, וויפיל מענטשן ס'זענען אין משך פון דיין לעבן נתעשר געוואָרן. אַלע מענטשן האָבן זיך באַמיט לייכטער צו מאַכן זיך, האָבן געלט געזאַמלט...

— געזאַמלט, געזאַמלט, אָבער געקויפט זיך דעם טייוול, — האָט געזאָגט טיכאָן.

יאַקאָוו האָט זיך געריכט, אַז דער פאָטער וועט בייז ווערן, וועט אָנזידלען טיכאָנען, נאָר דער אַלטער, צושווייגנדיק, האָט אַרויסגעמורמלט עפּעס אומדייטלעכס און איז אַוועקגעגאַנגען פון הויזוועכטער, וועלכער — טראָץ דעם, וואָס ער איז אָפּגעקראָכן, פליכיקער געוואָרן, האָט געקריגן איין קאָליר, אַ ליימיק-זאַמדיקן, האָט ער פונדעסטוועגן זיך נישט אונטערגעגעבן די שפּיצלעך פון דער עלטער, איז געווען אַלץ אַזוי פעסט אין קערפּער, האָט אפילו באַקומען אַ געוויסע הדרת-פּנימדיקייט, און גערעדט האָט ער אַלץ חשיבותדיקער, מיט אַ באַלערנדיקן טאָן; יאַקאָוון האָט זיך געדאַכט, אַז טיכאָן רעדט און פירט זיך אויף מער „באַלעבאַטישער", ווי דער פאָטער.

יאַקאָװ האָט אַלײן אַלץ קלאָרער געזען, אַז ער איז אַן איבעריקער צװישן די אײגענע, אײגם הױז, װאו דער אײנציק אָנגענומער מענטש איז געװען דער פרעמדער, מיטיאַ לאַנגינאָװ. מיטיאַ האָט אים נישט אױסגעזען נישט נאַריש, נישט קלוג, ער האָט זיך אַרױסגעגליטשט פון דידאָזיקע אָפּשאַצונגען, פאַרבלײבנדיק אױסגעטײלט פון אַלע. זײן װיכטיקײט איז אױך באַשטעטיקט געװאָרן מיט מיראָנס באַציונג צו אים; דער האַרטער, הערשערישער, מיט אַלעם קאָמאַנדירנדיקער מיראָן האָט געלעבט מיט מיטיען אין אחדות און כאָטש ער האָט זיך אָפּט געשפּאַרט, אָבער קײנמאָל זיך נישט געקריגט מיט אים, און אפילו געשפּאַרט זיך פאָרזיכטיק. אין הױז האָט פון דער פרי ביזן אָװנט געקלונגען אַ פאַרשידנקולותדיקער רוף:

— מיטיאַ! — האָט געשריגן טאַטיאַנאַ.

— װאו איז מיטיאַ, — האָט געפרעגט די מוטער און אפילו דער פאָטער האָט געריטשעט, אַרױסבײגנדיק זיך פון פענצטער:

— מיטרי, — מען דאַרף עסן מיטאָג!

מיטיאַ איז אַרומגעלאָפן איבער דער פאַבריק מיט אַ פוקסישן לױף און האָט פלינק פאַרקערט מיטן פוכיקן װײדל פון קאָמישע װערטער, פרײלעכע הלצהלעך די טרוקענע, באַלײדיקנדע שטרענגקײט פון מיראָנען מיט די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. די אַרבעטער האָט ער גערופן פרײנד.

— פרײנד־לעב, דאָס איז נישט אַזױ! — האָט ער געזאָגט אַ בערדיקן, סאָלידן דיעסיאַטניק*) פון טשעסלאַרעס; אַרױסגעכאַפּט פון קעשענע אַ ביכעלע אין רױטער לעדער, אַ בלײשטיפט, אָדער געצײכנט עפּעס אױף אַ ברעט און געפרעגט:

— זעסט? אַזױ? און — אַזױ? און, אָט, אַזױ? ס'איז אַרױסגעקומען?

---

*) דיעסיאַטניק — דער, װאָס פירט אָן מיט דער אַרבעט פון 10 מענטשן. — איבערזעצער.

— ריכטיק, — האָט איינגעשטימט דער דיעסיאַטניק. — און מיר טוען אַלץ לויט דער אַלטער מאָדע, ווי מיר זענען צוגעוואוינט געוואָרן...

— ניין, ליבע פּערזענלעכקייט, מען דאַרף זיך צוגעוויינען צום נייעם, — ס'לוינט בעסער!

דער דיעסיאַטניק האָט מסכים געווען:

— ריכטיק.

מיט זיין האָפּערדיקן שפּיל מיטן געשעפט איז מיטיאַ ענלעך געווען צום פעטער אַלעקסיי, נאָר אין אים איז נישט געווען צו באַמערקן די גיריקייט פון אַ באַלעבאָס, מיט דער פריילעכער ליצנות האָט ער זייער דערמאַנט אָן דעם טשעסלאַר סעראַפים, דאָס האָט אויך באַמערקט דער פאָטער; איינמאָל בעתן נאַכטעסן, ווען מיטיאַ האָט פונאַנדערגעקערט, צעזייעט די בייזע שטימונג באַם טיש, האָט דער פאָטער, שמייכלענדיק, אַ וואָרטשע געטון:

— ס'איז דאָ באַ אונז אויך געווען אַ ט ר י י ס ט ע ר, סעראַפים... יאָ!

יאַקאָוו האָט געהערט, ווי איינמאָל, נאָך אַ געוויינלעכן סכסוך פון דעם פאָטער מיט מיראָנען, האָט מיטיאַ געזאָגט מיראָנען:

— אַ פאַרייניקונג פון שרעקלעכס און אַנטיפּאַטישס מיט געבעכדיקס, — דאָס איז אַ ריין רוסישע כעמיע.

און תיכף געטרייסט:

— אָבער — נישקשה! דאָס וועט איבגיכן דורכגיין, ס'וועט זיך אויסלעבן, מיר — רייניקן זיך אָפּ...

אין אַ יום־טובדיקן אָוונט, אין סאָד באַ דער טיי, האָט דער פאָטער זיך געקלאָגט:

— איך האָב אָן אַ יום־טוב אָפּגעלעבט! — דער איידעם האָט גלייך אַ ווירבל געטון ווי אַ ראַקעט, זיך צעשאָטן אין אַ גאָלדן זאַמד פון האָפּערדיקע ווערטער:

— דאָס איז — אייער פעלער און מער קיינעמס נישט! יום־טובים שטעלט איין פאַר זיך דער מענטש אַליין. דאָס לעבן איז — אַ יפיפיה, זי פאָדערט מתנות, פאַרוויילונגען, כלערליי שפּי

לערייען, לעבן דאַרף מען מיט פאַרגעניגן. יעדן טאָג קאָן מען גע־פינען עפּעס אויף צו פרייען זיך.

ער האָט גערעדט לאַנג, געשיקט, גלייך ער וואָלט געשפּילט אויף אַ פליוטל, און אַלע באַם טיש זענען פאַרשוויגן געוואָרן; ס'איז תמיד אַזוי געווען, אַז הערנדיק אים זענען די מענטשן ממש איינגעשלאָפן; יאַקאָוו האָט אויך געשפּירט דעם צויבער פון זיינע ווערטער, ער האָט געפילט אין זיי דעם ווירקלעכן אמת, נאָר אים האָט זיך געוואָלט פרעגן מיטיען:

— נאַכוואַס־זשע האָסטו חתונה געהאַט מיט אַ נישט שיין, נאַריש מיידל?

יאַקאָוו האָט געזעען אין זיין באַציונג צום ווייב עפּעס אַ פאַלשקייט, אַ צו שטאַרקע ליבלעכקייט, אַ ספּעציעל אונטערגע־שטראָכענע זאָרגפעלטיקייט; יאַקאָוון האָט זיך געדאַכט, אַז די שוועסטער פילט אויך דידאָזיקע פאַלשקייט, זי האָט געלעבט אַפּאַ־טיש, שווייגנד, פלעגט צו אָפט זיך אויפרעגן און אַ סך אָפטער, לעבהאַפטער שמועסן וועגן פּאָליטיק מיט מיראָנען, ווי מיט איר פריילעכן מאַן. אַ חוץ פּאָליטיק האָט זי וועגן גאָרנישט געקאָנט רעדן.

טיילמאָל האָט יאַקאָוו געקלערט, אַז מיטיאַ לאָנגינאָוו איז געקומען נישט פון קיין פריילעך, זאָרגלאָז לאַנד, נאָר אַרויסגע־שפּרונגען פון עפּעס אַן אומעטיקן, פינצטערן גרוב, האָט זיך צוגע־ריסן צו אומבאַקאַנטע, נייע פאַר אים מענטשן און פון שמחה, וואָס ער האָט, ענדלעך, זיך צוגעריסן, טאַנצט ער פאַר זיי, מאַכט זיי לאַכעוודיק, קוועלט אָן פון זייער צאָלרייכקייט, איז פאַרוואונדערט פון עפּעס. אָט אין דערדאָזיקער פאַרוואונדערונג זיינער האָט יאַ־קאָוו באַמערקט עפּעס נאַריש; אַזוי וואונדערט זיך אַ פּענדראַק אין אַ געוועלב פון שפּילעכלעך, נאָר — אַ פּענדראַק, וואָס שיידט אונטער קלוג און באַלד, וואָסערע שפּילעכלעך זענען בעסער.

פון אַלע מענטשן אין הויז און אין פאַבריק האָבן צוויי בפירוש נישט ליב געהאַט טאַטיאַנעס מאַן: דער פעטער ניקיטאַ און טיכאָן וויאַלאָוו. אויף יאַקאָווס שאלה: ווי אים געפעלט מיטיאַ, — האָט דער הויזוועכטער רויק געענטפערט:

— אַ נישט אמתדיקער.

— מיט וואָס?

— אַ פליג. זעצט זיך אויף איטלעכן מיסט.

יאַקאָוו האָט לאַנג, עקשנותדיק אויסגעפרעגט דעם זקן, אָבער יענער האָט נישט געקאָנט זאָגן עפּעס מער דייטלעכס.

— דו זעסט אַליין, יאַקאָוו פּעטראָוויטש, — האָט ער געזאָגט. — דו זעסט דאָך: דער מענטש טראַכט אויס פּי־גורן.

דער פּעטער, דער מאָנאַך, האָט געזאָגט כמעט דאָס איי־גענע:

— ער זעגט, — האָט ער געזאָגט אָפּזיפצנדיק, איך האָב גע־זעען אַזוינע אַ סך, שיינרעדערס. זיי צעדרייען דאָס פאָלק. און האָבן זיך אַליין אויכעט אין די ווערטער פאַרדרייט. זאָג אים: אַך, בעז, און ער זאָגט דיר גלייך: אַרבעס... יאָ, יאָ.

ס'איז געווען אויסטערליש צו הערן, ווי דערדאָזיקער מיל־דער קריפּל רעדט בייז, כמעט מיט צאָרן, וואָס איז אינגאַנצן נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר אים. און נאָך מער האָט געוואונדערט די איינשטימיקייט פון טיכאָנען און דעם פּעטער אין דער אָפּשאַצונג פון טאַטיאַנעס מאַן. די אַלטע לייט האָבן נישט געלעבט בשלום, אין אַ מין אָפּעגער, נאָר שטומער פיינדשאַפט, כמעט נישט רעדנ־דיק, האַלטנדיק זיך פונדערווייטנס איינער פונם אַנדערן. אין דעם האָט יאַקאָוו נאָך אַמאָל געזעען די אים דערעסענע מענטשלעכע נאַרישקייט: אין וואָס קענען זיין נישט איינשטימיק מענטשן, וואָס שוין מאָרגן וועט זיי אַוועקלייגן דער טויט?

דער פּעטער ניקיטאַ האָט געהאַלטן באַ שטאַרבן. יאַקאָוון האָט זיך געדאַכט, אַז דער פאָטער העלפט אים דערין פלייסיק צו, כמעט באַ יעדער באַגעגעניש האָט ער געשטיקט און געדריקט דעם מאָנאַך מיט פאָרוואורפן:

— איך האָב אַלע מיינע יאָרן געלעבט צווישן די מענטשן ווי אַן אָקס, אָבער דו — לעבסט ווי אַ קאַץ. אַלע זאָרגן זיך צו מאַכן דיר וואַרעמער, ווייכער און זעען אַפילו, מכלומרשט, נישט, אַז דו ביסט אַ הויקערדיקער, מיך האַלטן אַלע פאַר אַ

שלעכטן, אָבער וואָס פאַר אַ שלעכטער בין איך? איך האָב דאָס גאַנצע לעבן...

איינציִענדיק דעם קאָפּ אין האָרב אַריין, האָט דער מאַנאַך געבעטן, צוהוסטנדיק:

— דו זײַ נישט בייז.

דאָס געפיל פון עקל צום פאָטער, צו זיין נאַקעטער, ממש פון זייף צונויפגעקלעפּטער ברוסט, וואָס איז באַדעקט געווען מיטן שימל פון די גרייזלעכע האָר, האָט אויך געשטערט צו לעבן יאַקאָוון, דאָסדאָזיקע געפיל איז שווער געווען צו באַהאַלטן, פאַרדעקן. ער האָט פון צייט צו צייט זיך געמוזט דערמאַנען:

— ס'איז אַ פאָטער. איך בין פון אים געבוירן געוואָרן.

אָבער דאָס האָט נישט שענער געמאַכט דעם פאָטער, נישט געלאָשן דעם עקל צו אים, אין דעם איז געווען אפילו עפּעס, וואָס האָט באַליידיקט, דערגידעריקט. דער פאָטער איז כמעט טאָג-טעגלעך געפאָרן אין שטאָט אַריין, אַזוי־ווי כדי צו באַאָבאַכטן, וויאַזוי ס'שטאַרבט דער מאַנאַך. מיט אָנשטרענגונג, סאַפּענדיק, פלעגט אַרטאַמאַנאָוו דער עלטערער אַרויפקריכן אויפן בוידעם און זיך אַוועקזעצן באַם מאַנאַכס געלעגער, אָנשטעלנדיק אויף אים די פאַרצונדענע, רויטע אויגן. ניקיטאַ האָט געשוויגן, צוהוסטנדיק, קוקנדיק מיט אַ בלייערנעם בליק אין סופיט אַריין; די הענט זענען באַ אים געוואָרן אומרויִק, ער האָט כסדר אַרומגעצופּט די סוטאַנע, אַראָפּגעקליבן פון איר עפּעס, וואָס קיינער האָט נישט געזען. טיילמאָל פלעגט ער אויפשטיין, שטיקנדיק זיך פון הוסט.

— ס'זידט באַ דיר? — האָט געפרעגט דער ברודער.

ניקיטאַ איז געקראָכן צום פענצטער, אָנכאַפּנדיק זיך מיט די הענט אָן ברודערס אַקסלען, באַם אָנלען פון בעט, אָן די שטולן; די סוטאַנע איז געהאָנגען אויף אים, ווי אַ זעגל אויף אַ צעבראָכענעם מאַסטבוים; אַנידערזעצנדיק זיך באַם פענצטער, האָט ער, מיט אַ געעפנט מויל, אַראָפּגעקוקט אונטן, אין סאָד אַריין און אין דער ווייטקייט אויף די טונקעלע, בייזע קודלעס פון וואַלד.

— נו, רו זיך אָפּ, — האָט געזאָגט דער ברודער, ציפּנדיק

דאָס פאַרוועלקטע אויער־לעפּל, איז אַראָפּגעגאַנגען אונטן און אָנגעזאָגט די בשורה אָלגען:

— עס זידט באַ אים. שוין גיך...

ס'איז געקומען צופאָרן אַ דיקער מאָנאַך, דער פּאָטער מאַרדאַרי, און האָט אויפגעוויזן, אַז מען דאַרף אַוועקפירן ניקיטען אין מאָנאַסטיר אַריין, לויט עפּעס אַ געזעץ מוז ער שטאַרבן גראָד דאָרט און טאַקע דאָרטן דאַרף מען אים מקבר זיין. אָבער דער הויקער האָט אָנגעבעטן אָלגען:

— דערנאָך וועט איר אַוועקפירן אַהין, ווען כ'וועל שטאַרבן.

און רחמנותדיק, דריי מאָל אַרויסגעזאָגט די בקשה:

— דעם צודעק פון דער טרומנע מאַכט העכער, אַז ס'זאָל נישט קוועטשן. פאַרגעסט שוין נישט!

ער איז געשטאָרבן פיר טעג פאַרן אָנהויב מלחמה, און אַ טאָג פאַרן טויט האָט ער געבעטן מודיע צו זיין דעם מאָנאַסטיר:

— זאָלן זיי קומען צו פאָרן נאָך מיר, איך וועל ביז זייער אָנקומען באַוויזן צו שטאַרבן.

אינדערפרי, אין טאָג פון זיין טויט, האָט יאַקאָוו געהאָלפּן, דעם פּאָטער אַרויפגיין אויפן בוידעם, דער פּאָטער האָט, איבערצלמענדיק זיך, אָנגעשטעלט זיין בליק אויף דעם טונקעלן, אַשקאָליריקן פּנים מיט די האַלב פאַרמאַכטע אויגן, מיטן איינגעפּלענעם מויל; ניקיטאַ האָט נישט גאַטירלעך הויך געזאָגט:

— זיי מיר מוחל.

— נו, וואָס רעדסטו? פאַר וואָס? — האָט אַ וואָרטשע געטון פּיאָטר אַרטאַמאָנאָוו.

— פאַר מיין עזות...

— דו זיי מיר מוחל, — האָט געזאָגט דער עלטערער. — איך האָב דאָ, וועלכעס מאָל, געשפּאַסט מיט דיר...

— גאָט וועט פאַר קיין שפּאַס נישט שטראָפן, — האָט פליסטערנדיק פאַרזיכערט דער מאָנאַך, און דער ברודער, נאָך אַ ווײַלע שווייגן, האָט געפרעגט:

— אַט, ווי אַזוי גייסטו אַצינד. . . ? וואוהין ?

— איך האָב פאַרגעסן, — האָט איילִיק געזאָגט דער מאַנאַך, איבעררייסנדיק דעם ברודער. — דו, יאַשאַ, זאָג טיכאָנען, זאָל ער צעזעגן דאָס קליאָן־ביימל בײַ דער אַלטאַנקע, דאָס ביימל וועט נישט גיין, ביין. . .

ס'איז אומדערטרעגלעך געווען יאַקאָוון צו הערן דידאַזיקע צו דייטלעכע שטימע און צו קוקן אויף די ברוסט־ביינער, וואָס האָבן זיך נישט מענטשלעך אויפגעהויבן אינדערהייך, ממש ווי אַ ווינקל פון אַ קאַסטן. און בכלל איז קיין שום מענטשלעכס נישט פאַרבליבן אין דעמדאָזיקן קופּקעלע אומבאַוועגלעכע ביינער, באַדעקטע מיט שוואַרצן, אין די הענט, וואָס האָבן געהאַלטן אַ גרויסן, קופּערנעם צלם. ס'איז אַ שאָד געווען דער פעטער, אָבער ס'האָט זיך פונדעסטוועגן געקלערט: נאָכוואָס איז דאָס איינגעפּירט געוואָרן, אַז אַלטע לייט און בכלל היימישע מענטשן זאָלן שטאַרבן פאַר אַלע אין די אויגן ?

צוואַרטנדיק אַ ביסל, צי דער ברודער וועט נישט זאָגן נאָך עפּעס, איז דער פאָטער אַוועקגעגאַנגען אונטער דער האַנט מיט יאַקאָוון, שווייגנד אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אונטן האָט ער געזאָגט:

— ער שטאַרבט.

— יאָ ? — האָט געזאָגט מיראָן, זיצנדיק בײַם טיש, באַדעקנדיק אַ העלפט פון זיין גוף מיט אַ ריזיקן צייטונגס־בלאַט; פרעגנדיק, האָט ער נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דער צייטונג, נאָר דערנאָך האָט ער זי אַוועקגעוואָרפן אויפן טיש און געזאָגט אין ווינקל אַריין צום ווייב:

— איך בין גערעכט געווען, — לייען !

— טאָקע באמת, מיראָן, טאָקע אַ מלחמה ?

— אָט איז אויך דער צווייטער אַרטאַמאָנאָוו, האָט הויך דערמאַנט פּיאָטר.

— זיי זאָגן, נאַטירלעך, ליגנט, — האָט געזאָגט מיראָן צום ווייב אָדער יאַקאָוון, וועלכער האָט אויך, איבערגעבויגן איבער דער צייטונג, געלייענט די אומרויִקע טעלעגראַמעס, איבערלייגנדיק זיך: מיט וואָס דאָס אַלץ דראָעט אים ? אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער איז, אַ

מאַך טויענדיק מיט דער האַנט. אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף, דאָרט האָט די זון אַזוי אָנגעגליט די קיזלשטיינער, אַז זייער וואַרעמקייט האָט אים דורכגענומען דורך די ווייכע זוילן פון די סאַמעטענע שטיוול; פון פענצטער האָבן זיך געשאָטן מיראַנס טרוקענע, באַלערנדיקע ווערטער; יאַקאָוו, שטייענדיק מיט דער צייטונג אין דער האַנט, האָט געזען, ווי דער פּאָטער האָט אַ דראָע געטון שמעצן מיט זיין רויטער פויסט.

אויפן דריטן טאָג, באַלד אינדערפרי, זענען געקומען צו פאָרן די מאָנאַכן; זיי זענען געווען זיבן. אַלע פון פאַרשידענעם וואוקס און פאַרנעם, האָבן זיי זיך אויסגעוויזן יאַקאָוון אַלציינע, ווי ביי־געבוירענע. בלויז איינער פון זיי, דער סאַמע העכסטער, אַ מאָגער, מיט אַ געדיכטער באָרד און מיט אַ נישט צוגעפּאַסטער פאַר אַ מאָנאַך און פאַרן מאָמענט הויכער, פריילעכער שטימע, יענער, וואָס איז געגאַנגען פאָרויס פון אַלע מיט אַ גרויסן, שוואַרצן צלם אין די הענט, האָט אַזוי ווי נישט געהאַט קיין פּנים; ער איז גע־ווען אַ פליכיקער. זיין נאָז האָט זיך צעפלאָסן איבער די באַקן און אַ חוץ די צוויי שוואַרצע גריבעלעך צווישן דעם פליך און דער באָרד האָט מען באַ אים אויפן אָרט פון פּנים גאָרנישט גע־זען. גייענדיק, האָט ער אַזוי פאַמעלעך געהויבן די פיס, גלייך ער וואָלט בלינד געווען; ער האָט געזונגען אויף דריי שטי־מען:

— הייליקער גאָט, — נידעריק, כמעט מיט אַ באַס;

— הייליקער גאָט, — העכער, טענאָרמעסיק, און —

— הייליקער אומשטערבלעכער, דערבאַרעם זיך איבער אונז! —

אַזוי הילכיק, אַז די ייִנגלעך, אַרויסלויפנדיק פאָרויס, האָבן מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אין זיין באָרד אַריין, וואָס האָט כולל גע־ווען אין זיך דאָס אומגעוועגנע דריי־שטימיקע מויל.

ווען די לוויה איז אַרויסגעקומען פון דער גאַס אויפן מאַרק־פלאַץ, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פלאַץ איז ענג געפּאַקט מיט איינוואוינער, רעזערוויסטן, מיט די זעלנער פון פאָרוטשיק מאַוורין, מיט קאַפּצאָליקער באַטשאַלסטוואַ און גלחים אין צענטער פון עולם. דער קאַלטבלוטיקער פאָרוטשיק מאַוורין איז פאַראַדמעסיק, ווי אַ

מאָנומענט, געשטאַנען בראש פון זייגע זעלנער, אים האָט באַלויכטן די זון; די קאָנוס־געשטאַלטיקע פּאָפּן און דיאַקאָנען זענען אויך געשטאַנען ווי גאָלדענע גולמס, זיי זענען צעגאַנגען, זיך געשמאָלצן אויף דער זון, דער אָפּגלאַנץ פון די ריזעס איז אויך געפאַלן אויף דעם פּאָרוטשיק מאַוורין; פאַר אַ שטענדער איז אונטערגעשפּרונגען, פאָכענדיק מיטן היטל, אַ דיקער אָפּיציר מיט אַ בלעכערנעם קאָפּ.

דער דריי־שטימיקער מאָנאַך האָט, שאָקלענדיק מיטן שוואַרצן צלם, זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער וואַנט מענטשן און מיט אַ באַס געזאָגט:

— רוקט זיך פונאַנדער!

אָבער די מענטשן האָבן זיך פונאַנדערגערוקט נישט פאַר אים, נאָר פאַרן רויטן, לאַנגן פערד פון עקע, דעם געהילף־איספּראַווניק, — פאָכענדיק מיט אַ ווייסער הענטשקע איז ער אַרויפגעפאָרן אויפן מאָנאַך, אָפּגעשטעלט דאָס פערד קווער דער גאַס און אַ געשריי געטון מיט פאַריבל, באַליידיקט:

— וו־וואוהין? איר זעט נישט, צי וואָס? צוריק!

דער מאָנאַך האָט, אויפהייבנדיק דעם צלם, אַ צי געטון:

— הייליקער גאָ־אָ...

— הוררא! — האָט אַ געשריי געטון דער אָפּיציר און דער גאַנצער המון אויפן פּלאַץ האָט מיט טויזנטער קולות ווילד אַרויסגעבּרילט:

— הור־ראַ־אַ...

און עקע, אויפשטעלנדיק זיך אויף די ביגלען, האָט אויך געשריגן:

— פּיאָטר איליטש, זייט אַזוי גוט, דורך דעם זייטיקן געסל! שניידט דורך! מיראָן אַלעקסייעוויטש — איך בעט אייך! דאָ איז — אַ באַגייסטערונג, און איר — ווי קאָן מען דאָס?

אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער, שטייענדיק צוקאָפּנס פון אַרון, געפירט אונטער די הענט דורכן ווייב און יאַקאָוון, האָט אַ קוק געטון פון אונטן אַרויף אויף עקעס הילצערן פּנים און באַטריבט געזאָגט די מאָנאַכן, וועלכע האָבן געטראָגן דעם אַרון:

— דרייט זיך אַראָפּ, פּאַטערס...
און אַרויסכליפּענדיק, האָט ער צוגעגעבן:
דאָס לעצטע מאָל, זעט אויס, שאַף איך...
דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעוויזן יאַקאָון נישט אָנשטענדיק, זאָגאַר עטוואָס קאָמיש, נאָר ווען מען האָט זיך אַראָפּגעדרייט אין געסל, וואו פּאָלינאַ האָט געוואוינט, האָט ער זי דערזעען שנעל גיין אַ קייגן דער לויה, זי איז געגאַנגען אין אַ ווייס קלייד, אונטער אַ ראָזן שירם, און איילִיק געצלמט די רעליעפע, שטייף אייגעצויגענע ברוסט.
— אָנקוועלן פון מאַורינגן גייט זי, — האָט ער גלייך תופס געווען און איז דערשטיקט געוואָרן פון שטויב, פון אויפרעגונג. די מאַנאַכן האָבן גענומען גיין שנעלער, דער שוואַרצבערדיקער האָט אָנגעהויבן זינגען שטילער, פאַרטראַכטער, און דער כאָר משוררים איז גאָר איינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן.
הינטער דער שטאָט, קייגניבער די טויערן פון שעכטהויז, איז געשטאַנען עפּעס אַן אויסטערלישער וואָגן, באַדעקט מיט שוואַרצן טוך, איינגעשפּאַנט אין אַ פּאָר בונטע פערד, דעם ארון האָט מען אַוועקגעשטעלט אויפן וואָגן און מען האָט אָנגעהויבן אָפּריכטן די הזכרה, און פון דער גאַס, ממש פון אַ רער, האָט זיך דערטראָגן אַ פייערלעכער געבריל פון מעש, די מוזיק האָט געשפּילט „גאָט דעם קייסער באַשיץ״, ס׳האָבן געקלונגען די גלעקער פון דריי צערקוועס און ס׳איז צוגעפלאָסן דער שטויביקער, רויכיקער ריטש:
— ר-ר-ר-אַ-אַ!
יאַקאָון האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט די קאָמאַנדע פון פּאָרוטשיק מאַורין:
— ר-נאַ-אָ!
נאָך דער הזכרה האָט מען געדאַרפט פאָרן אין הויז אַריין — צו דער מומע, לאַנג זיצן באַם מאָלצייט-טיש, הערנדיק דאָס בייזע וואָרקען פונם פּאַטער:
— וועלכער שוטה האָט געהייסן אוועקשטעלן די פערד קעגנאיבער דעם שעכטהויז, האַ?

— די פּאָליציי, פּאָליציי, — האָט באַרויקט מיטיאַ און דערקלערט: — ס'איז נישט באַקוועם, פאַרשטייט איר: אַ נאַציאָנאַלע באַגייסטערונג, און דאָ — אַ לוויה־וואָגן! ס'פּאַסט נישט...

מיראָן האָט, אָפּלעקנדיק דעם שמייכל, גערעדט צום דאָקטאָר יאַקאָוולעוון, וועלכער האָט באַזונדער זיך געוואָרפן אין די אויגן אַריין אין שווערע, נישט אָנגענעמע טעג:

— אָבער ווײַבאַלד מיר וועלן סאָלידאַר זיך אַ לייג אַרויף טון מיטן בויך, ווי מיטקאַ אין „זילבערנעם פּירשט"... סוף כּל סוף ווערט אַלץ אין לעבן דעצידירט דורך צאָל־פּאַרהעלטניש...

— דורך דער טעכניק, — האָט דערווידערט דער דאָקטאָר.

— טעכניק? נו, יאָ... אָבער...

ערשט איבאָוונט, אַרום צען אַ זייגער האָט יאַקאָוו געקאָנט זיך אַרויסרייסן פון דערדאָזיקער לאַנגווייליקער פּלוידעריי און איז אַוועקגעלאָפן צו פּאָלינען, שפּירנדיק אַן אומרויקייט, וואָסערע ער האָט נאָך קיינמאָל ביזן דאָזיקן מאָמענט נישט פאַרזוכט, פאָרפילנדיק, אַז ס'האָט געמוזט געשען עפּעס אומגעווייגלעכס. געוויס, אַזוי איז טאַקע געשען:

— צָך, — האָט געזאָגט פּאָלינעס קעכין, ווען יאַקאָוו, אַרייַנגייענדיק דורכן הויף, איז אַרייַנגעקומען אין קיך; געזאָגט און שווער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק באַם אויוון.

— היר, נידערטרעכטיקע, — האָט געענטפערט יאַקאָוו און זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער טיר אין צימער אַרײַן, צוהערנדיק זיך צו די דייטלעכע, זעלנערישע טריט און דער באַקאַנטער, מיליטערישער שטימע:

— אָט אַזוי, מען דאַרף זיך איבערלייגן — אַזוי אָדער נישט אַזוי?... לייגט־זשע זיך איבער.

— אויף איר רעדט ער, — האָט אַ קלער געטון יאַקאָוו — ס'קאָן זײַן ס'איז נאָך גאָרנישט געווען.

אָבער אויפעפענענדיק די טיר, נאָך שטייענדיק אויף דער שוועל, האָט ער זיך גלייך איבערצייגט, אַז ס'איז שוין אַלץ געווען: דער קאָלטבלוטיקער פּאָרוטשיק, שטרענג צונויפגערוקט די ברע-

מען, איז געשטאַנען אינמיטן צימער אין אַ צעקנעפּלטן קיטעל, האַלטנדיק די הענט אין די קעשענעס; פון אונטערן קיטעל אָפער האָבן זיך אַרויסגעזעען די שעלקעס און איינע פון זיי איז אָפּגע־קנעפּלט געווען פון די הויזן; פּאַלינאַ איז געזעסן אויף דער קאַ־זעטקע, פאַרוואָרפן איין פוס אויפן צווייטן, דער זאָק אויף איין פוס האָט זיך אַראָפּגערוקט; אירע לעבעדיקע אויגן זענען אומגע־ווייגלעך קיילעכיק, און דאָס פּנים, געדיכט פאַרגאָסן ווערנדיק מיט ראָזקייט, ווערט טונקל־רויט.

— ב־נו־ס? — האָט אַ פרעג געטון דער קאַלטבלוטיקער פּאָרוטשיק און מיט זיין פראַגע ענדגילטיק באַפעסטיקט אַלע פאַר־דאַכטן יאַקאָווס. ער האָט געמאַכט אַ טריט פאָרויס, אַוועקגעוואָרפן דעם הוט אויף אַ שטול און געזאָגט מיט אַן אומבאַקאַנטער, איבער־געריסענער שטימע:

— איך קום — פון דער לוויה... פון הזכרה־מאַלצייט...

— יאָ? — האָט פרעגנדיק, מיט אַ טאָן פון אַ באַלעבאָס זיך אָפּגערופן דער פּאָרוטשיק, פּאַלינאַ, פאַרציִענדיק אַזוי, אַז דער פּאַפּיראָס האָט אַזש אַ קנאַק געטון, האָט געזאָגט מיט רויק, אָבער נישט שולדיק, באַר ביטולדיק:

— איפּאָליט סערגייעוויטש רעדט מיך אָן צו ווערן אַ באַרמ־האַרציקע שוועסטער...

— אַ שוועסטער? מ־יאָ, — האָט אַרויסגעזאָגט יאַקאָוו, צו־שמייכלענדיק, — דאַן האָט דער קאַלטבלוטיקער פּאָרוטשיק, אַ שפּרייז געבנדיק צו אים, דייטלעך געפרעגט:

— וואָס באַטייט דאָסדאָזיקע שמייכעלע? איך בעט צו גע־דענקען: איך האָב נישט ליב קיין איבערטרייבונגען! איך לייד נישט!

אין דידאָזיקע צוויי, דריי מינוט האָט יאַקאָוו געשפּירט, ווי דורך אים זענען דורכגעגאַנגען הייסע שטראָמען פון באַליידיקונג, כעס, דורכגעגאַנגען און איבערגעלאָזט אין אים אַ קלעמענדיק, כמעט אַ פּיינלעך באַוואוסטזיין, אַז דידאָזיקע קליינע פרוי איז אים נייטיק אַזוי, ווי וועלכער ס'איז טייל פון זיין קערפּער און אַז ער קאָן נישט דערלויבן זי אָפּצורייסן פון אים. פון דעמדאָזיקן באַוואוסט־

זיין האָט זיך צו אים אומגעקערט דער כעס, ער איז פאַרגליווערט געוואָרן, אויפגעשטאַנען, אַריינרוקנדיק די האַנט אין קעשענע:

— גיי נישט צו! — האָט ער אַ וואָרן געטון דעם פאַרוטשיק, פילנדיק, אַז באַ אים רוקן זיך אַרויס די אויגן אַזוי, אַז זיי טוען אַזש וויי.

— פאַרוואָס ספּעס? — האָט געפרעגט דער פאַרוטשיק און נאָך אַ שפּריינז געטון. זיין אַנטיפּאַטישער מאַניר צו פאַרטאָפּלען די אותיות אין די ווערטער איז תּמיד נישט געפעלן יאַקאָוון, נאָר אין דערדאָזיקער מינוט האָט עס אים אַריינגעברענגט אין רציחה, ער האָט געוואָלט אַרויסרייסן די האַנט פון קעשענע, אַ געשריי געטון:

— כ'דערהרגע דיך!

דער פאַרוטשיק מאַווריִן האָט אים אָנגעכאַפּט באַ דער האַנט, פינגער זי צונויפגעקוועטשט באַ דער דלאָניע, דער רעוואָלווער האָט טויב אויסגעשאָסן אין קעשענע, דערנאָך האָט יאַקאָוו האַנט מיט אַ שאַרפן ווייטיק, ווי זי וואָלט זיך צעבראָכן אין עלנבויגן, זיך אַרויסגעריסן פון קעשענע, דער פאַרוטשיק האָט אַרויסגענומען פון זיינע פינגער דעם רעוואָלווער און, אַוועקוואַרפנדיק אים אויף אַ פאָטעל, געזאָגט:

— נישט געראָטן!

— יאַשאַ, יאַשאַ! — האָט אַרטאַמאָנאָוו געהערט אַ הויכן פליסטער.

— איפּאָליט סערגייעוויטש, — מיינע הערן! איר זענט פון זינען אַראָפּ? איבער וואָס? דאָס איז דאָך — אַ סקאַנדאַל! איבער וואָס אָבער?

— נ-נו, — האָט פאַרטויבנדיק געזאָגט דער קאַלטבלוטיקער פאַרוטשיק, אָננעמענדיק יאַקאָוון באַ דער באָרד, רייסנדיק זי אַראָפּ אונטן און דערמיט צווינגענדיק צו נייגן זיך צו אים: — בעט — פאַרצייונג — שוטה!

באַ יעדן וואָרט, און צעהאַקנדיק די לאַנגע אויף צוויי, האָט ער געריסן די באָרד אַראָפּ, דערנאָך מיט אַ לייכטן קלאַפּ אין דער גאָמבע אַריין געגייט אויפצוהייבן זי.

— אוי, ווי שענדלעך, אוי! — האָט געפּליסטערט פּאַלינאַ, כאַפּנדיק דעם פּאַרוטשיק באַם עלנבויגן.

יאַקאָוו האָט נישט געקאָנט רירן מיט דער רעכטער האַנט, נאָר, פּעסט צונויפפּרעסנדיק די ציין, האָט ער אָפּגעשטופּט דעם פּאַרוטשיק מיט דער לינקער; ער האָט געמרוקעט, איבער זיינע באַקן זענען גערונען טרערן פון דערבידערונג.

— נישט דערוועגן זיך מיך אָנצורירן! — האָט אַרויסגעברילט דער פּאַרוטשיק און, אַוועקשטופּנדיק, אים אַריינגעזעצט אין פּאָטעל, אויפן רעוואָלווער. דעמאָלט איז יאַקאָוו, פאַרדעקנדיק דאָס פּנים מיט די הענט, באַהאַלטנדיק די טרערן, פאַרשטאַרבן געוואָרן אין האַלב חלשות, קוים הערנדיק, דורך דעם רויש אין קאָפּ, פּאָלינעס געשרייען:

— גאָט מיינער, ווי נישט פיין דאָס איז! און דאָס טוט איר, איר! אַזאַ סקאַנדאַל! פאַרוואָס?

— גייט צום טייוול, פריילין! — האָט געזאָגט דער פּאָרוטשיק מיט אַ גאָס־אייזערנער שטימע. — אָט האָט איר אַ רובל פאַרן פאַרגעניגן, — ד־דאָס איז גענוג! איך פאַרטראָג נישט קיין איבערטרייבונג, אָבער איר זענט די געוויינלעכסטע...

טרעטנדיק אויף דער פּאָדלאָגע מיט שווערע קלעפּ פון די פיס, איז דער פּאָרוטשיק, אַ קלאַפּ געבנדיק מיט דער טיר, פאַרשוואונדן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ שטילן קלונג פון גלעזל פונם הענגלאָמפּ און אַ קורצן קוויטש פון פּאָלינען. יאַקאָוו איז אויפגעשטאַנען אויף די ווייכע פיס, זיי האָבן זיך געבויגן, דער גאַנצער קערפּער זיינער האָט געציטערט, ווי אַ געפרוירענער; אינמיטן צימער אונטערן לאָמפּ איז געשטאַנען פּאָלינאַ, דאָס מויל איז באַ איר געווען אָפן, זי האָט געכריפּעט, קוקנדיק אויף דעם ברודיקן פּאַפּירל אין איר האַנט.

— סוואָלאָטש, — האָט געזאָגט יאַקאָוו. — נאָכוואָס האָסטו דאָס געטון? און — נאָך געזאָגט... דערהרגענען דאַרף מען דיך...

די פרוי האָט אַ קוק געטון אויף אים, אַוועקגעוואָרפן דאָס

פּאַפּירל אויף דער פּאָדלאָגע און הייזעריק, מיט שטויבונג, אַ צי געטון:

— סאַ-אַראַ אויסוואורף...

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ פּאָטעל, זיך איינגעבויגן, אָנכאַפּנדיק מיט די הענט דעם קאָפּ און יאַקאָוו, געבנדיק איר אַ קלאַפּ מיט דער פויסט איבערן אַקסל, האָט אַ געשריי געטון:

— לאָז! גיב אַהער דעם רעוואָלווער...

נישט רירנדיק זיך, האָט זי אַלץ אַזוי דערשטוינט געפרעגט:

— האָסטו מיך טאַקע ליב?

— איך האַס!

— זאָגסט ליגנט! האָסט ליב אַצינד!

זי האָט אַ שפּרונג געטון אויף אים אַזוי שנעל, אַז יאַקאָוו האָט נישט באַוויזן זי אָפּצושטויסן, זי האָט אים אַרומגענומען באַם האַלז, און מיט פייערדיקער עקשנות, אָפּבריענדיק מיט די בייסנדיקע קושן, הייס אים עטעמענדיק אין די אויגן, אין מויל אַריין, האָט זי געפּליסטערט:

— זאָגסט ליגנט, האָסט ליב, האָסט ליב. און איך אויך — נאַ! אַך, דו ווייכער, סאָליאָניעצקי מיינער...

סאָליאָניעצקי, איר באַליבט צערטלעך ווערטעלע, וואָס האָט דאָס אַרויסגעבראַכט בלויז אין מינוטן פון שטאַרקער צערטלעכקייט און דאָס האָט תמיד פאַרשכורט יאַקאָוון ביז צו אַ מין וויסער און צאַרטער היהשקייט. אַזוי איז אויך געשען אין דערדאָזיקער מינוט; ער האָט געקוועטשט, געקניפּן, זי געקושט און געמורמלט, שטיקנדיק זיך:

— כלבטע. פּאַסקודניצע. דו ווייסט דאָך...

אין אַ שעה אַרום איז ער געזעסן אויף דער קאָזעטקע, זי איז געלעגן באַ אים אויף די קניען; וויגנדיק זי, האָט ער מיט פאַרוואונדערונג געקלערט:

— ווי שנעל אַלץ איז אַריבער!...

און זי האָט פאַרמאַטערט גערעדט:

— איך בין בייז געווען, כ׳האָב דיך געוואָלט אַוועקוואַרפן, דו ביסט כּסדר פאַרנומען מיט די אייגענע, מיט לוויות, אָבער מיר איז אומעטיק. און איך האָב נישט געוואוסט, צי האָסטו מיך ליב. אַצינד וועסטו שטאַרקער ליב האָבן, וועסט זיין אייפערזיכטיק, וואָרים אַז ס׳איז דאָ אייפערזוכט...

— אַוועקפאָרן וואָלט מען באַדאַרפט פונדאַנען, — האָט מיר געזאָגט יאַקאָוו.

— יאָ. קיין פּאַריז. איך קאָן פראַנצויזיש.

קיין פייער האָבן זיי נישט אָנגעצונדן, אין צימער איז געווען פינצטער און דושנע, אינדרויסן האָבן געשריגן רעזערוויסטן-סאָלדאַטן, ווייבער, כאָטש ס׳איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט.

— איצט וועסטו קיין אויסלאַנד נישט אַוועקפאָרן, ס׳איז דאָרט — מלחמה, — האָט דערמאַנט יאַקאָוו. — אַ מלחמה, דער טייוול זאָל זיי נעמען...

די פרוי האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן איריקן:

— אָן אייפערזוכט האָבן בלויז הינט ליב. דו גיב אַ קוק: אַלע דראַמעס, ראָמאַנען, — אַלץ איז פון אייפערזוכט...

יאַקאָוו האָט אַ שמייכל געטון, אַ ציטער טוענדיק:

— דער רעוואָלווער האָט נאָך גוט אויסגעשאָסן, די קויל האָט געקאָנט מיר טרעפן אין פוס אַריין, אָבער ס׳איז נאָר בלויז אין די הויזן אַ לעכעלע.

פּאָלינאַ האָט אַריינגעשטעקט אין לעכעלע דעם פינגער און פלוצלינג אַרויסכליפּענדיק, געזאָגט מיט שטילן, נאָר פאַרביסענעם כּעס:

— אָך, אַ שאָד, וואָס דו האָסט נישט באַוויזן אים צו דערשיסן! אין דעם שטייפן, אין דעם גומענעם בויך אַריין, וואָלט מען אים געדאַרפט!

— שווייג! — האָט געזאָגט יאַקאָוו, שטאַרק אַ שאָקל געבנדיק זי, נאָר זי האָט פאַרגעזעצט, צופייפנדיק דורך די ציין, און אַלץ אַזוי פאַרביסן:

— אַ מנוול! ווי ער האָט עס מיך אויסגעזידלט! איר זענט אַלע אַזעלכע... איר פֿאַרשטייט גאָרנישט אין דער פֿרוי!

און אַרויפֿהייבנדיק די געשוואָלענע ליפּן, ווייזנדיק די פֿעסט צונויפֿגעדריקטע פֿוקסישע ציין, האָט זי דערגאַנצט:

— ווײַבאַלד אַ פֿרוי האָט פֿאַרראַטן, הייסט דאָס דאָך נאָך נישט, אַז זי האָט שוין נישט ליב!

— שווייג, זאָג איך, — האָט אַ געשריי געטון יאַקאָוו און אַזוי זי צוגעדריקט, אַז זי האָט אַרויסגעקרעכצט:

— אוי, אַט אַזוי פֿיל איך, האָסט זיי! יאַשאַ, סאָליאָניעצקי, מײַנער...

ער איז אַוועקגעגאַנגען פֿון איר פֿאַרטאָג מיט אַ לײַכטן גאַנג, פֿילנדיק זיך ווי אַ מענטש, וועלכער האָט אין אַ געפֿערלעכן שפּיל אויסגעשפּילט עפּעס ווערטפֿולס. דעם שטילן יום־טוב אין זײַן נשמה האָט נאָך אויך פֿאַרשטאַרקט דאָס, וואָס ווען ער האָט, אַוועקגייענדיק, געבעטן בײַ פּאָלינען דעם רעוואָלווער, וואָס זי האָט געהאַט באַהאַלטן, און זי האָט אים נישט געוואָלט אָפּגעבן, איז יאַקאָוו געווייט געווען צו זאָגן איר, אַז אָן דעם רעוואָלווער האָט ער מורא צו גיין און האָט איר מיטגעטיילט די געשיכטע מיט באַסקאָוון. אים האָט זייער דערפֿרייט פּאָלינעס שרעק, איר אויפֿרעגונג האָט אים איבערצייגט, אַז ער איז אירווירקלעך טייער, אַז זי האָט אים ליב. אָכצענדיק, פּאַטשענדיק מיט די הענט, האָט זי גענומען אים פֿאָרוואַרפֿן:

— פֿאַרוואָס האָסטו מיר נישט געזאָגט וועגן דעם?

און האָט אומרויִק געטראַכט:

— געוויס, דאָס איז זייער אינטערעסאַנט — אַ געהיים־אַגענט! אָט, אַ שטייגער, שערלאָק האָלמס, — דו האָסט געלייענט? נאָר בײַ אונדז זענען דאָך זיכער די געהיים־אַגענטן — אויך אויסוואורפֿן?

— געוויס, — האָט באַשטעטיקט יאַקאָוו.

אָפּגעבנדיק אים דעם רעוואָלווער, האָט זי זיך געוואָלט איבערצייגן, צי ער שיסט גוט און אָנגערעדט יאַקאָוון אויסצושיסן אין אָפֿענעם אייוועלע, צוליב וואָס יאַקאָוון איז אויסגעקומען צו לייגן

זיך מיטן בויך אויף דער פּאָדלאָגע; זי האָט זיך אויך אַנידערגע־לייגט; יאַקאָוו האָט אויסגעשאָסן, פון אייוועלע האָט אויף זיי בייז אַ בלאָז געטון מיט אַש, און פּאָלינאַ, אַרויסאָכצענדיק, האָט זיך אַוועקגעקייקלט אין אַ זייט, דערנאָך, אויפהייבנדיק די דלאָניע, שטיל געזאָגט:

— זע!

אין אַ קאָלירטער קאַפּליע איז געווען אַ קליינטשיק, קרום און טיף גייענדיק לעכעלע.

— ווען דו גיסט אַ קלער, אַז אַהין איז אַוועק דער טויט! — האָט געזאָגט פּאָלינאַ, זיפצנדיק, אָנכמורענדיק די דין געצייכנטע ברעמען.

און קיינמאָל האָט נאָך יאַקאָוו זי נישט געזען אַזוי באַחנט, נישט געפילט אַזוי באָענט צו זיך. אירע אויגן האָבן געקוקט קינדע־ריש פאַרוואונדערט, ווען ער האָט דערציילט וועגן באַסקאָוון און קיין שום שלעכטס איז שוין נישט געווען אויף איר שפּיציקן יינגלישן פּנים.

זי פילט נישט קיין שולד, — האָט מיט פאַרוואונדערונג אַ קלער געטון יאַקאָוו און דאָס איז אים געווען אָנגענעם.

באַגלייטנדיק אים, האָט זי געזאָגט, גלעטנדיק יאַקאָווס באָרד:

— אַך, יאַשאַ, יאַשאַ! אָט אַזוי גאָר, הייסט עס! מיר זע־נען — ערנסט? אַך, גאָט מייגער... נאָר דערדאָזיקער מנוול!

זי האָט צונויפגעקוועטשט די פינגער פון די הענט אין איין פויסט און, טרייסלענדיק מיט איר, האָט זי, אַן אויפגעבראַכטע, זיך בעקלאָגט:

— גאָט, וויפיל פּאָדליעצעס!

נאָר פּלוצלינג, אָנכאַפּנדיק יאַקאָווס האַנט, האָט זי פאַר־טראַכט זיך אָנגעכמורעט, זאָגנדיק שטילערהייט:

— שטיי גאָר, שטיי! דאָ איז פאַרהאַן איין פריילין, אַך, פאַרשטייט זיך!

זי האָט אויפגעלויכטן, און, איבערצלמענדיק יאַקאָוון, אים אָפּגעלאָזט:

— גיי, ס אַ ל י אָ נ י ע נ ק י !

דער פרימאָרגן איז געווען אַ קילער, אַ טוייקער; ס'האָט געזיפּצט אַ פאַרטאָגיקער ווינט, דער גרינלעך-פערלדיקער הימל האָט געעטעמט מיט דופט פון עפּל.

— געוויס האָט זי דאָס אָפּגעטון פון כּעס און מען דאַרף התונה האָבן מיט איר אַזויווי נאָר דער פאָטער וועט שטאַרבן, — האָט ער גרויסמוטיק געטראַכט און באַלד דערויף זיך דערמאַנט די קאָמישע ווערטער פון סעראַפים דעם ט ר י י ס ט ע ר :

— איטלעכעס מיידל איז — אַ טרענקענדיקע, זי כאַפּט זיך אָן אָן אַ שטרויעלע. דאָ טאַקע כאַפּ זי !

ס'האָט באַאומרויקט דער געדאַנק וועגן דעם קאַלטבלוטיקן פאָרוטשיק, ער איז נישט ענלעך צו קיין שטרויעלע, ער האָט זיך צעבייזערט און וועט, מסתּמא, אָפּטון להכעיסן. אָבער דעם פאָרוטשיק האָט מען געדאַרפט אַוועקשיקן אויף דער מלחמה. און אפילו וועגן נאָסקאָוון האָט זיך יאַקאָוו אַרטאַמאָנאָוון געטראַכט רויקער, כאָטש מיט חשד אַרומקוקנדיק זיך, האָט ער שטאַרק זיך צוגעהערט און געקוועטשט אין קעשענע דאָס הענטל פון רעוואָלווער, — אָפטער פון אַלעם פלעגט נאָסקאָוו כאַפּן יאַקאָוון גראָד אין דידאָזיקע שעהן.

אָבער ס'איז אַריבער אַ וואָך צוויי און דער פּחד פאַרן יעגער האָט אויפסניי אַרומגענומען אַרטאַמאָנאָוון מיט אַ טשאַד-רויך. זונטיק, באַקוקנדיק דעם וואַלד, וואָס איז געקויפט געוואָרן בײַ וואָראָפאָנאָוון צום אויסהאַקן, האָט יאַקאָוו דערזען נאָסקאָוון, ער האָט זיך דורכגעקליבן דורך דער געדיכטעניש, באַהאָנגען מיט קאַפּקאַנעס, מיט אַ זאַק אויף דעם רוקן.

— אַ גליקלעכע באַגעגניש פאַר אייך, — האָט ער געזאָגט צוגייענדיק, אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל; געטראָגן האָט ער עס זעלנעריש: איינגעבראָכן דעם אייבערשטן קאַנט אויף דער רעכטער ברעם אַרויף און, אַראָפּנעמענדיק, האָט ער נישט אָנגענומען בײַם דאַשעק, נאָר אינדערהייך.

נישט ענטפערנדיק אויף זיין אויסטערלישער באַגריסונג, אין

יועלכער ס'האָט זיך געפּילט אַ דראָונג, האָט יאַקאָוו צונויפגעפּרעסט די ציין און קראַמפּהאַפט אַ קוועטש געטון דעם רעוואָלווער אין קעשענע. נאַסקאָוו האָט אויך געשוויגן באַ אַ מינוט, געציפּט מיטן פינגער די פאַדשעווקע פון היטל און נישט געקוקט אויף יאַקאָוון.

— נו? — האָט געפרעגט יאַקאָוו; נאַסקאָוו האָט אויפגעהויבן די הינטישע אויגן און, צוגלעטנדיק די קאַפּויער שטייענדיקע, שטעכנדיקע האָר, אַ זאָג געטון דייטלעך:

— אייער ליבע, ד. ה. פּעלאַגעיאַ אַנדרעיעוונאַ, האָט זיך באַקענט מיטן פּאָפּ סלאַדקאָפּעווצעווס טאָכטער, זאָגט־זשע איר, אַז זי זאָל דאָס אַוועקוואַרפן.

— פאַרוואָס?

— אַזוי איז עס...

און איינהערנדיק זיך אַ ווײַלע אין דעם געקלאַנג פון די גלעקער אין שטאָט, האָט דער יעגער צוגעגעבן:

— איך גיב אייך אַן עצה פון גאַנצן האַרץ, איך ווינטש אייך גוטס. און איר שענקט מיר אַ קערבלעך...

ער האָט אַ קוק געטון אין הימל אַריין און אָפּגעציילט:

— פינף און דרייסיק.

— דערשיסן, דעם כּלב! — האָט געטראַכט יאַקאָוו אַרטאַמאַנאָוו, אָפּציילנדיק דאָס געלט.

דער יעגער האָט גענומען די פּאַפּירלעך, האָט זיך אויסגעדרייט אויף די קרומע פיס, אַ קלונג געבנדיק מיטן אייזן פון די קאַפּקאַנען און, נישט אָנטוענדיק דאָס היטל, אַרײַנגעקראָכן אין דער געדיכטעניש, און יאַקאָוו האָט דערפילט, אַז דערדאָזיקער מענטש איז אים געוואָרן נאָך שווערער נישט אָנגענעם.

— נאַסקאָוו! — האָט ער נישט הויך אַ רוף געטון, און ווען יענער איז געבליבן שטיין, האַלב פאַרדעקט מיט די לאַפּעס פון די יאָדלעס, האָט יאַקאָוו אים פאַרגעלייגט:

— וואָלסט דאָס בעסער אַוועקגעוואָרפן!

— נאָכוואָס? — האָט געפרעגט נאַסקאָוו, אויסשטרעקנדיק דעם קאָפּ פאָרויס, אַרטאַמאַנאָוון האָט זיך געדאַכט, אַז אין נאָס-

קאַווס ליידיקע אויגן לייכט עפּעס אַ מורא אָדער עפּעס אַ בייז־קייט.

— ס׳איז אַ געפערלעכע זאַך, — האָט דערקלערט יאַקאָוו.

— מען דאַרף קענען, — האָט געזאָגט נאַסקאָוו און זיינע אויגן זענען פאַרלאָשן געוואָרן. פאַר אַזעלכן, וואָס סעז נישט, איז — אַלץ געפערלעך.

— ווי דו ווילסט.

— אַ קייגן אייער טובה רעדט איר.

— וואָס פאַר אַ טובה איז דען דאָ, אין פיינדשאַפט, — האָט אַרויסגעמורמלט יאַקאָוו, באַדויערנדיק, וואָס ער האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אַ שפּיאָן.

— ער חקרנט נאָך, דער אידיאָט...

אָבער נאַסקאָוו האָט באַלערנד געזאָגט:

— אָן דעם — לעבט מען נישט. בײַ איטלעכן איז — זיין פיינדשאַפט, זיין גויט. צום ווידערזען!

ער האָט זיך אויפגעדרייט מיטן רוקן צו יאַקאָוון און זיך אַריינגעריסן אין דער געדיכטער גרינקייט פון די יאַדלעס. הערנ־דיק אַ ווײַלע, ווי ער שורשעט מיט די שטעכיקע ביימלעך, ווי ס׳קרעכצן די טרוקענע צווייגן, איז יאַקאָוו גיך אַוועק צום אויסגע־האַקטן אָרט, וואו ס׳האָט אויף אים געוואַרט די פערד און ברישט־קע, און האָט אַוועקגעאיילט אין שטאָט אַריין, צו פּאָלינען.

— דאָס הייסט אַ מנוול! — האָט כמעט פריידיק זיך פאַר־וואונדערט פּאָלינאַ. — ער איז שוין געוואויר געוואָרן, אַז זי קומט אַריין צו מיר? ווי געפעלט אייך די מעשה!

— נאָכוואָס פירסט דו באַקאַנטשאַפטן מיט אַזעלכע? — האָט בייז פאַרגעהאַלטן יאַקאָוו, אָבער זי האָט אויך בייז, ציפּנדיק דעם געלן, גאַזענעם שאַרף אויף איר ברוסט, גענומען גאָ־דערן:

— ערשטנס — דאַרף מען דאָס טאַקע פאַר דיינעטוועגן! און צווייטנס: — וואָס זשע זאָל איך מיר ברענגען צו פירן קעץ, הינט, מאַוורינען? איך זיץ אייגע אַליין, ווי אין אַ תפיסה, אויף דער גאַס אַרויסגיין האָב איך נישט מיט וועמען. און זי איז —

אן אינטערעסאנטע, זי גיט מיר ראמאנען, זשורנאלן, פארנעמט זיך מיט פאליטיק, דערציילט וועגן אלעם. איך האב זיך מיט איר צוזאמען אין גימנאזיע בא דער פאפאווא געלערנט. נאכדעם האבן מיר זיך צעקריגט.

שטאמפערנדיק אים מיטן פינגער אין אקסל, האט זי גערעדט אלץ מער אויפגערעגט:

— דו רעדסט דיר איין, אז ס'איז גרינג צו לעבן אלס געהיימע געליבטע? סלאדקאפעווצעווא זאגט, אז א געליבטע, ווי קאלאשן, — איז נייטיק, ווען ס'איז א בלאטע, פארשטייסט? זי פירט א ראמאן מיט אייער דאקטאר און זיי פארבארגן דאס נישט, און דו באהאלטסט מיך אקוראט ווי א בלאטער, שעמסט זיך, גלייך כ'וואלט געווען א לאמע, אהער א הארבאטע. אבער איך בין — אבסאלוט נישט קיין פארזעניש...

— ווארט צו, — האט געזאגט יאקאוו — איך וועל חתונה האבן! איך רעד ערנסט, כאטש דו ביסט טאקע א חזיר...

— ס'איז נאך א פראגע, ווער פון אונז איז חזירישער, — האט זי א געשריי געטון און קינדיש זיך צעלאכט. — סאליא־גיענקי מיינער... א ליבער ביסטו, א נישט גיריקער. אן אנדערער — וואלט געשוויגן; פאר דיר איז דאך דערדאזיקער שפיאן נוצלעך...

ווי תמיד, איז יאקאוו אוועקגעגאנגען פון איר א בארויקטער, און אין זיבן טעג ארום, באלד אינדערפרי, האט דער טאבעלןפירער יעלאגין, א קליינער, איינגעשרומפענער, מיט א קרומער נאז, מיטגעטיילט, אז פארטאג, בעת די וועבער האבן געכאפט פיש, איז דער וועבער מארדוויניאוו, פרווונדיק ארויסראטעווען דעם זיך טרינקענדיקן יעגער נאסקאוו, אליין אויך שיער נישט דערטרונקען געווארן און זיך געלייגט אין שפיטאל אריין. הערנדיק דעם פאנפעדיקן באריכט, איז יאקאוו געזעסן אויסגעצויגן די פיס צוליב דעם, כדי טיפער צו באהאלטן די הענט אין די קעשענעס, די הענט האבן בא אים געציטערט:

— זיי האבן אים דערטרונקען, — האט ער געקלערט און, פארשטעלנדיק זיך דאס גוטמוטיקע פנים מארדוויניאווס, דעם מענטש

מיטן ווייכן, חדיבערישן געזיכט, האָט ער נישט געגלייבט, אַז דער־דאָזיקער מענטש זאָל קאָנען דערהרגענען עמעצן.

— אַ גליקלעכער צופאַל, — האָט ער געטראַכט, מיט פאַר־לייכטערונג אָפּזיפצנדיק. — פּאָלינאַ האָט אויך איינגעשטימט, אַז דאָס איז — אַ גליקלעכער צופאַל.

— געוויס, — גלייכער אַזוי, — האָט זי געזאָגט, ערנסט זיך אָנבמירענדיק, — ווייל, ווען מען וואָלט אים געווען אויף אַ וועלכן ס'איז אַנדערן אופן דערהרגעט, — וואָלט געווען אַ טומל.

נאָר — זי האָט באַדויערט :

— ס'וואָלט אינטערעסאַנטער געווען צו כאַפּן אים, נייטן אים זיך מודה זיין און אויפהענגען, אָדער דערשיסן. דו האָסט גע־לייענט. . .

— דו רעדסט נאַרישקייטן, פּאָלקע, — האָט איר איבערגע־ריסן יאַקאָוו.

ס'איז אַריבער עטלעכע שטילע טעג, יאַקאָוו איז צוגעפאָרן קיין וואַרגאַראַד, ס'האָט זיך אויך אומגעקערט מיראָן, פאַרזאָרגט קרומענדיק זיך, האָט ער געזאָגט :

— באַ אונז איז נאָך פאָרגעקומען עפּעס אַ שמוציקע געשיכטע ; לויט אַ באַפעל פון גובערניע פירט עקע דורך אַן אויספאָרשונג וועגן דעם, באַ וואָסערע באַדינגונגען ס'איז דערטרונקען געוואָרן דער־דאָזיקער יעגער. ער האָט אַרעסטירט מאַרדוויגאָוון, קיריאַקאָוון, דעם קוכער קראַטאָוון, דעמדאָזיקן משוגענעם לץ, — אַלע, ווער ס'האָט געכאַפּט פיש צוזאַמען מיטן יעגער. באַ מאַרדוויגאָוון איז די צורה צעדראַפּעט, אַן אויער אָפּגעריסן. דערין זעט מען, דאַכט זיך, עפּעס פּאָליטיש. . . נישט אין דעם אָפּגעריסענעם אויער, נאַטיר־לעך. . .

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם קלאַוויר, שאָקלענדיק מיט די פּענסנע אויף דעם פינגער, קוקנדיק אין ווינקל אַריין מיט פאַר־מרוזשעטע אויגן. אין דער צעקנאָדערטער שוועדישער קורטקע, אין די רויטלעכע הויזן, אין די הויכע, איבער די קניען, פאַרשטויב־טע שטיוול, איז ער ענלעך געווען צו אַ מאַשיניסט ; זיינע ביינער־דיקע, גלאַטיק אָפּגעראַזירטע באַקן און די פאַרשווירענע וואַנסעס

האָבן דערמאַנט אַ מיליטער-מאַן ; דאָס ווינציק באַוועגלעכע פּנים זיינס האָט זיך כמעט נישט געענדערט, וואָס און וויאַזוי ער זאָל נישט רעדן.

— אַן אידיאָטישע צייט ! — העט ער פאַרטראַכטערהייט גערעדט. — אָט, האָט מען זיך אַריינגעפּאַקט אין אַ נייער מלחמה אַריין. מיר האַלטן מלחמה, ווי שטענדיק, כדי אָפּצוּווענדן די אויגן פון דער אייגענער טפּשות ; מלחמה האַלטן מיט דער טפּשות — קענען מיר נישט, נישטאָ קיין כּוח. און אַלע אונזערע אויפגאַבן זענען דערווייל, אינעווייניק אין לאַנד. אין אַן אַגראַר-לאַנד טרוימט אַן אַרבעטער-פּאַרטיי צוּ פאַרכאַפּן די מאַכט. אין די רייען פון דערדאָזיקער פּאַרטיי איז דער סוזדרישער זון, איליאַ אַרטאָמאָנאָוו, אַ מענטש פון דעם קלאַס, וואָס איז באַרופן דורכצוּפירן די גרויסע עובדה פון אינדוסטריעלער און טעכנישער אייראָפּעיזאַציע פון לאַנד. איין אומגעלומפּערטקייט אויף דער צווייטער אומגעלומפּערטקייט ! דאָס פאַרראַטן די אינטערעסן פון אַ קלאַס וואָלט געדאַרפט באַשטראָפט ווערן, ווי אַ קרימינעל פאַרברעך, אייגנטלעך איז דאָס אַ מלוכה-פאַרראַט... איך פאַרשטיי אַ וועלכן ס'איז אינטעליגענט, אַ גאַריצוועטאָוון, וועלכער איז מיט גאָרנישט געבונדן, וועלכער האָט זיך נישט וואו אַהינצוטון, ווייל ער איז אומבאַגאַבט, נישט אַרבעט-פעיק און קאָן נאָר לייענען, רעדן ; איך געפין בכלל איין, אַז די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט אין רוסלאַנד, — איז בלויז אַן ענין פאַר אומבאַגאַבטע מענטשן...

יאַקאָוון האָט זיך געדאַכט, אַז דער קוזין רעדט, זעענדיק פאַר זיך אַ פולע שטוב מענטשן, ער האָט אַלץ מער פאַרמרוזשעט די אויגן און, לסוף, אינגאַנצן זיי פאַרמאַכט. יאַקאָוו האָט אויפגעהערט צוּ הערן זיינע רייד, קלערנדיק וועגן זייניקן : מיט וואָס וועט זיך ענדיקן די אויספאָרשונג וועגן נאָסקאָווס טויט, ווי אַזוי וועט דאָס אָנרירן אים, יאַקאָוון ?

ס'איז אַריינגעקומען די מעוברתע, צוּ אַ קאָמאָדע ענלעכע, מיראָנס פרוי, האָט אים באַטראַכט און געזאָגט מיט אַ מיד קול :

— גיי אַריין, טוּ זיך איבער !

מיראָן האָט הכנעהדיק אַרויסגעוואָרפן די ברילן אויף דער גאַז און איז אַוועקגעגאַנגען.

אין אַ חודש אַרום, אומגעפּער, האָט מען אַלע אַרעסטירטע אַרויסגעלאָזט; מיראָן האָט שטרענג, מיט אַ טאָן, וואָס דערלאָזט נישט קיין דערווידערונג געזאָגט צו יאַקאָוון:

— שאַף אָפּ אַלע.

יאַקאָוו האָט שוין לאַנג, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, זיך צוגעוואוינט צו פאָלגן די טרוקענע קאָמאַנדע פונם קוזין, דאָס איז געווען אפילו באַקוועם, ס'האָט אַראָפּגענומען די אחריות פאַר די ענינים אין פאַבריק, אָבער ער האָט פונדעסטוועגן געזאָגט:

— דעם קוכער וואָלט מען געמעגט איבערלאָזן.

— פאַרוואָס?

— אַ פריילעכער. אַרבעט שוין לאַנג. פאַרוויילט די מענטשן.

— יאָ? נו, מילא, לאָמיר איבערלאָזן.

און אָפּלעקנדיק די ליפּן, האָט מיראָן געזאָגט:

— לצים זענען ווירקלעך נוצלעך.

אַ געוויסע צייט האָט זיך יאַקאָוון געדאַכט, אַז אין אַלגעמיין גייט אַלץ גוט, די מלחמה האָט צוגעדרוקט די מענטשן, אַלע זענען געוואָרן פאַרטראַכטער, שטילער. אָבער ער האָט זיך צוגעוואוינט איבערצולעבן אומאָנגענעמקייטן, פאַרגעפילט, אַז נישט אַלע האָבן זיך פאַר אים געענדיקט און נעפּלהאַפט געריכט זיך אויף נייע. צו וואַרטן איז אויסגעקומען נישט זייער לאַנג, אין שטאָט האָט אויפסנייע זיך באַוויזן נעסטערענקאָ מיט אַ הויכער דאַמע אונטער דער האַנט, אַן ענלעכע צו וויערא פּאָפּאָוואַ; טרעפנדיק יאַקאָוון אויף דער גאַס, האָט ער נאָך פונוויטנס אַ קוק געטון דורך אים, און צוקומענדיק, באַגריסנדיק זיך, געפרעגט:

— איר קאָנט אַריינקומען צו מיר אין אַ שעה אַרום? איך בין — באַם שוער. איר ווייסט דאָך, — מיין ווייב האָלט בײַ שטאַרבן. אַזוי, אַז איך וועל אייך בעטן: קלינגט נישט דורך דעם פּאַראַדנעם איינגאַנג, דאָס באַאומרויקט די קראַנקע, איר גייט אַריין — דורכן הויף. צום ווידערזען!

די שעה איז געווען אַ שווערע און אַן אומבאַטירלעך לאַנגע

און ווען אַרטאַמאַנאָוו האָט זיך מיד אָוועקגעזעצט אויף דער שטול אין צימער, וואָס איז אָנגעשטעלט געווען מיט ביכער־שענק, האָט נעסטערענקאָ, שטיל און צוהערנדיק זיך צו עפּעס, געזאָגט:

— נו־ס, דעם גוטן־ברודער אונזערן האָט מען אָפּגערוימט. דאָס איז בלתּי ספק, כאָטש ס'איז נישט באַוויזן געוואָרן. ס'איז געמאַכט געוואָרן פלינק, דאָס מוז מען אָנערקענען. אַצינד אָט וואָס: אייער האַרץ־דאַמע, פּעלאַגעיאַ נאַזאַראָוואַ, איז באַקאַנט מיטן מיידל סלאַדקאָפּעווצעוואַ, וועלכע איז די טעג אַרעסטירט געוואָרן אין וואָרגאָראָד. זי איז באַקאַנט?

— איך ווייס נישט, — האָט געענטפערט יאַקאָוו און איז מיטאַמאָל איינגאַנצן פאַרשוויצט געוואָרן, און דער זשאַנדאַרם האָט אויפגעהויבן זיין האַנט צו דער נאָז און, באַקוקנדיק די נעגל, געזאָגט זייער רויק:

— איר ווייסט.

— דאַכט זיך, באַקאַנט.

— אָט זעט איר.

— וואָס דאַרף ער האָבן? — האָט זיך איבערגעלייגט יאַקאָוו, פון אונטערן שטערן אָפּער באַטראַכטנדיק דאָס גראָע, אין בלויע אָדערלעך, פלאַטשיקע פּנים מיט דער ברייטער נאָז, די טריבע אויגן, פון וועלכע ס'האָט אַזויווי געטריפט אַ שווערער אומעט און ס'זענען אַרויסגעפלאָסן שאַרפע שטראָמלעך פון בראָנפן־ריח.

— איך רעד מיט אייך נישט אָפיציעל, נאָר ווי אַ באַקאַנטער, וועלכער איז אויסן אייער טובה און וועמען ס'זענען נישט פרעמד אייערע געשעפטלעכע אינטערעסן, — האָט יאַקאָוו געהערט די גרעבלעכע שטימע. — דאָ, זעט איר, איז אַזאַ געשיכטע, מיין טייערער... שיסער! — דער זשאַנדאַרם האָט אַ שמייכל געטון, געשוויגן אַ ווײַלע און דערקלערט:

— איך זאָג — שיסער, מחמת מיר איז באַוואוסט נאָך איין פאַל, ווען איר האָט נישט געלונגען זיך באַנוצט מיט הייס געווער. יאָ, אַלזאָ, זעט איר: דאָס מיידל סלאַדקאָפּעווצעוואַ איז באַקאַנט

מיט דער נאַזאַראָווא, אייער האַרץ-דאַמע. אַצינד — באַטראַכט: דער מין טעטיקייט פון יעגער נאַסקאָוו האָט קיינעם, אַ חוץ אייך און מיר, נישט געקאַנט זיין באַקאַנט. איך — שליס זיך אויס פון דערדאָזיקער קייט באַקאַנטשאַפטן. נאַסקאָוו איז נישט געווען קיין נאַר, כאָטש — אַ פלעגמאַטיקער און...

נעסטערענקאָ האָט אָפּגעזיפצט, אַ קוק געטון אונטערן טיש אַרונטער:

— קיין זאַך איז נישט אייביק. פאַרבלייבט — איר...

יאַקאָוו אַרטאַמאַנאָוון האָט זיך געדאַכט, אַז פון אָפיצירס מויל ציען זיך נישט קיין ווערטער, נאָר דינע, אומגעזעענע שטריקלעך, זיי וויקלען אים אַרום דעם האַלז און ווערגן אַזוי שטאַרק, אַז ס'ווערט קאַלט אין דער ברוסט, ס'שטעלט זיך אָפּ דאָס האַרץ און אַלץ אַרום וויגט זיך, וואַיעט, ווי אַ ווינטערדיקע זאַווערוכע. און נעסטערענקאָ האָט גערעדט מיט אַ געלאַסנקייט, אַ בפירוש אויסגערעכנטער:

— איך מיין, איך בין כמעט זיכער, אַז איר זענט באַגאַנגען אַ געוויסע אומפאָרזיכטיקייט אין ווערטער, יאָ? דערמאַנט זיך אָקאָרשט.

— ניין, — האָט שטיל געזאָגט יאַקאָוו, שרעקנדיק זיך, אַז דאָס קול זאָל אים צומאָל נישט אויסגעבן.

— באמת טאַקע? — האָט געפרעגט דער אָפיציר, צענעמענדיק די וואָנסעס מיט די רויטע פינגער.

— ניין, — האָט איבערגעחזרט יאַקאָוו, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— מאָדנע, זייער מאָדנע. פונדעסטוועגן — לאָזט זיך פאַרריכטן. אָט וואָס: נאַסקאָוון מוז מען פאַרבייטן מיט אַזאַ מענטש אַ נוצלעכן פאַר אייך. צו אייך וועט קומען איינער מינאַיעוו, איר וועט אים צונעמען, יאָ?

— גוט, האָט געזאָגט יאַקאָוו.

— דאָס איז אַלץ. געענדיקט. זייט פאָרזיכטיק, כ'בעט אייך! קיין שום דאַמען — גאָרנישט! קיין וואָרט. איר פאַרשטייט?

— ער רעדט ווי מיט אַ ייִנגעלע, מיט אַ שוטה, — האָט אַ קלער געטון יאַקאָוו.

דערנאָך האָט דער זשאַנדאַרם גערעדט וועגן נאָענטן האַרבסט, וועגן דער מלחמה און דעם ווייבס קראַנקייט, וועגן דעם, אַז אַרום ווייב גייט איצט אום זיין שוועסטער.

— אָבער, — מען מוז זיין גרייט צום ערגערן, — האָט געזאָגט נעסטערענקאָ און, אָננעמענדיק זיך באַ די וואָנסעס, אויפגעהויבן זיי צו די דיקע אויערן־לעפּלעך, ס'האָט זיך אויך אויפגעהויבן זיין אויבערשטע ליפּ, אָפּדעקנדיק געלע ביינדלעך.

— אַנטלויפן, — האָט געקלערט יאַקאָוו. — ער וועט מיך פאַרפּלאָנטערן. צווּעקפּאָרן.

— דער טייוול זאָל אייך אַלע נעמען, — האָט ער געקלערט, גייענדיק מיטן ברעג פון דער אָקע. — נאָכוואָס דאַרף איך אייך ? נאָכוואָס ?

אַ דראָבנער רעגן, דער פאָרזאָגער פון האַרבסט, האָט פייל גענעצט די ערד, דאָס געלע וואַסער פון טייך האָט זיך באַדעקט מיט רונצלען, אין דער לופט, וואַרעמער ביז חלשות, איז געווען עפּעס, וואָס האָט נאָך מער פאַרטיפט יאַקאָוו אַרטאַמאָנאָווס פאַרצאָקטקייט. קאָן מען טאַקע באמת נישט לעבן רויק, איינפאַך, אָן דידאָזיקע אומנייטיקע, זינלאָזע דאגות ?

אָבער ווי אַ צוג פון פורן אין אַ ווינטערדיקן שניי־שטורם האָבן זיך גערוקט איינער נאָכן אַנדערן די הדשים, שווער און בשפּעדיק אָנגעלאָדענע מיט אויסטערלישער אומרויקייט.

ס'איז געקומען פון דער מלחמה איינער פון די מאַראָזאָווס, זאַכאַר, מיט אַ געאָרגי־קרייץ אויף דער ברוסט, מיט אַ פּליכיקן, אין רויטע בלאָטערן, אויסגעבערענטן קאָפּ; אַן אויער איז געווען באַ אים אָפּגעריסן, אויפן אָרט פון דער רעכטער ברעם — אַ רויטער העפט, אונטער אים האָט זיך באַהאַלטן עפּעס אַ מין צעקוועטשט, טויט אויג, און דאָס אַנדערע אויג האָט געקוקט שטרענג און אויפמערקזאַם. ער האָט תיכּף זיך באַפריינדעט מיטן קוכער קראָטאָוו און דער לאָמער תּלמיד פון סעראַפים דעם טרייסטער האָט זיך צעזינגען, צעשפּילט:

— עך, ס׳בלאָזט אַ ווינט, אַ רעגן גייט,
איך ליג מיר אין אַקאָפּע.
איך, אידיאָט, העלף צו גאַר ברייט
מלחמה פירן איראָפּע!

יאַקאָוו האָט געפרעגט מאַראַזאָוון:

— וואָס, זאַכאַר, מיר פירן שלעכט מלחמה?

— גוט — קען מען נישט זאָגן, — האָט געענטפער׳ט דער וועבער, די שטימע איז בײַ אים געווען אַן עזותדיק־בילגדיקע, אין די ווערטער האָט זיך געהערט די הפקרדיקע פאַרשייטקייט פון קוכערס לידלעך.

— קיין באַלעבאָס איז בײַ אונז נישטאָ, יאַקאָוו פעטראָוויטש, — האָט ער געזאָגט דעם באַלעבאָס אין פּנים אַריין. — ס׳באַלעבאַטעווען זשוליקעס.

דערדאָזיקער מענטש און וואַסקאַ דער קוכער האָבן זיך עפּעס באַזונדער אָנגעהויבן וואַרפן אין די אויגן אַריין, ממש לאַמטערן, אָנגעצונדענע אין אַ פינצטערער האַרבסט־נאַכט. ווען דער פריילעכער מאַן טאַטיאַנעס האָט זיך איינמאָל אויסגעשלייערט אין אַ פּאָר קאַמיש־ברייטע הויזן, וואָס האָבן געהאַט אַקוראַט אַזאַ קאָליר, ווי זאַכאַרס פאַרפוילטער שינעל, האָט דער קוכער אַ קוק געטון אויף אים און אויפגעזונגען:

— דאָס הייסט הייזלעך פיין געמאַכט!
מען זעט דאָ גלייך דעם חילוק:
ווער ס׳לאָזט דעם קאָפּ צעוואַקסן,
און ווער — ס׳הינטערשט חלק!

צו יאַקאָווס פאַרוואונדערונג, האָט דער שוואָגער זיך נישט באַליידיקט פון דעמדאָזיקן אָפּחוזקן, נאָר זיך צעלאַכט, בפירוש אונטערגעבנדיק חשק דעם קוכער צו ווייטערדיקן ניבול־פּה. די אַרבעטער האָבן אויך געלאַכט אין באַזונדערס האָט געכאָכעטשעט די פאַבריק, ווען זאַכאַר מאַראַזאָוו האָט געבערענגט צו פירן אויפן הויף

אַ האַריק הינטל, מיט אַ פּוּכיקן, צום רוקן העלדיש פאַרבויגענעם ווידל, אויפן עק פון ווידל, צוגעבונדן מיט ליפּאָווע שאַלעכץ, האָט זיך געבאַמבלט דער ווייסער געאָרגי-קרייץ. מיראָן האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דידאַזיקע עזותדיקייט, זאַכאַרן האָט אַרעסטירט די פּאָליציי, און דאָס הינטל איז געבליבן בײַ טיכאָן וויאַלאָוון.

איבער די גאַסן פון שטאָט זענען געגאַנגען לאַמע, בלינדע, אַנהעטיקע און פלערליי צעבראַכענע מענטשן אין זעלנערישע שי-נעלן און אַלץ אַרום איז אַפּגעפּאַרבט געווען אין דעם אייטעריקן קאָליר פון זייער אָנטועכץ. די צעבראַכענע, צעקריפּלטע זעלנער האָבן געפירט שפּאַצירן די שטאָטישע דאַמען, מיט די דאַמען האָט אַנגעפירט די דאַרע, דינע, צו אַ בעזעם ענלעכע, וויערא פּאָפּאָוואַ, זי האָט צוגעצויגן צום דאָזיקן ענין אויך פּאָלינען, אָבער יענע האָט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, געשריגן, זיך געקלאָגט:

— אוי, ניין, איך קען נישט! דאָס איז העסלעך! דו גיב אַ קוק, יאַשאַ, זיי זענען אַלע יינגע, געזונטע און אַלע — קאַליקעס און אַזאַ ריח טראָגט פון זיי, — איך קען נישט! הער — לאָמיר אַוועקפאָרן!

— וואוהין? — האָט פאַרצאַקט געפרעגט יאַקאָוו, זעענדיק, אַז די פרוי זיינע ווערט אַלץ מער דענערווירט, רייכערט אָן אַ שיעור און עטעמט מיט ביטערן רויך. און בכלל אַלע פרויען אין שטאָט, און אין דער פאַבריק — בפרט, זענען געוואָרן בייזער, האָבן געוואָרטשעט, אַפּגעלאַכט, זיך געקלאָגט אויפן יקרות פון לעבנס-מיטל; זייערע מענער האָבן, צופייפנדיק, געפאָדערט הוספות צו דער פאַרדינטער שכירות, און געאַרבעט אַלץ ערגער; דאָס דאַרף האָט אין די אָוונטן גערוישט און געריטשעט אויף אַ בייעם שטייגער הויך און בייז.

צווישן די אַרבעטער האָט כסדר געשימערט דער סאָלידער שלאָסער מיגאַיעוו, אַ מענטש פון אַ יאָר דרייסיק, אַ שוואַרצער און לאַנגנאָזיקער, ווי אַ ייד, יאַקאָוו האָט מיט מורא אים אויסגעמיטן, באַמיענדיק זיך נישט צו טרעפן מיטן בליק פונעם שלאָסער, וועל-כער האָט געקוקט אויף אַלע מענטשן מיט די טונקעלע אויגן

אזוי, גלייך ער וואָלט עפּעס פאַרגעסן און קאָן זיך נישט דערמאָנ-נען.

ווי אַ שמוציק, אָפּגעבראָכן שטיק איז געשוואומען איבערן הויף דער פאָטער, קוים שלעפּנדיק די קראַנקע פיס. אַצינד איז אויף זיינע ברייטע אַקסלען געהאָנגען אַ פוקסענער רייזע-פעלץ מיט אויסגעריבענעם פוטער, ער האָט אָפּגעשטעלט די מענטשן, שטרענג פרעגנדיק:

— וואוהין גייסטו?

און ווען מען האָט אים געענטפערט, האָט ער געפּאָכעט מיט דער האַנט, געמורמלט:

— נו, גיי. פוסט-און-פּאַסניקעס. וואַנצן, פון מיין בלוט לעבט איר!

זיין ברוין און בלוי, אויפגעלאָפן פּנים האָט געציטערט מיט עקל, די אונטערשטע ליפּ איז אַראָפּגעפאַלן; מיטן פאָטער איז געווען אַ חרפּה לגבי מענטשן. די שוועסטער טאַטיאַנאַ האָט גאַנ-צע טעג געשורשעט מיט די צייטונגען, אויך איבערגעשראָקן פון עפּעס אַזוי ווייט, אַז די אויערן זענען באַ איר תּמיד געווען רוי-טע. מיראָן איז ווי אַ פויגל געפלויגן אין גובערניע אַריין, קיין מאָסקווע און קיין פּעטערבורג, צוריקקומענדיק האָט ער געטוי-פּעט מיט די ברייטע קנאָפּל פון די אַמעריקאַנער שיך און שאָדנ-פריידיק דערציילט וועגן דעם שיכּורן, צעלאָזטן פויער, וועלכער זייגט ווי אַ פּיאַווקע דעם קייסער.

— אין אַזאַ לעבעדיקן פויער — גלייב איך נישט! — האָט עקשנותדיק געזאָגט די האַלב-בלינדע אָלגאַ, זיצנדיק לעבן דער שניר, אויף דער סאָפע, וואו ס'האָט אַרומגערודערט און געשריגן איר צווייייעריקער זון פּלאַטאָן. — דאָס האָט מען אומישנע אויס-געקלערט פאַר אַ משל...

— דאָס איז — מערקווירדיק! — האָט אויסגערופן טאַראַנעס פריילעכער מאַן. — דאָס איז — וואונדערבאַר! דאָס דאַרף — בעמט בקמה! אַהאַ?

ער האָט פריידיק געריבן זיינע פעטע הענט, באַוואַקסענע מיט

אַ רויטער שערשטש. בלויז ער אַליין האָט מיט בטחון געוואַרט אויף עפּעס אַ יום טוב.

— גאָט מײַנער! — האָט מיט פּאַרדראָס אויסגעשריגן טאַטיאַנאַ. — וואָס איז מיט דיר די גדולה? איך פאַרשטיי נישט.

פאַרוואונדערט עפּנענדיק דאָס מויל, האָט מיטיאַ געקראַ־קעט:

— וואָ־אָס? דו — פאַרשטייסט נישט? בכן — פאַרשטיי־זשע! פאַר אַלעם, וואָס עס האָט איבערגעטראָגן, נעמט דאָס דאָרף — נקמה! אין געשטאַלט פונם דאָזיקן פײַער האָט עס אין זיך אויס־געאַרבעט אַ צעשטערנדיקן סם...

— דערלויבט! — האָט קרומענדיק זיך געזאָגט מיראָן. — גאָר נישט לאַנג האָט איר גערעדט עפּעס אַנדערש...

נאָר מיטיאַ האָט כמעט אין עקסטאַז, פאַרכלינענדיק זיך מיט די ווערטער, גערעדט מיט אַ דורכגענומענעם פּליסטער:

— דאָס איז — אַ סימבאָל, און נישט איינפאַך — אַ פײַער! מיט דריי יאָר צוריק האָבן זיי געפייערט דעם דרייהונדערטיעריקן יובילײַ פון זייער הערשאַפט און אָט...

— שטותים, — האָט שאַרף געזאָגט מיראָן, דער דאָקטאָר יאַקאָוולעוו האָט, ווי תמיד, געשמייכלט, און יאַקאָוו אַרטאַמאָנאָוו האָט געקלערט, אַז אויב דידאָזיקע רייד וועלן באַוואוסט ווערן דעם זשאַנדאַרם נעסטערענקאָ...

— נאָכוואָס רעדט איר דאָס אַלץ? — האָט ער געפרעגט. — וואָס פאַר אַ שכל איז דערין?

און געבעטן:

— הערט אויף!

ער האָט באַמערקט, אַז מיראָן איז אויך אומגעוויינלעך צע־שטרייט, צעטראָגן, דאָס האָט באַזונדער צערודערט יאַקאָוון. סוף כל סוף איז פון אַלע מענטשן בלויז איין מיטיאַ געבליבן דער איי־גענער, וואָס ער איז געווען, פונקט אַזוי זיך געדרייט ווי אַ וועלפל, געשפּריצט מיט הלצהלעך און, אין די אָוונטן שפּילנדיק אויף דער גיטאַרע, געזונגען:

— מיין ווייב אין קבר ליגט...

אָבער טאַטיאַנען זענען שוין נישט געפעלן זיינע לידעלעך:

— פו, ווי דאָס איז דערעסן געוואָרן! — האָט זי געזאָגט און איז געגאַנגען צו די קינדער.

מיטיאַ האָט געקענט פלינק באַרויקן די אַרבעטער; ער האָט געעצהט מיראָנען איינצוקויפן אין די דערפער מעל, גרויפן, קאַרטאָפל און פאַרקויפן די אַרבעטער אין אייגענעם פרייז, אַרויפרעכענענדיק נאָר דאָס איבערפירן און דאָס, וואָס האָט זיך איינגעוואויגן. די אַרבעטער איז דאָס געפעלן געוואָרן, און יאַקאָוון איז געוואָרן קלאָר, אַז די פאַבריק גלייבט דעם פריילעכן מענטש מער, ווי מיראָנען, און יאַקאָוו האָט געזען, אַז מיראָן קריגט זיך אַלץ אָפטער מיט טאַטיאַנעס מאַן...

— איר ווילט האַלטן די באַז לויטן ווינט? — פרעגט מיראָן דייטלעך, נישט פאַרבאַרגנדיק דעם כעס, און מיטיאַ ענטפערט, שמייכלענדיק:

— דער ווילן פון פאָלק... דאָס רעכט פון פאָלק...

— איך פרעג: ווער זשע אייגנטלעך, זענט איר? — שרייט מיראָן.

— איר וואָלט שוין געמעגט אויפהערן צו יעלהווען, — וואָרטשעט אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער, אָבער יאַקאָוו זעט אין פאָטערס אויסגעלאָשענע אויגן פונקען פון צופרידנקייט, דעם אַלטן טוט הנאה צו זען, ווי ס'קריגן זיך דער איידעם מיטן פּלימעניק, ער שמייכלט ווען ער הערט טאַטיאַנעס אויפגערעגט קווי־טשען, שמייכלט, ווען די מוטער בעט נישט דרייסט:

— גיס מיר אָן, טאַניאַ, נאָך אַ שעלעכל...

אַלע בייעסן זענען געווען בהלהדיקע און זענען אַרויסגעשפּרונגען עפּעס אַזוי פּלוצלינג, אָן צוזאַמענהאַנג מיטן פריערדיקן. פּלוצלינג האָט די פולשטענדיק בלינד געוואָרענע מומע אָלגאַ זיך פאַרקילט און איז אין צוויי מעת־לעת אַרום געשטאָרבן, און אין עטלעכע טעג אַרום נאָך איר טויט איז די שטאָט און די פאַבריק ממש פון אַ דונער פאַרטויבט געוואָרן: דער קייסער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון טראָן.

— וואָס זשע אַצינד, — ס'וועט זיין אַ רעפּובליק? — האָט געפרעגט יאַקאָוו דעם קוזין, וועלכער האָט מיט שמחה אַריינגערוקט די נאָז אין דער צייטונג.

— אַ רעפּובליק, געוויס! — האָט געענטפערט מיראָן, אייבבייגנדיק זיך איבערן טיש, ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די דלאָניעס אָן דער אויסגעשפּרייטער צייטונג אַזוי, אַז דאָס פּאַפּיר האָט זיך אָנגעצויגן און פּלוצלינג געפּלאַצט מיט אַ טראַסק. יאַקאָוון האָט דאָס זיך אויסגעוויזן אַלס שלעכטער סימן, נאָר מיראָן האָט זין אויסגעגלייכט, דאָס פּנים איז באַ אים געווען אומגעוויינלעך, און ער האָט געזאָגט מיט אַ שטימע, אַ בישט נאַטירלעכער פאַר אים, שרייעוודיק, נאָר ליבלעך:

— ס'וועט זיך אָנהייבן דאָס געזונט ווערן, די באַנייונג פון רוסלאַנד. — אָט וואָס, ברודער!

און ער האָט אַ צענעם געטון די הענט, אַזויווי וועלנדיק אַרומנעמען יאַקאָוון, נאָר באַלד האָט ער איין האַנט אַראָפּגעלאָזט, און די אַנדערע, האַלטנדיק אַ ווייַלע אויסגעשטרעקט, אויפגעהויבן, האָט גלייך געמאַכט די פענסנע, ווידער אויסגעשטרעקט די האַנט, איז ענלעך געוואָרן צו אַ סעמאַפאָר און געמאָלדן, אַז מאָרגן אינאָוונט פאָרט ער קיין מאָסקווע.

מיטיאַ האָט אויך געפאָכעט מיט די הענט, פונקט ווי אַ גערווירענער באַלעגאָלע, ער האָט געשריגן:

— אַצינד וועט אַלץ גיין אויסגעצייכנט; אַצינד וועט דאָס פאָלק ענדלעך זאָגן זיין מעכטיק וואָרט, וואָס איז שוין לאַנג רייף געוואָרן אין זיין נשמה!

מיראָן האָט זיך שוין נישט געשפּאַרט מיט אים, פאַרטראַכט שמייכלענדיק, האָט ער אָפּגעלעקט די ליפּן; און יאַקאָוו האָט געזען, אַז ס'איז טאַקע אַזוי: אַלץ איז אַוועק אויסגעצייכנט, אַלע האָבן זיך דערפרייט, מיטיאַ האָט פון גאַניק דערציילט די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן הויף, וועגן דעם, וואָס ס'קומט פאָר אין פּעטערבורג, די אַרבעטער האָבן געשריגן הוראַ, נאָכדעם, אַ כאַפּ געבנדיק מיטיען באַ די הענט, באַ די פיס, האָבן זיי אָנגעהויבן אים וואַרפן אינדערלופטן. מיט יאַהאָט זיך צונויפגעקאָרטשעט

אין אַ קנויל, אין אַ גרויסן באַלעם, איז איז אַרויפגעפלויגן זייער הויך, און מיראָן, ווען מען האָט אים געבומען וויגן, האָט זיך עפּעס אַזויווי צעבראָכן אינדערלופטן, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז באַ אים רייסן זיך אָפּ די הענט מיט די פּיס. מיטיען האָט אַרומגערינגלט אַן עולם אַלטע אַרבעטער און דער ריזיקער, אַדערדיקער וועבער געראַסים וואַינאָוו האָט אים געשריגן אין פּנים אַריין:

— מיטרי פּאַוולאָוו, דו ביסט — אַ צוגעלאָזענער מענטש, אַ צוגעלאָזענער — פּאַרשטייסט? קינדער — אַ הוראַ אים!

מען האָט געשריגן הוראַ, און דער קוכער וואַסקאַ, צוטאַנצנדיק, גלאַנצנדיק מיטן פליכיקן שאַרבן, האָט געיעלהוועט ווי אַ שכּורער:

— עך, ס'זענען מענטשן ווייט געזעסן
פונם קייסערס טראָן!
האָבן זיי גענטער אַ בליק געגעבן —
זיצט גאָר דאָרט — אַ האָן.

— אַרבעט, וואַסקאַ! — האָט מען אים צוגעגעבן חשק.

יאַקאָוון האָט מען אויך געוואָלט וויגן, נאָר ער איז אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין שטוב, זייענדיק זיכער, אַז די אַרבעטער וועלן אים אַ וואָרף טון אינדערהייך — וועלן זיי אים נישט צוריקכאַפּן אין די הענט אַריין און ער וועט זיך דאַן צעממיתן אָן דער ערד. און אינאָווט, זיצנדיק אין קאַנטאָר, האָט ער דערהערט אויפן הויף אונטערן פענצטער טיכאָנס שטימע.

— נאָכוואָס האָסטו צוגענומען דאָס היטעלע? פּאַרקויף עס מיר. איך וועל פון דעם אַ גוטן הונט מאַכן.

— ע, אַלטער, ס'איז דען אַצינד אַ צייט צו האָדעווען הינט? — האָט געענטפערט זאַכאַר מאַראָזאָוו.

— נאָר וואָס־זשע טוסטו? פּאַרקויף, נאַדיר אַ רובל, נו?
— לאָז געמאַך.

יאַקאָוו האָט אַרויסגעבליקט דורכן פענצטער, געזאָגט:
— דער קייסער גאָר, טיכאָן, האַ?

— יאָ, — האָט זיך אָנגערופֿן דער זקן און, אַ קוק געבנדיק הינטערן ווינקל פֿון הויז, שטיל אַ פֿייף געטון.

— זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן דעם קייסער!

טיכאָן האָט זיך איינגעבויגן, אַרויפֿציענדיק די כאָלעווע פֿון שטיוול, און געזאָגט אין דער ערד אַריין:

— זיי האָבן זיך צעשפּילט! אָט דאָס האָט געמיינט אַנטאָנס וואָרט: די קיביטקע האָט פֿאַרלוירן דאָס ראָד!...

האָט זיך אויסגעגלייכט און אַרונטערגעגאַנגען הינטערן ווינקל פֿון הויז, שרייענדיק נישט הויך:

— טולון, טולון...

ווי אין אַ קאַראַהאָד זענען אַוועק שרייעוודיק פֿריילעכע וואָכן; מיראָן, טאַטיאַנאַ, דער דאָקטאָר, און אויך אַלע מענטשן זענען געוואָרן ליבלעכער איינער צום אַנדערן; פֿון שטאָט זענען געקומען עפּעס אומבאַקאַנטע און האָבן מיט זיך אַוועקגעפֿירט דעם שלאָסער מינאַיעוו. דערנאָך איז אָנגעקומען דער פֿריילינג, אַ זוני־קער און אַ הייסער.

— הער זיך איין, סאָליאָניענקי, — האָט געזאָגט פּאָלינאַ, — איך פֿאַרשטיי דאָך נישט, ווי אַזוי איז דאָס? דער קייסער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו הערשן, אַלע זעלנער האָט מען אויסגעהרגעט, געמאַכט פּאַר קאַליקעס; די פּאָליציי האָט מען צעטריבן, ס'פֿירן אָן עפּעס ציווילע, — ווי אַזוי זשע וועט מען איצט לעבן? איטלעכער טייוול וועט טון אַלץ, וואָס ער וועט וועלן און זשי־טיעיקין וועט אוודאי מיך נישט לאָזן צו רו. סיי ער, סיי אַלע אַנדערע, וועלכע זענען מיר נאָכגעקראָכן און וועמען איך האָב אָפּגעזאָגט. איך וויל נישט, איך קאָן נישט אַצינד, ווען אַלע זענען יד־אחת, דאָ לעבן, איך מוז לעבן דאָרט, וואו קיינער קען מיך נישט! און אגב: אויב דאָס איז שוין געמאַכט געוואָרן, — די רעוואָלוציע און די פֿרייהייט, איז עס געוויס צוליב דעם, אַז יע־דער זאָל לעבן, ווי אים געפֿעלט!

פּאָלינאַ האָט גערעדט אַלץ פֿאַרעקשנטער, אַלץ איבערצייגנ־דער, יאַקאָוו האָט געפֿילט אין אירע רייד עפּעס, וואָס לאָזט זיך נישט אָפּשפּאַרן און האָט באַרויקט:

— ווארט צו א ביסל, דאס אלץ וועט זיך איינשטילן, דע־
מאלט. . .

אָבער ער האָט שוין נישט געגלייבט, אַז דער אומרו אַרום וועט זיך איינשטילן, ער האָט געזען, אַז מיט יעדן טאָג קאָכט אויף דער רעש אין פאַבריק געדיכטער, ווערט דראָענדיקער. אַ מענטש, וואָס איז געוואוינט מורא צו האָבן, וועט שטענדיק געפינען אַ סיבה פאַר פּחד; יאַקאָוון האָט אָנגעהויבן צו שרעקן זאָגאַר מאַראַזאָווס געבראַנטער שאַרבן, זאַכאַר איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ קעניג, די אַר־בעטער זענען אים נאָכגעגאַנגען, ווי באַראַנעס נאָך אַ סטאַדישן הונט, מיטיאַ איז אַרומגעפלויגן אַרום אים ווי אַ היימישע סראָקע. מאַראַזאָוו האָט אינדערראַמתן באַקומען אַן ענלעכקייט צו אַ גרויסן הונט, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט גיין אויף די הינטערשטע פיס; די פאַרברענטע הויט אויף זיין קאָפּ האָט ווייזט־אויס געפּלאַצט, ער פלעגט טייל מאָל אַרומוויקלען דעם קאָפּ, ווי מיט אַ טשאַלמע, מיט טאַטיאַנעס אַ האַריקן באַד־האַנטוך, וואָס מיטיאַ האָט אים געגעבן; דער אומגעהייערער קאָפּ, אַראָפּקוועטשנדיק זאַכאַרן, האָט אים גע־מאַכט נידעריקער אין וואוקס; געגאַנגען איז ער חשיבותדיק, ווי דער דיקער געהילף־איספּראַווניק עקע, די גראָבע פינגער האָט ער געהאַלטן אונטערן פּאַסיק פון די אויסגעריבענע זעלנערישע הויזן און, באַוועגנדיק מיט די איבעריקע פינגער, ווי אַ פיש מיט די פלוס־פעדערן, האָט ער געשריגן:

— חברים, — אָרדנונג!

ער האָט געמשפּט דריי חברה־לייט פאַר גנבענען לייוונט, הויך, אַזוי אַז מען האָט געהערט איבערן גאַנצן הויף, האָט ער געפרעגט:

— איר פאַרשטייט, בא וועמען איר האָט געגנבעט?

און האָט אַליין געענטפערט:

— איר האָט געגנבעט בא זיך, בא אונז אַלע! אַצינדערט װעג מען גנבענען, היינטישע יאָרן?

ער האָט באַפוילן אויסצושמייסן די גנבים און צוויי אַרבע־טער האָבן זיי מיט פאַרגעניגן אָפּגעשמיסן מיט ריטער פון אַ ווער־

בע און וואסקאַ דער קוכער האָט מיט התלהבות געזונגען, צו־טאַנצנדיק:

— אָט אַזוי שמייסט מען ווערמלעך היינט!
אָט סאַראַ געדעכטער שופט ס'איז באַ אונז...

ער האָט זיך איבערגעריסן, עפּעס אַ מורמל געטון, צעפּירנדיק מיט די הענט, און פּלוצלינג אויסגעשריגן:

— באַשירם, גאָט, דיין פאָלק!

מיטיאַ האָט אַ געשריי געטון:
— בראַ־אַ־וואָ־אָ!

מיטיאַ איז אַרומגעלאָפן אין גראָע הייזלעך, אין אַ לעדערן היטל, אַראָפּגערוקט אויפן נאַקן, אויף זיין רויטלעכן פּנים האָט געגלאַנצט שווייס, און אין די אויגן האָט געלויכטן אַ פאַרשכורטע גרינלעכע פרייד. נעכטן באַנאַכט האָט ער זיך שטאַרק צעקריגט מיטן ווייב; יאַקאָוו האָט געהערט, ווי פון פענצטער פון זייער צימער איז מתחילת אַרויסגעפלויגן אין סאַד אַריין אַ הויכער פּליסטער, און דערנאָך דער נישט איינגעהאַלטענער געשריי טאַטיאַנעס:

— איר זענט — אַ זשאַנגלער! איר זענט — אַן אומער־לעכער מענטש! אייערע איבערצייגונגען? בעטלערס — האָבן נישט קיין איבערצייגונגען. אַ שקר! מיט אַ חודש צוריק זענען דיינע איבערצייגונגען... געננוג! מאָרגן פאָר איך אַוועק אין שטאָט אַריין, צו דער שוועסטער... יאָ, די קינדער מיט מיר...

דאָס האָט יאַקאָוו נישט פאַרוואונדערט, ער האָט שוין לאַנג געזען, אַז דער רויטלעכער מיטיאַ ווערט אַלץ אַ מער אַנטיפּאַטי־שער מענטש, נאָר יאַקאָוו איז געווען פאַרחידושט און האָט אפילו אַביסל געשטאַלצירט מיט דעם, וואָס ער האָט דער ערשטער באַ־מערקט די נישט אויסגעהאַלטנקייט פון דעם רויטלעכן. און אַצינד האָט זאָגאַר די מוטער, וועלכע האָט ערשט נישט לאַנג ליב גע־האַט מיטיען, ווי זי האָט ליב געהאַט הענער, געוואָרטשעט:

— וואָס איז דאָ געשעען, סאַראַ נישט איינשטימיקער ער איז געוואָרן, גלייך ווי ער וואָלט געווען אַ יידל! נאַ, קאָרמע זיי. . .

מיטיאַ האָט געשריגן:

— אַלץ איז — גרויסאַרטיק! דאָס לעבן איז — שיין, קלוג! נאָר די בבא־מעשׂות וועגן פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון וועלף מיט לעמער, — דאָס דאַרף מען פאַרגעסן, טאַטיאַנאַ פעטראָוונאַ! מיט דעם האָט איר פאַרשפּעטיקט!

מיראָן האָט בייז און טרוקן אים אַ פרעג געטון:

— אָבער וואָס וועט איר זאָגן מאָרגן?

— וואָס דאָס לעבן וועט דיקטירן! יאָ! נו, ווייטער?

דאָס ווייב און מיראָן זענען געגאַנגען אַרום מיטיען אַזוי פאַרזיכטיק, גלייך ער וואָלט געווען אויסגעשמירט מיט סאַזשע. און אין עטלעכע טעג אַרום איז מיטיאַ אַריבערגעפאָרן אין שטאָט אַריין, פאַרנעמענדיק מיט זיך זיין פאַרמעגן: דריי גרויסע פעק ביכער און אַ קויש מיט וועש.

איבעראַל האָט יאַקאָוו באַאָבאַכטעט אַן אומזיניקע, שרפהדיקע בהלה, אַלע מענטשן האָבן זיך געוויכערט מיט אַ רויך פון בפירושער נאַרישקייט און ס'האָט זיך גאָרנישט געוויזן אויף קיין סוף צו דידאָזיקע משוגענע טעג.

— נו, — האָט ער געזאָגט פּאָלינען — איך האָב באַשלאָסן: מיר פאָרן! קודם קיין מאָסקווע, און דאָרטן — וועלן מיר זיך איבעררעכענען. . .

— ענדלעך שוין! — האָט זיך דערפרייט די פרוי, אַרומנעמענדיק, קושנדיק אים.

דער יולי־אָוונט, וואָס האָט אָנגעפּולט דעם סאָד מיט אַ רויטלעכער טונקלקייט, האָט אַריינגעעטעמט אין די פענצטער אַ שווערן ריח פון דער ערד, דורכגענעצטער פון רעגן, אָנגעוואַרעמטער פון דער זון. ס'איז געווען גוט, נאָר טרויעריק.

אַראָפּנעמענדיק פון זיין האַלדז פּאָלינעס הייסע, פייכטע הענט, האָט יאַקאָוו פאַרטראַכטערהייט געזאָגט:

— דעק צו די ברוסט... בכלל — טו זיך אָן! מען דאַרף ערנסט.

זי איז אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער פּאָדלאָגע פון זיינע קניען, אין צוויי שפּרונג צוגעלאָפן צום בעט, האָט זיך אַרומגעהילט מיטן שלאָפראָק און געשעפטלעך זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים.

— זעסטו, — האָט געזאָגט יאַקאָוו, רייבנדיק מיט דער דלאָניע די באָרד אויף דער באַק אַזוי, אַז די האָר האָבן געסקריפּעט. מען דאַרף זיך איבערקלערן, אויסזוכן אַזאַ אָרט, אַ מלוכה, וואו ס'איז רויק. וואו מען דאַרף נישט צו פאַרשטיין גאָרנישט, און מען דאַרף נישט קלערן וועגן פרעמדע געשעפטן. אָט!

— מען דאַרף אַלץ טון פאָרזיכטיק. מיראָן דערציילט: די באַנען זענען געפּאַקט מיט אַנטלאָפענע סאָלדאַטן. מען באַדאַרף זיך מאַכן אָרעם...

— נאָר דו נעם מיט זיך וואָס מער געלט.

— נו, יאָ, פאַרשטייט זיך. איך וועל אַוועקפאָרן אַזוי, אַז מיינע זאָלן נישט וויסן — וואוהין. איך וועל כלומרשט פאָרן קיין וואָרגאָראָד, — פאַרשטייסט?

— אָבער — נאָכוואָס מאַכן אַ סוד? — האָט פאַרוואונדערט און אַן צוטרוי געפרעגט פּאָלינאַ.

ער האָט נישט געוואוסט — נאָך וואָס; דערדאָזיקער געדאַנק איז אים נאָר־וואָס איינגעפאַלן, אָבער ער האָט געפילט, אַז דאָס איז — אַ גוטער געדאַנק.

— נו, פאַרשטייסט — דער פאָטער, מיראָן, אויספרעגענישן... דאָס אַלץ איז איבעריק. דאָס געלט איז — אין מאָסקווע, געלט קאָן איך קריגן אַ סך, גוטס...

— נאָר — גיכער! — האָט געבעטן פּאָלינאַ. — דו זעסט דאָך: מען קאָן נישט לעבן. אַלץ איז טייער און ס'איז גאָרנישטאָ. און מען וועט זיכער ראַבעווען, וואָרים — ווי אַזוי וועט מען לעבן?

אומקוקנדיק זיך צו דער טיר, האָט זי געפּליסטערט:

— אָט איז די קעכין געווען אַ גוטע, און אַצינד איז זי געוואָרן

אַן עזותדיקע און איז תּמיד ווי אַ שיכּורע. זי קאָן מיך דערקוילן אין שלאָף, פאַרוואָס זאָל זי נישט דערקוילן, אַז אַלץ האָט זיך אַזוי פאַרפּלאָנטערט? נעבכן הער איך — זי סודעט זיך מיט עמעצן. גאָט מיינער! — קלער איך, אָט איז עס! נאָר כ'האָב אויפגעעפנט שטילערהייט די טיר, שטייט זי אויף די קניען און ריטשעט! אַ גרויל!

— וואַרט צו, — האָט יאַקאָוו אָפּגעשטעלט דעם שנעלן שטראָם פון איר אומרויקן פליסטער. צוערשט וועל איך אַוועקפאָרן...

— ניין, — האָט זי הויך געזאָגט, אַ קלאַפּ געבנדיק מיט איר פויסטל אין דער קני אַריין. — צוערשט — איך! דו וועסט מיר געבן געלט און...

— וואָס זשע, דו גלייבסט מיר נישט? — האָט באַליידיקט און בייז געפרעגט דער מאַנסביל און באַקומען אַ פעסט אַרויסגעזאָגטן ענטפער:

— איך גלייב נישט. איך בין אַן ערלעכע, איך זאָג אָפן: ניין! צי קען מען אַצינד גלייבן, ווען אַלע האָבן פאַרראַטן דעם קייסער און פאַרראַטן אַלדינק? דו — ווע מען גלייבסט?

זי האָט גערעדט איבערצייגנד און נאָך מער איבערצייגנד האָט גערעדט זייר ברוסט פון די פאַלבן פון דעם צעעפנטן שלאָפראָק. יאַקאָוו אַרטאַמאָנאָוו האָט איר באַכגעגעבן; זיי האָבן באַשלאָסן, אַז זי וועט שוין מאָרגן זיך אָנהייבן גרייטן, זי וועט אַריינפאָרן קיין וואָרגאָראָד און דאָרטן צוואַרטן אויף אים.

באַלד אויפן צווייטן טאָג האָט יאַקאָוו זיך אָנגעהויבן קלאָגן אויף מאָגן און קאָפּ־שמערצן, דאָס איז געווען זייער וואַרשיינלעך; פאַר די לעצטע חדשים איז ער שטאַרק אָפּגעצערט געוואָרן, געוואָרן פלעגמאַטיש, צעשטרייט, די רעגנבויגנדיקע אויגן זיינע זענען פאַרלאָשן געוואָרן. און אין אַכט טעג אַרום איז ער געפאָרן איבערן וועג פון שטאָט צו דער סטאַציע; ער איז געלאָסן געפאָרן איבערן ראַנד פון צעהאַקטן שאָסיי מיט די אַרויסגעדרייטע קיזל־שטיינער, וואָס האָבן אַרויסגעשטרעקט פון די טיפע גריבער, און זיי זיינען געווען פאַרטרוקנט די בלאָטע, אָנגעבלאָזן מיט אַ האַרב, געצייכנט

מיט שפּאַלטן. הינטער אים איז געבליבן אַקוראַט אַזאַ צעבראָכן, צעדרייט לעבן, און פּאַרויס האָט פון אַ ווייכן גרוב אין צענטער פון די רויכיקע כמאַרעס ווי אַ ווייסלעכער פלעק אַרויסגעלויכטן אַ טויטע זון.

אין אַ חודש אַרום האָט מיראָן אַרטאַמאַנאָוו, קומענדיק צו־פאָרן פון מאָסקווע, געזאָגט טאַטיאַנען, אײַנבויגנדיק דעם קאָפּ, באַטראַכטנדיק זײַן דלאָניע:

— איך מוז דיר מיטטיילן אַ טרויעריקע ידיעה: אין מאָסק־ווע איז צו מיר געקומען דידאָזיקע געמיינע מויד, מיט וועלכער יאַקאָוו האָט געלעבט, און געזאָגט, אַז געוויסע מענטשן — הם, וואָסערע מענטשן זענען עס איצט דאָ? — האָבן אים צעמזיקט און אַרויסגעוואָרפן פון וואַגאָן...

— ניין! — האָט אַ געשריי געטון טאַטיאַנאַ, פּרוּוונדיק אויפ־שטיין פון דער שטול.

— בעת די באַן איז געגאַנגען. אין צוויי טעג אַרום איז ער געשטאָרבן און דורך איר געבערענגט געוואָרן צו קבורה אויפן דאָר־פישן בית־עלמין לעבן דער סטאַציע „פּעטושקע".

טאַטיאַנאַ האָט שווייגנד צוגעדריקט דאָס טיכל צו אירע אויגן, אירע שפּיציקע אַקסלען האָבן אָנגעהויבן ציטערן, דאָס שוואַר־צע קלייד איז אַזויווי אַראָפּגעפלאָסן פון זיי, גלייך דידאָזיקע פּרוי, די מאָגערע, מיטן לאַנגן האַלז, וואָלט אָנגעהויבן צעגיין.

מיראָן האָט גלייך געמאַכט די פענסנע, אַ קנאַק געטון מיט די פינגער, רייבנדיק די הענט, געהערט אַ ווײַלע דעם קלונג פון דעם אײַנזאַמען גלאָק, דעם רוף צום נאַכט־געבעט, דערנאָך האָט ער, שפּרייזנדיק איבערן צימער, געזאָגט:

— וואָס זשע איז דאָ צו ווייבען? צווישן אונז גערעדט — איז ער געווען אַ פולשטענדיק, אומנוצלעכער מענטש. און — נישט אָנשטענדיק באַריש, האָב נישט פאַריבל! פאַרשטייט זיך — אַ שאָד. יאָ.

— גאָט מײַנער, — האָט געזאָגט טאַטיאַנאַ, פּינטלענדיק מיט די רויט געוואָרענע אויגן־לעפלעך און, באַגעצנדיק מיט שפּייעכץ דעם פינגער, צוגעגלעט די ברעמען.

— דידאָזיקע האָפּערדיקע מויד, — האָט געזאָגט מיראָן, אַריינרוקנדיק די האַנט אין די קעשענעס, — מאַכט זייער נישט קונציק דעם אָנשטעל פון אַ טרויעריקער אַלמנה, נאָר זי איז אָנגעטון אַזוי גרויסאַרטיק, אַז ס'איז קלאָר: זי האָט אויסגעליידיקט יאַקאָוון. זי זאָגט, אַז זי האָט אונז אַהער געשריבן.

טאַטיאַנאַ האָט אַ שאָקל געטון מיט קאָפּ אויף ניין.

— ניין? איך האָב עס אַזוי געוואוסט, איך מיין, אַז דעם פאָטער און דער מוטער דאַרף מען נישט זאָגן וועגן דעם, זאָלן זיי קלערן, אַז יאַקאָוו לעבט. יאָ?

— יאָ, אַזוי איז בעסער, — האָט איינגעשטימט טאַטיאַנאַ.

— איבריקנס, דער פעטער פאַרשטייט שוין דאַכט זיך גאָרנישט, נאָר די מוטער וואָלט זיך דערטרונקען אין טרערן...

אַ שאָקל געבנדיק מיטן קאָפּ, האָט טאַטיאַנאַ געזאָגט:

— אינגיכן וועלן מיר אַלע אומקומען.

— מעגלעך, ווײַבאַלד מיר וועלן דאָ פאַרבלייבן. אָבער איך שיק תּיכּף אַוועק דאָס ווײַב מיט די קינדער פון דאַנען. איך גיב דיר אויך די עצה זיך צו פאַרנעמען פונדאַנען, נישט וואַרטנדיק, ביז וואַנען זאַכאַר מאַראָזאָוו... בכן: מיר וועלן די אַלטע לייט גאָרנישט זאָגן. נו, אַנטשולדיק מיר, איך פאָר אַהיים, דאָס ווײַב איז נישט געזונט...

מיט דער לאַנגער האַנט זיינער האָט ער אַ טרייסל געטון דער קוזינקעס האַנט און איז אַוועקגעגאַנגען, זאָגנדיק:

— ס'איז אומגעוויינלעך שווער צו פאָרן אַצינד, די וועגן זענען — אין שרעקלעכסטן צושטאַנד!

אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער האָט געלעבט אין אַ האַלבן דרימל, פאַמעלעך פאַרזינקענדיק אין אַלץ אַ טיפערן שלאָף. די נאַכט און דעם גרעסטן טייל פון טאָג איז ער געלעגן אין בעט, די איבעריקע צייט איז ער געזעסן אין פאָטעל קייגנאיבער דעם פענצטער; הינטערן פענצטער איז אַ בלאָע ליידיקייט. טיילמאָל האָבן זי פאַרשמירט די וואָלקנס; אין שפּיגל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ דיקער זקן מיט אַן אָנגעבלאָזן פּנים, מיט אָנגעלאָפענע אויגן, מיט

אַ געקאָלטנטער, גראָער באָרד. אַרטאַמאָנאָוו האָט געקוקט אויף זיין פּנים און געקלערט:

— אַ פיינער מוק.

אין צוגעקומען דאָס ווייב, זיך איינגעבויגן איבער אים, גע־האַקט אין קאָפּ אַריין און געיאָכצט:

— מען דאַרף אַוועקפאָרן, מען דאַרף זיך היילן...

— גיי אַוועק, — האָט פויל געזאָגט אַרטאַמאָנאָוו. — גיי אַוועק, פערד: האָסט מיר שוין דערעסן. לאָז מיך צורו.

און בלייבנדיק אַליין, האָט ער זיך צוגעהערט ווי יום־טוב־דיק ס'רוישן די מענטשן אויפן הויף, אין סאָד, אומעטום. און די פאַבריק — שווייגט.

דער געוויינלעכער מיטשמועסער זיינער, דער אָפּגענאַרטער מענטש, וואָס פלעגט אויפהייטערן אַרטאַמאָנאָוון מיט די שפּילקעס פון זיינע מחשבות — איז פאַרשוואונדן, געשטאָרבן. און ער האָט גוט געטון, — צו טראַכטן איז דעם אַלטן שווער געווען, ס'האָט זיך נישט געגלוסט, און ער האָט שוין אויך לאַנג תּופס געווען, אַז ס'איז צוועקלאָז צו טראַכטן, וואָרים פאַרשטיין קאָן מען גאָר־נישט. וואוהין זענען אַלע נעלם געוואָרן: יאַקאָוו, טאַטיאַנאַ, דער איידעם?

— טיילמאָל האָט ער געפרעגט דאָס ווייב:

— איליאַ — איז צוריקגעקומען?

— ניין.

— און — יאַקאָוו?

— יאַקאָוו אויך נישט.

— אַזוי. זיי לאָזן זיך וואוילגיין. און דאָס געשעפט זייגט אויס מיראָשקאַ.

— דו קלער נישט וועגן דעם, — האָט געעצהט נאַ־טאַליאַ.

— גיי אַוועק.

זי איז אַוועקגעגאַנגען אין אַ ווינקל און איז דאָרט געזעסן, קוקנדיק מיט די פאַרלאָשענע אויגן אויף דעם געוועזענעם מענטש, מיט וועלכן זי האָט געפּטרט דאָס גאַנצע לעבן אירס. באַ איר האָט

זיך געטרייסלט דער קאָפּ, די הענט האָבן זיך באַוועגט נישט גלייך, ווי אויסגעלענקטע, זי איז אָפּגעצערט געוואָרן, פאַרשמאָלצן געוואָרן, ווי אַ חלבן ליכט.

פון צייט צו צייט, נאָר וואָס אַ מאָל אָפטער, האָט פיאָטר אַרטאַמאָנאָוון געוועקט אַן אומפאַרשטענדלעכער גערודער אין הויז, ס'זענען געקומען עפּעס פרעמדע, ער האָט זיך צוגעקוקט צו זיי, באַמיענדיק זיך צו פאַרשטיין זייער טומלדיק פּלאַפּלעריי, ער האָט געהערט די יללות פון ווייב:

— רבונו של עולם, אָבער — וואָס איז דאָס אַזוינס? פאַרוואָס? דאָס איז דאָך — דער באַלעבאָס, מיר זענען די באַלעבאַטים! נו, לאָזט מיך אים אַוועקפירן, ער דאַרף זיך היילן, ער דאַרף פאָרן אין שטאָט אַריין! אָבער — דערלויבט זשע אים אַוועקצופירן...

— זי וויל באַהאַלטן. אָבער — פאַרוואָס באַהאַלטן? — האָט געטראַכט אַרטאַמאָנאָוו. — אַ נאַר. אַלע יאָרן געלעבט ווי אַ נאַר. יאַקאָוו — איז אין איר געראָטן. און — אַלע. נאָר איליאַ — אין מיר. אָט, ער וועט זיך אומקערן, — וועט ער שוין איינפירן אָרדנונג...

ס'איז געגאַנגען רעגן, ס'איז געפאַלן שניי, ס'האָט געקנאַקט פראָסט, ס'האָט געוואָיעט און געפייפט שניי־שטורם.

פון דעמדאָזיקן צושטאַנד פון האַלב־וואַך, האַלב־שלאָף האָט אַרטאַמאָנאָוון אַרויסגעטרייסלט אַ שאַרף געפיל פון הונגער. ער האָט זיך דערזעען אין סאָד, אין האַלטאַנקע; דורך אירע שויבן און צווישן די נאַסע צווייגן האָט דורכגעלויכטן אַ רויטלעכער, אויסטערליש נאָענטער הימל, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער הענגט דאָ טאַקע, הינטער די ביימער און מען קאָן אים אָנרירן מיט דער האַנט.

— איך וויל עסן, — האָט געזאָגט אַרטאַמאָנאָוו; מען האָט אים נישט געענטפערט.

א בלוילעכע, פייכטע פאַרנעפּלטקייט האָט אָנגעפילט דעם סאָד; פאַר דער האַלטאַנקע זענען געשטאַנען, אַרויפגעלייגט איינס דעם אַנדערן די קעפּ אויף די העלזער, צוויי פערד, אַ גראָעס און

אַ שוואַרץ. אויף דער באַנק הינטער זיי איז געזעסן אַ מענטש אין אַ ווייס העמד, אויפפלאַטערנדיק אַ בינט שטריק.

— באַטאַליאַ, — הערסט? גיב צו עסן...

פריער, ווען ער פלעגט אויפוואַכן פון דער פאַרגעסנקייט און רופן דאָס ווייב, פלעגט זי תיכף צוקומען, זי איז תמיד געווען ערגעץ־וואו באַענט, און הייגט — איז זי נישטאָ.

— געשיקט זיך עס? — האָט אַ קלער געטון אַרטאַמאָנאָוו און אין זיין קאָפּ איז קלאָרער געוואָרן. — צי איז זי — קראַנק געוואָרן?

ער האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, באַ דער טיר פון באָד האָט עפּעס געגלאַנצט דורך די קוסטן, דערנאָך האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז דאָס איז אַ ביקס מיט אַ באַגנעט אויפן רוקן פון אַ גרינ־לעכן סאָלדאַט, אַ נישט אָנזעעוודיקן צווישן די קוסטן. אויפן הויף האָט עמעצער געשריגן:

— וואָס איז, חברים, — איר שפּאַסט? אַט אַזוי האַלט מען פערד? אַזוי — האַלט מען קיין חזירים נישט! און פאַרוואָס איז דאָס היי נישט אַריינגענומען און נאַס געוואָרן? אָבער אין באָד, אונטערן שלאָס — ווילסטו?

דער מענטש אין ווייסן העמד האָט אַראָפּגעוואָרפן די שטריק פון די קניען און איז אויפגעשטאַנען, זאָגנדיק נישט הויך אין סאָלדאַטס זייט אַריין.

— נאַדיר אָנגעקומען אַ ניי שלאַק!

— קאָמאַנדירן איז געוואָרן מער ווי פריער, — האָט געענט־פערט דערזעלבער.

— און ווער באַשטימט זיי, די טייוולאָנים?

— זיי אַליין. אַצינדערט, ברודערשי, ווערט אַלץ געטון פון זיך אַליין, אַזויווי אין דער באָבעס מעשהלע.

דער מענטש איז צוגעגאַנגען צו די פערד, זיי אָנגענומען באַ די גריוועס, — אַרטאַמאָנאָוו דער עלטערער האָט אַ געשריי געטון ווי הויך ער האָט נאָר געקאָנט:

— העי, רוף אַהער דאָס ווייב!

— שווייג, אַלטער, — האָט מען אים געענטפערט. — ביסט אַ מבין, דאָס ווייב האָט זיך אים פאַרגלוסט...

די פערד זענען אַוועקגעגאַנגען. אַרטאָמאָנאָוו האָט אַ פיר געטון מיט דער דלאָניע איבערן פּנים, איבער דער באָרד, מיט די קאַלטע פינגער אָנגעטאַפּט דאָס אויער, זיך אַרומגעקוקט. ער איז געלעגן באַ אַ טויבער נישט געגלאָזטער וואַנט פון האַלטאַנקע, אונטער אַן עפּלבוים, אויף וועלכן רויטע עפּל זענען געהאָנגען בינטלעכווייז, ווי ריאַבינע; ס׳איז געווען האַרט צו ליגן; ער איז צוגעדעקט מיט זיין אָפּגעטראָגענעם פוקסן־פעלץ און אויף אים איז אָנגעטון אַ גראָבער, ווינטערדיקער ראָק. אָבער — ס׳איז נישט הייס. ס׳איז נישט צו פאַרשטיין — נאָכוואָס ליגט ער דאָ? אפשר איז אין שטוב — אַן ערב יום־טובדיקער אויפרוים? וואָס־זשע פאַר אַ יום־טוב? נאָכוואָס זענען די פערד אין סאָד און אַ סאָלדאַט באַם באָד? און ווער מאַכט עס יעלות אויפן הויף:

— איר, חבר, זענט — אַ נאַריש ייִנגל! וואָס? די מענטשן זענען מיד? ס׳איז נאָך צו פרי — מיד צו זיין! אָן נאַראָנים...

מען האָט געשריגן ווייט, נאָר דאָס געשריי האָט פאַרטייבט, אַרויסרופנדיק אַ געררויש אין קאָפּ. און די פיס זענען אַזוי ווי אָפּגענומען; פון די קניען אָן רירן זיך נישט די פיס. דעם עפּלבוים אויף דער וואַנט האָט געמאָלט דער מאָלער וואַנקאַ לוקין, דער גנב; ער האָט נאָכדעם באַגנבעט די צערקווע און איז געשטאָרבן, זיצנדיק אין תּפיסה.

אין האַלטאַנקע איז אַריינגעקומען עמעצער זייער אַ ברייטער, אין אַ פוטערן היטל; ער האָט אַריינגעטראָגן אַ קאַלטן שאָטן און אַ געדיכטן ריח פון דזשעגעטש.

— דאָס איז — טיכאָן?

— נאָר ווי דען...

דער וואָרטשענדיקער ענטפער טיכאָנס האָט אויך פאַרטייבט, דער אַלטער הויזוועכטער האָט אַ צעפּיר געטון די הענט, גלייך ער וואָלט געגומען שווימען איבער דער סקריפּענדיקער פּאַדלאָגע.

— ווער יעלהוועט עס ?

— זאַכאַרקאַ מאַראַזאָוו.

— און — דער סאָלדאַט צוואָס איז דאָ ?

— מלחמה.

צושווייגנדיק אַ ווײַלע, האָט אַרטאַמאָנאָוו געפרעגט:

— דאָ אַהער איז אויך דער שונא צוגעקומען ?

— דאָס איז — קייגן דיר מלחמה, פּיאָטר איליטש. . .

דער באַלעבאָס האָט שטרענג געזאָגט:

— דו, אַלטער שוטה, שפּאַס נישט, איך בין דיר נישט קיין חבר!

ער האָט דערהערט אַ רויקן ענטפער:

— די לעצטע מלחמה, מער וויל מען נישט. און אַצינד — זענען אַלע חברים. נאָר אויף אַ שוטה בין איך, באמת, אַלט.

ס'איז קלאָר געווען, אַז טיכאָן מאַכט חוזק. אַט האָט ער אָן צערעמאָניעס זיך אַנידערגעזעצט צופיסנס פון באַלעבאָס, נישט אויס-טוענדיק דאָס היטל. אויפן הויף קאָמאַנדעוועט מען מיט אַ גראָבער, פּגעריסענער שטימע:

— און נאָך אַכט אַ זייגער אויף די גאַסן — קיין שום פּי-גורן!

— וואו איז דאָס ווייב ? — האָט געפרעגט אַרטאַמאָ-נאָוו.

— זי איז אַוועקגעגאַנגען ברויט זוכן.

— ווי הייסט — זוכן ?

— נאָר ווי דען ? ברויט איז נישט קיין ציגל, וואַלגערט זיך נישט אויף דער ערד.

די טונקלקייט אין סאָד איז געוואָרן אַלץ געדיכטער, בלאָער; לעבן באָד האָט אַ געניץ געטון, אַרויסגעוואָיעט דער זעלנער, ער איז אינגאַנצן געוואָרן נישט צום אָנזעען, בלויז דער באַגנעט האָט געבלישטשעט, ווי אַ פיש אין וואַסער. וועגן אַ סך זאַכן וואָט זיך געוואָלט פרעגן טיכאָנען, נאָר אַרטאַמאָנאָוו האָט געשוויגן; וועסט אַלץ אייגס פון טיכאָנען גאָרנישט פאַרשטיין. דערצו נאָך זענען די-

שאלות אויך עפּעס אַזוי געשפּרונגען, זיך געפּלאָנטערט, נישט לאָזנדיק פאַרשטיין, וועלכע פון זיי איז וויכטיקער. און ס׳האָט זיך זייער געוואָלט עסן.

טיכאָן האָט אָנגעהויבן וואָרטשען:

— אַ שוטה, אָבער דעם אמת האָב איך פאַרשטאַנען פריער פון אַלע. אָט, ווי ס׳האָט זיך אַ קער געטון. איך האָב געזאָגט: פאַר אַלע אַ קאַטאָרגע. און — ס׳איז געקומען. זיי האָבן אַראָפּגע־בלאָזן, ווי מיט אַ שמאַטע, דאָס שטויב. ווי סטריזשנעס אויסגעקערט. אַזוי איז עס, פּיאָטר איליטש. יאָ. דער טייוול האָט געהוליעט און דו — האָסט געהאָלפן. אָבער — צו וואָס איז דאָס אַלץ? איר האָט געזינדיקט, געזינדיקט, — ס׳איז גאָר נישט אויסצורעכענען די זינד! איך האָב אַלץ געקוקט: חידושים! ווען וועט אַ סוף גע־מען? אָט איז אָנגעקומען אייער סוף. ס׳האָט זיך אייך אָפּגעגאָסן אין בליי דאָס אַלץ... די קיביטקע האָט אָנגעוואוירן דאָס ראָד...

— ער רעדט פון וועג, — האָט זיך אָנגעשטויסן אַרטאַמאָ־נאָוו, באַר פונדעסטוועגן געפרעגט:

— באַכוואָס ליג איך דאָ?

— זיי האָבן אַרויסגעטריבן פון הויז.

— מיראָן?

— אַלעמען.

— און... יאַקאָוו?

— ער איז שוין לאַנג נישטאָ.

— וואו איז איליאַ?

— מען זאָגט — מיט דידאָזיקע. הפנים דעריבער לעבסטו, וואָס ער איז מיט זיי, אַנישט...

— ער רעדט פון וועג, האָט אויף זיכער באַשלאָסן פּיאָטר אַרטאַמאָנאָוו און פאַרשוויגן געוואָרן, טראַכטנדיק: — ער איז אַראָפּ פון זינען, דער אַלטער מ׳שטיינס געזאָגט. מען האָט זיך געדאַרפט ריכטן דערויף.

דראָבנע, מאַטע שטערן האָבן זיך אַרויסגעשאָטן אין הימל אַריין; פריער איז אַזוינע נישט געווען אַזוינע שטערן. און ס׳איז נישט געווען אַזוי פיל.

טיכאָן האָט גענומען דאָס היטל און, קוועטשנדיק עס אין די הענט, ווידער גענומען וואָרטשען:

— ס'איז אייך קאַפּויער געקומען די גאַנצע כיטרע נאַרישקייט אייערע. בעטלערס איז בעסער.

פּלוצלינג, מיט אַן אַנדער קול, האָט ער געפרעגט:

— דו געדענקסט דאָס ייִנגלטשיגע, דעם בוכהאַלטערס?

— נו? איז — וואָס?

פּיאָטר אַרטאַמאָנאָוו האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין: צי האָט דערשראָקן, צי אים בלויז פּאַרוואונדערט דידאָזיקע אומגעריכטע פראַגע? אָבער ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, ווי נאָר טיכאָן האָט געזאָגט:

— דו האָסט אים דערהרגעט, ווי זאַכאַר דאָס הינטל. און נאָכוואָס דערהרגעט?

אַרטאַמאָנאָוו איז קלאָר געוואָרן: טיכאָן האָט, ענדלעך, פאַרט דערלאַנגט אַ מסירה אויף אים און אָט איז ער קראַנקערהייט אַרעסטירט. אָבער דאָס האָט אים נישט זייער איבערגעשראָקן, נאָר גיכער אויפגעבראַכט אויף דער אוממענטשלעכער נאַרישקייט. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס, אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, אָנגעהויבן רעדן שטיל מיט פּאַריבל און שפּאָט, פילנדיק אויף דער צונג עפּעס אַ מין ביטערניש און אַ טרוקנקייט אין מויל:

— דאָס זאָגסטו — ליגנט! און — פאַר יעדער עבירה איז פאַרהאַן אַ טערמין, די לאַנגסטיקייט! אָבער דו האָסט אַלע טערמינען דורכגעלאָזט. יאָ! און — ביסט אַראָפּ פון זינען. און — האָסט פאַרגעסן, וואָס האָסט אַליין געזען, האָסט אַליין דעמאָלט געזאָגט...

— אָבער — וואָס האָב איך געזאָגט? — האָט אים איבערגעשלאָגן דער זקן. — איך האָב, נאַטירלעך, נישט געזען, נו — האָב איך פאַרשטאַנען! כ'האָב געזאָגט, כדי אַ קוק צוטון: וואָס וועסטו טון? איך האָב — אַ שקר געזאָגט, און דו ביסט — צופרידן, זיך אָנגעכאַפּט אָן שקר. איך האָב געקוקט — געקוקט, געוואַרט — געוואַרט... און אַלע זענט איר — אַזעלכע. אַלעקסייאיליטש האָט אויסגעלערנט דעם שווער זיינעם, דעם שיכור, באַר־

סקיס טראַקטיר אונטערציַנדן, און דיין פאָטער האָט זיך אָנגעשטויסן וועגן דעם, באַזאָרגט, אַז מען זאָל דערהרגענען דעם שיכור צום טויט. ניקיטאַ איליטש האָט דאָס געוואוסט, ער איז אויך דערגאַנגען צו אַלעם מיטן שכל. ער וואָלט גענדאַרפט שווייגן, אָבער ער האָט, אויס כעס אויף דיר, מיר געזאָגט. איך זאָג: דו ביסט אַ מאָנאַך, דו באַדאַרפסט דאָס אַלץ צו פאַרגעסן, און איך — וועל געדענקען. איר האָט אים אין אַן אימה אַריינגעיאָגט מיט די עסקים אייערע. איר האָט אים געשיקט אויפן שטריק אַרויף, און נאָכדעם אין מאָנאַסטיר אַריין: טו תפילה פאַר אונז! און ס'איז אים אַ פחד געווען אפילו מתפלל צו זיין פאַר אייך, — נישט געוואַגט! און דערפאַר — גאָט אָנגעוואוירן...

ס'האָט זיך געדאַכט, טיכאָן קאָן רעדן עד סוף כל הדורות. גערעדט האָט ער שטיל, מיט ישוב הדעת און אַזויווי אָן רוגזא. ער איז געוואָרן כמעט נישט צום אָנזען אין דער געדיכטער, הייסער חשכות פונם שפעטן אָוונט. זיינע ראַצנדיקע רייד, דערמאַנענדיק אַ נאַכטיקן שאָרך פון קאַרטשאַנעס, האָבן נישט געשראָקן אַרטאַמאָנאָוון, נאָר געפרעסט מיט זייער שווערקייט, האָבן געמאַכט גאַפן ביז פאַרשטומטקייט. ער האָט אַלץ מער זיך איבערצייגט, אַז דערדאָזיקער אומפאַרשטענדלעכער מענטש איז אַראָפּ פון זינען. אָט האָט ער אַ לאַנגן זיפץ געטון, אַזוי ווי אַראָפּלייגנדיק פון זיינע פלייצעס אַ משא, און ווייטער אַלץ אַזוי איינטאָניק פונאַנדערגעגראָבן דאָס פאַרגאַנגענע, אומגייטיקע:

— די אמונה האָט איר, אַרטאַמאָנאָווס, מיר אויך צוגענומען. ניקיטאַ איליטש האָט מיך צעטומלט איבער אייך, אַליין געבליבן אָן אַ גאָט און מיך... נישטאָ באַ אייך נישט קיין גאָט, נישט קיין טייוול. די הייליקע בילדער האַלט איר אין הויז צום אָפּנאַרן. נאָר וואָס איז באַ אייך דאָ? נישט צו פאַרשטיין. ס'איז כלומרשט יאָ דאָ עפּעס. שווינדלער. מיט שווינדל האָט איר געלעבט. אַצינד — זעט מען אַלץ: מען האָט אייך אויסגעטון...

מיט אָנשטרענגונג אַ ריר געבנדיק זיין גוף, האָט אַרטאַמאָנאָוו אַראָפּגעוואָרפן אויף דער פאָדלאָגע די שרעקלעך שווערע פיס, אָר די הויט פון די זוילן האָט נישט דערפילט די פאָדלאָגע און

דעם אַלטן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די פיס האָבן זיך אָפּגעטיילט, זעַנען אָוועקגעגאַנגען פון אים, און ער איז געבליבן הענגען אינ־דערלופטן. דאָס — האָט אים איבערגעשראָקן, ער האָט זיך אָנגע־כאַפּט מיט די הענט אין טיכאָנס אַקסל.

— וואוהין? — האָט געפרעגט דער הויזוועכטער, גראָב אַראָפּטרייסלענדיק זיינע הענט. — ריר נישט. האָסט נישט קיין כוח, וועסט נישט דערוווערגן. דיין פאָטער האָט געהאַט כוח, — איז ער אים דורך באַרימעריי אויסגעגאַנגען. די אמונה, זאָג איך, האָט איר מיר צוגענומען; איך ווייס נישט, וויאַזוי כ׳וועל גאָר אַצינד שטאַרבן. איך האָב זיך גענוג אָנגעקוקט בײַ אייך, שדים. . .

אַרטאַמאָנאָוו האָט אַלץ שטאַרקער געוואָלט עסן און אים האָבן שטאַרק געשראָקן די פיס.

— צי האָלט איך שוין טאַקע — בײַ שטאַרבן? איך בין נאָך קיין פינף און זיבעציק נישט אַלט. רבונו של עולם. . .

ער האָט אויפסניי געפּרוווט זיך לייגן, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין כוח אויפצוהייבן די פיס. דעמאָלט האָט ער באַפוילן טיכאָנען:

— העלף צו, הייב אויף מיינע פיס!

אַרויפלייגנדיק אויף דער באַנק די טויטע פיס פון געוועזע־נעם באַלעבאָס, האָט טיכאָן אויסגעשפּיגן, ווידער זיך אַוועקגעזעצט, שטאָמפּערנדיק מיט דער האַנט אין היטל אַריין; אין זיין האַנט האָט עפּעס געגלאַנצט. אַרטאַמאָנאָוו האָט זיך צוגעקוקט: דאָס איז אַ נאָדל, טיכאָן האָט אינדערפינצטער פאַרנייט דאָס היטל, בײַ־שטעטיקנדיק דערמיט זיין משוגעת. איבער אים האָט געשימערט אַ גראָער נאַכט־שמעטערלינג. אין סאָד האָבן אין דער לופט זיך אויסגעצויגן דריי פאַסן געל ליכט און עמעצנס שטימע האָט ווייט, באַר דייטלעך געזאָגט:

— צוריק, חברים, קיין צוריקוועג איז נישטאָ און וועט נישט זיין פאַר אונז. . .

טיכאָן האָט פאַרטייבט דידאָזיקע שטימע.

— דעסגלײכן אויך דײן פֿאָטער; ער האָט מײן ברודער דערהרגעט.

— זאָגסט ליגנט, — האָט נישט װילנדיק געזאָגט אַרטאַמאָ־נאָװ, נאָר באַלד געפֿרעגט: — װען?

— אָט האָסטו דיר גאָר װען...

— װאָס זאָגסטו כּסדר ליגנט, משוגענער? — איז פּלוצלינג אױפֿגעבראַכט געװאָרן אַרטאַמאָנאָװ, שפּירנדיק װי דער הונגער נאָגט און טרוקנט אים. — װאָס דאַרפֿסטו? אַ געװיסן ביסטו מיר, אַ שופֿט? נאָכװאָס האָסטו געשװיגן העכער דרײסיק יאָר?

— כ'האָב טאַקע געשװיגן. הײסט עס — כ'האָב געטראַכט!

— כּעס געזאַמלט? עך... נו, גײ, פֿאַרמסר פֿאַר דער פּאָליצײ.

— נישטאָ — קײן פּאָליצײ.

— זאָג — אָט, ער האָט מיר דאָס גאַנצע לעבן געגעבן צו עסן און צו טרינקען, — משפּט אים! דו האָסט דאָך שױן אַזױ אױך געמסרט! װאָס זשע דאַרפֿסטו, נו? דריק צו, שרעק מיך אָן, — פֿאָדער געלט, נו?

— קײן געלט האָסטו נישט. דו האָסט גאָרנישט און — נישט געהאַט. און אױף די שופֿטים — שפּײ איך. איך בין זיך אַלײן — אַ שופֿט.

— איז מיט װאָס זשע דראָעסטו, דו צעדרײטער מענטש!

אָבער טיכאָן האָט אַזױװי נישט געדראָעט, אַרטאַמאָנאָװ האָט דאָס בעפֿלהאַפֿט געפֿילט. טיכאָן האָט געװאָרטשעט:

— אַ סוף צו אַלע קינס. פֿאַרװאָס האָט איר דעם ברודער דערהרגעט?

— זאָגסט ליגנט װעגן ברודער!

די זקנים האָבן אָנגעהױבן רעדן האַסטיקער, איבערשלאָגנדיק אײנער דעם אַנדערן.

— איך — זאָג ליגנט? איך בין מיט אים געװען דעמאָלט...

— מיט װעמען?

— מיטן ברודער. איך בין אַנטלאָפֿן, װען דײן פֿאָטער האָט

אים אַוועקגעלייגט. מיט זיין בלוט איז עס אָפּגעלאָפּן דער פֿאָטער דיינער. צוואָס איז גאָר בלוט פֿאַרהאַן?

— האָסט פֿאַרשפּעטיקט...

— נו, אַט, — האָט מען אייך איבערגעדרייט, אומגעוואָרפֿן, דו ביסט פֿאַרבליבן שוצלאָז, און איך, ווי כ׳בין געווען, בין פֿאַרבליבן אין דער זייט.

— ביסט געבליבן אַ משוגענער...

אַרטאַמאָנאָוו האָט געפֿילט, אַז דער געוועזענער ערדגרעבער פֿאַריאָגט אים אין אַ ווינקל, אין אַ לאָך אַריין, וואו אַלץ איז פֿאַרהילן, אומפֿאַרשטענדלעך און שרעקלעך. ער האָט פֿאַרעקשנט געחזרט:

— האָסט פֿאַרשפּעטיקט. אַ ברודער — זאָגסט ליגנט — האָסט נישט געהאַט, באַ אַזעלכע, ווי דו, איז גאָרנישט פֿאַרהאַן...

— געוויסן איז פֿאַרהאַן.

— דו אַליין האָסט מיר אַראָפּגעפֿירט פֿון וועג דעם זון, איליען!

— דאָס האָט איר, אַרטאַמאָנאָווס, מיך אַראָפּגעפֿירט פֿון וועג, ניקיטאַ איליטש האָט מיך צעדרייט!

— און ער האָט געזאָגט, — דו אים!

— מיר האָט זיך נישט איינמאָל געגלוסט צו דערהרגענען דעם פֿאָטער דיינעם. איך האָב אים שיער נישט מיט אַ רידעל דעם קאָפּ צעפּלעט... איר זענט — כיטראַקעס...

— דו אַליין...

— סעראַפֿימען זיך איינגעשאַפּט. ער האָט מיך אויך צעטומלט: ער טוט קיינעם קיין עוולה נישט. און לעבט נישט רעכטפֿאַרטיק. ווי אַזוי איז דאָס? אומעטום כיטרעקייטן...

— ווער גייט? וו-וואוהין? — האָט מען בייז, הויך אַ געשריי געטון אין דער פֿינצטערניש. — מען האָט אייך געזאָגט, חערם, — נאָך אַכט נישט גיין?

טיכאָן איז אויפֿגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו דער טיר און האָט זיך אַרויסגעלייגט פֿון איר אין פֿינצטערניש אַריין. אַ דערשלאָגענער פֿון אויפֿרעגונג, הונגער, אויסגעמאַטערטקייט, האָט אַרטאַ-

מאַנאַוו געזעען, ווי דורך די דריי פּאַסן געדיכטן ליכט האָט אין סאַד דורכגעשימערט אַ ברייטס, אַ שוואַרצס. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, דערוואַרטנדיק אַצינד עפּעס ענדגילטיק שרעקלעכס.

— האָסט באַקומען? — האָט טיכאָן געפרעגט עמעצן.

— דאָס, — אינגאַנצן!

דאָס איז — דעם ווייבס שטימע. וואו איז זי געווען, נאָכדאָס האָט זי אים איבערגעלאָזט מיט דעמדאָזיקן אַלטן?

אַרטאַמאָנאָוו האָט געעפנט די אויגן, זיך אונטערגעהויבן אויף די עלנבויגנס, קוקנדיק אויף דער טיר, וואָס איז פאַרשטאָפּט געווען מיט צוויי שוואַרצע פיגורן. ראַפּטום האָט זיך אים דערמאָנט, אַז ער האָט דאָס גאַנצע לעבן געקלערט וועגן דעם, ווער ס'איז שולדיק קעגן אים, איבער וועמענס שולד איז זיין לעבן געווען אַזוי שווער פאַרפּלאָנטערט, אָנגעזאַפּט מיט עפּעס אַ מין שווינדל. און, אָט, איצטער איז דאָס אַלץ קלאָר געוואָרן.

דאָס ווייב איז צוגעגאַנגען צו אים, זיך אָנגעבויגן, אָנגעהויבן פליסטערן:

— נו, אַ דאַנק דיר, רבונו של עולם...

— אָט, טיכאָן, ווער ס'איז שולדיק אין אַלעם! — האָט אַנטשלאָסן געזאָגט אַרטאַמאָנאָוו און פאַרלייכטערט אָפּגעזיפצט. — זי איז געווען גיריק, זי האָט מיך אָנגערעדט, יאָ!

ער האָט מיט נצחון אַ ריטש געטון:

— איבער איר איז אויך דער ברודער ניקיטאַ פאַרפאַלן געוואָרן. דו ווייסט אַליין, יאָ...

אַרטאַמאָנאָוו איז דערשטיקט געבליבן. ס'איז געווען אויסטערליש צו זעען, אַז דאָס ווייב האָט זיך נישט באַליידיקט, נישט דערשראָקן, זיך נישט צעוויינט. זי האָט געגלעט מיט אַ טרייסלענדיקער האַנט די האָר אויף זיין קאָפּ און אומרויק, נאָר ליבלעך געפליסטערט:

— שטיל, שריי נישט, דאָ זענען — בלויז שלעכטע...

— עסן גיב...

דאָס ווייב האָט אַריינגערוקט אין זיין האַנט אַריין אַן אוגערקע און אַ שווער שטיק ברויט; די אוגערקע איז געווען וואַרעם,

און דאָס ברויט איז צוגעקלעפּט געוואָרן צו די פינגער, ווי טייג.

אַרטאַמאָנאָוו איז בשתּומם געוואָרן:

— וואָס איז — דאָס? מיר? אַלץ?

— שטילער, למען השם, — האָט געפּליסטערט נאַטאַליע, — ס'איז דאָך — נישטאָ גאָרנישט! און די סאָלדאַטן האָבן אויך...

— דאָס גיסטו מיר — פאַר אַלעם? פאַר דער גאַנצער שרעק, פאַרן גאַנצן לעבן?

איבערוועגנדיק דאָס ברויט אויף דער האַנט, האָט ער געמורמלט און זיך משער געווען, אַז ס'איז געשען עפּעס נישט צום פאַרטראָגן, שטערבלעך באַליידיקענדיקס, און וואָס אַפילו זי, נאַטאַליע, איז נישט שולדיק.

ער האָט אַ שליידער געטון דאָס ברויט צו דער טיר, זאָגנדיק טויב, נאָר פעסט:

— איך וויל נישט.

טיכאָן האָט אויפגעהויבן דאָס ברויט, גענומען וואָרטשען, אַ בלאָז געטון דערויף; נאַטאַליע האָט אויפסניי אָנגעהויבן אַרייַנרוקן דאָס שטיק אין מאַנס האַנט אַריין, צופּליסטערנדיק:

— עס, עס, בייזער זיך נישט...

אַוועקשטופנדיק איר האַנט, האָט אַרטאַמאָנאָוו שטאַרק פאַרמאַכט די אויגן און דורך די ציין איבערגעחזרט מיט ווילדער פאַרביסנקייט:

— איך וויל נישט. אַוועק.

פאַרלאַג „כּוחות“, וואַרשע

ס׳איז דערשינען:

מ. גאָרקי — יידיש: מ. ניידין

„זכרונות“

דאָס בוך איז געווידמעט דעם אָנדענק פון קאָראָנין-פּעטראָ-פּאַוולאָווסקי, טשעכאָוו, טאָלסטאָי, אַנדרעיעוו.

דער גאונישער מחבר פון די „זכרונות“ שילדערט דאָ, פון אַ גאַנץ נייער, ביז אַצינד נאָך נישט באַלויכטענער זייט, די גאַנצע מענטשלעכע טראַגישקייט פון דידאָזיקע גרויסע דיכטער-פּער-זענלעכקייטן. ער ווייזט אונז די אומענדלעכע יסורים און ראַנגלענישן פון זייערע נשמות אינם זוכן דעם אמת, יענעם א מ ת, וואָס זאָל זיי אָנווייזן דעם וועג צו גליק, וואָס זאָל זיי באַפרייען פון קליינ-לעכקייט, ווילדקייט און באַנאַלקייט, וואָס זאָל ברענגען די באַ-פרייונג און אויסלייזונג פון דער מענטשהייט.

אין דעם בוך „זכרונות“ קומט אויך צום אויסדרוק, בולטער און פאַרביקער ווי אין וועלכן ס׳איז אַנדערן ווערק זיינעם, די ריי-כע געדאַנקען-וועלט און דער „אני-מאמין“ פון מ. ג אָ ר ק י ן גופא.

לייענענדיק דאָסדאָזיקע בוך ווערט קלאָר, אַז זיין מחבר איז נישט נאָר איינער פון די שענסטע פאָרשטייער אין דער וועלט-לי-טעראַטור, נאָר אויך איינע פון די באַדייטנדסטע, און גייסטרייכסטע פּערזענלעכקייטן פון אונזער צייט.

פ א ר ל א ג „כ ו ח ו ת“ ו ו א ר ש ע

אין קורצן דערשיינט:

מאקסים גארקי

„דאס לעבן פון קלים סאמגין“

(פערציק יאר)

ייִדיש: **מ. בײַרין.**

דאסדאזיקע נייע ריזן-ווערק פון דעם געניאלן רוסישן שרייבער האט אויפסניי דערוויזן, אז דער וואונדערבארער טאלענט און די גאונישע קראפט פון דעמדאזיקן וועלט-מייסטער האלט נאך אלץ אין כסדרדיקן וואקסן און פארטיפן זיך.

„דאס לעבן פון קלים סאמגין“

וואס איז לעצטנס דערשינען אין א בוך פון 500 זייטן גרויסן פארמאט, איז דער ערשטער באנד פון א גראנדיעזער טרילאגיע, אין וועלכער דער מחבר פירט אדורך דאס גאנצע פילפארביקע רוסלענדישע לעבן פאר די לעצטע פערציק יאר.

„דאס לעבן פון קלים סאמגין“

„איז פיל מער, ווי דאס לעבן פון אט דעם סוחרישן זון, דעם משונהדיקן „טשודאק“, עס איז א ברייט לייוונט פון דעם גאנצן רוסישן און רוסלענדישן לעבן אין די 20 יאר פונם לעצטן יאר-הונדערט. און ווען מען לייענט אדורך דאס בוך (און עס לייענט זיך מיט א ליידנשאפטלעכן אינטערעס), ווילט זיך וואס גיכער לייענען די ווייטערדיקע טיילן און זעען דעם וואוקס און אנוואוקס פונם רוסלענדישן לעבן, ווי עס פאסט עס אויף דער גרעסטער און באגאבטסטער הײַנטצייטיקער רוסישער קינסטלער, מאקסים גארקי“.

(נחמן מייזיל — פון ארטיקל „דאס נייע וואונדערבארע ווערק פון מאקסים גארקי“, „הײַנט“, נומער 36).